STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04894

EVOLUTSYON, REVOLUTSYON UN DER ANARKHISTISHER IDEAL

Elisee Reclus

Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth Castle
in memory of
her beloved son, Jay I. Castle, M.D.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



עליזע רעקלו.

עליזע רעקלו.

עוואלוציאן, רעוואלוציאן

און דער

אנארכיסטישער אידעאל.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

ארויסגעגעבען פון דער גרופע „זשערמינאל“.

לאנדאן, 1908.

„ארבייטער פריינד“ דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, איסט.

עליזע רעקלו.

עליזע רעקלו, דער פּערפֿאַסער פֿון דיזען בוך, איז געבאָרען געוואָרען דעם 15טען מערץ 1830 אין סענט־פֿאָא־לאַ־גראַנד, אַ קליין שטעדטעל אין דער זשיראָנד. דער פֿאָטער זיינער איז געווען אַ פּראָטעסטאַנטישער פּריעסטער, אַ מערקווירדיגער מאַן, איינער פֿון יענער ענערגישער ראַסע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַזעלכע ביטערע קעמפֿפֿע, אום צו פֿערטהיידיגען איהר רעכט — צו האָבען אַן אַנדער גלויבען ווי די קירכע שרייבט פֿאָר. ער האָט פֿערבראַכט זיין גאַנץ לעבען צווישען די בויערן, וועלכע ער האָט גע־ליעבט ווי די ערד. איינמאָל, ער איז דאַן געווען אַ מאַן פֿון אַ יאָהר 70, האָט ער בעמערקט ווי אַ יונגער בויער האָט געוואָלט בעגראָבען אַ פֿערד, וועלכעס איז געשטאָר־בען פֿון אַ געפֿעה־ליכער אַנשטעקענדער קראַנקהייט. — „הער נאָר, מיין זוהן,‟ האָט געזאָגט צו איהם דער אַלטער פּריעסטער, „דו ביסט נאָך יונג און דו שטעלסט איין דיין לעבען! איך בין אַן אַלטער מאַן, וועלכער האָט ניט מעהר פֿיעל צו פֿערלירען. געה אַהיים, איך וועל אַליין בעגראָבען דאָס פֿערד!‟ דער בויער האָט עס ניט געוואָלט אָננעהמען, נאָר דער אַלטער גלח האָט ניט אָבגעטראָטען. ער האָט אַליין געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג, אום אויסצוגראָבען אַ גרוב, און ביז עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען דונקעל, איז דאָס פֿערד געווען בעגראָבען.

רעקלו'ס מוטער איז אויך געווען אַן אויסערגעוועהנ־ליכע פֿרוי. איהר גאַנץ לעבען לאַנג איז זי געווען אַ לעה־רערקע אין אַ שולע. ווען זי איז שוין אַלט געווען איבער 70 יאָהר, האָט זי זיך אַרומגעזעהן, אַז דער אונטעררִיכט איהרער איז נאָך ניט פֿאָלקאָמען. זי האָט ניט פֿערשטאַנען קיין פֿיזיק. נאָר זי איז געווען אַן ענער־גישע פֿרוי, באַלד האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבייט, כדי צו לערנען דיזע וויסענשאַפֿט און אין אַ יאָהר ארום האָט זי אונטעררִיכט איהרע שילער אין פֿיזיק.

די פֿאַמיליע רעקלו איז געווען זעהר אַ גרויסע: עס זיינען געווען צוועלף קינדער, פֿון וועלכע עליע איז געווען דער עלטסטער און עליזע דער צווייטער. עס איז געווען די אָרעמקייט, וועלכע האָט ענטוויקעלט ביי עליזע אַזאַ גרוי־סען רעספעקט פֿאַר'ן ב ר ו י ט, אַ רעספּעקט, וועלכער איז ביי איהם געבליבען זיין גאַנצעס לעבען לאַנג; אין זיין יוגענד איז דאָס ברויט אָפֿטמאָל געווען זיין איינציגע שפּייז, צו וועלכער ער האָט זיך שפּעטער פֿרייוויליג אומגעקעהרט. אַ שטיק ברויט מיט אַן עפּעל אָדער אַ פּאָר וויין־טרויבען איז פֿאַר איהם געווען גענוג, אום צו קענען לעבען און אַרבייטען.

זיינע ערשטע שטודיען האָט ער געמאַכט אין דער אוניווערזיטעט פֿון מאָנטאָבאַן אַלס אַ סטודענט דער טהעאָ־לאָגיע. זיין פֿאָטער האָט געוואָלט מאַכען פֿון איהם אַ גלח. נאָר, ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך עליזע זעהר פֿריה בע־פֿרייט פֿון די רעליגיעזע פֿאָראורטהיילען, און צוזאַמען מיט זיין ברודער עליע איז ער געגאַנגען נאָך בערלין, וואו דער גרויסער געאָגראַף קאַרל ריטער האָט אין יענער צייט צו־געצויגען אַסך יונגע און פֿלייסיגע מענער, וועלכע האָבען זיך געוואָלט בעקענען מיט זיינע גרויסע און וואונדערבאַרע

בעטראַכטונגען איבער דאָס לעבען פֿון דער ערד און איהרע בעוואוינער. אַ היבשע שטיקעל וועג האָבען דיביידע ברי־דער געוואַנדערט צו פֿוס, צוזאַמען מיט זייער הונד; דער הונד האָט געקראָגען יעדען אָבענד זיין טעלער זופּ, און די צווי ברידער האָבען זיך געזעטיגט מיט טרוקען ברויט.

איך ווייס ניט, וואו רעקלו איז געווען וועהרענד דער רעוואָלוציאָן פֿון 1848; נאָר עס איז אַ פֿאַקט, אַז ביידע ברידער האָבען געמוזט פֿערלאָזען פֿראַנקרייך נאָך דעם שטאַאטס־שטרייך, וועלכען נאַפּאָלעאָן האָט געמאַכט אין דעצעמבער 1851.

די נעכסטע זעקס יאָהר האָט עליזע פֿערבראַכט מיט רייזען. אַ צייט לאַנג איז ער געווען אין אירלאַנד, וואו ער האָט זיך אָנגענומען מיט זיין גאַנצער ענערגיע פֿאַר די פֿאָדערונגען פֿון די אויסגעהונגערטע פֿאָלקס־מאַסען, פֿון וועמען די ענגלענדער האָבען אַוועקגערויבט די ערד און פֿערניכטעט זייער לאַנדווירטשאַפֿטליכע אינדוסטריע. ער האָט געוואַנדערט איבער דאָס גאַנצע לאַנד און געזעהען דאָס טעגליכע לעבען, דעם הונגער און עלענד פֿון דעם אירישען פֿאָלק, וועלכעס ער האָט ליעב געקראָגען פֿאַר אַלע צייטען.

שפּעטער האָט ער בעזוכט די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, און פֿון דאָרטען איז ער געגאַנגען נאָך קאָלומביאַ און גו־איאַנאַ; די גרויסאַרטיגע בעשרייבונג פֿון זיין רייזע געפֿינען מיר אין אַ קליין ביכעל „Voyage a la Sierra Nevada de St. Marthe“. דאָס ביכעל איז געווען דער ערשטער פֿונ־דאַמענט פֿאַר די הערליכע בעטראַכטונגען, וועלכע ער האָט שפּעטער ענטוויקעלט אין זיין ווערק „La Terre“ (די ערד). אין דיזער קליינער שריפֿט געפֿינען מיר אויך דעם אָב־קלאַנג פֿון זיין טיעפֿען האַס געגען דער שקלאַפֿעריי און זיין

ליעבע צו דער שוואַרצער ראַסע, וועלכע איז פֿון די ווייסע אַזוי ברוטאַל אונטערדריקט געוואָרען.

אין 1857 איז רעקלו ווידער צוריקגעקומען נאָך פֿראַנקרייך. אַ נייער גייסט האָט דאַמאָלסט דורכגענומען גאַנץ אייראָפּאַ און אַרויסגערופֿען יענע הערליכע בעוועגונג, וועלכע האָט געפֿונען איהר אויסדרוק אין די אויפֿשטענדע פֿון גאַריבאַלדי, אין דער בעפֿרייאונג פֿון אַ טהייל פֿון איטאַליען און אין דער אָבשאַפֿונג פֿון דער לייבאייגענשאַפֿט אין רוסלאַנד. אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען האָט זיך דאַן שוין אָנגעפֿאַנגען דער געוואַלטיגער קאַמפּף, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דער פֿאָלשטענדיגער אָבשאַפֿונג פֿון דער וואונדערשענדליכער שוואַרצער שקלאַפֿעריי. אין דיזער באַרער עפּאָכע האָט אויך שטאַטגעפֿונען די גרויסאַרטיגע ענטוויקלונג פֿון די נאַטור־וויסענשאַפֿטען, וועלכע האָבען איבערגעביטען (פֿון 1855 ביז 1862) דעם גאַנצען אומזעהן פֿון דער מאָדערנער וויסענשאַפֿט.

עליזע רעקלו האָט גענומען אַן אַנטהייל אין דיזער צווייפֿאַכער בעוועגונג פֿון הומאַניטערע און וויסענשאַפֿטליכע שטרעבונגען ער האָט פֿערזוכט צו פֿעראינטערעסירען די פֿראַנצויזען פֿאַר די גרויסע בעוועגונג געגען דער שקלאַפֿעריי, ויעלכע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אין אַמעריקאַ אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך איינגעשלאָסען צו דער אַנטיאימפּעריאַליסטישער בעוועגונג, וועלכע איז אָנגעגאַנגען אין פֿראַנקרייך וועהרענד די 60גער יאָהרען, און האָט גענומען אַן אנטהייל אין די קאָנספּיראַציעס פֿון יענער עפּאָכע געגען דאָס פֿראַנצויזישע קייזעררייך.

אָבער שוין האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ נייע בעוועגונג — דער ערוואַכען פֿון דעם פֿראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אויפֿגעוועקט די פּראָלעטאַריער פֿון ביידע

וועלטען. שוין אין 1865 האָט עליזע גענומען אַן אַנטהייל אין דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון'ם „אינטערנאַציאָנאַל," וועלכער איז גראַד וואָס געגרינדעט געוואָרען (1864); און שוין לאַנג בעפאָר דער גרינדונג פון באַקונין'ס „אַליאַנץ" איז ער געוועזען אַן אַקטיווער קעמפּפער אין דער געהיימער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע באַקונין האָט אין 1864 געגרינדעט אין איטאַליען; דיזע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז בעקאַנט געוועזען אונטער דעם נאָמען „אינטערנאַציאָנאַלע ברודער-שאַפט", האָט זיך אויפגעלייזט אין 1869. אין דער ווירק-ליכקייט איז עליזע שוין געוועזען אַ קאָמוניסט, לאַנג בעפאָר דער גרינדונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל„ (זיין ברודער עליע, אַן איבערצייגטער אָנהייגער פון שאַרל פוריע, האָט וועהרענד דעם צווייטען קייזעררייך אַרויסגעגעבען אַ פור-יעריסטישע ציימונג) און די גרויסע אַרבייטער-פעראייניגונג איז פאַר די פראַנצויזישע קאָמוניסטען. צו וועלכע עליזע האָט בעלאַנגט, ניט מעהר געוועזען ווי אַ נייעס פעלד פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלע טעהעטיגקייט. אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז עליזע וועהרענד דיזער פעריאָדע זאָגאַר איינמאָל געצוואונגען געוועזען צו פערלאָזען פראַנקרייך און צו זוכען שוץ אין ענגלאַנד; דאָרטען איז ער געוועזען פאַר אַ קורצע צייט אַ מיטגליד פון דעם גענעראַל-ראַטה פון'ם „אינטערנאַציאָנאַל"; אָדער אַם וויינינגסטענס האָט ער גע-נומען אַן אַנטהייל אין איינינע אַרבייטען פון דיזער קער-פערשאַפט.

צו ענדע פון דעם קייזעררייך איז עליזע געוועזען אין פאַריז, וואו ער האָט אַרויסגעגעבען זיין „אונשטערבליכעס ווערק" „La Terre" (1867-68); דורך דעם ערשטען טהייל פון דיזען מייסטער-ווערק „Les Continentes" (די קאָנטינענטען) האָט ער זיך באַלד פערשאַפט דעם ערשטען

פלאַץ צווישען די געאָגראַפען פון אונזער יאָהרהונדערט. אַזוי ווי אַלעס, וואָס רעקלו האָט געשריבען, איז אויך דיזעס ווערק פון אַ וואונדערבאַרער שעהנהייט פון אָנפאַנג ביז'ן סוף. די אַרט און ווייזע צו בעשרייבען די נאַטור אין אַל־געמיין און אויסצומאָלען אידרע אַלע איינצעלהייטען, דאָס אַלעס האָט רעקלו פערשטאַנען פאַרצושטעלען מיט אַזאַ קראַפט, אַזאַ שעהנהייט און אַזאַ פאָלקאָמענהייט, וועלכע — מיט דער אויסנאַהמע פון אַלעקסאַנדער הומבאָלדט'ס שריפטען — געפינען ניט מעהר זייער גלייכען אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון אונזער יאָהרהונדערט. איינמאָל האָב איך איהם דערצעהלט ווי ענטציקט איך בין געוועזען, בעטראַכטענדיג דאָס ווערק פון דעם שפאַנישען מאַלער מורילאָ אין מאַדריד, און ווי דער אַנבליק פון דער מאַדאָנאַ האָט ביי מיר אַרויסגערופען די פראַגע: „וואָס איז די אורזאַכע, וואָרום דאָס, וואָס איז שעהן, לעבט און עקזיסטירט פאַר יאָהרהונדערטע?“—„די שעהנהייט גופא, דערפאַר וואָס זי איז אַן אידעע, וועלכע איז אויסגעאַרבייט אין איהרע אַלע איינצעלהייטען!“ האָט ער מיר געענטפערט. יעדעס מאָל, ווען איך לייען איבער אַ זייט פון זיינעם אַ בוך, דערמאָהן איך זיך אין דיזע דעפינאַציאָן פון דער שעהנהייט. די מאַדאָנאַ פון מורילאָ וואָלט ניט שעהן געוועזען, ווען יעדע איינצעלהייט: די הענד, די האָר איהרע, ביז'ן זוים פון איהר קלייד — וואָלט ניט אין אַנקלאַנג געוועזען מיט דער גרונד־אידעע פון דעם גאַנצען בילד: די בעגייסטערונג פון דער ריינער ליעבע; און אַ זייט פון רעקלו'ס אַ שריפט וואָלט פערלאָרען איהר שעהנהייט, ווען די גרונד־אידעע וואָלט ניט אַזוי גוט אויסגעאַרבייט געוועזען אין איהרע אַלע איינצעלהייטען, אז יעדער בעזונדערער טהייל, יעדע וועניגער וויכטיגע אידעע איז זאָ־צו־זאָגען אַ

פאָלקאָמענערע און שטאַרקערע פאָרשטעלונג פון דער גרונד-אידעע, וועלכע בילדעט די קווינטעסענץ פון אָט דעם בלע-טער, דעם קאַפּיטעל, דעם אַבשניט אָדער דעם בוך.

* * *

דער קריעג פון 1870-1871 האָט זיך אָנגעפאַנגען, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דער בעלאַגערונג פון פאַריז און שפּעטער מיט דער פּראָקלאַמאַציאָן פון דער קאָמונע. עליזע רעקלו האָט זיך געלאָזט אויפנעהמען אין די אָבטהיילונג פון די לופט-שיפער, וועלכע איז קאָמאַנ-דירט געוואָרען פון זיינעם אַ טרייען פריינד, דעם פאָטאָ-גראַף נאַדאַר, און ער האָט איהם געהאָלפען צו ענטוויקלען די וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציאָן, דורך וועלכע די בעלאַ-גערטע פאַריז האָט אויפגעהאַלטען די רעגעלמעסיגע פער-בינדונג מיט די פּראָווינצען.

אָבער די עראייגניסע האָבען זיך גיך ענטוויקעלט. די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט צונויפ-געקליבען איהרע אַלע קרעפטע אין פראַנקרייך, הויפט-זעכל ך אין פאַריז, וועהרענד די לעצטע יאָהרען פון דעם קייזעררייך, און דיזע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע האָט גע-מוזט געפינען אַן עפענטליכען אויסדרוק אין דיזער ערנסטער ציים; צום וועניגסטען האָט זי געדאַרפט שאַפען אַ וועג-ווייזער פאַר דער צוקונפט. — די רעוואָלוציאָן פון 18טען מערץ איז געווען דער רעזולטאַט.

אין דיזער פעריאָדע האָט אונז רעקלו, וועלכער האָט שטענדיג פערהאַסט די יוניפאָרם, די „מעשענע קנעפ" און זיך געפיהלט אַלס אַ טהייל פון ם אַלגעמיינעם פאָלק, גע-ציינט, ווי אַזוי אַן אמת'ער רעוואָלוציאָנער דאַרף האַנדלען. וועהרענד די פיהרער פון די בלאַנקיסטען און יאַקאָבינער האָבען אָנגענומען די פּאָסטען ביי דער נייער רעגירונג פון

דער רעוואָלוציאָנערער הויפּטשטאָדט, און אין דער צייט ווען זאָגאר די „אינטערנאַציאָנאַליסטען" האָבען זיך גע־לאָזט וועהלען אין דעם ראַטה פון דער קאָמונע, אָט דאַן האָט עליזע גענומען די ביקס און האָט געקעמפּפט אין די רייהען פון די פעדערירטע אַרבייטער. זיין ברודער עליע, אַ בעגייסטערטער פערעהרער פון דער גריכישער קונסט, האָט זיך געשטעלט אונטער דער קאָמאַנדאָ פון וואַיאַן און האָט גערעטעט אין די קעלערס די קונסט־שעץ פון לואוור און דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אינמיטען דעם רעגען פון גראַנאַטען און דעם פייער פון די ווערסאַליער.

אין דעם ערשטען העלפט פון מאָנאַט אַפּריל האָט די קאָמונע בעשלאָסען צו מאַכען אַ פערזוך דורכצוברעכען די רייהען פון די ווערסאַליער. עליזע האָט גענומען אַן אַנ־טהייל אין דיזער אונטערנעהמונג מיט די וואַפען אין האַנד. אויף דעם פעלד פון שאַטיאָן איז ער געפאַנגען געוואָרען פון די ווערסאַליער, און ער האָט דורכגעמאַכט אַלע קערי־פערליכע ליידען און אַלע בעליידיגונגען, וועלכע די טרי־אומפירענדע בורזשואַזיע האָט דאַן בעגאַנגען געגען איהרע געפאַנגענע.

„ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין ווערסאַיל" — האָט רעקלו געשריבען — „זיינען מיר עמפּפאַנגען געוואָרען פון אַ מאַסע רייכע בורזשואַס, וועלכע האָבען אונז ערוואַרטעט אַרעם אין אַרעם מיט זייערע גאַלאַנטע דאַמען. מיר האָבען לעבען זיי געמוזט פּאַרביימאַרשירען מיט געבונדענע הענד, און זיי האָבען אונז בעליידיגט אויף דעם נידריגססטען אופן. אַ מאַן — אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט — איז צוגעקומען צו מיר, און אויסשרייענדיג די ווערטער „אָה, אַזאַ שופט איז דאָס?" האָט ער מיר געגעבען אַ ברוטאַלען

זעץ אין האַלז און נאַקען. זיין דאַמע האָט מיך געשלאָגען מיט איהר זונען־שירם... צולעצט בין איך געפאַלען אין אונמאַכט פון אַלע די שרעקליכע אָנשטריינגונגען פון דער לעצטער נאַכט..." און דאַן האָבען זיך אָנגעפאַנגען די גרויזאַמע מערדערייען אויף דעם בלוט־פעלד פון סאַטאָרי... די שילדוואַכען האָבען געשאָסען אויף יעדען איינעם, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, אום ניט צו פערפוילען לעבעדיגערהייט אין דעם שמוץ פון די פינסטערע קערקערס, און יעדען טאָג האָט מען אויסגעקליבען א בעשטימטע צאָהל פון די אונגליקליכע צו דערשיסען... דאַן איז געקומען די רייזע נאָך ברעסט; קוים וואָס מען האָט געקענט אויפאָטהמען פאַר א מאָמענט אין דעם געפענגנים פון מאָן סט. מישעל.

אָבער די געלעהרטע פון גאַנץ אייראָפּאַ, הויפטזעליך די ענגלישע געלעהרטע, האָבען זיך יעצט גענומען צו דער אַרבייט. דאַרווין, וואָליים, וו. קאַרפּענטער און פיעלע אַנדערע האָבען אונטערגעשריבען א פעטיציאָן, פאָדערנדיג די בעפרייאונג פון דעם גרויסען געאָגראַף, וועלכער איז אין נאָוועמבער 1871 פעראורטהיילט געוואָרען צום פערשיקען נאָך ניי קאַלעדאָניען. אין יאַנואַר 1872 האָט די רעגירונג איבערגעביטען דיזען אורטהייל אויף לעבענסלענגליכע פערבאַנונג, און עליזע האָט געהאַט דאָס גליק ווידער צו זעהן זיין ברודער עליע אין ציריך.

דעמאָלט האָט ער געשריבען זיין ווערק „L'Histoire d'une Montagne“ (די געשיכטע פון א באַרג), פיליכט דאָס שעהנסטע וואָס ער האָט ווען געשריבען; וואו ער גיט אָב די בערג זיין דאַנק, דערפאַר וואָס זיי האָבען איהם געהאָלפען צוריק צו געווינען דעם גייסטיגען גלייכגעוויכט, נאָך אַזוי פיעל ליידען און שמערצען, וועלכע ער האָט

דורכגעמאַכט. אין דיזען הערליכען ווערק בעגעגענט זיך רעקלו'ס גייסט מיט געטהעס אַנשויאונגען;ביידע האָבען ערקענט, אַז די גאַנצע נאַטור לעבט און שטרעבט, און אַז דער באַרג, דער טייך, דער וואַלד זיינען די ברידער און שוועסטער פון'ם מענשען.

* * *

עס איז געווען אין קלאַראַן, אין 1872, וואו רעקלו האָט אָנגעפאַנגען זיין הויפּט-ווערק, די „Geographie Universelle“ (די אַלגעמיינע געאָגראַפיע); דער ערשטער באַנד פון דיזען ריעזען-ווערק איז ערשינען אין 1876, און דער לעצטער, דער 19טער, איז אַרויס מיט 18 יאָהר שפּעטער, אין 1894. אום צו בעגרייפען די אונגעהייערע אַרבייט, וועלכע איז ענטהאַלטען אין דיזען ריעזען ווערק, איז נייטיג צו בעמערקען, אַז פאַר יעדען איינציגען פון די אונגעפעהר 800 זייטען שטאַרקע בענדער, האָט רעקלו געראַרפט איבערלייענען ביז 1000 ביכער און אַרטיקלען. מאַנכעס מאָל האָט ער געראַרפט איבערלייענען אַ גאַנצעס בוך אָדער אַן אַרטיקעל, אום צו ענדערן אַ קלייניגקייט אין דעם ערשטען מאַנוסקריפּט, אָדער אום צוצושטעלען אַ בייוואָרטעל, אום בעסער צו כאַראַקטעריזירען אַ געוויסען פאָלקס-שטאַם, אַ טהאָל אָדער אַ געוויסע שטיק לאַנד. עס איז כמעט אונמעגליך צו פערשטעהן, ווי אַזוי רעקלו איז אימשטאַנד געווען צו פעראייניגען אַזעלכע וואונדערבאַרע בעטראַכטונגען איבער דאָס גאַנצע מיט די אונצעהלבאַרע מאַלערישע איינצעלהייטען מיט זייער אַמאָל פריינדליכען און אַמאָל פינסטערען אָדער מאַיעסטעטישען, אָבער שטענדיג פּאָעטישען כאַראַקטער, וועלכע מיר געפינען אין יעדען באַנד. און ווען מען דערמאָהנט זיך, אַז יעדעס יאָהר איז ערשינען אַ נייער באַנד און אַז יעדער באַנד איז אַרויס אין

העפטען, יעדע וואָך אַ העפט, אָהן די קלענסטע אונטער־ברעכונג, דאַן פערשטעהען מיר ערשט די גאַנצע געוואַל־דיגע אַרבייט וועלכע דיזער מאַן האָט אויסגעפיהרט. אין דעם גאַנצען ריזען־ווערק גיט עס ניט קיין איינציגע צייל, וועלכע ער האָט ניט אָנגעשריבען מיט זיין אייגענע האַנד — סיי אין דעם הויפּט־מאַנוסקריפּט, וועלכעס ענט־האַלט די גרויסע און אַלגעמיינע בעטראַכטונגען פון דעם ווערק, סיי אין די אונצעהלבאַרע בעמערקונגען און נאָטיצען, וועלכע זיינען נויטווענדיג געווען נאָך דעם דרוק פון'ס ערשטען מאַנוסקריפּט אין דער פאָרם פון קאָרעקטורען.

רעקלו האָט זיך הויפּטזעכליך אויסגעצייכענט אין דער בעשרייבונג פון די גרויסע נאַציאָנען אַזוי גוט ווי פון די טויזענדער און טויזענדער קליינע פאָלקס־שטאַמען; און דאָס וואונדערבאַרסטע איז, וואָס אין אַלע דיזע בעשריי־בונגען געפינען מיר ניט די קלענסטע ווידערהאָלונג. רע־דענדיג איבער דעם קלענסטען שטאַם, האָט ער שטענדיג געפונען אַ פּאָר ווערטער, אום צו ענטוויקלען בּיי דעם לעזער די אידעע, דאָס אַלע מענשען האָבען דעמזעלבען ווערטה, און אַז עס גיט ניט קיין העכערע און נידריגערע ראַסען.

* * *

אין קלאַראַן בּין איך צוערשט מיט איהם בעקאַנט געוואָרען, און מיר אַלע האָבען איהם געליעבט, אויף די פאָלקס־פערזאַמלונגען, אויף די קאָנגרעסען און אויף די פאַמיליערע אונטערנעהמונגען פון דער יורא־פעדעראַציאָן. לעבען דעם „בולטען“, דעם אָרגאַן פון דער פעדעראַציאָן, האָט רעקלו געגרינדעט, צוזאַמען מיט לעפראַנסע און זשוקאָווסקי, אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל „לע טראַוואַיער“ (דער אַרביימער). שפּעטער, ווען מיר האָבען אַרויסגעגעבען דעם

„רעוואָלטע״, האָט ער זיך פֿעראייניגט מיט אונז, און באַלד איז אונזער ציירונג געוואָרען אַ שטיק פֿון איהם אַליין. פֿאַר אונז צוהעלפֿען איז קיין אַרבייט געווען צו שווער פֿאַר איהם; און ווען די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג האָט שפּעטער אָנגענומען אַ געוואַלדזאַמען כאַראַקטער, איז ער ניט שטעהן געבליבען אויף אַ האַלבען וועג, זאָנדערן האָט גענומען אויף זיך אַלע קאָנזעקווענצען. ער האָט פֿערשטאַנען צו האַסען, פּונקט ווי ער האָט פֿערשטאַנען צו ליעבען, און די בורזשואזנע אָרדנונג האָט ער פֿערהאַסט פֿון טיעפֿען האַרצען. אויך די שטאַרקע ענטוויקלונג פֿון דער בעוועגונג אין ליאָן און די אַרומיגע שטעדטלאַך צום אָנפֿאַנג פֿון די 80:ער האָט אַרויסגערופֿען זיין הערצליכע סימפּאַטהיע. ער, וועלכער האָט קיינעם ניט געקענט וועה טהאָן, האָט פֿאָלקאָמען בעגריפֿען, אַז די בעפֿרייאונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט וועט ניט אָבגעהן אָהן טעראָריסטישע טהאַטען, וועלכע ערוועקען דאָס פּראָלעטאַריאַט, די בעגייסטערונג פֿון די מאַסען, און אָהן געוואַלדיגע קעמפּפֿע צווישען די אונטערדריקער און אונטערדריקטע.

אין דער צייט ווען דער „רעוואָלטע״ איז פֿערפֿאָלגט געוואָרען פֿון דער רעגירונג, האָט עליזע אָנגעבאָטען זיין גאַנצע קראַפֿט צו די גענאָסען אין גענף, וועלכע האָבען ווייטער אַרויסגעגעבען די ציירונג נאָך מיין אַרעסטירונג. דעמאָלט האָט ער זעהר פֿיעל געשריבען פֿאַר דעם „רעוואָלטע״ און האָט אויך געהאַלטען זיין בעקאַנטען פֿאָרטראַג אין גענף איבער „עוואָלוציאָן און רעוואָלוציאָן״, וועלכער האָט אַרויסגערופֿען דעם פֿערדרוס פֿון זיינע צאָהלרייכע פֿריינדע און בעוואונדערער אין דער וויסענשאַפֿטליכער וועלט דורך זיינע אַנאַרכיסטישע שליסע. ער איז שטענדיג געבליבען דער „קאָמינאַרד״, וועלכער ער איז געווען, שפּע־

טער, אין אָנפאַנג פון די 90ער, ווען אַזוי פּיעלע זיינען פערציטערט געוואָרען דורך די באָמבען אין פאַריז און דורך די נעגאַטיווע טהעאָריען פון דער בורזשואַזער מאָראַל, וועלכע האָבען זיך מאַניפעסטירט אין אונזערע אייגענע רייהען, דאַמאָלס ווען מאַנכער האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער בעוועגונג, איז רעקלו רוהיג געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ. ער האָט זיך ערקלעהרט סאָלידאַריש מיט די, וועלכע די רעגירער און די שטאַאַטס־סאָציאַליסטען האָבען דאַן ער־קלעהרט אַלס פערברעכער און זיין האַלטונג איז געווען אַזוי אָפען און פריי, אַז די רעגירער פון אַלע סאָרטען, וועלכע האָבען דאַן עקספּלואַטירט די רעפּובליק, האָבען געוואָרפען אַ ביטערען האַס אויף די גאַנצע פאַמיליע רעקלו, איבע־הויפּט אויף איהרע רעוואָלוציאָנערע מיטגלידער. — פאָל רעקלו איז מיט אָנגעקלאָגט געוואָרען אין דעם בע־ריהמטען פּראָצעס פון די דרייסיג; זיין פאָטער, עליע רעקלו איז אַרעסטירט געוואָרען; אויף דעם פּאָליציי־ביוראָ האָט מען איהם אויסגעטהאָן נאַקעט און אויסגעמאָסטען אַלע גליעדער פון זיין קערפּער — דאָס וואָס די געמיינהייט פון פאַלשע געלעהרטע רופט אָן „אַנטהראָפּאָמעטריע“. עליזע איז נאָר דערפאַר ניט אַרעסטירט געוואָרען, ווייל ער איז אין דיזען מאָמענט ניט געווען אין פּאַריז; אָבער די „פריינדע פון אָרדנונג“ האָבען ניט פערזאַמט איהם צו פערפאָלגען מיט זייער האַס און זייערע בעליידיגונגען.

פראַנקרייך איז דאַן געווען אין אַ טרויעריגען צו־שטאַנד. קיינער ווייס ניט, ווי שרעקליך עליזע האָט געלי־טען, זעהענדיג, אַז ניט נאָר די העכערע באַנדיטען, נאָר דאָס פראַנצויזישע פאָלק, אפילו די פּאַריזער אַרבייטער, האָבען זיך געוואָרפען אויף די קניע פאַר אַלעקסאַנדער דעם 3טען, אום צו כאַפּען אַ גנעדיגען שמייכעל פון דעם

טיראַן; קיינער ווייס ניט, וויפיעל ער האָט געליטען, אי־בערלעבענדיג דיזע לעצטע פאַזע פון דעם מאָנאַרכיזמוס — די אַפּערע בולאַנזשע — וועלכע וואָלט זיכער געהאַט אַן ערפאָלג, ווען בולאַנזשע וואָלט נאָר געהאַט די נויטיגע קראַפט פון א דיקטאַטאָר. רעקלו האָט שרעקליך געליטען, זעהענדיג ווי פראַנקרייך, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק געליעבט, האָט זיך אַזוי פיעל ערנידריגט, נאָר ער האָט עס פאַר קיינעם ניט אויסגעזאָגט. אָבער איך האָב דערפיהלט זיין אינערליכען צושטאַנד דורך מאַנכע ווערטער אין זיינע בריעף אָדער דורך געוויסע בעמערקונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט אויף זיינע קורצע וויזיטען אין לאָנדאָן.

ער האָט פערלאָזען פראַנקרייך און האָט געלעבט אין בריסעל. ערשט דאַן, ווען דער געוויסען פון׳ם פראַנצויזישען פאָלק האָט ווידער אָנגעהויבען צו ערוואַכען אין דער דרייפוס־אַפּערע, ערשט דאַן האָט ער ווידער בעזוכט זיין היימאַט־לאַנד.

* * *

אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אין בריסעל, האָט ער געגרינדעט אַ פרייע אוניווערזיטעט, איינע פון יענע ווירקליכע פרייע אוניווערזיטעטען, וועלכע וועלען זיך ענט־וויקלען אין גאַנץ אייראָפאַ נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלו־ציאָן. אין דיזער אוניווערזיטעט האָט זיין ברודער עליע געגעבען זיין וואונדערבאַרען קורס (כמעט הונדערט פאָר־לעזונגען) איבער דעם אורשפרונג פון די רעליגיעזע אידעען, און ער אַליין האָט פאָרטגעזעצט פאַר עטליכע יאָהר צייט זיינע קורסען איבער דעם איינפלוס פון די פערשידענע געאָגראַפישע אומשטענדען אויף די מענשליכע געזעלשאַפ־טען. דיזע פאָרלעזונגען, וועלכע פיהרען מיט אַ וויסענ־שאַפטליכער נויטווענדיגקייט צו אַ בעשטימטען שלום: צו

דער אַנאַרכיע, בילדען דעם אינהאַלט פֿון זיין הערליכען
ווערק „די ערד און דער מענש”, וועלכעס האָט יעצט אָנ־
געפֿאַנגען אַרויסצוגעהן אין דריי שטאַרקע בענדער אין
פּאַריז. אין פֿריהלינג 1904 האָט רעקלו געענדיגט דיזעס
ווערק. זיין געוואַלדיגע ענערגיע, וועלכע ער האָט קיינמאָל
ניט פֿערלאָרען טראָץ אַ האַרץ־קראַנקהייט, פֿון וועלכע ער
האָט שוין אַמאָל שטאַרק געליטען אין 1880, איז פֿון דאַן
אָן שוואַכער געוואָרען. אויסערדעם האָט דער טויט פֿון זיין
ברודער געמאַכט אַ זעהר שטאַרקען איינדרוק אויף זיין
געזונדהייט. מיר האָבען שוין דאַמאָלסט מורא געהאַט איהם
צו פֿערלירען. כמעט יעדע נאַכט האָט זיך דאָס האַרץ ביי
איהם אָבגעשטעלט אויף איינינע סעקונדען. אָבער טראָץ
דעם שמע־צליכען קריזיס, ווי באַלד ער האָט זיך נאָר
אַביסעל ערהאָלט און אַ יונגער פֿריינד האָט איהם בעזוכט,
האָט ער זיך שטענדיג בעשעפֿטיגט מיט דער גרויסער
אידעע, וועלכע האָט איהם אינספּירירט וועהרענד זיין גאַנ־
צען לעבען — מיט דער אַנאַרכיע. די ערשטע סימנים פֿון
דער רוסישער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָבען זיך אַרויסגע־
צייגט אין דיזער פּעריאָדע, האָבען איהם פֿערשאַפֿט פֿיעל
פֿערגעניגען. ער האָט געוואוסט, אַז די בעוועגונג וועט זיך
ניט בעשריינקען אויף רוסלאַנד אַליין, נאָר זי וועט דורכ־
נעהמען גאַנץ אייראָפּאַ. נאָך דעם בלוטיגען זונטאָג אין
פּעטערבורג האָט ער נאָך געהאַט דעם מוטה צו פֿאָהרען
נאָך פּאַריז און צו ריידען דאָרטען עטליכע מינוטען פֿאַר אַ
מאַסען־פֿערזאַמלונג, אום צו בעגריסען די ערשטע שטראַהלען
פֿון דער רוסישער פֿאָלקס־רעוואָלוציאָן, נאָר מען האָט דאַן
שוין דערקענט אויף איהם, אַז דאָס האַרץ האָט שוין מעהר
ניט ערפֿילט זיין פֿונקציאָן, אָבוואָהל זיין גייסט האָט נאָך
אַלץ געהאַט די אַלטע פֿרישקייט און ענערגיע. אין דער

נאַכט פֿון 3טען צום 4טען יולי האָט דער טויט פֿערמאַכט זיינע אויגען אויף אימער.

* * *

די אַנאַרכיע האָט שוין אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע סעריע פֿון די גרויסאַרטיגסטע און וואונדערבאַרסטע כאַראַקטערע. עליזע איז איינע פֿון די גלענצענדסטע און אויסערגעוועהנ־ליכסטע געשטאַלטען פֿון דיזער בעוועגונג. ביי איהם האָט זיך אַלעס פֿעראייניגט. עס גיט מענשען, וועלכע זיינען זעהר רעוואָלוציאָנער אין זייערע אַנשויאונגען, נאָר טראָץ דעם איז מען געצוואונגען זיך צו שטעלען די פֿראַגע: ווי אַזוי וועלען זיי זיך פֿערהאַלטען אַם טאָג פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן; דאַן, ווען עס וועט זיך ווירקליך האַנדלען אויפֿצוגעבען דיזע אַלע געוואוינהייטען פֿון אַ פּאַראַזיטישען לעבען, אָדער פֿין אַ עקזיסטענץ, וועלכע גרינדעט זיך אויף די אויסבייטונג פֿון די וויניגער גינסטיגע פּראָפֿעסיאָנען, וויניגער גינסטיג אין פֿערגלייך מיט די אונזעריגע, ד. ה. די פּריווילעגירטע פּראָפֿעסיאָנען? ווי אַזוי וועלען זיי זיך צופּאַסען צו די פּרינציפּען פֿון דער גלייכהייט, אָהן וועלכע אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז אין גאַנצען אונמעגליך? וואו וועלען זיי געפֿינען אין זייערע אויטאָריטערע גייסטער דיזע טאָלעראַנץ פֿאַר די אַנשויאונגען פֿון אַנדערע, צוזאַמען מיט דערליידענשאַפֿטליכער ליעבע צו די אייגענע פּרינציפּען — יענע אינטעלעקטועלע גלייכהייט, וועלכע בילדעט דעם קווינטעסענץ פֿון דער אַנאַרכיע? וואו וועלען זיי ענדליך געפֿינען דעם פֿערשטענדעניס פֿאַר די זייטיגע וועגען פֿון דעם גייסט און די ליידענשאַפֿטען, וועלכע פֿאָרמירען מאַנ־כעס מאָל אַן עלעמענט פֿאַר דעם אַלגעמיינען פּראָגרעס אין די פּעריאָדען פֿון אַ בלינדען גלויבען, אום צו צושטע־רען די גרונדלאַגען פֿון אַלטע סיסטעמען?

אין דיזער בעציהונג האט רעקלו קיינמאל ניט ארויסגערופען דעם קלענסטען צווייפעל. ער איז געווען אן אנארכיסט אין זיין גאנצען וועזען; דיזע אידעע האט דורכגעדרונגען זיין גאנצע עקזיסטענץ, יעדען געדאנק, יעדען נערוו זיינעם. ער וואלט צופרידען געווען צו עסען טרוקענע ברויט, אום דורכצומאכען א רעוואלוציאנערען קריזיס און צו שאפען א פרייע צוקונפט, גליק און וואהלזיין פאר אלעמען. ער איז געבליבען אן ארעמער מאן, אבסאלוט ארעם, טראץ דעם געוואלדיגען ערפאלג פון זיינע הערליכע ביכער. דער געדאנק צו בעהערשען זיינע מיטמענשען האט ביי איהם קיינמאל ניט עקזיסטירט; און יעדע אויטאריטערע אידעע איז ביי איהם פערהאסט געווען פון טיעפען הארצען. צום שלום איז נאך נויטווענדיג צו בעמערקען, אז פאר איהם, וועלכער האט אזוי גוט געקאנט אלע די צאהלרייכע פעלקער און שטאטען, וועלכע זיינען צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, אום אונז אנצודייטען די פערשידענע פעריאדען, וועלכע די מענשהייט האט דורכגעמאכט, פאר איהם, וועלכער איז אימשטאנד געווען ארומצונעהמען מיט איין בליק די גאנצע מערטירער־געשיכטע פון ם מענשען, פאר איהם איז די אנארכיע ניט נאר געווען א שעהנער חלום. פאר איהם איז דיזע אידעע געווען די לאגישע קאנזעקווענץ, דער שליסעל פון דער מענשליכער געשיכטע און וויסענשאפט: זי איז געווען פאר איהם דער ציעל־פונקט, צו וועלכען די מענשהייט שטרעבט מיט דערזועלבער נויטווענדיגקייט ווי די פלאנעטען בעוועגען זיך ארום דער זונן. און פונקט ווי די נאטור, די שעהנע נאטור, וועלכע ער האט געליעבט מיט דערזועלבער ליידענשאפט ווי געטהע און שעלי, פונקט ווי די נאטור איז פאר איהם געווען א פיזישע נויטווענדיגקייט, אזוי האט ער זיך קיינמאל ניט

געלאָזט אַראָבפֿיהרען פֿון'ס ריכטיגען וועג דורך אַבערגלויביגע פֿאָרשטעלונגען, וועלכע די מורא אָדער די מענשליכע איינבילדונגסקראַפֿט האָבען בעשאַפֿען.

פֿאַר רעקלו איז דער אידעאַל ניט געווען אַ זאַך פֿאַר שפּעטער, נאָר אַ זאַך פֿאַר דער געגענוואַרט. דער היפּאָקריטיזמוס פֿון די דעספּאָטען און עהרגייציגע, וועלכע זאָגען אונז: „דאָס אַלעס איז גוט פֿאַר מאָרגען, נאָר פֿאָרלויפֿיג וועלען מיר פֿאָרטזעצען אונזער הערשאַפֿט!" דיזער היפּאָקריטיזמוס איז פֿאַר איהם געווען אַן אונבעקאַנטע זאַך. אַזוי ווי דאָס שטודיאום פֿון דער נאַטור און פֿון דער מענשליכער געשיכטע אין אַלע טהיילען פֿון דער וועלט און אין אַלע פּעריאָדען האָט ביי איהם ענטוויקעלט די איבערצייגונג, אז דער מענש — די ראַסע אַזוי גוט ווי דאָס אינדיווידואום — איז ניט מעהר ווי דער פּראָדוקט פֿון די אומשטענדען, וואָס רינגלען איהם אַרום, דערפֿאַר איז די אַנאַרכיע, אין וועלכער ער האָט געזעהן די פּראָגרעסיווע קראַפֿט פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג ביי איהם ניט געווען קיין פּוסטער וואָרט אָדער אַ וואונש פֿאַר אַ שפּעטערע צוקונפֿט. ניין, די אַנאַרכיע איז פֿאַר איהם שוין היינט געווען די בעסטע פֿאָרם צו לעבען פֿריי און אָהן הערשאַפֿט. ער האָט שוין היינט פּראַקטיצירט דיזע פֿאָרם פֿון'ם לעבען, און ווען ער וואָלט נאָך אַמאָל געווען אין די מויערן פֿון אַ רעוואָלוציאָנערע קאָמונע, דאַן וואָלט זיין מאָטאָ געווען: די אַנאַרכיע, די פֿילע, די קאָנסעקווענטע פֿרייהייט, וועלכע וועט טריאומפֿירען דורך דעם מוטה און די ענטשלאָסענהייט פֿון איהרע איידעען.

פּעטער קראָפּאָטקין.

I.

די עוואָלוציאָן פֿון דעם אוניווערזום און די קליינע רעוואָלוציאָנען. — פֿאַלשע אויפֿפֿאַסונג פֿון די ווערטער „עוואָלוציאָן" און „רעוואָלוציאָן". — היפּאָקריטישע, שרעקעדיגע און קורצזיכטיגע עוואָלוציאָנערן. — עוואָלוציאָן און רעוואָלוציאָן, צווייסטופֿען וואָס קומען ארויס פֿון איין און דערזעלבער ערשיינונג.

די עוואָלוציאָן איז די אונענדליכע בעוועגונג פֿון אַלצדינג, וואָס עקזיסטירט, די אונאויפֿהערליכע פֿערוואַנדלונג פֿון דעם גאַנצען וועלט-אַל און אַלע זיינע טהיילען פֿון אייביגע צייטען אַן. די „מילך-גאַסען", וואָס בעווייזען זיך אין דעם גרענצלאָזען וועלט-רוים, וועלכע שמעלצען זיך צונויף און צולאָזען זיך אין משך פֿון מיליאָנען און מיליאַרדען פֿון יאָהרהונדערטע; די שטערן, וועלכע ווערן געבוירען און שטאַרבען אָב; אונזער זונען-סיסטעם מיט זיין צענטראַל-שטערן, זיינע פּלאַנעטען און זיינע לבנות, און — אַז מיר וועלען נעהמען די שמאָלע ר...מקעם פֿון אונזער קליינינטשקען ערד-קוגעל — די בערג וואָס הויבען זיך אויף און פֿערשווינדען, די אָקעאַנען, וועלכע בילדען זיך און ווערען דערנאָך אויסגעטריקענט, די טייכען וואָס פֿליסען אין די טהאָלען און טריקענען דערנאָך אויס אַזוי ווי דער מאָרגען-טוי; גאַנצע דורות פֿון פֿלאַנצען, פֿון חיות און פֿון מענשען, וואָס קומען איינע נאָך די אַנדערע, און אונזערע מיליאָנען פֿון אונמערקבאַרע לעבענס, פֿון דעם מענשען ביז דער

מילב — אַט דאָס אַלעס איז ניט מעהר ווי אַן ערשיינונג פֿון דער גרויסער עוואָלוציאָן, וועלכע שלעפּט אַלצדינג אַריין אין איהר אונענדליכען וויכער.

אין פֿערגלייך מיט דער אורשפּרינגליכער בעוועגונג פֿון דער עוואָלוציאָן און פֿון דעם וועלט־אַל־לעבען, וואָס פֿאַר אַ בעטרעף האָבען די קליינע פּאַסירונגען, וועלכע מען רופֿט רעוואָלוציאָנען, סיי אין אַסטראָנאָמישען, געאָלאָגישען אָדער פּאָליטישען זינן? דאָס זיינען אונבעמערקבאַרע טרייסלונגען, וואָס מען פֿיהלט זיי כמעט ניט, כלומר'שט זאַכען, וואָס דוכטען זיך נור אויס, וואָלט מען געקענט זאָגען. אין דער אוניווערזאַלער, אַל־וועלטליכער עוואָלוציאָן קומען די רעוואָלוציאָנען פֿאַר מיליאָנען־ווייז איינע נאָך דער אַנדערער; נאָר ווי קליין זיי זאָלען ניט זיין, זיינען זיי דאָך אַ טהייל פֿון דער דאָזיגער אונענדליכער בעוועגונג.

די וויסענשאַפֿט אַליין זעהט ניט קיין געגענזאַץ, קיין שום סתירה צווישען דיזע צוויי ווערטער, — עוואָלוציאָן און רעוואָלוציאָן, — וואָס זיינען זעהר עהנליך איינס צום אַנדערן, נאָר וועלכע ווערען געברויכט אין דער געוועהנליכער שפּראַך אין אַ גאַנץ אַנדער זינן ווי זייער ערשטע, ריכטיגע בעדייטונג. די שרעקעדיגע מענשען, וועלכע קענען ניט זעהן אין זיי די פֿאַקטען פֿון איין און דעם זעלבען סאָרט, זיך אונטערשיידענדיג בלויז דורך דער גרויסקייט פֿון דער בעוועגונג; יענע פֿייגלינגע, וואָס יעדע פֿערענדערונג פֿילט זיי אָן מיט שרעק, סטאַרען זיך צו פֿערטייטשען דיזע צוויי אויסדריקע אויף פֿערשידענע אופנים, פֿערקעהרט איינער פֿון צווייטען. דער בעגריף ע ו ו אָ ל ו צ י אָ ן, אונטער וועלכען מען פערשטעהט אַ שטופּענווייזע, ניט־איבערגעשלאָגענע ענטוויקלונג אין די אידעען און די מנהגים, ווערט פֿאָרגעשטעלט אָקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען פונקט דער

היפוך פון דער שרעקליכער זאַך, וועלכע רופט זיך רע־וואָלוציאָן, וואָס שליסט איין אין זיך מעהר אָדער וויניגער היציגע, גראָבע ענדערונגען. ווען אָט די מענשען ריידען פון דער עוואָלוציאָן, דיסקוטירען זיי מיט אַן אויסערליכער, אָדער זאָגאַר מיט אַן אויפריכטיגער בעגייס־טערונג; מיט וואָס פאַר אַ היץ מען רעדט עס מכח די לאַנגזאַמע פאָרטשריטען, וועלכע קומען פאָר אין די קע־מערלאַך פון מוח, אין די בעהעלטענישען, אין דאָס געהיימע פון דעם שכל און פון הארצען! אָבער איהר זאָלט זיך ניט דערוועגען זיי דערמאָנען אַ וואָרט וועגען דער פערפלוכטער רעוואָלוציאָן, וועלכע רייסט זיך פלוצלונג אַרויס פון קאָפ, אום אויסצוברעכען אין די גאַסען, און וועלכע ווערט אָפט בעגלייטעט פון דעם המון׳ס געשרייען און געוואַלדען און פון דעם רעש, וואָס די וואָפען מאַכען אָן.

לאָמיר קודם כל פעסטשטעלען, אַז די, וואָס מיינען, אַז צווישען עוואָלוציאָן און רעוואָלוציאָן איז פאַרהאַן אַ קאָנטראַסט פון פריעדען און מלחמה, פון מילדקייט און געוואַלט, בעווייזען נור, אַז זיי זיינען אונוויסענד. רעוואָלו־ציאָנען קענען דורכגעפיהרט ווערען אויף אַ פריעדליכען אופן, דורך אַ פלעצליכע אומבייטונג פון׳ם קרייז, וואָס פעראורזאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין די אינטערע־סען; פערקעהרט, עוואָלוציאָנען קענען אָפטמאָל זיין זעהר אַרבייטזאַם, פערמישט מיט קריעג און פערפאָלגונגען. דאָס וואָס דאָס וואָרט „עוואָלוציאָן" ווערט אַזוי גערן אָנגענומען פון יענע, וואָס קוקען מיט שרעק אויף די רעוואָלוציאָנערן, בעווייזט נור, אַז זיי גיבען זיך ניט אָב קיין שום רעכנונג וואָס דאָס איז אַזוינס אין דער ווירקליכקייט; מחמת פון דער זאַך גופא ווילען זיי בשום אופן ניט וויסען. זיי ריידען מכח דעם פאָרטשריט בכלל, אָבער אַז עס האַלט ווירקליך

דערביי פֿערשטויסען זיי עס פֿון זיך. אַז די איצטיגע גע־
זעלשאַפֿט איז שלעכט, זיינען זיי אַליין מודה, אַ ברירה
האָבען זיי! אָבער דאָך דאַרף מען זי אויפֿהאַלטען. פֿאַר
זיי איז געגוג, אַז די זעלבע שלעכטע געזעלשאַפֿט זאָל
פֿערווירקליכען זייער אידעאַל: רייכטהום, מאַכט, כבוד און
וואָהלזיין. אַזוי ווי עס זיינען פֿאַרהאַן רייכע און אָרעמע,
מאַכטהאָבענדע און פּאָדאַנעס, בעלי בתים און משרתים,
צעזאַרען, וועלכע הייסען מאַכען דעם געפֿעכט, און גלאַ־
דיאַטאָרס, וואָס זיינען זיך מוסר נפש און געהען שטאַרבען
— טאָ דאַרפֿען די געשייטע מענשען טהאָן בלויז איין זאַך:
זיך האַלטען ביי דער זייט פֿון די רייכע, פֿון די העררן און
אויף אַזאַ אופן ווערן מקורבים ביי די צעזאַרען. די דאָזיגע
געזעלשאַפֿט גיט ברויט, געלט, גרויסע שטייערען, כבוד און
גדולה, נו, זאָלען די געשייטערע, די קלוגע מענשען זיך
אַזוי אַראַנזשירען, אַז זיי זאָלען קריגען זייער חלק, און
אַזוי גרויס ווי נור מעגליך, פֿון דעם שיקזאַל׳ס מתנות!
אויב דער גוטער מזל, אונטער וועלכען זיי זיינען געבוירען
געוואָרען, האָט זיי בעפֿרייט פֿון יעטוועדען קאַמפּף און זיי
איבערגעבען בירושה אַלעס וואָס זיי דאַרפֿען און נאָך מעהר
ווי זיי דאַרפֿען — הייסט טאָ פֿאַר וואָס זאָלען זיי זיך בע־
קלאָגען? זיי סטאַרען זיך נאָך איינצוריידען, אַז אַלע וויינען
אַזוי צופֿרידענגעשטעלט ווי זיי גופא: דער זאַטער מיינט,
אַז אַלע האָבען זיך אַזוי גוט אָנגעגעסען ווי ער אַליין. און
דער עגאָאיסט, וועמען די געזעלשאַפֿט, דאָס גרויסע לאָטעריי־
שפּיעל, האָט ניט צוגעוואָרפֿען קיין הויפּט-טרעפֿער פֿון
ווינעלע אָן און וועלכער איז אונצופֿריעדען מיט דעם איצטיגען
צושטאַנד, דער קען דאָך וויינינסטענס האָפֿען, אַז ער וועט
זיך ערווערבען זיין פּלאַץ דורך אינטריגעס, דורך חניפות,
אַמאָל דורך אַ גליקליכען צופֿאַל און זאָגאַר דורך אַ שטיקעל

אַרבייט וואָס ער וועט טהאָן אין דיענסט פֿון די רייכע, די מאַכטהאָבענדע. וואָס פֿאַר אַ בעדייטונג האָט פֿאַר איהם די סאָציאַלע עוואָלוציאָן? עוואָלואירען, זיך ענטוויקלען צום פֿערטעגען — דאָס איז זיין איינציגע אַמביציע! ניט ער וועט זוכען גערעכטיגקייט פֿאַר אַלעמען גלייך; פֿאַר איהם איז גענוג וואָס ער שטרעבט צום פּריווילעגיום פֿאַר זיין אייגענער פּערזאָן.

פֿאַרהאַן אָבער שרעקעדיגע גייסטער, וועלכע גלויבען גאַנץ ערנסט אין דער עוואָלוציאָן פֿון די אידעען, וועלכע האָפֿען, אַז דער צושטאַנד וועט זיך ענדערן, אַז עס וועט מוזען פֿאָרקומען אַן איבערקעהרעניש, אָבער עפּעס דורך אַ געפֿיהל פֿון אינסטינקטיווער מורא ווילען זיי אויסווייכען יערע רעוואָלוציאָן, לכל הפחות כל זמן זיי לעבען. זיי רופֿען זי און בעשווערען זי אין דערזועלבער צייט, זי זאָל זיך ניט דערוועגען צו קומען: זיי קריטיקירען די איצטיגע געזעלשאַפֿט און טרוימען פֿון דער קומענדער געזעלשאַפֿט, אַקוראַט ווי זי וואָלט געדאַרפֿט אַראָבפֿאַלען פּלוצלינג אַזוי ווי אַ נס פֿון הימעל, אָהן דעם עס זאָל זיך מאַכען דערביי דער מינדעסטער צוזאַמענשטויס צווישען דער פֿערגאַנגענער און דער קומענדער וועלט. אַלס אונפֿאָלקאָמענע וועזענס האָבען זיי בלויז דעם וואונש אָבער ניט קיין שכל; זיי בילדען זיך עפּעס איין, נאָר זיי פֿערשטעהען ניט ווי אַזוי צו וועלען. זיי געהערען צוביידע וועלטען אויף איינמאָל, און דעריבער זיינען זיי פֿעראורטהיילט ביידע צו פֿערראַטהען: אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די קאָנסערוואַטאָרס זיינען זיי אַן אָבגעטהיילטער עלעמענט, וואָס אונטערשיידעט זיך דורך זיינע אידעען און דורך זיין שפּראַך; אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די רעוואָלוציאָנערען ווערען זיי מורא'דיגע רעאַקציאָנערן, זאָגען זיך אָב פֿון זייערע יוגענד־אינסטינקטען, און אַזוי ווי דער

הונד, פֿון וועלכען דאָס עוואַנגעליום רעדט, „קעהרען זיי זיך אום צו דעם, וואָס זיי האָבען אַליין אויסגעבראָכען".

דערפֿאַר זעהען מיר, אַז אין דער צייט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן זיינען די הייסעסטע פֿערטהיידיגער פֿון דעם אַלטען רעזשים געווען גראָד יענע, וועלכע האָבען אַמאָל דעם זעלבען רעזשים פֿערפֿאָלגט מיט זייער שפּעטעריי: פֿון פּיאָנירען, ווי זיי זיינען פֿריהער געווען, זיינען זיי געוואָרען רענעגאַטען, פֿעררעטהער. צו שפּעט האָבען זיי דערזעהן, אָקוראַט ווי די אונפֿעהיגע צויבערער אין די בבא מעשה'לאַך, אַז זיי האָבען צורייצט אַ קראַפֿט, וועלכע איז צו שרעקליך פֿאַר זייער שוואַכען ווילען, פֿאַר זייערע שרעקעדיגע הענד.

ס'איז דאָ נאָך אַ קלאַסע פֿון עוואָלוציאָניסטען. דאָס זיינען יענע, וואָס פֿון אַלע ענדערונגען, וועלכע דאַרפֿען פֿאָרקומען אין דער וועלט, זעהען זיי בלויז איין איינציגע און זיי גיבען זיך אָב מיט לייב און לעבען, זי צו פֿערווירקליכען, זיך גאָר ניט קימערנדיג מכח די אַנדערע סאָציאַלע אומוואַנדלונגען. שוין פֿון פֿאָראויס האָבען זיי בעשריינקט און בעגרענעצט דאָס פֿעלד פֿון זייער אַרבייט. אַ טהייל פֿון זיי, געשייטע מענשען, האָבען אויף אַזאַ אופן געוואָלט שליסען פֿריעדען מיט זייער געוויסען און אַרבייטען פֿאַר דער קומענדער רעוואָלוציאָן אָהן אַ שום געפֿאַהר פֿאַר זיך. מיט דעם אויסרייד, אַז זיי גיבען אָב אַלע כוחות זייערע אַ רעפֿאָרמע, וועלכע קען גאָר אין גיכען רעאַליזירט ווערען, פֿערלירען זיי לחלוטין פֿון אויג יעטווועדען העכערן אידעאַל און טרייסלען זיך פֿון איהם אָב מיט כעס זאָגאָר, כדי מען זאָל זיי חלילה ניט חושד זיין, אַז זיי בעטהייליגען זיך אין איהם. פֿאַרהאַן ווידער אַנדערע, עהרליכערע, אָדער גאָר עהרווירדיגע מענשען, זאָגאָר אַזעלכע, וואָס זיינען מעהר

אָדער וויינינגער ניצליך פֿאַר דער דורכפֿיהרונג פֿון דער גרויסער זאַך, דאָס זיינען די וואָס דורך זייער שמאָלען קליינימשקען גייסט האָבען זיי אין אוגג בלויז איין איינציגען פּראָגרעס. די אויפֿריכטיגקייט פֿון זייער דיינקען און פֿון זייער אויפֿפֿיהרונג שטעלט זיי איבער דער קריטיק: מיר רופֿען זיי אונזערע ברידער, כאָטש מיר אָנערקענען מיט הארצווייטאָג, ווי איינג ס'איז דער לאגער, אין וועלכען זיי קעמפֿפֿען, און ווי אַזוי דורך זייער בעזונדערער און ספּעציעלער עמפּעהרונג געגען איין איינציגער עולה, האַלטען זיי פֿאַר ריכטיג אַלע אַנדערע אונגערעכטיגקייטען.

איך רייד דאָ ניט פֿון די, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אלס ציעל — מעג עס אויך זיין ווי פֿיין פֿון זייער זייט,— איבערצומאַכען די אָרטאָגראַפֿיע, די שרייב-אַרט, למשל, אָדער איינשטעלען די שעה אַנדערש ווי איצט, אָדער איבערבייטען די מיטאָג-שטונדע, אָדער גאָר אָבשאַפֿען די קאָרסעטען. עס זיינען אָבער דאָ אַסך ערנסטערע פּראָפּאַגאַנדאַס, וואָס ענטהאלטען ניט אין זיך קיין שום לעבערליכעס און צו וועלכע מען מוז האָבען קוראַזש, אויסדויער און איבערגעבענהייט. וויבאַלד אָט די פּראָפּאַגאַנדיסטען זיינען עהרליך, גרייט זיך אויפֿצואָפּפֿערן און קוקען ניט אויף קיין שום געפֿאַהר, — איז די פֿליכט פֿון דעם רעוואָלוציאָנער זיי צו צייגען סימפּאַטיע און אַכטונג. אַז מיר זעהען, למשל, אַ פֿרוי מיט ריינע געפֿיהלען, מיט אַ נאָבעלען כאַראַקטער און וועלכע איז נאָך אונבעפֿלעקט אין די אויגען פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג, — אַז מיר זעהען, ווי די דאָזיגע פֿרוי לאָזט זיך אַראָב צו דער פּראָסטיטוטקע און זאָגט צו איהר: „דו ביסט מיין שוועסטער; כ'קום זיך פֿעראייניגען מיט דיר, אום צו קעמפֿפֿען געגען די קראַפֿט פֿון די זיטען, די קראַפֿט, וועלכע בעזודעלט און בעשמוצט

דיך און לייגט די האַנד אויף דיין קערפּער; געגען דעם פּאָליציי־דאָקטאָר, וועלכער לאָזט דיך אַרעסטירען דורך זשאַנדאַרמען און פערלעצט דיך מיט זיין אונגעבעטענעם בעזוך; געגען דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלכע פעראַכ־טעט דיך און טרעט דיך מיט די פיס." — דאַן וועט קיינער פון אונז ניט איבערראַכטען קיין סך און וועט שיינקען זיין אַכטונג אָט דער בראַוור עוואָלוציאָניסטין, וועלכע שטעהט אין קאַמפף געגען די אונפערשעהמטקייט פון דער אָפיציעלער וועלט. פערשטעהט זיך, מיר וואָלטען איהר געקענט זאָגען, אַז אַלע רעוואָלוציאָנען היינגען אָב איינע פון די אַנדערע, אַז דאָס רעוואָלטירען פון דעם איינצעלנעם געגען דעם שטאַאט לייזט אויף די פראַגע פון'ם קאַטאָרזשניק, אָדער פון וואָס פאַר עס איז אַנדערן פערדאַמטען, און זעלבסט־פערשטענדליך אויף די פראַגע מכח דער גאַסען פרוי; אָבער דאָך מוזען מיר בעוואונדערען די, וועלכע קעמפפען דעם גוטען קאַמפף אין דיזען איינגען איינגעשלאָסענעם פעלד. אויך האַלטען מיר פאַר העלדען אַלע יענע, אין סיי וואָס פאַר אַ לאַנד און אין סיי וואָס פאַר אַ יאָהרהונדערט, וועלכע האָבען זיך אָהן וואָס פאַר עס איז פניה, אָהן אַ שום הינטער־געדאַנק איבערגעגעבען אַ געמיינשאַפטליכען אידעאַל, ווי איינג זייער האָריצאָנט איז ניט געוועזען! זאָל יעדער איינער פון אונז זיי בעגריסען פון טיפען האַרצען און זאָל ער זיך זאָגען: „לאָמיר זיך סטאַרען זיי אייסצו־גלייכען און זיי צונויפבריינגען אויף אונזער פעלד, וועלכער איז אַסך ברייטער, וועלכער נעהמט ארום די גאַנצע ערד!"

און ווירקליך, די עוואָלוציאָן נעהמט אַרום אַלעס מענשליכע און די רעוואָלוציאָן דאַרף עס אויך אַריינגעהמען אין זיך, באָטש ניט אימער זעהט זיך די שייכות פון די

זאַכען אַרוים אַזוי קלאָהר אין די עראייגניסע, וועלכע שטעלען צונויף דאָס גאַנצע לעבען פֿון די געזעלשאַפֿטען. אַלע פֿאָרטשריטען געהען האַנד אין האַנד, זיינען סאָלידאַריש, און מיר אַלע שטרעבען צו זיי לויט אונזערע קענטעניסען און נאָך אונזערע כוחות נאָך, — אַלע פֿאָרטשריטען: סאָציאַלע און פּאָליטישע, מאָראַלע, מאַטעריעלע און וויסענשאַפֿטליכע, פֿאָרטשריטע אין דער קונסט און אין דער אינדוסטריע. פּונקט ווי מיר זיינען עוואָלוציאָנערן אין אַלצדינג, זיינען מיר אויך רעוואָלוציאָנערן אין אַלעס, וויסענדיג גאַנץ גוט, אַז די געשיכטע גופא איז ניט מעהר ווי אַ רייהע פֿון דורכגעפֿיהרטע זאַכען, וועלכע קומט אַרוים פֿון אַ רייהע פּלענער און פֿאָרבערייטונגען, וואָס זיינען פֿריהער געמאַכט געוואָרען. די גרויסע אינטעלעקטועלע עוואָלוציאָן, וועלכע עמאַנציפּירט די מוחות, מוז לאָגישער ווייזע אַרויסרופֿען די ווירקליכע, פּראַקטישע עמאַנציפּאַציאָן פֿון די אינדיווידוען און אַלע זייערע פֿערהעלטעניסען מיט די אַנדערע אינדיווידוען.

מען קען אַלזאָ זאָגען, אַז די עוואָלוציאָן און די רעוואָלוציאָן זיינען צוויי אַקטען, וואָס קומען אַרוים איינער נאָך'ן אַנדערן פֿון איין און דערזעלבער ערשיינונג; די עוואָלוציאָן געהט פֿאָראויס פֿאַר דער רעוואָלוציאָן, און דיזע ווידער געהט פֿאָראויס פֿאַר אַ נייער עוואָלוציאָן, וועלכע איז די מוטער פֿון נייע רעוואָלוציאָנען. ווי אַזוי קען פֿאָרקומען אַן איבערבייט, ניט בריינגענדיג מיט זיך געוויסע פּלעצליכע איבערקעהרענישען אין דעם רעגעלמעסיגען גאַנג פֿון'ם לעבען? מוז דען די רעוואָלוציאָן אונבעדינגט ניט קומען נאָך דער עוואָלוציאָן, פּונקט אַזוי ווי יעדע טהאַט קומט נאָך'ן ווילען צו טהאָן? ביידע אונטערשיידען זיך בלויז אין דער צייט פֿון זייער ערשיינונג. ווען אַ הויפֿען פֿון אָנגע־

שאָטענע שטיינער, למשל, פֿערשפּאַרט אַ טייך, זאַמעלט זיך דאָס וואַסער ביסלאַכווייז אָן און ווערט העכער פֿון דעם בערגעל, דעם הינדערנים, און דורך אַ לאַנגזאַמע עוואָלוציאָן בילדעט זיך אַן אָזערע. דאַן מאַכט זיך פּלוצלונג אַ שפּעל־טעל אין דעם הויפֿען שטיינער, עס הויבט אָן לאַנגזאַם אַרויסרינען וואַסער, און דער פֿאַל פֿון איין שטיינדעלע ברייננט מיט זיך אַן אויסברוך: דאָס הינדערנים ווערט מיט געוואַלט אַוועקגעטראָגען און די אויסגעליידיגטע אָזערע ווערט צוריק אַ טייך. אַזוי מאַכט זיך אַ קליינע ערדישע רעוואָלוציאָן.

די אורזאַכע וואַרום די רעוואָלוציאָן קומט תמיד שפּע־טער פֿון דער עוואָלוציאָן, ליגט אין דעם ווידערשטאַנד פֿון דעם קרייז: דאָס וואַסער פֿון אַ שטראָם רוישט צווישען די ברעגען, מחמת זיי שטערן איהם אין זיין גאנג; דער דונער קייקעלט זיך אין הימעל, ווייל די לופֿט האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען דעם פֿונק, וואָס איז אַרויס פֿון וואָלקען. יעדע פֿערוואַנדלונג פֿון׳ם שטאָף, יעדע רעאַליזירונג, יעדע פֿער־ווירקליכונג פֿון אַ אידעע, ווערט, זאָגאַר אין דער צייט פֿון דער פֿערענדערונג, געשטערט דורך דער אונטהעטיגקייט פֿון דעם קרייז, און די נייע ערשיינונג קען ניט געשעהן, סיידען דורך אַזאַ געוואַלטיגע אָנשטריינגונג אָדער דורך אַזאַ מעכטיגע קראַפֿט, וואָס בעזיעגט דעם ווידערשטאַנד. דער דייטשער פֿילאָזאָף הערדער, ריידענדיג מכח דער פֿראַנ־צויזישער רעוואָלוציאָן, האָט עס שוין געזאָגט: „די זריעה פֿאַלט אַראָב אין דער ערד, א היבשע צייט מיינט מען, זי איז טויט, מיט אַמאָל פּלאַצט זי אַרויס, צושפּאַלט די האַרטע ערד, וועלכע האָט איהר בעדעקט, געברויכט גע־וואַלט געגען דעם פֿיינדליכען לעהם, און ווערט אַ פֿלאַנצע, וואָס בליהט און מאַכט רייף איהר פֿרוכט". און דאָס קינד,

ווי אַזוי ווערט עס געבוירען? נאָכדעם ווי עס האָט אָבגעוואוינט נײַן חדשים אין דער פֿינסטערניש פֿון דער מאַמע'ס בויך, קומט עס אַרויס מיט געוואַלט, עס צורייסט דעם אומשלאָג, אין וואָס עס איז געלעגען, און צייטענווייז טויטעט עס אויך דערביי די מוטער זיינע. אָט אַזוי זיינען די רעוואָלוציאָנען, אונבעדינגטע רעזולטאַטען פֿון די עוואָלוציאָנען, וועלכע זיינען געווען פֿאַר זיי.

די פֿאָרמולען, וועלכע ווערען אויסגעדריקט אין גלייך־ווערטלאַך, זיינען זעהר געפֿעהרליך, מחמת מען געוועהנט זיך זיי מאַשינאַלנע צו ווידערהאָלען, עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט דורך דעם ווּעלען בעפֿרייען זיך פֿון נאָכדיינקען. אויף אַזאַ'ן אופֿן קיימט מען אומעטום איבער דאָס ווערטעל פֿון ליננע: „*Non facit saltus natura*" (די נאַטור מאַכט ניט קיין שפּרונגען). נו, אודאי „מאַכט די נאַטור ניט קיין שפּרונגען", נאָר יעדע פֿון איהרע עוואָלוציאָנען ווערט געמאַכט דורך דעם אַריבערטראָגען די כוחות אויף אַ נייעם פּונקט. די אַלגעמיינע בעוועגונג פֿון'ם לעבען אין יעטוועדען וועזען בעזונדער און אין יעדער רייהע פֿון וועזענס בעווייזט אונז אין ערגעץ ניט קיין דירעקטע פֿאָרטזעצונג, נאָר אימער אַן אינדירעקטעס נאָכקומען, אַ רעוואָלוציאָנערעס נאָכפֿאָלגען, אַזוי צו זאָגען. דער צווייג פֿעראייניגט זיך ניט אין דער ליינג מיט נאָך אַ צווייג. די בלומע איז ניט די פֿערלייננגערונג פֿון דעם בלאַט, דער שטויב־וועג איז ניט די פֿערלייננגערונג פֿון דעם שטויב־פֿאָדים, און דאָס איי אונטערשיידעט זיך פֿון די אָרגאַנען, וועלכע האָבען איהם געגעבען דאָס לעבען. דער זוהן איז ניט די פֿאָרטזעצונג פֿון'ם פֿאָטער אָדער פֿון דער מוטער, נאָר אַ נייעס וועזען. דער פֿאָרטשריט ווערט געמאַכט דורך אַן אונאויפֿהערליכע פֿערענדערונג פֿון די אויסגאַנגס־פּונקטען פֿאַר יעדען אינדיווידום בעזונדער.

דאָס זעלבע איז אויך אין בעצוג צו די מינים, די סאָרטען. דער גענעאַלאָגישער, אָבשטאַמונגס-בוים פֿון די וועזענס איז, אָקוראַט ווי דער בוים אַליין, אַ צוזאַמענשטעלונג פֿון צווייגען, און יעדער פֿון זיי געפֿינט זיין לעבענס-קראַפֿט ניט אין דעם פֿריהערדיגען צווייג, נאָר אין דעם אורשפּרינג-ליכען זאַפֿט. מיט די גרויסע היסטאָרישע עוואָלוציאָנען איז אויך ניט אַנדערש. אַז די אַלטע ראַהמען, די צו ארומגעצאַמטע, בעגרענעצטע פֿאָרמען פֿון דעם אָרגאַניזם האָבען אויסגעשפּיעלט זייער צייט, טראָגט זיך דאָס לעבען אַריבער, אום זיך צו פֿערוואַנדלען אין אַ נייער פֿאָרמע. דאַן קומט פֿאָר אַ רעוואָלוציאָן.

II.

פּראָגרעסיווע און רעגרעסיווע רעוואָלוציאָנען. — קאָמפּליצירטע ערשיי-נונגען, וועלכע זיינען אי פּאָרטשריט אי ריקשריט אין דערזעלבער צייט. — די פאַלשע צושרייבונג פון דעם פּראָגרעס צום ווילען פון אַ הערשער אָדער צו דער ווירקונג פון געזעצע. — די רענעסאַנס-צייט, די רעפאָרם-בעוועגונג און די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן.

די רעוואָלוציאָנען מוזען יעדענפאַלס ניט זיין אונבעדינגט אַ פּראָגרעס, אָקוראַט ווי די עוואָלוציאָנען פיהרען ניט תמיד צו גערעכטיגקייט. אַלצדינג ענדערט זיך, אַלעס בעוועגט זיך אין דער נאַטור מיט אַן אייביגער בעוועגונג, נאָר אויב ס'איז פאַרהאַן דערביי אַ פּראָגרעס קען אויך זיין דעריין אַ רעגרעס, אַ ריקשריט, און אויב די עוואָלוציאָנען סטאַרען זיך צו פערלייגערן דאָס לעבען, זיינען אָבער אויך פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס פיהרען צום טויט. אָבשטעלען זיך איז אונ-מעגליך, מען מוז זיך בעוועגען, צי אין אַזאַ ריכטונג אָדער אין אַן אנדערער, סיי ווי סיי געהן מוז מען; און דער פערהאַרטעוועטער רעאַקציאָנער אַזוי גוט ווי דער זיסינקער ליבעראַל, וועלכע ווערען פערצאַפּעלט ביים וואָרט רעוואָ-ליציאָן, ביידע געהען זיי דאָך צו דער רעוואָלוציאָן, צו דער לעצטער רעוואָלוציאָן, וועלכע פיהרט צו דער ענדליכער רוה. די קראַנקהייט, די שוואַכקייט דורך עלטער, דער קאַלטער בראַנד זיינען פונקט אַזעלכע עוואָלוציאָנען ווי די מאַנבאַרקייט. די ווערים אין טויטען קערפּער, אָקוראַט ווי

דער ערשטער קוויטש פֿון דעם קינד, בעווייזט, אַז אַ רע־וואָלוציאָן איז פֿאָרגעקומען. די פֿיזיאָלאָגיע (די קערפּער־פֿאָרשונג) און די געשיכטע איבערציינגען אונז, אַז עס זיינען פֿאַרהאַן עוואָלוציאָנען, וואָס הייסען אָבשטאַרבונג, און רעוואָלוציאָנען, וועלכע זיינען דער טויט.

די געשיכטע פֿון דער מענשהייט, כאָטש מיר קענען זי נאָך ווייניג, בסך הכל עטליכע טויזענד יאָהר, גיט אונז שוין אַסך ביישפּיעלע פֿון פֿעלקערשאַפֿטען, פֿון פֿעלקער, פֿון שטעדט און מלוכות, וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען דורך לאַנגזאַמע עוואָלוציאָנען, וועלכע האָבען געפֿיהרט צו זייער מפּלה. די אורזאַכען, וועלכע האָבען געבראַכט אָם די קראַנקהייטען פֿון נאַציאָנען, פֿון גאַנצע ראַסען, זיינען פֿערשידען. אין אַ טהייל ערטער איז עס געווען די שולד פֿון דעם קלימאַט און דער ערד, וועלכע זיינען וואָס וויטער אַלץ ערגער געוואָרען, ווי ס׳איז געווען אין צענטראַל־אַזיען, וואו אָזערעס און טייכען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען וואו גאַנצע לענדער, וועלכע זיינען אַמאָל געווען פֿרוכטבאַר, האָבען זיך בעדעקט מיט זאַלציגע בלאָטעס. אין אַנדערע פּלעצער האָט דאָס אַריינברעכען פֿון פֿיינדליכע מחנות פֿערוויסט גאַנצע לענדער און אַזאַ תל געמאַכט פֿון זיי, אַז זיי זיינען אויף אייביג געבליבען וויסט. דאָך איז מעהר ווי איין נאַציאָן פֿאָרט געווען אים שטאַנד אויפֿצובליהען נאָך דער עראָבערונג און נאָך די בלוט־בעדער, זאָגאַר נאָך גאַנצע יאָהרהונדערטע פֿון אונטערדריקונג: אויב די נאַציאָן פֿאַלט צוריק אַריין אין אַ ווילדען צושטאַנד אָדער שטאַרבט גאָר אָב, דאַרף מען ניט זוכען די סיבות פֿון איהר ריקשריט אָדער פֿון איהר אונטערגאַנג אין די דרויסענדיגע אומשטענ־דען, נאָר אין איהר גופא און אין איהר אינערליכער צו־זאַמענשטעלונג. פֿאַרהאַן אַ וויכטיגע אורזאַכע, די סיבה

פֿון אַלע סיבות, וועלכע שטעלט צונויף די געשיכטע פֿון דער דעקאַדענץ, פֿון דער אָבשטאַרבונג. אָט די אורזאַכע בעשטעהט אין דעם, וואָס איין טהייל פֿון דער געזעלשאַפֿט שטעלט זיך אַלס בעל הבית פֿון דעם אַנדערן טהייל, וואָס איין מענש אָדער אַ גאַנצע אַריסטאָקראַטיע פֿערכאַפּט די ערד, די קאַפּיטאַלען, די מאַכט, די בילדונג, די עהרענ־שטעלען. ווייבאַלד די דומע מאַסע האָט ניט בכח צו רעוואָל־טירען געגען אַזאַ מאָנאָפּאָל פֿון אַ קליינער צאָהל מענשען, איז זי אין דער ווירקליכקייט טויט; זי וועט פֿריהער אָדער שפּעטער פֿערשווינדען, ס'איז מעהר ניט ווי אַ פֿראַגע פֿון צייט. די שוואַרצע פּעסט קומט באַלד, כדי אָבצוריייניגען אָט די אונניצליכע מחנה פֿון אינדיווידועֹן אָהן פֿרייהייט. גאַנצע באַנדעס פֿון מערדער קומען צולויפֿען פֿון מזרח אָדער פֿון מערב, און פֿון גרויסע שטעדט ווערט אַן איינ־פֿאַכער מדבר. אָט אַזוי זיינען געשטאָרבען אשור און מצרים, אַזוי איז געפֿאַלען פּערזיען, און אַז די רוימישע מלוכה איז געוועזן אין די הענד פֿון עטליכע גרויסע אייגענטהימער, זיינען באַלד געקומען די באַרבאַרען און האָבען פֿערנומען דעם פּלאַץ פֿון דעם פֿערשקלאַפּטען פּראָלעטאַריער.

ס'איז ניטאָ קיין איין פּאַסירונג, וואָס זאָל ניט טראָגען אין זיך אַ דאָפּעלטען כאַראַקטער: אין דערזעלבער צייט אי אַן ערשיינונג פֿון טויט, אי אַן ערשיינונג פֿון אַ ניי לעבען, דאָס הייסט דער רעזולטאַט פֿון עוואָלוציאָנען, וואָס ברייינגען אָבשטאַרבונג און פּראָגרעס. דער אונטערגאַנג פֿון רוים, למשל, איז אַ סך הכל פֿון רעוואָלוציאָנען, וועלכע האָבען אַ שייכות מיט אַ רייהע פֿון עוואָלוציאָנען, וואָס אַ טהייל פֿון זיי האָבען געבראַכט אונגליק און די אַנדערע גליק. אמת טאַקי, אַז די פֿערניכטונג פֿון דער שרעקליכער דריקענדער מאַשין, וועלכע איז געלעגען ווי אַ שווערע משא

אויף אַלעמען, איז געווען אַ גרויסע ערלייכטערונג פֿאַר די אונטערדריקטע; אַז דאָס געוואַלטזאַמע אריינטרעטען פֿון אַלע פֿעלקער פֿון צפון און דרום אין דער ציוויליזאַציאָנס־וועלט איז אויך געווען אין פֿיעלע פּרטים אַ גליקליכער איבערגאַנג אין דער געשיכטע פֿון דער מענשהייט; פֿיעלע פֿערשקלאַפֿטע האָבען אין שטורם צוריקגעפֿונען אַ ביסעל פֿרייהייט אויף'ן רעכנונג פֿון זייערע בעלי בתים; אָבער די וויסענשאַפֿט און די אינדוסטריע זיינען ענטוועדער גאָר אונטערגעגאַנגען אָדער זיי האָבען זיך בעהאַלטען; מען האָט צובראָכען די סטאַטוען, פֿערברענט די ביבליאָטהעקען. ס'האָט אויסגעוויזען, עפּעס אזוי ווי די קייט, וואָס בינדט צונויף איין צייט מיט דער אַנדערער, וואָלט זיך איבערגעריסען. די פֿעלקער האבען זיך אָבגעזאָגט פֿון זייער ירושה אין די קענטניסען. נאָך דעם דעספּאָטיזמוס איז געקומען נאָך אַן ערגערער דעספּאָטיזמוס; פֿון אַ טויטער רעליגיאָן האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ נייע רעליגיאָן, נאָך אויטאָריטערער, נאָך גרויזאַמער, נאָך פֿאַנאַטישער איידער די אַלטע, די אָבגעשטאָרבענע; און אין משך פֿון גאַנצע טויזענד יאָהר האָט זיך אויף דער ערד פֿערשפּרייט אַ פֿינסטערע נאַכט פֿון אונוויסענהייט און פֿון דומהייטען, וואָס די מאָנאַכען האָבען פֿערברייטערט.

אויך אַלע אַנדערע היסטאָרישע בעוועגונגען האָבען צוויי זייטען; ס'הייננט אָב פֿון די טויזענדער עלעמענטען, פֿון וועלכע זיי זיינען צוזאַמענגעשטעלט און וועמעס פֿיעל־פֿאַכע רעזולטאַטען ווייזען זיך אַרויס אין די פּאָליטישע און סאָציאַלע אומוואַנדלונגען. יעדע ערשיינ־ונג רופֿט אַרויס די פֿערשיעדענסטע אורטהיילען, לויט דעם ווי זי ווערט אויפֿגעפֿאַסט און פֿערשטאַנען, אָדער לויט די פּאַראורטהיילע פֿון די היסטאָריקער, וועלכע שעצען אָב איהר ווערטה.

אַלס אַ מערקווירדיגען ביישפּיעל קען מען נעהמען דאָס געוואַלדיגע אויפבליהען פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין'ם זיבצעהנטען יאָהרהונדערט, וואָס מען האָט צוגעשריבען צו דעם זשעניע פון לואי דעם 14טען, גאָר פשוט דערפאַר ווייל דער דאָזיגער קעניג איז געזעסען אויף'ן טראָהן גראָד אין אַזא צייט ווען אַזויפיעל בעריהמטע מענער האָבען געשריבען בעריהמטע ווערקע אין אַ וואונדערבאַרער שפּראַך: „לואי'ס בליק האָט אַרויסגערופען די געבורט פון אַזעלכע גרויסע שרייבער ווי קאָרנייי". אמת טאַקי, אַז מיט הונדערט יאָהר שפּעטער האָט שוין קיינער נים געהאַט די העזה צו זאָגען, אַז די וואָלטערס, דידראָס, רוסאָס האָבען צו פערדאַנקען פאַר זייער זשעניע און פאַר זייער גדולה דעם אַרויסרופענדען בליק פון לואי דעם 15טען. אָבער האָבען מיר דען נים געזעהן ערשט גאָר נים לאַנג צוריק, ווי די ענגלענדער זיינען געפאַלען פאַר דער קעניגין און האָבען איהר געדאַנקט פאַר אַלע גליקליבע פאַסירונגען, פאַר אַלע פאָרטשריטען, וואָס זיינען געשעהן אונטער איהר מלוכה, אָקוראַט ווי די אונגעהייער גרויסע עוואָלוציאָן וואָלט געהאַט עפּעס צו פערדאַנקען די בעזונדערע פערדיענסטען און פעהיגקייטען פון דער דאָזיגער הערשערין. נאָך אַלעמען האָט דאָך אָט די פערזאָן פון אַ גאַנץ מיטעלמעסיגען ווערטה נים געהאַט קיין שום אַנדער זאָרג, נור צו בלייבען זיצען אויף'ן טראָהן אין משך פון לאַנגע זעכציג יאָהר; די קאָנסטיטוציאָן, וואָס זי האָט נעבאַך געמוזט האַלטען, האָט זי דאָך איינפאַך געצוואונגען זיך נים אַריינצומישען אין דער פּאָליטיק איבער אַ האַלבען יאָהרהונדערט נאָכאַנאַנד. מיליאָנען און מיליאָנען מענשען, צונויפגעדריקט אין די גאַסען, ביי די פענסטער, אויף די באַלקאָנען, וואו ס'איז נור ערגעץ געווען אַ פּלאַץ,

האָבען געוואָלט ניט אַנדערש, נור זי זאָל זיין דער אַל־מעכטיגער זשעניע פון ענגלאַנד'ס הצלחה. די עפענטליכע היפּאָקריטססטוואָ האָט עס אפשר געפאָדערט, מחמת די אָפיציעלע פערגעטערונג פון דער קעניגין־קייזערין האָט ערלויבט דער נאַציאָן, אַז זי זאָל זיך גופא פערגעטערן. דאָך האָבען פיעל שטימען געפעהלט צו דעם דאָזיגען קאָנצערט: הונגעריגע אירלענדער האָבען אַרויסגעשטעלט די שוואַרצע פאָהן, און אין די שטעדט פון אינדיען האָט זיך דאָס פאָלק מחנות־ווייז געוואָרפען אויף די פּאַלאַצען און די קאַזארמעס.

עס קומען אָבער אַמאָל פאָר אומשטענדען, ווען דער לויב־געזאַנג פון דער רעגירונגס־מאַכט איז ניט אַזוי לעבערליך און אויף'ן ערשטען בליק ווייזט ער זאָגאַר אויס צו זיין פאָלשטענדיג בערעכטיגט. ס'קען זיך טרעפען, אַז א גוטער קעניג, — אַ „מאַרק אַורעלי". למשל, — אַ מינים־טער מיט אידעלע געפיהלען, אַ פילאַנטראָפישער בעאַמטער, מיט איין וואָרט, א מין „מלך של חסד", אַ ויאָהלטהעטיגער דעספּאָט זאָל אויסנוצען זיין אויטאָריטעט פאַר די אינטערעסען פון דער אָדער יענער קלאַסע פון פאָלק; ס'קען געמאָלט זיין, ער זאָל אויפטהאָן עפּעס וואָס איז נוצליך פאַר אַלעמען, ער זאָל אַרויסגעבען אַן אוקאַז, אָבצושאַפען אַ שלעכט געזעץ, אָדער ער זאָל זיך שטעלען אויף דער זייט פון די אונטערדריקטע, כדי זיך נוקם צו זיין אין די מעכטיגע אונטערדריקער. דאָס איז מעגליך; אָבער ווי גליקלי דאַלעס זאָל ניט אויספאַלען, זיינען דאָס פאָרט ניט מעהר ווי זעלטענע אויסנאַהמען. די גרויסע, די הערשער האָבען תמיד מעהר געלעגענהייט ווי יעדער אַנדערער צו מיסברויכען זייער לאַגע, מחמת זיי זיינען אַרומגערינגעלט פון מענשען, וועלכע זיינען פעראינטערעסירט זיי פאָרצו־

שטעלען אַלעס אין אַ פֿאַלשען ליכט. ווען זיי זאָלען אפילו אַרומגעהן פֿערשטעלטערהייט ביי נאַכט, אַזוי ווי דער אַראַ־בישער כאַליף „הארון אַל ראשיד", וועט זיי דאָך זיין אונמעגליך צו דערגעהן דעם ריינעם אמת, און ניט קוקענדיג אויף זייער גוטען ווילען, וועלען זייערע אוקאַזען דאָך דורכפֿאַלען ווייל באַלד פֿון אָנהויב וועלען זיי שוין אַראָבקריכען פֿון זייער ריכטיגען ציעל, אונטער דעם איינ־פֿלוס פֿון די קאַפּריזען, פֿון דער לאַנגזאַמקייט, פֿון די טעות'ן און פֿעהלערן, וואָס עס בעגעהען, ווילענדיג און ניט ווילענדיג, די בעאַמטע, וועלכע האָבען די אויפֿגאַבע אַלעס דורכצופֿיהרען, אַלעס אַרויסברייננגען מכח אל הפועל.

פֿאַרהאַן אָבער אויך אַזעלכע פֿעלע, וואו די הערשער, קעניגע, פֿירסטען אָדער געזעצגעבער טהוען ווירקליך עפּעס גוטעס אָדער לכל הפחות עטוואָס, וואָס איז ריין פֿון יעדע זייטיגע שלעכטע מחשבה. אָבער דאַן איז עס די עפֿענט־ליכע מיינונג, דער פֿאָלקס־געדאַנק, דער ווילען פֿון אונטען, וועלכע האָבען די הערשער געטריבען צו דער דאָזיגער טהאַט. די אינציאַטיווע פֿון די מאַכטהאָבענדע איז דאַן נור אַן אייסערליכע, ס'זעהט בלויז אויס, אַז זיי האָבען עפּעס אויפֿגעטהאָן; אין דער אמת'ן אָבער האָבען זיי געמוזט נאָכגעבען דעם דרוק, מחמת ער האָט געקענט ווערן גע־פֿעהרליך. אַזאַ דרוק איז אָבער נוצליך. די פֿאָלקס־מאַסע איז דאָס רוב שוואַנקענדיג: אָט אַרבייט זי אין אַ פּראָגרע־סיווער און אָט אין אַ רעגרעסיווער ריכטונג; פֿיעל עפּטער זאָגאַר אין אַ פּראָגרעסיווער ריכטונג, ווען די געזעלשאַפֿט געפֿינט זיך אין אַ צושטאַנד פֿון אַלגעמיינעם פֿאָרטשריט. די איצטיגע געשיכטע פֿון אייראָפּאַ, דער עיקר פֿון ענג־לאַנד, גיט אונז טויזענד ביישפּיעלען פֿון אַזעלכע מאַסרעגלען, וואָס שטאַמען אויף קיין פֿאַל ניט פֿון'ם גוטען ווילען פֿון

די נעזעצנעבער, נאָר וועלכע די אַנאָנימע מאַסע האָט מיט געוואַלד אַרויפגעלייגט אויף זיי: דער אונטערשרייבער פון אַ געזעץ, וועלכער האָט ביי דער געשיכטע אין די אויגען דעם גאַנצען פערדיענסט, איז אייגענטליך ניט מעהר ווי אַן איינפאַכער פערצייכנער פון בעשליסע, וואָס דאָס פאָלק, דער אמת'ער בעל הבית, האָט געפאַסט. אַז דאָס ענגלישע פאַרלאַמענט האָט אָבגעשאַפט די רעכטע איבער די תבואות, האָבען זיך די רייכע לייט, די גרויסע בעזיצער פון די פעלדער, וועמעס שטימען האָבען פערקלענערט זייערע אייגענע הכנסות, ניט אַזוי לייכט נעלאָזט איבעררייידען לטובת הכלל; נאָר דאָך האָבען זיי זיך ענדליך, געגען זייער אייגענעם ווילען, אונטערוואָרפען די דירעקטע פאָדערונגען פון דער מאַסע. פון דער אַנדער זייט ווידער, אין פראַנקרייך, ווען נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט אָנגענומען די געהיימע עצה פון רישאַרד קאָבדען און איינגעפיהרט אייניגע געזעצען וועגען פרייען אויסטויש, האָט איהם קיינער ניט אונטער־שטיצט, ניט זיינע מיניסטאָרען, ניט דאָס פאַרלאַמענט, ניט די פאָלקס־מאַסען; די געזעצע, וועלכע ער האָט געמאַכט, האָבען ניט געקענט לעבען, און זיינע נאָכפאָלגער, זעהענדיג די גלייכגילטיגקייט פון פאָלק, האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן די ערשטע בעסטע געלעגענהייט און איינגעפיהרט צוריק דאָס סיסטעם פון פראָטעקציאָניזמוס, צום גונסטען פון די רייכע פאַבריקאַנטען און די גרויסע אייגענטהימער.

אַז פערשיעדענע ציוויליזאַציאָנען קומען אין בעריה־רונג איינע מיט די אַנדערע, ווערן דורך דעם געשאַפען קאָמפּליצירטע צושטענדען, אין וועלכע מען קען זעהר לייכט אַ טעות האָבען און צושרייבען דער „שטאַרקער מאַכט" אַזאַ עהרע, וואָס שטאַמט נאָר אַרויס פון אַנדערע אורזאַכען. אָט אַזוי, למשל, מאַכט מען אַ גאַנצען וועזען

פון דעם וואס די ענגלישע רעגירונג האט פערבאטען אין אינדיען די „סוטטי“, דאס הייסט, אז די אלמנות זאלען זיך מקריב זיין און זיך לאזען פערברענען אויף די שייטערהויפענס פון זייערע מענער, בעת ווען מען וואלט אררבה געהאט א רעכט זיך צו וואונדערן, ווי אזוי די ענגלישע רעגירונג האט אזוי פיעל יאהרען נאכאנאנד און צוליעב אזעלכע ניט פיינע סבות זיך געשטעלט געגען דעם וואונש פון די בעסערע מענשען אין איראפא און אין אינדיען גופא, ניט דערלאזענדיג, אז מען זאל אבשאפען דיזע קרבנות. מען האט עס גאר ניט געקענט פערשטעהן ווי אזוי די רעגירונג האט זיך געמאכט פאר א מיטשולדיגערין פון א באנדע פינסטערע תלינים, דערמיט וואס זי האט ניט אבגעשאפט די בראהמאנישע מנהגים, וועלכע האבען ניט קיין שום אנדער סאנקציע, נאר די טעקסטען פון דעם בוך וועדא, וואס זיינען בלי שום ספק געפעלשט. ס'איז אמת, אז די אבשאפינג פון אזעלכע שווידערליכע מנהגים איז א גוטע טהאט, כאטש א ביסעל א פערשפעטיגטע, אבער וויפיעל שלעכטס קען מען דערצעהלען פון אט דערזעלבער „שיצענדער“ מאכט! וויפיעל דריקענדע שטייערן, וויפיעל נויט און עלענד, און אין דער הונגער־צייט, וויפיעל הונגעריגע האבען בעדעקט די גאסען און די וועגען מיט זייערע טויטע קערפער!

אזוי ווי יעדע געשעהעניש, יעדע פעריאדע אין דער געשיכטע האט צוויי זייטען, איז אונמעגליך צו אורטהיילען איבער זיי, זיי אבצושאצען אינאיינעם. דאס ביישפיעל פון דער רענעסאנס־צייט גופא, וועלכע האט געמאכט א סוף צום מיטעל־אלטער און צו דער נאכט, צו דער פינסטערקייט פון'ם געדאנק, ווייזט אונז, ווי אזוי צוויי רעוואלוציאנען קענען פארקומען אויף איינמאל, איינע ברייננט אבשטאר־

בונג, די צווייטע—פּראָגרעס. די רענעסאַנס-פּעריאָדע, וועלכע האָט איבער אַ נייס אויסגעפּונען די מאָנומענטען פון אַלטערטהום, וועלכע האָט בעפּרייט די וויסענשאַפט פון די אַבערגלויבישע פאָרמולעס און פון דאָס ניי אַרויפ־געפיהרט די מענשען אויף'ן וועג פון אונאייגענניציגע פאָרשונגען, — אָט דיזעלבע צייט האָט געהאַט אַלס רעזולטאַט דאָס אָבשטעלען זיך פון דער ארטיסטישער פּרייוויליגער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אַזוי וואונדערבאַר ענטוויקעלט אין משך פון די קאָמונען און פון די פרייע שטעדט. דאָס איז געווען אַזוי ווי אַ טייך, וועלכער צוגיסט זיך און מאַכט אַ תל פון אַלעס, וואָס געפינט זיך אויף די אַרומיגע פעלדער: מען האָט ווידער געמיזט אָנהויבען פון דאָס ניי, און וויפיעל מאָל האָט די באַנאַלע, אַלטעגריכע נאָכמאַכונג פון דעם אַלטערטהום פערנומען דעם פּלאַץ פון אַזעלכע ווערקע, וועלכע האָבען וויינינגסטענס געהאַט דעם פּערדיענסט, וואָס זיי זיינען געווען אָריגינעל!

אין איין צייט מיט דער ווידערגעבורט פון דער וויסענ־שאַפט און פון די קינסטע איז אין דער רעליגיעזער וועלט פאָרגעקומען די שפּאַלטונג פון'ם קריסטענטהום, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבען רעפאָרמאַציאָן. אַ לאַנגע צייט האָט מען נעגלויבט, אַז די דאָזיגע רעוואָלוציאָן איז איינער פון די וואָהלטהעטיגע קריזיסען, ווייל מען האָט געהאָפט, אַז פין איהר וועט אַרויסשפּראָצען דאָס רעכט פון דער אינדיווידועלער איניציאַטיווע, די עמאַנציפּאַציאָן פון די גייסטער, וועמען די גלחים האָבען געהאַלטען אין שקלאַפישער איגזויסענהייט, מען האָט געמיינט, אַז פון איצט אָן וועלען שוין די מענשען זיין זייערע אייגענע הערען, אַלע וועלען זיין גלייך דורך דער אונאַבהייננגיגקייט פון דעם געדאַנק. אָבער איצט ווייסט מען שוין, אַז די רעפאָר־

מאַציאָן האָט איינגעאָרדענט נייע אויטאָריטערע קירכען אַנטקעגען דער קאַטוילישער, וועלכע האָט ביז דאַן געהאַלטען אין איהרע הענד דעם מאָנאָפּאָל פֿון דער אינטעלעקטועלער קנעכטשאַפֿט. די רעפֿאָרמאַציאָן האָט בלויז איבערגעביטען די בעלי בתים זי האָט איבערגעגעבען די רייכטהימער און די קירכליכע הכנסות צו אַ נייער מאַכט אין די הענד, און פֿון ביידע זייטען זיינען אויסגעוואַקסען אָרדענס, יעזואיטישע און אַנטי־יעזואיטישע, וועלכע האָבען עקספּלואַטירט דאָס פֿאָלק אונטער נייע פֿאָרמען. לוטהער און קאַלווין האָבען מכח די, וועלכע זיינען ניט געווען מיט זייער מיינונג, געערדט מיט דערזעלבער גרויזאַמער, אונטאָלעראַנטער שפּראַך ווי דער הייליגער דאָמיניקוס, אינאָצענט דער דריטער און זייער גלייבען. אַזוי ווי די מאַכער פֿון דער אינקוויזיציאָן האָבען זיי אויך שפּיאָנירט, געוואָרפֿען אין תפיסה, גע'הרג'עט, געברענט; דער עיקר פֿון זייער לעהרע איז אויך בעשטאַנען אין דעם, אַז מען דאַרף זיין געהאָרכזאַם די קעניגע און די פֿערטייטשער פֿון „גאָט'ס וואָרט".

פֿערשטעהט זיך, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַן אונטערשיעד צווישען דעם פּראָטעסטאַנט און קאַטאָליק, (כ'רייד מכח די, וואָס זיינען טאַקי אויפֿריכטיג, ניט בלויז צוליעב פֿאַמיליען־בעקוועמליכקייט), דער קאַטאָליק איז מעהר נאַאיווגלויביג, קיינע נסים ונפלאות קענען איהם וואונדערן; דער פּראָטעסטאַנט איז שוין אַ שטיקעל אויסקלייבער, פֿאַרהאַן וואונדער וואָס ער בראַקירט אוים, דערפֿאַר אָבער האַלט ער זיך שטאָל און אייזען ביי די, וועלכע ער מיינט, אַז ער האָט זיי גוט אונטערזוכט און אויסגעפֿאָרשט; ער קוקט אויף זיין רעליגיאָן ווי אויף אַ פּערזענליך ווערק, ווי אויף עטוואָס, וואָס זיין אייגענער שכל האָט בעשאַפֿען. אַז דער קאַטאָליק הערט אויף צו גלויבען, הערט ער אויך אויף צו

זיין אַ קריסט; דער פּראָטעסטאַנט אָבער, וועלכער הויבט אָן נאָכצודיינקען און הויבט אָן אַנדערש אויסצוליינען „גאָט׳ס וואָרט", טרעט אַריין אין אַ נייע סעקטע; ער בלייבט אַ תלמיד פון קריסטוס׳ן. ער איז אַ מיסטיקער, וואָס לאָזט זיך ניט בעקעהרען. און ער האַלט זיך פעסט ביי דער אילוזיאָן פון זיין אורטהייל. די פעלקער אונטערשיידען זיך, אַקוראַט ווי איינצעלנע אינדיווידוען, לויט דער רעליגיאָן וואָס זיי האַלטען און וועלכע דורכדרינגט מעהר אָדער וועניגער זייער מאָראַלישעס וועזען. די פּראָטעסטאַנט׳ען האָבען ווירקליך מעהר איניציאַטיווע און מעהר מעטהאָדע אין זייער אויפפיהרונג, אָבער אַז די מעטהאָדע ווערט גע־ברויכט אויף שלעכטס, ווענדען זיי זי אָן גאָר אָהן רחמנות. מען דאַרף זיך נור דערמאָנען מיט וואָס פאַר אַ רעליגיעזען פייער די נאָרד־אַמעריקאַנער האָבען אויפגעהאַלטען די שקלאַפעריי פון די אַפריקאַנער אַלס אַ „געטליכע אינס־טיטוציאָן".

נאָך אַ קאָמפּליצירטע עפּאָכע איז די צייט פון דער גרויסער עוואָלוציאָנס־עפּאָכע, פון וועלכער די אַמעריקאַנישע און פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנען זיינען געווען די בלוטיגע פאָלגען. דאָ וויינגסטענס, שיינט עס, איז דער אומבייט געווען אין גאַנצען צו גונסטען פון׳ם פאָלק, און אָט די גרויסע מאָמענטען פון דער געשיכטע דאַרפען גערעכענט ווערען אַלס די פעריאָדען, וועלכע האָבען געלייגט דעם יסוד פאַר דער נייער געבורט פון דער מענשהייט! די מיט־גליעדער פון דעם קאָנווענט האָבען געוואָלט אָנהויבען די געשיכטע פון׳ם ערשטען טאָג אָן וואָס דער קאָנווענט האָט זיך געבילדעט; עפּעס אַזוי ווי די פריהערדיגע יאָהר־הונ־דערטע וואָלטען גאָרניט עקזיסטירט, פּונקט ווי דער פּאָליטישער מענש וואָלט ווירקליך געקענט רעכענען זיין

אורשפּרונג, זיין סאַמע אָנפֿאַנג פֿון דער מינוט וואָס זיינע רעכטע זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען. אמת, דיזע צייט איז אַ גרויסע עפּאָכע אין דעם לעבען פֿון די פֿעלקער. אַן אונגעהייער גרויסע האָפֿנונג האָט זיך דאַן פֿערשפּרייט איבער דער וועלט; דער פֿרייער געדאַנק האָט זיך אַ הויב געטהאָן מיט אַזאַ שוואונג, ווי נאָך קיינמאָל ניט פֿאַר דעם; די וויסענשאַפֿטען האָבען זיך בענייט, דער גייסט פֿון ענטדעקונג האָט אונענדליך פֿערגרעסערט די גרענעצען פֿון דער וועלט, און קיינמאָל האָט מען נאָך ניט געזעהען, אז אַזאַ גרויסע צאָהל מענשען. ווען דער אידעאַל האָט פֿאָלשטענדיג איבערגעאַנדערשט, זאָלען מיט אַזאַ פֿרייוויליגקייט מקריב זיין זייער לעבען. ערשט איצט זעהען מיר אַז אָט די רעוואָלוציאָן איז ניט געווען קיין אַלגעמיינע; זי א'ז געווען אַ רעוואָלוציאָן פֿון עטליכע פֿאַר עטליכע. דאָס מענשען־רעכט, דער פּרינציפּ פֿון דיזער רעוואָלוציאָן, איז געבליעבען אַ ריין טהעאָרעטישע פֿראַזע: די גאַראַנטיע פֿון פּריוואַט־אייגענטהום, וועלכע מען האָט פּראָקלאַמירט אין דערזעלבער צייט, האָט פֿון דעם גאַנצען רעכט געמאַכט אַ גאָרנישט. אַ נייע קלאַסע פֿון גיעריגע לעבע־מענשען האָט זיך גענומען צום ראַבעווען, די בורזשואַזיע האָט פֿערנומען דעם פּלאַץ פֿון דער אָבגעניציוועטער, אויסגעשפּילטער קלאַסע, וועלכע איז געוואָרען סקעפּטיש און פּעסימיסטיש, — פֿון דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע; און די נייע חברה האָט זיך אַ נעהם געטהאָן צו דער אַרבייט מיט אַזאַ מין פֿייער און מיט אַזעלכע קענטעניסען, וואָס די פֿריהערדיגע הערשענדע קלאַסען האָבען קיינמאָל ניט געהאַט, צו עקספּלואַטירען די בעזיצלאָזע, אָרעמע מאַסע. אין נאָמען פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט זיינען בעגאַנגען געוואָרען אַלערליי נידעריגע פֿערברעכען. אום כלומר'שט צו

בעפֿרייען די וועלט האָט נאַפּאָלעאָן געשלעפּט נאָך זיך אַ מיליאָן מערדער; בכדי צו שאַפֿען דאָס גליק פֿון זייער פֿאָטערלאַנד, האָבען די קאַפּיטאַליסטען איינגעשטעלט אונגעהייערעס אייגענטהום, געבויט גרויסע פֿאַבריקען, געמאַכט די שטאַרקסטע מאָנאָפּאָלען, וועלכע האָבען ווידער איינגעפֿיהרט די אַלטע שקלאַפֿעריי אונטער אַ נייע פֿאָרמע.

אויף אַזאַ'ן אופֿן זעהען מיר, אַז די רעוואָלוציאָנען האָבען שטענדיג געהאַט אַ דאָפּעלטע ווירקונג: די געשיבטע גיט אונז, אַזוי צו זאָגען, אין אַלצדינג די רעכטע און די לינקע זייט. דעריבער דאַרפֿען יענע, וואָס ווילען ניט אָבקומען מיט קיין ווערטער, שטודירען אַלעס מיט אַן אויפֿמערקזאַמען קריטישען בליק, זיך גוט צופֿרעגען ביי די מענשען, וועלכע זיינען איבערגעגעבען אונזער זאַך. ס'איז ניט גענוג סתם אין דער וועלט אַריין צו שרייען: רעוואָלוציאָן, רעוואָלוציאָן! און שוין נאָכלויפֿען דעם, וואָס קען אונז מיטשלעפּען מיט זיך. פֿערשטעהט זיך, עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז דער אונוויסענדער פֿאָלגט זיין אינסטינקט: דער דומער בופֿלאָקס וואַרפֿט זיך אויף אַ רויטע שמאַטע, און דאָס שטענדיג אונטערדריקטע פֿאָלק וואַרפֿט זיך, ווי אַ ווילדע חיה, אויף דעם ערשטען בעסטען, וואָס מען ווייזט איהם אָן. יעדע רעוואָלוציאָן האָט אין זיך תמיד גוטעס, ווען זי ווערט געמאַכט געגען אַ הערשער, אָדער געגען אַ רעזשים פֿון אונטערדריקונג; אָבער אויב זי מוז אַרויסרופֿען אַ נייעם דעספּאָטיזמוס, דאַן דאַרף מען זיך שטעלען די פֿראַגע, צי איז ניט בעסער איהר צו געבען אַן אַנדער ריכטונג. די צייט איז שוין געקומען, ווען מען דאַרף זיך בענוצען בלויז מיט ציעל־בעוואוסטע קרעפֿטען; די עוואָלוציאָניסטען, וועלכע זיינען ענדליך געקומען צו דעם פֿאָלשטענדיגען בעוואוסטזיין פֿון דעם, וואָס זיי ווילען

רעאַליזירען אין דער קומענדער רעוואָלוציאָן, האָבען אַנ־דערע זאַכען צו טהאָן איידער אויפצוהויבען די אונצופריע־דענע און זיי אַריינוואַרפען אין דעם געשלעג, אָהן אַ ציעל און אַ שום וועג־ווייזער.

מען קען זאָגען, אַז ביז איצט איז קיין רעוואָלוציאָן לחלוטין נ׳ט געווען פערנינפטיג בעגרינדעט, און דערפאַר טאַקי האָט קיין איינע ניט פאָלשטענדיג געזיעגט. אָט די אַלע גרויסע בעוועגונגען זיינען אָהן אַ שום איסנאַהמע גע־מאַכט געוואָרען פון דעם אונבעוואוסטען המון, וועלכער איז אַריינגעשלעפט געוואָרען אין זיי; און אַזוי ווי די אַלע בעוועגונגען זיינען דיריגירט געוואָרען פון פערשיעדענע פיהרער, האָבען פון זיי נוצען געהאַט נור די פיהרער, וואָס זיינען געװען געשיקט גענוג זיך צו האַלטען קאַלטבלוטיג. אַזוי איז די רעפאָרמאַציאָן געמאַכט געוואָרען בלויז פון איין קלאַסע, און אָט די קלאַסע האָט צונויפגעקליבען די פרוכט פון איהרעטװעגען; איין קלאַסע האָט געמאַכט די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציאָן און זי ניצט אויס די פראָפיטען פאַר זיך, פערגעסענדיג אין גאַנצען אָן די אונגליקליכע, וועלכע האָ־בען איהר געדיענט, אום איהר צו פערשאַפען דעם זיעג. און איצט אפילו, אין אונזער צייט, האָבען מיר דעם „פער־טען שטאַנד", וועלכער פערגעסט זיך גאָר אין די בויערן, די אַרעסטאַנטען, די טרעמפס, די אַרביימס־לאָזע, מיט איין וואָרט אָן אַלע, וואָס געהערען גאָר צו קיין שום קלאַסע ניט; ווער קען ערב זיין, אַז אָט דער „פערטער שטאַנד" זאָגאַר וועט זיך ניט בעטראַכטען פאַר אַ בעזונדער קלאַסע און אַרבייטען ניט פאַר דער גאַנצער מענשהייט, נאָר פאַר זיינע וועהלער, פאַר זיינע קאָאָפעראַטיווען און פאַר זיינע געלד־געבער ? !

יעדע רעוואָלוציאָן האָט זיך איהר מאָרגען. נעכטען האָט מען דאָס פֿאָלק געשטופּט אין שלאַכט, אויף מאָרגען האָט מען איהם איינגערעדט, ער זאָל איינהאַלטען זיין גרים-צאָרן, ער זאָל זיין פֿערנינפֿטיג; נעכטען האָט מען איהם פֿערזיכערט, אַז דער אויפשטאַנד איז די הייליגסטע פֿליכט זיינע, און אויף מאָרגען האָט מען איהם געפּריידיגט, אַז „דער קעניג איז די בעסטע רעפּובליק", אָדער אַז די פֿאָלקאָמענע איבערגעבענהייט בעשטעהט אין דעם, „מקריב צו זיין דריי מאָנאַט פֿון עלענד און נויט פֿאַר דער געזעל-שאַפֿט", אָדער גאָר, אַז קיין שום וואַפֿען קען ניט העלפֿען אַזוי גוט ווי דער שטים-צעטעל. פֿון איין רעוואָלוציאָן צו דער אַנדערער איז דער גאַנג פֿון דער געשיכטע עהנליך צו דעם לויף פֿון אַ טייך, וועלכער שטעלט זיך פּלעצער-ווייז אָב דורך די שליוזען, וואָס קומען איהם אין וועג. יעדע רעגירונג, יעדע זיגענדע פּאַרטיי סטאַרעט זיך איינ-צוהאַלטען דאָס וואַסער און עס אויסנוצען רעכטס און לינקס אין איהרע פֿעלדער אָדער אין איהרע מיהלען. די האָפֿנונג פֿון די רעאַקציאָנערן בעשטעהט אין דעם, אַז עס וועט שטענדיג אַזוי זיין, און דאָס דומע פֿאָלק וועט זיך, אַזוי ווי די שאָף, תמיד לאָזען אַראָבפֿיהרען פֿון רעכטען וועג, וועט זיך כסדר לאָזען פֿערפֿיהרען פֿון פֿעהיגע סאָל-דאַטען און פֿון אַדוואָקאַטען מיט גלאַטע צינגלאַך.

אָט די אייביגע בעוועגונג, וועלכע ווייזט אונז אין דער פֿערגאַנגענהייט אַ רייהע פֿון טיילוויז ניט-געלונגענע רעוואָלוציאָנען; די אונענדליכע אַרבייט פֿון גאַנצע דורות, וואָס קייקלען זיך אָהן אַן אויפֿהער איבער דעם פֿעלז, וועל-כער צושמעטערט זיי; אָט די איראָניע פֿון׳ם שיקזאַל, וועל-כע ווייזט אונז, ווי אַזוי געפֿאַנגענע צוברעכען כלומר׳שט זייערע קייטען, כדי זיך פֿון דאָס ניי צו לאָזען שמידען,

— דאָס אַלצדינג איז די אורזאַכע פֿון אַ גרויסען מאָראַלי־שען מיש־מאַש. אויך צווישען אונזערע אייגענע האָבען מיר געזעהן אזעלכע, וועלכע האָבען פֿערלוירען די האָפֿנונג און זיינען מיעד געוואָרען נאָך איידער זיי זיינען אריין אין קאַמפּף, און דאַן זיינען זיי זיך געזעסען מיט צונויפֿגעלייגטע אָרעמס, האָבען זיך אין גאַנצען איבערגעבען דעם שיקזאַל אין די הענד און פֿערלאָזען זייערע ברידער. דאָס איז גע־קומען דערפֿון, וואָס זיי האָבען ניט פֿערשטאַנען, אָדער בלויז האַלב פֿערשטאַנען: זיי האָבען נאָך ניט געזעהען אויף קלאָהר דעם וועג, וועלכען זיי האָבען געדאַרפֿט געהן, אָדער זיי האָבען געהאָפֿט, אַז דאָס שיקזאַל וועט זיי אַהין אַריבערטראָגען, אַזוי ווי אַ שיף, וואָס ווערט געטריבען פֿון אַ גוטען, גינסטיגען ווינד; זיי האָבען געמיינט, אַז זיי וועט זיך איינגעבען צו דערגרייכען וואָס עס איז ניט דורך דעם בעקענען זיך מיט די נאַטור־געזעצען, מיט דער געשיכטע, ניט דורך זייער שטאַרקען, האַרטען ווילען, נאָר דורך מזל אָדער דורך אונבעשטימטע ווינשע; זיי זיינען אָקוראַט ווי די מיסטיקער, וואָס געהען, דוכט זיך, אויף דער ערד און דאָך ריידען זיי זיך איין, אַז זיי פֿיהרט אַ גלענצענדער שטערן אין הימעל.

שרייבער, וועלכע פֿיהלען זיך גאַנץ גוט אין דער הויכער פּאָזיציע, אין וועלכער זיי געפֿינען זיך, און ווענען די פֿאָלקס־אונרוהען פֿילען אָן מיט אַ פֿאָלשטענדיגער פֿער־אַכטונג, זאָגען, אַז די מענשהייט וועט זיך אייביג אַזוי בעוועגען אין אַ קרייז, אָהן אַן אויסגאַנג און אָהן אַ שום סוף. נאָך זייער שכל נאָך קומט אויס, אַז „דער עולם — דער גולם", וועלכער וועט קיינמאָל ניט זיין פֿעהיג נאָכצו־דיינקען, געהערט שוין פֿון פֿאָראויס צו די דעמאַגאָגען, און די דעמאַגאָגען, לויט זייער אינטערעס, וועלען פֿיהרען אָט

די מאַכען פֿון טהאַט צו רעאקציאָן, דערנאָך פֿון דאָס נײַ אין אַן אַנדער, אומגעקעהרטער ריכטונג. און ווירקליך, פֿון דער מאַסע פֿון איינצעלנע מענשען, צונויפֿגעדריקט איינע אויף די אַנדערע, ווערט לײַכט געשאַפֿען אַן אַלגעמיינע זעעלע, וואָס איז פֿאָלשטענדיג אונטערוואָרפֿען איין און דיזעלבע לײַדענשאַפֿט, ווערט הינגעריסען מיט דיזעלביגע ענטהוזיאַסטישע געשרייען, מיט דעמזעלבען ליאַרם, פֿאָרשטעלענדיג מיט זיך איין אײַנציגען ווזען מיט טויזענד שרעקליכע קולות פֿון ליעבע און האַס. אין אַ פּאָר טאָג, אין עטליכע שעה שלעפּט דער שטראָם פֿון די געשעהענישען אַרײַן די זעלביגע מאַסע אין אַזעלכע מאַניפֿעסטאַציעס, וועלכע זײַנען איינע דער היפוך פֿון דער אַנדערער: אָט פֿערגעטערט זי, די דאָזיגע מאַסע, און פֿלוכט זי. יענע פֿון אונז, וועלכע האָבען געקעמפֿט פֿאַר דער קאָמונע, קענען די שרעקליכע כוואַליעס פֿון'ם מענשליכען ים. ביים אָנפֿאַנג, אַז מיר האָבען זיך אַרויסגעלאָזט די ערשטע אין קאַמפּף, איז מען אונז נאָכגעגאַנגען מיט ריהרענדע בעגריסונגען, טרעהרען פֿון בעוואונדערונג האָבען געגלענצט אין די אויגען, פֿריידע-געשרייען האָבען זיך געהערט, די פֿרויען האָבען געוואָרפֿען זייערע טיכלאַך אין דער לופֿטען פֿאַר בעגייסטערונג. אָבער ווי אַזוי האָט מען אויפֿגענומען די נעכטיגע העלדען, וועלכע זײַנען לעבען געבליבען און צוריקגעקומען ווי געפֿאַנגענע צווישען צוויי שורות פֿון סאָלדאַטען?! אין פֿיעל קוואַרטאַלען פֿון דער שטאָדט איז דאָס פֿאָלק בעשטאַנען פֿון דיזעלבע מענשען, אָבער וואָס פֿאַר אַ פֿאָלשטענדיגער קאָנטראַסט אין זייערע געפֿיהלען און אין זייער האַלטונג! וואָס פֿאַר מורא'דיגע געשרייען, וועלכע ווילדע קולות! וואָס פֿאַר אַן אכזריות איז געלעגען אין די ווערטער פֿון האַס: „צום טויט! דערשיסען אויף טויט! אויף דער גיליאָטינע!"

יערענפֿאַלס דאַרף מען מאַכען אַן אונטערשיעד צווי־
שען מאַסע און מאַסע. דאָס קאָלעקטיווע געוויסען, וואָס
איז צונויפֿגעשטעלט פֿון טויזענד אינדיווידועלע געוויסענס,
דערקענט, נאָך דער נאַטור נאָך פֿון זיין בעגייסטערונג,
אויב דאָס וואָס איז געטהאָן געוואָרען איז ווירקליך גוט.
איבריגענס, דאָס איז זיכער, אַז די צאָהל פֿון די מענשען,
וואָס האַלטען שטאָלץ זייער אינדיווידואַליטעט און וועלכע
בלייבען זיי אַליין, מיט זייערע פערזענליכע איבער־
ציינונגען, מיט זייער אייגענער אַרט אויפֿפֿיהרונג, — אַז
די צאָהל פֿון די דאָזיגע מענשען וואַקסט און פֿערמעהרט
זיך אויף ווי וויט עס וואַקסט דער מענשליכער פּראָגרעס.
צייטענווייז איז די צאָהל פֿון די דאָזיגע מענשען, וועמעס
געדאַנקען שטימען איין, אָדער זיינען ווייניגסטענס נאָהענט
איינע צו די אַנדערע, גרויס גענוג, אום צו מאַכען פֿאַר זיך
אַליין פֿערזאַמלונגען, וואו די ווערטער וואָס זיי ריידען און
די ווינשע וואָס זיי דריקען אויס, זיינען אין אָנקלאַנג איינע
מיט די אַנדערע; ס'איז קיין צווייפֿעל ניט, אַז די נאַטיר־
ליכע אינסטיקטען, די ניט־איבערלייגטע געוואוינהייטען
קענען אַמאָל אַרויספּלאַצען, אָבער נור אויף א קורצע צייט,
און די פערזענליכע ווירדע נעהמט ווייטער די אויבערהאַנד.
אָט די פֿערזאַמלונגען זיינען גאָר פֿערשיעדען פֿון די ליאַר־
מענדע מאַסען, וועלכע זינקען אַראָב ביז דער שטופֿע פֿון
חיות. נאָך דער צאָהל נאָך האָבען זיי דעם אויסזעהן פֿון
דער מאַסע, אָבער נאָך דער האַלטונג זייערער זיינען עס
גרופּען פון אינדיווידוען, וואָס בלייבען זיי אַליין דורך
דער פערזענליכער איבערצייגונג, בילדענדיג אַלע אינאיינעם
איין העכערן וועזען, בעוואוסט איבער זיין ווילען, ענט־
שלאָסען אין זיין טהאַט. מען האָט אָפֿטמאָל פֿערגליכען ד
מאַסען מיט אַרמעען, וואָס ענטוועדער זיי ווערן הינגעריסע

דורך דעם קאָלעקטיווען וואהנזינן פֿון העלדישקייט, אָדער זיי צולויפֿען זיך אין אַלע זייטען פֿאַר שרעק; אָבער עס פֿעהלען אויך ניט אין דער געשיכטע קיין ביישפּיעלע פֿון שלאַכטען, אין וועלכע ענטשלאָסענע, מוטה׳יגע און איבער־צייגטע מענער האָבען געקעמפּפֿט ביז דער לעצטער מינוט, פֿאָלקאָם בעוואוסט און פֿעסט איבערצייגט אין דעם וואָס זיי ווילען.

ס׳איז קיין ספק ניט, אַז די מאַסען האָבען נאָך עד היום ניט אויפֿגעהערט זיך וואַרפֿען אַלע מאָל אויף אַן אַנ־דער זייט, אָבער אויף ווי ווייט דאָס קען געהן: דאָס בלייבט פֿאַר די עראייגניסע אונז צו זאָגען. כדי פעסטצושטעלען דעם פּראָגרעס, וואָלט מען געמוזט וויסען, אויף וויפֿיעל די צאָהל פֿון די מענשען, וואָס דיינקען און וועלכע האָבען זיך אויסגעאַרבייט אַ געוויסען וועג פֿון אויפֿפֿיהרונג, האָט זיך פֿערגרעסערט אין׳ם לויף פֿון דער געשיכטע. אַזאַ סטאַטיסטיק איז אָבער אונמעגליך, מחמת דעם וואָס אפילו צווישען די וועלט־בענייער גופא זיינען פֿאַרהאַן אסך, וועלכע זיינען בלויז בריות מיט דער צונג און לאָזען זיך פֿיהרען פֿון זייערע חברים, וועלכע זיינען יונג אין געדאַנק. פֿון דער אַנדער זייט איז אויך גרויס די צאָהל פֿון יענע, וואָס זייער פּאָזיציע אָדער זייער פּוסטער שטאָלץ שטופּט זיי זיך אַוועקצושטעלען אַזוי ווי פֿעלזען געגען דעם שטראָם פֿון דער צייט, און דאָך קענען זיי זיך ניט האַלטען אויף די פֿיס און ענדערן, ניט ווילענדיג, זייערע געדאַנקען אין זייער שפּראַך. וואו וועט איהר עס געפֿינען היינט אַ מענ־שען, וואָס זאָל אין אַן אויפֿריכטיגען געשפּרעך ניט זיין געצוואונגען צו אַנערקענען זיך מעהר אָ־ער וויי־נגער פֿאַר אַ סאָציאַליסט? שוין דורך דעם גופא וואָס ער וויל זיך אָב־געבען רעכנונג מכח די טענות פֿון דעם געגנער, איז ער

אַלס אָרענטליכער מענש, געצוואונגען זיי צו פערשטעהן און אויף וויפיעל עס איז זיין מיט זיי איינפערשטאַנען, זיי אַריינגעהמען אין כלל פון דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפט. די לאָגיק אַליין פאָדערט פון איהם, ער זאָל איינפאַסען יענעם׳ס אידעען אין זיין אייגענע.

ביי אונז רעוואָלוציאָנערען דאַרף אויך זיין אַזוי: מיר דאַרפען אויך זוכען עהרליך און אויפריכטיג צו בעגרייפען די אידעען פון די, וואָס מיר בעקעמפפען; מיר מוזען זיך בעקענען מיט דיזע אידעען, זיי מאַכען, אַזוי צו זאָגען, פאַר אונזערע, אָבער נור כדי זיי צו געבען זייער אמת׳ן זינן. אַלע מיינונגען און אורטהיילען פון אונזערע געגנער, וואָס האַלטען זיך ביי זיערע אַלטע, אָבגעלעבטע טהעאָריען, מוזען נאַטירליך אַוועקגעשטעלט ווערן אויף זייער ריכטי־גען פלאַץ, אין דער פערגאַנגענהייט, ניט אין דער צו־קונפט. זיי געהערען צו דער פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע.

III.

אינסטינקטיווע רעוואָלוציאָנען. — די מאַסען. — די בעוואוסטע רעוואָלוציאָנען פאָלגען די אינסטינקטיווע אויפשטענדע. — הויף רעוואָלוציאָנען און פאַרטיי פערשווערונגען. — די פּאָליטיקער.

די צייט, ווען אַלעס האָט זיך געטהאָן אינסטיקטיוו, איז שוין פערביי; די רעוואָלוציאָנען וועלען שוין מעהר ניט זיין קיין צופעליגע, מחמת די רעוואָלוציאָנען ווערן וואָס ווייטער אַלץ בעוואוסט־זיניגער און מעהר איבערלעגט. פון תמיד אָן האָט די חיה אָדער דאָס קינד געשריען, ווען מען האָט זיי געשלאָגען; זיי האָבען געגעבען צוריק אַ קלאַפּ אָדער געענטפערט מיט וואָס פאַר עס איז בעוועגונג אויף דעם אָנגריף, וואָס מען האָט אויף זיי געמאַכט. די פיהלענדע בלום ציהט צונויף איהרע בלעטלאַך, ווען איהר ריהרט זי נאָר אָן. אָבער ס'איז אַ גאַנץ ווייטער חילוק צווישען די מאָמענטאַנע רעוואָלטען און דעם מעטהאָדישען, זיכערן קאַמפּף געגען דער אונטערדריקונג. אַמאָל האָבען די פעלקער געזעהן, ווי די געשעהענישען קומען איינע נאָך די אַנדערע, ניט זוכענדיג דערביי קיין שום אָרדנונג; איצט אָבער ווילען זיי וויסען, וואָס פאַר אַ שייכות איינע האָט צו דער אַנדערער; זיי שטודירען די גרויזאַמע לאָגיק פון די עראייגניסען און הויבען אָן צו פערשטעהן, אַז אויך זיי מוזען געהן אויף אַ געוויסען בעשטימטען וועג, אום זיך צוריק צו געווינען. די סאָציאַלע וויסענשאַפט, וועלכע דייטעט אָן די אורזאַכען פון דער שקלאַפעריי און אויך די

מיטלען, ווי זיך צו בעפרייען פון איהר, ווארפט ביסלעכ־ווייז אראב פון זיך דעם כאאס פון מיינונגען, וואס זיינען זיך סותר איינע די אנדערע.

דאס ערשטע, וואס די דאזיגע וויסענשאפט האט קלאהר געמאכט, איז, אז קיין רעוואלוציאן קען ניט פארקומען אהן אן עוואלוציאן, וועלכע איז געווען פאר איהר. ס'איז אמת, אז די אלטע געשיכטע דערצעהלט אונז מיליאנען מעשיות פון אזעלכע מינים „הויף רעוואלוציאנען", דאס הייסט די איבערבייטונג פון איין קעניג דורך אן אנדערן, פון איין מיניסטער אדער פון איין געליעבטע דורך אן אנדער ראטה־געבער אדער א נייע מעטרעסע. אבער אזוי ווי אזעלכע ענדערונגען האבען קיין שום סאציאלען ווערטה ניט און באמת'ן האבען זיי נאר צו טהאן מיט איינצעלנע אינדיווי־דוען, פלעגען זיי דורכגעפיהרט ווערן אזוי, אז די מאסע פון פאלק האט זיך ניט אנגעהויבען אינטערעסירען ניט מיט דעם געשעהעניש און ניט מיט זיינע פאלגען: מען האט בלויז געדארפט דינגען א מערדער מיט א שארפען קינ־זשאל, און אויף'ן טראהן איז שוין געזעסען אן אנדערער. פערשטעהט זיך, אז דער קאפריז פון'ם קעניג האט דאן געקענט אריינשלעפען די מלוכה און די מאסע אונטער־טהאנען אין אזעלכע צרות, וואס מען האט גאר ניט גע־קענט פאראויסזעהן, אבער דער גרויסער עולם, געוואוינט צו זיין געהארכזאם און טריי, האט זיך נאר געדארפט ריכטען נאך'ן ווילען פון אויבען. ער האט זיך ניט אריינ־געמישט, קיינמאל קיין דעה ניט געזאגט אין אזעלכע זאכען, וואס האבען איהם אויסגעוויזען צו הויך פאר זיין פראסטען שכל. דעסגלייכען אין א לאנד, וואו צווי געגנערישע פא־מיליען מיט זייערע אריסטאקראטישע און בורזשואזע פאר־טייען האבען זיך געקריגט איבער'ן טראהן, האט נאך א

בלוט־באָד געקענט כלוטר'שט פּאָרקומען א „רעוואָלוציאָן":
אַ באַנדע מערדער, וועמען דאָס גליק האָט גראָד אָבגע־שפּיעלט, האָט פֿערכאַפּט דעם ביינקעל און איבערגעביטען דעם פערזאָנאַל פֿון דער רעגירונג; וואָס האָט עס אָבער געהאַט צו טהאָן מיט דעם אונטערדריקטען פֿאָלק? ענדליך, אין אַ שטאַאַט, וואו די גאַנצע ממשלה איז שוין ניט גע־לעגען אין איין האַנד, וואו עס זיינען שוין געווען קלאַסען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעריסען איבער איהר, און גאָר אונטען אַ המון, וואָס האָט קיין שום רעכט ניט געהאַט און איז שוין פֿון פֿאָראויס פֿעראורטהיילט געווען זיך צו אונטערוואַרפֿען דער זיעגענדער קלאַסע, — דאָרט איז נאָך אויך מעגליך געווען, עס זאָל פֿאָרקומען אַ גאַסען־קאַמפּף מיט באַריקאַדען און צולעצט אַ נייע פּראָוויזאָרישע רע־גירונג.

אָבער אַזעלכע נייע פּראָבעס וואָלטען זיך שוין ניט געקענט איינגעבען אין אונזערע שטעדט, וועלכע זיינען פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין לאַגערן, און וואו עס געפֿינען זיך קאַזאַרמעס, וואָס זיינען אייגענטליך גאַנצע פֿעסטונגען; דעריבער זעהען מיר, אַז די לעצטע „רעוואָלוציאָנען" פֿון דעם סאָרט האָבען געפֿיהרט נאָר צו אַ מאָמענטאַנעם ער־פֿאָלג. אַזוי האָט זיך פֿראַנקרייך אין 1848 הינקענדיג נאָכגעשלעפּט נאָך יענע, וועלכע האָבען פּראָקלאַמירט די רעפּובליק, ניט וויסענדיג וואָס דאָס וואָרט בעדייט, און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער ערשטער בעסטער געלעגענ־הייט, אום אַלעס צוריקצופֿיהרען צום אַלטען. די בויערן־מאַסע, ביי וועמען מען האָט גאָר קיין עצות ניט געפֿרעגט און וועלכע האָט פֿונדעסטוועגען פֿאָרט אויסגעדריקט איהר מיינונג, ווי ניט־קלאָהר, אונבעשטימט און אונפֿאָרמיג ס'איז ניט געווען, — אָט די בויערן־מאַסע האָט גענוג דייטליך

ערקלעהרט, אַז אַזוי ווי איהר עוואָלוציאָן איז נאָך ניט דורכגעמאַכט, ווייל זי ניט וויסען פֿון קיין רעוואָלוציאָן; און מאַקי מחמת דעם איז די רעוואָלוציאָן געבוירען געוואָרען פֿאַר דער צייט. עס זיינען נאָך ניט אריבער קיין גאַנצע דריי חדשים זינט דעם אויסברוך, און די וועהלענדע מאַסע האָט צוריק איינגעפֿיהרט דעם געוועהנליכען רעזשים, צו וועלכען איהר שקלאַפֿען־נשמה איז נאָך געווען צוגעוועהנט: אַקוראַט ווי אַ לאַסט־פֿערד, וואָס שטעלט אַליין אוים זיין צוואווייטאָגטען רוקען, מען זאָל אויף איהם אַרויפֿלייגען די משא. די „רעוואָלוציאָן" פֿון דער קאָמונע ווידער, וועלכע איז געווען העכסט בערעכטיגט און געטריבען דורך די אומשטענדען, האָט אויך ניט געקענט זיגען, ווייל זי איז געמאַכט געוואָרען נאָר פֿון איין העלפֿט פֿאַריז, און אין גאַנץ פֿראַנקרייך האָבען זי אונטערשטיצט נאָר די אינדוס־טריעלע שטעדט. זי איז דערטרונקען געוואָרען אין אַ מבול פֿון בלוט.

ס איז שוין אַלזאָ ניט געגונג היינט צו ווידערהאָלען דעם אַלטען כלל: *Vox populi, Vox dei* (די שטימע פֿון פֿאָלק איז גאָט'ס שטימע). אויפֿרופֿען צום קאַמפף און לאָזען פֿלאַטערן פֿאָהנען אין דער לופֿטען. די עהרע פֿון דעם בירגער קען אַמאָל פֿאָדערן פֿון איהם, ער זאָל אויפֿשטע־לען באַריקאַדען און פֿערטהיידיגען זיין ערד, זיין שטאָדט, זיין פֿרייהייט; אָבער זאָל ער זיך נאָר ניט איינריידען, אַז ער וועט פֿערענטפֿערן די מינדעסטע פֿראַגע אפילו דורך אַ צופֿעליגער שיסעריי. די פֿערוואַנדלונגען מוזען אַפֿריהער געמאַכט ווערן אין די מוחות און אין די הערצער, איידער מען שטרעקט אוים די מוסקעלן און איידער מען פֿערוואַנ־דעלט זיי אין היסטאָרישע ערשיינונגען. יעדענפֿאַלס, דאָס וואָס מען קען זאָגען פֿון דער פּראָגרעסיווער רעוואָלוציאָן,

קען מען אויך זאָגען פֿון דער רעגרעסיווער, אָדער דער קאָנטר־רעוואָלוציאָן. אמת, אַז אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט פֿערכאַפּט די מאַכט און האַלט ביי זיך אין די הענד די גרויסע שטעלעס, דאָס געלד, די פּאָליציי און די אַרמעע, קען אָנטהאָן גרויסע צרות און אין אַ געוויסער מאָס צוריק־שטויסען יענע, ביי וועמען זי האָט פֿערכאַפּט די ממשלה; דאָך וועט זי פֿון איהר זיעג נאָר געווינען אַזוי פֿיעל וויפֿיעל די דורכשניטליכע עפֿענטליכע מיינונג וועט איהר ערלויבען; ס'וועט איהר זאָגאַר איסקומען, אַז זי וועט ניט רעזיקירען אָנציאווענדען די מאַסרעגלען, וואָס זי האָט בעשטימט, אין די נייע שטריינגע געזעצען. וואָס זיינען דורכגעפֿיהרט געוואָרען אויף די פֿערזאַמלונגען, וואו זי האָט די גאַנצע דעה. דער מאָראַלער און אינטעלקטועלער איינפֿלוס פֿון'ם קרייז ווירקט אונאויפֿהערליך אויף דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, אויף די מענשען, וועלכע זיינען גיעריג נאָך הערשאַפֿט, אַקוראַט ווי אויף דער מאַסע פֿון פּריוויליגע פֿערשקלאַפֿטע, און טאַקי אַ דאַנק דיזען איינפֿלוס דערוויטערן זיך די שוואַנקונגען, וואָס קומען פֿאָר פֿוןביידע זייטען אַקס, ווינציג וואָס איינע פֿון די אַנדערע.

על כל פנים, און דאָס לערנט אונז ווידער די איצטיגע געשיכטע, בייט דער אַקס אַליין תמיד זיין פּלאַץ דורך דער ווירקונג פֿון טויזענדער און טויזענדער בעזונדערע פֿערענדערונגען, וואָס קומען פֿאָר אין די מוחות פֿון די מענשען. כדי צו געפֿינען די אורזאַכען פֿון דער אַלגעמיינער פערוואַנדלונג מיט איהרע טויזענדער אָבוועקסלונגען לויט די צייטען און די ערטער נאָך, מוז מען זיך ווענדען צום אינדיווידואום גופא, ד. ה. צו דער אורשפּרינגליכער צעלע פֿון דער געזעלשאַפֿט. אויב מיר זעהען פֿון איין זייט, אַז דער איינצעלנער מענש אונטערוואַרפֿט זיך דעם איינפֿלוס

פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט מיט איהר טראַדיציאָנעלער מאָראַל, איהר רעליגיאָן, איהר פּאָליטיק, זעהען מיר אויך פֿון דער אַנדער זייט, אַז דעם פֿרייען אינדיווידואום, ווי בעשריינקט ער זאָל ניט זיין אין אָרט און צייט, גיט זיך איהם דאָך איין צו לאָזען זיין פּערזענליכען רושם אויף דער וועלט, וועלכע רינגעלט איהם אַרום; עס געלינגט איהם, זי איבערצומאכען דורך דער ענטדעקונג פֿון אַ געזעץ, דורך דער ערפֿינדונג פֿון אַ געוויסער טהאַט, דורך דער אָנווענדונג פֿון אַ מיטעל, אָפֿטמאָל זאָגאַר דורך אַ שעהן וואָרט, וואָס די וועלט וועט קיינמאָל ניט פֿערגעסען. ס'איז גאַנץ לייכט צו דערקענען דייטליך אין דער געשיכטע די שפור פֿון טויזענדער און טויזענדער העלדען, וועלכע האָבען פּערזענליך מיטגעאַרבייט, און זעהר ווירקזאַם מיטגעאַרבייט אין דער אַלגעמיינער אַרבייט פֿון דער ציוויליזאַציאָן.

די גאַנץ גרויסע מעהרהייט פֿון די מענשען בעשטעהט פֿון אינדיווידועןן, וועלכע לעבען זיך אָהן אַ שום אָנשטרייננגונג, אָקוראַט ווי ס'לעבט אַ פֿלאַנצע, און עס קומט זיי גאָר אויף ן זינען ניט אַרויף צו רעאַגירען, צוריקצוואווירקען, סיי צו גוטען, סיי צו שלעכטען, אויף'ן קרייז, אין וועלכען זיי ווערן פֿערפֿאַלען ווי אַ טראָפּען אין ים. מיר ווילען דאָ ניט מגזם זיין דעם ווערטה פֿון דעם בעוואוסטזיניגען מענשען, וועלכער איז ענטשלאָסען צו בענוצען זיין קראַפֿט אין די אינטערעסען פֿון זיין אידעאַל, נאָר זיכער איז עס דאָך, אַז אַזאַ מענש שטעלט פֿאַר אַ גאַנצע וועלט אין פֿערגלייך מיט טויזענד אַנדערע, וועלכע לעבען אַזוי ווי האַלב פֿער'שכור'ט, אָדער ביי וועמען דער געדאַנק שלאָפֿט אין גאַנצען, און זיי שליסען זיך אָן, אָהן יעטוועדען אינערליבען אויפֿשטאנד, אין די רייהען פֿון דער אַ־מעע אָדער אין אַ פּראָצעסיע פֿון באָנאָלמאָציעס (גאָט־בעטער). אין אַ

געוויסען מאָמענט קען זיך דער ווילען פֿון איין מענשען שטעלען געגען די מהומה־בעוועגונג פֿון אַ גאַנצען פֿאָלק. די געשיכטע פֿון די נאַציאָנען קען אויפֿצעהלען אַ היבשע ביסעל העלדען, וואָס זיינען געפֿאַלען ביי געוויסע עראייגניסע, וויפֿיעל וויכטיגער אָבער איז געווען די ראָלע פֿון יענע לעבענס, וואָס האָבען זיך מקריב געווען אויף'ן מזבח פֿון דעם אַלגעמיינעם וואָהלזיין!

דאָ דאַרף מען מאַכען דעם חילוק מיט גרויס פֿאָרזיכטיגקייט, וואָרים ס'איז זעהר לייכט איבער די צוויזייטיגקייט אַריינצופֿאַלען אין אַ טעות. אַז מען רעדט פֿון די „בעסטע", קען מען גרינגער פֿערבייטען דאָס דאָזיגע וואָרט מיט'ן וואָרט „אריסטאָקראַטיע",*) גענומען אין זיין געוועהנליכען זין. פֿיעלע שרייבער און רעדנער, דער עיקר צווישען יענע, וואָס געהערן צו דער קלאַסע, פֿון וועלכער עס וואַקסען אַרויס די בעזיצער פון דער מאַכט, שרייבען און ריידען אַזוי גערן פֿון דער נויטוועגדיגקייט צו בעשטימען אַ גרופּע פֿון אויסערוועהלטע, וואָס זאָל פֿערוואַלטען די פֿעלקער, אַ גרופּע פֿון סאַמע אינטעליגענטע און גרויסע מענשען, וועמען זיי פֿערגלייכען מיט דעם מאַרך אין מענשליבען אָרגאַניזם. וואָס איז דאָס אָבער פֿאַר אַ „גרופּע פֿון אויסערוועהלטע", וואָס זאָל זיין אי אזוי אינטעליגענט, אי אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל קענען אָהן פרעטענזיעס האַלטען ביי זיך אין די הענד די הערשאַפֿט איבער די פֿעלקער? פֿערשטעהט זיך, אַז די וואָס רעגירען און קאָמאַנדעווען, קעניגע, פֿירשטען, מיניסטאָרען און דעפּוטאַטען, זיך אומקוקענדיג מיט זעלבסטצופֿרידענהייט אויף זייער אייגענער פּערזאָן,

*) „אַריסטאָקראַטיע" בעשטעהט פֿון צוויי גריכישע ווערטער. אין אידיש הייסט עס: די הערשאַפֿט פֿון די בעסטע.

וועלען ענטפערען גאַנץ נאַאיוו: „נו, אודאי זיינען מיר דאָס די אויסערוועהלטע; מיר, וועלכע בילדען דעם מאַרך־סוב-סטאַנץ פון דעם גרויסען פאָליטישען קערפער.״ וואָס פאַר אַ ביטערע איראָניע דאָס איז אָט דער שטאָלץ פון דער אָפיציעלער אַריסטאָקראַטיע! זיך איינשמועסען, אַז זי איז די אמת׳ע אַריסטאָקראַטיע פון דעם געדאַנק, פון דער איניציאַטיווע, פון דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלער עוואָלוציאָן! גיכער איז דער געגענטהייל אמת, אָדער לכל הפּחות ענטהאַלט ער אין זיך דעם גרעסטען טהייל אמת: אַסך מאָל האָט די אַריסטאָקראַטיע פערדיענט דעם נאָמען „קאַקיסטאָקראַטיע׳*), און מיט דעם נאָמען בענוצט זיך אויך לעפּאָלד דע ראַנק אין זיין געשיכטע. וואָס זאָל מען אַשטייגער זאָגען פון אַזאַ מין אַריסטאָקראַטיע פון פּראָס-טיטוטען און פּראָסטיטוטקעס, וואָס האָבען אָנגעפילט די קליינע הייזלאַך פון לואי דעם 15טען? וואָס זאָל מען זאָגען מכּח דער אַריסטאָקראַטיע פון אונזער צייט, וועגען אָט די פיינע לייט פון׳ם פראַנצויזישען אַדעל, וועלכע האָבען ערשט דאָ ניט לאַנג צוריק געשלאָגען מיט די שטעקענס און מיט די שיך אין די פּנים׳ער און אין די בייכער פון פרויען, כדי זיך וואָס גיכער אַרויסצוראַטעווען פון׳ם פייער וואָס האָט אויסגעבראָכען אויף אַ פּאַריזער באַזאַר!

די רייכע האָבען נאַטירליך מעהר מעגליכקייט איידער די אַנדערע צו לערנען און זיך צו בילדען; דערפאַר אָבער איז זיי אַסך גרינגער פערדאָרבען צו ווערן. אַ נידעריגער הונף, און דאָס איז דאָך תמיד דער הערשער, צי ער איז קייזער אָדער אַזוי עפּעס אַ בעל־הבית, — רעזיקירט שטענ-דיג, מען זאָל איהם אָבנאַרען, און דעריבער קען ער קיינ-

*) די הערשאַפט פון די ערגסטע.

מאָל ניט וויסען ווי די זאַכען שטעהען אין אמת'ן. דער עיקר ריזיקירט ער דערמיט וואָס ער האָט אַ צו גרינגען לעבען; ס'קומט איהם קיינמאָל ניט אויס צו קעמפּפען פּערזענליך, ער ווערט עגאָאיסטיש, ער געוועהנט זיך צו קריגען אַלצדינג פֿון אַנדערע. דורך אַזאַ לעבען פֿאַלט ער אַריין אין אַן עלעגאַנטער, אָדער זאָגאַר גראָבער אויסגעלאַסענהייט, מחמת אַרום איהם דרעהט זיך אַ גאַנצע מאַסע פֿון הולטאַיסטוואָ, אַזוי ווי אַ מחנה שאַקאַלען אַרום זייער רויב. און וואָס נידעריגער ער פֿאַלט, אַלץ העכער וואַקסט ער ביי זיך אין די אויגען, דורך די חניפֿות פֿון די פֿעראינטערעסירטע פּערזאָנען. אַז ער ווערט שוין גאָר ווי אַ ווילדע חיה, הויבט ער זיך אָן האַלטען פֿאַר אַ גאָט; אין'ם גרעסטען שמוץ איז ער אין פֿולער פֿערגעטערונג.

און ווער זיינען עס יענע, וואָס וואַרפֿען זיך געגען דער מאַכט, כדי איבערצובייטען אָט די אויסערוועהלטע פֿון געבורט און פֿון רייכטהום אויף אַ נייער סמעטענע פֿון אַ זאָגענאַנטער אינטעליגענץ? ווער זיינען עס אָט די פּאָליטיקער, וואָס חנפֿה'נען שוין מעהר ניט די קעניגע, נאָר דעם המון? איינער פֿון די געגנער פֿון סאָציאַליזמוס, אַ פֿערטהיידיגער פֿון דעם, וואָס מען רופֿט די „גוטע פּרינציפּען", לערואַ באָליע, וועט אונז ענטפֿערן וועגען אָט דער נייער אַריסטאָקראַטיע מיט אַזעלכע ווערטער, אַז ווען זיי זאָלען קומען פֿון אַנאַרכיסטען, וואָלטען זיי געקלונגען צו שטאַרק און ווירקליך אונגערעכט. „די היינטיגע פּאָליטיקער, — זאָגט ער — אויף וואָס פֿאַר אַ מדרגה זיי זאָלען ניט שטעהן, פֿון די מיטגלידער פֿון דער מוניציפּאַליטעט ביז צו די מיניסטאָרען, שטעלען פֿאָר אין גאַנצען גענומען, אחוץ זייער ווייניג אויסנאַהמען, איינע פֿון די געמיינסטע און אונפֿעהיגסטע קלאַסען פֿון שורקען

און הויפּלייט, וואָס די מענשהייט האָט ווען עס ניט איז געקענט. זייער איינציגעס ציעל איז איף'ן נידעריג־סטען אופן צו שמייכלען און צו ענטוויקלען די פּאָראור־טהיילען פון'ם פּראָסטען פּאָלק, פּאָראורטהיילען פון וועלכע זיי אַליין האַלטען דאָס רוב, מחמת זיי האָבען זיך קיין איינציגע רגע פון זייער לעבען ניט אָבגעגעבען גאָר צו דיינקען און צו בעאָבאַכטען."

אויף איהרע בלוטיגע בלעטלאַך גיט אונז די געשיכטע דעם בעסטען בעווייז, אַז דיביידע „אריסטאָקראַטיען": איינע, וואָס האַלט פעסט אין איהרע הענד די מאַכט און טראַכט נאָר וועגען זיך, און די אַנדערע, וועלכע בעשטעהט ווירקליך פון די „בעסטע" — אַז אָט די ביידע „אריסטאָ־קראַטיען" האָבען זיך קיינמאָל ניט געקענט פעראייניגען. די אַנאַלען פון דער מענשהייט, צוזאַמענגענומען אינאיינעם, זעהען אויס אַזוי ווי אַ געשיכטע פון אַן אייביגען קאַמפף צווישען די, וועלכע זיינען ערצויגען געוואָרען אין די רייהען פון הערשער און געניסען די קראַפט, וואָס די פריהערדיגע דורות האָבען איבערגעלאָזט בירושה, און יענע, וואָס שטרע־בען מיט שוואונג און בעגייסטערונג צו דער שאַפענדער קראַפט. אָט די ביידע גרופען פון די „בעסטע" זיינען שטענדיג אין מלחמה, און די היסטאָרישע פּראָפעסיע פון די ערשטע איז תמיד געווען צו פערפאָלגען, פערשקלאַפען און הרג'ענען די אַנדערע. די אָפיציעלע „בעסטע", די גע־טער גופא, האָבען עס אַמאָל צוגעשלאָגען פּ ר אָ מ ט ה ע א ו ס'ן מיט טשוועקעס צו אַ פעלזען אין קאַווקאַז, און פון יענער מיטהאָלאָגישער צייט אָן זיינען עס שטענדיג די בעסטע, די קיסרים, די פּאַבסטען, די פּאָליציי, וועלכע וואַרפען די נייע דענקער אין די אָסטראָגען, מאַרטערן זיי, ברענען זיי

און פֿערפֿלוכען זייערע ווערק. דער תליון איז אַלע מאָל געשטאַנען אין דיענסט פֿון אָט די „גוטע".

זיי געפֿינען אויך געלעהרטע, וואָס פֿערטהיידיגען זייער זאַך. אַחוץ דעם גרויסען אונבעקאַנטען עולם, וואָס וויל גאָר ניט דיינקען און ריכטעט זיך איינפֿאַך נאָך דער געוועהנ־ליכער ציוויליזאַציאָן, זיינען פֿאַרהאַן געבילדעטע און טאַ־לענטפֿולע מענשען, וועלכע ווערן טהעאָרעטיקער פֿון'ם אַבסאָלוטען קאָנסערוואַטיזמוס און זוכען איינצוהאַלטען די געזעלשאַפֿט אויף'ן פּלאַץ, וואו זי שטעהט, זי צונאָגלען, אַזוי צו זאָגען, אַקוראַט ווי ס'וואָלט מעגליך געווען אָבצו־האַלטען די קראַפֿט פֿון אַ קוגעל, וואָס מען האָט אַ וואָרף געטהאָן אין דער לופֿטען. אָט די „שונאים פֿון אַלעם נייע" קוקען אויף אַלע נאָוואַטאָרס, ד. ה. אויף אַלע דענקער און אידעאַליסטען, ווי אויף משוגעים. זיי טרייבען די ליעבע צו דער געזעלשאַפֿטליכער שטאַנדהאַפֿטיגקייט אַזוי ווייט, אַז זיי בעצייכענען אַלס פּאָליטישע פֿערברעכער אָט די אַלע, וואָס קריטיקירען די עקזיסטירענדע אָרדנונג, אַלע יענע, וועלכע שטרעבען צו דער אונבעקאַנטער צוקונפֿט; און דאָך, אַז אַ נייע אידעע דורכדרינגט ענדליך דעם גייסט פֿון דער מאַיאָריטעט, זיינען זיי מורה, אַז מען דאַרף זיין איינפֿער־שטאַנען מיט איהר, כדי ניט צו ווערן קיין רעוואָלוציאָנערן, דערמיט וואָס מען וועט זיך שטעלען געגען דער אַלגעמיי־נער צושטימונג. אָבער דערווייל, ביז די אונפֿערמיידליכע רעוואָלוציאָן קומט, פֿאָדערן זיי, אַז די רעוואָלוציאָנערען זאָלען בעהאַנדעלט ווערן ווי פֿערברעכער, מען זאָל זיי היינט בעשטראָפֿען פֿאַר אַזעלכע טהאַטען, וועלכע וועלען מאָרגען געשעצט ווערן אַלס די פּראָדוקטען פֿון דער רייגער מאָראַל: זיי וואָלטען נאָך איצט געגעבען סאָקראַטעס'ן אויסטרינקען דעם בעכער מיט גיפֿט, וואָלטען געפֿיהרט

יאָהאַן הוסס אויף'ן שייטערהויפֿען; נאָך מיט מעהר רעכט וואָלטען זיי גיליאָטינירט באַבעף'ן, וואָרים איצט אפילו וואָלט באַבעף נאָך אַלץ געווען אַ נאָוואַטאָר. זיי רודף'ן אונז מיט דעם גאַנצען צאָרן פֿון דער סאָציאַלער ראַבע־זוכט, ניט מחמת מיר האָבען אומרעכט, נאָר דער־פֿאַר וואָס מיר זיינען צו פֿריה גערעכט. מיר לעבען אין אַ צייט פֿון אינזשענירען און סאָלדאַטען, פֿאַר וועלכע אַלעס דאַרף געהן נאָך דער ליניע, נאָך'ן שטריקעל. די „גראַדע ליניע", דאָס איז די פּאַראָלע פֿון די אָרעמע אין גייסט, וועלכע האָבען קיין אַנדער שעהנקייט ניט, נאָר די סימעט־ריע, וועלכע ווייסען פֿון קיין אַנדער לעבען ניט, נאָר די פֿערגליווערטקייט פֿון טויט.

IV.

בעשטימטע ערקלעהרונג וועגען דעם איצטיגען סאָציאַלען צושטאַנד.— די אַלמעכטיגקייט פֿון דעם קאַפּיטאַל. — דער שטאַאַט, קעניגטהום, געזעצגעבעריי, אַרמעע, אַדמיניסטראַציאָן. — דער פּאַטריאָטיזם, די אָרדנונג, דער סאָציאַלער פֿריעדען.

„די בעפֿרייאונג פֿון די אַרבייטער וועט זיין דאָס ווערק פֿון די אַרבייטער אַליין", זאָגט די פּרינציפּען־ערקלעהרונג פֿון די „אינטערנאַציאָנאַלע". דאָס איז אמת אין'ם ברייטס־טען זינן פֿון וואָרט. אויב ס'איז ריכטיג, אַז מענשען, וועלכע מען רופֿט „פֿאָראויסזעהער", האָבען פֿון תמיד אָן פּרעטענדירט, אַז זיי האָבען געשאַפֿען דאָס גליק פֿון די פֿעלקער, איז ניט וויניגער וואַהר, אַז אַלע פֿאָרטשריטע פֿון דער מענשהייט זיינען געמאַכט געוואָרען נאָר אַ דאַנק דער אייגענער איניציאַטיווע פֿון די רעבעלען אָדער פֿון בירגער, וועלכע זיינען שוין פֿריי. אויף אונז אַליין אַלזאָ פֿאַלט די אַרבייט זיך צו בעפֿרייען, אויף אונז אַלע, וועלכע פֿיהלען זיך אונטערדריקט אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן ס'זאָל ניט זיין, און וועלכע בלייבען סאָלידאַריש מיט אַלע בעליידיגטע און ליידענדע אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט. אָבער כדי צו קעמפֿפֿען, מוז מען וויסען ווי אַזוי צו קעמפֿפֿען. ס'איז ניט גענוג זיך אַריינצוואוואַרפֿען מיט רציחה אין שלאַכט, אַזוי ווי די קימבערער און די טויטאָנער, רעוועגדיג אונטער דעם שילד אָדער אין דעם האָרן פֿון אַן אויער־אָקס. די צייט

איז געקומען, ווען מען דאַרף פאָראויסזעהן, אויסרעכענען ענדערונגען, וואָס קענען פאָרקומען אין קאַמפף, וויסענשאַפטליך צוגרייטען דעם זיעג, וואָס דער סאָציאַלער פריעדען וועט אונז ברייגען. די ערשטע בעדינגונגען פון דעם זיעג איז זיך צו בעפרייען פון אונזער אונוויסענהייט: מיר מוזען קענען אַלע פאָראורטהיילע, וועלכע דאַרפען פערניכטעט ווערן, אַלע פיינדליכע עלעמענטען, וועלכע מוזען דערווייטערט ווערן, אַלע הינדערניסען, ויעלכע מען דאַרף איבערקומען, און פון דער אַנדער זייט טאָרען מיר ניט דורכלאָזען קיין איין איינציגע קוועלע, מיט וועלכער מיר קענען זיך בענוצען, מיר טאָרען ניט איגנאָרירען קיין איין איינציגען פריינד, וואָס די היסטאָרישע ענטוויקלונג גיט אונז.

מיר ווילען וויסען. מיר ווילען אויף קיין פאַל ניט, אַז די וויסענשאַפט זאָל זיין אַ פריווילעגיע, אַז מענשען, וועלכע שטעהען אויף אַ באַרג, ווי משה, וואָס זיצען אויף אַ טראָהן, ווי דער סטאָאיקער מאַרק אורעלי, אויף אַן אָלימפּ, אויף א קאַרטאָגענעם פּאַרנאַס, אָדער איינפאַך אויף אַן אַקאַדעמישען שטוהל, — אַז אָט די מענשען זאָלען אונז פאָרשרייבען געזעצען, זיך בעריהמענדיג, אַז זייערע קענטענישען שטעהען העכער פון די אייביגע געזעצען. ס'איז קיין ספק ניט, אַז צווישען די מענשען, וואָס בלאָזען מיט גדלות פון זיך, זיינען פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע קענען גאַנץ לייכט איבערזעצען כינעזיש, לייענען די אַרכיוועז פון די פאַרצייטיגע פראַנצויזישע קעניגע אָדער צוגליעדערן דעם פערדייאונס־אַפּאַראַט פון אַ וואַנץ; מיר האָבען אָבער פריינדע, וועלכע זיינען פונקט אַזעלכע קענער און פונדעסטוועגען פרעטענדירען זיי ניט, אַז זיי האָבען דערפאַר אַ רעכט איבער אונז צו קאָמאַנדעווען. איבעריגענס, מיר קענען בעוואונדערן די דאָזיגע גרויסע מענער,

נאָר .די בעוואונדערונג אונזערע שטערט אונז פֿונדעסטוועגן ניט גאַנץ פֿריי צו דיסקוטירען מכח די ווערטער, וועלכע זיי ווירדיגען אונז אַרונטערצושיקען פֿון זייער טראָהן. מיר נעהמען ניט אָן קיין געגעבענע וואַרהייט פֿון באַרג סיני: זי ווערט אפֿריהער אונזערע, דערמיט וואָס מיר שטודירען זי און דיסקוטירען איבער איהר, און מיר שעהמען זיך גאָרניט צו פֿערוואַרפֿען די טעות'ן, מעגען זיי אפילו טראָגען אויף זיך טוזענד שטעמפלען און דיפּלאָמען. און ווירקליך, ווי פֿיעל מאָל האָט דאָס אונוויסענדע פֿאָלק זיך געמוזט איבערצייגען, אַז די געלערנטע ערציהער זיינע האָבען ניט קיין אַנדער ווּיסענשאַפֿט איהם צו לערנען, נאָר אַז ער זאָל געהן פֿריילאַך און פֿרידליך אין שלאַכטהויז, אָקוראַט ווי יענער יום טוב'דיגער אָקס, וועמען מען פֿיהרט צו דער שחיטה, בעקרוינט און בעפוצט מיט גירלאַנדען פֿון פֿערגאָלדעטען פּאַפּיר!

די דיפּלאָמירטע פּראָפֿעסאָרען זיינען געווען אַזוי פֿריינדליך אונז צו ערקלעהרען, וואָס פֿאַר אַ גרויסען ווערטה עס וואָלט געהאַט אַ רעגירונג, וועלכע זאָל בעשטעהן פֿון אַזעלכע פּערזאָנען, ווי זיי אַליין, למשל, זיינען. די פֿילאָזאָפֿען פּלאַטאָן, העגעל, אויגוסט קאָמט האָבען זיך מיט שטאָלץ פֿערמאָסטען צו רעגירען איבער דער וועלט. אַזעלכע שריפֿטשטעלער ווי האָנאָרע דע באַלזאַק און גוסטאַוו פֿלאָבער, למשל, — מיר רופֿען נאָר אָן טויטע — האָבען אויך פּרעטענדירט, אַז די פּאָליטישע הערשאַפֿט איבער דער געזעלשאַפֿט דאַרף איבערגעגעבען ווערן אין די הענד פֿון גרויסע מענשען, פֿון זשעניען, דאָס הייסט טאַקי זיי אַליין. דאָס וואָרט „מאַנדאַרינען-רעגירונג" איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען גאַנץ אָפֿען, אָהן וואָס פֿאַר ס'איז אָבהאַלט. זאָל אונז דאָס שיקזאַל שומר ומציל זיין פֿון אַזעלכע בעלי בתים,

וועלכע זיינען פֿערליעבט אין זייער אייגענער פערזאָן און פֿעראַכטען אַלע אַנדערע מענשען פֿון דעם „פראָסטען המון" אָדער פֿון דער „שמוציגער בורזשואַזיע". אַחוץ זייער גרויס־קייט, זייער כבוד און גדולה, האָט ביי זיי קיין אַנדער זאַך קיין ז'נן ניט; אויסער זייער קלאַסע עקזיסטירען פֿאַר זיי נאָר פֿאָרשטעלונגען, שאָטענס, וואָס קומען און פֿערשווינ־דען אין דאָך צייגען אונז זייערע ביכער, ווי געשמאַקפֿאָל זיי זאָלען ניט זיין, אַז אָט די אַלע זשעניען זיינען זעהר מיטעלמעסיגע נביאים: קיינער פֿון זיי האָט פֿון דער צו־קונפֿט ניט געהאַט קיין בעסערן בעגריעף, איידער דער מינדעסטער פראָלעטאַריער, און ניט ביי זיי אין שולע קענען מיר לערנען דעם ריכטיגען קאַמפף. אין דעם פרט לערנט אונז דער אונבעדייטענדסטער פֿון די, וואָס קעמפֿפֿען און ליידען פֿאַר דער גערעכטיגקייט, פֿיעל מעהר פֿון זיי.

דער סאַמע אָנהויב פֿון אונזער וויסען, די קליינע היסטאָרישע קענטעניסען, וועלכע מיר שאַפֿען זיך איין, זאָגען אונז, אַז די איצטיגע לאַגע ענטהאַלט אין זיך צרות אָהן אַ סוף, וועלכע מען וואָלט געקענט אויסמיידען. די אונאויסהערליכע, שטענדיג בעגייטע חורבנות, וואָס דער היינטיגער סאָציאַלער רעזשים פֿעראורזאַכט, שטייגען אויף אַ מערקווירדיגען אופן אַריבער יענע גרויסע אונגליקען, וואָס עס ברייגנען די אונפֿאָראויסזעהענדע רעוואָלוציאָנען פֿון דער נאַטור, די פֿערפֿלייצונגען און די שטורם־ווינדען, די ערד־ציטערנישען און די אויסברוכען פֿון וואולקאַנען. ס'איז גאָר ניט צום פֿערשטעהן, ווי אַזוי די פֿערברענטע אָפּטימיסטען, וועלכע וואָלטען ניט אַנדערש געוואָלט, נאָר אַלעס זאָל געהן ווי געשמירט אין דער בעסטער פֿון אלע וועלטען, קענען צומאַכען די אויגען און ניט זעהן די מורא'דיגע לאַגע פֿון מיליאָנען און מיליאָנען מענשען, אונ־

זערע ברידער. די פֿערשיעדענע עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע, אדמיניסטראַטיווע אָדער מיליטערישע מגפות, וועלכע בושעווען אין די „ציוויליזירטע" לענדער, — שוין ניט רייידענדיג מכח די ווילדע פֿעלקער, — ברייינגען קרבנות אָהן אַ צאָהל, און די גליקליכע, ועמען דאָס אונגליק האָט גאָר אין גאַנצען געשאַנעוועט אָדער בלויז פֿון אויבען אויף אָנגעריהרט, מאַכען זיך עפּעס כלא ידע, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען גאָרניט בעמערקט אָט די מאַסען־מאָרדען. זיי אַראַנזשירען זיך ווי אַם בעסטען, כדי ווייטער צו פֿיהרען זייער קליינליכען לעבען, פונקט ווי אָט די אַלע חורבנות וואָלטען ניט געווען קיין ווירקליכקייטען, וועלכע מען קען אָנטאַפּען מיט די הענד!

צי איז דאָס ניט אמת, אַז מיליאָנען מענשען אין אייראָפּאַ, וועלכע טראָגען מיליטער־קליידער, מוזען אין משך פֿון לאַנגע, לאַנגע יאָהרען אונטערדריקען זייערע געדאַנקען, געהן אין זיך בעוועגען ווי אמת'ע שקלאַפּען, אונטערוואַרפֿען זייער ווילען דעם ווילען פֿון זייערע עלצטע, שיסען אויף אייגענע טאַטע־מאַמע, ווען אַ משוגע'נער דעספּאָט פֿערלאַנגט עס? ניט אמת אפשר, אַז מיליאָנען בעאַמטע זיינען אויך אַזוי פֿערשקלאַפּט, געצוואונגען זיך צו בויגען פֿאַר די איינע, זיך האַלטען גלייך פֿאַר די אַנדערע און פֿיהרען אַ לעבען, וואָס איז כמעט אין גאַנצען אונניצליך פֿאַר'ן פראָגרעס? צי איז עס ניט וואהר, אַז מיליאָנען פֿערברעכער, פֿערפֿאָלגטע, אָרעמע, היימלאָזע און אַרבייטסלאָזע מענשען, ווערן יעדעס יאָהר איינגעשפּאַרט אין תפיסות און געצוואונגען אויסצושטעהן די גרעסטע יסורים און ענוים קשים! ניט אמת, אַז אַלס רעזולטאַט פֿון די שעהנע פּאָליטישע און סאָציאַלע אינסטיטוציאָנען אונזערע, האַסען זיך די מענשען איינע די אַנדערע, איין נאַציאָן די צווייטע,

איין קלאַסע די אַנדערע? צי לעבט דען ניט די געזעל־שאַפט אין אַזאַ מין מיש־מאַש, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם גוטען ווילען און דער איבערגעבענהייט פון פיעלע עדעלע מענשען, רײזיקירט דאָך דער הונגעריגער צו שטאַרבען אויף דער גאַס, און דער פרעמדער קען זיך פיהלען אַליין, גאַנץ אַליין, אָהן אַ שום פריינד, אין אַ שטאָדט, וואו די מענ־שען, וועלכע האַלטען זיך פאַר ברידער, שווימען אין גריבלען צעהנדליגע טויזענדערווייז? ניט „אויף אַ וואָלקאַן" לעבען מיר, נאָר אין׳ם וואָלקאַן גופא, אין אַ פינסטערן גיהנום; און ווען ניט די האָפנונג, וואָס מיר האָבען אויף בעסערעס, ווען ניט דעם פעסטען ווילען אונזערן צו אַר־בייטען פאַר אַ גליקליכערע צוקונפט, וואָס וואָלט אונז איבערגעבליבען צו טאָהן, אויב ניט צו שטאַרבען, אַזוי ווי פיעלע עלענדע שרייבער ראַטהען עס, כאָטש זיי וואַגען עס אַליין ניט צו טהאָן, און אַזוי ווי עס טהוען גאַנצע מחנות פון פערצווייפעלטע מענשען, וועלכע ווערן אַלץ מעהר פון יאָהר צו יאָהר?

דער ערשטער יסוד פון׳ם עוואָלוציאָנערן וויסען שטעלט זיך אונז אַלזאָ אַזוי פאָר: דער סאָציאַלער צושטאַנד שטעהט אונז פאַר די אויגען מיט אַלע זיינע שלעכטע זייטען. „קע־נען דאָס ליידען!" דאָס איז דער ערשטער עיקר פון׳ם בודהיסטישען געזעץ. מיר וויסען וואָס דאָס איז אַזוינס דאָס ליידען! מיר קענען עס אַזוי גוט, אַז אין די פאַבריק־דיס־טריקטען פון ענגלאַנד האָט די קראַנקהייט בעקומען דעם נאָמען „*play*": פיהלען, אַז דער גאַנצער קערפּער איז אויסגעמאַטערט פון ווייטאָג, איז בלויז אַ „שפּיעל" פאַר׳ן שקלאַף, וועלכער איז געוואוינט צו דער קאַטאָרזשנער אַר־בייט פון דער פאַבריק. אָבער „ווי אַזוי דרעהט מען זיך אוים פון ליידען!" — דאָס וואָס איז אייגענטליך די צווייטע

מדרגה פֿון וויסען, כּויט בודהאַ'ן? אויך דערמיט הויבען מיר זיך אָן צו בעקענען, אַ דאַנק דעם שטודיום פֿון דער פֿערגאַנגענהייט. די געשיכטע, אַזוי ווייט ווי מיר קענען צוריקבליקען אין איהר, אַזוי ווייט ווי מיר האָבען שטודירט די געזעלשאַפֿטען און די פֿעלקער, ציוויליזירטע אָדער באַר־באַרישע, געבילדעטע אָדער פּרימיטיווע, — די געשיכטע זאָגט אונז, אַז יעטוועדע געהאָרכזאַמקייט הייסט זיך אָב־זאָגען פֿון די אייגענע רעכטע, אַז יעדע שקלאַפֿעריי איז אַ פֿריה־צייטיגער טויט; זי זאָגט אונז אויך, אַז יעדער פֿאָרט־שריט איז געקומען פּראָפּאָרציאָנעל מיט דער פֿרייהייט פֿון די אינדיווידועז, מיט דער גלייכהייט און דער פֿרייוויליגער איבעראיינשטימונג פֿון די בירגער; אַז יעדער יאָהרהונ־דערט, ווען עס זיינען געמאַכט געוואָרען וויסענשאַפֿטליכע ענטדעקונגען, איז געווען אַ יאָהרהונדערט, אין וועלכען די רעליגיעזע און פּאָליטישע מאַכט איז אָבגעשוואַכט געוואָרען דורך דער גייסטיגער קאָנקורענץ, דורך דעם שטרעבען אַריבערצושטייגען איינע די אַנדערע; דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די מענשליכע איניציאַטיווע האָט געקענט גע־פֿינען אַ שפּעלטעלע זיך דורכצו'גנב'ענען, אַזוי ווי גראָז, וואָס וואַקסט דורך די שטיינער פֿון אַ פּאַלאַץ. די גרויסע עפּאָכען פֿון דעם געדאַנק און פֿון דער קונסט, וועלכע קומען איינע נאָך די אַנדערע אין משך פֿון די יאָהרהונ־דערטע, די גריכישע עפּאָכע, די צייט פֿון דער רענעסאַנס און פֿון דער מאָדערנער, פֿון דער היינטיגער וועלט, — זיי האָבען אַלע תמיד גענומען זייער הויפּט זאַפֿט און הויפּט קראַפֿט פֿון די צייטען, ווען עס זיינען פֿאָרגעקומען אַלץ נייע און נייע קעמפֿע און אַן אונאויפֿהערליכע „אַנאַרכיע", צייטען, וועלכע האָבען וויינינגסטענס די ענערגישע מענשען

געגעבען די געלעגענהייט צו שטרייטען פאר זייער פריי־הייט.

ווי ווייניג פארטגעשריטען מיר זיינען נאך מיט אונ־זער געשיכטס־וויסענשאפט, איז אבער פארהאן א טהאט־זאכע, וועלכע בעהערשט די גאנצע היינטיגע עפאכע און בילדעט דעם כאראקטעריסטישען הויפט־צוג פון אונזער צייט: די אלמעכטיגקייט פון דעם געלד. ניטא קיין איין פ־אסט פשוט'ער מענש ערגעץ אין א פערוואָרפענעם דער־פעל, וואס זאל ניט קענען דעם נאמען פון א גרויסען געלד־מאנארך, וועלכער געוועלטיגט איבער קעניגע און פירשטען; קיין איינציגער, וואס זאל ניט קוקען אויף'ן געלד ווי אויף א גאט, וועלכער דיקטירט זיין ווילען דער גאנצער וועלט. און כ'לעבען, דער נאאיווער בוי'ער האט גאר קיין טעות ניט. זעהען מיר דען ניט, אז א פאר באנקירען, קריסטליכע און אידישע, האלטען אין זייערע הענד די זעקס גרויסע מעכטע, פיהרען די אמבאסאדארען און די קעניגע ביי דער נאז און צווינגען זיי נאכצוטאנצען די פארשריפטען, וואס זיי מאכען ביי זיך אין די קאנטארען? זיצענדיג בעהאלטען ביי זיך אין די ביוראס, לאזען זיי זיך אויפפיהרען א גע־וואלדיגע קאמעדיע, וואס די אקטיארען איהרע זיינען די פעלקער אליין, וועלכע ווערן בעגייסטערט פון די שיסע־רייען און די שלאכטען: פיעל בלוט מישט זיך צו צום יום טוב. איצט זיינען זיי פאלשטענדיג בעפרידיגט, דען זיי האלטען זייערע לאבאראטאריעס ביי די מיניסטארען אין די קאבינעטען, אין די געהיימע חדרים פון די קעניגע; זיי מעגען זיין צופריעדען, דען זיי פיהרען נאך זייער ווילען נאך די פאליטיק פון אלע שטאאטען, לויט די בעדירפני־סען פון זייער האנדעל. נאך דעם נייעם עפענטליכען רעכט, וואס הערשט אין איראפא, האבען זיי זיך גענומען אלס

משכון גריכענלאַנד, די טירקיי, פּערזיען; זיי האָבען מיט זייערע הלוואות אַריינגעקראָגען בינאַ אין זייערע לאַפּעס און גרייטען זיך שוין צו צו פֿערכאַפּען אַלע אַנדערע שטאַאַטען, קליינע און גרויסע. „זיי זיינען קיין פירשטען ניט, און די קעניגע האָבען זיי אויך ניט גאַנץ גערן", נאָר זיי האַלטען ביי זיך אין די הענד דאָס סימבאָלישע געלד, פאַר וועלכע די גאַנצע וועלט בויגט זיך.

נאָך אַ צווייטע היסטאָרישע טהאַטזאַכע מוז אויפֿ־פֿאַלען יעדען איינעם, ווער עס שטודירט נאָר די געשיכטע. אָט דער פֿאַקט, וואָס ענטמוטהיגט יענע מענשען, ביי וועמען דער גוטער ווילען שטעהט איבער דער פֿערנונפֿט, בעשטעהט אין דעם, אַז אַלע מענשליכע אינסטיטוציאָנען, אַלע סאָציאַלע אָרגאַניזמען, וועלכע סטאַרען זיך צו בלייבען אַזוי ווי זיי זיינען, אָהן אַ שום פֿערענדערונג, מוזען, טאַקי מחמת דעם אַליין וואָס זיי ענדערן זיך ניט, אַרויסגעבען קאָנסערוואַטאָרס, וואָס האַלטען זיך ביי אַלטע מנהגים, ביי אַלטע טעות'ן; זיי מוזען אַרויסגעבען פּאַראַזיטען, עקספּלוּ־אַטאַטאָרס פֿון יעדען סאָרט, זיי מוזען ווערן דער צענטער, די היים פֿון דער רעאַקציאָן אין די געזעלשאַפֿטען. צי זיי זיינען גאַנץ אַלט, אָט די אינסטיטוציאָנען, אַזוי אַלט, אַז אום צו קענען זייער אורשפּרונג זאָל מען דאַרפֿען צוריק־בליקען צו די גאַנץ אַלטע צייטען אָדער וואָגאַר צו דער לעגענדאַרישער און מיטאָלאָגישער עפּאָכע; צי זיי בערו־פֿען זיך אויף אַ פֿאָלקס־רעוואָלוציאָן, — על כל פנים נאָך דער שטריינגקייט נאָך פֿון זייערע סטאַטוטען זיינען זיי בעשטימט צו טויטען די אידעען, צו פּאַראַליזירען דעם ווי־לען, צו אונטערדריקען די פֿרייהייט און די איניציאַטיווע: אום דאָס צו עררייכען, איז גענוג זיי זאָלען אָנהאַלטען וואָס לייגגער.

צווישען די רעוואָלוציאָנערע אומשטענדען, וועלכע האָבען געשאַפֿען אַ געוויסע אינסטיטוציאָן, און די אַרט און ווייזע ווי אַזוי זי אַרבייט, איז אָפֿטמאָל פֿאַרהאַן אַ געוואַלדיגער ווידערשפּרוך; דאָס פֿונקציאָנירען פֿון דער אינסטיטוציאָן קען זיין גראָד דער היפוך פֿון דעם אידעאַל, וואָס די נאַאיווע גרינדער איהרע האָבען געהאַט. ביי איהר געבורט האָט מען געשריען: פֿרייהייט! פֿרייהייט! און די הימנע „טויט די טיראַנען!" האָט געקלונגען אין אַלע גאַסען; אָבער די „טיראַנען" האָבען פֿערנומען זייער פּלאַץ, אַ דאַנק דער היראַרכיע און דעם גייסט פֿון ריקשריט, וועלכע דרינגען ביסלעכווייז אַריין אין יעדע אינסטיטוציאָן. וואָס לייננער זי האַלט זיך, אַלץ געפֿערליכער ווערט זי, וואָרים סוף כל סוף מאַכט זי פֿויל דעם באָדען, אויף וועלכען זי שטעהט, פֿערפֿעסטעט די לופֿט אַרום זיך: די פֿעהלערן, וועלכע זי פֿערהייליגט, די פֿערדאָרבענהייט פֿון אידעען און געפֿיהלען, וואָס זי רעכטפֿערטיגט און רעקאָמאַנדירט, נעהמען אָן אַזאַ כאַראַקטער פֿון אַלטקייט, זאָגאַר פֿון הייליגקייט, אַז זעלטען ווען עס געפֿינען זיך דרייסטע מענשען, וואָס סמייען אָנצופֿאַלען אויף זיי. וואָס מעהר אַ יאָהרהונדערט זי האַלט זיך, אַלץ גרעסער ווערט איהר מאַכט, און אויב זי פֿאַלט דאָך סוף כל סוף, אַזוי ווי אַלעס אין דער וועלט, איז דאָס בלויז דערפֿאַר, וואָס זי קומט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אין קאָנפֿליקט מיט די נייע ערשיינונגען, וועלכע וואַקסען אויס אַרום איהר.

לאָמיר נעהמען אלס ביישפּיעל די ערשטע פֿון אַלע אינסטיטוציאָנען, דאָס קעניגטהום, וועלכע איז געווען נאָך פֿאַר'ן רעליגיעזען קולט, מחמת זי האָט עקזיסטירט נאָך פֿאַר דעם מענשען, ביי פֿיעלע חיות. וואָס פֿאַר אַ געוואַלדיגע ווירקונג האָט אָט די אילוזיע, אַז ס'איז נויטיג צו

האָבען אַ הערשער, אין אַלע צייטען געהאַט אויף די גיים־טער! וויפּיעל מענשען זיינען געווען אין פֿראַנקרייך, וועלכע האָבען זיך ניט איינגעבילדעט, אַז זיי זיינען בעשאַפֿען גע־וואָרען אַרומצוקריכען ווי ווערים ביי די פֿיס פֿון אַ קעניג, אין דער צייט וואָס לאַ באָעטיע האָט געשריבען זיין *Contr' Un* (געגען איינעם), אַ ווערק פֿול מיט קלאָהרער לאָגיק, פֿערבונדען מיט עהרליכער איינפֿאַכקייט. איך דער־מאָהן זיך נאָך אָן דער מורא'דיגער איבעראַשונג, וואָס די פּראָקלאַמירונג פֿון דער „רעפּובליק" האָט אין 1848 גע־מאַכט אויף אונזערע בויערן: „נאָך אַלעם דעם מוז מען דאָך האָבען אַ הערשער!" האָבען אַלע געשריען אוןווירק־ליך, זיי האָבען זיך טאַקי אַזוי אַראַנזשירט, אַז באַלד האָ־בען זיי געהאַט אַ הערשער, אָהן וועלכען זיי האָבען זיך גאָר ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז אַ געזעלשאַפֿט זאָל קענען עקזיסטירען: אָט אַפּנים זייער פּאָליטישע וועלט האָט גע־מוזט געמאַכט ווערן נאָך'ן בילד פֿון זייער אייגענעם פֿאַמיליען־לעבען, וואו זיי בענוצען זיך מיט אויטאָריטעט, קראַפֿט און זאָגאַר געוואַלט. אַזוי פֿיעל ביישפּיעלע פֿון פֿערשידענע מלוכות זיינען געווען פֿאַר זייערע אויגען, און דערצו נאָך האָבען זיי געהאַט די ירושה פֿון שקלאַפֿעריי, וועלכע ווערט אַזוי שווער אויסגעוואָרצעלט פֿון'ם בלוט, פֿון די נערווען, פֿון ם מוח, אַז ניט קוקענדיג דערויף וואָס עס איז געווען אַ פֿאַקט, האָבען זיי דאָך ניט געוואָלט דער־לאָזען די רעוואָלוציאָן פֿון די שטעדט, וועלכע איז נאָך ניט געווען קיין עוואָלוציאָן פֿון די בויערשע גייסטער.

צום גליק טהוען די קעניגע אַליין וואָס זיי קענען נאָר, צו פֿערניכטען זייער אַלטע געטליכקייט: זיי בעוועגען זיך שוין ניט ווי אַמאָל אין אַן אונבעקאַנטער וועלט. זיי זיינען אַרונטער פֿון'ם פּיעדעסטאַל זייערן און זיי ווייזען ניט ווי־

לענדיג אַרוים זייערע פֿערקעהרטע זייטען, זייערע קאַפּריזען,
זייער אָרים־גייסטיגקייט, זייערע לעבערליכקייטען; מען
שטודירט זיי אויף אַלערליי אופנים, מען פֿאָטאָגראַפֿירט זיי
אין אַלערליי פֿאָרמען, מען קריכט זיי אַריין אין די געדע־
רים. זיי האָבען שוין אויפֿגעהערט צו זיין קעניגע, זיי זיי־
נען געוואָרען פּראָסט־פּשוט'ע בשר ודם'ניקעס, אונטער־
וואָרפֿען די נידעריגסטע, פֿעראינטערעסירטע חניפות פֿון
די איינע, דעם האַס, דעם געלעכטער און דער פֿעראַכטונג
פֿון די אַנדערע. איצט מוז מען זיך סטאַרען מיט אַלע
כּחות איבער אַ נייעס צוריקשטעלען דעם „מאָנאַרכיסטי־
שען פּרינציפּ”, אום אַריינצוגעבען לעבען אין איהם. אָט
אויף אַזאַ'ן אופן בילדעט מען זיך איין, אז עס זיינען פֿאַר־
האַן פֿעראַנטוואָרטליכע הערשער, קעניגע־בירגער, וועלכע
פּערזאָניפֿיצירען אין זייער מאַיעסטעט די „בעסטע רעפּוב־
ליק”; און כאָטש די דאָזיגע פֿלאַסטערס זיינען זעהר אָרעמע
ערפֿינדונגען, האַלטען זיי פֿונדעסטוועגען אָן אין מאַנכע
לענדער מעהר ווי אַ יאָהרהונדערט. אָט אַזוי דאַרף די לאַנג־
זאַמע עוואָלוציאָן פֿון די אידעען ברייגנען קליינע, האַלבע
רעוואָלוציאָנען, איידער די פֿולע, די לאָגישע רעוואָלוציאָן
וועט געמאַכט ווערן! דער שטאַאַט, אונטער וואָס פֿאַר אַ
פֿאָרמע ער זאָל ניט עקזיסטירען, ער מעג זיך זיין דער פּאָפּו־
לערסטער, האָט דאָך פֿאַר זיין הויפּט־פּרינציפּ די קאַפּריזנע
אויטאָריטעט פֿון אַ הערשער און פֿאָלגליך די פֿערקלענע־
רונג אָדער זאָגאַר די גאַנצע פֿערניכטונג פֿון דער איני־
ציאַטיווע ביים אונטערטהאַן; מחמת די וואָס שטעלען מיט
זיך פֿאָר דעם שטאַאַט זיינען נאָך אַלעמען ניט מעהר ווי
מענשען, און אָט די מענשען, טאַקי דורך דעם גופא וואָס
זיי האָבען די מאַכט אין זייערע הענד, דורך דעם בעגריף
אַליין פֿון דעם וואָרט „רעגירונג”, אונטער וועלכען מען

נעהמט זיי אַרונטער, האָבען וויניגער שמערצען און קענען לייכטער בעפרידיגען זייערע לײדענשאַפטען, איידער די מאַסע פון די בעהערשטע.

אַנדערע אינסטיטוציאָנען, די פערשידענע רעליגיאָנען, האָבען אויך אַזוי שטאַרק בעהערשט די זעעלען. אַז אַסך פריידיינקערישע היסטאָריקער האָבען זאָגאַר געגלויבט, אַז עס איז גאָר לחלוטין אונמעגליך פאַר די מענשען זיך דערפון צו בעפרייען. און ווירקליך, דאָס בילד פון גאָט, וואָס די פאָלקס־פאַנטאַזיע זעהט זיצענדיג אויבען אין די הימלען אויף׳ן כסא הכבוד, איז ניט פון די זאַכען, וואָס עס זאָל זיין אַזוי לייכט זיי איבערצוקעהרען. כאָטש אין דער מענשליכער ענטוויקלונג האָט זיך די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציאָן לאָגישערווייזע געמוזט ענטוויקלען פון דער פאָליטישער בעוועגונג און די גלחים האָבען געמוזט קומען נאָך די עלצטע, מחמת יעדעס בילד שטעלט פאַר אַ ווירקליכקייט, וועלכע האָט פריהער עקזיסטירט, — דאָך האָט מען די דאָזיגע אילוזיאָן אַיועקגעשטעלט אַזוי הויך, כדי פון איהר צו מאַכען די גרונד־אורזאַכע פון אַלע ערדישע אויטאָריטעטען, אַז דאָס האָט איהר געגעבען דעם ערהאַבענסטען און העכסטען כאַראַקטער. מען האָט זיך געווענדעט צו דער אונבעשרענקטער און געהיימניספולער מאַכט, צו דעם „אונבעקאַנטען גאָט" מיט אַזאַ פחד, מיט אַזאַ מין ציטערניש, אַז דאָס האָט דערשטיקט יעדען געדאַנק, יעדען חשק צו קריטיק, יעטוועדען פערזענליכען אורטהייל. פערגעטערונג, דאָס איז דאָס איינציגע געפיהל, וואָס די גלחים האָבען ערלויבט די גלויביגע.

אום ווידער אַמאָל קומען צו זיך, אום צוריקצוקריגען דאָס רעכט פריי צו דיינקען, האָט דער אונהאַבהיינגיגער מענש, — דער צווייפלער אָדער דער אַטהעאיסט, — גע־

מוזט אָנשטרענגען זיין גאַנצע ענערגיע, צונויפנעהמען אַלע כוחות זיינע; און די געשיכטע דערצעהלט אונז, וואָס דאָס האָט איהם געקאָסט אין די פינסטערע צייטען פון דער קירכליכער הערשאַפט. ס'איז אמת, אַז איצט איז „גאָטעס־לעסטערונג" שוין ניט מעהר דאָס גרעסטע פערברעכען, אָבער די אַלטע האַלוצינאַציע, דער פינסטערער חלום, וועלכער איז איבערגעגעבען געוואָרען בירושה פון די אַמאָליגע צייטען, שוועבט נאָך פאַר די אויגען פון דער גרויסער מאַסע.

זי האַלט נאָך אַלץ אָן, אָט די האַלוצינאַציע, זיך ביי־טענדיג יעדען טאָג, אום זיך צו צופּאַסען צו די נייע אידעען און צו נעהמען אַ שטענדיג־וואַקסענדען אַנטהייל אין די ענטדעקונגען פון דער וויסענשאַפט, וועלכע זי האָט פונ־דעסטוועגען די העזה צו פעראַכטען און צו שענדען. אָט די אַלע בייטענישען טאַקי, אָט די פערמאַסקירונגען העלפען דער קירכע און אַלע רעליגיאָנען אויפצוהאַלטען זייער אוי־טאָריטעט אויף די גייסטער, צו לייגען זייער האַנד אויף דאָס געוויסען, צו מאַכען געלעהרטע מיקסטורען, מיש־מאַ־שען פון אַלטע שקרים מיט דעם נייעם אמת. די, וואָס דיינקען, דאַרפען קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז די פיינדע פון דעם געדאַנק זיינען לאָגישערווייזע אויך אין דערזעלבער צייט די שונאים פון יעטוועדער פרייהייט. די, וואָס האַל־טען פון אויטאָריטעט, האָבען איינגעשטימט צו מאַכען פון דער רעליגיאָן דעם יסוד, דעם גרונד שטיין פון זייער טעמ־פעל. אַ פאָלקס־שמשון דאַרף צוטרייסלען די זיילען, וועלכע האַלטען זיי אונטער!

נו, און וואָס קען מען זאָגען מכח דער אינסטיטוציאָן פון „גערעכטיגקייט?" אַזוי ווי די גלחים האַלטען זיך איהרע פאָרשטעהער פאַר אונפעהלבאַר, און דער עפענטליכער

מיינונג, ווען זי איז שוין אפילו איינשטימיג, גיט זיך ניט איין אַרויסצורייסען ביי זיי די בעפֿרייאונג פֿין אַן אונשול־דיגען, וועלכער איז אונגערעכטערהייט פֿער׳משפּט געוואָ־רען. די ריכטער האַסען דעם מענשען, וועלכער געהט אַרויס פֿון תפיסה, ווייל זיי וועט ער מיט רעכט פֿאָרוואַרפֿען זיין אונגליק, זיי וועט ער בעשולדיגען פֿאַר דער שווערער לאַסט פֿון דער סאָציאַלער פֿעראַכטונג, וועלכע מען האָט אויף איהם אַרויפֿגעלייגט. אמת טאַקי, זיי זאָגען ניט, אַז די שכינה רוהט אויף זיי; אָבער צי ווערט דען די גערעכ־טיגקייט, כאָטש זי איז דאָך בלויז אַ ריינע אַבסטראַקציאָן, ניט געהאַלטען פֿאַר אַ געט׳ן, און שטעהט דען ניט די סטאַטוע איהרע אין די געריכטס־הייזער? אזוי ווי דער קע־ניג, וועלכער איז אַמאָל געווען אַן אַבסאָלוטער זעלבסט־הערשער, האָט אויך דער ריכטער געמוזט אַריבערטראָגען איינינגע אָנגריפֿע אויף זיין אַמאָליגער מאַיעסטעט. איצט גיט ער אַרויס אורטהיילען אין נאָמען פֿון פֿאָלק, מיט דעם אויסרייד, פֿערשטעהט זיך, אַז ער פֿערטהיידיגט די מאָראַל, נאָר דאָך בעזיצט ער ניט ווייניגער מאַכט צו זיין אַליין אַ פֿערברעכער, צו פֿעראורטהיילען אויף קאַטאָרגע דעם אונ־שולדיגען און צו בעפֿרייען דעם רייכען פֿערברעכער; אין זיין האַנד געפֿינט זיך דאָס שווערד פֿון׳ם געזעץ, ער האַלט די שליסלען פֿון׳ם געפֿענגנים; ער מוטשעט פֿיזיש און גייס־טיג די בעשולדיגטע מיט טורמע, מיט שטראַשונקעס און ליג־נערישע פֿערשפּרעכונגען פֿון דעם אָנקלעגער, דעם „סליעדאָ־וואַטעל״; ער שטעלט אויף גיליאָטינעס און דרעהט דעם שרויף פֿון דער גאַראָטע; ער ערציהט עס דעם פּאָליציי־מאַן, דעם שפּיאָן; דאָס בילדעט ער דאָס אין נאָמען פֿון דער „סאָ־ציאַלער פֿערטהיידיגונג״ אָט די עקעלהאַפֿטע וועלט פֿון דער

נידעריגע־ אונטערדריקונג, דאָס אָבשטויסענדסטע, וואָס געפינט זיך אין דעם שמוץ און דער בלאָטע.

פֿאַרהאַן נאָך אַן אינסטיטוציאָן, די אַרמעע, וועלכע מען סטאַרעט זיך אויסצומישען מיט דעם „בעוואַפֿענטען פֿאָלק” ביי אַלע נאַציאָנען, וואו דער גייסט פֿון פֿרייהייט איז נאָך אויף אזוי פֿיעל שטאַרק, אַז די הערשער גיבען זיך די מיה זיי צו נאַרען. אָבער לאַנגע און שווערע ערפֿאַהרונגען האָבען אונז געוויזען, אַז אויב די סאָלדאַטען זיינען אַנדערע, איז אָבער דער קרייז געבליבען דערזעלבער, און דער פרינציפּ האָט זיך ניט געביטען. די מענשען זיינען טאַקי דירעקט ניט געקויפֿט געוואָרען אין דער שווייץ אָדער אין דייטשלאַנד: דאָס זיינען שוין ניט מעהר קיין לאַנדסקנעכט און קיין רייטער, אָבער צי זיינען זיי דערפֿאַר פֿרייער? צי האָבען דען די פֿינף הונדערט טויזענד „פֿערנינפֿטיגע באַיאָנעטען”, וועלכע שטעלען צונויף די אַרמעע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעפּובליק, דאָס רעכט אַרויסצוזייגען זייער פֿערנונפֿט, ווען דער קאַפּאָראַל, דער קאַפּיטאַן, די גאַנצע היעראַרכיע פֿון די וואָס בעפֿעהלען, שרייען אויס: „שטיל אין די רייהען!”? דאָס איז דער עיקר — שווייגען; און שטיל מוז אויך זיין ביי זיי אין די געדאַנקען. וואו האָט איהר דעם אָפֿיציר, צי פֿון אַדעל, צי ניט, וואָס זאָל קענען פֿערטראָגען אפילו אויף איין מינוט, אַז אין אָט די אַלע קעפּ, וועלכע שטעהען אויסגעשטעלט פֿאַר איהם אין רייהען, זאָל קענען שפּראָצען אַ געדאַנק, אַן אַנדער געדאַנק ווי זיינער? אין זיין ווילען זיצט די קאָלעקטיווע קראַפֿט פֿון דער גאַנצער לעבעדיגער מאַסע, וועלכע פּאַראַדירט און מאַרשירט נאָך זיין מאַך מיט דער האַנד אָדער זיין וואונק מיט׳ן אויג. ער בעפֿעהלט, זיי מוזען פֿאָלגען. „ציעלט! פֿייער!” ס׳איז גענוג צו דערהערען דיזען רוף, און דער סאָל־

דאָס מוז שיסען אויף'ן טאָנקינער אָדער אויף'ן נעגער, אויף דעם בעדואינער פון אַטלאַס אָדער פון פּאַריז, זיין שונא אָדער זיין פריינד! „שטיל אין די רייהען!" און אַזוי ווי יאָהר איין יאָהר אויס מוזען אַלץ נייע מאַסען, וועלכע די אַרמעע פערשלינגט, בלייבען לחלוטין אונבעוועגליך, ווי דער פּרינציפּ פון דער דיסציפּלין פאָדערט עס, — איז עס דען ניט אַן אומזיסטע האָפנונג צו וואַרטען אויף אַ רעפאָרמע, אויף וואָס פאַר ס'איז פערבעסערונג אין דעם מורא'דיגען רעזשים, אונטער וועלכען די רעכטלאָזע ווערן צודריקט?

דער קייזער ווילהעלם זאָגט: „מיין אַרמעע, מיין פלאָטע," און נוצט אויס יעטוועדע געלעגענהייט איינצו'חזר'ן מיט זיינע סאָלדאַטען, מיט זיינע מאַטראָזען, אַז זיי זיינען זיין זאַך, זיין פיזישעס און מאָראַלישעס אייגענטהום, און אַז זיי דאַרפען זיך אפילו אויף אַ רגע ניט פערטראַכטען צו הרג'ענען זייער פאָטער און מוטער, ווען ער, דער הערשער, ווייזט זיי אָן אויף אָט דעם לעבעדיגען שיס-ברעט. אָט דאָס הייסט גערעדט! דיזע טייפלישע ווערטער האָבען ווייניגסטענס אַ געוויסען פערדיענסט; זיי זיינען דער לאָגישער רעזולטאַט פון דער אויטאָריטערער אויפפאַסונג פון אַ געזעלשאַפט, וואָס גאָט אַליין האָט איינגעאָרדענט. אויב אין די פעראייניגטע שטאַאַטען אָדער אין דער „פרייער שווייץ" איז דער גענעראַל פאָרזיכטיג גענוג ניט צו ווידערהאָל'ן די קייזערליכע רייד, איז דאָס בלויז אויסערליך; טיעף ביי זיך אין האַרצען איז ער מיט דערזעלבער מיינונג, און אַז עס קומט דער גינסטיגער מאָמענט, ווען ער דאַרף עס אַרויסווייזען, קלעהרט ער גאָרנישט איבער. אין דער „גרויסער" אַמעריקאַנישער רעפּובליק דערהויבט דער פּרעזידענט מעקינלי צום טשין גענעראַל אַ העלד, וועלכער מאַטערט זיינע פיליפּינישע געפאַנגענע מיט דער בעריהמ-

טער „וואַסער־קור", כדי זיי צווינגען אויסצוגעבען זייערע חברים, און וועלכער בעפֿעהלט צו שיסען אויף דער אינזעל סאַמאַר אַלע קינדער עלטער פֿון צעהן יאָהר. אין דעם קליינעם שווייצערישען קאַנטאָן אורי, ווידער, האָט איהר אַנדערע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען, אמת, ניט קיין טשאַנס צו בעווייזען זייער העלדישקייט אין אַ גרויסען מאַסשטאַב, ווי זייערע מיטברידער אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, דאָך „פֿיהרען זיי איין די אָרדנונג" דערמיט, וואָס זיי שיסען אויף זייערע ברידער־אַרבייטער. און מיינט ניט, אַז דאָס אַלעס געהט זיך אַזוי דורך און לאָזט קיין שפּורען ניט: ביי די אַלע מענשען, וועלכע זיינען געצוואונגען יאָהרען־לאַנג צו פֿיהרען אַזאַ לעבען, וואו דער פֿערברעכען איז אַ געוועהנ־ליכע זאַך, אַ לעבען, וואו מען געוועהנט זיך רוהיג צו אַלערליי גראָבהייטען און שימפּפֿערייען, און — וואָס איז ערגער פֿון אַלעס — וואו מען רוקט דיר רק אונטער אַן אַנדער געדאַנק, אַן אַנדער ווילען, אַן אַנדער אויפֿפֿיהרונג אַנשטאָט דיינע אייגענע, — ביי די אַלע מענשען איז די מאָראַלישע ווירדע געפֿאַלען, זייער פּערזענליכקייט, זייער פֿרייע און ריינע איניציאַטיווע ערנידעריגט. אויב דער סאָל־דאַט האָט געשוויגען צוויי אָדער דריי יאָהר פֿון זיין בעס־טער יוגענד, האָט ער געהאַט זיין שאָדען דערפֿון: זייענדיג בערויבט פֿון דער מעגליכקייט פֿריי צו ריידען, זיך פֿריי אויסצודריקען, איז דער געדאַנק זיינער גופא אויך אָנגע־גריפֿען געוואָרען.

און אַלע אַנדערע שטאַאַטס־אינסטיטוציאָנען, ווי זיי זאָלען זיך ניט רופֿען, „ליבעראַלע", „שיצענדע", אָדער „פּראָטעקציאָנס"־אינסטיטוציאָנען, — זיינען זיי דען ניט דאָסזעלבע וואָס דאָס געריכט און די אַרמעע? זיינען זיי דען ניט נויטווענדיגערווייזע, שוין דורך זייער פֿונקציאָנירען

אַליין, אויטאָריטעט? מיסברויכען זיי דען ניט זייער מאַכט און ברייגען בלויז שלעכטס? די קאָמישע שריפֿטשטעלער האָבען שטענדיג חוזק געמאַכט פֿון די רעגירונגס־אַדמיני־סטראַציעס; אָבער ווי לעכערליך דיזע בעשרייבונגען זאָלען ניט זיין, זיינען זיי נאָך אַסך קלעגליכער, און מען קען זיי קיין שום פֿאָרוואורף ניט מאַכען, אָט די אונבעוואוסטע אָפּגעבער פֿון אַ פֿערשטיינערטען פּאָליטישען צושטאַנד, וואָס שטימט ניט מיט ן לעבען. שוין גאָר ניט נעהמענדיג אין בעטראַכט די מאַסע פֿון קאָרומפּירענדע עלעמענטען, דאָס אונטערלעקען זיך און דאָס יאָגען זיך נאָך טובות, די פּאַפּיר שמיערעריי, די אונמעגליכקייט צו פֿערזאָרגען אַזאַ מחנה פֿון אָנגעשטעלטע מיט ניצליכער אַרבייט, — ניט קוקענדיג דערויף אפילו, איז דאָס אַליין, וואָס מען האָט אַמאָל געגרינדעט, איינגעאָרדענט, פֿערגעזעצליכט, אַרומ־געריננעלט מיט צוואַנג, מיט שטראָפֿען, מיט זשאַנדאַרמען, מיט געפֿענגנים־בעאַמטע אָט די אַלע פּאָליטישע, רעליגיעזע, מאָראַלישע און סאָציאַלע בעגריפֿע, וועלכע פּאַסען זיך ניט איינע צו די אַנדערע, אום זיי אַרויפֿצודרינגען אויף די מענ־שען פֿון די קומענדע דורות, — אָט דער לעכערליכער פֿאַקט גופא קען ניט האָבען קיין אַנדער זאַך נאָר ווידער־שפּרעכענדע רעזולטאַטען. דאָס לעבען קען קיינמאָל ניט פֿאָראויסגעזעהן ווערן, עס האַלט זיך אין איין בענייען, און דעריבער קען עס זיך ניט צופּאַסען צו בעדינגונגען, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען פֿאַר אַ פֿערגאַנגענע צייט, פֿאַר אַמאָל. ניט נור קומט פֿאָר, אַז אַ געוויסע קאָמפּלי־קאַציע, אַ פֿערדרעהניש אין די רעדער לאָזט ניט אויפֿליי־זען די איינפֿאַכסטע פֿראַגען, נאָר די גאַנצע מאַשין הערט אַמאָל אויף צו פֿונקציאָנירען פֿאַר די וויכטיגסטע זאַכען, און ס'איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ נאָר דורך קליינע אָדער

גרויסע „שטאַאַטס־שטרייכען" איבערצוקומען די שוועריגקייט: אין אַזאַ פֿאַל קלאָגען זיך די הערשער, די מאַכט־האָבענדע, אַז די „געזעצליכקייט הרג'עט זיי אַוועק", און מיט דרייסטקייט וואַרפֿען זיי איהר אַוועק, דיזע געזעצליכקייט, „אום אַריינצוגעהן אין דאָס רעכט", ווי זיי רופֿען עס. האָבען זיי ערפֿאָלג אין זייערע אונטערנעהמונגען, דאַן ווערט זייער האַנדלונג געזעצליך, גערעכטפֿערטיגט ביי דעם היסטאָריקער אין די אויגען; האָבען זיי ניט קיין ערפֿאָלג און זיי פֿערלירען, דאַן ווערן זיי געשטעלט אין איין שורה מיט אַלע איבעריגע פֿערברעכער. דיזעלבע זאַך איז מיט דער מאַסע פֿון אונטערטהאַנען און בירגער, וועלכע ברעכען מנהגים און געזעצע דורך אַ רעוואָלוציאָן: די דאַנקבאַרע קומענדע דורות פֿערהייליגען זיי דערפֿאַר אַלס העלדען. ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ נידערלאַגע, וואָלט מען זיי געהאַלטען פֿאַר איינפֿאַכע רויבער און מערדער.

בשעת זיי האַלטען זיך אין אויסבילדען, נאָך איידער זיי עקזיסטירען אָפֿיציעל, אַלס אַן אָבשטאַמונג פֿון שטאַאַט, נאָך איידער זיי האָבען געקראָגען דעם הסכם פֿון אַ קעניג אָדער פֿון דעם פּאַרלאַמענט, זיינען די אינסטיטוציאָנען אַם געפֿעהרליכסטען; זיי זוכען צו לעבען אויף די קאָסטען פֿון דער געזעלשאַפֿט, איינצופֿיהרען אַ מאָנאָפּאָל פֿאַר זייער פּראָפֿיט. דער גייסט פֿון די יעניגע, וועלכע געהען אַרויס פֿון איין און דערזעלבער שולע, פֿערוואַנדעלט אַלע „קאַמעראַדען", וואָס פֿאַר פֿיינע מענשען זיי זאָלען ניט זיין, סיי אין אונבעוואוסטע פֿערשווערער, פֿעראייניגט און פֿערבונדען פֿאַר זייער אייגענעם וואָהלזיין און געגען דאָס וואָהלזיין פֿון דעם כלל, סיי אין רויבער, וועלכע פֿאַלען אָן אויף די פֿערבייגעהער און צוטהיילען זיך מיט דעם רויב. קוקט זיי אַקאָרשט אָן, אָט די צוקינפֿטיגע טשינאָווניקעס, אין

גימנאַזיע מיט זייערע נומערירט׳ע שול־היטעלאַך אָדער אין דער אוניווערזיטעט מיט זייערע ווייסע אָדער גרינע קאַס־קעטען. ס׳קען זיין, אַז זיי האָבען ניט געשוואָרען קיין זאַך, בעת זיי האָבען זיך אָנגעטהאָן אין דער יוניפאָרמע, אָבער אָהן אַ שבועה אפילו האַנדלען זיי דאָך לויט דעם גייסט פון דער קאָמפּאַניע זייערע, ענטשלאָסען צו פערכאַפּען פאַר זיך דעם בעסטען חלק. פּרוּווט אַקאָרשט אָבשאַפען די איינגעשפּאַרטע רעגלען פון די אַלטע פּאָליטעכניקער, אום אַ פעהיגער מענש זאָל קענען האָבען אַ פּלאַץ אין זייערע רייהען און אָננעהמען דיזעלבע פונקציאָנען אָדער דיזעלבע עהרען־שטעלען וואָס זיי! דער מעכטיגסטער מי־ניסטער וועט עס קיינמאָל ניט קענען עררייכען. דער אינ־זשיניער מעג מאַכען צו קורצע בריקען, צו נידעריגע טונע־לען אָדער צו שוואַכע וועגד, — ס׳מאַכט גאָר ניט אויס, אַבי ער איז נור אַרויס פון דער שולע, אַבי ער האָט די עהרע זיך צו צעהלען צווישען די דיפּלאָמירטע יחסנים.

די סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע לערנט אונז אַלזאָ, אַז מען מוז זיך היטען ניט נור פאַר דער שוין איינגעאָרדענטער מאַכט, נור אייך פאַר יענער, וואָס האַלט אין שפּ־אָצען. ס׳איז אויך וויכטיג גענוי צו אונטערזוכען די פּראַקטישע בעדייטונג פון די ווערטער, וועלכע האָבען אַ ווערטהלאָזען אָדער זאָגאַר אַ פערפיהרערישען קלאַנג, אַזוי ווי, צום ביי־שפּיעל, די אויסדריקע: „פּאַטריאָטיזמוס״, „אָרדנונג״, „סאָ־ציאַלער פריעדען״. די ליעבע צו דער היים איז אָהן אַ שום ספק אַ נאַטירליך און זעהר אַנגענעהם געפיהל; פאַר דעם פערשיקטען איז דאָס זיסטע אין דער וועלט וויטער צו הערען זיין טייערע מוטער־שפּראַך, ווידער צו זעהן די גע־גענדען, וועלכע דערמאָנען איהם דעם אָרט פון זיין געבורט. און די ליעבע פון דעם מענשען איז ניט נור צו

דער ערד, וואָס האָט איהם געהאָדעוועט, צו דער שפּראַך, וועלכע האָט איהם געוויגט, זי פערשפּרייט זיך אויך אין נאַטירליכען שוואונג אויף די קינדער פון דעם זעלבען לאַנד, וואָס האָבען דיזעלבע אידעען, דיזעלבע זיטען, דיזעלבע געפיהלען וואָס ער; ענדליך, אויב ער האָט אַ הויכע נשמה, רייסט ער זיך הין מיט דעם גאַנצען פייער פון אַ סאָלי־דאַרישער ליידענשאַפט פאַר יענע, וועמעס נויטען און וויני־שען עס שטעהען איהם נאָהענט צום האַרצען. איב דאָס איז „פּאַטריאָטיזמוס", וועלכער אָרענטליכער מענש וועט איהם ניט פיהלען? אָבער כמעט שטענדיג בעהאַלט דאָס וואָרט אין זיך אַ גאַנץ אַנדער בעדייטונג איידער די „גע־מיינשאַפט פון די געפיהלען" (סען־זשוסט) אָדער די „ליעבע צום אָרט פון די פאָטערס".

מערקווירדיג איז דאָס, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט גערעדט מיט אַזאַ כלומר'שט פייערדיגער ליעבע פון דעם פאָטערלאַנד ווי זייט דער צייט, ווען מען זעהט, אַז עס פערלירט זיך ביסלאַכוויז אין דעם גרויסען פאָטערלאַנד פון דער גאַנצער מענשהייט. איבעראַל זעהט מען פאָהנען, איבערהויפט אויף די טהירען פון די קרעטשמעס און פון די הייזער מיט פערוויכערטע פענסטער. די „הערשענדע קלאַסען" רייסען איין די וועלט מיט זייער פּאַטריאָטיזמוס, און אין דערזעלבער צייט לייגען זיי אַוועק זייער פערמע־גען אין אויסלאַנד און מאַכען געשעפטען אין וויען און אין בערלין מיט אַלעס, וואָס ברייגנט זיי נור איין געלד, זאָגאַר מיט שטאַאַטס־געהיימניסע. אפילו די געלעהרטע, וועלכע פערגעסען זיך גאָר, אַז זיי האָבען אַמאָל געבילדעט אַן אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־רעפובליק, ריידען אויך פון אַ „פראַנצויזישע וויסענשאַפט", אַ „דייטשע וויסענשאַפט", אַן „איטאַליענישע וויסענשאַפט", אָקוראַט ווי עס וואָלט מעג־

ליך געוועזן מיט זשאַנדאַרמען צו פֿערהאַלטען ביי די גרע־נעצען די פֿערשפּרייטונג פֿון די אידעען און די אָנגענומענע פֿאַקטען: מען וואָלט וועלען אַרויפֿלייגען א צאָלל אויף די פּראָדוקטען פֿון דעם גייסט אַזוי ווי אויף ריבען און באַנוויל־וואַרען. אָבער אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע, וואָס דער מוח פֿון די גרויסע און וויכטיגע ווערט שמעלער און איינ־גער, אַלץ ברייטער ווערט דער געדאַנק פֿון די קליינע, פּראָסט־פּשוט׳ע מענשען. אין דער צייט וואָס דאָס געביעט און די האָפֿנונגען פֿון די גרויסע לייט ווערן וואָס ווייטער אַלץ קירצער און איינגעשרומפּפֿענער, נעהמען מיר, די רעבעלען, אַרום די גאַנצע וועלט און עפֿענען אויף ברייט אונזערע הערצער. מיר פֿיהלען זיך ווי קאַמעראַדען איבער דער גאַנצער וועלט, פֿון אַמעריקאַ ביז אייראָפּאַ און פֿון אייראָפּאַ ביז אויסטראַליען; מיר בענוצען זיך מיט דער־זעלבער שפּראַך אַרויסצושטעלען דיזעלבע פֿאָדערונגען, צו שטרייטען פֿאַר דיזעלבע אינטערעסען, און דער מאָמענט וועט קומען, ווען מיר וועלען האָבען דיזעלביגע טאַקטיק, ווען מיר וועלען זיין פֿעראייניגט ווי איין מאַן. אונזער פֿע־באַנד קומט אַרויס פֿון אַלע ווינקלען פֿון דער גאַנצער וועלט.

אין פֿערגלייך מיט דיזער וועלט־בעוועגונג איז דאָס וואָס מען רופֿט געוועהנליך פּאַטריאָטיזמוס קיין אַנדער זאַך ניט נאָר אַ רעגרעס, אַ ריקשריט אין אַלע הינזיכטען מען דאַרף זיין דער נאַאיווסטער מענש צווישען די נאַאיווע ניט צו וויסען, אז די שול־ביכער פֿון דעם בירגער פריידיגען די ליעבע צום פֿאָטערלאַנד בלויז כדי צו דיענען די אינ־טערעסען און די פּריווילעגיעס פֿון דער הערשענדער קלאַסע, און אַז זיי זוכען אויפֿצוהאַלטען, צו גונסטען פֿון דיזער קלאַסע, דעם האַס פֿון איין לאַנד צום צווייטען צווישען די

שוואַכע און די בערויבטע. אונטער דעם וואָרט פּאַטריאָ־מיזמוס און די מאָדערנע פּירושים, וואָס מען האָט דערויף געמאכט, פּע־מאַסקירט מען די אַלטע שקלאַפּישע געהאָרכ־זאַמקייט צו דעם ווילען פון א געוויסען הערשער, די פּאָל־שטענדיגע ענטזאַגונג פון דעם אינדיווידאום, וועלכער גיט זיך אין גאַנצען איבער אין די הענד פון מענשען, וואָס האָבען די מאַכט און ווילען זיך בענוצען מיט דער גאַנצער נאַציאָן אַזוי ווי מיט אַ בלינדער קראַפט.

דאָסזעלבע איז אויך מיט די ווערטער „אָרדנינג", „סאָ־ציאַלער פּריעדען", וועלכע קלינגען אַזוי שעהן ביי אונז אין די אויערן; אָבער מיר וואָלטען געוואָלט וויסען, וואָס דיזע גוטע אַפּאָסטאָלען, די הערשער, פּערשטעהען מיט דיזע ווערטער. יאָ, דער פּריעדען און די אָרדנונג זיינען אַ גרויסער אידעאַל, וואָס דאַרף פּערווירקליכט ווערן, נאָר מיט איין בעדינגונג: אַז דער דאָזיגער פּריעדען זאָל ניט זיין דער פּריעדען פון דעם קבר, אַז די דאָזיגע אָרדנונג זאָל ניט זיין די „אָרדנונג פון וואַרשוי"! אונזער צוקונפטס־פּריעדען דאַרף ניט אַרויסקומען פון דער אונבעשטרייט־באַרער הערשאַפט פון די איינע און די האָפנונגסלאָזע פּער־שקלאַפונג פון די אַנדערע, נאָר פון דער גוטער און אויפ־ריכטיגער גלייכהייט צווישען קאַמעראַדען.

V.

דער עוואָלוציאָנערער אידעאַל און דער רעוואָלוציאָנערער ציעל.—דאָס „ברויט פאַר אַלעמען".—די אָרימקייט און דאָס „געזעץ פון מאַלטהוס". — גענוג און איבערגענוג קיועלען צום לעבען.— דער אידעאַל פון דעם פרייען געדאַנק, פרייע רעדע און פרייע האַנדלונג. — די אַנאַרכיסטען „פיינדע פון דער רעליגיאָן, פון דער פאַמיליע און פון דעם אייגענטהום".

אַזוי ווי דער סאַמע ערשטער ציעל פון די געווויסענ־האַפטע און אַקטיווע עוואָלוציאָניסטען איז זיך גרינדליך צו בעקענען מיט דער אַרומרינגלענדער געזעלשאַפט, וועלכע זיי רעפאָרמירען ביי זיך אין געדאַנק, דאַרף זייער צווייטע אויפגאַבע זיין סטאַרען זיך אָבצוגעבען אַ גענויע רעכנונג פון זייער רעוואָלוציאָנערן אידעאַל. און דער שטודיום, די פאָרשונג פון דיזען אידעאַל דאַרף געמאַכט ווערן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט, ווייל ער נעהמט אַרום די צו־קונפט אין איהר ברייטסטער פאָרמע; וואָרים אַלע, אי פריינד אי פיינד, ווייסען, אַז עס האנדעלט זיך שוין איצט ניט מכח קליינע, לאָקאַלע רעוואָלוציאָנען, נאָר וועגען אַן אַלגעמיי־נער רעוואָלוציאָן פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט און אין אַלע איהרע מאַניפעסטאַציאָנען.

די בעדינגונגען גופא פון לעבען זאָגען אונז וואָס עס דאַרף זיין אונזער ערשטע, אונזער הויפט־אויפגאַבע. די קולות, די קלאָג־ליעדער, וואָס קומען אַרויס פון די דאָרף־

הייזלאַך, פֿון די הייהלען, פֿון די בוידימס, פֿון די שטאָד־טישע דאַך־שטיבלאַך, האַלטען עס אין איין ווידערהאָלען: „מען מיז האָבען ברויט!" אָט דער קאָלעקטיווער אויסדרוק פֿון דעם בעדירפֿנים פֿון אלע לעבעדיגע וועזענס קומט פֿריהער פֿון אַלעס אַנדערע. אַזוי ווי ס'איז פּשוט אונמעג־ליך צו עקזיסטירען, ווען דער נאַהרונגס־אינסטינקט ווערט ניט צופֿרידענגעשטעלט, מוז מען איהם אום יעדען פּרייז זעהן בעפֿרידיגען, און איהם בעפֿרידיגען פֿאַר אַלעמען, ווייל די געזעלשאַפֿט לאָזט זיך ניט צוטהיילען אויף צוויי טהייל־לען: איינער זאָל האָבען אַלע רעכטע און דער צווייטער גאָר קיין רעכטע ניט צום לעבען. „מען מוז האָבען ברויט!" און דאָס מוז פֿערשטאַנען ווערן אין דעם ברייטסטען זינן פֿון וואָרט, דאָס הייסט, מען מוז פֿאָדערן פֿאַר אַלע מענ־שען, ניט בלויז דאָס עסען, נאָר אויך „דעם גענוס", דאָס הייסט אַלע מאַטעריעלע בעפֿרידיגונגען, וואָס זיינען נויטיג צום לעבען, אַלעס וואָס גיט דער פֿיזישער קראַפֿט און דער געזונדהייט פֿון'ם מענשען די מעגליכקייט זיך צו ענטוויק־לען אין זייער פֿולער מאָס. לויט דעם אויסדרוק פֿון אַ גרוי־סען קאַפּיטאַליסט, וועמען דאָס געפֿיהל פֿון גערעכטיגקייט לאָזט כלומר'שט ניט איינרוהען: „מען מוז גלייך מאַכען דעם אויסגאַנגס־פּונקט פֿאַר אַלע די, וואָס מוזען נעהמען אויף זיך די ריזיקע פֿון'ם לעבען".

מען פֿרעגט זיך אָפֿט, ווי אַזוי די הונגער־ליידער, וועלכע זיינען אַזוי פֿיעל אין צאָהל, האָבען געקענט אַרי־בערטראָגען אין פֿערלויף פֿון יאָהרהונדערטע און טראָגען נאָך איצט אַריבער אין זיך דיזען שרעקליכען געפֿיהל פֿון הונגער, ווי אַזוי זיי האָבען זיך געקענט אָהן אַ שום פּראָ־טעסט צוגעוועהנען צו זיין שטענדיג אָבגעשוואַכט אין אויסגעמוטשעט. די געשיכטע פֿון דער פֿערגאַנגענהייט ער־

קלעה־ט עס אונז. אין די אור־אַלטע צייטען, ווען די קליינע פֿאַמיליען אָדער די שוואַכע שבטים האָבען געמוזט קעמפֿפֿען מיט אַלע כוחות פֿאַר זייער עקזיסטענץ און האָבען נאָך ניט געוואוסט פֿון דעם פֿערבאַנד פֿון מענשליכער סאָלידאַריטעט, דאַן האָט זיך געמאַכט, — און צייטענווייז פֿלעגט עס טרעפֿען עטליכע מאָל אין איין גענעראַציאָן, — אַז די פּראָדוקטען זיינען ניט געווען גענוג צופֿריעדענצושטעלען די בעדירפֿניסע פֿון אַלע מיטגליעדער פֿון דער גרופּע. אין אַזאַ פֿאַל, וואָס האָט מען אַלזאָ געקענט טהאָן, אויב ניט זיך ענטזאַגען, זיך ווי עס איז צוגעוועהנען צו לעבען פֿון גראָז אָדער פֿון קאָרע, אויסהאַלטען לאַנגע תעניתים און וואַרטען ביז וואַנעט עס וועלען זיך מאַכען פֿיש אין ים, אָדער ווילדע חיות אין וואַלד, אָדער עס זאָל אַריין אַ מזל ברכה, אַ גערעטעניש אין דער מאָגערער קאַרגער ערד?

אַזוי האָבען זיך די אָרעמע לייט צוגעוועהנט צום הונגער. די יעניגע פֿון זיי, וועלכע מען זעהט היינט צו טאָג אַרומגעהן מיט מרה שחורה'דיגע פנים'ער לעבען די פֿערדרויכערטע פֿענסטער פֿון די אונטעראירדישע קיכען, לעבען די פּראַכטפֿאָלע מאַגאַזינען פֿון פֿריכטע, פֿון אַלערליי געבראָטענע פֿליישען — דאָס זיינען מענשען, וועלכע האָבען די ערציהונג זייערע געקראָגען בירושה פֿון די אַמאָליגע דורות: זיי אונטערוואַרפֿען זיך אונבעוואוסטעהייט דער מאָראַל פֿון זעלבסט־ענטזאַגונג, וועלכע האָט געהאַט אַ זינן אין דער צייט, ווען דער בלינדער שיקזאַל האָט געטהאָן מיט די מענשען, וואָס ער האָט געוואָלט, אָבער ניט איצט, אין אַ געזעלשאַפֿט מיט אַזוי פֿיעל איבערפֿליסיגע רייכטהימער, צווישען מענשען, וואָס שרייבען אויף דאָס וואָרט „ברידערליכקייט" אויף זייערע וועגד און וועלכע הערען ניט אויף זיך צו גרויסען מיט זייער פֿילאַנטראָפּיע. און דאָך איז די

צאָהל פֿון די אונגליקליכע, וועלכע סמייען אויסצושטרעקען די האַנד און נעהמען דיזע שפּייז, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט פֿאַר דעם פֿערבייגעהער, גאַנץ קליין, וואָרים די פֿיזישע אָבשוואַכונג, וועלכע קומט פֿון הונגער, מאַכט אין דערזעלבער צייט אַ תל פֿון דעם ווילען. פֿערניכטעט יעטוועדע ענערגיע, זאָגאַר די אינסטינקטיווע! אַחוץ דעם, איז די איצטיגע „גערעכטיגקייט" אַסך שטריינגער איידער די אַלטע געזעצען פֿאַר דעם, וואָס גנב'עט אַ שטיק ברויט. מיר האָבען שוין געזעהן, ווי אונזער מאָדערנע געטין פֿון גערעכטיגקייט האָט אַרויפֿגעלייגט אַ גע'גנב'עטען קוכען אויף איהר וואָג־שאָל און געפֿונען, אַז ער איז אַזוי שווער ווי אַ יאָהר געפֿענגניס.

„איהר וועט אימער האָבען אביונים צווישען אייך!" האָבען די גליקליכע זאַטע לייט ליעב צו ווידערהאָלען, איבערהויפּט די, וואָס קענען אויסענווייניג די הייליגע פּסוקים און האָבען ליעב שטענדיג צו מאַכען אַזעלכע קלאָגעדיגע, מרה'שחורה'דיגע פּנים'ער בשעת זייריידען. „איהר וועט אימער האָבען אביונים צווישען אייך!" דאָס דאָזיגע וואָרט, זאָגען זיי, קומט פֿון גאָט'ס מויל און זיי ווידערהאָלען עס, פֿערגלאָצענדיג דערביי די אויגען און עס אויסריידענדיג מיט אַ טאָן פֿון הייליגקייט, כדי עס זאָל קלינגען ווי עפּעס רעכטעס און טאַקי דערפֿאַר וואָס דיזע ווערטער זיינען אָנגענומען געוואָרען אַלס געטליכע, האָבען די אָרעמע אַליין, אין דער צייט פֿון זייער אינטעלעקטועלער אָרעמקייט, אויך געגלויבט, אַז אַלע זייערע אָנשטריינגונגען זיינען אַרויסגעוואָרפֿען, קיין זאַך קען זיי ניט ברייגגען צום גליק, צום וואָהלזיין: זיך פֿיהלענדיג פֿערלאָרען אויף דער וועלט, האָבען זיי ארויסגעקוקט אויף יענער וועלט. „ס'קען זיין, אַז מיר וועלען שטאַרבען פֿון הונגער אויף דיזער ערד, פֿול מיט טרעהרען", האָבען זיי געזאָגט; „אָבער דאָרט לעבען

גאָט, אין דעם דאָזיגען גלענצענדען הימעל, וואו די שטראַה־לען־קרוין פון דער זונן ועט בעדעקען אונזערע קעפּ, וואו די „מילך־גאַס" וועט זיין אונזער בעט, — דאָרט וועט מען דאָך ניט דאַרפֿען עסען, און מיר וועלען זיך קיהלען דאָס האַרץ, הערענדיג די קולות פֿון דעם רשע, דעם רייכען, וועלכער וועט אייביג געמאַטערט ווערן פֿון דעם הונגער." איצט זיינען נאָך פֿאַרהאַן אַ קליינע צאָהל אונגליקליכע, וועלכע לאָזען זיך פֿערפֿיהרען פֿון דיזע דומהייטען, נאָר דאָס רוב זיינען זיי קליגער געוואָרען, זיי האַלטען די אויגען אָפֿען אַנטקעגען דעם ברויט פֿון דיזער ערד, וואָס גיט דאָס מאַטעריעלע לעבען, די פֿלייש און בלוט, און זיי ווילען האָבען זייער טהייל פֿון דיזען ברויט, וויסענדיג, אַז זיי האָבען אַ רעכט דערויף, ווייל די ערד איז איבערפֿילט מיט רייכטהום.

די רעליגיעזע האַלוציניאַציעס, וואָס די פֿעראינטערעסירטע גלחים האָבען מיט אַ כיוון אויפֿגעהאַלטען, האָבען שוין אַלזאָ מעהר קיין שום מאַכט ניט צו פֿערפֿיהרען די הונגער־ליידער, זאָגאַר די, וועלכע רופֿען זיך קריסטען, און זיי אָבוועגדען פֿון דער פֿאָדערונג פֿון דעם טעגליכען ברויט, וואָס מען פֿלעגט אַמאָל בעטען ביי זיין ליעבען נאָמען דעם „פֿאָטער אין הימעל". נאָר דערפֿאַר האָט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די כלומר'שטע וויסענשאַפֿט, איבערגענומען די ירושה פֿון דער רעליגיאָן, פּריידיגענדיג דיזעלבע זאַך, אַז די נויטה איז אונפֿערמיידליך און אויב עס זיינען פֿאַרהאַן אונגליקליכע מענשען, וואָס שטאַרבען פֿון הונגער, איז די געזעלשאַפֿט לחלוטין ניט שולדיג אין דעם. מעג מען זעהן פֿון איין זייט גאַנצע מחנות פֿון פֿערהונגערטע אָרעמע לייט און פֿון דער אַנדער זייט עטליכע מיוחסים, וועלכע עסען צו זאַט און פוצען זיך אוים אין די שעהנסטע, טהייערסטע

בגדים. — מען מוז גאַנץ נאַאיוו גלויבען, אַז אַנדערש קען עס גאָרניט זיין! ס'איז אמת, אַז אין גוטע צייטען, ווען ס'איז אַ גע־עטעניש אין אַלצדינג, וואָלט מען זיך ניט גע־דאַרפט אויסרעכענען און נעהמען יעדער איינער „וויפיעל זיין הארץ גלוסט" און אין אַ שלעכטער צייט וואָלט מען זיך געקענט צוטהיילען צווישען זיך מיט דעם, וואָס מען האָט, נאָר אַזאַ מין סיסטעם פון לעבען וואָלט דאָך געוויזען, אַז ס'איז מעגליך צו האָבען אַ געזעלשאַפט פון מענשען, וועלכע זיינען איינג פערבונדען צווישען זיך דורך אַ באַנד פון ברידערליכער סאָלידאַריטעט. אַזוי ווי דער דאָזיגער נאַטירליכער קאָמוניזמוס זעהט נאָך דערוויל ניט אויס צו זיין אַ מעגליכע זאַך, דערפאַר מוז דער אָרעמער, וועלכער גלויבט די עקאָנאָמיסטען אויף'ן וואָרט, אַז די ערד גיט ניט אַ־ויס גענוג פראָדוקטען פאַר אַלעמען, מקבל באהבה זיין זיין שיקזאַל און זיין צופריעדען מיט זיין אָרימקייט.

פונקט אַזוי ווי די פאַבסטען פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט, ווידערהאָלען אויך די אָפּפער גופא פון דעם רשעות'דיגען סאָציאַלען סיסטעם, יעדער איינער אויף זיין אופן, דאָס שרעקליכע „מאַלטהוס־געזעץ" — „פאַרהאַן צו־פיעל אביונים אויף דער וועלט!" — דאָס דאָזיגע געזעץ, וואָס דער פראָטעסטאַנטישער גייסטליכער האָט מיט אַן ערך הונדערט יאָהר צוריק אַוועקגעשטעלט אַזוי ווי אַ מאַטהעמאַטישען כלל, און וועלכער האָט עפּעס אַזוי ווי געוואָלט צונויפדריקען די געזעלשאַפט צווישען די פעסטע באַק־ציינער פון זיין לאָגישען שלום: אַלע אונגליקליכע, נויט־לײדענדע מענשען האָבען מיט אַ מרה־שחורה'דיגען טאָן זיך געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ קיין אָרט פאַר זיי אויף דעם „לעבענס־באַנקעט". דער בעריהמטער עקאָנאָמיסט, וועלכער איז איבעריגענס געווען אַ גאַנץ עהרליכער מענש,

האָט נאָך פֿערשטאַרקט זייער טרויעריגע, ביטערע איבערצייר
גונג, זי אונטערשפּארענדיג מיט אַ כלומר׳שט מאַטעמאַטישען
זייל: די בעפֿעלקערונג. האָט ער געזאָגט, וועט זיך פֿערדאָפּלען
רעגעלמעסיג אַלע 25 יאָהר, אין דער צייט ווען די לעבענס-
מיטלען וועלען צואוואַקסען אויף אַסך אַ קלענערער פּראָפּאָרציע
און אַזאַ׳ן אופן וועט נויטיג זיין צו בעזייטיגען יעדעס יאָהר
די איבעריגע, צוגעקומענע מענשען. וואָס זשע דאַרף אַלזאָ,
לויט מאַלטהוס׳ן און זיינע נאָכפֿאָלגער, געטהאָן ווערן, אום
אויסצומיידען, אַז די מענשהייט זאָל ניט רעגעלמעסיג
פֿערטיליגט ווערן דורך דער נויטהה, דעם הונגער און די
מגפות? פֿערשטעהט זיך, אַז מען קען ניט פֿערלאַנגען פֿון
די אָרעמע לייט, זיי זאָלען מיט׳ן גוטען ווילען בעפֿרייען
די ערד פֿון זייער אָנוועזענהייט, זיי זאָלען זיך ברייגנען
אַלם קרבן צו די געטער פֿון דער „הייליגער פּאָליטישער
עקאָנאָמיע”; נאָר דערפֿאַר ראַטה מען זיי, זיי זאָלען זיך
ענטזאַגען פֿון דעם נחת פֿון דער פֿאַמיליע: ניט קיין פֿרויען
און ניט קיין קינדער! אָט אַזוי פֿערשטעהט מען עס דיזע
„מאָראַלישע צוריקהאַלטונג”, וואָס מען בעשווערט די אָנ-
שטענדיגע אַרבייטער אָבצוהיטען. אַ גרויסע פֿאַמיליע דאַרף
זיין אַ לוקסוס, וואָס נאָר די רייכע זאָלען זיך פֿערגינען צו
האָבען, דאָס איז די עקאָנאָמישע מאָראַל.

נאָר אויב די אָרעמע לייט, וועלכע הערען זיך ניט צו
צו די וואָרנונגען פֿון די פּראָפֿעסאָרען, ווילען זיך ניט בע-
נוצען מיט די נויטיגע מיטלען, אום צו פֿערהינדערן, אַז די
בעפֿעלקערונג זאָל ניט וואַקסען, טהוט די נאַטור די דאָזיגע
אַרבייט: זי פֿערניכטעט אַליין די איבעריגע. און אָט די
פֿערניכטונג קומט פֿאָר אין אונזער קראַנקער געזעלשאַפֿט
אויף אַזאַ געוואַלדיגען אופן, אַז די שוואַרצעסטע פּעסימיסטען
אפילו קענען זיך עס גאָר ניט פֿאָרשטעלען. ניט וואונדער,

נאָר מיליאָנען לעבענס פערלאָנגט דער גאַט פון מאַלטהוס יאָהר פאַר יאָהר. ס'איז גרינג צו בערעכענען על פי ערך די צאָהל פון די, וועמען דער עקאָנאָמישער שיקזאַל האָט פערורטהיילט צום טויט, זייט דער שטרייגגער טהעאָלאָג האָט פראָקלאַמירט דאָס כלומר'שטע „געזעץ", וואָס האָט זיך אונגליקליכערווייזע אויף אַ שטיקעל צייט אַרויסגעוויזען אַלס אמת אין דעם סאָציאַלען פלאָנעטער אונזערן. אין משך פון דעם נייגצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען מיר געהאַט דריי גענעראַציאָנען אין איירָאָפּאַ. נון, אַז מיר קוקען דורך די סטאַטיסטיק פון די טויטענפעלע, געפינען מיר, אַז די דורכשניטליכע לעבענס-צייט פון די רייכע לייט (די איינוואוינער פון די גרויסע, לופטיגע קוואַרטאַלען אין לאָנדאָן, פּאַריז און בערן, למשל) שטייגט אַריבער זעכציג, דערגרייכט זאָגאַר ביז זיבעציג יאָהר. און דיזע מענשען האָבען פונדעסטוועגען, טאַקי דורך דער אונגלייכהייט גופא, גענוג אורזאַכען ניט צו לעבען אַזוי לאַנג: דאָס „גרויסאַרטיגע לעבען" קאָרומפירט זיי אויף אַלע אופנים; נאָר די גוטע לופט, די גוטע שפּייז, די פערשידענאַרטיגקייט אין זייערע וואוינונגען און זייערע בעשעפטיגונגען, — דאָס אַלעס היילט זיי אויס און בעניים זייערע כוחות. אָבער די וואָס זיינען פערשקלאַפט צו אַן ארבייט, אָהן וועלכער זיי קענען פשוט ניט האָבען דאָס נייטיג שטיקעל ברויט, זיינען שוין פון פאָראויס פערורטהיילט צו שטאַרבען יונגערהייט, צווישען צוואַנציג און פערציג יאָהר אַלט, דאָס הייסט אין אַ דורכשניט פון דרייסיג יאָהר. אויף אַזאַ'ן אופן לעבען זיי בלויז אַ העלפט פון דער צייט, וואָס זיי וואָלטען געדאַרפט און געקענט לעבען, ווען זיי וואָלטען געווען פריי און געהאַט די מעגליכקייט זיך אויסקלייבען וואו צו וואוינען און מיט וואָס זיך צו בעשעפטיגען. זיי שטאַרבען אַלזאָ פונקט אין

דער צייט, ווען זייער לעבען וואָלט געדאַרפֿט ערדייכען זיין גאַנצע קראַפֿט; און יעדעס יאָהר, ווען מען מאַכט דעם סך הכל פֿון די טויטע, געפֿינט מען, אַז ער איז ווייניגסטענס צוויי מאָל אַזוי גרויס וויפֿיעל ער וואָלט געדאַרפֿט זיין אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון גלייכע מענשען. אַזוי ווי עס שטאַרבען אַן ערך צוועלף מיליאָן מענשען אַ יאָהר אין אייראָפּאַ, קען מען בעשטימט זאָגען, אַז זעקס מיליאָן פֿון זיי ווערן דער׳הרג׳עט דורך די סאָציאַלע בעדינגונגען, וואָס הערשען אין אונזער באַרבאַרישען קרייז; זעקס מיליאָן מענשען קומען אום יעהרליך אויס מאַנגעל אין ריינער לופֿט, אין געזונטע שפּייז, אין בעקוועמער היגיענע, אין אַ האַרמאָנישער אַרבייט. נון! בערעכענט אַקאָרשט די צאָהל פֿון טויטע, זינט מאַלטהוס האָט גערעדט, האַלטענדיג פֿאָראויס זיין הספד איבער דעם אונגעהייערען באַרג פֿון הרוגים! איז עס ניט וואָהר, אַז אַ העלפֿט פֿון דער זאָגענאַנטער ציוויליזירטער מענשהייט בעשטעהט פֿון מענשען, וועלכע זיינען ניט איינגעלאַדען צום סאָציאַלען באַנקעט, אָדער וועלכע געפֿינען דאָרט אַ פּלאַץ בלויז פֿאַר אַ שטיקעל צייט און זיינען פֿעראורטהיילט צו שטאַרבען מיט פֿערטריקענטע, פֿער׳חליש׳טע מיילער, ניט קענענדיג ערפֿילען זייערע ווינשע? דער טויט זיצט אויבען אָן ביי דער סעודה, און ער פֿערטרייבט די וואָס פֿערשפּעטיגען זיך. אויף די אויסשטעלונגען ווייזט מען אונז וואונדערבאַרע „בריה־אַפּאַראַטען”, וואו אַלע געזעצע פֿון דער פֿיזיק, אַלע ידיעות פֿון פֿיזיאָלאָגיע און אַלע ערפֿאַהרונגען פֿון אַ טיעפֿזיניגער אינדוסטריע ווערען אָנגעווענדעט צו דערהאַלטען ביים לעבען קינדער, וואָס ווערן געבוירען פֿאַר דער צייט, אויף׳ן זיבעטען, זאָגאַר אויף׳ן זעקסטען מאָנאַט. און דיזע קינדער אָטהעמען און אָטהעמען, ענטוויקלען זיך, ווערן גרויסאַרטיגע בייבים, די

ע׳הרע פֿון זייערע רעטער, דער שטאָלץ פֿון זייערע מוטערס. אָבער אויב מען ראַטעוועט פֿון טויט די, וועמען די נאַטור האָט אַזוי ווי פֿער׳משפּט צו שטאַרבען, דער׳הרג׳עט מען מיליאָנען־וויז די קינדער, וואָס זיינען בעשטימט צו לעבען דורך די אויסגעצייכענטע קאָנדיציאָנען פֿון זייער געבורט. אין דער שטאָדט נעאַפּעל איז פֿאַרהאַן אַן אַנשטאַלט פֿון „געפֿונענע קינדער", און דער אָפֿיציעלער בעריכט פֿון די אויפֿזעהער דערצעהלט גאַנץ אָפֿען, אַז פֿון ניין הונדערט און פֿופֿציג קינדער זיינען בלויז דריי געבליבען לעבען!

די לאַגע איז אַלזאָ אַ שיידערליכע, נאָר אַן אונגעהייער גרויסע עוואָלוציאָן האָט זיך דערווייל דורכגעבראָכען אַ וועג, אַנזאָגענדיג דאָס אָנקומען פֿון דער נעכסטער רעוואָלוציאָן. אָט די עוואָלוציאָן בעשטעהט אין דעם, וואָס עס איז קלאָהר געוואָרען פֿאַר אַלעמען, אַז די עקאָנאָמישע „וויסענשאַפֿט", וועלכע האָט געזעהן בנבואה דעם מאַנגעל אין לעבענס־מיטלען און דעם אונפֿערמיידליכען טויט פֿון די הונגער־ליידער, האָט מחילה אַ טעות געהאַט און די ליידענדע מענשהייט, וועלכע האָט זיך געהאַלטען פֿאַר אָרים, האָט ענטדעקט איהר רייכטהום: איהר אידעאַל פֿון „ברויט פֿאַר אַלעמען" איז שוין מעהר קיין אוטאָפּיע ניט. די ערד איז גרויס אין ברייט גענוג אונז אַלעמען צו טראָגען אין איהר שויס, זי איז גענוג רייך אונז אַלעמען צו ערנעהרען בהרחבה. זי קען אַרויסגעבען גענוג תבואה, גענוג פֿריכטע, אַז אַלע זאָלען האָבען וואָס צו עסען; זי גיט אַרום גענוג פֿאָדימ־דיגע פֿלאַנצונגען, אַז אַלע זאָלען קענען זיין בעקליידט; זי ענטהאַלט אין זיך גענוג שטיינער און ליים, אַז אַלע זאָלען קענען האָבען הייזער. אָט דאָס איז די עקאָנאָמישע טהאַטזאַך אין איהר גאַנצער איינפֿאַכקייט. ניט נאָר וואָלט

דאָס, וואָס די ערד פּראָדוצירט, גענוג געווען פאַר דעם געברויך פון די, וואָס וואוינען אויף איהר, נאָר ס'וואָלט געווען גענוג, אפילו ווען דער פערברויך וואָלט פּלוצלונג פערדאָפּעלט געוואָרען, און דאָס אַלעס זאָגאַר ווען די וויסענשאַפט זאָל זיך ניט אַריינמישען אין פערפאָלקאָמען די אַגריקולטור, איהר געבען אַלע נייטיגע מיטלען, וואָס די בעמיע, די פיזיק און די מעכאַניק זיינען איצט אים שטאַנד צוצושטעלען. אין דער גרויסער פאַמיליע פון דער מענשהייט איז דער הונגער ניט נור דער רעזולטאַט פון אַ קאָלעקטיווען פערברעכען, נאָר ער איז אויך אַ לעכערליכקייט, ווייל די פּראָדוקטען זיינען מעהר ווי צוויי מאָל אַזוי פיעל וויפיעל ס'איז נייטיג צו בעפרידיגען די מענשליכע בעדירפניסע.

די גאַנצע קונסט פון דער פּראָדוקטען־פערטהיילונג, ווי זי ליגט איצט אין די הענד פון איינצעלנע מענשען און איז אָבהייננגיג פון דער מורא'דיגער קאָנקורענץ פון די שפּעקולאַנטען און האַנדעלס־לייט, — דער גאַנצער קונץ פון דיזער פערטהיילונג בעשטעהט אין דעם צו הויבען די פרייזען, צונעהמענדיג די פּראָדוקטען פון די, וועלכע וואָלטען זיי געהאַט פאַר גאָרנישט, און זיי אַוועקפיהרענדיג צו די, וועלכע בעצאָהלען פאַר זיי גוט געלד: אָבער אין דעם דראָזיגען משא ומתן, אין דעם אַריבערברייננגען און אַריבערפיהרען פון די לעבענס־מיטלען און די סחורות, געהען די זאַכען אין ניוועץ; פיעלעס ווערט קאַליע און פערלאָרען אין גאַנצען. די אָרעמע אָבגעריסענע שלעפּער, וואָס געהען פערביי די גרויסע מאַגאַזינען, וויסען עס גאַנץ גוט. ס'פעהלען ניט קיין אויבעררעק צו בעשיצען זייערע רוקענס פון קעלט, ניט קיין שיך צו בעדעקען זייערע נאַקעטע פיס, ניט קיין גוטע פריכטע, ניט קיין וואַרעמע געטרענקע צו דערקוויקען און ערהוילען זייערע קראַנקע, ליידיגע מאָגענס.

אַלעס איז פֿאַרהאַן געגוג און איבער גענוג, און אין דער
צייט וואָס זיי בלאָנזשען אַ־ום דאָ און דאָרט, וואַ־פֿענדיג הונ־
געריגע בליקען אַרום זיך, איז זיך דער סוחר מישב, ווי ער
זאָל אַם בעסטען העכערן דעם פרייז פֿון זיינע לעבענס־
מיטלען, און ווען נויטיג אויך פֿערקלענערן דעם סקלאַד
זיינעם. אַזוי צי אַזוי, דער פֿאַקט בלייבט פֿאַקט, אַז עס איז
שטענדיג פֿאַרהאַן אַן איבערפֿלוס פֿון פּראָדוקטען! און
וואַרום פֿאַנגען די הערן עקאָנאָמיסטען ניט אָן זייערע
האַנדביכער מיט דיזען הויפּט־פֿאַקט פֿון דער סטאַטיסטיק?
ווי קומט עס וואָס גראָד מיר, די רעוואָלטירטע, מוזען זיי דאָס
דערצעהלען? און ווי זאָל מען זיך ערקלעהרען דאָס וואָס
די אונענטוויקעלטע אַרבייטער, ריידענדיג צווישען זיך נאָך
דער אַרבייט, ווייסען מכח דעם אַסך מעהר ווי די פּראָפֿע־
סאָרען אין די געלעהרטעסטע תלמידים פֿון דער שולע, וואו
עס ווערן געלערנט די מאָראַלע אין פּאָליטישע וויסענשאַפֿטען?
מוז מען דערפֿון דרינגען, אַז די ליעבע צו דער פֿאָרשונג
איז ביי זיי ניט אַזוי ערנסט, ווי זיי שטעלען עס פֿאָר?

אַזוי ווי די מאָדערנע עקאָנאָמישע עוואָלוציאָן האָט
פֿאָלשטענדיג גערעכטפֿערטיגט אונזער פֿערלאַנג נאָך ברויט,
בלייבט אונז איבער צו וויסען, אויב זי בערעכטיגט אונז
אויך אויף אַן אַנדער געביעט פֿון אונזער אידעאַל, דער
פֿערלאַנג נאָך פֿרייהייט. „ניט אויף ברויט אליין לעבט דער
מענש", זאָגט אַן אַלטעס שפּריכוואָרט, וואָס ועט בלייבען
אימער וואַהר, סיידען דאָס מענשליכע וועזען זאָל זיך אומ־
קעהרען צו די אַלטע צייטען, ווען מען האָט געלעבט אויף
הוילע געוויקסען; אָבער פֿון וואָס בעשטעהט זי, דיזע
נאַהרונגס-סובסטאַנץ, אָהן וועלכער מען קען ניט אויסקומען
אַחוץ די מאַטעריעלע שפּייז? נאַטירליך, די קירכע פּריידיגט
אונז, אַז דאָס איז „גאָט'ס וואָרט", און דער שטאַאַט גיט

אונז צו וויסען, אַז דאָס איז די „געהאָרכזאַמקייט צו די געזעצען". דיזע שפּייז, וועלכע ענטוויקעלט דעם גייסט און די מאָראַל פון'ם מענשען, איז די „פּרי עץ הדעת טוב ורע", די פֿרוכט פֿון וויסען דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, וואָס די מיטהאָלאָגיע פֿון די אידען און פֿון אַלע רעליגיאָנען, וועלכע קומען אַרוים פֿון איהר, פֿערוועהרט אונז צו עסען, מחמת עס איז זעהר אַ שעדליכע שפּייז, דער מאָראַלער סם המות, וואָס פֿערדאַרבט אַלצדינג, זאָגאַר „ביז'ן דריטען דור", ביז די אור־אור אייניקלאַך פֿון דעם וואָס האָט עס צום ערשטען מאָל פֿערזוכט! לערנען, דאָס איז דאָס גרעסטע פֿערברעכען לויט דעם שטאַאַט, ניט קוקענדיג דערויף וואָס גלחים און רעגירונגס־לייט גופא ווערן געגען זייער אייגענעם ווילען אָנגעשטעקט מיט אַפּיקורס'ישע געדאַנקען. לערנען איז אין געגענטהייל די העכסטע טוגענד פֿאַר דעם פֿרייען מענשען, וועלכער בעפֿרייט זיך פֿון יעדער אויטאָריטעט, צי הימליש צי מענשליך: ער ווייזט אויך צוריק די, וועלכע נעהמען זיך דאָס רעכט, אין נאָמען פֿון אַ „הויכער פֿערנונפֿט", צו דיינקען און צו ריידען פֿאַר אַנדערע, און די, וואָס צווינגען אַרויף אויף די מענשען געזעצען, אַ זאָגענאַנטע אויסערליכע, געזעצליכע און בעשטימטע מאָראַל. אויף אַזאַ'ן אופן קומט אוים, אַז דער מענש, וואָס וויל זיך ענטוויקלען און ווערן אַ מאָראַלעס וועזען, מוז גראָד טהאָן פּונקט פֿערקעהרט ווי די קירכע און דער שטאַאַט הייסען איהם טהאָן: ער דאַרף דיינקען, ריידען, האַנדלען פֿריי. דאָס זיינען די אונפֿערמייד־ליכע בעדינגונגען פֿון יעטוועדען פּראָגרעס.

„דיינקען, ריידען, האַנדלען פֿריי" אין אַלצדינג! דער אידעאַל פֿון דער צוקינפֿטיגער געזעלשאַפֿט, וועלכע וועט זיין אַ היפוך, אַ קאָנטראַסט און דאָך אַ פֿאָרטזעצונג פֿון דער הייגטיגער געזעלשאַפֿט, דריקט זיך אַלזאָ אוים אויף

דעם דייטליכסטען אופן. דיינקען פֿריי! דער עוואָלוציאָניסט, אַזוי גיך ווי ער ווערט נור אַ רעוואָלוציאָנער, טהיילט ער זיך גלייך אויף'ן שטעל אָב פֿון יעטוועדע דאָגמאַטישע קירכע, פֿון יעדער סטאַטוטען־מעסיגער קערפּערשאַפֿט, פֿון יעטוועדער פּאָליטישער גרופּע מיט געצוואונגענע רעגלען, פֿון יעדען עפֿענטליכען אָדער געהיימען פֿעראיין, וואו די מיטגליעדער מוזען אָננעהמען אַלע כאָרטען אונבעשטרייטבאַרע בעפֿעהלען, אַניט ווערן זיי בעהאַנדעלט ווי פֿערעטהער. פֿאַר דעם רעוואָלוציאָנער עקזיסטירט מעהר ניט קיין קירכע, וואָס זאָל קענען אַריינלייגען אין חרם די דיינקער און זייערע שריפֿטען! ניט קיין קעניגע און קיין פֿירסטען צו פֿערלאַנגען, מען זאָל זיי שווערן טרייהייט, קיין שעף פֿון דער אַרמעע אַרויפֿצודרינגען די איבערגעבענהייט צו דער פֿאָהן פֿון'ם „פֿאָטערלאַנד"; ניטאָ פֿאַר איהם קיין בילדונגס־מיניסטער, וואָס זאָל דיקטירען וואָס צו לערנען אין די שולען, וועלכע בלעטלאַך דער לעהרער מעג און וועלכע ער טהאָר ניט ערקלעהרען די שילער זיינע; ניטאָ פֿאַר איהם קיין קאָמיטעט, וואָס זאָל דיענען אַלס צענזאָר ביי די טהירען פֿון די „פֿאָלקס־הייזער". ער וויל ניט וויסען פֿון ריכטער, וועלכע צווינגען דעם עדות אָבצוגעבען אַ לעגערליכע און פֿאַלשע שבועה, וואָס מוז נויטווענדיגערווייזע פֿיהרען צו אַ שווינדעל, ווייל די שבועה גופא איז אַ ליגען. ער גלויבט ניט אין קיין שום אויבערהאַר, וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער ער זאָל ניט טראָגען, טשינאָווניק, לעהרער, מיטגליעד פֿון אַ קלעריקאַלען אָדער סאָציאַליסטישען קאָמיטעט, באָס אָדער פֿאַמיליען־פֿאָטער, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ בעל הבית און וועמען מען מוז פֿאָלגען.

און די רעדע־פֿרייהייט? און די פֿרייהייט צו האַנדלען? זיינען זיי דען ניט די דירעקטע און לאָגישע פֿאָלגען פֿון

דער פֿרייהייט צו דיינקען? דאָס וואָרט איז דאָך קיין אַנדער זאַך ניט נאָר דער געדאַנק, וואָס לאָזט זיך הערען, די האַנדלונג — דער געדאַנק, וואָס ווערט זיכטבאַר און ער־שיינט פֿאַר די אויגען. מיר ווילען אַלזאָ, אַז יעדער מענש זאָל האָבען די פֿולע און אַבסאָלוטע פֿרייהייט אויסצודריקען זיין געדאַנק אין אַלצדינג, אין דער וויסענשאַפֿט, אין דער פּאָליטיק, אין דער מאָראַל, אָהן אירגענד וועלכען אַנדערן צוריקהאַלט אַחוץ דעם רעספּעקט פֿאַר דעם צווייטען; מיר ווילען גלייכצייטיג, אַז יעדער איינער זאָל האָבען דאָס רעכט צו האַנדלען ווי ער פֿערשטעהט, „טהאָן דאָס וואָס ער וויל", נאַטירליכערווייזע פֿעראייניגענדיג זיין ווילען מיט דעם ווילען פֿון די אַנדערע מענשען אין אַלע כלל־זאַכען, אין אַלע קאָלעקטיווע אַרבייטען: זיין אייגענע, אינדיווידועלע פֿרייהייט געפֿינט זיך אויף קיין פֿאַל ניט בעשריינקט דורך דיזער פֿעראייניגונג, נאָר אדרבה, זי ווערט נאָך פֿערגרע־סערט, אַ דאַנק דער קראַפֿט פֿון דעם געמיינשאַפֿטליכען ווילען.

ס'פֿערשטעהט זיך פֿון זיך אַליין, אַז דיזע אַבסאָלוטע פֿרייהייט פֿון געדאַנק, פֿון וואָרט און פֿון האַנדלונג קען ניט מעגליך זיין אין די אינסטיטוציאָנען, וועלכע בעשריינקען די פֿרייהייט צו דיינקען, וואו מען קען ניט פֿריי ריידען, און וועלכע ווילען זאָגאַר צווינגען דעם אַרבייטער צו שטעהן מיט צונויפֿגעלייגטע אָרעמס אָדער שטאַרבען פֿון שווערער אַרבייט און אָבשוואַכונג, אויספֿיהרענדיג דעם בעפֿעהל פֿון דעם בעל הבית. די קאָנסערוואַטאָרס האָבען גאָר קיין טעות ניט געהאַט, ווען זיי האָבען אָנגערופֿען די רעוואָלוציאָנערן מיט'ן אַלגעמיינעם נאָמען: „פֿיינדע פֿון דער רעליגיאָן, פֿון דער פֿאַמיליע און פֿון'ם אייגענטהום". יאָ, די אַנאַרכיסטען

פֿערוואַרפֿען די אויטאָריטעט פֿון דער דאָגמאַ און דאָס אַריינמישען זיך פֿון איבערנאַטירליכע כוחות אין אונזער לעבען, און אין דיזען זינן, ווי היציג זיי זאָלען ניט זיין אין דעם קאַמפּף פֿאַר זייער אידעאַל פֿון ברידערליכקייט און סאָלידאַריטעט, זיינען זיי פֿיינדע פֿון דער רעליגיאָן. יאָ, זיי ווילען אָבשאַפֿען דעם הייראַטס־האַנדעל, זיי ווילען האָבען פֿרייע פֿעראייניגונגען, וואָס זאָלען זיין געשטיצט בלויז אויף געגענזייטיגער ליעבע, אויף דעם זעלבסט־רעספּעקט און אויף דער אַכטונג צום צווייטען, און אין דיזען זינן, ווי ליעבענסווירדיג און איבערגעבען זיי זאָלען ניט זיין צו די, מיט וועמען זיי זיינען פֿערבונדען אין לעבען, זיינען זיי פֿונדעסטוועגען די פֿיינדע פֿון דער פֿאַמיליע. יאָ, זיי ווילען אָבנעהמען צוריק די ערד און איהרע פּראָדוקטען, וועלכע ליגען אין עטליכע הענד, און זיי אָבגעבען צו אַלעמען, און אין דיזען זינן מאַכט זיי דאָס גליק, וואָס זיי וואָלטען געהאַט צו קענען גאַראַנטירען פֿאַר אַלעמען דעם געניס פֿון די פֿריכטע פֿון דער ערד, — אָט דאָס גליק גופא מאכט זיי פֿאַר פֿיינדע פֿון דעם אייגענטהום. גאַנץ געוויס, מיר ליעבען דעם פֿריעדען: אונזער אידעאַל איז די האַרמאָניע צווישען אַלע מענשען, און דאָך בושעוועט דער קריעג אַרום אונז; און אויסזיכטען פֿון איהם אַזוי גיך פּטור צו ווערן, זיינען אויך ניטאָ, ווייל אין דעם אונגעהייערן מענשליכען פלאָנטער, אין וועלכען מיר געפֿינען זיך, איז זאָנאַר דער מאַרש צום פֿריעדען אויך בעגלייטעט פֿון קעמפֿע. „מיין מלוכה איז ניט פֿון דער וועלט," האָט געזאָגט דער זוהן פֿון'ם מענשען; און דאָך האָט ער אויך „געבראַכט אַ שווערד", צוגרייטענדיג „דעם קריעג צווישען דעם זוהן און דעם פֿאָטער, צווישען דער טאָכטער און דער מוטער". יעדע אידעע,

די ערגסטע זאָגאַר, האָט זיך איהרע פערטהיידיגער, וועלכע מען דאַרף זיך פאָרשטעלען אַלס עהרליכע לייט, און די סימפּאַטהיע, דער רעספּעקט, וואָס זיי רופען אַרויס, דאַרפען פונדעסטוועגען ניט אָבהאַלטען די רעוואָלוציאָנערן, זיי צו בעקעמפפען מיט דער גאַנצער ענערגיע פון זייער ווילען.

VI.

די אונלאָגישע האָפנונגען. — די געצוואונגענע אונבויגזאַמקייט פון'ם קאַפּיטאַל. — די מאָראַלע פערדאָרבענהייט פון אַלע פּאַרטייען, וועלכע ערווערבען זיך די מאַכט, מאָנאַרכיסטען, רעפּובליקאַנער און סאָציאַליסטען. — דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט און די פאַטאַלע עוואָלוציאָן פון די קאַנדידאַטען. — דער „ערשטער מאַי“. — די פונאַנדערטהיילונג פון די קאַנדידאַטען.

גוטע מענשען האָפען, אַז אַלעס וועט זיך פון דעסט־וועגען אַראַנזשירען דורך אַ פריעדליכער רעוואָלוציאָן, און אין אַ שעהנעם טאָג וועלען מיר מיט אַמאָל דערזעהן, ווי די פערטהיידיגער פון דעם פּריווילעגיום וועלען מיט גוטען נאָכגעבען דעם פערלאַנג פון פאָלק.

נו אודאי, מיר גלויבען, אַז דער טאָג וועט קומען, ווען זיי וועלען נאָכגעבען, אָבער דאָס וועט געוויס ניט קומען פּלוצלינג און פון זיך אַליין: די מורא פאַר דער צוקונפט אין די ערפאַהרונג, וואָס זיי האָבען געהאַט אין דער פער־גאַנגענהייט, ווען עס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען געוויסע רעפאָרמען, — דאָס וועט זיי צווינגען אָנצונעהמען אַ נייעם וועג; זיי וועלען זיך אָהן צווייפעל ענדערן, נאָר דאַן ווען ס'וועט שוין פאַר זיי זיין לחלוטין אונמעגליך צו געהן ווייטער אויף דעם זעלבען פאַלשען וועג. דיזע צייטען זיינען נאָך ווייט פון אונז. ס'איז אַ בעשטימטע זאַך אין דער נאַטור, אַז יעדער אָרגאַניזמוס זאָל פונקציאָנירען אין דעם זינן פון זיין נאָרמאַלער בעוועגונג; ער קען זיך אָבשטעלען,

צובראָכען ווערן, אָבער ניט אָנהויבען פֿונקציאָנירען פֿער־קעהרט. יעדע אויטאָריטעט זוכט זיך צו פֿערגרעסערן אויף'ן חשבון פֿון אַ גרעסערער צאָהל אונטערטהאַנען; יעדע מאָנאַרכיע שטרעבט נויטווענדיגערווייזע צו ווערן אַן אוני־ווערזעלע, אַ וועלט־מאָנאַרכיע. פֿאַר איין שאַרל דעם פֿינפֿטען, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגען אין אַ מאָנאַסטיר און פֿון ווייטען זיך צוגעקוקט צו דער טראַגי־קאָמעדיע פֿון די פֿעלקער, האָבען מיר אַזוי פֿיעל קעניגע, וועמעס אַמביציע צו הערשען וועט קיינמאָל ניט בעפֿרידיגט ווערן. דעסגלייכען קומט אויך גאַנץ זעלטען פֿאָר צו זעהן אַזעלכע קאַפּיטאַ־ליסטען, וואָס ווערן מיעד צו מאַכען געלד און גיבען אָב זייער פֿערמעגען אויף אַ גוטע זאַך; זאָגאַר די, וואָס וואָלטען שוין יאָ געוואָלט איינהאַלטען אַביסעל זייער יאַגד נאָך פּראָפֿיטען, קענען עס אויך ניט טהאָן: דער צירקעל, אין וועלכען זיי געפֿינען זיך, אַרבייט פֿאַר זיי; די קאַפּיטאַלען האַלטען זיך אין איין פֿערגרעסערן און די איינקינפֿטע, וואָס זיי בריינגען, זיינען פֿערקניפּט און פֿערפּלאָנטערט מיט די אינטערעסען פֿון אַנדערע קאַפּיטאַליסטען. אַזוי גיך ווי אַ מענש קריגט אַריין צו זיך אין די הענד אַ געוויסע אויטאָ־ריטעט, אין דער קירכע, אין דער אַרמעע, אין דער רעגירונג אָדער אין דער פֿינאַנץ, איז זיין נאַטירליכע שטרעבונג זיך צו בענוצען מיט איהר, און גאָר אָהן אַ שום קאָנטראָלע; ס'איז ניטאָ קיין איין געפֿענגנים־דיענער, וואָס זאָל ניט פֿערשליסען דאָס קעמערל פֿון דעם אַרעסטאַנט מיט אַ גע־פֿיהל פֿון שטאָלץ, זיך האַלטענדיג גרויס מיט זיין אַלמעכ־טיגקייט; ניטאָ קיין איין וועכטער, וואָס זאָל ניט אָבהיטען דאָס אייגענטהום פֿון די בעלי בתים זיינע מיט אַ געפֿיהל פֿון האַס געגען דעם טרעמפּ; ניטאָ קיין איין געריכטס־דיענער, וואָס זאָל ניט אַראָבקוקען מיט אַ בליק פֿון פֿער־

אַכטונג אויף דעם אָרעמען מענשען, צו וועמען ער קומט דורכפֿיהרען דעם אורטהייל פֿון די ריכטער.

און אויב די איינצעלנע אינדיווידוען זיינען פֿערליעבט אין דער „קעניגליכער ראָלע,“ וואָס מען איז געווען אַזוי אונפֿאָרזיכטיג זיי אויפֿצוטהיילען, זיינען די קערפערשאַפֿטען, וועלכע האָבען די מאַכט זייערע בירושה, אַסך מעהר צו־געבונדען צו דער דאָזיגער ראָלע. מען קען נאָך ערוואַרטען, אַז אַן איינצעלנער מענש, אונטערוואָרפֿען אונטער אַ געוויסען איינפֿלוס, זאָל זיך קענען לאָזען איבעררעדען פֿון דער פֿערנונפֿט אָדער פֿון דער גוטהערציגקייט, און אין אַ מאָמענט, ווען זיין האַרץ ווערט געריהרט פֿון רחמנות אויף די מענ־שען, זאָל ער זיך אָבזאָגען פֿון זיין מאַכט אָדער אָבגעבען זיין פֿערמעגען, זיך פֿיהלענדיג גליקליך אויפֿגענומען צו ווערן אַלס ברודער צווישען די, וועלכע ער האָט אַמאָל, אונבעוואוסטערהייט אפשר, אונטערדריקט. אָבער ווי אַזוי קען מען ערוואַרטען אַזאַ שריט פֿון אַ גאַנצער קלאַסע פֿון מענשען, וועלכע זיינען פֿערבונדען איינע צו די אַנדערע דורך אַ קיום פֿון אינטערעסען, דורך די אילוזיאָנען און די פּראָפֿעסיאָנעלע מנהגים, דורך פֿריינדשאַפֿט און שותפות, ואָגאַר דורך פֿערברעכען? און וויבאַלד די נעגעל פֿון דער היעראַרכיע און די שטענדיגע אויסזיכטען זיך אַרויפֿצואַר־בייטען האַלטען פֿעסט דיזע קערפערשאַפֿט אין אַ קאָמפּאַקטער מאַסע, וואָס זשע פֿאַר אַ האָפֿנונג קען מען האָבען, אַז זי וועט מיט אַמאָל בעסער ווערן? וואָס פֿאַר אַ שטראַהל פֿון גוטסקייט, קען מענשליכער מאַכען דיזע פֿיינדליכע קלאַסע, — די אַרמעע, די ריכטער, די גלחים? איז דען מעגליך זיך לאָגישערווייזע פֿאָרצושטעלען, אַז אַזאַ מין גרופּע פֿון מענשען זאָל בעאיינפֿלוסט ווערן פֿון אַ קאָלעקטיווער טוגענד און זיך אונטערגעבען עטוואָס אַנדערעס ווי די מורא? ס'איז

אַ מאַשין, וועלכע איז צונויפגעשטעלט פון מענשליכע רעדער; נאָר זי געהט פאָראויס, אָקוראַט ווי זי וואָלט גע־טריבען געוואָרען פון אַ בלינדער קראַפט, און אום זי אָבצושטעלען, וועט מען מוזען האָבען דעם קאָלעקטיווען, אונבעזיעגבאַרען כוח פון אַ רעוואָלוציאָן.

נאָר לאָמיר אפילו אָננעהמען, אַז די „גוטע רייכע" האָבען מיט אַמאָל תשובה געטהאָן, זיינען פּלוצלינג בע־לויכטען געוואָרען פון אַ גלאַנציגען שטערן און זיי פיהלען זיך בעקעהרט, גאָר אַנדערע מענשען; לאָמיר אָננעהמען— דאָס וואָס שיינט אונז צו זיין אונמעגליך — אַז זיי האָבען זיך בערעכענט וואָס פאַר עגאָאיסטען זיי זיינען ביז אַהער געווען, און זיך אָבזאָגענדיג פון זייער פערמעגען צו גונסטען פון די, וועמען זיי האָבען ביז אַהער עקספּלואַטירט, גיבען זיי אַוועק אַלעס וואָס זיי האָבען און שטעלען זיך פאַר מיט אָפענע הענד צו דער מחנה פון אָ־עמע לייט, זאָגענדיג צו זיי: „נעהמט!"; אַז זיי זאָלען אפילו טהאָן אָט די אַלע זאַכען, נו, מיינט ניט, אַז דערמיט איז די גערעכטיגקייט שוין אָבגעטהאָן געוואָרען: זיי וועלען דאַן אָננעהמען אַ ראָלע, וועלכע בעלאַנגט ניט צו זיי און די געשיכטע וועט זיי פאָרשטעלען אין אַ ליגנערישען ליכט. אַזוי האָבען פער־שיעדענע שמייכלער, וועלכע זיינען געווען פעראינטערעסירט צו לויבען די פאָטערס, כדי זיך צו בעדיענען מיט די זיהן, אויפגעהויבען אין הימעל אַריין די נאַכט פון דעם פערטען אויגוסט, אָקוראַט ווי מיט דעם אויגענבליק, ווען די פּריצים האָבען זיך כלומר'שט אָבגעזאָגט פון זייערע פּריווילעגיעס, וועלכע דאָס פאָלק האָט שוין פריהער אָבגעשאַפט, וואָלט זיך געענדיגט דער גאַנצער אידעאַל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אויב מען קען זיך אַזוי ניט אָבלויבען געגוג פון אַ כלומר'שטע אָבזאָגונג, וועלכע איז געקומען דורך דעם

דרוק פון דעם פאָלק'ס ווילען, מאָ וואָס וואָלט מען שוין געזאָגט, ווען די עקספּלואַטאַטאָרס אונזערע וועלען מאַקי מיט אַמאָל פון זיך אַליין גומ אין פרומ און זאָגען זיך אָב פון זייערע פערמעגענס, וואָס זיי האָבען אַנגעזאַמעלט אויף אַן אונעהרליכען אופן? מען וואָלט געמעגט מורא האָבען, אַז די בעוואונדערונג און די עפענטליכע דאַנקבאַרקייט זאָל ניט פיהרען דערצו, אַז דיזעלבע גבירים זאָלען מיט דער צייט צוריקקריגען זייערע אַלטע פלעצער און פון דאָס ניי אויסבייטען דאָס פאָלק. ניין, אום די גערעכטיגקייט זאָל ווירקליך דורכגעפיהרט ווערען, אום אַלעס זאָל אָנגעהמען זיין נאַטירליכען גאַנג, מוזען די אונטערדריקטע אַליין מיט זייער אייגענעם כוח זיך אויפהויבען; די בערויבטע מוזען אָבנעהמען זייער גומס; די שקלאַפען מוזען געווינען צוריק זייער פרייהיים. זיי וועלען עס אַנדערש ניט קענען האָבען, סיידען זיי וועלען עס אַליין געווינען דורך אַ ביטערן קאַמפף.

מיר קענען אַלע דעם „פאַרוועני", דעם אויפגעקומענעם גביר. ער האַלט רק אין איין בלאָזען פון זיך, איז שמאָלץ מיט זיין פערמעגען און קוקט אַרונטער מיט פעראַכטונג אויף דעם אָרימאַן. „זיך אַרויפזעצענדיג אויף'ן פערד," זאָגט אַ טירקיש גלייכווערטעל, „דערקענט שוין דער זוהן ניט דעם פאָטער זיינעם!"—„פאָהרענדיג אין אַ קאַרעטע," הייסט עס ביי די הינדוסטאַנער, „הערט דער פריינד אויף צו האָבען פריינדע." נאָר אַ גאַנצע אויפגעקומענע קלאַסע, וואָס אַרבייט זיך אַרויף, איז אַסך געפעהרליכער איידער אַן אינדיווידיאום: זי ערלויבט פשוט ניט איהרע איינצעלנע מיטגליעדער צו האַנדלען אַנדערש, ווי עס דיקטירען די געמיינשאַפטליכע אינסטינקטען, די אינטערעסען פון דער גאַנצער קלאַסע; זי שלעפט זיי אַלעמען אויף דעם זעלביגען

פּאַטאַלען וועג. דער פֿערקאָכטער קרעמער, וואָס קיין אַרויסציהען פּראָפיטען פֿון אַ שמיין איז דאָך גענוג שרעקליך; נאָר וואָס זאָל מען שוין זאָגען וועגען אַ מאָדערנער עקספּלואַטאַציאָנס-קאָמפּאַניע, אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט, וועלכע גרינדעט זיך אויף אַקציעס, איף אָבליגאַציעס און אויף קרעדיט? וואָס דאַרף געטהאָן ווערן, אום צו מאָראַליזירען די דאָזיגע פּאַפּירען און די דאָזיגע געלדער? ווי אַזוי גיט מען אין זיי אַריין דיזען גייסט פֿון סאָלידאַריטעט צו די מענשען, וועלכער גרייט צו דעם וועג צו ענדערן דעם סאָציאַלען צושטאַנד? אַ באַנק, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון סאַמע פֿילאַנטראָפּען, וועט פֿונדעסטוועגען ניט שיינקען קיין איין האָר פֿון איהרע פּראָצענטען: זי הויבט ניט אָן וויסען, אַז טרעהרען האָבען זיך געגאָסען אויף די פּענים און די שילינגס, וואָס זיינען צונויפֿגעקליבען געוואָרען מיט אַזוי פֿיעל מיה און וועלכע פֿילען אָן די קאַסע-קאַסטענס מיט די הונדערטפֿאַכע שלעסער. מען זאָגט אונז אַלץ, אַז מיר מוזען אָבוואַרטען און די צייט וועט שוין אַלעס ענדערן, וועט איבערמאַכען די מענשליכע פֿיהרונגען און ברייננגען דעם פֿריעדען; אָבער ווי אַזוי וועט אָט דער קאַסע-קאַסטען ווייך ווערן, ווי אַזוי וועט זיך אָבשטעלען דאָס פֿונקציאָנירען פֿון דיזע מענשענפֿרעסערישע באַקצייהנער, וואָס האַלטען אין איין צוקייען און צומאָלען די מענשליכע גענעראַציאָנען?

יאָ, אויב דער קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט אויפֿגעהאַלטען פֿון דעם גאַנצען פֿערבאַנד פֿון די פּריווילעגירטע, וועט בלייבען ביי זיין כוח, דאַן וועלען מיר אַלע זיין שקלאַפֿען פֿון זיינע מאַשינען; אויב צו די אוצרות, וואָס זיינען אָנגעזאַמעלט ביי די באַנקירען אין די קאַסע-קאַסטענס, וועלען צוקומען נייע הויפֿענס מיט גאָלד, וואָס עס וועלען צוברייננגען נייע שותפים, וועלכע זיינען פֿעראַנטוואָרטליך בלויז פֿאַר

זייערע קאַסע ביכער, — דאַן איז אַן עבירה אייער מיה, אַרויסגעוואָרפען אייער אַפּעלירען פאַר מיטלייד; קיינער וועט אייך ניט הערען. דער טיגער קען זיך אָבווענדען פון זיין אָפּפער, אָבער די באַנק־ביכער גיבען אַרויס אורטהיילען, וואָס קענען בשום אופן ניט איבערגעמאַכט ווע־ען; די מענשען, די פעלקער ווערן דערשטיקט אונטער דיזע פעק פון ביכער, וועמעס שטילע בלעטער דערצעהלען מיט ציפערן די אום׳ברחמנות׳דיגע אַרבייט. אויב דער קאַפּיטאַל זאָל ענדליך מוזען אַרויסקומען דער זיעגער אין דיזען קאַמפּף, דאַן וואָלט כ׳לעבען צייט געווען צו בעוויינען אונזער גאָלדענע צייט; מיר וואָלטען דאַן געטענט א בליק טהאָן הינטער זיך און זעהן ווי עס ווערט פערלאָשען, ווי עס שטאַרבט אָב אַלעס זיסע און אַלעס גוטע וואָס די ערד האָט געהאַט אויף זיך: די ליעבע, די פרייד, די האָפנונג. די מענשהייט וואָלט דאַן אויפגעהערט צו לעבען.

מיר אַלע, וועלכע האָבען אין משך פון אונזער לעבען געזעהן אייניגע פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען, וואָס זיינען געקומען איינע נאָך די אַנדערע, מיר ווייסען גאַנץ גוט, ווי די אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיינען בעגרינדעט אויף מאַכט, ווערן וואָס ווייטער אַלץ מעהר פערדאָרבען. ס׳איז געווען אַ צייט, ווען דאָס וואָרט „רעפּובליק" האָט אונז אַלעמען בעגייסטערט: עפּעס האָט זיך אונז געדוכט, אַז דאָס דאָזיגע וואָרט איז צונויפגעשטעלט פון מאַגישע זילבען, און אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען מען וועט עס קענען אויסריידען אָפען און הויך אין אַלע גאַסען, דאַן וועט די וועלט קריגען גאָר אַן אַנדער פּנים. און ווער זיינען זיי געווען, די, וועלכע האָבען אַזוי געברענט פאַר לוסט צו זעהן דעם זיעג פון דער רעפּובליק, און וועלכע האָבען מיט אונז אינאיינעם געזעהן אין דיזער אויסערליכער ענדערונג די בענייאונג פון

אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע פאָרטשריטען? דאָס זיינען געווען דיזעלבע, וועלכע זיצען אַצונד אויף די מיניסטער־שטוהלען, די, וואָס זיינען גוט־פריינד מיט די מערדער פון די אַרמענער און מיט די גרויסע באַנקירען. און פערשטעהט זיך, איך וויל ניט בעהויפּטען, אַז דיזע „פּאַרוועניס", די אויפגעקומענע לייט, זיינען דערמאָלט, מיט יאָהרען צוריק, אַלע געווען היפּאָקריטען. ס'איז קיין ספק ניט, אַז צווישען זיי האָבען זיך געפונען אַסך, וואָס האָבען שוין דאַן נאָכ־געשפּירט וואו דער ווינד בלאָזט; נאָר איך גלויב, אַז דאָס רוב זיינען זיי געווען ערנסטע מענשען. זיי זיינען געווען פאַנאַטיש איינגעגלויבט אין דער „רעפּובליק" און פון מ'ע־פען האַרצען האָבען זיי אויסגערופען די ווערטער: פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט; אַזוי נאַאיוו זיינען זיי געווען, אַז אויף מאָרגען נאָך'ן זיעג זיינען זיי געוואָרען בעצאָהלטע בעאַמטע, מיט דער פעסטער האָפנונג, אַז זייער איבער־געבענהייט צו דער געמיינשאַפטליכער זאַך וועט קיינמאָל ניט אָבגעשוואַכט ווערן! און אין עטליכע מאָנאַטען אַרום, אַז אָט דיזעלבע רעפּובליקאַנער האָבען איבערגענומען די מאַכט אין זייערע הענד, זיינען אַנדערע רעפּובליקאַנער געפיהרט געוואָרען אויף די בולוואַרען פון ווערסאַיל צווישען פיעלע שורות פון סאָלדאַטען און רייטער. די מאַסע האָט זיי בעליידיגט, זיי געשפּיגען אין פּנים אַריין, און אין דיזען ים פון פיינדליכע און פערקרימטע פּנים'ער האָבען די גע־פאַנגענע בעמערקט זייערע געוועזענע קאָמפּאָס־חברים, וועלכע האָבען מיט זיי אינאיינעם געשטריטען און געהאָפט!

וואָס פאַר אַ וועג האָט מען דורכגעמאַכט זייט דעם טאָג, ווען די געוועזענע רעבעלען זיינען געוואָרען די צוקינפ־טיגע קאָנסערוואַטאָרס! די רעפּובליק האָט זיך בעפעסטיגט און איז געוואָרען אַ מאַכט; און טאַקי אין דערזעלבער

פראָפּאָרציע וואָס זי האָט זיך בעפעסטיגט, איז זי געוואָרען אַן איינפאַכע דיענסט, וואָס איז גרייט אַלעס צו טהאָן. אַזוי רעגעלמעסיג ווי דער גאַנג פון דעם שאָטען אויף דער וואַנד, זיינען די יונגע מענער, וועלכע האָבען זיך פריהער געהאַלטען ווי העלדען אַנטקעגען די פּאָליצ׳סטען, תחילת געוואָרען פאָרזיכטיג און איינגעהאַלטען אין זייערע פאָדערונגען פון רעפאָרמען, דערנאָך צופריעדענע לייט און ענדליך זיינען זיי געוואָרען לעבע־יונגען און האָבען געשלונגען די פּריווילעגיען מיט׳ן פולען מויל. די כשוף־מאַכערין „צירצעא" בעסער געזאָגט די אויסגעלאַסענהייט פון דעם פערמעגען און פון דער מאַכט, האָט זיי פערוואַנדעלט אין איינפאַכע שווינען! אין זייער אויפגאַבע איז צו בעפעסטיגען די אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיי האָבען אַמאָל אַטאַקירט: ס׳הייסט ביי זיי „פערשטאַרקען די עראָבערונגען פון דער פרייהייט"! זיי זיינען פאָלשטענדיג צופריעדען מיט אַלצדינג, וואָס האָט זיי פריהער מורא׳דיג אויפגעבראַכט. זיי, וואָס זיי האָבען געדונערט געגען דער קירכע און איהרע פערכאַפּונגען, זיינען אַצונד צופריעדען מיט דעם קאָנקאָרדאַט און טהיילען אוים מיטןלען די גלחים. זיי האָבען גערעדט אַזוי שעהן מכח דער אוניווערזעלער ברידערליכקייט, און היינט וואָלט עם געווען אַ טיפע בעליידיגונג פאַר זיי, ווען מען ווידערהאָלט די ווערטער, וואָס זיי האָבען דאַן גערעדט. מיט די שרעקליכסטע ווערטער האָבען זיי אַמאָל פערדאַמט די בלוט־פערגיסונג, די מלחמות, נאָר איצט שטעלען זיי זיך ניט אָב צו נעהמען אינגלאַך זאָגאַר פאַר סאָלדאַטען. בעליידיגען די אַרמעע — דאָס הייסט ניט פערשווייגען די שענדליכקייטען פון דער אונבעשריינקטער אויטאָריטעט און דער פּאַסיווער געהאָרכזאַמקייט — איז פאַר זיי דאָס גרעסטע פערברעכען. פוגע בכבוד זיין דעם שמוציגען

מאָראַל־היטער, דעם עקעלהאַפֿטען פּאָליציסט, דעם גע־מיינעם „פּראָוואָקאַטאָר" און די גאַנצע סוויטע פֿון געזעצ־געבער, — דאָס הייסט ביי זיי אָנגרייפֿען די גערעכטיגקייט און די מאָראַל. ניטאָ קיין איין אַלטע, פֿערשימעלטע אינס־טיטוציאָן, וואָס זיי זוכען ניט צו פֿערפֿעסטיגען; אַ דאַנק זיי איז די אקאַדעמיע, וועלכע זיי האָבען אַמאָל אַזוי אויסגעלאַכט, פֿון דאָס ניי געוואָרען פּאָפּולער: ווי זיי שטאָלצירען דאָס אַביסעל, ווען איינער פֿון זייערע, וועלכער איז געוואָרען אַ שפּיאָן, טהוט זיך אָן מיט אַ גרינער לענטיע! דער „עהרען־קרייץ" איז געוועזן אַ ציעל פֿאַר זייערע שאַרפֿע וויצען, פֿאַר זייער שפּאָט; איצט האָבען זיי אויסגעפֿונען נייע „עהרען־צייכענס", געלע, גרינע, בלויע, פֿיעל־קאָליערענדיגע. דאָס וואָס מען רופֿט די „רעפּובליק" עפֿענט אויף די טויערן פֿון איהר שוים פֿאַר די, וועלכע קענען איהר נאָמען ניט הערען: די געטליכע שליחים, דעם פּאַפּסט'ס טעלער־לעקער. און פֿאַרוואָס זאָלען זיי ניט אַריינקומען? געפֿינען זיי זיך דען ניט ביי זיך אין דערהיים אין רעכטען מיטען פֿון אָט די אַלע „פּאַרוועניס", פֿון דיזע אַלע אויפֿגעקומענע לייט, וועלכע שטעהען פֿאַר זיי אָהן היטלען?

אָבער עס האַנדעלט זיך דאָ גאָר ניט צו קריטיקרען און צו אורטהיילען די, וועלכע זיינען לאַנגזאַם אָדער מיט אַמאָל אַריבער פֿון איין קולטוס צום צווייטען, און אָנשטאַט צו דיענען די היילינע רעפּובליק זיינען זיי געוואָרען די אָנבע־טער פֿון דער מאַכט און פֿון מיסבראויכערייען, וואָס די צייט האָט געמאַכט פֿאַר הייליג און גערעכט. די קאַריערע זיי־ערע, דער וועג, אויף וועלכען זיי זיינען געגאַנגען, איז דער וועג, אויף וועלכען זיי האָבען געדאַרפֿט געהן. זיי האָבען צוגעגעבען, אַז די געזעלשאַפֿט מוז זיין אַ שטאַאַט מיט אַן אויבערהאַר און מיט געזעצגעבער; זיי האָבען געהאַט די

„נאָבעלע" אַמביציע צו דיענען זייער לאַנד און זיך „איבער־צוגעבען" צו איהם מיט לייב און לעבען, אַרבייטען פֿאַר זיין רייכטהום און זיין גרויסקייט. זיי האָבען אָנגענומען דעם פּרינציפּ, און דעריבער האָבען קיין אַנדערע פֿאָלגען ניט געקענט אַרויסקומען דערפֿון: די תכריכים פֿון די טויטע דיענען אויף צו מאַכען ווינדעלאַך פֿאַר די ניי־געבוירענע קינדער. די רעפּובליק און די רעפּובליקאַנער זיינען געוואָרען דאָס טרויעריגע און קלעגליכע, וואָס מיר זעהן; און פֿאַרוואָס זאָלען מיר זיך אַזוי אויפֿרעגען דעריבער? ס'איז אַ נאַטיר־ליכעס געזעץ, אַז דער בוים זאָל טראָגען זיין פֿרוכט; אַז יעדע רעגירונג זאָל בליהען און וואַקסען אין קאַפּריזען, אין טיראַניי, אין שווינדעל, אין באַנדיטסטוואָ, מאָרד און אונגליק.

אַ נייע אינסטיטוציאָן, זאָגאַר ווען זי גרינדעט זיך מיט דעם צוועק צו בעקעמפֿפֿען געוויסע מורא'דיגע עולות, מוז זי שאַפֿען נייע עולות, נייע פֿערברעכען, טאַקי דורך איהר עקזיסטענץ גופא; זי מוז זיך צופּאַסען צו דעם שלעכטען קרייז און פֿאַרטזעצען דעם זעלבען קראַנקען וועג. אויב די איניציאַטאָרים האָבען אין זינען זייער נאָבעלען אידעאַל, וועלכען זיי ווילען דורכפֿיהרען, מוזען אָבער די בעאַמטע, וואָס זיי שטעלען אָן, קודם כל טראַכטען פֿון זיך, פֿון זייער געהאַלט און פֿון דער דויערהאַפֿטיגקייט פֿון זייערע שטע־לעס. מעגליך, אַז זיי ווינשען צו האָבען ערפֿאָלג אין זייער אַרבייט, אָבער זיי וואָלטען וועלע', דער דאָזיגער ערפֿאָלג זאָל קומען וואָס שפּעטער; ענדליך ווינשען זיי איהם שוין גאָרנים, און זיי ווערען איינפֿאַך בלייך פֿאַר שרעק, ווען מען זאָגט זיי אָן, אַז דער זיעג איז נאָהענט. ס'האַנדעלט זיך שוין פֿאַר זיי ניט מכח זייער אויפֿגאַבע גופא, נאָר מכח די גרויסע שטעלען וואָס זי גיט, די פּראָפֿיטען וואָס זי ברייננגט,

די פוילענצעריי וואָס זי אויטאָריזירט. אַזוי מאַכט זיך, אַז מען רופט צונויף אַ קאָמיסיאָן פון אינזשענירען, אום אויס־צוהערען די טענות פון געוויסע לאַנד־אייגענטהימער, וועלכע ווערן בערויבט דורך דעם בויען פון אַ וואַסער־לייטונג. ס'וואָלט, דוכט זיך, געווען גאַנץ איינפאַך קודם כל דורכ־צושטודירען די דאָזיגע טענות און ענטפערן דערויף ווי דער יושר דיקטירט; נאָר עס לוינט זיך בעסער פערציהען דיזע פאָדערונגען אויף עטליכע יאָהר צייט, אום צו קענען דער־וויל פערטהאָן די געלדער אויף אַרויסגעוואָ־פענע אַרבייט, אויף זאַכען, וואָס זיינען לחלוטין ניט נייטיג. טאָמער איז נאָך געווען וויניג שמיר־פאַפיר, וואָס קאָסט אָב אַזויפיעל געלד, מוז מען ווייטער אויסגעבען געלד און האָבען דער־פאַר נאָך אַ באַרג מיט „אשר יצר” פאַפיר!

ס איז אַלזאָ אַ גאַנץ פאַלשע איינבילדונג, צו ערוואַר־טען, אַז אַזאַ מענשליכער אידעאַל ווי די אַנאַרכיע זאָל אַרויסקומען פון דער רעפובליק, וועלכע איז אַ רעגי־רונגס־פאָרמע. די צוויי עוואָלוציאָנען ענטוויקלען זיך אין אַ געגענגעזעצטען זינן, און דער אומבייט קען אַנדערש ניט קומען נור דורך אַ פלעצליכען ריס, דאָס הייסט דורך אַ רעוואָלוציאָן. די רעפּובליקאַנער ארבייטען פאַר דעם פאָלק'ס וואָהלזיין, פאַר זיין גליק דורך דעקרעטען און בעפעהלען, דורך דער פאָליציי, וועלכע זיי מוזען כלומר'שט אָנהאַלטען פאַר זיך! אַזוי ווי די מאַכט איז קיין אַנדער זאַך ניט נאָר די אויסאיבונג פון געוואַלט, וועלען זיי ראשית כל זעהן, אַז אָט די געוואַלט זאָל זיין ביי זיי אין די הענד, צו פערפעס־טיגען זאָגאַר די אַלע אינסטיטוציאָנען, וועלכע גיבען זיי די מעגליכקייט צו בעהערשען די געזעלשאַפט. פיליכט וועלען זיי נאָך האָבען די העזה מיט דער הילף פון דער וויסענשאַפט צו בענייען די דאָזיגע אינסטיטוציאָנען, אום זיי

צו געבען אַ נייע ענערגיע. אַזוי פֿיהרט מען וואָס ווייטער אַריין אין דער אַרמעע אַלץ נייע אינסטרומענטען, פולווער וואָס גיט ניט אַרויס קיין רויך פֿון זיך, קייקלענדיגע קאַנאָנען און נאָך אַזעלכע סאָרטען נייע ערפֿינדונגען, וואָס דיענען בלויז צו טויטען וואָס גיכער און וואָס זיכערער. אויף אַזאַ'ן אופן האָט מען אין דער פּאָליציי אויסגעטראַכט די „אַנ־טראָפּאָמעטריע", די „וויסענשאַפֿט" ווי אַזוי איבערצומעסטען דעם מענשען, — אַ מיטעל צו פֿערוואַנדלען גאַנץ פֿראַנקרייך אין איין גרויסער טורמע. מען הויבט אָן מעסטען די אמת'ע און די כלומר'שטע פֿערברעכער, דערנאָך מעסט מען די פֿערדעכטיגע, און אין אַ קורצער צייט וועט ניט בלייבען קיין איינער וואָס זאָל ניט זיין אונטערוואָרפֿען די אונפֿער־שעהמטע פֿאָטאָגראַפֿיעס. „די פּאָליציי און די וויסענשאַפֿט האָבען זיך צוקושט," וואָלט געזאָגט דער תהלים.

אַלזאָ, קיין זאַך, אָבער טאַקי קיין שום גוטס קען אונז ניט אַרויסקומען פֿון דער רעפּובליק אין פֿון די „אויפֿגעקו־מענע" רעפּובליקאַנער, דאָס הייסט די, וועלכע נעהמען איבער די מאַכט אין זייערע הענד. ס'איז אַן איינבילדונג, אַ חלום אין דער געשיכטע, אַן אונזינן צו האָפֿען דערויף. די קלאַסע, וועלכע האַלט ביי זיך אין די הענד די אוצרות פֿון דער מענשהייט און וועלכע הערשט, איז נויטווענדיגער ווייזע אַ פֿיינדין פֿון יעדען פּראָגרעס. די טרייב־קראַפֿט פֿון דעם מאָדערנעם געדאַנק, פֿון דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלער עוואָלוציאָן איז יענער טהייל פֿון דער געזעל־שאַפֿט, וואָס האָרעוועט, וואָס אַרבייט און וועלכער ווערט אונטערדריקט. אָט דער טהייל פֿון דער מענשהייט אַרבייט דאָס אויס די אידעע, ער פֿערווירקליכט דאָס איהר, ער האַלט דאָס אין איין אַרויפֿפֿיהרען צוריק אויף'ן וועג דעם סאָציאַלען וואָגען, וואָס די רעאַקציאָנערען הערען ניט אויף

צו פֿערהאַלטען, אַרונטערצופֿיהרען פֿון די רעלסען און אַריינ־צושלעפּען אין אַלערליי זומפּען.

נאָר, ווערט מען זאָגען, זיינען די סאָציאַליסטען, די עוואָלוציאָנערע און רעוואָלוציאָנערע פֿריינדע אונזערע, אויך אויסגעשטעלט די געפֿאַהר צו פֿערראַטהען זייער זאַך און וועלען זיי אויך אַמאָל דורכמאַכען זייער נאָרמאַלע ריק־שריטליכע בעוועגונג, דאַן ווען זייערע פֿיהרער, וועלכע סטאַרען זיך „צו עראָבערן די עפֿענטליכע מאַכט", וועלען איהר טאַקי באמת האָבען עראָבערט? ס'איז קיין ספק ניט, אַז ווען די סאָציאַליסטען וועלען ווערן די בעלי בתים, וועלען זיי אָנגעהן, און זיי געהען שוין איצט אויך אָן, אויף דעם זעלבען אופן וואָס זייערע פֿאָרלויפֿער, די רעפּובליקאַנער: די געזעצע פֿון דער געשיכטע וועלען צוליעב זיי ניט ווייכער ווערן. קוים וועלען זיי נור אַריינקריגען די מאַכט צו זיך אין די הענד, און זאָגאַר פֿריהער איידער זיי וועלען איהר נאָך האָבען, וועלען זיי זיך מיט איהר גאַנץ גוט בענוצען. ס'קען זיין, אַז זיי וועלען עס טהאָן בלויז מיט דער אילוזיע אָדער מיט דעם אויסרייד, אַז זיי ווילען דיזע מאַכט מאַכען נוצ־לאָז דורכדעם וואָס זיי וועלען אָבשאַפֿען אַלע הינדערניסען און פֿערניכטען אַלע פֿיינדליכע עלעמענטען. די וועלט איז פֿול מיט די דאָזיגע נאַאיווע מענשען, וועלכע לעבען אין דער האָפֿנונג, אַז זיי וועלען קענען איבערמאַכען די געזעל־שאַפֿט דורך אַ וואונדערבאַרע פֿעהיגקייט צו קאָמאַנדירען איבער די מענשען; דערנאָך, אַז זיי קומען אַריין אין די הויכע פֿענסטער, ווערן גרויסע אָדער קלענערע בעאַמטע, בעגרייפֿען זיי, אַז זייער ווילען פֿאַר זיך האָט קיין שום איינ־פֿלוס ניט אויף דער מאַכטמאַשין און אַז זייערע אָנשטריינ־גונגען קענען גאַנץ איינפֿאַך דערטרונקען ווערן אין דער גלייכגילטיגקייט און אין דער אונעהרליכקייט, וואָס ריגנעלט

זיי אַ־ום. וואָס זשע בלייבט זיי אַלזאָ צו טהאָן, אויב ניט זיך אַרומדרעהען אַרום די מאַכט־האָבער, נאָכפאָלגען דעם רעגירונגס־פּראָגראַם, אָנקלייבען געלד און אויסטהיילען גוטע פלעצער צו זייערע פריינדע?

קיין צווייפעל, זאָגען אונז פערקאָכטע אויטאָריטערע סאָציאַליסטען, קיין צווייפעל ניט, אַז דער שפּיגעל פון דער הערשאַפט און די אויסאיבונג פון דער אויטאָריטעט קענען זיין זעהר געפעהרליך פאַר מענשען, וואָס זיינען נור איינ־פאַך בעגייסטערט פון דעם מאָמענט און וועלכע האָבען גוטע אַבזיכטען; אָבער ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר דיזער געפאַהר, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די, וועלכע האָבען זיך אויסגעאַרבייט אַ געוויסען בעשטימטען וועג ווי אַזוי זיך אויפצופיהרען דורך אַ פּראָגראַם, וואָס איז שטריינג דורכגעדיסקוטירט געוואָרען מיט די קאַמעראַדען, וועלכע וועלען זיי צו יעדער צייט קענען רופען צו אָרדנונג, ווען זיי וועלען פערנאַכלעסיגען אָדער פערראַטהען וועלכען ניט איז פּונקט פון זייער פּראָגראַם. די פּראָגראַמען ווערן אויס־געאַרבייט ווי געהעריג איז, גע׳חתם׳עט און אָבגעשטעמ־פּעלט; מען פערעפענטליכט זיי אין טויזענדער דאָקומענטען; זיי ווערן אויפגעקלעפּט אויף די טהירען פון די זאַאַלען, און יעדער קאַנדידאַט קען זיי אויסענווייניג. אָט דאָס איז גענוג גאַראַנטיע, — אַזוי ווייזט זיך אויס. און דאָך בייט זיך דער זינן פון די דאָזיגע ווערטער, וועלכע מען האָט אַזוי זאָרגזאַם דורכגעדיסקוטירט, פון יאָהר צו יאָהר, לויט עראייגניסע און די אויסזיכטען: יעדער איינער פערשטעהט זיי ווי עס פּאַסט זיך פאַר זיינע אינטערעסען; און אַז אַ גאַנצע פּאַרטיי הויבט אָן אַנדערש צו קוקען אויף די ער־שיינונגען, דאַן בעקומען די דייטליכסטע ערקלעהרונגען אַ סימבאָלישע בעדייטונג; זיי ווערן פּשוט׳ע געשיכטליכע דאָ־

קומענטען אָדער סתם אויסדריקע, וואָס מען סטאַרעט זיך גאָרניט צו פערשטעהן.

אין גרונד גענומען מוזען די, וועלכע האָבען די אַמביציע צו עראָבערן די עפענטליכע מאַכט, זיך בענוצען מיט די זיכערסטע מיטלען צו דערגרייכען זייער ציעל. אין די רע־פובליקען, וואו עס עקזיסטירט אַלגעמיינעס שטים־רעכט, חנפה'נען זיי זיך צו צו דער גרויסער מאַסע; זיי ווערן גוטע קונים אין די שיינקען און אָפטע, פאָפולערע געסט אין די ביער־הייזער. זיי נעהמען אויף די וועהלער, ניט קוקענדיג פון וואַנעט זיי קומען; ס'איז רעכט ביי זיי מקריב צו זיין דעם עיקר, דעם פרינציפ פאַר דער פאָרמע, און דערפאַר ווענלען זיי אַריינלאָזען די שונאים צו זיך, זיי ווע־לען זיך איינאימפפען דעם גיפט אין איינענעם קערפער. אין די מאָנאַרכישע לענדער וועט איהר געפינען סאָציאַ־ליסטען, וואָס האַלטען זיך גאַנץ גלייכגילטיג צו דער רע־גירונגס־פאָרמע און זיי אַפעלירען זאָגאַר צו די מיניסטאָרען פון דעם קעניג זיי זאָלען זיי העלפען פערווירקליכען זייערע פלענער, ווי אַזוי איבערצומאַכען די געזעלשאַפט, אָקוראַט ווי ס'וואָלט לאָגישערווייזע מעגליך געווען צו שליסען פריע־דען צווישען די הערשאַפט פון איינעם און די ברידערליכע געגענזייטיגע הילף צווישען די מענשען. נאָר די אונגעדולד און די לוסט צו זיין טהעטיג פערשטעלט זיי די אויגען, זיי זאָלען ניט זעהן די הינדערניסען; זיי גלויבען, אַז זיי וועלען קענען איבערקעהרען גאַנצע בערג. לאַסאַל טרוימט, אַז ער וועט האָבען ביסמאַרק'ן פאַר א שותף, וועלכער וועט איהם העלפען בויען די נייע וועלט; אַנדערע ווענדען זיך צום פאַבסט און בעטען איהם, ער זאָל זיך שטעלען אָן דער שפיצע פון דעם פערבאַנד פון די אָרעמע און די אונטערדריקטע; און אַז דער איינגעבילדעטער דייטשער

קייזער האָט פֿערבעטען צו זיין טיש עטליכע פֿילאַנטראָפּען און סאָציאָלאָגען, האָבען זיך געפֿונען מענשען, וואָס האָבען געמיינט, אַז ס'האָט ענדליך אָנגעהויבען טאָגען.

און פונקט ווי די פּאָליטישע מאַכט, וועלכע ווערט פֿאָרגעשטעלט דורך דער קירכע אָדער דורך דער רעגירונג, בעצויבערט נאָך געוויסע סאָציאַליסטען, אַזוי איז אויך מיט די אַנדערע אינסטיטוציאָנען פֿון אונזער געזעלשאַפֿט. אום צו כאַפּען שטימען, דאָס הייסט אום צו געווינען די פֿריינדשאַפֿט פֿון די בירגער, וואָס איז אייגענטליך גאָר קיין אונגליק ניט, לאָזט זיך אָבער דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט אוועק אַזוי ווייט, אַז עס ווערט ביי איהם רעכט צו חנפה'נען דעם געשמאַק און זאָגאַר די פֿאָראורטהיילע פֿון זיינע וועהלער; ער איז גרייט צו פֿערבויגען אַלע בייזע געפֿיהלען, פֿערגעסען אַלע צאַנקערייען און שנאות; ער ווערט אויף אַ געוויסער צייט דער פֿריינד אָדער ווייניגסטענס דער בונדעס-גענאָסע פֿון די, מיט וועמען ער האָט זיך אַמאָל אַרומגעריסען ביי די האָר. אין דעם קלעריקאַל געפֿינט ער מיט אַמאָל אוים אַ שטיק „קריסטליכען סאָציאַליסט"; דער ליבעראַלער בורזשואַ ווערט ביי איהם אַ רעפֿאָרמער, דער פּאַטריאָט — אַ פֿערטהיידיגער פֿון דער בירגערליכער עהרע. אין געוויסע מאָמענטען היט ער זיך זאָגאַר אוים, ניט אַריינצובריינגען אין כעס דעם „לענדלאָרד" אָדער דעם „באָס"; ער געהט זאָגאַר אַזוי ווייט, איהם פֿאָרצולייגען זיינע פֿאָדערונגען אַלס גאַראַנטיען פֿון פֿריעדען: דער „ערשטער מאַי", וועלכער האָט געדאַרפֿט זיין אַ טאָג פֿון קאַמפּף געגען דעם קאַפּיטאַל, פֿערוואַנדעלט זיך אין אַ יום טוב מיט גירלאַנדען און בלומען. ביי דיזע העפֿליכקייטען פֿון די קאַנדידאַטען צו די וועהלער פֿערגעסען זיך די ערשטע, די קאַנדידאַטען הייסט עס, ביסלאַכווייז די

שטאָלצע שפּראַך פֿון דער וואַהרהייט, די אונבויגזאַמע שטעלונג פֿון׳ם קאַמפּף. פֿון דרויסען ביז אינעווייניג ווערט זאָגאַר דער גייסט געענדערט, דער עיקר ביי די, וועלכע עררייכען זייער ציעל און זעצען זיך ענדליך אויף די פּלושענע ביינק, אַנטקעגען דער דעקאָרירטער טריבונע. דאַן מוז מען זיך איינגעוועהנען צו שמייכלען, דריקען די הענד און ווערן בעפֿריינדעט מיט מענשען, וועלכע מען האָט פֿריהער ניט געוואָלט קענען.

די מענשליכע נאַטור פֿאָדערט עס, און ס׳וואָלט איינ־פֿאַך געווען לעכערליך פֿון אונזער זייט פֿאָראיבעל צו האָבען אויף די סאָציאַליסטישע פֿיהרער, וועלכע ווערן אַריינגעכאַפּט צווישען די וואַלגער־העלצער פֿון די וואַהלען, וואו זיי ווערן אַזוי אויסגעקאַטשעט, אַז זיי געהן פֿון דאָרט אַרויס אַלס ליבעראַל־דיינקענדע בורזשואַס: זיי האָבען זיך געשטעלט אין בעשטימטע קאָנדיציאָנען, און זיי מוזען ווערן בעשטימטע מענשען; דער רעזולטאַט איז אַן אונפֿערמיידליכער און אַלעס וואָס דער היסטאָריקער דאַרף טהאָן איז, איהם קאָנסטאַ־טירען, אָנצייגען די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע וואַרפֿען זיך אַריין אונבערעכענטערהייט אין דער פּאָליטיק, אויף דער געפֿאַהר, וואָס שטעקט אין דעם. איבעריגענס, איז ניטאָ וואָס צו ריידען קיין סך וועגען די רעזולטאַטען פֿון דיזער עוואָלוציאָן פֿון די פּאָליטישע סאָציאַליסטען, ווייל די מאַסע פֿון קעמפּפֿער איז פֿון תמיד אָן צוזאַמענגעשטעלט פֿון צוויי עלעמענטען, וועמעס אינטערעסען אינטערשיידען זיך איינע פֿון די אַנדערע וואָס ווייטער אַלץ מעהר. די איינע וואַרפֿען אַוועק דעם אורשפּרינגליכען אידעאַל זייערן און די אַנדערע בלייבען טריי צו איהם. אויף אַזאַ׳ן אופֿן האָבען מיר גע־זעהן, ווי די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי האָט זיך צוטהיילט אין צוויי טהייל: פֿון איין זייט די מאַסע פֿון די „אָפּאָר־

מיניסטען", פון דער אַנדער זייט די סאָציאַליסטישע גרופען. די לעצטע, די סאָציאַליסטען ווידער, וועלען זיך צוטהיילען אין מיניסטעריעלע און אַנטי־מיניסטעריעלע; די איינע וועלען זוכען צו פערזיסען זייער פראָגראַם, כדי די קאָנסערוואַטאָרען זאָלען איהם קענען אַרונטערשלינגען; די אַנדערע וועלען זיך האַלטען ביי זייער גייסט פון אַן אויפריכטיגער עוואָלוציאָן און אַן ערנסטער רעוואָלוציאָן. נאָכדעם ווי זיי וועלען האָבען דורכגעמאַכט געוויסע מאָמענטען פון דערשלאָגענהייט, פון סקעפּטיציזמוס זאָגאַר, וועלען זיי איבערלאָזען „די טויטע זאָלען בעגראָבען זייערע טויטע" און זיי וועלען צוריקקומען און זיך אָנשליסען אָן די לעבעדיגע. נאָר זאָלען זיי וויסען זיין, אַז יעדע „פּאַרטיי" איז אַ צוזאַמענגעזעצטער קערפּער און דערום מוז דאָרט הערשען אַ סאָלידאַריטעט אין דעם שלעכטען אַזוי ווי אין דעם גוטען זינן: יעדעס מיטגליעד פון דער דאָזיגער פּאַרטיי ווערט סאָלידאַריש, איז פעראַנטוואָרטליך פאַר די פעהלערן, די ליגענס, די אַמביציעס פון אַלע זיינע חברים און זיינע פיהרער. נור דער פרייער מענש, וואָס פעראייניגט פרייוויליג זיינע כוחות מיט די כוחות פון אַנדערע מענשען, וואָס האַנדלען לויט זייער אייגענעם ווילען, — בלויז ער האָט דאָס רעכט צו טאַדלען די פעהלערן אָדער די שלעכטע מעשים פון די זאָגענאַנטע חברים, ער איז פאַר קיינעם נים פעראַנטוואָרטליך, נאָר פאַר זיך אַליין.

VII.

די קרעפֿטען אין קאַמפּף. — די געוואַלדיגע מאַשין פֿון אונטערדריקונג. — דער פֿערבאַנד צווישען דעם בעל הבית און דעם משרת. — עס פֿעהלט לאָגיק אין דעם פֿוּנקציאָנירען פֿון די מאָדערנע שטאַאטען. — דאָס „רעכט פֿון'ם שטאַרקערן".

מיר ווייסען, ווי אַזוי עס פֿונקציאָנירט איצט די ציוויליזירטע געזעלשאַפֿט. מיר קענען עס מיט אַלע איינצעלהייטען; דאָסזעלבע איז מיט דעם אידעאַל פֿון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען, וועלכער איז אינז ניט פֿרעמד. אויך האָבען מיר פֿעסטגעשטעלט, אַז די כלומרשטע רעפֿאָרמען פֿון די „ליבעראַלען" זיינען שוין פֿון פֿאָרויס פֿערורטהיילט צו בלייבען אונווירקזאַם און אַז די איינציגע זאַך, וואָס מיר טהאָרען ניט אַרויסלאָזען פֿון אויג אין דעם אידעען־קאַמפּף אונזערן איז, אַז יעדע אויפֿאָפּפֿערונג, יעטוועדע ענטזאַגונג פֿון אונזערע פּרינציפּען מוז נויטווענדיגערווייזע פֿיהרען צו אַ נידערלאַגע. דאָס טהאָרען מיר ניט פֿערגעסען, ווייל דאָס לעבען גופא הייננט אָב דערפֿון.

אונז בלייבט אַלזאָ איצט איבער צו צייגען די בעדייטונג און די וויכטיגקייט פֿון די כוחות, וועלכע שטויסען זיך אָן איינע מיט די אַנדערע אין דער דאָזיגער מורא'דיגער קאָמפּליצירטער געזעלשאַפֿט; מען וואָלט געדאַרפֿט, אַזוי צו זאָגען, פֿעסטשטעלען די צאָהל פֿון די אַרמעען אין קאַמפּף און בעשרייבען זייערע סטראַטעגישע פּאָזיציעס מיט דער

אונפּאַרטייאישער קאַלט־בלוטיגקייט פֿון מיליטערישע אַגענ־ טען, וועלכע סטאַרען זיך צו בערעכענען מאַטהעמאַטיש די שאַנסען פֿון יעדען צד בעזונדער. נאָר אָט דער גרויסער צוזאַמענשטויס פֿון אידעען, אין וועמעס רעזולטאַט מיר זיינען אַזוי שטאַרק פֿעראינטערעסירט, וועט זיך ניט אָב־ שפּיעלען לויט דעם זעלבען פּלאַן ווי איינע פֿון אונזערע מלחמות, וועלכע ווערען אָנגעפֿיהרט פֿון גענעראַלען, אָפֿיצירען און סאָלדאַטען, אָנפֿאַנגענדיג זיך מיט דעם בע־ פֿעהל: „שיסט!“ און זיך ענדיגענדיג מיט דעם פֿערצווייי־ פֿעלטען געשריי: „זאָל זיך ראַטעווען ווער עס קען!“ אונזער קאַמפּף איז אַן אונאויפֿהערליכער, וועלכער האָט זיך נאָך אָנגעפֿאַנגען מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק אין דער ווילדער־ נעש ביי די פּרימיטיווע מענשען, און וועלכער איז ביז איצט נור טהיילווייז געוועזן ערפֿאָלגרייך: דאָך איז פֿאַרהאַן אַ לייזונג, אַן אויסגאַנג פֿון דעם אונאויפֿהערליכען קאַמפּף, ענטוועדער דורך דעם וואָס די לעבענס־פֿעהיגע ענערגיען זאָלען זיך געגענזייטיג פֿערניכטען איינע די אַנדערע און די מענשהייט זאָל זיך אומקעהרען צו דעם אורשפּרינגליכען כאָאָס, אָדער דורך דער איבעראיינשטימונג פֿון דיזע אַלע כוחות, — דורך דעם וואָס דער מענש וועט זיך פֿרייוויליג און זעלבסטבעוואוסט פֿערוואַנדלען אין אַ העכערעס וועזען.

די מאָדערנע סאָציאָלאָגיע האָט קלאָהר און דייטליך בעוויזען, אַז עס זיינען פֿאַרהאַן צוויי געזעלשאַפֿטען, וואָס קעמפּפֿען איינע מיט דער צווייטער: זיי פֿערמישען זיך איינע אין דער אַנדערער; זיי זיינען אויף פֿערשיעדענע אופנים פֿערבונדען דאָ און דאָרט דורך די, וואָס ווילען און ווילען דאָך ניט, וואָס געהען פֿאָרווערטס, אום צו קענען דערנאָך געהן צוריק. נאָר אַז מיר קוקען אויף דער זאַך פֿון אויבען אַראָב, ניט נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט די אונזי־

בערע און די גלייכגילטיגע, וועמען דער שיקזאַל טרייבט אַרום פֿון איין לאַגער אין אַנדערן, ווערט אונז קלאָהר, אַז די איצטיגע וועלט צוטהיילט זיך אין צוויי לאגערן: די וואָס טהוען אַלעס מעגליכע אויפֿצוהאַלטען די אונגלייכהייט און די אָרימקייט, דאָס הייסט די געהאָרכזאַמקייט און די נויטה פֿאַר די אַנדערע, דעם גענוס און די מאַכט פֿאַר זיך אַליין; און די וואָס פֿאָדערן פֿאַר אַלעמען דאָס וואָהלזיין און די פֿרייע איניציאַטיווע.

אין פֿלוג זעהט עס אויס, אַז די כוחות פֿון די דאָזיגע צוויי לאַגערן זיינען גאַר ניט קיין גלייכע: די קאָנסערוואַטאָרס, מיינט מען, זיינען גאָר אָהן אַן ערך שטאַרקער. די פֿערטהיידיגער פֿון דער איצטיגער סאָציאַלער אָרדנונג האָבען ביי זיך אין די הענד די געוואַלדיג גרויסע פֿערמעגענס, די הכנסות, וואָס צעהלען זיך אין די מיליאָנען און די מיליאַרדען, די גאַנצע מאַכט פֿון דעם שטאַאַט מיט די מחנות פֿון אָנגעשטעלטע, סאָלדאַטען, פּאָליציי־לייט, ריכטער, דעם גאַנצען אַרסענאַל פֿון געזעצען, די כלומר׳שט „אינפֿעהלבאַרע” דאָגמעס פֿון דער קירכע, די פֿערשלאָפֿענקייט פֿון דער מענשליכער געוואוינהייט און די נידריגע אַלטעגליכקייט, וועלכע פֿערבינדעט כמעט שטענדיג די בעזיעגטע מיט זייערע שטאָלצע זיעגער. און די אַנאַרכיסטען, וועלכע ווילען אויפֿבויען אַ נייע געזעלשאַפֿט, וואָס קענען זיי אַוועקשטעלען אַנטקעגען אָט די אַלע אָרגאַניזירטע כוחות? גאָרנישט, ווייזט אויס. אָהן געלד, אָהן אַן אַרמעע, וואָלטען זיי געמוזט אונטערגעהן, ווען זיי וואָלטען ניט רעפּרעזענטירט די עוואָלוציאָן פֿון די אידעען און פֿון די זיטען. זיי זיינען גאָרנישט, נאָר זיי האָבען פֿאַר זיך די בעוועגונג פֿון דער מענשליכער איניציאַטיווע. די גאַנצע פֿערגאַנגענהייט ליגט אויף זיי ווי אַ שווערע לאַסט, נאָר די לאָגיק פֿון די

עראי גניסע ערמוטהיגט זיי און טרייבט זיי פֿאָרווערטס, ניט קוקענדיג אויף די געזעצען און אויף די געזעץ־היטער.

די כוחות, וואָס ווערן אָנגעווענדעט אונטערצוגראָבען די רעוואָלוציאָן, קענען לפנים און אויף אַ געוויסער צייט האָבען אַן ערפֿאָלג. די רעאַקציאָנערן קווילען דאַן אָן פֿאַר שמחה; נאָר זייער פֿרייד איז אומזיסט, וואָרים אויב די בעוועגונג פֿאַלט דורך אויף איין אָרט, הויבט זי זיך גלייך אויף אויף אַן אַנדער אָרט. נאָכדעם ווי די פֿאַריזער קאָמונע איז דערשטיקט געוואָרען, האָט מען אין דער אָפֿיציעלער און שמייכלערישער וועלט פֿון אייראָפּאַ געקענט מיינען, אַז דער סאָציאַליזמוס, דער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט פֿון דער געזעלשאַפֿט, איז טויט, בעגראָבען אויף אייביג. די פֿראַנצויזישע אַרמעע האָט זיך געוואָלט אויסקיילען פֿון שאַנדע פֿאַר דער מפלה, וואָס זי האָט געהאַט אנטקעגען די זיעגרייכע דייטשען, דערמיט וואָס זי האָט דערשטיקט און דערשאָסען די פֿאַריזער, אַלע אונצופֿריעדענע קינדער פֿון די רעוואָלוציאָנען. אין זייער פּאָליטישען זשאַרגאָן האָבען זיך די קאָנסערוואַטאָרען געקענט בעריהמען, אַז זיי האָבען „געקוילעט די גאַנז". העדר טהיער, אַן אונפֿערגלייכבער טיפֿ פֿון אַן אויפֿגעקומענעם בורזשואַ, האָט געמיינט, אַז ער האָט זי בעגראָבען טיעף אין די קברים פֿון דעם בית עולם פֿון „פּער לאַשעז". די, וועמען ער האָט גערעכענט פֿאַר די לעצטע נאָכפֿאָלגער פֿון די אַמאָליגע סאָציאַליסטען, האָבען זיך געפֿונען אין ניי־קאַלעדאָניען, אָבגעריסען פֿון דער וועלט. נאָך טהיער'ן האָבען די פֿריינד זיינע אין גאַנץ אייראָפּאַ ווידערהאָלט זיינע ווערטער, און פֿון אַלע זייטען האָט זיך געהערט אַ געזאַנג פֿון טריאומף. וואָס איז שייך צו די דייטשע סאָציאַליסטען, איז דען ניט געווען אַ גוטער היטער איבער זיי, דער העדר פֿון אַלע

הערדן, וואָס פאַר זיין וואונק, פאַר אַ פינטעל פון זיין אויג האָט געציטערט גאַנץ איירָאפּאַ? און די רוסישע ניהיליסטען? וואָס פאַר אַ פנים האָבען זיי געהאַט ביי דער „ציוויליזירטער" אייראָפּעאישער וועלט אין די אויגען? מען האָט זיי געהאַלטען פאַר איינפאַכע טייוואָלים אין בלוט־דורשטיגע חיות.

אַך! מען פערשטעהט גאַנץ גוט, אַז עס פלעגט ווערן שטיל אין דעם רעוואָלוציאָנערן לאַגער, ווען עס האָט „געהערשט אָרדנונג אין וואַרשוי" אין ערגעץ אַנדערש. אויף מאָרגען נאָך אַן אויסשלאַכטונג געפינען זיך ווייניג מענשען, וואָס סמייען זיך צו שטעלען אַנטקעגען די קוילען. דאַן, ווען פאַר אַ וואָרט, פאַר אַ מאַך מיט דער האַנד ווערט מען בעשטראָפט מיט געפענגניס, קען מען ניט ערוואַרטען קיין סך מענשען, וואָס זאָלען האָבען דעם מוטה צו לויפען אין פייער. די, וועלכע זיינען מקבל באהבה די ראָלע פון אָנפּער פאַר אַ אידעע, וואָס איהר טריאומף איז וויטלויפיג אָדער אפשר גאָר צווייפעלהאַפט, זיינען אַ זעלטענהייט: ניט יעדער איינער האָט דעם העלדענמוטה פון די דאָזיגע רוסישע ניהיליסטען, וועלכע האָבען זי ער געהיימע דרוקעריי ביי דער פאָליציי אונטער'ן נאָז. מען מוז אַליין זיין שטאַרק איבערגעבען, אום צו האָבען דאָס רעכט פאַראיבעל צו האָבען אויף די, וואָס סמייען ניט זיך אויסצוגעבען אין דער עפענטליכקייט פאַר אַנאַרכיסטען, ווען זייער אַרבייט, דאָס הייסט דאָס לעבען פון זייערע פרויען און קינדער, הייננט אָב דערפון. נאָר אויב אַלע אונטערדריקטע האָבען ניט דעם טעמפּעראַמענט פון דעם העלד, פיהלען זיי אָבער פונדעסטוועגען גאַנץ גוט די ליידען און זיי זוכען זיך אַרויסצורייסען דערפון; און דער גייסטיגער צושטאַנד פון די אַלע, וועלכע ליידען אַזוי ווי זיי און וועלכע ווייסען די אורזאַכע

פֿון זייע־ע ליידען, מוז ענדליך שאַפֿען אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג. זאָגאַר אין אַ שטאָדט, וואו ס'איז ניטאָ קיין איין גרופּע פֿון עפֿענטליך־ערקלעהרטע אַנאַרכיסטען, זיינען פֿינ־דעסטוועגען די אַרבייטער מעהר אָדער וויניגער געניגט צו די אַנאַרכיסטישע אידעען. אינסטינקטיוו אַפּלאָדירען זיי דעם קאַמעראַד, וועלכער רעדט צו זיי מכח אַ סאָציאַלען צושטאַנד, וואו עס וועלען ניט זיין קיין הערן, און וואו דער פּראָדוקט פֿון דער אַרבייט וועט בלייבען ביים פּראָ־דוצירער אין די הענד. דיזער אינסטינקט ענטהאַלט אין זיך דעם וואַקסענדען זאַמען פֿון דער קומענדער רעוואָלוציאָן, וויל פֿון טאָג צו טאָג וועט ער אַלץ קלאָהרער, פֿעסטגע־שטעלטער און ער פֿערוואַנדעלט זיך אין אַ בעוואוסטזיניג־קייט. דאס וואָס דער אַרבייטער האָט נעכטען בלויז געפֿיהלט, און נור אויבערפֿלעכליך געפֿיהלט, ווייסט ער היינט צו טאָג, און יעטוועדע נייע ערפֿאַהרונג מאַכט איהם בעסער בעקאַנט דערמיט. און די בויערן, וועלכע האָבען קיין מעגליכקייט ניט זיך צו ערגעהרען פֿון די פּראָדוקטען פֿון זייער שטי־קעל ערד, און די, וואָס האָבען אין דער ווירקליכקייט גאָר קיין שטיקעל ערד ניט און וועלכע זיינען נאָך אסך גרעסער אין צאָהל איידער די ערשטע, — אָט די אַלע בויערן, הוי־בען זיי דען ניט אָן צו פֿערשטעהן, אַז די ערד דאַרף געהערן צו דעם, וואָס בעאַרבייט זי? זיי האָבען עס אימער געפֿיהלט אינסטיקטיוו; איצט ווייסען זיי עס און אין גיכען וועלען זיי אָנהויבען שטעלען זייערע פֿאָדערונגען.

די פֿרייד, וואָס די רעאַקציאָנערן האָבען געהאַט דורך דער כלומר'שטער פֿערשווינדונג פֿון דעם סאָציאַליזמוס, האָט אַלזאָ לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. פֿינסטערע, וויסטע חלומות האָבען גענומען מוטשען די תלינים, ס'האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז די קרבנות זיינען נאָך ניט אין גאַנצען

טויט. און היינט צו טאָג, איז דען פֿאַרהאַן כאָטש איין איינציגער בלינדער, וואָס זאָל צווייפֿלען אין זייער ערוואַכונג? די אַלע שרייב־קנעכט, וועלכע האָבען איבערגעקייט גאַמבעטאַ'ס ווערטער: „ניטאָ קיין סאָציאַלע פֿראַגע!" זיינען דאָך געווען דיזעלבע, וועלכע האָבען אויפֿגעכאַפּט די ווערטער פֿון קייזער ווילהעלם און נאָכגעשריען נאָך איהם: „די סאָציאַלע פֿראַגע פֿערפֿלייצט אונז! די סאָציאַלע פֿראַגע בעלאַגערט אונז!" און דערפֿאַר טאַקי האָבען זיי געפֿאָדערט אַ ספּעציעלעס געזעץ, אַן אונערבאַרמליכע רעפּרעסיע געגען די „אָנהייגער פֿון אונאָרדנונג". אָבער ווי שווער און ווי שטרייננג דאָס געזעץ זאָל ניט זיין, וועט עס דאָך ניט קענען אונטערדריקען דעם געדאַנק, וועלכער געהט זיך זיין וועג. זאָגאַר ווען עס זאָל זיך איינגעבען וועמען עס איז אַריינצואוואַרפֿען אַ שטיק באַרג אין דעם אָפֿענעם וואולקאַן, וועט עס אויף אַ געוויסער צייט אָבהאַלטען דעם אויסברוך; אָבער דער פֿייער־באַרג וועט זיך עפֿענען אויף אַן אַנדער אָרט און דע־ שטראָם פֿון לאַוואַ וועט מוזען אַרויספּלאַצען. נאָך דעם אויסברוך פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן האָט נאַפּאָלעאָן געמיינט, אַז ער איז דער טיטאַן, וואָס האָט פֿערמאַכט דאָס פֿייער־שפּייענדע מויל פֿון די רעוואָלוציאָנען; און די גאַנצע מחנה פֿון טעלער־לעקער, די אונענדליכע מאַסע פֿון אונוויסענדע לייט האָבען עס געגלויבט מיט איהם. דאָך האָבען די סאָלדאַטען גופא, וועלכע ער האָט אַרומגעשלעפּט איבער גאַנץ אייראָפּאַ, בייגעטראָגען צו פֿערשפּרייטען די נייע אידעען, אַרבייטענדיג אויף אַזאַ'ן אופֿן געגען דער אַלגעמיינער רעאַקציע: מעהר ווי איין צוקינפֿטיגער „דעקאַבריסט" אָדער רוסישער „ניהיליסט" האָט גענומען ויינע ערשטע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען פֿון אַ קריעגס־געפֿאַנגענעם, וואָס איז געראַטע־

ווערט געוואָר־ען פֿון אונטער די אייז־דעקען פֿון דער „בער־ריאָזינאַ". פונקט אויף אַזאַ'ן אופן האָט דאָס אַריינפֿאַלען פֿון שפּאַנ־יען אין די הענד פֿון די נאַפּאָלעאָנישע אַרמעען צובראָכען די קייטען, וועלכע האָבען צוגעשמידט די נייע וועלט צו דעם לאַנד פֿון דער אינקוויזיציאָן און האָט בעפֿרייט די אונגעהייער גרויסע פּראָווינצען אויף דער אַנדער זייט ים פֿון דעם אונערטרעגליכען קאָלאָניאַלען רעזשים. ס'האָט אויסגעזעהן עפּעס אַזוי ווי איראָפּאַ וואָלט זיך אין גאַנצען אָבגעשטעלט, אָבער דערפֿאַר האָט זיך אַמעריקאַ גענומען בעוועגען. נאַפּאָלעאָן איז בלויז געווען אַ שאָטען, וואָס געהט פֿערביי.

די אויסער־ליכע פֿאָרמע פֿון דער געזעלשאַפֿט מוז זיך ענדער־ן פּראָפּאָרציאָנעל צו דער אינערליכער בעוועגונג: קיין היסטאָרישער פֿאַקט איז ניט מעהר בעגרינדעט ווי דער. ס'איז דער זאַפֿט, וואָס מאַכט דעם בוים וואַקסען און גיט איהם זיינע בלעטער און זיינע בליטען; ס'איז דאָס בלוט, וואָס גיט דעם מענשען דאָס לעבען; עס זיינען די אידעען, וועלכע מאַכען די געזעלשאַפֿט. נון, ס'איז ניטאָ קיין איין קאָנסערוואַטאָר, וואָס זאָל זיך ניט בעקלאָגען, אַז די אידעען, די זיטען אַלעס וואָס שטעלט צונויף דאָס טיעפֿע לעבען פֿון דער מענשהייט איז שוין גאָרניט דאָס וואָס אין די „אַלטע גוטע צייטען". אויך די איצטיגע סאָציאַלע פֿאָרמען וועלען זיך געוויס ענדער־ן. די רעוואָלוציאָן קומט אַלץ נעהנטער, וואָס טיעפֿער עס געהט אָן די אינערליכע אַרבייט פֿון די מענשליכע מוחות.

יעדענפֿאַלס דאַרפֿען מיר ניט צוזאַמענלייגען די הענד און וואַרטען אויף גינסטיגע ערא־יגניסע. דער אָריענטאַלישער פֿאַטאַליזמוס איז דאָ ניט אַם פּלאַץ, ווייל די געגנער אונזערע זיצען כלל ניט מיט די הענד אין די קעשענעס

און רוהען זיך אב. א טהייל פון זיי ווינען מענער מיט אן
אמת'ער ענערגיע, וועלכע שרעקען זיך ניט אב פאר קיין
שום מיטעל און האבען די נייטיגע גייסטעס־קראפט אנצו־
פיהרען די אטאקע און ניט ארויבפאלען ביי זיך אין די
שווערסטע מאמענטען און זאגאר דאן, ווען זיי האבען א
נידערלאגע. „די אבשטארבענדע געזעלשאפט!" האט מיט
א בייסענדען שפאט געזאגט א פאבריקאנט מכח אן אנאר־
כיסטישען בוך, וואס אונזער קאמעראד גראוו האט אנגע־
שריבען; „די אבשטארבענדע געזעלשאפט! נישקשה, זי
האט נאך געגוג לעבען אין זיך, אום אייך אלעמען צו
פערשלינגען!" און אז די רעפובליקאנער און די פריידיינקער
אין פראנקרייך האבען גערעדט מכח ארויסטרייבען פון
לאנד די יעזואיטען, וועלכע זיינען אימער געווען די נשמה
פון דער קאטוילישער קירכע, האט זיך איינער פון די דא־
זיגע גלחים צובייזערט מיט די ווערטער: „בנאמנות, מיר
לעבען אין א מערקווירדיגען יאהרהונדערט! וואס זשע, זיי
מיינען אפנים, אז די שיטערהויפענס זיינען שוין אזוי פער־
לאשען געווארען, אז ס'איז ניט געבליבען דער מינדעסטער
פונק אנצוצינדען א פאקעל? די פערריקטע! יעזואיטען
רופען זיי אונז, און זיי מיינען אונז דערמיט צו זידלען;
אבער אט די יעזואיטען האלטען אנגעגרייט פאר זיי דעם
חרם, א מויל־קארב און פייער!"

ווען אלע שונאים פון דעם פרייען געדאנק, פון דער פער־
זענליכער איניציאטיווע, וואלטען געהאט די דאזיגע קרעפטיגע
לאגיק, די דאזיגע ענערגיע און ענטשלאסענהייט, וואלטען
זיי אפשר סוף כל סוף געזיגט, א דאנק די אלע מיטלען
פון אונטערדריקונג, וואס די אפיציעלע געזעלשאפט פער־
מאגט; אבער די מענשליכע גרופען, וועלכע זיינען אריינ־
געפאלן אין זייער אייגענעם „ארויפארבייטען זיך", זיינען

ניט לאַגיש און קענען עס גאָרניט זיין, מחמת די מענשען אונטערשיידען זיך אַלע דורך זייערע אינטערעסען און שטרעבונגען: וועלכער מענש שטעקט דאָס ניט כאָמש מיט איין פוס אין פיינדליכען לאַגער? „מען איז אימער אימי־צענס סאָציאַליסט", זאָגט אַ פּאָליטיש גלייכוועדמעל, וואָס איז אַבסאָלוט וואָהר. ניטאָ קיין איין אינסטיטוציאָן, וואָס זאָל זיין פאָלשטענדיג אויטאָריטעריש; ניטאָ קיין הערשער, וואָס זאָל פאָלגען אויף ריכטיג די עצה פון דעם טהעאָרע־טיקער פון דער רעאַקציאָן זשאָזעף דע מעסטר און האַלטען שטענדיג די האַנד ביים תליון אויף׳ן שולטער. ניט קוקענדיג אויף די פּראָקלאַמאַציעס פון דעם קייזער צו זיינע סאָלדאַטען, און אויף די הויכע, אָנגעבלאָזענע פראַזען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט „כטוב לב המלך ביין", ביי אַ גלאָז שאַמפּאַ־ניער, סמייעט מעהר קיין מאכט ניט צו זיין אַבסאָלוט, אָדער זי איז דאָס בלויז דורך אַ קאַפּריז, געגען געפאַנגענע למשל, געגען אונגליקליכע מענשען, וואָס האָבען גאָר קיין קרוב אין קיין גואל ניט, ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעה־מען. יעדער הערשער האָט זיך זיין „קאַמאַרילאַ", זיינע הויף־לייט, שוין ניט רעכענענדיג זיינע מיניסטאָרען, זיינע שטאַאַטס־סאָוועטניקעס, וועלכע שפּיעלען אַלע די ראָלע פון ווי־צע קעניגע; אַחוץ דעם איז ער מעהר אָדער וויניגער געבונדען דורך פערשיעדענע אָבמאַכונגען, מנהגים, קאָנ־ווענציאָנען, — אַן עטיקעטע, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ גאַנצע וויסענשאַפט מיט פּראָבלעמען און פּראָבלעמען: דער אונפערשעהמטעסטער לואי דער פערצעהנטער איז פערפּלאָנטערט אין אַ טויזענד־פערדימדיגען נעץ, פון וואַנען ער וועט זיך קיינמאָל ניט אַרויספּלאָנטערן. אָט די אַלע קאָנווענציאָנען און אָנגענומענע מנהגים, אין וועלכע דער הערשער האָט זיך אויף אַזאַ גרויסאַרטיגען אופן איינגע־

שלאָפען, גיבען איהם פֿון פֿאָראויס צו פֿערזוכען דעם טעם פֿון דעם קבר און שוואַכען אויף וויפֿיעל ס'איז אָב זיין קראַפֿט פֿאַר דער רעאַקציאָן.

די וואָס זיינען אָנגעצייכענט צום שטאַרבען, וואַרטען ניט מען זאָל זיי הרג'ענען: זיי מאַכען זיך אַליין דעם טויט; סיי דורך דעם וואָס זיי שיסען זיך אַריין אַ קויל אין קאָפּ אָדער זיי דרעהען זיך אַרום אַ שטריקעל אַרום האַלז, סיי דורך דעם וואָס זיי לאָזען זיך הינרייסען פֿון דער מרה שחורה, די אויסצעהרונג, דעם פעסימיזם, אַלע גייסטיגע קראַנקהייטען, וועלכע זאָגען אָן פֿון פֿאָראויס, אַז דער טויט איז נאָהענט און ער וועט קומען אין גיכען. ביי דעם רייכען יונגען מאַן, וואָס קומט אַרויס פֿון אַ דעגענערירטער, אויס־געלעבטער ראַסע, איז דער פעסימיזם ניט בלויז אַן אַרט און וויזע פֿון ריידען, אַ האַלטונג; ס'איז אַווירקליכע קריינק. איידער ער האָט נאָך געלעבט, געפֿינט שוין דער אָרעמער יונג קיין שום טעם ניט אין לעבען; אַזוי ווי אַ שאָטען געהט ער אַרום, מורמלענדיג, און דאָס דאָזיגע לעבען אָהן לוסט איז פּונקט ווי אַ טויט, אויף וועלכען מען ריכט זיך און מען וואַרט טאָג פֿאַר טאָג. אין דעם דאָזיגען טרויעריגען צושטאַנד איז מען שוין פֿעראורטהיילט צו אַלע גייסטעס־קראַנקהייטען, משוגעת, אַלטערס־שוואַכקייט, אי־דיאָטסטוואָ אָדער גאָר „דעקאַדענטסטוואָ". מען קלאָגט זיך דערויף וואָס עס ווערן וואָס וויטער אַלץ וויינייגער קינדער אין די פֿאַמיליען; און פֿון וואַנען נעהמט זיך די וואַקסענדע, ווילענדיגע צי ניט ווילענדיגע פֿרוכטלאָזיגקייט, אויב ניט דורך דער אָבשוואַכונג פֿון דער מענליכער קראַפֿט און פֿון דער לוסט צו לעבען? אָבער אין דער וועלט, וואָס אַרבייט, וואו ס'זיינען, דוכט זיך, פֿאַרהאַן גענוג אורזאַכען צו זיין טרויעריג, האָט מען פֿונדעסטוועגען קיין צייט ניט זיך

אַריינצולאָזען אין פעסימיזם. מען מוז לעבען, מען מוז געהן פאָרווערטס, פראָגרעסירען, בענייען די לעבענס־קרעפטען פאַר דער טעגליכער אַרבייט. אָט אויף דעם וואַסען פון די דאָזיגע אַרבייטער־פאַמיליען האַלט זיך די געזעלשאַפט, און פון זייער קרייז קומען כסדר ארויס מענער, וואָס נעהמען אויף די אַרבייט פון פראָגרעס און מיט זייער איניציאַטיווע האַלטען זיי אָב די געזעלשאַפט, ז׳ זאָל ניט געהן צוריק.

נאָך אַ גאַראַנטיע פון פראָגרעס אין דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק האָבען מיר דורך דער אינטאָלעראַנץ פון דער מאַכט, וואו עס שטויסען זיך צוזאַמען די אַלטע בעגריפע פון דער פערגאַנגענהייט. די אָפיציעלע שפּראַך פון אונזערע פאָליטישע געזעלשאַפטען, וואו אַלעס איז אויסגעמישט מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף, איז אַזוי אונלאָגיש און ווידער־שפּרעכענד, אַז אין איין און דערזעלבער פראַזע רעדט זיך דאָרט מכח די „אונפערענדער־באַרע עפענטליכע פריי־הייטען" און וועגען די „הייליגע רעכטע פון אַ שטאַרקען שטאַאט"; אויף אַזאַ׳ן אופן קומט אויך אויס צו זעהן אַ קאָמישען ווידערשפּרוך אין דער אַדמיניסטראַציאָן, אין דעם דורכפיהרען די געזעצע: דער מעיאָר פון דער שטאָדט, למשל, איז אַ פערטרעטער פון אַ פרייען פאָלק ביי דער רעגירונג און אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך די אויפ־גאַבע איבער־צוגעבען די בעפעהלען צו די אינטערוואָרפענע קאָטונען. ניטאָ ניט קיין איינינקייט, ניט קיין שכל הישר אין דעם גרויסען תוהו ובוהו, אין דעם אונגעהייערען כאַאָס, וואו עס מישען זיך אויס די בעגריפע, די געזעצען, די מנהגים פון הונדערט פעלקער און פון צעהן טויזענד יאָהר, אָקוראַט ווי די שטיינער ביים ברעג ים, וועלכע זיינען אַרונטערגעפאַלען פון אַזוי פיעל בערג, צוזאַמענגעבראַכט געוואָרען פון אַזוי פיעל כוואַליעס. פון אַ לאָגישען שטאַנד־

פינקט שטעלט דער יעצטיגער שטאַאט מיט זיך פֿאָר אַזאַ מיש־מאַש, אַז זיינע פֿעראינטערעסירטעסטע פֿערטהיידיגער קענען איהם ניט רעכטפֿערטיגען.

אַזוי ווי דאָס איצטיגע פֿונקציאָנירען פֿון דעם שטאַאט בעשטעהט ראשית כל אין דעם צו פֿערטהיידיגען די אינ־טערעסען פֿון די בעלי בתים, „די רעכטע פֿון קאַפּיטאַל", וואָלט עס געווען אונבעדינגט נייטיג פֿאַר דעם עקאָנאָמיסט צו האָבען כאָטש עטליכע פֿעסטע אַרגומענטען, עטליכע וואונדערבאַרע ליגענס, וואָס דער אָרעמער, וועלכער וויל מיט׳ן גאַנצען האַרצען זעהן דאָס אַלגעמיינע וואָהלזיין, זאָל קענען אָננעהמען אַלס אונבעשטרייטבאַרע טענות. אָבער אַך! אָט די שעהנע טהעאָריען, וועלכע זיינען אַמאָל אויס־געקלעהרט געוואָרען פֿאַר דעם נאַרישען עולם, האָבען אין גאַנצען פֿערלאָרען זייער ווערטה: ס׳איז שוין אַ שאַנד היינט צו טאָג אַרויסצוקומען מיט דער אַלטער בעהויפּטונג, אַז „עשירות און איינענטהום זיינען אימער די בעלוינינג פֿון אַרבייט". פּרעטענדירענדיג, אַז די אַרבייט איז דער אור־שפּרונג פֿון פֿערמעגען, ווייכען די עקאָנאָמיסטען ביי זיך אין האַרצען גאַנץ גוט, אַז זיי זאָגען ניט דעם אמת. אַזוי ווי די אַנאַרכיסטען ווייסען זיי, אַז דאָס רייכטהום איז דער פּראָדוקט ניט פֿון אייגענער, נאָר פֿון פֿ ר ע מ ד ע ר אַרבייט; זיי ווייסען אויך, אַז די שפּעקולאַציעס און די קינצען, וואָס ווערן געמאַכט אויף די בערזען, דער קוואַל פֿון די גרויסע פֿערמעגענס, קענען מיט פֿולען רעכט פֿערגליכען ווערן צו איינפֿאַכע רויבערייען און בייטעל־שניידערייען; און פֿער־שטעהט זיך, אַז זיי וועלען ניט האָבען די העזה צו בעהויפּטען, אַז דער וואָס קען אויסגעבען אַ גאַנצען מיליאָן אַ וואָך אויף זיין הוצאה, דאָס הייסט פּונקט אַזוי פֿיעל וויפֿיעל עס וואָלט נייטיג געווען פֿאַר הונדערט טויזענד מענשען צו לעבען,

— אַז דער דאָזיגער מיליאָנער אונטערשיידעט זיך פֿון די אַנדערע מענשען דורך זיין פֿערשטאַנד און זיין טוגענד, וועלכע זיינען הונדערט טויזענד מאָל העכער איידער דער דורכשניט. דאָס וואָלט געהייסען אָבנאַרען זיך אַליין, ווען מען זאָל זיך אַריינלאָזען אין וכוחים מיט די היפּאָקריטישע טענות, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער דאָזיגער אורשפּרונג פֿון דער סאָציאַלער אונגלייכהייט.

נאָר פֿאַרהאַן אַן אַנדער טענה, וואָס ווערט אָנגעווענ־דעט אַן אַרגומענט, וואָס טראָגט אַ גאַנץ אַנדערען כאַראַק־טער און וועלכער האָט כאָטש די מעלה, וואָס ער שטיצט זיך ניט אויף קיין ליגען. געגען די סאָציאַלע פֿאָדערונגען ווערט אַרויסגעשטעלט דאָס רעכט פֿון דעם שטאַרקערן, און זאָגאַר דעם רעספּעקטירטען נאָמען פֿון דאַרווין האָט מען געגען זיין ווילען אויסגענוצט פֿאַר דער דאָזיגער אידעע פֿון אונגערעכטיגקייט און פֿון געוואַלט. דער כח פֿון די מוסקעלן און פֿון די באַק־ציינער, פֿון דעם שטעקען און דער בולאַווע, — אָט דאָס איז דער העכסטער אַרגומענט! אין דער אמת׳ן, שפּיעלט דאָך טאַקי דאָס רעכט פֿון דעם שטאַרקערן די הויפּט ראָלע אין דעם פֿערכאַפּען פֿון די רייכטהימער. דער, וואָס פּאַסט זיך מאַטעריעל בעסער צו צו דער געזעלשאַפֿט; דער, וואָס איז גליקליכער דורך זיין געבורט, דורך זיין ערציהונג, דורך זיינע פֿריינד; דער, וואָס איז בעסער בע־וואָפֿענט מיט כח אָדער מיט כיטראָסט און וועלכער געפֿינט אַנטקעגען זיך די שוואַכסטע געגנער, — יענער האָט די מעהרסטע שאַנסען צו זיעגען; ס׳קומט איהם אָן לייכטער איידער די אַנדערע זיך אויסצובויען אַ הויכען טהורם, פֿון וואַנען ער קען זיכערערהייט שיסען אויף זיינע אונגליקליכע ברידער.

אַזוי וויל דער ברוטאַלער עגאָאיסטישער קאַמפּף. אַמאָ־ליגע צייטען האָט מען ניט געסמייעט פּעסטצושטעלען דיזע טהעאָריע פון אייזען און פון פייער, זי וואָלט אויסגעוויזען צו געוואַלטיג און מען האָט זי דערפאַר איינגעוויקעלט אין היפּאָקריטישע ווערטער, אין ערנסטע פאָרמולען, האָפענדיג, אַז דאָס פאָלק וועט ניט פערשטעהן זייער זינן. „די אַרבייט איז אַ צוים", האָט געזאָגט גיזאָ. אָבער די פאָרשונגען, וואָס די נאַטוראַליסטען האָבען געמאַכט וועגען דעם „קאַמפּף אום'ס דאַזיין" צווישען די מינים, האָבען געגעבען די טהעאָרעטיקער פון דער מאַכט דעם מופת צו פראָקלאַמירען גאַנץ אָפען זייער אונפערשעהמטע טהעאָריע: „זעהט", זאָגען זיי, „ס'איז אַ פאַטאַלעס געזעץ און ס'קען אַנדערש ניט זיין; ס'איז דער שיקזאַל, אונטער וועלכען אַלע, די עסער און אויפגעגעסענע, זיינען אונטערוואָרפען".

מיר מעגען זיין העכסט צופריעדען דערמיט וואָס די פראַגע האָט זיך אַזוי פעראיינפאַכט אין איהר ברוטאַליטעט, מחמת אויף אַזאַ'ן אופן וועט זי גיכער געלייזט ווערן. „די מאַכט הערשט!" זאָגען די שטיצען פון דער סאָציאַלער אונ־גלייכהייט. יאָ, די מאַכט הערשט! שרייען וואָס וויי־טער אַלץ שטאַרקער די, וועלכע פראָפיטירען פון דער מאָדערנער אינדוסטריע אין איהר גרויזאַמער פערפאָלקאָמינג, זובענדיג ראשית כל צו פערקלענערן די צאָהל פון די אַרבייטער. אָבער צי וועלען דען די רעוואָלוציאָנערן ניט קענען זאָגען דאָס זעלבע, וואָס די עקאָנאָמיסטען און די אינדוסטריע־ליים זאָגען, וויסענדיג, אַז דער „קאַמפּף אום'ס דאַזיין" וועט ביי זיי בישלאַכוויז פערביטען ווערן אויף דער געגענזיי־טיגער איבעראיינשטימונג צווישען די מענשען? דאָס געזעץ פון דעם שטאַרקערן וועט ניט אימער פונקציאָנירען צו גונסטען פון דעם אינדוסטריעלען מאָנאָפאָל. „די מאַכט

קומט פֿאַר דאָס רעכט", האָט געזאָגט ביסמאַרק און פֿיעלע אַנדערע נאָך פֿאַר איהם; אָבער מען קען צוגרייטען דעם טאָג, ווען די מ אַ כ ט וועט אויסגעגלײַכט ווערן אין די אינ־טערעסען פֿון ר ע כ ט. אויב עס איז אמת, אַז די אידעען פֿון סאָלידאַריטעט פֿערשפּרייטען זיך; אויב ס'איז וואַהר, אַז די ערשאָבערונגען פֿון דער וויסענשאַפֿט מוזען סוף כל סוף דורכדרינגען די טיעפֿע שיכטען פֿון דער געזעלשאַפֿט; אויב עס איז אמת, אַז דער מאָראַלער פֿערמעגען ווערט דאָס אייגענטהום פֿון'ם כלל, דאַן פֿרעגט זיך איינפֿאַך, צי די אַרבייטער, וועלכע האָבען ביידע זאַכען, אי דאָס רעכט אי די מאַכט, וועלען זיך ניט בענוצען דערמיט צו מאַכען די רעוואָלוציאָן צו גונסטען פֿון אַלעמען? געגען די פֿער־איינינגטע מאַסען, וואָס פֿאַר אַ האַפֿט קענען האָבען די איינצעלנע אינדיווידוען, ווי שטאַרק זיי זאָלען ניט זיין מיט זייער געלד, מיט זייער אינטעליגענץ און מיט זייער ביט־ראַסט? אים פֿערצווייפֿלונג, ניט האָבענדיג בכח צו געבען אַ מאָראַלע בעגרינדונג צו זייער שטאַנדפּונקט, זוכען זיי קיין אַנדער זאַך ניט נור די פֿ ו י ס ט, די רויע געוואַלט. עס וואָלט ניט געווען שווער צו ברענגען ביישפּיעלע פֿון מיניסטאָרען, וועלכע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען ניט מחמת זייער מיליטערישער גרויסקייט אָדער זייער נאָבעלער אָבשטאמונג, ניט צוליעב זייער טאַלאַנט אָדער זייער בע־רעדזאַמקייט, נאָר איינפֿאַך דערפֿאַר וואָס זיי זיינען מענ־שען אָהן אַ שום איינזעהעניש. אין דעם פּרט האָט מען אַ פֿאָלשטענדיגען צוטרוי צו זיי: זיי שטעלען זיך ניט אָב פֿאַר קיין זאַך, ווען עס האַנדעלט זיך צו ערשאָבערן די מאַכט אָדער צו בעשיצען דעם קאַפּיטאַל.

אין קיין איינע פֿון די מאָדערנע רעוואָלוציאָנען האָבען מיר ניט געזעהן, אַז די פּריוויליגירטע זאָלען אַליין געהן

אין דער מלחמה און אויף זייערע אייגענע פּלייצעס פֿערטהיידיגען זייערע אינטערעסען. זיי שטיצען זיך שטענדיג אויף די אַרמעען פֿון די אָרעמע, ווענען זיי פּריידיגען דאָס וואָס מען רופֿט „די רעליגיאָן פֿון דעם פֿאָטערלאַנד" און ווענען זיי ערציהען כּלומר'שט „אויפֿצוהאַלטען די אָרדנונג". זעקס מיליאָן מענשען, ניט אַריינרעכנענדיג אין דעם כּלל די הויכע און נידעריגע פּאָליציי, גיבען זיך אָב מיט דער דאָזיגער אַרבייט אין איירָאָפּאַ. אָבער דיזע אַרמעען קענען זיך דאָך אַמאָל דערמאָנען פֿון וואַנען זיי שטאַמען און וואו זיי דאַרפֿען געהערן — אַז זיי זיינען צוגעבונדען צו דעם פֿאָלק; די האַנד, וועלכע פֿיהרט זיי, קען פֿערלירען איהר קראַפֿט. אַזוי ווי זיי זיינען על פּי רוב צוזאַמען געשטעלט פֿון פּראָלעטאַריער, קענען די דאָזיגע אַרמעען ווערן, און זיי וועלען זיכער ווערן פֿאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט דאָס וואָס די באַרבאַרען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דיענסט פֿון דעם רוימישען קייזערטהום, זיינען געוואָרען פֿאַר דער רוימישער געזעלשאַפֿט: אַן עלעמענט פֿון פֿערניכטונג. די געשיכטע האָט אַ גאַנצע מאַסע פֿון ביישפּיעלען, וואו די מאַכט־האָבער, זאָגאַר די, וואָס האָבען געהאַט זעהר שטאַרקע כאַראַקטערע, האָבען פֿונדעסטוועגען ניט געקענט ביישטעהן אין רואיגע, מהומה'דיגע צייטען; שוין ניט ריידענדיג וועגען אַזעלכע „פֿיהרער", וועלכע זיינען אין דער־זעלבער צייט איינפֿאַכע דעגענערירטע, וואָס האָבען ניט גענוג ענערגיע און פֿיזישע קראַפֿט זיך דורכצוברעכען אַ וועג גאַנצע הונדערטער־ווייז דורך אַ שוואַכע הילצערנע וואַנד, און ניט גענוג אַנשטענדיגקייט צו לאָזען קינדער און פֿרויען אַנטלויפֿען פֿאַר זיי, ווען עס ברעכט אויס אַ פֿייער און ס'געהט פּשוט אין ראַטעווען דאָס לעבען. ווען די אונטערדריקטע און בערויבטע וועלען זיך האָבען פֿעראיי־

ניגט פֿאַר זייערע אינטערעסען, איין פֿאַך מיט'ן צווייטען, איין נאַציאָן מיט דער אַנדערער, איין ראַסע מיט דער צווייטער, אָדער איין מענש מיט'ן אַנדערען; אַז זיי וועלען נור ויסען אויף ריכטיג וואָס זיי ווילען, — דאַן קענט איהר זיכער זיין, אַז זיי וועלען אָנווענדען די מאַכט אין דיענסט פֿון דער אַלגעמיינער פֿרייהייט. ווי שטאַרק דער הערשער זאָל דאַן ניט זיין וועט ער פֿונדעסטוועגען זיין גאַנץ שוואַך אַנטקעגען אָט די אַלע, וועלכע וועלען זיין פֿעראייניגט דורך איין איינציגען ווילען און וועלען זיך אויפֿהויבען געגען איהם, אום איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל צו מאַכען אַ סוף צו דער אונגערעכטיגקייט און זיין פֿון דאַן אָן און ווייטער פֿערזיכערט מיט זייער ברויט און מיט זייער פֿרייהייט.

VIII.

די מאַכט פֿון דער רעליגיעזער איינבילדונג. — לפנים׳דיגער פּראָגרעס פֿון דער קירכע, די שטיצע פֿון אַלע רעאַקציאָנערן; די אונמעגליכ־קייט פֿאַר איהר זיך אַריינצופּאַסען אין אַ נייעם קרייז. — די פֿיינדע פֿון דער וויסענשאַפֿט אַלס לעהרער. — די לעהרען וועגען דער נאַטור און דער געזעלשאַפֿט. — די אָבגעלעבטע און אָפֿיציעלע וויסענשאַפֿט.

אַחוץ די מאַטעריעלע מאַכט, די אונפֿערשעהמטע געוואַלט, וועלכע מאַניפֿעסטירט זיך דורך דער אויסשליסונג פֿון דער אַרבייט, דורך געפֿענגנים־שטראָפֿען און דורך די איינפֿאַכע אויסשלאַכטונג, האָבען די רעגירונגען נאָך אַן אַנדער מאַכט אין זייערע הענד, אַן איידעלערע און פֿיי־לייכט אַ שטאַרקערע: די מאַכט פֿון דער רעליגיעזער פֿערבלענדונג.

ס׳איז קיין צווייפֿעל ניט, אַז דיזע מאַכט איז נאָך זעהר גרויס און אַז מען דאַרף איהר גאַנץ שטאַרק אין זינען האָבען, ווען מען שטודירט די היינטיגע געזעלשאַפֿט.

די ענציקלאָפּעדיסטען פֿון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען זיך אַלזאָ צו פֿריה בעגייסטערט, צו פֿריה געפֿרעהט, ווען זיי האָבען געפֿייערט דעם זיעג פֿון דער פֿ ע ר נ ו נ פֿ ט איבער דעם קריסטליכען אַבערגלויבען; און מיר מוזען דאָ בעשטעטינען דעם גראָבען טעות פֿון דעם בעריהמטען פֿי־לאָזאָף ק ו ז י ן, וועלכער האָט אין דעם ערשטען פֿערטעל פֿון נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט פֿאַר אַן ענגען קרייז פֿון

פֿריינדע געזאָגט: „דער קאַטהאָליציזמוס קען נאָך לעבען אַ פֿופֿציג יאָהר צייט!" דער האַלבער יאָהרהונדערט איז אַריבער און אַריבער, און נאָך איצט זיינען פֿאַרהאַן גענוג קאַטהאָליקען, וועלכע ריידען מיט שטאָלץ און מיט ערנסטקייט פֿון זייער קירכע, וואָס זיי רופֿען די „אייביגע". דער בעריהמטער פובליציסט מאָנטעסקיע, וועלכער האָט געלעבט און געווירקט אין דער ערשטער העלפֿט פֿון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט געזאָגט, אַז „אין דעם איצטיגען צושטאַנד קען מען ניט אַרויסזעהן, ווי אַזוי דער קאַטהאָליציזמוס זאָל קענען אָנהאַלטען לייגגער ווי פֿינף הונדערט יאָהר."

נאָר אויב די קאַטוילישע קירכע האָט לפנים געמאַכט פֿאָרטשריטע; אויב דאָס פֿראַנקרייך פֿון די ענציקלאָפעדיסטען און די רעוואָלוציאָנערן האָט זיך געלאָזט ערנידעריגען דורך אַ פּאַרלאַמענט פֿון פֿערריקטע, וועלכע האָבען נאָך דעם אויפֿשטאַנד פֿון 1871 תשובה געטהאָן און זיינען געפֿאַלען אויף די קניע פֿאַר דעם הייליגען פֿאָטער פֿון רוים; אויב די גלחים האָבען זיך בענוצט מיט דעם אַלגעמיינעם שרעק פֿון די פּאָליטישע קאָנסערוואַטאָרען און זיי אָנגעגעבען דעם גלויבען אַלס דעם גרעסטען סאָציאַלען מיטעל; אויב די אייראָפּעאישע בורזשואַזיע, וועלכע איז אַמאָל געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿון סקעפּטישע קריטיקער, פֿון וואָלטעריאַנער, וועמעס רעליגיאָן איז בעשטאַנען פֿון אַ גאַנץ לייכטען גלויבען אין אַ גאָט, — אויב די דאָזיגע בורזשואַזיע האָט געפֿונען פֿאַר פּראַקטיש אָנהויבען געהן רעגעלמעסיג אין קירכע און זאָגאַר צום גלח זיך מתודה זיין אויף די זינד; אויב דער „קווירינאַל" און דער „וואַטיקאַן", דער שטאַאַט און די קירכע, סטאַרען זיך מיט אַלע כוחות צו פֿערגלייכען און זיך אויפֿהערען אַרומרייסען צווישען זיך, איז דאָס נאָך

קיין בעווייז ניט, אַז דער גלויבען אין נסים האָט געוואונען אַ גרעסערן באָדען אין דעם אַקטיווען און לעבעדיגען טהייל פֿון דער געזעלשאַפֿט. ער האָט בלויז געוואונען די שרעקעדיגע, די וואָס זיינען מיעד פֿון לעבען, און די היפּאָקריטישע צושטימונג פֿון די, וועלכע זיינען אַקוראַט ווי די גלחים גופא, פֿעראינטערעסירט אין דעם גלויבען. דאָך מוז מען צוגעבען, אַז דאָס קריסטענטהום פֿון די בורזשואַס איז ניט בלויז אַ ריינע צבוע'יאַטסוואָ: ווען אַ קלאַסע ווערט דורכדרונגען פֿון דעם געפֿיהל, אַז זי איז פֿעראורטהיילט גאָר אין גיכען צו פֿערשווינדען פֿון דער וועלט, ווען זי זעהט שוין דעם טויט פֿאַר די אויגען, דאַן כאַפּט זי זיך פלוצלינג אָן אַ רעטענדער געטליכקייט, אָן אַ וואָס פֿאַר עס איז געץ, אָן אַ קמיע, אַ ברכה, אָן דעם ערשטען בעסטען כשוף־מאַכער, וועלכער פריידיגט דאָס גליק און די ערלייזונג. אַזוי האָבען זיך די רוימער אַמאָל אָנגעכאַפּט אָן קריסטענטהום, אַזוי כאַפּען זיך די וואָלטעריאַנער אָן אָן דעם קאַטהאָליציזמוס.

באמת גערעדט, מוזען די, וואָס ווילען אונבעדינגט אויפֿהאַלטען די פריוויליגירטע געזעלשאַפֿט, געהן האַנד אין האַנד מיט׳ן גלויבען, וועלכער איז איהר פרינציפּ, דער סאַמע יסוד איהרער: אויב די אויפֿזעהער און די וועכטער, די סאָלדאַטען און די פּאָליציי־לייט, די בעאַמטע און די קעניגע קענען ניט וואַרפֿען גענוג שרעק אויף דער בעפֿעלקערונג, מוז מען דאָך רופֿען גאָט צו הילף, גאָט מיט זיינע אייביגע מאַטערנישען פֿון דעם גיהנום. מען בערופֿט זיך אויף זיינע געבאָטען, מען מאַכט זיך כלומר׳שט אַז מען פֿאָלגט דעם פּאַבסט, וואָס איז אונפֿעהלבאַר, גאָט׳ס שטעלפֿערטרעטער, דעם נאָכפֿאָלגער פֿון דעם אַפּאָסטעל, וועלכער האָלט די שליסלען פֿון דעם גן עדן. אַלע רעאַקציאָנערן

זיינען פערבונדען אין דער דאָזיגער רעליגיעזער פעראייני־
גונג, וועלכע באַט זיי אָן דעם לעצטען שאַנס פון זעליג־
קייט, דעם העכסטען קוואַל פון זיעג; און אין דיזען
פערבאַנד זיינען די פראָטעסטאַנטען און די אידען ניט
וויניגער קאַטוילישׁ איידער די קאַטהאָליקען גופא, זיי זיינען
דיזעלבע טהייערע קינדער פון דעם היילינגען פאָטער, דעם
פאַבסט.

נאָר „אַלעס בעצאָהלט זיך". די קירכע עפענט פונאַנ־
דער איהרע טהירען אויפצונעהמען אַלעמען, די אפיקורסים
און די צווייפלער: מחמת דעם טאַקי מוז זי ווערן גלייב־
גילטיג און אָבגעשוואַכט. זי קען זיך ניט אַריינפאַסען אין
דעם קרייז פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וועלכער איז
אַזוי קאָמפּליצירט און אַזוי פערענגערבאַר, סיידען זי זאָל
ניט בעהאַלטען אין זיך קיין ברעקעל פון איהר אמאָליגער
האַרטקייט, פון איהר אַמאָליגער עקשנות. ס׳איז אָנגענומען,
אַז דער גלויבען איז אַ פערגליווערטע זאַך, וואָס קען זיך
קיינמאָל ניט ענדערן, דאָך אַראַנזשירט מען זיך אַזוי אַז עס
זאָל גאָר דערפון קיין רייד ניט זיין. ס׳איז גאָרניט נויטיג
צו גלויבען, אַבי מען געהט אין קירכע און מען דיענט גאָט!
פאַלען אויף די קניע, זיך איבער׳צלם׳ן דאַן ווען ס׳איז
נויטיג, געבען נדבות אויף דעם און דעם רעליגיעזען אַנ־
שטאַלט, — דאָס איז גענוג. אַזוי ווי פלאָבער זאָגט אין
אַ בריעף צו זשאָרזש סאַנד: „מען מוז זיין פאַר׳ן
קאַטהאָליציזמוס, כאָטש מען גלויבט ניט קיין וואָרט פון
איהם." יעדער איינער קען זיין זיכער, אַז ער וועט אויפ־
גענומען ווערן בכבוד גדול, אַבי ער ברייננגט נאָר, אויב
ניט קיין איבערצייגונג, איז כאָטש אַן אונטערשריפט, אַ
צייכען, אַז די צאָהל פון די כלומר׳שט גלויביגע קאַטהאָ־
ליקען איז פערגרעסערט געוואָרען מיט אַ פערזאָן; נאָך

מיט אַ גערעסערן כבוד און מיט אָפֿענערע אָרעמס ווערן אויפֿגענומען די, וועלכע ברייננגען, אחוץ זייער נאָמען, אויך אַ געוויסען איינפֿלוס פֿון פֿאַמיליע, פֿון געבורט, פֿון כאַראַקטער אָדער פֿון פֿערמעגען. די קירכע געהט זאָגאַר אַזוי ווייט צו פֿאָדערן ביי די קרובים און ביי די פֿריינד די טויטע קערפּערס פֿון מענשען, וועלכע האָבען תמיד געלעבט אויסערהאַלב דער רעליגיאָן און זיינען געווען פֿיינד פֿון דעם גלויבען. דער טריבונאַל פֿון דער אינקוויזיציע וואָלט פֿערשאָלטען און פֿערברענט די דאָזיגע אפיקורסישע קערפּער; איצט ווילען די גלהים אונבעדינגט זיי בענשען.

מען וואָלט אַלזאָ ניט געקענט אָבשאַצען אויף ריכטיג די ענטוויקלונג פֿון דער קירכע אין אונזער צייט, זיך בעשריינקענדיג דערמיט וואָס מען זאָל פֿעסטשטעלען איהר אויסערליכען פּראָגרעס. ס'איז נאָך ניט גענוג צו וויסען וויפֿיעל געביידען עס זיינען צוגעקומען צו דער צאָהל פֿון קירכען, וועלכע האָבען עקזיסטירט פֿון פֿריהער; מיט וויפֿיעל פּערזאָנען עס איז פֿערגרעסערט געוואָרען די הייליגע סטאַדע פֿון די גלויביגע. דער קאַטהאָליציזמוס וואָלט אָהן צווייפֿעל געווען אין פֿולער בליהונג, ווען אַלע די, וועלכע נעהמען בלומר'שט אָן דעם גלויבען, וואָלטען געווען ערנסט און אויפֿריכטיג, ווען זיי וואָלטען ניט געהאַט אַ געוויסען אינטערעס בלומר'שט צו האַלטען פֿון דעם אַלטען גלויבען פֿון זייערע עלטער־זיידעס. אָבער היינט צו טאָג צעהלען זיי זיך דאָך אין מיליאָנען, די מענשען, וועלכע האָבען יעטווועדען נוצען זיך צו רופֿען קריסטען און וועלכע זיינען עס בלויז אוים ריינער צבוע'יאַטסטוואָ: וואָס די קאַטוילישע בלעטער זאָלען ניט זאָגען, אָבער די פֿערפֿאָלגונגען, וואָס די לייט פֿון דער קירכע האָבען צו ליידען, זיינען ניט אַזוי סטראַשנע ווי מען שטעלט זיי פֿאָר, און בלויז די

פֿעראינטערעסירטע קלאַג־מוטערס, אויף דעם בעפֿעהל פֿון דעם „געפֿאַנגענעם פֿון וואַטיקאַן", פֿערגיסען דערויף טרעה־רען פֿון מיטלייד. וואָס פֿאַר אַ בעטרעף האָבען דיזע ליידען אַנטקעגען דער מורא'דיגער לאַגע פֿון די סטרייקענדע אַר־בייטער, וועלכע מען ווארפֿט אַרויס פֿון זייערע אָרעמע וואוינונגען אָדער מען דערשיסט זיי גאַנצע הויפֿענס־ווייז, און מיט דער לאַגע פֿון די אַנאַרכיסטען, וועמען מען מאַר־טערט אין די פֿינסטערע קעמערלאַך! די איבערצייגונגען רופֿען נאָר דאַן אַרויס אַ רעספּעקט, ווען זיי דערוועקען אַ גייסט פֿון איבערגעבענהייט אין דעם מענשען. נון, זיינען אָט די אַלע לעבע־מענער, וועלכע וואַרפֿען זיך מיט שטאָלץ אַריין אין דעם שוים פֿון דער קירכע דורך דעם גופא גע־וואָרען כאָטש אויף וויפֿיעל עס איז ווייבער צו די וואָס ליידען? האָבען זיי געקראָגען מיטלייד מיט די אונגליקליכע? מען מוז צווייפֿלען אין דעם.

די צייכענס פֿון דער צייט בעווייזען אונז גראָד פֿער־קעהרט אַז וואָס ווייבער די קירכע ווערט, אַלץ שוואַכער ווערט דער גלויבען. דער קאַטהאָליציזמוס איז שוין ניט מעהר יענע גוטע רעליגיאָן פֿון ענטזאגונג און אונטערוואַר־פֿונג, וועלכע האָט געמאַכט דער אָרימאַן זאָל מקבל באהבה זיין די נויטה, די אונגערעכטיגקייט, די סאָציאַלע אונגלייכ־הייט. זאָגאַר די אַרבייטער, וועלכע בעלאַנגען צו „קריסטליכע" פֿעראיינען, און וועלכע וואָלטען מחמת דעם געמוזט שטענדיג לויבען און דאַנקען דעם הערר גאָט פֿאַר זיין אונענדליכער גוטסקייט, וואַרטענדיג, אַז דער ראָב זאָל איהם ברייגען ברויט און פֿלייש יעדען אָוועגד און יעדען פֿריה־מאָרגען, אַזוי ווי אַמאָל אליהו הנביא'ן, — אָט די אַרבייטער אפילו געהען אַזוי ווייט, אַז זיי ווערן סאָציאַליסטען, פֿערלאַנגען העכערע אַרבייטס־פּרייזען און פֿעראייניגען זיך מיט ניט־

קריסטען אין קאַמפּף פֿאַר אַ בעסערן צושטאַנד. דער צוטרוי אין גאָט און אין זיינע הייליגע איז שוין פֿאַר זיי ניט גענוג: זיי מוזען אויך האָבען אַ מאַטעריעלע גאַראַנטיע, און זיי זוכען איהר, ניט אין דער אַבסאָלוטער אונטערוואָרפֿענהייט, ניט אין דער פֿאָלשטענדיגער געהאָרכזאַמקייט, וועלכע ווערט אָפֿט רעקאָמאַנדירט צו די קינדער פֿון גאָט, נאָר אין דער פֿעראייניגונג מיט די חברים פֿון דעם זעלבען פֿאַך, אין דער גרינדונג פֿון פֿעראיינען פֿאַר געגענזייטיגע אינטערעסען — פֿיליכט זאָגאַר אין דעם אַקטיווען ווידערשטאַנד. אַנטקעגען די נייע אומשטענדען פֿון לעבען האָט די קריסטליכע רעליגיאָן ניט געקענט אוועקשטעלען קיין נייע מיטלען: ניט קענענדיג צופּאַסען זיך צו אַ צירקעל, וואָס איהרע גייסטיגע פֿיהרער האָבען ניט פֿאָראויסגעזעהן, האַלט זי זיך אימער ביי איהרע אַלטע פֿאָרמולען פֿון צדקה, פֿון ערנידריגונג, פֿון אָרימקייט, און זי מוז דערפֿאַר פֿערלירען אַלע יונגע, לעבענס פֿעהיגע, אינטעליגענטע עלעמענטען און בלייבען ביי די אָרעמע אין גייסט, ביי יענע „גליקליכע“, וועמען זי זאָגט צו אַריינצופֿיהרען אין הימעלס-רייך. אין דער צייט וואָס די היפּאָקריטען געהען אַריין אין דער קירכע, געהען די ערנסטע און אויפֿריכטיגע מענשען אַרויס פֿון איהר: הונדערטערווייז פֿערלאָזען געוויסענהאַפֿטע גלחים די באַנדע פֿון הייליגע סוחרים, וועלכע האַנדלען מיט דער אייביגער זעליגקייט, און די מאַסע, וועלכע האָט אַמאָל פֿערהאַסט די געוועזענע גלחים, פֿערשטעהט היינט צו טאָג זייער האַנדלונג און האָט פֿאַר זיי רעספּעקט. דער קאַטהאָליציזמוס איז אַן אָבגע'משפּט'ער פֿון דעם טאָג אָן, וואָס ער האָט פֿערלאָרען יעטוועדען איינענעם שאַפֿענדען גייסט אין דער קונסט און איז געבליבען אונפֿעהיג אַרויסצוצייגען וואָס פֿאַר עס איז אַנדער טאַלאַנט אחוץ אַ נאָכאַהמונג פֿוי

דער אַמאָליגער קונסט פֿון די גריכען, די רוימער, די גאָ־טהען און פֿון דער רענעסאַנס־צייט. ס'איז אַ רעליגיאָן פֿון טויטע און ניט מעהר קיין רעליגיאָן פֿון לעבעדיגע.

אַן אונבעשטרייטבאַרע־ בעוויז ווי אונמעכטיג די קיר־כען זיינען, איז דאָס וואָס זי זיינען אפילו ניט בכח אָב־צוהאַלטען ניט די העכערע וויסענשאַפֿטליכע בעוועגונג און ניט דעם אינטעררעיכט פֿון פֿאָלק: זיי קענען בלויז פֿער־ציהען, אָבער ניט אונטערדריקען אין גאַנצען דעם גאַנג פֿון וויסען; אַ טהייל פֿון זיי סטאַרען זיך זאָגאַר צו אונטער־שטיצען די וויסענשאַפֿט און זיי ווילען ניט ליידען, אַז אימיצער פֿון זייערע זאָגט, אַז די „וויסענשאַפֿט איז באַנ־קראָט". אַזוי ווי זיי האָבען ניט געקענט פֿערהינדערן, אַז עס זאָלען זיך ניט עפֿענען קיין שולען, וואָלטען זיי וויינינ־סטענס וועלען אַריינכאַפּען דיזע אַלע שולען אין זייערע הענד, ווערן די בעלי בתים איבער דעם פֿאָלקס־אונטער־ריכט, און אין פֿיעל לענדער גיט זיך דאָס זיי גאַנץ לייכט איין. זיי צעהלען זיך אין מיליאָנען און צעהנדליגע מיליאָנען, די קינדער, וועלכע ווערן אָנגעטרויט אין די הענד פֿון גלחים, מאָנאַכען און נאָנען פֿון פֿערשיעדענע גלויבענס: דער אונ־טעררעיכט פֿון דער אייראָפּעאישער יוגענד איז דאָס רוב איבערגעלאָזען אויף דעם בעראָט פֿון די רעליגיעזע אויטאָ־ריטעטען; און זאָגאַר דאָרט, וואו די ציווילע אויטאָריטעט דערוויטערט די גלחים פֿון די שולען, האָבען זיי דאָך אַ געוויסען איינפֿלוס אויף דער יוגענד.

די ענטוויקלונג פֿון דעם מענשליכען געדאַנק, וועלכער קומט פֿאָר שנעלער אָדער לאַנגזאַמער לויט די אינדיווידוען, די קלאַסען און די נאַציאָנען, האָט אַלזאָ געפֿיהרט צו דיזען פֿאַלשען און ווידערשפּרעכענדען צושטאַנד, וואו דער אונ־טעררעיכט ליגט דאָס רוב דוקא אין די הענד פֿון די, וועלכע

מוזען אוים פרינציפ האָבען א פעראַכטונג, אַן אָבשטויס פאַר דער וויסענשאַפט, זיך האַלטענדיג ביי דעם סאַמע ערשטען געבאָט פון זייער גאָט: „דו זאָלסט זיך ניט צו ריהרען צו דער פרוכט פון עץ הדעת". די איראָניע פון דער וועלט מאַכט זיי אַליין פאַר די אָפּיציעלע פערטהיילער פון די דאָזיגע גיפטיגע פירות. פערשטעהט זיך, אַז מיר מעגען זיי גלויבען, ווען זיי בעריהמען זיך, אַז זיי פערטהיילען אָט די „זינדען־עפעל" מיט פאָרזיכטיגקייט און שפּאָרעוודיגקייט און זיי גרייטען אין דערזעלבער צייט אויך צו דעם געגען־גיפט. נאָך זייערע רייד נאָך זיינען דאָ פערשיעדענע סאָרטען וויסענשאַפט; די וואָס מען דאַרף לערנען זעהר פאָרזיכטיג און די וואָס מען דאַ־ף גאָר אין גאַנצען ניט לערנען. אַ פאַקט, אַן ערשיינונג, וואָס ווערט פון זיי בעטראַכט פאַר מאָראַליש, מעג איינגעקריצט ווערן ביי די קינדער אין געדעכנים; אַן אַנדער ערשיינונג ווערט פערשוויגען, מחמת זי קען נאָך דערוועקען ביי די שילער אַ גייסט פון אויפשטאַנד און פון אונגעהאָרכזאַמקייט. נאָך דעם דאָזיגען שטייגער נאָך, איז די געשיכטע ניט מעהר ווי אַן אויסגעטראַכטע ליגנערישע מעשה; די נאַטור־וויסענשאַפטען בעשטעהען פון אַ סך הכל פון פאַקטען אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג, אָהן אַן אורזאַכע, אָהן אַ צוועק; אין יעטוועדען צווייג פון פאָרשונג ווערן די זאַכען, די ענינים גופא דערטרונקען אין אַ ים פון ווערטער, און אין די זאָגענאַנטע הויכ־שולען, וואו מען דאַרף כלומר'שט פערענטפערן די גרויסע פּראָבלעמען, טהוט מען עס אימער אויף אינדירעקטע וועגען, אָנהויפענדיג גאַנצע בערג מיט מעשה'לאַך, מיט דאַטען און נעמען, היפּאָטעזען און אַרגומענטען וועגען געגענגעזעצטע, ווידערשפּרעכענדע סיסטעמען, אַזוי אַז דער פערפיהרטער, צומישטער שכל ווערט מיעד און קומט צוריק

צו דעם צושטאַנד פֿין אַ קינד, וואָס קווינשעט גלאַט אין דער וועלט אַריין, און צו רעליגיעזע צערמאָניעס, וועלכע האָבען קיין צוועק ניט.

און דאָך, ווי פֿאַרש און לעבערליך דיזער אונטער־ריכט זאָל ניט זיין, איז ער אפשר, אין גאַנצען גענומען, מעהר גיצליך איידער שעדליך. ס׳ווענדט זיך נאָך דער פּראָפּאָרציע, לויט וועלכער דער אונטעררינכט ווערט צו־נויפֿגעמישט, און נאָך דער אינטעלעקטועלער כלי, נאָך דער קינדערשער פּערזענליכקייט, וועלכע נעהמט עס אַריין אין זיך. די איינציגע שולען, וועלכע האַלטען זיך ביי דעם אמת׳ן פּראָגראַם פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָן, זיינען יענע פּלע־צער, וואו די דירעקטאָרקעס, „היילינע שוועסטער", קענען זאָגאַר ניט לעזען און שרייבען, וואו די קינדער לערנען קיין שום אַנדער זאַך ניט נאָר זיך איבער׳צלם׳ן און פּרעפּלען קורצע תפלות. דער דרוק פֿון דרויסען האָט זיך אַריינגע־שפּאַרט אין אַלע שולען, זאָגאַר אין די, וואו די ערציהונג בעשטעהט מעהר ניט ווי פֿון איינפֿאַכע רעליגיעזע פֿאָר־מולען, מיסטישע פֿראַזען, אויסציגע פֿון ביכער, וואָס מען פֿערשטעהט ניט זייער אינהאַלט. צייטענווייז גיט פּלוצלינג אַ בליץ ביי אַ קינד אין מוח׳ל, ס׳הויבט אָן פֿערשטעהן דאָס, וואָס מען וויל פֿון איהם בעהאַלטען, דאָס לעבעדיגע וואָרט רעדט אַרויס פֿון דעם ים פֿון ווידערהאָלונגען אָהן אַ זינן, און מיט אַמאָל קומט דער לאָגישער גייסט פֿון׳ם קינד אַרויף אויף אַזעלכע שליסע, פֿאַר וועלכע די לעהרער זיינע ציטערן. נאָך מעהר שאַנסען זיך צו בעפֿרייען און צו ווערן אונאַבהייננינ, האָט דעם קינד׳ס פֿערשטאַנד אין יענע שולען, רעליגיעזע אָדער ניט, וואו די לעהרער זיינען גע־צוואונגען צו אילוסטרירען זייער אונטערריכט מיט פֿאַקטען אָנדייטען די שייכות פֿון איין פֿאַקט צום צווייטען און

פּעסטשטעלען געוויסע געזעצע. וואָס פאַר אַ פּירוש אַ לעהרער זאָל ניט געבען זיין אייגענעם אונטערריכט, די ציפערן, וואָס ער שרייבט אָן אויף'ן טאָוועל בלייבען אונ־פערענדערט. וואָס פאַר אַ וואַהרהייט קען האָבען מעהר האַפט? די וואַהרהייט, לויט וועלכער צוויי און צוויי זיינען אימער פיער, און אַז קיין זאַך קען ניט בעשאַפען ווערן פון גאָרנישט, אָדער די אַלטע „וואַהרהייט", וועלכע ווייזט אונז, אַז אַלעס איז אַרויסגעקומען פון גאָרנישט און דער־צעהלט אונז וועגען איין איינציגען גאָט, וועלכער בעשטעהט פון דריי געטליכע פּערזענליכקייטען?

יעדענפאַלס, אַז דער מענש וואָלט געלערנט אַלצדינג בלויז אין שולע, דאַן וואָלטען די רעגירונגען און די קירכען נאָך געקענט האַפען אויפצוהאַלטען דעם מענשליכען גייסט אין דער שקלאַפעריי. אָבער מען לערנט מעהר אויסערהאַלב דער שולע ווי אין איהר, אין דער גאַס, אין פאַבריק, אין טהעאַטער, אין די וואַגאָנען פון דער אייזענבאַהן, אויף די שיפען, לעבען די נייע לאַנדשאַפטען, אין די אויסלענדישע שטעדט. אַלע פאָהרען היינטיגע צייטען אַרום, אַ טהייל פון פערגניגען וועגען און אַנדערע צוליעב זייערע אינטערעסען. ניטאָ קיין איין פערזאַמלונג, אויף וועלכער מען זאָל ניט טרעפען מענשען, וואָס האָבען געזעהן רוסלאַנד, אויסטראַ־ליען, אַמעריקאַ, און אויב די, וואָס בערייזען די גאַנצע וועלט, זיינען נאָך דערוויילע אַן אויסנאַהם, איז ניטאָ, אַזוי צו זאָגען, קיין איין מענש, וואָס האָט ניט גערייזט גענוג, אום צו זעהן דעם קאָנטראַסט פון דעם לאַנד ביז דער שטאָדט, פון קולטיווירטע פעלדער ביז דער וויסטע, פון דעם באַרג ביז דער פלאַכער ערד, פון דער יבשה ביז'ן ים. צווישען די, וואָס וואַנדערן אַרום, זיינען אָהן צווייפעל דאָ אסך, וואָס רייזען אָהן אַ שום מעטהאָדע און אַזוי ווי די

בלינדע; איבערבייטענדיג דאָס לאַנד, בייטען זיי ניט איבער דעם קרייז זייערן און זיי בלייבען, אַזוי צו זאָגען, ביי זיך אין דערהיים; דער לוקסוס, דער גענוס אין די רייכע האָטעלען דערלאָזט זיי ניט אָבצושאַצען דעם אמת'ן אונטערשיעד פון איין לאַנד ביז'ן אַנדערן, פון איין פאָלק ביז'ן צווייטען; דער אָרימאַן, וועלכער האָט צו קעמפפען מיט די שוויריגקייטען פון'ם לעבען, קען פונדעסטוועגען אָהן אַ וועג־ווייזער בעסער בעמערקען און בעסער געדיינקען יעדע זאַך. און די גרויסע שולע פון דער אויסערליכער וועלט, ווייזט זי דען ניט די וואונדער פון דער מענשליכער אינדוסטריע גאַנץ גלייך צו די אָרעמע אַזוי גוט ווי צו די רייכע, צו די, וועלכע האָבען געשאַפען די דאָזיגע וואונדער דורך זייער אַרבייט, און צו די, וועלכע ציהען נוצען פון זיי? אייזענבאַהנען, טעלעגראַפען, וואַסער־פאָמפעס, ליכט־שטראַהלען, וואָס הויבען זיך אויף פון דער ערד, אָט די אַלע זאַכען זעהט דער אָרימאַן, אויב ער קען זיך נור אָבגעבען אַ רעכנונג פון וואַנען און ווי אַזוי דאָס קומט, פונקט ווי דער רייכער און ער ווערט ניט וויניגער נתפעל דערפון. אין אַ טהייל ערָאָבערונגען, וואָס די וויסענשאַפט האָט געמאַכט, איז ניטאָ קיין פריווילעגיע: אַלע קענען גלייך געניסען דערפון. דער מאַשיניסט, וואָס טרייבט דעם לאָקאָמאָטיוו שנעלער אָדער לאַנגזאַמער, האַלט זיך, אמת, פאַר אַ נידעריגערן וועזען ווי דער קעניג, וואָס זיצט הינטער איהם אין אַ פערגאָלדעטען וואַגאָן, גאָר וועלכער ציטערט ניט וויניגער פון איהם, וויסענדיג, אַז זיין לעבען הייננט אָב פון אַ פאַלשער בעוועגונג, אַביסעל איבעריגע דאַמפף אָדער אַ שאָס פון דינאַמיט!

דער אָנבליק פון דער נאַטור און פון די מענשליכע ווערק, די פראַקטיקע פון דעם לעבען, אָט דאָס זיינען די

שולען, וואו עס גיט זיך די אמת׳ע ערציהונג פֿון די איצ־טיגע געזעלשאַפֿטען. כאָטש די ריכטיגע שולען האָבען אויך געטהאָן זייער טהייל אין דער ענטוויקלונג פֿון דעם וואָהרען אונטעררִיכט, האָבען זיי אָבער אַ פֿערהעלטעניסמעסיג קלענערע בעדייטונג, אין פֿערגלייך מיט דער וויכטיגקייט פֿון דעם סאָציאַלען לעבען. פֿערשטעהט זיך, אַז דער אי־דעאַל פֿון די אַנאַרכיסטען איז ניט אָבצושאַפֿען די שולע, נאָר אדרבה, זי צו פֿערגרעסערן, צו מאַכען פֿון דער גע־זעלשאַפֿט גופא אַן אונגעהייער גרויסען אָרגאַניזם פֿון געגענזייטיגען אונטעררִיכט, וואו אַלע זאָלען זיין אין איין און דערזעלבער צייט אי שילער אי לעהרער, וואו יעדעס קינד, נאָכדעם ווי ס׳איז „קלאָהר געוואָרען איבער אַלעס" אין די ערשטע שטודיען זיינע, זאָל זיך קענען פֿאָלשטענדיג ענטוויקלען, לויט זיינע אינטעלעקטועלע כוחות, אין אַן עקזיסטענץ, וואָס ער וועט אַליין פֿרייוויליג אויסקלייבען פֿאַר זיך. נאָר מיט אָדער אָהן די שולען. ווערט יעדע ערפֿאַ־רונג פֿון דער וויסענשאַפֿט ענדליך אַן אַלגעמיין בעקאַנטע זאַך. די פּראָפֿעסיאָנעלע געלעהרטע מוזען יאָהרהונדערטע לאַנג נאָכאַנאַנד אַרבייטען שווער, נאָכפֿאָרשען און מאַכען היפּאָטעזען, זיי האָבען צו קעמפֿען מיט פֿעהלערן און מיט פֿאַלשקייטען; נאָר אַז די וואַהרהייט ווערט ענדליך בעקאַנט, אָפֿטמאָל געגען זייער אייגענעם ווילען, קומט זי אַרויס אין איהר גאַנצען גלאַנץ, איינפֿאַך און קלאָהר. אַלע פֿערשטעהען זי אָהן וואָס פֿאַר ס׳איז אָנשטרייננגונג; עס זעהט אויס עפּעס אַזוי ווי מען יואָלט פֿון תמיד אָן געוועזען בעקאַנט מיט איהר. אַמאָל האָבען זיך די געלעהרטע פֿאָרגעשטעלט, אַז דער הימעל איז אַ קיילעכדיגע כיפּה, אַ מעטאַלענער דאַך, — וואָס ווייס איך? — אַ גאַנצע סעריע פֿון הימעל־געוועלבען, דריי, זיבען, ניין, דרייצעהן זאָגאַר,

און יעדער איינער פֿון זיי האָט זיך זיין פּראָצעסיאָן פֿון שטערן, זיינע פֿערשיעדענע געזעצען, זיין בעזונדערן רע־זשים און זיינע מלאכים און הויפּט־מלאכים איהם צו היטען. נאָר זינט אַט די אַלע הימלען, מכח וועלכע ס'ווערט גע־רעדט אין דער ביבעל און אין דעם תלמוד, זיינען פֿערניכטעט געוואָרען, איז ניטאָ קיין איין קינד, וואָס זאָל ניט וויסען, אַז דער וועלט־רוים איז פֿריי, אונענדליך אַרום דער ערד. מען דאַרף עס כמעט גאָרניט לערנען. ס'איז א וואַהרהייט, וואָס בילדעט איצט אַ טהייל פֿון דער אַלגעמיינער פֿער־ערבונג. דאָסזעלבע איז אויך מיט אַלע גרויסע וויסענשאַפֿט־ליכע עראָבערונגען. מען דאַרף זיי, אַזוי צו זאָגען, ניט לערנען, מען וויסט זיי; זיי קומען אַריין צום מענשען אינאיינעם מיט דער לופֿט, וואָס ער אָטהעמט איין אין זיך.

פֿון וואַנען און ווי אַזוי די מענשליכע קענטניסע זאָלען ניט קומען, איין זאַך איז זיכער, אַז אַלע פּראָפֿיטירען פֿון זיי, און דער ארבייטער איז ניט דער, וואָס נעהמט דעם קלענסטען אַנטהייל דערין. ס מאַכט ניט אויס צי די ער־פֿינדונג ווערט געמאַכט פֿון אַ בורזשואַ, אַן אַדעלמאַן אָדער אַ „פּראָסטען חי וקים", אַלצאיינס צי דער געלעהרטער איז דער טעפּער פּ אַ ל י ס י אָדער דער ריטער ב י י ק אָ ן, די גאַנצע וועלט וועט זיך בענוצען מיט זייערע פֿאָרשונגען. ס'פֿערשטעהט זיך, אַז די פּריווילעגירטע וואָלטען וועלען האַלטען פֿאַר זיך די נוצען פֿון דער וויסענשאַפֿט און אי־בערלאָזען די אונוויסענהייט פֿאַר'ן פֿאָלק: יעדען טאָג זעהען מיר, ווי אינדוסטרי־לייט ווערן די בעלי בתים פֿון יענעם און יענעם בעמישען מיטעל און דורך אַ פּאַטענט, וואָס זיי קריגען אַרויס, נעהמען זיי זיך דאָס אויסשליסליכע רעכט אַליין צו פֿאַבריצירען אַזאַ און אַזאַ זאַך, וואָס איז ניצליך פֿאַר דער מענשהייט: מען האָט געזעהן, ווי אַזוי

דער דאָקטאָר קאָך איז געטריבען געוואָרען פון זיין הערר, קייזער ווילהעלם, צו פאַרערן, אַז די היילונג פון די דייטשע אונטערטהאַנען זאָל זיין אַ מאָנאָפּאָל פון דעם שטאַאַט; נאָר די צאָהל פון די פאָרשער איז צו גרויס, אַז די עגאָאיסטישע פערלאַנגען זאָלען קענען דורכגעפיהרט ווערן. דיזע אויסבייטער פון דער וויסענשאַפט געפינען זיך אין דער לאַגע פון דעם שוואַרץ־קינסטלער פון „טויזענד און איין נאַכט”, וועלכער האָט אויפגעעפענט דעם פערזיגעלטען סלוי, וואו אַ זשעני איז געלעגען פערשפּאַרט און געשלאָפען גאַנצע צעהן טויזענד יאָהר נאָכאַנאַנד. זיי וואָלטען וועלען איהם אַריינוואַרפען צוריק אין זיין תפיסה, איהם פערשפּאַרען אונטער אַ דרייפאַכען זיעגעל, נאָר זיי האָבען פערלאָרען דאָס וואָרט פון דער פערשווערונג, פון דעם כשוף, און דער זשעני איז פריי אויף אייביג.

און אַ מערקווירדיגע זאַך איז, אַז אין די סאָציאַלע פראַגען וואו די אַרבייטער האָבען אַ דירעקטען און נאַטירליכען אינטערעס צו פאָדערן די גלייכהייט פון די מענשען, די גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען, איז זיי אַסך לייכטער ווי דעם פּראָפעסיאָנעלען געלעהרנטען צו דערקענען די וואַהרהייט, וואָס דאָס איז די ווירקליכע וויסענשאַפט. ס'איז געווען אַ צייט, ווען די גרויסע מאַיאָריטעט פון די מענשען זיינען געבוירען געוואָרען, האָבען געלעבט אַלס שקלאַפען, און האָבען קיין אַנדער אירעאַל ניט געהאַט נאָר אַן ענדערונג אין זייער קנעכטשאַפט. קיינמאָל איז זיי ניט אַרויפגעקומען אויף'ן זינען, אַז „אַ מענש איז אַ מענש”. זיי האָבען זיך עם איצט אויסגעלערנט און זיי פערשטעהען, אַז די דאָזיגע טהעאָרעטישע גלייכהייט, וועלכע איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך דער עוואָלוציאָן, מוז זיך אומבייטען אין אַ רעעלער גלייכהייט דורך דער רעוואָלוציאָן

אָדער, בעסער געזאָגט, דורך די אונאויפהערליכע רעוואָלו־
ציאָנען. די אַרבייטער, וועמען דאָס לעבען בילדעט אויס,
פערשטעהען גאַנץ אַנדערש די געזעצען פון דער פּאָליטי־
שער עקאָנאָמיע, איידער די פּראָפעסיאָנעלע עקאָנאָמיסטען.
זיי קימערן זיך ווינציג וואָס איבער די אונניצליכע איינצעל־
הייטען און געהן גלייך צום סאַמע האַרצען פון די פראַגען;
זיי פרעגען זיך וועגען יעדער רעפאָרמע, צי וועט זי זיי
פערזאָרגען מיט ברויט אָדער ניט. די פערשיעדענע פאָר־
מען פון שטייער, ווי מען רופט זיי דאָרט, פּראָגרעסיווע
אָדער פּראָפּאָרציאָנעלע, לאָזען זיי איבער גאַנץ קאַלט,
וואָרים זיי ווייסען, אַז אַלע שטייערן ווערן סוף כל סוף
בעצאָהלט אויף דעם רעכנונג פון די אָרימסטע מענשען.
זיי ווייסען, אַז פאַר דעם גרעסטען טהייל פון זיי פונקציאָ־
נירט נאָך אַ „האַרט גרויזאַם געזעץ", וואָס כאָטש עס
טראָגט שוין ניט דעם פאַטאַלען, מורא'דיגען כאַראַקטער
פון אַמאָל, שטעלט עס דאָך פאָר מיט זיך אַ שרעקליכע
ווירקליכקייט פאַר מיליאָנען מענשען. לויט דעם דאָזיגען
געזעץ איז דער הונגער־ליידער, טאַקי דורך זיין הונגער
גופא, געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר אַ טרוקען שטיקעל
ברויט. די ביטערע ערפאַהרונג בעשטעטיגט טאָג פאַר טאָג
אָט די נויטווענדיגקייט, וועלכע קומט דורך דאָס רעכט פון
דער מאַכט. און אַז דער אַרבייטער קען שוין מעהר ניט
ברייגען קיין שום נוצען דעם בעל הבית, אַז ער איז שוין
מעהר גאָ־נישט ווערטה, איז עס דען ניט אַ גאַנץ געוועהנ־
ליכע זאַך, איהם צו לאָזען אונטערגעהן אין זיין נויטה?

ס'איז אַלזאָ קיין שום גוזמא ניט, ווען מען זאָגט, אַז
די מאַסע — אָדער על כל פנים דער טהייל פון דער
מאַסע, וואָס האָט די פרייע צייט נאָכצודיינקען — ווייסט
געוועהנליך אַסך מעהר ווי דאָס רוב געלעהרטע, אי דאָס

ניט האָבענדיג בעזוכט קיינע אוניווערזיטעטען; זי קען ניט די אוגענדליכע איינצעלהייטען, די טויזענדער פֿאָרמולען פֿון די צויבער-ביכער, זי האָט ניט קיין פֿולען קאָפּ מיט נעמען אין אַלערליי שפּראַכען, אַזוי ווי אַ קאַטאַלאָג פֿון אַ ביבליאָטהעק, נאָר דערפֿאַר איז דער האָריזאָנט איהרער אַסך ברייטער, זי קוקט אַסך ווייטער, פֿון איין זייט אין די אַלטע באַרבאַרישע צייטען און פֿון דער אַנדער זייט אין דער פֿערוואַנדעלטער צוקונפֿט; זי בעגרייפֿט בעסער דעם סדר פֿון די ערשיינונגען; זי נעהמט אַ טיעפֿערן און ערנסטערן אַנטהייל אין די גרויסע בעוועגונגען פֿון דער געשיכטע; זי קען בעסער די רייכקייט פֿון דער ערד: מיט איין וואָרט, זי איז מעהר מענש. אין דער הינזיכט קען מען זאָגען, אַז דער אָדער יענער אַנאַרכיסטישער קאַמעראַד פֿון אונזער קרייז, וועמען די געזעלשאַפֿט האָט פֿער'משפט צו שטאַרבען אין געפֿענגניס, איז אין דער ווירקליכקייט געלערנטער פֿון אַ גאַנצער אַקאַדעמיע אָדער פֿון אַ גאַנצער באַנדע פֿון פֿריש-אויסגעשלייפֿטע סטודענטען פֿון דער אוניווערזיטעט, וועלכע זיינען אָנגעשטאָפּט מיט וויסענשאַפֿטליכע פֿאַקטען. דער געלעהרטער בריינגט זיין אונגעהייער גרויסען נוצען אַלס שטיינ-ברעכער: ער ציהט אַרויס די מאַטעריאַלען, אָבער ניט ער פֿערווענדעט זיי; עס בעלאַנגט צום פֿאָלק, צו אַלע מענשען, פֿעראייניגט אין איין געזעלשאַפֿט, אויפֿצושטעלען דעם בנין.

עס איז גענוג יעדער איינער זאָל אַ קוק מהאָן צוריק אויף זיין פֿערגאַנגענהייט, אום פֿעסטצושטעלען די ענדערונגען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען זינט דעם מיטען פֿון נייצעהנטען יאָהרהונדערט אין דער אַרט און ווייזע פֿון דיינקען און פֿיהלען, און וועלכע האָבען נויטווענדיגערווייזע געמוזט פֿיהרען צו געוויסע ענדערונגען אין דער אַרט און

ווייזע פֿון האַנדלען אויך. די נויטווענדיגקייט פֿון אַ הערר, פֿון אַן עלצטען אָדער אַ קאַפּיטאַן אין יעטוועדער אָרגאַניזאַציע, איז געווען אַ זעלבסטפֿערשטענדליכע זאַך, איבער וועלכער ס'האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין שום מיינונגס־פֿערשידענהייט: אַ גאָט אין הימעל, כאָטש אַזאַ גאָט ווי וואָלטער האָט געוואָלט; אַ הערשער אויף אַ טראָהן אָדער אויף אַ בייגקעל, זאָל כאָטש זיין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג אָדער אַ פּרעזידענט פֿון אַ רעפּובליק, „אַן אָנגעשטאָפּטער חזיר", ווי איינער פֿון זיי אַליין האָט זיך אויסגעדריקט; אַ בעל הבית פֿאַר יעדער פֿאַבריק, אַ פּרעזידענט פֿאַר יעדען פֿעראיין, אַ מאַן, אַ פֿאָטער מיט אַ גראָבער שטימע אין יעדער פֿאַמיליע. אָבער פֿון טאָג צו טאָג ווערט דער פֿאָראורטהייל אַלץ מעהר פֿערשוואונדען און דער צוויבער פֿון די בעלי בתים ווערט אַלץ קלענער. דער גלאַנץ פֿון די גרויסע, פֿון די הערען ווערט אַלץ בלאַסער, וואָס ליבטיגער עס ווערט אין די מוחות. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס עס איז געוואָ־ען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך זיך כלומר'שט צו רופֿע גלויב'נער, כאָטש מען הויבט ניט אָן צו גלויבען; ניט קוקענדיג אויף די טויזענדע, וואָס פֿאַלען אויף די קניע און האַלטען זיך אין איין צלמ'ן, — דער גלויבען אין דעם „וואָס לעבט אייביג", פֿון וועמען די שטערבליכע הערען האָבען גענומען זייער מאַכט, פֿערשווינדעט אַזוי ווי אַ חלום. די, וואָס זיינען געווען אין ענגלאַנד און אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען מיט אַ צוואַנציג יאָהר צוריק, און וועלכע האָבען אָט די צוויי לענדער בעזוכט איצט נאָך אַמאָל, כוזען נשתומם ווערן פֿון דער געוואַלדיגער איבערקעהרעניש, וואָס איז אין דער הינזיכט פֿאָרגעקומען אין די מוחות. מען האָט דאָן איבערגעלאָזט פֿאַנאַטישע, ניט טאָלעראַנטע מענשען, וואָס זיינען געווען

אַזוי ווי ווילדע אין זייער רעליגיעזען און פּאָליטישען גלויבען; און מען געפינט אַצונד מענשען מיט אָפּענע מוחות, מיט פרייע געדאַנקען מיט ברייטע הערצער. זיי ווערן שוין מעהר ניט געיאָגט פון דער האַלוצינאַציע פון דעם אל קנא ונוקם, פון דעם גאָט פון ראַכע.

די פערמינדערונג פון רעספּעקט איז אין פּראַקטישען לעבען דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער אידעען־ענטוויקלונג. געהט פרעגט ביי די איבערגעבענע, ערנסטע פריכטער: פון וואַנען נעהמט זיך זייער פערביי־טערטקייט? דערפון וואָס מען סמייעט צו דיינקען אָהן זייער רשות, און די גרויסע שררות: אויף וואָס בעקלאָגען זיי זיך? וואָס מען רעדט צו זיי ווי צו אַנדערע פּראָסטע בשר ודם׳ס. מען טרעט זיי שוין ניט אָב דעם וועג, מען פערנאַכלעסיגט אַרונטערצונעהמען דעם היטעל פאַר זיי. און אויב מען פאָלגט די פאָרשטעהער פון דער רעגירונג, מחמת די פרנסה פאָדערט עס, און אויב מען גיט זיי אפילו אויסערליך אָב כבוד, ווייסט יעדער אייגער אָבער גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ ווערטה אָט די הערין האָבען; און זייערע אייגענע אונטערגעאָרדענטע גופא זיינען די ערשטע צו מאַכען פון זיי חוזק, ס׳געהט ניט אַוועק די וואָך, עס זאָל ניט פאָרקומען אַ סקאַנדאַל אין אַ געריכטס־הויז, ויאו די ריכטער, אָנגעטהאָן אין זייער פולער אוניפאָרמע, ווערן בעליידיגט און אויסגעלאַכט פון זייערע אָפּפער, די אָנגע־קלאָגטע. און די גענעראַלען? מיר האָבען זיי געזעהן ביי דער אַרבייט. מיר האָבען זיי געזעהן אין זייער גאַנצער פראַכט, ווי זיי האָבען בלויז געבלאָזען פון זיך און ניט געגעבען זיך אפילו די מיה אויף ריכטיג אויסצופאָרשען די פּאָזיציאָנען פון דעם שונא. מיר האָבען געהערט, ווי זיי האָבען געגעבען אַ בעפעהל צו פערניכטען בריקען, כאָטש

ס'איז קיין שום נויטוועגדיגקייט ניט געווען דאָס צו טהאָן, און בעשולדיגט זייערע אינזשענירען, אַז זיי האָבען געבויט צו קורצע בריקען. מיר האָבען מיט טויט-שרעק געהערט יענע מורא'דיגע שיסעריי פֿון בורזשע, וואו עטליכע הונדערט אונגליקליכע סאָלדאַטען האָבען אויסגעשאָסען זייערע „לעצטע קוילען", וואַרטענדיג אומזיסט, אַז דער „אויבער-גענעראַל" זאָל זיי שיקען צו הילף כאָטש אַ ראָטע פֿון דעם האַלבען מיליאָן סאָלדאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זיין השגחה! דאַן האָבען מיר געזעהן די דאָזיגע שעהנע „דרייפֿוס-אַפֿערע", וואו די אָפֿיצירען אַליין האָבען אונז בעוויזען, אַז די אורטהיילען, וואָס ווע־ן אַרויסגעגעבען אויף בעפֿעהל און די „פּאַטריאָטישע פֿעלשונגען" געהען האַנד אין האַנד מיט דער עהרע פֿון דער אַרמעע. אונטער דיזע אומשטענדען, וואָס איז דער וואונדער, אַז דער רעס־פעקט פֿערשווינדעט און ער פֿערוואַנדעלט זיך זאָגאַר אין פֿעראַכטונג!

ס'איז אמת, אַז דער רעספעקט, די אַכטונג פֿערשווינ־דעט, ניט אָט די אַכטונג, וועלכע ווערט אָבגעגעבען דעם עהרליכען, איבערגעבענעם און אַרבייטזאַמען מענשען, נאָר יענער נידעריגער און שענדליכער רעספעקט, וועלכען מען גיט אָב די רייכע און די הערשער מיט זייערע „משרתים ואשר משרתים"; יענער שקלאַפֿען-רעספעקט, וועלכער שלעפּט אַרוים טויזענדער און צעהנדליגער טויזענדער שוטים פֿון די הייזער צו כאַפּען אַ קוק אויף ן קעניג, בעת ער פֿאָהרט אַמאָל פֿערביי אין גאַס, און וועלכער פֿערוואַנדעלט די משרתים און די פֿערד פֿון אַ גרויסען שררה אין וואונ־דערליכע זאַכען. און ניט נור האַלט דער דאָזיגער רעספעקט אין איין פֿערשווינדען, נאָר טאַקי די גופֿא, וועלכע זוכען אי־ם, וועלכע יאָגען זיך נאָך כבוד, זיינען די ערשטע צו

קאָמפּראָמיטירען זייער ראָלע און צו צייגען, אַז זיי זיינען די זעלביגע בשר ודם׳ס מיט אַלע מענשען צוגלייך. אַמאָל האָבען די הערשער פון אַזיען געקענט דעם קונץ, ווי אַזוי צו מאַכען, אַז מען זאָל זיי פערגעטערן. מען פלעגט זעהן פון וויטען זייערע פּאַלאַצען; זייערע סטאַטוען זיינען געשטאַנען איבעראַל, מען האָט געלייענט זייערע אוקאַזען, אָבער זיי אַליין האָבען זיך אין ערגעץ ניט געוויזען. די מקורבים, די נעהנסטע פון זייערע אונטערטהאַנען האָבען ניט געקענט צוטרעטען צו זיי אַנדערש ווי אויף די קניע. צייטענווייז פלעגט זיך עפענען אַ פאָרהאַנג, אום זיך צו ווייזען פאַר זיי אַזוי ווי דורך אַ בליץ, און טאַקי אויף׳ן שטעל ווידער פערשווינדען פון זייערע אויגען, איבערלאָזענדיג די זעלע פון די פערגעטערנדע צושויער אין אַ צושטאַנד פון הוילער גערירהטקייט. דאַן איז די אכטונג געווען טיעף געננוג, אום צו זיין אויף דער העכסטער מדרגה דערשלאָגען און אונטערוואָרפען: אַ שטומער שקלאַף פלעגט צוטראָגען די פעראורטהיילטע אַ זיידען שטריקעל און דאָס איז געננוג געווען, אַז דער טרייער פערגעטערער זאָל זיך אויף׳ן שטעל אויפהייגען דער אונטערטהאַן פון אַן „עמיר“, אין צענטראַל-אַזיען, פלעגט זיך מוזען פאָרשטעלען פאַר זיין הערר, דעם קאָפּ אָנגעבויגען אָן אַ זייט, מיט אַ שטריק אַרומגעבונדען לויז אַרום זיין האַלז, און ביים עק פון דיזען שטריק פלעגט הייגען אַ שאַרפעס שווערד, כדי דער פּריץ זאָל ניט האָבען קיין שום שוועריגקייט, זאָל צו יעדער צייט, אַז איהם וועט זיך נור פערגלוסטען, האָבען ביי דער האַנד די וואַפּע, מיט וואָס פטור צו ווערן פון דעם געהאָרכזאַמען שקלאַף. דער בעריהמטער טאַרטאַרישער זיעגער, טאַמערלאַן אַרומשפּאַצירענדיג מיט זיין סוויטע אויף אַ הויכען טהורם, גיט בלויז אַ וואונק צו די פופציג הויפלייט, וועלכע רינג־

.לען איהם אַרום, און זיי וואַרפֿען זיך אַלע אַרונטער אויף דער ערד. וואָס זיינען די טאַרמעלאַנס פֿון אונזער צייט אין פֿערגלייך מיט איהם, אויב ניט שאָטענס, וואָס האָבען בלויז זיין אָנבליק, כאָטש זיי זיינען נאָך אימער גענוג שרעקליך! ווערענדיג אַן איינפֿאַכע קאָנסטיטוציאָנעלע איינבילדונג, האָט דאָס קעניגטהום פֿערלאָרען יענע סאַנקציע פֿון דעם אַלגעמיינעם רעספעקט, וועלכער האָט איהם געגעבען זיין גאַנצען ווערטה. דער קעניג, דער גלויבען, דאָס געזעץ — אָט די דריי זיינען פֿון אימער אָן געווען געקייטעלט איינע אין די אַנדערע. אָבער דער גלויבען איז מעהר ניטאָ, און אָהן איהם פֿערשווינדען די אַנדערע צוויי דער קעניג און דאָס געזעץ, און ווערן פֿערוואַנדעלט אין איינפֿאַכע געשפענסטער, נאָר אַך! ווי שווער און ווי לאַנג ס'נעהמט זיי צו שטאַרבען. אָט די טויטע זיינען פֿון די, „וועמען מען מוז דער'הרג'ענען!"

IX.

רי איצטיגע לאַגע און די נאָהענטע צוקונפֿט — די געבורט פֿון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. — די סטרייקס. — די אונמעכטיגקייט פֿון די אַרבייטער אין זייערע קליינע סטרייקס געגען דער גרויס-אינדוסטריע. — דער גענעראַל סטרייק און דער סטרייק פֿון די סאָלדאַטען. — קאָאָפּעראַטיווע אַסאָסיאַציעס אין אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפֿטען. — די „קאָמונע פֿון מאָגרוי“.

די אונזויסענהייט ווערט וואָס וייטער אַלץ קלענער, און ביי די רעוואָלוציאָנערע עוואָלוציאָניסטען וועט דאָס וויסען אין גיכען אָנפֿיהרען די מאַכט. דאָס איז די הויפּט זאַך, וואָס דערוועקט אין אונז אַ צוטרוי אין דעם שיקזאַל פֿון דער מענשהייט: ניט קוקענדיג דערויף וואָס די געזעלשאַפֿט איז אַזוי אונענדליך קאָמפּליצירט, דאָך ווייזט אונז די געשיכטע, אַז די עלעמענטען פֿון פּראָגרעס וועלען סוף כל סוף בעזיגען די עלעמענטען פֿון רעאַקציאָן. זיך צוקוקענדיג צו אַלע ערשיינונגען פֿון דעם היינטיגען לעבען, סיי די וואָס ציינען אַ פֿערהעלטניסמעסיגען ריקשריט און סיי די וואָס וייזען אדרבה אָן אויף אַ פֿאָרטשריט, — מוז מען קומען צום שלום, אַז די לעצטע שטעהען העכער אין ווערטה און אַז די טעגליכע עוואָלוציאָן האַלט אונז אין איין דערנעהנטערן צו דער סומע פֿון פֿריעדליכע און געוואַלטיגע אומוואַנדלונגען, וואָס מען רופֿט שוין פֿון פֿאָראוים „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן“, און וועלכע וועט האָבען אַלס איהר הויפּט־אויפֿגאַבע צו פֿערניכטען די דעספּאָטישע מאַכט פֿון פער־

זאָגען און זאַגען און אָבצושאַפֿען דאָס פּריוואַט־אייגענטהום איבער די פּראָדוקטען פֿון דער קאָלעקטיווער אַרבייט.

די וויכטיגסטע ערשיינונג איז די געבורט פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן". קיין צווייפֿעל ניט, אַז זי האָט זיך שוין אָנגעהויבען ענטוויקלען זייט די מענשען פֿון פֿערשיעדענע נאַציאָנען האָבען זיך אויס סימ־פּאַטהיע און צוליעב זייערע געמיינשאַפֿטליכע אינטערעסען אויסגעהאָלפֿען איינע די אַנדערע; זי האָט זאָגאַר אָנגעהויבען עקזיסטירען טהעאָרעטיש דעם טאָג, ווען די פֿילאָזאָפֿען פֿון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען דיקטירט דער פֿראַנ־צויזישער רעוואָלוציאָן די פּראָקלאַמירונג פֿון די „מענשען־רעכטע"; נאָר דיזע רעכטע זיינען געבליבען אַן איינפֿאַכע פֿראַזע, און די, וועלכע האָבען זיי אויסגעשריען צו דער וועלט, האָבען זיך פֿונדעסטוועגען געהיט זיי ניט אָנצו־ווענדען: זיי האָבען זאָגאַר ניט געהאַט דעם מוטה אָבצו־שאַפֿען די שקלאַפֿעריי פֿון די שוואַרצע אין האַאיטי, און ערשט נאָך פֿערשיעדענע אויפֿשטענדע, וועלכע האָבען אָנגעהאַלטען יאָהרען־לאַנג, זיינען זיי געצוואונגען געווען נאָכצוגעבען. ניין, דער „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכער האָט זיך געהאַלטען אין אויסבילדען אין אַלע ציוויליזירטע לענ־דער, איז ערשט געוואָרען זעלבסט־בעוואוסט אין צווייטען העלפֿט פֿון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, און אַרויס־געוואַקסען איז ער אין דער וועלט פֿון אַרבייט: די „הערשענדע קלאַסען" האָבען גאָר קיין שייכות ניט געהאַט מיט איהם. דער „אינטערנאַציאָנאַל"! זייט דער ענטדעקונג פֿון אַמעריקאַ און די ערשטע רייזען אַרום דער ערד האָט קיין עראייגניס ניט געהאַט קיין גרעסערע וויכטיגקייט אין דער געשיכטע פֿון די מענשען. קאָלומבוס, מאַזשעלאַן, על קאַנאָ זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען פֿעסט־

געשטעלט די מאַטעריעלע איינהייט פֿון דער ערד, אָבער די צוקינפֿטיגע נאָ־מאַלע איינהייט, וועלכע די פֿילאָזאָפֿען האָבען געוואָלט האָבען, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען פֿער־ווירקליכען אין דעם טאָג, ווען ענגלישע, פֿראַנצויזישע און דייטשע אַרבייטער, פֿערגעסענדיג יעטוועדען אורשפּרינג־ליכען אונטערשיעד, וואָס עקזיסטירט צווישען זיי, און זיך פֿערשטעהענדיג איינע די אַנדערע, ניט קוקענדיג אויף דער פֿערשיעדענהייט פֿון זייערע שפּראַכען, — ווען דיזע אַר־בייטער האָבען זיך פֿערזאַמעלט, אום צו בילדען איין און דיזעלבע נאַציאָן ניט קוקענדיג אויף די רעגירונגען זייערע. די ערשטע רעזולטאַטען פֿון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" זיינען געוועזען גאַנץ קליינע: קוים עטליכע טויזענד מענשען האָבען זיך גרופּירט אין דער דאָזיגער אַסאָסיאַציאָן, די פּרימיטיווע צעלע פֿון דער צוקינפֿטיגער מענשהייט. נאָר די היסטאָרי־קער האָבען בעגריפֿען די גרויסע וויכטיגקייט פֿון דעם עראייגניס, וואָס איז פֿאָרגעקומען. און טאַקי באַלד, אין די ערשטע יאָהרען פֿון זיין עקזיסטענץ, אין משך פֿון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט די צושטערונג פֿון דעם „וואַנדאָם־זייל" געצייגט, אַז די אידעען פֿון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" זיינען געוואָרען אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט. דאָס איז געוועזען אַן אונערהערטע זאַך. די בעזיעגטע האָבען מיט ענטהו־זיאַסמוס איבערגעקעהרט דעם מאָנומענט פֿון די אַלטע זיעגע, ניט מיט דעם צוועק זיך צוצושמייכלען אויף אַ פֿייגען אופן צו די, וועלכע האָבען געזיעגט, נאָר כדי אויסצודרי־קען זייער סימפּאַטהיע צו זייערע ברידער, וועלכע מען האָט געפֿיהרט געגען זיי, און זייער טיעפֿע פֿעראַכטונג צו די הערען און די קעניגע פֿון אַלע לענדער, וועלכע האָ־בען געפֿיהרט זייערע אונטערטהאַנען צו דער שחיטה. פֿאַר די, וואָס קענען זיך שטעלען אויסערהאַלב די קליינ־

ליבע פאַרטיי־צאַנקערייען און אַרונטערקוקען פֿון דער חויך אויף דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע, איז אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט ניטאָ קיין שום צייכען פֿון דער צייט, וואָס זאָל האָבען אַ וויכטיגערע בעדייטונג, איידער יענער מאָמענט, ווען דער קייזערליכער מאָנומענט איז איבערגעקעהרט געוואָרען מיט'ן קאָפּ אַראָב און האָט זיך געוואַלגערט אין שמוץ!

מען האָט איהם צוריק אויפגעשטעלט, אַקוראַט ווי נאָך דעם טויט פֿון טשאַרל דעם ערשטען און לואי דעם זעכצעהנטען האָט מען צוריק אויפגעשטעלט די קעניגרייכען פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרייך, אָבער מען ווייסט וואָס פֿאַר אַ ווערטה עס האָבען די איבער אַ נייעם אויפגעשטעלטע זאַכען; מען קען פֿערגלעטען און פֿערשמירען די שפּאַלטען פֿון דער ערד, אָבער זיי עפֿענען זיך ווידער אויף: מען קען אויפבויען צוריק די איינגעוואָרפֿענע בנינים, נאָר דער ערשטער גלויבען, אויף וואָס די געבייערען האָבען זיך געהאַלטען, קען ניט געבוירען ווערן פֿון דאָס ניי. די פֿערגאַנגענהייט קען ניט אויפגעשטעלט ווערן צוריק, אַקוראַט ווי די צוקונפֿט קען ניט אויסגעמיטען ווערן. ס'איז אמת, אַז אַ גאַנצע מאַסע פֿון געזעצע האָבען פֿערבאָטען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אין איטאַליען האָט מען איהם גערופֿען „פֿערברעכער געזעלשאַפֿט" און אין פֿראַנקרייך האָט מען געגען איהם געשמיערט „אויסנאַהמס־געזעצען." די מיטגלידער זיינע האָט מען בעשטראָפֿט מיט קערקער און מיט קאַטאָרגע. אין פּאָרטוגאַל איז דאָס אַ שרעקליכער פֿערברעכען אויסצורידען דעם בלויזען נאָמען זיינעם. לעבערליכע מאַסרעגלען! אונטער וואָס פֿאַר אַ נאָמען זי זאָל ניט זיין פֿערשטעלט, אָבער די אינטערנאַציאָנאַלע פֿעדעראַציאָן פֿון די אַרבייטער עקזיסטירט און ענטוויקעלט זיך וואָס ווייטער

אַלץ סאָלידער און מעכטיגער. ס'איז אַ מערקווירדיגע איראָניע פֿון'ם שיקזאַל צו זעהן, ווי אַזוי דיזע מיניסטאָרען און דיזע ריכטער, דיזע געזעצגעבער און זייערע מיטהעלפֿער זיינען גרייט זיך אַליין צו נאַרען און ווי ווייט זיי האַלטען זיך פֿעסט אָן זייערע אייגענע געזעצען. נאָך איידער זיי האָבען זיך בענוצט מיט זייערע וואַפֿען זיינען זיי שוין שטומפּיג און האָבען ניט קיין שום מאַכט. זיי פֿערוועהרען דעם „אינטערנאַציאָנאַל", אָבער זיי קענען בשום אופן ניט פֿערוועהרען די נאַטירליכע און ספּאָנטאַנע איבעראיינשטימונג פֿון אַלע אַרבייטער, וועלכע דיינקען, דאָס געפֿיהל פֿון סאָלידאַריטעט, וואָס פֿעראייניגט זיי אַלץ מעהר און מעהר, זייער פֿערבאַנד געגען די פּאַראַזיטען פֿון פֿערשידענע נאַציאָנען און פֿערשידענע קלאַסען. דיזע געזעצע דיענען בלויז חוזק צו מאַכען פֿון די אָנגעבלאָזענע גרויסאַרטיגע שררות, וועלכע גיבען זיי אַרויס. אָרעמע משוגעים, וואָס איהר הייסט דעם ים זיך אָברוקען צוריק!

ס'איז אמת, אַז די וואַפֿען, מיט וועלכע די אַרבייטער בענוצען זיך אין זייער קאַמפּף פֿאַר אַ בעסערן לעבען, קענען אויסזעהן לעכערליך, און צייטענווייז זיינען זיי ווירקליך לעכערליך. אַז זיי האָבען זיך צו בעקלאָגען געגען וואָס פֿאַר עס איז הימעל־שרייענדע אונגערעכטיגקייט, אַז זיי ווילען אויסדריקען זייער געפֿיהל פֿון סאָלידאַריטעט מיט אַ בעליידיגטען חבר זייערן, אָדער ווען זיי פֿאָדערן אַ העכערן לוין אָדער אַ קירצערן אַרבייטס־טאָג, דאַן סטראַשען זיי די בעלי בתים, אַז זיי וועלען אויפֿהערען אַרבייטען: אַזוי ווי די פּלעבעער פֿון דער רוימישער רעפּובליק, לייגען זיי אַוועק די אַרבייט און ציהען זיך צוריק אויף זייער באַרג. מען רעדט זיי שוין ניט איבער צוריקצוגעהן צו דער אַרבייט, זיי דערצעהלענדיג מעשה'לאַך מכח די „גליעדער

און דעם מאָגען", ווי די פּאַטריציער פּלעגען אַמאָל טהאָן מיט זייערע שקלאַפּען, די פּלעבעער, דערפּאַר אָבער רינ־געלט מען זיי אַרום מיט בעוואָפענטע סאָלדאַטען און מען האַלט זיי אין איין סטראַשען, אַז מען וועט זיי אויסשלאַכטען: דאָס רופט מען „בעשיצען די פרייהייט פון דער אַרבייט".

ציימענווייז טרעפט, אַז די סאָלדאַטען שיסען ווירקליך אויף די סטרייקענדע אַרבייטער: אַ ביסעל בלוט טריפט אָב די שוועלען פון די פאַבריקען אָדער דעם אַריינגאַנג פון די מינען. נאָר אפילו ווען די אַרמעע מישט זיך ניט אַריין, איז דאָ דער הונגער, און ער טהוט זיין אַרבייט מיט דערזעלבער קראַפט און ווירקונג. ניט האָבענדיג קיין אָב־געשפּאָרטע געלד און קיין שום קרעדיט, געפינען זיך די אַרבייטער אין אַ זעהר קלעגליכען צושטאַנד: די בעגייס־טערונג, וועלכע האָט זיי אין די ערשטע טעג פון דעם סטרייק געגעבען דעם פייער פון האָס געגען זייערע בעלי בתים און די כוחות אַריבערצוטראָגען אַלע ליידען, — אָט די בעגייסטערונג איז אָבגעשוואַכט, און עס בלייבט זיי קיין אַנדער ברירה ניט: ענטוועדער זיך נעהמען דאָס לעבען אָדער זיך אונטערגעבען; זיי גיבען זיך אונטער, נעהמען אָן די ערנידעריגענדע בעדינגונגען, וועלכע מען לייגט זיי פאָר, און געהען אַריין מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ צוריק אין דער דאָזיגער קוילענגרוב, וועלכע זיי האָבען ערשט נעכ־טען גערופען „קאַטאָרגע". ס'איז גאַנץ איינפאַך ווייל די כוחות פון דיביידע קעמפּפענדע צדדים זיינען ניט קיין גלייכע: פון איין זייט שטעהט דער קאַפּיטאַליסט, געזונט און מונטער, און ער האָט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבען פאַר זיין לעבען און זיין וואָהלזיין; דער בעקער און אַלע אַנדערע קרעמער שטעלען איהם צו, אַזוי ווי פריהער, אַלעס וואָס ער דאַרף, און ביי דער טהיר פון זיין וואוינונג

שטעהען סאָלדאַטען, וועלכע היטען עס זאָל איהם הלילה ניט געשעהן קיין שלעכטס: די גאַנצע מאַכט פֿון׳ם שטאַאט, און אויב נייטיג אויך די מאַכט פֿון די שכנ׳ישע שטאַאטען, איז גרייט איהם צו דיענען; און פֿון דער אַנדער זייט האָט איהר אַ מאַסע מיט מענשען, וועלכע לאָזען אַ־אָב די אויגען, מורא האָבענדיג מען זאָל ניט בעמערקען דעם פֿונק, וואָס טלייעט נאָך אין זיי, און וועלכע געהען אַרום דער־שלאָגען און הונגעריג, וואַרטענדיג אויף אַ נס!

און דאָך מאַכט זיך טאַקי צייטענווייז אַ נס. ס׳טרעפֿט, אַז אַן אָרעמער קליינער פֿאַבריקאַנט ווערט אויפֿגעאָפֿפערט פֿון זיינע מיט ברידער, וועלכע האַלטען עס פֿאַר גוצלאָז צו מאַכען יד אחת מיט איהם. אָפֿטמאָל פּאַסירט אויך, אַז אַ בעל הבית פֿון אַ פֿאַבריק, וועלכער זעהט איין דעם פֿעהלער וואָס ער האָט געמאַכט, וואַרפֿט זיך אונטער דער וואַהרהייט אָדער דעם דרוק פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג. אין פֿיעלע קליינע סטרייקס, וואו ס׳איז ניט פֿערוויקעלט קיין גרויסער קאַפּיטאַל און וואו דער עהרגייץ פֿון די מעכטיגע פֿינאַנץ־באַראָנען קען חלילה ניט אָנגעריהרט ווערן, דאָרט טראָגען די אַרבייטער גאַנץ לייכט אַרוים אַ נצחון: צייטענווייז טרעפֿט זאָגאַר, אַז אַ פֿאַבריקאַנט איז גאָרנישט פֿויל מיט אַ כיוון אָבצוטהאָן זיינעם אַ קאָנקורענט, וועלכער שטעהט איהם אין וועג, און אָנמאַכען אַ קריעג אויף טויט און אויף לעבען צווישען איהם און זיינע אַרבייטער. נאָר אַז עס האַנדעלט זיך וועגען אמת ערנסטע קעמפֿפֿע, וואו גרויסע קאַפּיטאַלען שטעהען אין קאָן און וואו דער קלאַסען־גייסט דערוועקט ביי די בעלי בתים אַ געמיינשאַפֿטליכע ענערגיע, — דאַן איז אַזאַ גרויסער אונטערשיעד צווישען די כוחות, וואָס זיינען אין קאַמפף, אַז די אָרעמע, וועלכע האָבען מעהר ניט ווי זייערע מוסקעלן און זייער רעכט,

קענען ניט האָפֿען צו בעזיגען אַ פֿערבאַנד פֿון קאַפּיטאַ־ ליסטען. אַחוץ די אונענדליכע געלד־מיטלען, וואָס די קאַפּיטאַליסטען בעזיצען, האָבען זיי אויך אין זייערע הענד די גאַנצע מאַשין פֿון דעם שטאַאַט און די שטיצע פֿון די טראַנספּאָרט־קאַמפּאַניעס. די יעהרליכע סטאַטיסטיק פֿון די סטרייקס צייגט אונז דורך אונבעשטרייטבאַרע ציפֿערן, אַז דיזע אונגלייכע צוזאַמענשטויכען ענדיגען זיך וואָס ווייטער אַלץ עפֿטער מיט דער מפלה, פֿון די סטרייקענדע אַרבייטער. די סטראַטעגיק פֿון דעם דאָזיגען סאָרט קריעג איז גוט בעקאַנט: די פֿאַבריקאַנטען אָדער די דירעקטאָרען פֿון די קאָמפּאַניעס ווייסען, אַז אין אַזאַ פֿאַל קענען זיי זיך פֿריי בענוצען מיט די אונגעהייערע קאַפּיטאַלען פֿון די טראָסטס, מיט דער אַרמעע און מיט די אַרבייטסלאָזע, די מורא׳דיגע מחנות פֿון הונגער־ליידער.

די היסטאָריקער פֿון אונזער צייט דאַרפֿען אַלזאָ אַנער־ קענען, אַז אונטער די איצטיגע אומשטענדען האָבען די קליינע סטרייקס, וועלכע בעשטעהען בלויז אין דעם וואָס די מאַסען לייגען אַוועק די אַרבייט, געוויס קיין שום שאַנס ניט צו ברייגנען אַ סאָציאַלע אומוואַנדלונג. אָבער דאָס וואָס מיר דאַרפֿען אונטערזוכען און בעטראַכטען, איז ניט אַזוי די איצטיגע געשעהענישען ווי די אידעען און די שטרעבונגען פֿון די צוקונפֿטיגע עראייגניסע. ניין, מיר זעהען, אַז די מיינונג אין דער אַרבייטער־וועלט דריקט זיך אויס וואָס ווייטער אַלץ מעכטיגער, אַריבערשטייגענדיג אָהן אַן ערך דיזע קליינע בעוועגונג פֿון די סטרייקס, וועלכע אַנערקענט און שטעלט פֿעסט אין פּרינציפּ דאָס לוין־סיסטעם, דאָס הייסט די אונטערוואַרפֿונג פֿון די אַר־ בייטער צו די אַרבייטס־געבער. ניין, אויף די פֿערזאַמלונגען, וואו יעדען איינעמ׳ס געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין אַ

געמיינשאַפטליכען ווילען, זעהט מען אַרויס, אַז די העכע־
רונג פון דעם לוין איז ניט דער אידעאַל, צו וועלכען די
אַרבייטער שטרעבען: אָבנעהמען די ערד און די פאַבריקען
ביי די בעלי בתים און זיי מאַכען פאַר דאָס אייגענטהום
פון'ם כלל — אָט צו וואָס די אַרבייטער פון אַלע לענדער
שטרעבען. אין ענגלאַנד, אין די פעראייניגטע שטאַאטען,
אין קאַנאַדאַ, אין אויסטראַליען הערט זיך כסדר דער גע־
שריי: „נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד", און געוויסע קאָ־
מונען, זאָגאַר די רעגירונג פון נוי־זיעלאַנד, האָבען געפונען
פאַר נייטיג נאָכצוגעבען אַ טהייל פון די פאָדערונגען פון
פאָלק. „דעם אַרבייטער די פאַבריק דעם בויער — די
ערד!" דיזער צושפיעל פון דעם בעריהמטען רעוואָלוציאָ־
נערן ליעד דריקט אויס דעם העכסטען וואונש פון די
אַרבייטער־מאַסען.

און דיזע וואַקסענדע איבערצייגונג פון דעם אַרבייטער
דריקט זיך ניט אויס בלויז אין ליעדער. געוויסע סטרייקס
האָבען אָנגענומען אַ געוואַלטיגען און דראָהענדען כאַראַק־
טער. דאָס זיינען שוין ניט בלויז קיין געוועהנליכע געשעהע־
נישען, וועלכע דריקען אויס אַ פאַסיווע פערצווייפלונג, דאָס
זיינען שוין ניט קיין איינפאַכע דעמאָנסטראַציעס פון הונגער־
ליידער, וועלכע בעטען ברויט: אַ טהייל פון די דאָזיגע
מאַניפעסטאַציעס זיינען געווען אַזוי דראָהענד, אַז זיי האָבען
געשטערט די רוה פון די קאַפּיטאַליסטען. האָבען מיר
דען ניט געזעהן אין די פעראייניגטע שטאַאטען, ווי די
אַרבייטער זיינען אַכט טאָג נאָכאַנאַנד געווען די בעלי
בתים פון אַלע אייזענבאַהן ליניעס פון אינדיאַנאַ סטייט?
און ביים גרויסען דאָקער־סטרייק אין לאָנדאָן, איז דען ניט
דער גאַנצער קוואַרטאַל פון די דאָקס פאַקטיש געווען אין
די הענד פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאַסע, וועלכע איז גע־

ווען פֿעראייניגט ווי ברידער? מיר האָבען נאָך בעסערס געזעהן. אין דער שטאָדט וויענן, ניט ווייט פֿון ליאָן, האָבען הונדערטער אַרבייטער און אַרבייטערינען, כמעט אַלע פֿון דעם וועבער פֿאַך, געפֿייערט אויף אַ גרויסאַרטיגען אופֿן דעם ערשטען מאַי. זיי זיינען אַריין אין אַ פֿאַבריק, ניט ווי רויבער, נאָר ווי בעלי בתים; ערנסט, מיט אַ סאָרט רע־ליגיאָן, קען מען זאָגען, האָבען זיי גענומען אַ שטיק טוך, וואָס זיי האָבען אַליין אויסגעוועבט און רוהיג און שטי־לערהייט האָבען זיי איינגעטהיילט דיזע לאַנגע שטיק שטאָף צווישען זיך. זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די מחנות פֿון זשאַנדאַרמען, וועמען מען האָט צונויפֿגערופֿען פֿון אַלע אַרומיגע שטעדט דורך טעלעגראַף, קלייבען זיך צונויף אויף דער גאַס, אום אָנצופֿאַלען אויף זיי און זיי פֿיליכט דערשיסען; אָבער זיי האָבען אויך געוואוסט, אַז זייער האַנדלונג, לייגענדיג די האַנד אויף דער פֿאַבריק, וועלכע איז אַ ווירקליך קאָלעקטיווע אייגענטהום, וועט ניט פֿער־געסען ווערען פֿון זייערע ברידער אין אַרבייט און נויטה. זיי האָבען זיך אַלזאָ אויפֿגעאָפּפֿערט פֿאַר דאָס אַלגעמיינע וואָהלזיין, און טויזענדער מענשען האָבען געשוואָרען, אַז זיי וועלען נאָכפֿאָלגען זייער ביישפּיעל. איז דאָס ניט אַ מערק־ווירדיגער טאָג אין דער געשיכטע פֿון דער מענשהייט? דאָס איז אַ רעוואָלוציאָן אין דעם נאָבעלסטען זינן פֿון וואָרט: איבעריגענס, ווען דיזע רעוואָלוציאָן וואָלט געהאַט די מאַכט אויף איהר זייט, וואָלט זי אויך געקענט בלייבען אַבסאָלוט פֿריעדליך.

די הויפּט פֿראַגע איז צו וויסען, אויב די מאָראַל פֿון די אַרבייטער פֿערדאַמט אָדער רעכטפֿערטיגט אַזעלכע מעשים. אויב זי איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר איינשטימיג עם גוט צו הייסען, דאַן וועט זי שוין שאַפֿען די סאָציאַלע ערשיי־

נונגען, וועלכע זיינען נויטיג דערצו. דער מויערער וועט פֿאָדערן די וואוינונג, וועלכע ער בויט, פונקט ווי דער וועבער האָט גענומען דעם שטאָף, וואָס ער האָט אַליין געוועבט, און דער אַקערבויער וועט לייגען די האַנד אויף די פּראָדוקטען פֿון דער ערד. דאָס איז די האָפֿנונג פֿון דעם אַרבייטער און אין דעם בעשטעהט אויך די מורא פֿון דעם קאַפּיטאַליסט. דערפֿאַר האָבען זיך טאַקי די לעצטע צייטען אָנגעהויבען הערען פֿערצווייפֿלונגס־געשרייען אין דעם לאַגער פֿון די פּריווילעגירטע, און אַ טהייל פֿון זיי האָבען זיך שוין בעוואָרענט מיט גרויסאַרטיגע מיטלען. אַזוי, למשל, איז די בעריהמטע פֿאַבריק פֿון האָמסטעד, אין פּענסילווייניאַ, געבויט אַזוי ווי אַ פֿעסטונג, מיט אַלע מיטלען זיך צו בעשיצען געגען די אַרבייטער, וואָס די מאָדערנע וויסענשאַפֿט האָט נאָר געקענט בעהויפּטען. אין אַנדערע פֿאַבריקען זוכט מען צו בעשעפֿטיגען בלויז אַרעסטאַנטען, וואָס דער שטאַאַט גיט מיט פֿערגניגען איבער פֿאַר אַ קליינעם לוין; אַלע כּחות פֿון די אינזשענירען ווערען אָבגעלייגט דערויף צו זעהן, אַז מען זאָל קענען אויסקומען מיט דער רויער קראַפֿט פֿון די מאַשינען, אָנגעטריבען פֿון אַנדערע מאַשינען, דאָס הייסט, פֿון מענשען אָהן אידעאַל און אָהן פֿרייהייט. אָבער די, וואָס ווילען זיך בעגעהן אָהן דער אינטעליגענץ, אָהן דעם מענשליכען שכל, מוזען דורך דעם ווערן שוואַכער און אויף אַזאַ'ן אופן צוגרייטען דעם זיעג פֿון די מענשען, וואָס זיינען שכל'דיגער ווי זיי: זיי אַנטלויפֿען פֿאַר די שוועריגקייטען פֿון דעם קאַמפּף, וועלכע וועלען זיי אָבער גאָר אין גיכען אָניאָגען און זיי ענדליך פֿערניכטען.

אַזוי גיך ווי דער גייסט פֿון צוריק־פֿאָדערונג וועט נור דורכדרינגען די גאַנצע מאַסע פֿון די אונטערדריקטע, דאַן

וועט יעדעם געשעהניש, זאָגאַר פֿון דער קלענסטער וויכ־טיגקייט, קענען אַרויסרופֿען אַ געוויסע אומוועלצונג: אַזוי איז געווען אין פֿונק בלויז אויפֿצורייסען אַ גאַנצע פֿאַס מיט פולווער. פֿאַרלויפֿענדע צייכענס האָבען שוין אָנגעדייטעט אויף דעם גרויסען קאַמפּף. אין 1890, ווען עס האָט אָב־געקלונגען דער צורוף וועגען דעם „ערשטען מאַי", וואָס איז געקומען פֿון וואָס פֿאַר עס איז אונבעקאַנטען, פֿילייכט פֿון אַן אויסטראַליער קאַמעראַד, האָט מען געזעהן ווי די אַרבייטער פֿון דער גאַנצער וועלט האָבען זיך פלוצלינג פֿעראייניגט אין איין און דעמזעלבען געדאַנק. אין יענעם טאָג האָבען זיי בעוויזען, אַז דער „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכער איז אָפֿיציעל געווען בעגראָבען, איז אויפֿגעשטאַנען „תחית המתים" און ענטוויקעלט זיך ווידער נים לויט דער פֿאַר־שריפֿט פֿון פֿיהרער און עלצטע, נאָר דורך דעם דרוק פֿון די מאַסען גופא. נים די „קלוגע עצות" פֿון הויכגעשטעלטע סאָציאַליסטען, נים די רעפּרעסיעס פֿון די רעגירונגען זיינען אימשטאַנד געווען צו שטערן די אונטערדריקטע פֿון אַלע נאַציאָנען זיך צו פֿיהלען ווי ברידער אויף דעם ערד־קוגעל און זיך דאָס צו זאָגען איינע די אַנדערע. און דאָך האָט זיך דאָ לפנים בלויז געהאַנדעלט וועגען אַ קלייניג־קייט, וועגען אַן איינפֿאַכער פלאַטאָנישער מאַניפֿעסטאַציע, אַ פּאַראָלע, אַ פּאַס־וואָרט! דעם אמת זאָגענדיג, האָבען די בעלי בתים און די רעגירונגען, מיט דער הילף פֿון די סאָציאַליסטישע פֿיהרער גופא, געמאַכט פֿון דעם דאָזיגען שיקזאַלהאַפֿטען וואָרט אַ פשוט'ע פֿאָרמולע אָהן אַ שום ווערטה. נים קוקענדיג דערויף האָט דיזער געשריי, דיזער בעשטימטער טאָג אָנגענומען אַ געוואַלדיגען זינן דורך זיין אַלוועלטליכקייט.

יעדער אַנדערער פלעצליכער, ספאָנטאַנער, אומגעריכטער געשריי קען נאָך פיהרען צו ערשטוינענדערע רעזולטאַטען. דער כח פון די אומשטענדען, דאָס הייסט דער סך הכל פון די עקאָנאָמישע בעדינגונגען, ווערט אַוראי מחמת דיזער אָדער יענער אורזאַכע אַרויסרופען איינעם פון די קריזיסען, וועלכע וועקען אויף זאָגאַר די גלייכגילטיגע, און מיר ווע׳ען מיט אַמאָל דערזעהן, ווי עס הויבט זיך אויף יענע אונגעהייערע ענערגיע, וועלכע האָט זיך אָנגעזאַמעלט ביי די מענשען אין די הערצער דורך דעם פערגוואַלטיגטען געפיהל פון גערעכטיגקייט, דורך די ניט פערגעלטעטע ליידען, דורך דעם ניט־איינגעשטילטען האַס. יעדער טאָג קען ברייגגען אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס אַוועקשיקען אַן אַרביימער פון דער פאַבריק, אַ לאָקאַלער סטרייק, אַ צופעליגע הריגה, קענען זיין די אורזאַכע פון דער רעוואָלוציאָן: מחמת דאָס געפיהל פון סאָלידאַריטעט געווינט וואָס ווייטער אַלץ מעהר באָדען און יעטוועדע אָרטיגע אויפרעגונג נעהמט דורך די גאַנצע מענשהייט. אַ ניי וואָרט, אַ נייע פאַראָלע, „גענעראַל־סטרייק", האָט זיך מיט אַ צייט צוריק געלאָזט הערען אין די פאַבריקען. דאָס דאָזיגע וואָרט האָט תחילת געקלונגען מאָדנע. מען האָט עס אָנגענומען פאַר דעם אויסדרוק פון אַ חלום, פון אַ פאַנטאַסטישער האָפנונג, דערנאָך האָט מען עס ווידערהאָלט שוין מיט אַ העכערן קול, און אַצונד קלינגט עס אָב אַזוי שטאַרק, אַז מעהר ווי איין מאָל איז שוין די קאַפּיטאַליסטישע וועלט פערציטערט געוואָרען דערפון. ניין, דער גענעראַל־סטרייק, און מיט דעם וואָרט פערשטעה איך ניט מען זאָל איינפאַך אַוועקלייגען די אַרבייט, נאָר טאַקי אָבנעהמען מיט געוואַלט אַלעס וואָס בעלאַנגט צו די אַרבייטער; ניין, זאָג איך, דיזע ערשיינונג איז ניט קיין אונמעגליכע זאַך; ס׳איז זאָ־

גאַר געוואָרען אינפֿערמיידליך, און פֿילייכט אויך גאַנץ נאָהענט. ענגלישע, בעלגישע, פֿראַנצויזישע, דייטשע אַמע־ריקאַנער, אויסטראַליער אַרבייטער פֿערשטעהען, אַז עס הייסט אָב פֿון זיי צו ווארפֿען אין איין און דעמזעלבען טאָג די אַרבייט, און טאַקע דעמזעלבען טאָג פֿערנעהמען די פֿאַבריק פֿאַר זייער געמיינשאַפֿטליכען פּראָפֿיט; און דאָס וואָס זיי בעגרייפֿען אָדער וואָס זיי פֿיהלען ווייניגסטענס היינט, פֿאַרוואָס זאָלען זיי עס דען ניט דורכפֿיהרען מאָר־גען, איבערהויפּט ווען די סאָלדאַטען זאָלען זיך אָנשליסען אָן די אַרבייטער און אויך ערקלעהרען אַ סטרייק? די צייטונגען מאַכען אַלע אַ שווייג, ווען סאָלדאַטען רעוואָל־טירען אָדער פֿערלאָזען מאַסענווייז די סלוזשבע. די קאָנ־סערוואַטאָרען, וועלכע ווילען אַבסאָלוט איגנאָרירען די פֿאַקטען וואָס שטימען ניט איין מיט זייער וואונש, ריידען זיך איין, אַז אַזאַ מין סאָציאַלער גרויל איז גאָר אונמעגליך, אָבער די קאָלעקטיווע דעזערטירונגען, די קליינע מיליטע־רישע אויפֿשטענדע, דאָס ענטזאַגען זיך צו שיסען אויף אַרבייטער זיינע ערשיינונגען, וואָס קומען פֿאָר גאַנץ אָפֿט אין די שוואַך־דיסציפּלינירטע אַרמעען און וועלכע זיינען ניט אין גאַנצען אונבעקאַנט אין די פֿעסטעסטע מיליטע־רישע אָרגאַניזאַציעס. די פֿון אונזערע, וועלכע געדיינקען די קאָמונע, זעהען נאָך אין זייער זכרון די טויזענדער מענער, וואָס טהיער האָט איבערגעלאָזט אין פּאַריז, און ווען דאָס פֿאָלק האָט ענטוואַפֿענט און אַזוי לייכט בעקעהרט אויף זיין זייט. אַז די מעהרצאָהל פֿון די סאָלדאַטען וועט נור ווערן דורכדרונגען פֿון דער סטרייק־אידעע, וועט די געלעגענהייט זי צו פֿערווירקליכען שוין קומען פֿריהער אָדער שפּעטער.

דער סטרייק אָדער, בעסער געזאָגט, דער גייסט פֿון סטרייק, געגומען אין דעם ברייטעסטען זינן זיינעם, איז איבערהויפּט גרויס און שעצבאַר דורך דער סאָלידאַריטעט, וואָס ער שאַפֿט צווישען די אַלע, וועלכע פֿאָדערן זייער רעכט. שטרייטענדיג פֿאַר איין און דערזעלבער זאַך, לערנען זיי זיך אוים ליעבען איינע די אַנדערע. אָבער פֿאַרהאַן אויך דירעקטע פֿערבאַנדען, און דיזע טראָגען אויך ביי זייער גרויסען טהייל צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. ס׳איז אמת, אַז די דאָזיגע אַסאָסיאַציעס, די פֿערבאַנדען צווישען די אָרעמע, ערד־אַרבייטער אָדער אינדוסטריע־לייט, מוזען זיך בעגעגענען מיט זעהר גרויסע שטערונגען דורך דעם וואָס עס פֿעהלען די מענשען די נויטיגע מאַטעריעלע מיטלען: די נויטווענדיגקייט צו פֿערדינען דאָס שטיקעלע ברויט טרייבט זיי כמעט אַלעמען, ענטוועדער צו פֿערלאָזען זייער ערד, וואו זיי זיינען געבוירען און אויפֿגעוואַקסען געוואָרען, און געהן פֿערקויפֿען זייער אַרבייטס־קראַפֿט צו דעם, וואָס בעצאָהלט בעסער, אָדער צו בלייבען אויף׳ן פלאַץ, אָננעהמענדיג אַלע בעדינגונגען פֿון זייער לעבען, ווי קלעגליך זיי זאָלען ניט זיין. סיי ווי סיי זיינען זיי פֿערשקלאַפֿט, און די טאָג־טעגליכע אַרבייט לאָזט זיי ניט מאַכען קיין פלענער פֿאַר דער צוקונפֿט, זיך אויסקלייבען שותּפים, מיטקעמפפֿער נאָך זייער גוסט נאָך, אין דעם שטרייט פֿאַר׳ן לעבען. ס׳איז אַלזאָ אַ יוצא מן הכלל, אַן אויסנאַהמע, אויב זיי גיט זיך איין עפּעס צו פֿערווירקליכען, כאָטש זיי גיבען דאָך דער וועלט דעם כאַראַקטער פֿון אַ נייעם לעבען. ניט קוקענדיג דערויף ווייזען זיך זעהר פֿיעל צייכענס פֿון דער צוקינפֿטיגער געזעלשאַפֿט ביי די אַרבייטער, אַ דאַנק געוויסע גינסטיגע אומשטענדען און די קראַפֿט פֿון דער אידעע,

וועלכע דרינגט דורך זאָגאַר די סאָציאַלע קרייזען, וועלכע געהערען צו דער וועלט פֿון די פּריווילעגירטע.

אָפֿטמאָל טהוט מען זיך אָן אַ פֿערגניגען אונז מיט שפּאָט אויסצופֿרעגען איבער די פֿערזוכען, וואָס זיינען שוין געמאַכט געוואָרען אין פֿערשיעדענע טהיילען פֿון דער וועלט צו גרינדען מעהר אָדער ווייניגער קאָמוניסטישע אַסאָסיאַציעס, און מיר וואָלטען געהאַט ווייניג אורטהיילס־קראַפֿט אין זיך, ווען דער ענטפֿער אויף די דאָזיגע פֿראַגען וואָלט אונז געווען אויף וויפֿיעל עס איז אונאַנגענעהם. ס'איז אמת, אַז די געשיכטע פֿון דיזע אַסאָסיאַציעס האָט מעהר צו דערצעהלען וועגען דורכפֿאַלען איידער ערפֿאָלגען, און עס וואָלט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין, מחמת עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ פֿאָלשטענדיגער רעוואָלוציאָן; מען מוז אָבשאַפֿען די אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אַרבייט צום נוצען פֿון איין איינציגען און איינפֿיהרען אויף איהר פּלאַץ די אַרבייט פֿון אלעמען צום נוצען פֿון אַלעמען. די, וועלכע גרופּירען זיך, אום אַריינצוגעהן אין איינער פֿון די דאָזיגע געזעלשאַפֿטען מיט אַ נייעם אידעאַל, — די פּערזאָנען גופא זיינען נאָך ניט פֿאָלקאָם בעפֿרייט פֿון די פֿערשיעדענע פֿאָראורטהיילען, פֿון די אַלטע מנהגים, פֿון די איינגעוואָרצעלטע געוואוינהייטען, וועלכע געהען אַריבער בירושה; זיי האָבען נאָך פֿון זיך ניט „אַראָבגעוואָרפֿען דעם אַלטען מענשען". אין זייער קליינער „אַנאַרכיסטישער" אָדער „האַרמאָניסטישער" וועלט, וואָס זיי האָבען געגרינדעט, האָבען זיי שטענדיג צו קעמפֿען געגען די כוחות פֿון צושיידונג, פֿון פֿונאַנדערגעהן, וואָס ווערן אויפֿגעהאַלטען דורך די געוואוינהייטען, די זיטען, די באַנדען פֿון דער פֿאַמיליע, וועלכע זיינען אימער אַזוי שטאַרק, די פֿריינדשאַפֿטען מיט די זיסע עצות, די ליעבעס מיט דיווילדע אייפֿערזוכטען,

דאָס בעדירפֿנים פֿון געוואָגטע, ריזיקאַלישע אונטערנעהמונ־גען, דער שגעון פֿון שטענדיגער אָבוועקסלונג. די אייגען־ליעבע, דאָס עהרען־געפֿיהל קענען אויף אַ געוויסע צייט אויפֿהאַלטען אין די אידעאַליסטען דעם נויטיגען מוטה, נאָר ביים ערשטען טעות, וואָס מען געפֿינט אויס, לאָזט מען זיך לייכט בעאיינפֿלוסען פֿון אַ געהיימער האָפֿנונג, אַז די אונטערנעהמונג וועט ניט האָבען קיין ערפֿאָלג און אַז מען וועט פֿון דאָס ניי אריינשפרינגען אין די שטורמדיגע שטראָמען פֿון דעם אויסערליכען לעבען. מען געדיינקט נאָך די ערפֿאַהרונג פֿון די קאָלאָניסטען פֿון „ברוק פֿאַרם", אין ניו־ענגלאַנד. ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי זיינען געבלי־בען טריי דער אַסאָסיאַציע, טריי זייערע ערשטע געפֿיהלען, וועלכע האָבען זיי בעוואויגען אַריינצוגעהן אין יענעם גע־מיינשאַפֿטליכען לעבען, דאָך זיינען זיי געווען העכסט צו־פֿריעדען וואָס עס האָט אויסגעבראָכען אַ פֿייער און האָט חרוב געמאַכט זייער געזעלשאַפֿטליכען פּאַלאַץ, זיי בעפֿריי־ענדיג אויף אַזאַ'ן אופן פֿון דעם נדר, וואָס זיי האָבען ביי זיך אין האַרצען גענומען אויף זיך, אויפֿצוהאַלטען מיט אַלע כוחות זייער אידעאַלע קאָלאָניע. ס'פֿערשטעהט זיך, אַז די אַסאָסיאַציע איז געווען פֿעראורטהיילט אונטערצוגעהן זאָגאַר דאַן, ווען די שריפה וואָלט ניט פֿערווירקליכט דעם אינער־ליכען וואונש פֿון פֿיעלע, וויל דער טיעפֿער ווילען פֿון די קאָלאָניסטען איז ניט געווען אין אָנקלאַנג מיט דעם ווי די קאָלאָניע זייערע האָט זיך געפֿיהרט.

צוליעב אַזעלכע אורזאַכען, דאָס הייסט מחמת דעם וואָס די מענשען האָבען זיך ניט געקענט צופּאַסען צו די אומשטענדען, זיינען דאָס רוב קאָמוניסטישע אַסאָסיאַציעס צו גרונד געגאַנגען: זיי זיינען ניט אָנגעפֿיהרט געוואָרען, אַזוי ווי די קאַזאַרמעס און די מאָנאַסטירען, דורך דעם אַב־

סאָלוטען ווילען פֿון די רעליגיעזע אָדער מיליטערישע עלצטע, און דורך דער ניט וויינינער אַבסאָלוטער געהאָרכזאַמקייט פֿון די אונטערוואָ פֿענע, סאָלדאַטען, מאָנאַכען אָדער נאָנען; און פֿון דער אַנדער זייט האָבען זיי נאָך ניט געהאַט דעם באַנד פֿון פֿאָלשטענדיגער סאָלידאַריטעט, וואָס קומט דורך דעם אַבסאָלוטען רעספּעקט, וואָס איינער האָט פֿאַר'ן צווייטען, דורך דער אינטעלעקטועלער און אַרטיסטישער ענטוויקלונג, דורך דער אויסזיכט פֿון אַ גרויסען אידעאַל, וואָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ גרעסער און גרעסער. דאָס וואָס די דאָזיגע קאָלאָניעס האָבען זיך דאָס רוב געגרינדעט אין ווייטע, פֿרעמדע לענדער, האָט אויך געגעבען גענוג געלעגענהייטען צו צווייטיגקייטען און זאָגאַר צו אויפֿלייזונגען. און ס'איז קיין וואונדער ניט. די קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען צוגעצויגען געוואָרען דורך דעם שפּיגעל פֿון אַ ווייט לאַנד, האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ שטיק ערד, וואָס איז געווען גאַנץ פֿערשיעדען פֿון זייער היימאַטה, וואו יעדע זאַך האָט זיי אויסגעוויזען מאָדנע און פֿרעמד, וואו די צופּאַסונג צו דער ערד, צום קלימאַט, צו די אָרטיגע מנהגים לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט דורכפֿיהרען. די אַנהייננער פֿון דעם „פֿאַלאַנסטער"*), וועלכע זיינען, אַ קורצע צייט נאָך דער גרינדונג פֿון דעם צווייטען קייזעררייך אין פֿראַנקרייך, מיטגעפֿאָהרען מיט וויקטאָר קאָנסידעראַן, אין די פֿעלדער פֿון נאָרד טעקסאַס, זיינען געגאַנגען אויף אַ זיכערן חורבן, מחמת זיי האָבען זיך בעזעצט צווישען אַ בעפֿעלקערונג, וועמעס ברוטאַלע און גראָבע זיטען האָבען אונבעדינגט געמוזט זיין אין געגענזאַץ צו די אויסגעאיידעלטע געוואוינהייטען פֿון פּאַריזער, און ווייל זיי זיינען געקומען

---

*) פֿוריער'ס סיסטעם פֿון אַ געזעלשאַפֿטליכער קאָמונע.

אין בעריהרונג מיט יענער פֿערפֿלוכטער אינסטיטוציאָן, די שקלאַפֿעריי פֿון די שוואַרצע, מכּח וועלכער דאָס געזעץ האָט זיי זאָגאַר פֿערוועהרט אויסצודריקען זייער מיינונג. דאָס זעלבע איז געוועזן מיט דעם פֿערזוך פֿון „פֿרייאַלאַנד", וואָס איז געמאַכט געוואָרען אונטער דער דירעקציאָן פֿון אַן עסטרייכישען דאָקטאָר, אין אַזעלכע לענדער, וועלכע זיינען בלויז בעקאַנט דורך איבערפֿלעכליכע בעשרייבונגען און וועלכע זיינען מיט גרויס מיה עראָבערט געוואָרען דורך אַ פֿערניכטונגס־קריעג. ביי דעם היסטאָריקער אין די אויגען האָט אַזאַ פֿערזוך געמוזט אויסקוקען קאָמיש: מען האָט פֿאָראויס געקענט זעהן, אַז אַט די אַלע אונגלייכע עלע־מענטען האָבען זיך ניט געקענט פֿעראייניגען אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט.

קיין איינער פֿון די דאָזיגע נידערלאַגען קען אונז אָבער ניט ענטמוטהיגען, ווייל די שטענדיגע אָנשטריינגונגען צייגען אונז אַן אונבעזיעגבאַרע שטרעבונג פֿון דעם געזעלשאַפֿטלי־כען ווילען: ניט די דורכפֿאַלען, ניט דער שפּאָט וואָס זיי רופֿען אַרויס, קענען ניט אָבוועגדען די פֿאָרשער. אַחוץ דעם האָבען זיי דאָך אימער פֿאַר די אויגען דעם ביישפּיעל פֿון די „קאָאָפּעראַט וועגן", די קאָנסומפּציאָנס־פֿעראיינען און אַנדערע, וועלכע האָבען אַליין אויך געהאַט גרויסע שוווי־ריגקייטען אין אָנפֿאַנג, און וועלכע האָבען איצט דערגרייכט צו אַ וואונדערבאַרער ערפֿאָלגרייכער שטופֿע. ס'איז קיין ספק ניט, אַז דאָס רוב פֿון די דאָזיגע אַסאָסיאַציעס זיינען אַוועק אויף אַ שלעכטען וועג, דער עיקר די זעהר ערפֿאָלג־רייכע; די גרויסע פּראָפֿיטען, וואָס זיי האָבען געבראַכט, און דער וואונש זיי נאָך צו פֿערגרעסערן האָבען דערוועקט ביי די קאָאָפּעראַטאָרס די ליעבע צו די גרויסע געווינסען, אָדער ווייניגסטענס האָבען זיי זיי אָבגעקעהרט פֿון דעם

רעוואלוציאנערן פייער פון די אמאליגע יונגע יאהרען. אין דעם ליגט טאקי די גרעסטע, די מורא'דיגסטע געפאהר, מחמת די מענשליכע נאטור איז גרייט אויפצוכאפען אלערליי פרעטענזיעס, כדי אויסצומיידען די ריזיקע פון דעם קאמפף. ס'איז אזוי לייכט זיך צו בעהאלטען אין דער „גוטער אר־בייט", אויסמיידענדיג די שוועריגקייטען און די געפאהרען, וועלכע קומען ארויס דערפון, וואס מען איז מיט'ן גאנצען הארצען איבערגעגעבען דעם רעוואלוציאנערן גדאנק. מען זאגט זיך, אז קודם כל איז נייטיג צו מאכען ערפאלגרייך די אונטערנעהמונג, מיט וועלכער עס איז פערבונדען די געמיינשאפטליכע עהרע פון אזוי פיעל פריינד, און בים־לעכוויז לאזט מען זיך אריינציהען אין די קלייניגקייטען פון דעם געוועהנליכען האנדעל. מען האט געהאט דעם פעסטען ווילען איבערצומאכען די וועלט, און מען מאכט זיך גאנץ איינפאך איבער, מען ווערט פערוואנדעלט אין א פשוט'ן קרעמער.

דאך קענען די ערנסטע אנארכיסטען האבען א גרויסע לעהרע פון דיזע אונצעהליגע קאאפעראטיווען, וועלכע זיי־נען ארויסגעוואקסען איבעראל און וועלכע ווערן אלץ מעהר און מעהר, בילדענדיג וואס ווייטער אלץ גרעסערע ארגא־ניזמען און ארומנעהמענדיג די פערשיעדענסטע פונקציאנען, די אינדוסטריע, דעם טראנספארט, די אגריקולטור, די וויסענשאפט, די קונסט, און וועלכע פערשפרעכען זאגאר צו ווערן א פאלשטענדיגער ארגאניזם פאר די פראדוק־ציאן, די קאנסומפציאן און די איינריכטונג פון דעם עס־טהעטישען לעבען. די וויסענשאפטליכע ערפאהרונג פון דער געגענזייטיגער הילפע פערשפרייט זיך און ווערט לייכט; אלעס, וואס בלייבט צו טהאן, איז איהר געבען איהר אמת'ן זינן און איהר מאראליטעט, פערלייכטערענדיג אט דעם

גאַנצען אויסטויש פֿון פֿונקציאָנען, איבערלאָזענדיג בלויז אַן איינפֿאַכע סטאַטיסטיק פֿון פּראָדוקציאָן און קאָנסומפּציאָן, אָנשטאָט אָט די אַלע גרויסע ביכער פֿון „דעביט“ און „קרעדיט“, פֿון פֿערדרעהטע, פֿערפּלאָנטערטע חשבונות, וועלכע זיינען געוואָרען אונניצליך.

און אָט די טיעפֿע רעוואָלוציאָן איז ניט נור אויף׳ן וועג פֿערווירקליכט צו ווערן, נאָר זי פֿערווירקליכט זיך שוין דאָ און דאָרט. על כל פנים וואָלט געווען נוצלאָז אָנצודויטען אויף די פֿערזוכען, וועלכע ווייזען אונז אוים זיך צו דערנעהנטערן וואָס וויטער אַלץ מעהר צו אונזער אידעאַל, מחמת זייערע שאַנסען פֿון ערפֿאָלג קענען בלויז וואַקסען, ווען מען זאָל שווייגען איבער זיי, ווען דער גערויש פֿון דער רעקלאַמע וועט ניט שטערען זייער בעשיידענעם אָנפֿאַנג. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דער געשיכטע פֿון דער קליינער געזעלשאַפֿט פֿון פֿריינדע, וועלכע האָבען זיך גרופּירט אונטער דעם נאָמען „די קאָמונע פֿון מאָנרוי“. מאהלער, סטאָליאַרעס, גערטנער, הויז־פֿרויען, לעהרערקעס זיינען זיך צונויפֿגעגאַנגען אינאיינעם צו אַרבייטען איינע פֿאַר די אַנדערע אָהן וואָס פֿאַר ס׳איז חשבונות און אָהן דאָפּעלטע בוכהאַלטעריע. דער, וואָס האָט געדאַרפֿט שטוהלען אָדער טישען, איז געגאַנגען זיי נעהמען ביי דעם פֿריינד, וועלכער האָט זיי געמאַכט; דער, ביי וועמען דאָס הויז איז ניט געווען ווי געהעריג איז, האָט אָנגעזאָגט אַ קאַמעראַד, וועלכער האָט אויף מאָרגען געבראַכט זיין פּינזעל און זיין קריגעל מיט פֿאַרב. אַז עס איז געווען שעהנעס וועטער, האָט זיך יעדער איינער גענומען ריינע וועש, וואָס די קאַמעראַדינען האָבען צוגעגרייט און אויסגעפּרעסט, דערנאָך פֿלעגט מען אַרוים אין קאָמפּאַניע אויפֿקלייבען פֿרישע גרינוואַרג ביי דעם חבר, דעם גערטנער, און יעדען טאָג האָבען

זיך די קינדערלאַך געלערנט לעזען ביי דער לעהרערין. ס'איז געווען זעהר שעהן! ס'האָט געמוזט נעהמען אַן ענדע צו אַזאַ מין סקאַנדאַל! גליקליכערווייזע, האָט אַן „אַנאַר־כיסטישער אַטענטאַט" געוואָרפען אַ שרעק אויף די בורזשואַס, און דעם מיניסטער, וועמעס עקעלהאַפטער נאָמען דער־מאָנט אָן די „אויסנאַהמס־געזעצען", האָט זיך פערוואָלט געבען די רעאַקציאָנערן אַ ניי־יאָהר'ס געשענק: אַ גאַנצע מאַסע פון אַרעסטען און הויז־זוכונגען. די בראַווע קאָמו־ניסטען פון מאָנרוי זיינען אַריין אין כלל, און די שולדיגסטע פון זיי, דאָס הייסט די בעסטע, האָבען געהאַט אויסצו־שטעהן יענע פערשטעלטע מאַרטירעריי, וועלכע מען רופט דער „געהיימער פערהער". אַזוי האָט מען עס דער'הרג'עט די קליינע קאָמונע, פאַר וועלכער מען האָט געציטערט; נאָר, האָט קיין מורא ניט, זי וועט פון דאָס ניי געבוירען ווערן.

* * *

X.

די לעצטע קעמפּפע. — צוקינפטיגע צוזאַמענשטויסען פון דער עוואָלוציאָן און דער רעוואָלוציאָן, דורך דער אַנאַרכיע. — די אָרדנונג אין דער בעוועגונג.

איך דערמאָן זיך נאָך, אָקוראַט ווי איך וואָלט עס ערשט איצט איבערגעלעבט, אָן אַ שמערצליכע שטונדע פון מיין לעבען, ווען די ביטערקייט פון דער נידערלאַגע איז בלויז אויף וויפיעל ס'איז פערזיסט געוואָרען דורך דער געהיימער און טיעפער, כמעט אונבעוואוסטער פרייד, אַז איך האָב געהאַנדעלט ווי מיין האַרץ און מיין ווילען האָבען מיר דיקטירט, אַז איך בין געווען איך אַליין, ניט קוקענדיג אויף די מענשען און דעם שיקזאַל. זייט יענער צייט, איז שוין אַריבער אַ דריטעל יאָהרהונדערט.

די פּאַריזער קאָמונע האָט זיך געשלאָגען מיט די טרופּען פון ווערסאַיל, און דער באַטאַליאָן, אין וועלכען איך האָב זיך געפונען, איז גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט אויף דעם הויכען פלאַץ פון שאַטיאָן. ס'איז געווען אַ שעהנער פריהמאָרגען, אַ ראָטע סאָלדאַטען האָט אונז אַרומגערינגעלט און עטליכע אָפיצירען האָבען זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגען אונז און געשפּאַסט איבער אונזער מפּלה. אַ טהייל פון זיי האָבען אונז בעליידיגט; איינער, וועלכער איז שפּעטער מן הסתם געוואָרען אַן עלעגאַנטער

רעדנער אין פּאַרלאַמענט, האָט זיך צופלאַפּעלט איבער דעם שנעון פֿון די פּאַריזער: נאָר מיר האָבען געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו זאָרגען איידער זיך צוצוהערען צו זיין פּלוידעריי. צווישען זיי איז געווען איינער, וועלכער האָט אַם מייסטען צוגעצויגען מיין אויפֿמערקזאַמקייט, אַ מאַן, וואָס האָט ווייניג גערעדט, מיט אַ ביסטרען בליק, מיט אַ פּנים פֿון אַן אַסקעט, וואַהרשיינליך אַ בויער, וועלכער איז אויפֿגעצויגען געוואָרען ביי די יעזואיטען. לאַנגזאַם איז ער אַריבער אויף דעם אָבגעהאַקטען ראַנד פֿון דעם פּלאַץ און האָט אויסגעזעהן ווי אַ שוואַרצער מיאוס'ער שאָטען אויף דעם בעלייכטעטען גרונד פֿון פּאַריז. די גאָלדענע שטראַהלען פֿון דער אויפֿגעהענדער זונן האָבען זיך פֿערשפּרייט איבער די הייזער און איבער די הויכע געביידען: קיינמאָל האָט די שעהנע שטאָדט, די שטאָדט פֿון רעוואָלוציאָנען, ניט אויסגעזעהן ביי מיר אין די אויגען שעהנער ווי דאַן! „איהר זעהט אייער פּאַריז!" האָט זיך אָבגערופֿען דער פֿינסטערער מאַן, אונז אָנווייזענדיג מיט זיין אָרם אויף דער וואונדער־שעהנער סצענע. „נאַ, ס'וועט ניט בלייבען דער־פֿון קיין שטיין אויף אַ שטיין!"

ווידערהאָלענדיג דאָס דאָזיגע ביבלישע ווערטעל, וואָס מען האָט אַמאָל אָנגעווענדעט אויף די נינוה'ס און די בבל'ס, האָט דער פֿאַנאַטישער אָפּיציר אַפּנים געמוזט דיינקען, אַז זיין געשריי פֿון האַס איז אַ נבואה, וועלכע וועט אַודאי מקוים ווערן. דאָך איז פּאַריז ניט געפֿאַלען; ניט נור בלייבט דערפֿון „אַ שטיין אויף אַ שטיין", נאָר די, וועמעס עקזיכ־טענץ האָט אַרויסגערופֿען זיין קללה אויף פּאַריז, דאָס הייסט, די פֿינף און דרייסיג טויזענד מענשען, וואָס מען האָט אויסגעשלאַכטעט אין די גאַסען, אין די קאַזאַרמעס און אויף די בית עלמין'ס, זיינען אויך ניט געשטאָרבען

אומזיסט, און פֿון זייער אַש זיינען געבוירען געוואָרען ראַבע־
נעהמער. אין וויפֿיעל אַנדערע „פּאריז׳ן", וויפֿיעל אַנדערע
היימען פֿון אַ בעוואוסטזיניגער רעוואָלוציאָן זיינען געבוירען
געוואָרען אין דער וועלט! וואו מיר זאָלען ניט געהן, אין
לאָנדאָן אָדער אין ברוסעל, אין באַרצעלאָנאַ אָדער אין
סידניי, אין שיקאַגאָ אָדער אין בוענאָס איירעס, איבעראַל
האָבען מיר פֿריינד, וואָס פֿיהלען און ריידען ווי מיר. אונ־
טער דער גרויסער פֿעסטונג, וואָס די יורשים פֿון דעם
צעזאַרישען און פּאַפּסטליכען רוים האָבען אויפֿגעבויט, —
איבעראַל איז די ערד אונטערגעמינעוועט און איבעראַל
ריכט מען זיך אויף אַן עקספּלאָזיאָן. וועלען זיך נאָך גע־
פֿינען, אַזוי ווי אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, אַזעלכע
גלייכגילטיגע הערשער ווי לואי דער 15־טער, וועלכע זאָ־
לען ציהען מיט די פּלייצעס און זאָגען: „נאָך מיר מעג
קומען דער מבול אפילו!" ווער ווייסט? ס׳קען זיין היינט,
פֿילייכט מאָרגען וועט קומ׳ן די קאַטאַסטראָפֿע. בלשאצר
זיצט ביי דער סעודה, אָבער ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז די
פּערזער קלעטערן שוין אויף די מויערן פֿון דער שטאָדט.

אָקוראַט ווי דער קינסטלער, וועלכער טראַכט שטענ־
דיג וועגען זיין ווערק, האָט עס אין גאַנצען ביי זיך אין
קאָפּ איידער ער שרייבט עס אויף אָדער ער מאָהלט עס
אויס, אַזוי זעהט דער היסטאָריקער פֿון פֿאָראויס די סאָ־
ציאַלע רעוואָלוציאָן: ביי איהם אין די אויגען איז זי שוין
געמאַכט. דאָך נאַרען מיר זיך גאָרנישט אָב מיט אילוזיעס:
מיר ווייסען, אַז דער ענדליכער זיעג וועט אונז נאָך אָב־
קאָסטען גענוג בלוט, גענוג מאַטערנישען און גענוג שרעק.
אויף דעם אינטערנאַציאָנאַל פֿון די אונטערדריקטע ענט־
פֿערט אַן אינטערנאַציאָנאַל פֿון די אונטערדריקער. סינדי־
קאַטען, טראָסטס אָרגאַניזירען זיך איבער דער גאַנצער

וועלט מיט דעם צוועק אַריינצוכאַפּען אַלעס. די פּראָדוקטען און די פּראָפיטען, צו מאַכען פון אַלע מענשען אַן אונגעהייער גרויסע אַרמעע פון לוין־שקלאַפען. און די דאָזיגע סינדיקאַטען פון גע׳מל׳טע און ניט גע׳מל׳טע מיליאָנערן און געלד־מאַכער זיינען אַבסאָלוט זיכער, אַז דורך דער אַלמעכטיגקייט פון דעם געלד וועלען זיי האָבען אויף זייער זייט די רעגירונגען און זייער גאַנצע אונטערדריקונגס־מאַשינעריע: די אַרמעע, די ריכטער און די פּאָליציי. אַחוץ דעם האָפען זיי, אַז דורך דעם וואָס זיי דערוועקען אויף אַ געשיקטען אופן אַ ביטערן האַס צווישען די ראַסען און די פעלקער, וועט זיך זיי איינגעבען צו האַלטען די עקספּלואַטירטע מאַסען אין דעם דאָזיגען צושטאַנד פון פּאַטריאָטישער אונוויסענהייט, וועלכע האַלט אויף די שקלאַפעריי. ס׳איז אמת, אַז אָט די אַלע אַלטע שנאות און קנאות, אָט די טראַדיציעס פון די אַמאָליגע מלחמות און די דאָזיגע האָפנונגען אויף נקמה, אָט די אילוזיע פון דעם „פאָטערלאַנד", מיט זיינע גרענעצען און זיינע זשאַנדאַרמען, און די טאָג־טעגליכע העצעריי פון די פּראָפעסיאָנעלע שאָוויניסטען, סאָלדאַטען און זשורנאַליסטען, — אָט דאָס אַלעס זאָגט אונז נאָך אָן, אַז מיר וועלען האָבען גענוג צרות און לייד, אָבער דערפאַר האָבען מיר אויף אונזער זייט אַזעלכע מעלות, פאַר וועלכע מען מוז אונז מקנא זיין. אונזערע שונאים ווייסען, אַז זיי טהוען אַ פינסטערע, אַ וויסטע אַרבייט, און מיר ווייסען, אַז אונזער אַרבייט איז גוט; זיי פעראַכטען זיך און מיר ליעבען זיך איינע די אַנדערע; זיי סטאַרען זיך צוריקטרייבען די געשיכטע און מיר געהען פאָרווערטס מיט איהר.

* * *

אזוי קומען זיי אָן, די גרויסע טעג. די עוואָלוציאָן איז געמאַכט. די רעוואָלוציאָן וועט קומען אין גיכען. איבעררי־גענס, האלט זי זיך דען ניט אין איין פֿערווירקליכען פֿאַר אונזערע אויגען, אויף פֿיעלפֿאַכיגע אופנים? וואָס ווייטער וועלען די געוויסען, וועלכע זיינען די אמת׳ע קראַפֿט, אַלץ מעהר לערנען זיך צו פֿעראייניגען, זיך צו פֿערבינדען איינע מיט די אַנדערע, וואָס ווייטער וועלען די אַרבייטער, וועלכע בילדען די צאָהל, אַלץ מעהר ווערן זעלבסט־בעוואוסט פֿון זייער ווערטה. און וואָס ווייטער וועלען די רעוואָלוציאָנען אַלץ זיין לייכטער און פֿריעדליכער. סוף כל סוף, וועט יעט־וועדע אָפּאָזיציע מוזען נאָכגעבען, און זאָגאַר נאָכגעבען אָהן א קאַמפּף. עס וועט קומען דער טאָג, ווען די עוואָ־לוציאָן און די רעוואָלוציאָן, פֿאָלגענדיג דירעקט איינע נאָך די אַנדערע, פֿון דעם וואונש צום פֿאַקט, פֿון דער אידעע צו דער פֿערווירקליכונג, וועלען זיך צונויפֿגי־סען אין איין און דערזעלבער ערשיינונג אַזוי פֿונקציאָנירט דאָס לעבען אין אַ געזונדען אָרגאַניזם, אין דעם אָרגאַניזם פֿון אַ מענשען אָדער פֿון אַ גאַנצער וועלט.

ע נ ד ע.

זשאן גראוו.

—— פֿערלאַג „אַרבייטער פֿריינד". ——

זשאן גראוו.

די אבשטארבענדע געזעלשאפֿט

און

די אנארכיע.

איבערזעצט פֿון ר. ראקער.

פרייז 1 שילינג, — 30 סענט.

לאָנדאָן, 1908.

„אַרבייטער פֿריינד" דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, א.

פֿאַרוואָרט.

איך האָב אַ פֿריינד, וועלכער האָט אַ שטאַרקען חשק צו בעגרייפֿען יעדע זאַך. עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז עס ציהט איהם צו דעם וואָס איז איינפֿאַך, גרויס און שעהן. זיין ערציהונג אָבער, בעשאָטען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט פֿאָראורטהיילע און שקרים, די פֿאָלגען פֿון יעדע זאָגענאַנטע „הויכע" ערציהונג, שטעלט איהם כמעט שטענדיג אָב, ווען ער וויל זיך נאָר הינ־געבען דעם גייסטיגען שטראָם. עס זיינען דאָ צייטען, ווען ער וויל זיך בעפֿרייען, אין גאַנצען בעפֿרייען פֿון די טראַדיציאָנעלע אידעען, פֿון די דורות'דיגע מנהגים און געוואוינהייטען, צו וועלכע ער איז, געגען זיין ווילען, צוגעקלעפּט; ער קען עס אָבער נית. אָפֿט קומט ער צו מיר און מיר שמועסען אַוועק שטונדען לאַנג. די אַנאַרכיסטישע טהעאָריען, וועלכע ווערן אַזוי פֿערלַיימדעט פֿון איינינע, אַזוי שלעכט פֿערשטאַנען פֿון אַנדערע, בעשעפֿטיגען תמיד זיין מוח, און ער איז אויך אַזוי פֿיעל אָרענטליך זיי צו בעגרייפֿען, כאָטש ער נעהמט זיי נית אָן אַלע. ער גלויבט נית, אַזוי ווי אַנדערע פֿיעלע פֿון זיין צירקעל גלויבען, אַז זיי, די אַנאַרכיסטישע טהעאָריען, אונטערריכטען נאָר צו וואַרפֿען באָמבעס און מאַכען עקספּלאָזיאָנען. ער, אין געגענטהייל, זעהט אין זיי האַרמאָנישע פֿאָרמען און שעהנקייטען, אמת, אַז דאָס וואָס ער זעהט איז נאָך פֿערשטעלט פֿאַר איהם. ער זעהט פֿאַר זיך אַ טומאַן, אַזאַ טומאַן אָבער וואָס קען זיך גיך צוגעהן און איבערלאָזען אויף זיין פּלאַץ ריינע, העלע ליכט. ער אינטערעסירט זיך אין דער אַנאַרכיע, אַזוי ווי אין אַ זאַך וואָס מען וואָלט וועלען ליעבען, אַ זאַך, וואָס זעהט נאָך דערווייל אויס אַביסעל שרעקליך און אין וועלכע מען צווייפֿעלט

נאָך, פַאר וועלכע מען האָט נאָך מורא, ווייל מען פערשטעהט עס נאָך ניט גוט.

מיין פריינד האָט שוין געלייענט די בעריהמטע ווערקע פון קראָפּאָטקין, די פייעריגע און וויסענשאַפטליכע פּראָטעסטען פון עליזע רעקלו, געגען די נידעריגקייטען פון די רעגירונגען און פון אַ געזעלשאַפט, געגרינדעט אויף פערברעכען. פון באַקונין איז איהם בעקאַנט דאָס וואָס די אַנאַרכיסטישע זשורנאַלען האָבען, דאָ און דאָרט, פערעפענטליכט. ער האָט אויך דורכגעמאַכט די ווערקע פון דעם אונגעזעצליכען פּרודהאָן און פון דעם אַריסטאָקראַטישען ספּענסער. ענדליך, ערשט גאָר ניט לאַנג, איז ער געקומען איבער די רעדע פון עטיעוואַן, וועלכע האָט איהם שטאַרק געריהרט. דאָס אַלעס אין איינעם פערטראָגט איהם, אין איין מאָמענט, העט ווייט אין דער הויך, דאָרט וואו דער שכל, די פערנונפט ווערט געריינגט פון אַלע פאָראורטהיילע. אָבער טאַקע פון דיזעלבע רייזען וואָס ער מאַכט צום אידעאַל, קומט ער צוריק נאָך מעהר צוטראָגען ווי אימער. טויזענדער הינדערניסע שטעלען איהם אָב. ער פערלירט זיך אין אַן אונענדליכקייט פון „אויבס,“ פון „ווילס,“ פון „אָבערס,“ אין אַ שרעקליך געדיכטען וואַלד, פון וואַנען ער בעט מיך, אָפטמאָל, איך זאָל איהם אַרויספיהרען...

אַזוי ווי ערשט נעכטען, האָט ער מיר פערטרויט זיין צוטראָגענקייט און איך האָב איהם געזאָגט:

— גראַוו, וועלכער איז אייך בעקאַנט, דורך זיין ענערגישען און אורטהייל־קרעפטיגען גייסט, וועט באַלד אַרויסגעבען אַ בוך מיט'ן נאָמען: „אַנאַרכיזמוס און די אָבשטאַרבענדע געזעלשאַפט.“ דיזעס בוך איז אַ מייסטערווערק פון לאָגיק. עס איז פול מיט ליכט. דיזעס בוך איז ניט איינפאַך אַ געשריי פון אַ בלינדען, בעגרענצטען אַנהייגער פון אַ אידעע, ניט איינפאַך די פּויקעריי פון אַ היציגען פּראָפּאַגאַנדיסט — עס איז דאָס געוואויגענע, בעדענקטע, רעזאָנירטע ווערק, אמת טאַקי פון אַ ליידענשאַפטליכען מענשען, פון איינעם וואָס גלויבט אין דער רעאַליזירונג פון זיין אידעע, אָבער אַזאַ איינער וואָס ווייסט,

פֿערגלייכט, דיסקוטירט, אַנאַליזירט; אַזאַ איינער, וועלכער ענטוויקעלט, מיט קלאָרע אויגען פֿון קריטיק, צווישען די פֿאַקטען פֿון דער סאָציאַלער געשיכטע, די לעקציאָנען פֿון דער וויסענשאַפֿט, די פּראָבלעמען פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, כדי אַרויסצוציהען שליסע, וועלכע איהר קענט, און וועמעס גרויסקייט און ריכטיגקייט איהר קענט ניט אָבלייקענען...

מיין פֿריינד האָט מיך איבערגעשלאָגען מיט אַן אויפֿגערעגטען טאָן:

— איך לייקען גאָרניט אָב... איך פֿערשטעה אַלעס. איך פֿערשטעה ווירקליך, אַז גראַוו, וועמען איך בין נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט אין די פֿייעריגע שלאַכטפֿעלדער, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אין „לאַ רעוואָלט", אָט דער גראַוו ווינשט, צום ביישפּיעל, די אונטערדריקונג פֿין מאַכט, פֿון'ם שטאַאַט. איך אַליין, ניט האָבענדיג זיינע פֿעהיגקייטען, זיין הויכען גייסט, ווינש עס אויך. דער שטאַאַט לייגט אַרויף אויף'ן אינדיווידיאום אַ שווערע משא, וועלכע ווערט פֿון טאָג צו טאָג דריקענדער און אונערטרעגליכער. ער מאַכט דעם מענשען פֿאַר אַ קאַליקע. אַן אונבעוועגליכעס וועזען, און אַזוי ווי אַ פּעקעל סחורה שיקט ער איהם אַרויס אויף'ן מאַרק... זיין איינציגע אויפֿגאַבע איז צו לעבען פֿון'ם מענשען, אַזוי ווי די לויז לעבט פֿון דער בהמה, אויף וועמעס קערפּער זי בעזעצט זיך אונגעבעטענערהייט... דער שטאַאַט נעהמט צו ביים מענשען זיין געלד, וואָס ער פֿערדיענט אַזוי שווער און ביטער אין'ם אָטראָג, וועלכער רופֿט זיך: „ארבייט." ער נאַרט ביי איהם ביסלעכווייז אַרויס זיין פֿרייהייט, זי אַרומצוימענדיג מיט פֿערשיעדענע געזעצע. פֿון זיין געבורטס־טאָג אָן, טויטעט דער שטאַאַט אין איהם זיינע אינדיווידועלע פֿעהיגקייטען, אָדער פֿערדאַרבט זיי, וואָס איז אייגענטליך אַלץ איינס. מערדער און גנב, יאָ, איך בין איבערצייגט, אַז דער שטאַאַט איז ווירקליך אַ צווייפֿאַכיגער פֿערברעכער. פֿון דער מינוט אָן וואָס דער מענש הויבט אָן צו געהן, צוברעכט איהם דער שטאַאַט די פֿיס; ווי ער שטרעקט נאָר אויס זיינע אָרעמס, האַקט זיי דער שטאַאַט איבער; ווי ער

וואַגט נאָר עפּעס צו דיינקען, נעהמט דער שטאַאט ביי איהם אַוועק זיין מוח, און נאָכדעם זאָגט מען איהם: „געה, נעהם און דיינק!"

— נו? האָב איך זיך אָנגערופֿען.

מיין פֿריינד האָט פֿאָרטגעזעצט:

— די אַנאַרכיע, אין געגענטהייל, איז דער נצחון פֿון'ם קאַמפף פֿאַר'ן אינדיווידיאום, די פֿרייהייט פֿון'ם איינצעלנעם זיך צו ענטוויקלען, אין אַ מאָראַלישען און האַרמאָנישען זינן. מען קען איהר אויסדריקען אין אַ פּאָר ווערטער: די פֿרייוויליגע בענוצונג פֿין אַלע מענשליכע ענערגיען און קרעפֿטען, וועלכע ווערן אַזוי פערברעכעריש פֿערשווענדעט דורך דעם שטאַאט. איך וויים עס אַלעס... איך פֿערשטעה פֿאַר וואָס אַ גאַנצע אַרטיסטישע און דיינקענדע יוגענד — דער אויסוואַהל פֿון אונזער צייט — קוקט אַרוים מיט אונגעדולד אויף דעם אויסברוך פֿון'ם ערוואַרטעטען מאָרגען, אין וועלכען זי זעהט ניט נאָר אַ אידעאַל פֿון גערעכטיגקייט, נאָר אויך אַ אידעאַל פֿון שעהנ־קייט.

— נו, אַלזאָ? האָב איך זיך אויף'ם ניי אָנגערופֿען.

— נו, איז אָבער דאָ איין זאַך וואָס מאַכט מיר שווער דאָס האַרץ: די טעראָריסטישע זייט פֿון'ם אַנאַרכיזמוס. איך קען ניט ליידען די מיטלען פֿון געוואַלד. איך ציטער פֿאַר בלוט און פֿאַר'ן טויט, און איך וואָלט זעהר ווֹעלען, אַז די אַנאַרכיע זאָל עררייכען איהר טריאומף דורך די גערעכטיגקייט אליין פֿון דער צוקונפֿט.

— גלויבט איהר אַלזאָ, האָב איך געענטפֿערט, אַז די אַנאַר־כיסטען זיינען בלוטדורשטיגע פּיאַוקעס? פֿיהלט איהר ניט אין געגענטהייל, ווי דאָס האַרץ פֿון אַ קראָפּאָטקין איז פֿול מיט אונגעהייערע צערטליכקייט, מיט אַן אונגעהייער גרויסע ליעבע צום לעבען?! אַך, מיין פֿריינד, דאָס זיינען אַזעלכע טרויעריגע זאַכען, וועלכע זיינען אונענטבעהרליך, אונפֿערמיידליך אין אַלע מענשליכע קעמפפֿע; טרויעריגע זאַכען, וועלכע מוזען געשעהן און מען קען זיך פֿון דעם ניט אויסהיטען... און אַחוץ דעם!...

ווילט איהר איך זאָל אייך דאָ מאַכען אַ קלאַסישען פֿערגלייך?... די ערד איז פֿערטריקענט. אַלע קליינע פֿלאַנצען, אַלע קליינע בלומען זיינען פֿערדאַרט און פֿערברענט פֿון היץ, פֿון אַ הייסער, ברענענדער זונן פֿון טויט און פֿערדערבען. זיי ווערן פֿערוויאַנעט, זיי דרעהען זיך צונויף; באַלד, באַלד וועלען זיי אויסשטאַרבען, די קליינינקע, אונשולדיגע בלימעלעך... אָבער פלוצלינג בעווייזט זיך אַ קליינער וואָלקען אויף'ן האָריזאָנט, און דער וואָלקען פֿער־שפּרייט זיך און באַלד בעדעקט ער דעם אָבגעפּאַרעטען הימעל. דער שטורם ברעכט אויס און אַ גוס־רעגען טרינקט אָן די פֿער'־חליש'טע, פֿערטריקענטע ערד. וואָס זשע מאַכט עס אויס, אַז דער שטורם האָט, דאָ און דאָרט, צובראָכען זעהר אַ גרויסען, שטאַרקען אייכענבוים, אַבי די קליינע פֿלאַנצען, וועלכע האָבען געהאַלטען ביים שטאַרבען, אַבי יענע פֿלאַנצען, וועלכע האָבען יעצט אָבגעלעבט, הויבען זיך יעצט אויף און גיבען אַרויס זייערע בלומען אין דער איבער־אַ־נייעם שטילער, רוהיגער לופֿט?... זעהט איהר, מיין פֿריינד, מען דאַרף זיך ניט שטאַרק קימערן איבער דעם טויט פֿון אויפֿפּרעסענדע אייכענבוימער... לייענט גראַוו'ס בוך... גראַוו האָט וועגען דעם געזאָגט גרויסאַרטיגע זאַכען. און אויב, האָבענדיג דורכגעלייעט דיזעס בוך, וואו עס ווערן דורכגעפֿיהרט און ערקלעהרט אַזוי פֿיעל אידעען; אויב, נאָכדעם ווי איהר וועט נאָכריינקען וועגען דעם, אַזוי ווי אַ בוך פֿון אַזאַ אינטעלעקטועלער ברייטקייט פֿערלאַנגט; אויב, זאָג איך, נאָך דעם אַלעמען וועט אייך ניט געלינגען זיך צו פֿערשאַפֿען אַ פֿעסטע און רוהיגע מיינונג, דאַן מוז איך אייך זאָגען, אַז עס וואָלט אַסך גלייכער געווען, ווען איהר ענטזאַגט זיך פֿון צו ווערן דער אַנאַרכיסט וואָס איהר וואָלט געקענט זיין און בלייבען דער גוטער, פֿערהאַרטעוועטער, פֿון'ם שטראָם געצויגענער בורזשואַ, דער בורזשואַ „געגען זיין ווילען,” וואָס איהר זייט פֿילייכט..."

אקטאוו מירבא.

די אנארכיסטישע אידעע און איהר ענטוויקלונג.

דער טייטש פון דעם ווארט אנארכיע מיינט אייגענטליך די נעגאציאן, די אבליייקענונג פון דער אויטאריטעט. די אויטאריטעט גרינדעט די בערעכטיגונג פון איהר עקזיסטענץ אויף די אלגעמיינע נויטווענדיגקייט צו פערטהיידיגען די סאציאלע אינסטיטוציאנען: פאמיליע, רעליגיאן, אייגענטהום א.ז.וו. פאר דיזען צוועק האט זי געשאפען א קאמפליצירטען מעכאניזמוס, אום צו בעקומען די נויטווענדיגע זיכערהייט. די וויכטיגסטע רעדער אין דיזען סאציאלען ארגאניזמוס זיינען דאס געזעץ, די מאגיסטראטור, די ארמעע, די רעגירונגס־מאכט א.ז.וו. זייענדיג געצוואונגען צו פערענטפערן אלע אויטאריטעריע ארגומענטען, האט דער אנארכיזמוס געדארפט אטאקירען אלע סאציאלע פאראורטהיילע, ער האט געמוזט איינדרינגען אין די טיעפקייט פון אלע מענשליכע קענטניסע, כדי צו בעווייזען, אז זיינע אנשויאונגען זיינען אין אנקלאנג מיט דער פיזיאלאגישער און פסיכאלאגישער נאטור פון'ם מענשען, אז זיי גרינדען זיך אויף די קלאהרע בעאבאכטונג פון די נאטירליכע געזעצע, און אז די היינטיגע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאן איז א ווידערשפרעכונג געגען דעם געזונדען מענשען־פערשטאנד און יעדע נאטירליכע לאגיק. דיזע ווידערשפרעכונג איז אויך די אורזאכע פון דער שטענדיגער אונזיכערהייט און דער פארטגעזעצטער פערענדערונג פון אונזערע געזעלשאפטליכע סיסטעמע, די אורזאכע פון אלע רעוואלוציאנען, וועלכע מאכען ציטערן פון צייט צו צייט דעם געזעלשאפטליכען ארגאניזמוס, און וועלכע זיינען ניט מעהר און ניט וויינינגער ווי די רעבעלישע מאניפעסטאציאנען פון דעם אונגעקליבענעם האס פון אלע די,

וואָס ווערען צושמעטערט, פֿערניכטעט אונטער דעם טיראַנישען דרוק פֿון אונזערע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען.

בעקעמפפֿענדיג די אויטאָריטעט, האָבען די אַנאַרכיסטען אין דערזעלבער צייט געמוזט אַטאַקירען אַלע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען, וועלכע די אויטאָריטערע געוואַלט פֿערטהיידיגט, און וועמענס נויטווענדיגקייט זי זוכט צו בעווייזען, כדי צו רעכט־פֿערטיגען איהר אייגענע עקזיסטענץ.

* * *

דער גייסטיגער האָריזאָנט פֿון'ם אַנאַרכיזמוס האָט אַלזאָ אויף אַזאַ אַרט געמוזט ווערען גרעסער און ווייטער. דער אַנאַרכיסט, וועלכער איז אין אָנפֿאַנג מעהר ניט געווען ווי אַן אָנהייננגער פֿון אַן איינפֿאַכער פּאָליטישער נעגאַציאָן, איז באַלד געצוואונגען געווען צו ערקלעהרען דעם קריעג געגען אַלע סאָציאַלע פֿאָראורטהיילע, און אויסצוגעפֿינען אַ בעשטימטען אויסדרוק, אַ פֿאָרמולע, וועלכע זאָל אין גאַנצען אָבלייקענען די אינדיווידועלע אויסבייטונג, דעם פֿונדאַמענט פֿון דער היינטיגער עקאָנאָמישער אָרדנונג, און אין דערזעלבער צייט בעשטימען די גרונד־לאַגען פֿון דער צוקינפֿטיגער געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן. דיזען אויסדרוק האָט ער געפֿונען אין דעם וואָרט קאָמוניזמוס, וועלכעס איז די נאַטירליכע ערגענצונג פֿון דעם וואָרט אַנאַרכיע.

מיר וועלען שפּעטער נאָך צוריקקומען אויף די אַרגומענטען פֿון געוויסע סאָפֿיסטען, וועלכע בעהויפּטען, אַז דער אַנאַרכיזמוס, זייענדיג דער אידעאַל פֿון דער פֿאָלקאָמענער ענטוויקלונגס־פֿרייהייט און אינדיווידואַליטעט, לאָזט זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿעראייניגען מיט דעם קאָמוניזמוס. מיר וועלען שפּעטער פּערזוכען צו בעווייזען דעם געגענטהייל פֿון דיזער אונבעוויזענער בעהויפּטונג און אויפֿצייגען, אַז די מענשליכע אינדיווידואַליטעט קען זיך נאָר פֿריי ענטוויקלען אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט, און אַז די עקזיסטענץ פֿון אַזאַ געזעלשאַפֿט גרינדעט זיך אויף די פֿרייע ענטוויקלונג פֿון דער אויטאָריטעט, מיט איין וואָרט, מיר וועלען בעווייזען, אַז קאָמוניזמוס און אַנאַרכיע ערגענצען זיך איינע די אַנדערע.

* * *

די נויטווענדיגקייט צו פֿערענטפֿערן דיזע אַלע פֿערשידענע פֿראַגען און בעהויפּטונגען און צוווידערלייגען אַלע סאָפֿיסטישע אַרגומענטען און פֿאָרשטעלונגען איז אָהן אַ צווייפֿעל געווען איינע פֿון די הויפּט־אורזאַכען. וואָרום די אַנאַרכיסטישע אידעע האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקען ערפֿאָלג, און פֿאַר וואָס זי האָט זיך אַזוי גיך ענטוויקעלט. אַרויסקומענדיג פֿון אַ קליינע צאָהל פֿון כמעט אונבעקאַנטע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אפילו ניט געהאַט די נויטווענדיגסטע מיטלען אָנצופֿיהרען אַ פּראָפּאַגאַנדאַ, זעהען מיר היינט ווי דיזע אידעע נעהמט דורך מיט מעהר אָדער ווייניגער ערפֿאָלג די גאַנצע וויסענשאַפֿט, די קונסט און ליטעראַטור.

דער האַס געגען דער אויטאָריטעט און די סאָציאַלע שטרעבונגען געגען איהרע פֿערשידענע פֿאָרמען איז שוין אַן אַלטע ערשיינונג. זיי האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען אין דעם אויגענבליק, ווען דער מענש האָט אָנגעהויבען צו בעגרייפֿען זיין אונטערדריקטען צושטאַנד. אָבער ווי פֿיעל פֿערשידענע פֿאָרמען, ווי פֿיעל פֿערשידענע פּעריאָדען האָט די אַנאַרכיסטישע אידעע געמוזט דורכמאַכען איידער זי האָט בעקומען איהר יעצטיגע געשטאַלט!

*
* *

ראַבלע איז געווען איינער פֿון די ערשטע, וועלכער האָט פֿאָרמילירט די אַנאַרכיסטישע אַנשויאונג, פֿאָרשטעלענדיג דאָס לעבען אין דעם מאָנאַסטיר פֿון טהעלעמאַ. *) אָבער ווי דונקעל, ווי אָנקלאָהר זיינען נאָך דיזע אידעען ביי איהם! ער אַליין איז אַזוי ווייניג איבערציינגט פֿון דער פּראַקטישער אויספֿיהרבאַרקייט

---

*) פֿראַנסואַ ראַבלע, פֿראַנקרייך׳ס גרעסטער סאַטירישער שריפֿטשטעלער, איז וואַהרשיינליך געבאָרען געוואָרען אין 1483 אין דעם פֿראַנצויזישען שטעדטעל שינאָן. אין זיין אונשטערבליכען ווערק „גאַרגאַנטואַ“ האָט ער פֿאָרגעשטעלט אַ קליינע אידעאַלע געזעלשאַפֿט אין דעם מאָנאַסטיר פֿון טהעלעמאַ, וואו יעדער איינער איז פֿאָלקאָמען פֿריי, און וואו עס עקזיסטירט נאָר איין געזעץ: „טהו וואָס דו ווילסט!“ ראַבלע איז געשטאָרבען אין 1553 אין פּאַריז, נאָך דעם ווי ער האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציאָן אין דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „איך געה יעצט זוכען אַ גרויסען פֿיליכט!“

(דער איבערזעצער.)

פֿון דיזע אַנשויאונגען פֿאַר דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, אַז ער קליינט נאָר אויס אַ קליינע צאָהל פּריווילעגירטע פֿאַר זיין אידעאַלע געזעלשאַפֿט, וועלכע לעבען צוזאַמען מיט איינינע טרייע דיענער.

אין 1793 האָט מען זעהר פֿיעל געהערט פֿון אַנאַרכיסטען. זשאַק רו און די פּאַרטיי פֿון די „אַנראַזשע"*) זיינען לויט אונזער מיינונג געווען די קלאָהרסטע און פּראַקטישסטע קעפּ אין דער צייט פֿון דער גרויסער רעוואָלוציאָן. אָבער די היסטאָריקער פֿון דער בורזשואַזיע האָבען בעשמוצט זייערע נעמען און פֿערדונקעלט זייערע אידעען און שטרעבונגען. זייער געשיכטע דאַרף נאָך געשריבען ווערען. די דאָקומענטען, וועלכע זיינען צושפּרייט אין די אַרכיווען און ביבליאָטהעקען פֿון פֿראַנקרייך, וואַרטען נאָך אַלס אויף דעם מאַן, וועלכער האָט די צייט און דעם מוטה אויפֿצוהויבען דעם שלייער פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, אום אונז צו ערקלעהרען די געהיימניסע פֿון פֿיעלע ערשיינונגען אויס יענער טראַגישער היסטאָרישער פּעריאָדע, וועלכע זיינען ביז יעצט נאָך ניט ריכטיג פֿערשטאַנען געוואָרען. פֿאָרלויפֿיג זיינען מיר ניט אימשטאַנד צו געבען אַ פֿאָלשטענדיגען אורטהייל אבער זייער פּראָגראַם.

*) די „אַנראַזשע" און די „העבערטיסטען" זיינען געווען דער סאָציאַליסטישער עלעמענט אין דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. דאָס וואָרט „אַנראַזשע" מיינט אייגענטליך ווילדע מענשען, משוגעים. זייערע געגנער האָבען זיי גערופֿען מיט דיזען נאָמען צוליעב זייערע ראַדיקאַלע פֿאָדערונגען. די פֿראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט זיך דערשראָקען פֿאַר דיזער פּאַרטיי, וועלכע האָט ניט נאָר געוואָלט פֿערניכטען דעם אַבסאָלוטיזמוס פֿון'ם קעניגטהום, זאָנדערן אויך דעם אַבסאָלוטיזמוס פֿון'ם געלד-זאַק. זשאַק רו, אַ געוועזענער גלח, איז געווען דער בעדייטענסטער פֿערטרעטער פֿון די „אַנראַזשע". ער איז געווען אַ ביטערער געגנער פֿון די צענטראַליסטישע טענדענצען פֿון דעם יאַקאָביניזמוס און אַ פֿערטהיידיגער פֿון דעם קאָמונאַליזמוס. די „אַנראַזשע" און „העבערטיסטען" זיינען שפּעטער בעזיעגט געוואָרען פֿון ראָבעספּיער און זיינע אָנהייגגער, און זייערע הויפּט-פֿערטרעטער — צווישען זיי אויך זשאַק רו — זיינען געשטאָרבען אויף דער גיליאָטינע אין 1794. מיט זייער אונטערגאַנג האָט די רעוואָלוציאָן פֿערלאָרען איהרע בעסטע קרעפֿטע און די רעאַקציאָן האָט ווידער געקענט פֿריי אויפֿהויבען דעם קאָפּ.

(דער איבערזעצער.)

מיר מוזען זיך יעצט דירעקט װענדען צו פּרודהאָן, אין װעמענס שריפטען דער אַנאַרכיזמוס האָט אָנגענומען אַ פעסטע געשטאַלט אַלס אַ געגנער פון יעדער אויטאָריטעט און יעדער עפענטליכער געוואַלט. אָבער אין פּרודהאָן'ס שריפטען מאַניפעסטירט זיך דער אַנאַרכיזמוס צוערשט נאָר אַלס אַ טהעאָרעטישער פיינד פון דער אויטאָריטעט, וויל פּרודהאָן האָט איבערגעלאָזט אַסך אַדמיניסטראַטיװע אינסטיטוציאָנען אין דעם פּלאַן פון זיין סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע בילדען די אייגענטליכע גרונדלאַגען פון דער רעגירונג. ביז צום אונטערגאַנג פון דעם צווייטען פראַנצויזישען קייזעררייך האָט דער אַנאַרכיזמוס אָנגענומען די פאָרמע פון אַן אונבעשטימטען מוטואַליזמוס, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דעם פאָלשטענדיגען דורכפאַל פון די קאָאָפּעראַטיװע פעראייניגונגען, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט אין פראַנקרייך אין די ערשטע יאָהרען נאָך דער פּאַריזער קאָמונע.

אָבער נאָך איידער דיזע אונפרוכטבאַרע שטרעבונגען זיינען בּיסלעכוויז אָבגעשטאָרבען, האָט זיך שוין ענטוויקעלט אַ נייער צווייג פון דעם יונגען בוים. די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער-אַסאָסיאַציאָן" האָט אין דער שווייץ פעראורזאַכט די גרינדונג פון דער יוראַשער פעדעראַציאָן, וואו באַקונין האָט פּראָפּאַגאַנדירט פּרודהאָן'ס אידעע איבער דעם אַנאַרכיזמוס אַלס פיינד פון יעדער אויטאָריטעטער געוואַלט, געבענדיג דיזע אַנשויאונגען אַ ברייטערע, בעסער ענטוויקעלטע גרונדלאַגע, וועלכע איז געוועזען מעהר אין אָנקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דער צייט.

* * *

פון דיזער פּעריאָדע פאַנגט זיך אָן די אייגענטליכע ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג. עס איז וואָהר, דאָס אויך אין דיזער נייער פאַזע פון דער ענטוויקלונג האָבען זיך נאָך אַרויסגעצייגט מאַנכע פאָראורטהיילע און אונלאָגישע אַנשויאונגען; אין דער אָרגאַניזאַציאָן האָט מען נאָך געקענט בעמערקען דאָ און דאָרט די לעצטע איבערבלייבעכץ פון אויטאָריטערע פאָרשטעלונגען, אָבער דאָס אַלעס האָט ניט געקענט פערהינדערן די וייטערע ענטוויקלונג פון דער בעוועגונג

גונג. די בעוועגונג האָט עקזיסטירט, די אַנאַרכיסטישע אידעע האָט געמאַכט אַ שטענדיגען פּראָגרעס און איז געוואָרען אַלץ קלאָהרער און בעשטימטער. ווען דער אַנאַרכיזמוס איז אין 1883 צום ערשטען מאָל פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען פון אַ קליינע מינאָריטעט אויף אַ קאָנגרעס פון פראַנצויזישע סאָציאַליסטען און אין זעהר שוואַכע פאָרמען, האָבען זיינע פערטרעטער געראַפט אָנפיהרען אַ בימערן קאַמפּף ניט נאָר געגען די אָנהיינגער פון דעם היינטיגען סאָציאַלען צושטאַנד, נאָר אויך געגען יענע פאַלשע „רעוואָלוציאָנערע", וועלכע בעטראַכטען די סאָציאַלע בעוועגונג נאָר פאַר אַ מיטעל, כדי אַריינצובעקומען די עפענטליכע מאַכט אין זייערע הענד. אָבער טראָץ דעם איז די אידעע געוועזען גענוג שטאַרק און קרעפטיג, אום צו בעזיעגען אַלע הינדערניסע; ניט האָבענדיג קיינע אַנדערע פּראָפּאַגאַנדיסטישע מיטלען, ווי דעם גוטען ווילען פון איהרע אָנהיינגער, האָט זי געהאַט די קראַפט אַרויסצורופען דעם האַס און די פערפאָלגונג פון אַלע פערטהייידיגער פון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם און די עפענטליכע דיסקוסיאָן פון אַלע פערנינפטיגע און פאָראורטהייל־פרייע מענשען — דאָס איז זיכער געווען דער בעסטער בעוויז פאַר איהר אינערליכע לעבענס־פעהיגקייט.

טראָץ דער אַלגעמיינער קריעגס־ערקלעהרונג פון אַלע פיהרענדע עלעמענטע, וועלכע בעשטימען היינט די עפענטליכע מיינונג, טראָץ אַלע פערלוימדונגען און פערדאַמונגס־אורטהיילען, טראָץ אַלע געזעצע און געפענגניסע געהט זיך דער אַנאַרכיזמוס רוהיג זיין וועג. גרופען און צייטונגען פאַר דער פּראָפּאַגאַנדאַ זיינען ענטשטאַנען אין פראַנקרייך און בעלגיען, אין איטאַליען און שפּאַניען, אין פּאָרטוגאַל און האָלאַנד, אין ענגלאַנד און נאָרוועגען, אין אַמעריקאַ און אויסטראַליען, אין רוסישער, דייטשער, טשעכישער, אידישער און אַרמענישער שפּראַכע, מיט איין וואָרט, איבעראַל און אין אַלע שפּראַכען.

אָבער פיעל וויכטיגער ווי די עקזיסטענץ פון דיזע קליינע גרופּען פון אונצופרידענע, אין וועלכע דער אַנאַרכיזמוס האָט זיך ענטוויקעלט, איז דער פאַקט, אַז דיזע אידעען געפינען זייערע

אָנהייגער אין אַלע קלאַסען פֿון דער געזעלשאַפֿט. זיי דורכ־דרינגען אַלע צווייגען פֿון אונזער גייסטיגער טהעטיגקייט און בעאיינפֿלוסען און ענטוויקלען די קונסט, די וויסענשאַפֿט און די ליטעראַטור.

אין אָנפֿאַנג האָבען זיך דיזע נייע אידעען אויסגעדריקט אין אונבעוואוסטע פֿאָרמען און שלעכט דעפֿינירטע שטרעבונגען, וועלכע זיינען מאַנכעסמאָל ענטשטאַנען מעהר דורך אונבע־שטימטע ווינשע, איידער דורך אַווירקליכע איבערצייגונג. היינט איז דער אַנאַרכיזמוס ניט נאָר קלאָהר און בעשטימט פֿאָרמולירט געוואָרען, מען קען אויך זיינע פֿאָדערונגען, מען פֿיהלט זיין איינפֿלוס, און פֿיעלע טראָגען שטאָלץ און מוטהיג זיין נאָמען.

* * *

די אַנאַרכיסטען זיינען ניט מעהר די איינציגע, וועלכע האָבען בעגריפֿען די אינערליכע שוואַכקייט פֿון אונזערע געזעל־שאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען, און וועלכע פֿיהלען די נויטווענדיג־קייט איבערצובייטען דעם היינטיגען סאָציאַלען צושטאַנד. דיזע אַלגעמיינע אונצופֿרידענהייט מיט די יעצטיגע אומשטענדען, דיזע ברענענדע בייינקעניש ארויסצוקומען פֿון די איינגע גרענעצען פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג, געפֿינען מיר זאָגאַר אָפֿטמאָל ביי די, וועלכע בעטראַכטען זיך פֿאַר די פֿערטרעטער און פֿערטהיידיגער פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. וואָס ווייטער אַלץ מעהר קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז ניט גענוג זיך אַרומצוטראָגען מיט אונפֿרוכטבאַרע ווינשע און האָפֿנונגען, זאָנדערן אַז יעדער איינער דאַרף אַליין צולייגען אַ האַנד, כדי צו פֿערווירקליכען דיזע האָפֿנונגען. מען הויבט אָן צו בעגרייפֿען די פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט און שטעלט זיך אַליין די פֿראַגע, צו די געפֿאַהר און פֿערפֿאָלגונגען, וועלכע יעדער איי־נער האָט צו ערוואַרטען, האַנדלענדיג געגען די אַלגעמיינע רעגלען און געזעצע, צו דיזע פֿערפֿאָלגונגען ווערען ניט פֿאָל־שטענדיג בעלוינט דורך דעם שטאָלצען בעוואוסטזיין און די אינערליכע צופֿרידענהייט צו האַנדלען אַזוי ווי די פּערזענליכע איבערצייגונג פֿאָדערט עס. די מענשען פֿערזוכען וואָס ווייטער

אַלץ מעהר צוצופאַסען זייערע אויסערליכע האַנדלונגען און געוואוינהייטען צו זייערע אינערליכע אַנשויאונגען און איבערצייגונגען, לויט דער ווידערשטאַנדס-פעהיגקייט און דעם טעמפעראַמענט, וועלכע דער איינצעלנער איז אימשטאַנד צו בעווייזען געגען דער שטראָפענדער געזעלשאַפט.

* * *

ווען די אַנאַרכיסטישע אידעען האָבען זיך געקענט פערשפרייטען מיט אַזאַ אויסערגעוועהנליכער קראַפט און שנעלקייט, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען געווען די אָפענע קריעגס-ערקלעהרונג געגען אַלע איינגעוואַרצעלטע פאָראורטהיילע פון אונזער צייט, געגען אַלע טראַדיציאָנעלע אַנשויאונגען פון דער פערגאַנגענהייט, ווען דיזע אידעען האָבען זאָגאַר אין אָנפאַנג אָבגעשטויסען מאַנכע פון די, וועלכע האָבען זיי אייגענטליך אַם ערשטען געדאַרפט פערטהיידיגען, און טראָץ דעם געפונען אַזאַ מעכטיגען אָבקלאַנג, דאַן איז עס דערפאַר וויל זיי זיינען געווען אימשטאַנד צו ווירקען אויף די בעהאַלטענע סטרונעס פון'ם מענשליכען האַרצען, וויל זיי האָבען געהאַט אין זיך די קראַפט צו שאַפען אַ קלאָהרען און מעכטיגען אויסדרוק פאַר די אונבעוואוסטע געפיהלע און עמפפינדונגען פון דער מענשליכער זעעלע. מיט איין וואָרט — דער אַנאַרכיזמוס האָט דער מענשהייט געגעבען אין אַ קאָנקרעטער און לעבענדיגער פאָרמע דאָס אידעאל פון אַ פערזענליכער פרייהייט און אַלגעמיינעם וואָהלשטאַנד, וועלכעס זי האָט זיך אפילו ניט פאָרגעשטעלט אין איהרע שעהנסטע חלומות און האָפנונגען.

די געגנער האָבען געקוקט אויף'ן אַנאַרכיזמוס מיט מורא'דיגע אויגען, זעהענדיג ווי ער האָט ענטוויקעלט דעם האַס און די פעראַכטונג געגען די אַלע צאָהלרייכע אינסטיטוציאָנען, וועלכע מען האַלט פאַר אונבעדינגט נויטווענדיג, כדי צו פערזיכערן די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט. ער האָט אונז געצייגט, אַז דיזע אינסטיטוציאָנען זיינען ניט דערפאַר שלעכט און געגען די אינטערעסען פון דער אַלגעמיינהייט, וויל זיי ווערען פערוואַלטעט פון אונפעהיגע און קאָרומפירטע פערזאָנען, זאָנדערן דער-

פֿאַר ווייל זייער עקזיסטענץ איז אַן און פֿאַר זיך אַ הינדערנים פֿאַר דעם וואָהלזיין פֿון אַלעמען. דער אַנאַרכיזמוס האָט פֿערזוכט צו ערקלעהרען די מאַסען, אַז די גרויסע סאָציאַלע פֿראַגע קען נים געלייזט ווערען דורך דעם וואָס מען בייט איבער די אינ־דיווידועןן, וואָס האָבען די עפֿענטליכע מאַכט אין זייערע הענד, זאָנדערן דורך די ראַדיקאַלע פֿערניכטונג פֿון אַלע שעדליכע אינסטיטוציאָנען, וועלכע גיבען אַ קליינער מינאָריטעט מענשען די מעגליכקייט צו מאָנאָפּאָליזירען די סאָציאַלע קרעפֿטע און צו אונטערדריקען די גרויסע מעהרצאָהל פֿון׳ם פֿאָלק. ער האָט קלאָהר און דייטליך בעוויזען, אַז ביז אַהער האָט מען שטענדיג פֿערביטען די ווירקונגען פֿון׳ם סאָציאַלען עלענד מיט זיינע אור־זאַכען, דאָס אַלע די קליינע איבלען פֿון אונזער צייט זיינען אין דער ווירקליכקייט נים אַנדערש ווי די נאַטירליכע פֿאָלגען פֿון אַן אַלגעמיינען הויפּט־איבעל, וועלכער האָט זיינע וואָרצלען אין די פֿונדאַמענטען פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג און קען נאָר אויסגעראָטעט ווערען מיט איהר צוזאַמען.

מיר האָבען שוין פֿריהער ערקלעהרט, אַז די אינדיווידועלע גנבה איז דער פֿונדאַמענט פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. די עקזיסטענץ פֿון דער אויטאָריטעט האָט אייגענטליך קיין אַנדערן צוועק נים, ווי צו פֿערטהיידיגען דעם קאַפּיטאַליזמוס. די פֿאַ־מיליע, די ביוראָקראַטיע, די אַרמעע, די געריכטס־ און פּאָליציי־אינסטיטוציאָנען א.ז.וו. זיינען די דירעקטע רעזולטאַטען פֿון׳ם פּריוואַט־אייגענטהום. עס איז אַלזאָ געווען די אויפֿגאַבע פֿון די אַנאַרכיסטען אויפֿצודעקען דעם מורא׳דיגען בעטרוג, וועלכער איז בעגאַנגען געוואָרען פֿון אַ קליינע מינאָריטעט פּ־יווילעגירטע ליידיג־געהער, וועלכע האָבען נים אַריינגעלייגט קיין פֿינגער אין קאַלטע וואַסער, דורך די אונגערעכטע מאָנאָפּאָליזירונג פֿון דער ערד און די אַרבייטס־פּראָדוקטען פֿון אַלע פֿערגאַנגענע דורות; אין דערזעלבער צייט האָבען זיי געדאַרפֿט אונטערגראָבען די פֿונדאַמענטען פֿון דער אויטאָריטעט, מיט דעם וואָס זיי האָבען געצייגט, אַז די אויטאָריטערע מאַכט איז שעדליך פֿאַר דער מענשליכער ענטוויקלונג, און אַז די פּרינציפּען, וועלכע זי פֿער־

טהיידיגט, האָבען ניט דעם קלענסטען ווערטה פאַר די עקזיס־
טענץ פון דער געזעלשאַפט; מיט איין וואָרט, זיי האָבען געצייגט
פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די אויטאָריטעט איז ניט מעהר און
ניט וויינינער ווי די בעשיצערין פון די פריווילעגירטע קלאַסען.

* * *

די אַנאַרכיסטישע אידעע האָט ניט קיין פלאַץ פאַר פער־
זענליכע קליינליכקייטען און עהרגייציגע שטרעבונגען, פאָלגליך
האָבען די פּאָליטישע דעמאַגאָגען, וועלכע זעהען אין דער אַר־
בייטער־בעוועגונג נאָר אַ מיטעל פאַר זייערע פערזענליכע אינ־
טערעסען, ניט געפונען קיין געלעגענהייט אויסצוניצען די בעוועגונג.
דיזע טהאַטזאַכע, וועלכע האָט פיעל בייגעטראָגען אָבצוהאַלטען
די אינטריגאַנטע און געשעפטס־פּאָליטיקער פון׳ם אַנאַרכיזמוס,
האָט אין דערזעלבער צייט פעראורזאַכט, אַז די דיינקער האָבען
אָנגעהויבען זיך שטאַרק צו בעשעפטיגען מיט די נייע אַנשויאונ־
גען, דערפאַר וואָס זיי האָבען בעגריפען זייער אַלגעמיינע וויכ־
טיגקייט.

די „פּאָליטישע זומער־פייגעלעך" האָבען ניט געפונען קיין
פלאַץ אין די רייהען פון די אַנאַרכיסטען, ווייל ביי זיי איז ניט
געווען קיין אויסזיכט צו מאַכען אַ גוטע קאַריערע › דער צו בעֿ־
קומען אַ פלאַץ אין פּאַרלאַמענט.

ביי אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, אָקוראַט ווי ביי די אויטאָ־
ריטערע סאָציאַליסטען, קען יעדער עהרגייציגער דעמאַגאָג זיך
ביסלעכווייס שאַפען אַ וועג, וועלכער פיהרט איהם גאַנץ אין
דער שטיל אַריבער אין דעם פיינדליכען לאַגער; און קיינער איז
ניט אימשטאַנד עס פריהער צו בעמערקען, איידער דער פאָל־
שטענדיגער איבערגאַנג איז ניט געוואָרען אַ טהאַטזאַכע. ביי די
אַנאַרכיסטען איז אַזאַ זאַך אונמעגליך, דען אַ מענש, וועלכער
וואָלט אָנגענומען אַ פיהרענדע שטעלונג אין דער היינטיגער
געזעלשאַפט, טראָץ דעם וואָס ער האָט פריהער ערקלעהרט ביי
יעדער געלעגענהייט, דאָס אום אָנצונעהמען אַזעלכע שטעלונגען,
ראַרף מען ווערען אַ פערטהיידיגער פון דעם היינטיגען סיסטעם,
אַזאַ מאַן וואָלט זיך אַליין געבראַנדמאַרקט אַלס אַ פעררעטהער,

ווייל עס איז אונמעגליך פֿאַר איהם אויסצוגעפֿינען אַ לאָגישע אורזאַכע, אום צו רעכטפֿערטיגען זיין „ענטוויקלונג".

אָבער ווי מיר האָבען שוין פֿריהער בּעמערקט, דיזעלבע אורזאַכען וועלכע האָבען אַרויסגערופֿען דעם האַס פֿון די פּאָליטישע דעמאַגאָגען און אינטריגאַנטען געגען דעם אַנאַרכיזמוס, דיזעלבע אורזאַכען האָבען אויך אַרויסגערופֿען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַלע דיינקענדע און פֿאָראורטהייל-פֿרייע מענשען, און נאָר דאַדורך לאָזט זיך ערקלעהרען דער געוואַלטיגער פּראָגרעס, וועלכען די אַנאַרכיסטישע אידעע האָט געמאַכט אין אַזאַ קורצע צייט

* * *

און ווירקליך, וואָס איז נאָך לאָגישער און איינפֿאַכער, ווי צו ערקלעהרען די מאַסען, אַז זייערע אַנגעלעגענהייטען וועלען נאָר דאַן ריכטיג בעזאָרגט ווערען, ווען זיי וועלען זיי אַריינגעהמען אין זייערע אייגענע הענד, אָנשטאָט צו וואַרטען, ביז אַ צווייטער וועט זיי בעזאָרגען? וואָס איז נאָך לייכטער צו בעגרייפֿען פֿאַר זיי, ווי זיי צו ערקלעהרען, דאָס אויב זיי ווילען זיך ווירקליך בעפֿרייען, דאַרפֿען זיי קיינעם ניט ערלויבען זיי צו רעגירען? וואָס איז נאָך קלאָהרער און נאַטירליכער, אום צו בעאיינפֿלוסען די פֿאָרשטעלונגס-קראַפֿט פֿון די, וועלכע איהר געהט ערקלעהרען די אורזאַכען פֿון די סאָציאַלע איבלען, פֿון וועלכע זיי ליידען, און די מיטלען זיי צו פֿערניכטען, ווי זיי צו זאָגען, אַז זיי דאַרפֿען ניט קיינע פֿערמיטלער, וועלכע זאָלען בעשטימען זייערע האַנדלונגען, אַז זיי אַליין זיינען די איינציגע צו אורטהיילען, וואָס עס איז נויטווענדיג, כדי צו בעפֿרידיגען זייערע ווינשע און בעדירפֿניסע?

דער פֿאַקט אַליין, אַז דיזע אידעען האָבען אין זיך גענוג קראַפֿט, אום צו בילדען די איבערצייגונג פֿון אַ גרויסע צאָהל מענשען, וואָס קעמפֿפֿען און ליידען פֿאַר זיי, ניט ערוואַרטענדיג קיין דירעקטען נוצען פֿאַר זייער טהעטיגקייט, דיזע טהאַטזאַכע אַליין פֿערדינט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַלע ערנסטע און דיינקענדע פּערזאָנען, ניט אַכטענדיג אויף דעם בלינדען האַס פֿון די

איינע און די ווילדע פֿערדאַמונגען פֿון די אַנדערע, ניט אַכטענדיג אויף די ברוטאַליטעט פֿון די רעגירער, מאַכט דער אַנאַרכיזמוס שטענדיג פראָגרעס און בעווייזט דער בורזשואַזיע, אַז מען קען די וואַהרהייט ניט אונטערדריקען און ניט פֿערשווייגען. פֿריהער אָדער שפעטער וועט מען זיך דאַרפֿען רעכענען מיט איהר.

*
* *

דער אַנאַרכיזמוס האָט זיינע מערטירער, זיינע געפֿאַלענע, זיינע פֿערטהיידיגער, וואָס שמאַכטען אין די קערקערס, און זיינע פֿערשיקטע; אָבער טראָצדעם בלייבט ער שטאַרק און לעבענספֿעהיג, און די צאָהל פֿון זיינע פראָפאַגאַנדיסטען וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. פראָפאַגאַנדיסטען, וועלכע האָבען די פֿולע בעוואוסטזיניגקייט פֿון זייער אַגיטאַטאָרישער טהעטיגקייט, ווייל זיי האָבען בעגריפֿען די שעהנהייט פֿון דעם אַנאַרכיסטישען אידעאַל, און אַזעלכע, וואָס ווערן בעאיינפֿלוסט פֿון אַ טיעפֿען, אונבעזיגבאַרען אינסטינקט, אויסצודריקען זייער האַס געגען די בעשטעהענדע אינסטיטוציאָנען, דערפֿאַר וואָס זיי האָבען בעליידיגט זייערע טיעפֿסטע געפֿיהלען און עמפּפֿינדונגען פֿון וואַהרהייט און גערעכטיגקייט.

וועט דער מענש, האָבענדיג אַזאַ אידעאַל, ניט זיין אימשטאַנד צו צוברעכען אַלע קייטען פֿון דער אויטאָריטערער געוואַלד? און איז דען דיזער אידעאַל ניט געווען דער אייגענטליכער ציעל פֿון אַלע פֿערגאַנגענע רעוואָלוציאָנען?

ווען דער מענש זיפֿצט און קרעכצט נאָך ביז היינט צו טאָג אונטער דעם שווערען יאָך פֿון זיינע אונטערדריקער, ווען דער מענשליכער גייסט אונטערוואַרפֿט זיך נאָך אַלץ די טעגליכע בעליידיגונגען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, איז עס דערפֿאַר, ווייל די טראַדיציאָנען און געוואוינהייטען, די איינגעוואָרצעלטע פֿאָראורטהיילע, מיט איין וואָרט, ווייל די אונוויסענהייט איז ביז אַהער אימער שטאַרקער געווען פֿון זיינע האָפֿנונגען און ווינשע אויף בעפֿרייאונג, ווייל ער האָט זיך ביז יעצט אימער איינגערעדט, אַז ער איז פֿריי, ווען ער האָט אַוועקגעטריבען זיינע אַלטע הערשער און געזעצט נייע אויף זייערע פלעצער.

*
* *

די אַנאַרכיסטישע אידעען האָבען פֿערשפּרייט ליכט און לע־בען אין די מוחות פֿון די מענשען, נ ט נאָר אין די מוחות פֿון די אַרבייטער־מאַסען, נאָר אויך אין די מוחות פֿון די דענקער און פֿילאָזאָפֿען, דורך דעם וואָס זיי האָבען זיי פֿיעל געהאָלפֿען צו אַנאַליזירען זייערע געדאַנקען און אַנשויאונגען. זיי האָבען אונז געצייגט קלאָהר און דייטליך די אורזאַכען פֿון׳ם סאָציאַלען עלענד און די מיטלען ווי צו פֿערניכטען דיזע אורזאַכען. ערקלעהרענדיג אונז די אורזאַכען, פֿאַר וואָס אַלע פֿערגאַנגענע רעוואָלוציאָנען זיינען צו גרונדע געגאַנגען, האָבען זיי אונז אין דערזעלבער צייט געצייגט דעם וועג, וועלכען מיר מוזען געהן, אויב מיר ווילען דערגרייכען דעם ריכטיגען ציעל.

דיזע ענגע בעציהונגען צווישען די אַנאַרכיסטישע אידעען און די טיעפֿסטע געפֿיהלען פֿון׳ם מענשליכען האַרצען זיינען די אייגענטליכע אורזאַכע פֿון זייער אויסערגעוועהנליכער ענטוויקלונג, דער וואָרצעל פֿון זייער אינערליכער קראַפֿט און אינבעזיגבאַר־קייט. ניט די ברוטאַלע פֿערפֿאָלגונגען פֿון די רעגירונגען, ניט דער אונמעכטיגער האַס פֿון די אינטריגאַנטען און פּאָליטישע דעמאַגאָגען איז היינט אימשטאַנד זיי צו פֿערשפּאַרען דעם וועג; קיין מאַכט אין דער וועלט קען פֿערהינדערן, אַז דיזע אידעען זאָ־לען ניט ווערן וואָס ווייטער אַלס מעהר דער אידעאַל פֿון די עלענ־דע, די אָרעמע און אונטערדריקטע און די אינערליכע קראַפֿט פֿון זייערע שטרעבונגען פֿאַר פֿרייהייט און גערעכטיגקייט.

די גייסטיגע אַנשויאונגען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער גע־זעלשאַפֿט זיינען צו ענג, צו בעשריינקט פֿאַר די גרויסע שטרע־בונגען פֿון אונזער צייט. צופֿיעל גרויס־האַרציגע ווינשע און האָפֿנונגען ווערן דערשטיקט יעדען טאָג אין די ענגע גרענעצען פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט; צופֿיעל אינדיווידואַליטעטען, וועלכע געפֿינען ניט קיין פּלאַץ אין דער גייסטיגער שקלאַפֿעריי פֿון דער געגענוואַרט געהען טעגליך צו גרונדע; און אויב עס וואָלט דער הערשענדער קלאַסע אפילו געלונגען צו דערשטיקען די שטימען פֿון די אַנאַרכיסטען, דאַן וואָלט דיזע אונטערדריקונג געוועזען אַ נייער קוואַל פֿאַר די ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דעם טיעפֿען געזעלשאַפֿטליכען אַנטאַגאָניזמוס פֿון אונזער צייט.

אינדיווידואַליזמוס און סאָלידאַריטעט.

„אַנאַרכיע און קאָמוניזמוס, דאָס זיינען צוויי בעגריפֿע, וועלכע ווידערשפּרעכען זיך איינע די אַנדערע,“ אַזוי בעהויפּטען געוויסע איינגעשפּאַרטע געגנער, נאָר ליידער נעהמען זיי זיך אפילו ניט די מיה צו אונטערזוכען ריכטיג דיזע פֿראַגע.

„דער קאָמוניזמוס איז אַ פֿאָרמע פֿון אָרגאַניזאַציאָן, ער איז אַ הינדערניס פֿאַר דער פֿרייער ענטוויקלונג פֿון דער אינדיווידואַליטעט, פֿאָלגליך האָבען מיר מיט איהם ניט וואָס צו טהאָן. מיר זיינען אינדיווידואַליסטען, אַנאַרכיסטען, דאָס איז אַלעס,“ דאָס איז דער שטענדיגער געשריי פֿון געוויסע מענשען, וועלכע זיינען מייסטענטהיילס גאַנץ ערנסט און איבערגעבען צו זייערע אידעען, נאָר ליידער האָבען זיי אַ בעדירפֿניס צו מאַכען זיך פּראָגרעסיווער פֿון אַלע זייערע קאַמעראַדען, און ניט האָבענדיג קיין אייגענע אָריגינאַליטעט, גיבען זיי די אידעען, וועלכע זיי פּראָפּאַגאַנדירען אַ לעכערליכען און אַבסורדען אויסדרוק; אויסער דיזע עהרליכע עלעמענטען גיט עס אויך נאָך אַנדערע, וועלכע די פֿערטהיידיגער פֿון דער היינטיגער אָרדנונג שיקען דירעקט אין די רייהען פֿון זייערע געגנער, כדי זיי זאָלען אָנמאַכען צווישען זיי שטרייט און שפּאַלטונגען.

אָט דאָס איז די אורזאַכע, וואָרום די אַנאַרכיסטען האָבען זיך גענומען צו דיסקוטירען איבער אַנאַרכיע און קאָמוניזמוס, אינדיווידועלע איניציאַטיווע און אָרגאַניזאַציאָן, איבער דער ניצליכקייט אָדער שעדליכקייט צו ג־ינדען גרופּען, איבער עגאָאיזמוס און אַלטרואיזמוס און נאָך אַסך פֿראַגען, פֿון וועלכער יעדע איינציגע איז פּונקט אַזוי אַבסורד ווי אַלע אַנדערע; און צולעצט, ד.ה. אויב די דיסקוסיאָן געהט אָן צווישען עהרליכע און איבער־

געבענע מענשען, צייגט זיך אַרויס, דאָס אַלע ווילען אייגענטליך דיזעלבע זאַך, און זיי האָבען זיך מעהר ניט ווי אַרומגעריסען איבער פוסטע ווערטער.

לאָמיר זיך געגענזייטיג פערשטענדיגען: אַלע אַנאַ־כיסטען, וועלכע זיינען אין דערזעלבער צייט אָנהייגגער פון קאָמוניזמוס, ווייסען גאַנץ גוט, אַז דער אינדיווידואום איז ניט ספּעציעל געבאָ־ען געוואָרען פאַר דער געזעלשאַפט; זיי ווייסען, אַז די געזעלשאַפט האָט זיך פאָרמירט, כדי יעדער איינציגער אינדיווידואום זאָל האָבען מעהר מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען. עס איז גאַנץ קלאָהר, אַז ווען אַ געוויסע צאָהל מענשען גרופּירען זיך און פעראייניגען זייערע קרעפטע, וועלען זיי האָבען די מעגליכקייט צו פערשאַפען זיך מעהר פערגניגען און אַנגענעהמליכקייטען, פערבונדען מיט די קלענסטע אָנשטריינגונגען. קיינער פון זיי האָט ניט די אַבזיכט צו אָפּפערן זיין איניציאַטיווע, זיין ווילען, זיין אינדיווידואליטעט פאַר אַ זאָגענאַנטע אַלגעמיינהייט, וועלכע האָט אפילו ניט עקזיסטירט, איידער זיי האָבען זיך פעראייניגט, און וועלכע הערט אויף צו עקזיסטירען אין דעם מאָמענט, ווען זיי געהען זיך ווידער פונאַנדער.

* * *

די פלאַנמעסיגע פערווענדונג פון זייערע קרעפטע, כדי אַרויסצורייסען פון דער נאַטור די נויטווענדיגע מיטלען צו עקזיסטירען און דער בעוואוסטזיין, אַז זיי קענען דאָס נאָר דערגרייכען דורך אַ פעראייניגונג פון זייערע אינדיווידועלע אָנשטריינגונגען, אָט דאָס איז זיכער געווען די ערשטע אורזאַכע, וועלכע האָט אַרויסגערופען די ענטשטעהונג פון געזעלשאַפטליכע גרופּירונגען צווישען מענשען. מעגליך, אַז דיזע ערשטע מענשליכע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען זיך ענטוויקעלט גאַנץ אינסטינקטיוו, מעגליך, אַז די ספּאָנטאַנע איינשטימיגקייט פון אַלעמען האָט דערביי געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע ווי די פערנינפטיגע בערעכענונג; עס איז זאָגאַר זעהר וואַהרשיינליך, אַז די געזעלשאַפטליכע פעראייניגונג האָט אין אָנפאַנג נאָר עקזיסטירט פאַר בעשטימטע צייטען, אים אויסצופיהרען געוויסע אַרבייטען, און

נאָכדעם ווי זי האָט געענדיגט איהר מאָמענטאַנע אויפגאַבע, זיינען זיך אַלע ווידער צוגאַנגגען.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז צווישען די אַנאַרכיסטען געפינט זיך קיין איינציגער, וועלכער וויל, אַז די עקזיסטענץ פון דעם אינדי־ווידואום זאָל ווערען בעשטימט דורך דער געזעלשאַפט.

דער פרייער מענש, פאָלשטענדיג פריי אין אַלע זיינע האַנד־לונגען, דאָס איז דער ציעל, צו וועלכען מיר אַלע שטרעבען; און ווען עס געפינען זיך געוויסע מענשען, וועלכע פערוואַרפען יעדע אָרגאַניזאַציאָן און ווילען ניט וויסען פון קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר פון דעם אינדיווידואום, מענשען, וועלכע לאַכען זיך אויס פון יעדער געזעלשאַפטליכער פעראייניגונג, בעהויפטענדיג, אַז דער עגאָאיזמוס פון׳ם אינדיווידואום דאַרף זיין די איינציגע רעגעל פון זיין פערהאַלטען זיך צו די אַנדערע; אויב עס געפינען זיך אַזעלכע מענשען, וועלכע ערקלעהרען, אַז דער אייגענער איך דאַרף אונטער אַלע בעדינגונגען שטעהען העכער פון יעדער מענשליכער איבערלייגונג, דיינקענדיג, אַז דורך דעם זיינען זיי פאָרטגעשריטענער פון אַלע אַנדערע, בעווייזט עס נאָר איין זאַך, נעמליך, דאָס אַזעלכע מענשען האָבען קיינמאָל ניט שטודירט די פיזיאָלאָגישע און פסיכאָלאָגישע אָרגאַניזאַציאָן פון׳ם מענשען, זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט געגעבען די מיה, צו פערשטעהן זייערע אייגענע געפיהלען און עמפפינדונגען; מיט איין וואָרט — זיי האָבען ניט די קלענסטע פאָרשטעלונג איבער דאָס לעבען פון׳ם היינטיגען מענשען און זיינע פיזישע, מאָראַלישע און אינטעלעק־טועלע בעדירפניסע.

* * *

די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט צייגט אונז פער־שידענע פון דיזע ריין עגאָאיסטישע כאַראַקטערע: די ראָקפעלערס, די ראָטהשילדס, די וואַנדערבילס זיינען היינט גאָר ניט אַזוי זעלטען און מיר בעגעגענען זיך מיט זיי ניט נאָר אין די ראָמאַנען. מאַנכעסמאָל געפינען מיר אין אונזער אייגענעם קרייז אַזעלכע טיפּען, וועלכע דיינקען ניט פון קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר פון זיך אַליין, מענשען, וועלכע זעהען ניט קיין אַנדער זאַך

אין לעבען, ווי נאָר זייער פֿיל געליבטע אייגענע פערזענליכקייט, מי־ בעגעגענען זיך יעדען טאָג מיט אַזעלכע כאַראַקטערע. ווען זיי זעהען ערגעץ וואו אָנגעגרייט אַ גוטען דינער, ערקלעהרען זיי באַלד, אַז ער בעלאַנגט צו זיי. זיי לעבען אַ גוטען טאָג, וועהרענד אַנדערע געהען אויס פֿון הונגער. זיי בעטראַכטען עס פֿאַר אַ זעלבסטפֿערשטענדליכע זאַך, אַז די, וואָס רינגלען זיי אַרום, זאָלען זיך אויפֿאָפּפֿערען פֿאַר זיי; זיי קוקען זיך רוהיג צו, ווי מענער, פֿרויען און קינדער לייגען אַוועק פֿאַר זיי זייער אַרבייט און געזונד; זיי פֿיהלען קיין שאַנדע ניט און כאַפּען אריין, וואָס עס לאָזט זיך נאָר. די ליידען פֿון די אַנדערע שפּיעלען ביי זיי קיין ראָלע ניט, אַזוי לאַנג ווי זייער אייגענע עקזיסטענץ איז פֿריי פֿון ליידען און שמערצען. זיי בעגרייפֿען אפילו ניט, אַז זייער עקזיסטענץ איז די אורזאַכע, וואָס מאַכט אַנדערע צו ליידען. אַזוי לאַנג ווי זיי אַליין געפֿינען זיך גוט און בעקוועם, דאַרף די גאַנצע מענשהייט זיין רוהיג און צופֿרידען. — אָט האָט איהר אַ טיפּ פֿון אַ פֿאָלקאָמענען עגאָאיסט אין פֿולען זין פֿון וואָרט. אָבער יעדער איינציגער וועט מוזען צוגעבען, דאָס אַזאַ מין טיפּ איז אַ טרויעריגער, אַן עקעלהאַפֿטער טיפּ. אפילו דער ברוטאַלסטער בורזשואַ קומט ניט צו דיזען טיפּ; ער האָט מאַנכעסמאָל נאָך אין זיך אַ געוויסע ליעבע צו די זייניגע, אָדער ער האָט אירגענד אַן אַנדער זאַך, פֿאַר וועלכע ער פֿיהלט אַ סימפּאַטהיע און צונייגונג. אונז דוכט זיך, אַז די ערנסטע אָנהייגער פֿון'ם אינדיווידואַליזמוס, ווי ווייט זיי זאָלען ניט געהן אין זייערע אידעען, האָבען זיי זיכער קיינמאָל ניט גע'חלום'ט אונז פֿאָרצושטעלען אַזאַ טיפּ אַלס דעם אידעאַל פֿון דער צוקינפֿטיגער מענשהייט. און די קאָמוניסטישע אַנאַרכיסטען האָבען אויך קיינמאָל ניט געטרוימט פֿון אַ געזעלשאַפֿט, אין וועלכע דער איינצעלנער מענש זאָל זיין אונטערדריקט און פֿערשקלאַפֿט. אָבטהיילענדיג דעם אינדיווידואום פֿון דער געזעלשאַפֿט, אָדער די געזעלשאַפֿט פֿון'ם אינדיווידואום קען מען מאַכען פֿון יעדער טהעאָריע אַ לעכערליכע קאַריקאַטור, אַן אַבסורדע פֿאָרשטעלונג.

* * *

דער מענש האָט אַ רעכט צו זיין פֿאָלקאָמען פֿריי און צו בעפֿרידיגען זיינע אַלע בעדירפֿניסע; מיט דעם זיינען מיר אַלע איינפֿערשטאַנען; נאָר אַזוי ווי עס עקזיסטירען העכער פֿון אַ מיליאַרד מענשען אויף דער וועלט, וועלכע האָבען אַלע דיזעלבע רעכטע און דיזעלבע בעדירפֿניסע, דאַרפֿען מיר זעהען. אַז די רעכטע פֿון אַלעמען זאָלען געפֿינען אַ פֿרייען אויסדרוק, און אַז קיינער זאָל ניט בעשרייבקען די רעכטע פֿון אַ צווייטען; ווייל אין אַזאַ פֿאַל וואָלטען מיר ווידער געהאַט דיזעלבע אונטערדריקונג ווי בעפֿאָר, און די גאַנצע רעוואָלוציאָן וואָלט געווען פֿאַר אומזיסט.

מיר דאַרפֿען פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿערגעסען, דאָס אונזער היינטיגע קאָרומפּירטע געזעלשאַפֿט, וועלכע גרינדעט זיך אויף דעם אַנטאַגאָניזמוס פֿון די אינטערעסען, און וועלכע צווינגט די מענשען אָנצופֿיהרען אַ שטענדיגען קאַמפּף איינער געגען דעם צווייטען, כדי צו האָבען א מעגליכקייט צו עקזיסטירען, דיזע געזעלשאַפֿט טראָגט זעהר פֿיעל ביי צו פֿערבלענדען די אויגען פֿון פֿיעלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען און מאַכט אָן אַ גאַנצען טומאַן אין זייערע געדאַנקען און פֿאָרשטעלונגען.

אום צו מאַכען אַ לעבען אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, דאַרף מען זיין אָדער אַ גנב אָדער אַ בע׳גנב׳עטער; מען דאַרף פֿערניכטען אַנדערע, אָדער זיך אַליין לאָזען פֿערניכטען. אַן אַנדער וועג איז ניט דאָ. דער וואָס וויל היינט העלפֿען זיין חבר, דאַרף מורא האָבען, ער זאָל ניט ווערען בעטראָגען, און אַזוי האָט זיך ביי די, וועלכע ליבען ניט אַריינצודרינגען טיעפֿער אין די אורזאַכען פֿון די סאָציאַלע ערשיינונגען, ענטוויקעלט דער גלויבען, אַז די מענשען קענען ניט אויסקומען, ניט אָנפֿיהרענדיג אַ שטענדיגען קאַמפּף איינער געגען דעם צווייטען.

די אַנאַרכיסטען בעהויפּטען, אַז די געזעלשאַפֿט דאַרף זיך גרינדען אויף די ברידערליכע סאָלידאַריטעט פֿון איהרע מיטגלידער. דאָס גליק פֿון איין מענשען דאַרף ניט פֿעראורזאַכען ליידען און שמערצען פֿון אַ צווייטען מענשען. דער אינדיווידועלער וואָהלזיין דאַרף זיך גרינדען אויף דעם וואָהלזיין פֿון אַלעמען, און ווען

איין מענש פיהלט זיך בעליידיגט אין זיין אויטאָנאָמיע און פער־הינדערט אין זיין פערגניגען, דארפען אַלע אַנדערע מיטפיהלען מיט איהם און זוכען מיטלען צו היילען זיינע שמערצען.

אַזוי לאַנג ווי דיזער אידעאַל וועט ניט ווערען פערווירקליכט, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען ניט דערגרייכען דיזען ציעל, אַזוי לאַנג וועט די גאַנצע מענשליכע געזעלשאַפט מעהר ניט זיין ווי אַ גרויסע רויב־אָרגאַניזאַציאָן, און די אונטערדריקטע און בעליי־דיגטע וועלען זיך נעהמען דאָס רעכט צו רעוואָלטירען געגען דיזען צושטאַנד.

ווען דער מענש וואָלט געווען אימשטאַנד צו לעבען פאַר זיך אַליין, ווען ער וואָלט זיך געקענט צוריק־קעהרען צו דעם זאָגענאַנטען „נאַטור־צושטאַנד", וואָלטען מיר פערשפּאָרט צו דיסקוטירען, ווי אַזוי מען דאַרף לעבען. יעדער איינציגער וואָלט דאַן געלעבט, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט די מעגליכקייט. די ערד איז גענוג גרויס, כדי אַלע זאָלען זיך געפינען אַ פּלאַץ; אָבער די פראַגע איז די — צו די ערד שאַפט גענוג לעבענס־מיטלען פאַר אַלע? מיט דעם זיינען מיר ניט זיכער, און עס וואָלט זיך וואַהרשיינליך אָנגעפאַנגען אַ ווילדע מלחמה צווישען די מענשען, דער „קאַמפּף אום ראַזיין", אַזוי ווי ער האָט עקזיסטירט אין די אַלטע פרימיטיווע צייטען אין זיין גאַנצער ברוטאַלער ווילדקייט. דאָס וואָלט געווען דער אָנפאַנג פון די ענדע, מיר וואָלטען צו־ריק אָנגעקומען אויף דעמזעלבען פּונקט, כדי נאָך אַמאָל דורכ־צומאַכען דיזעלבע ענטוויקלונג. די שטאַרקערע וואָלטען אונטער־דריקט די שוואַכע, שפּעטער וואָלטען די אינטריגאַנטען פערנומען דעם פּלאַץ פון די שטאַרקע, און אָנשטאָט די פּערזענליכע קראַפט, וואָלטען מיר ווייטער געהאַט די פינאַנציעלע קראַפט, דאָס געלד.

ווען מיר האָבען געמוזט דורכמאַכען דיזע לאַנגע פּעריאָדע פון בלוט, עלענד און אויסבייטונג, וועלכע מיר רופען די געשיכטע פון דער מענשהייט, איז עס דערפאַר, ווייל דער מענש איז טאַקי געווען אַן עגאָאיסט אין פולען זין פון וואָרט. ער האָט מעהר ניט געזעהן ווי דעם ערשטען פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציאָן — די

בעפֿרידיגונג פֿון זיין פֿערזענליכען פֿערגנינגען אום יעדען פּרייז. ווען ער האָט געקענט אונטערדריקען דעם שוואַכען, האָט ער עס געטהאָן, ניט זאָרגענדיג זיך וועגען די קאָנסעקווענצען פֿון זיינע האַנדלונגען. ער האָט מעהר ניט געזעהן ווי דעם מאָמענ־טאַנען נוצען פֿון זיין האַנדלונג, און האָט ניט בעגריפֿען, אַז די נויטווענדיגקייט צו בעוואַכען זיינע שקלאַפֿען, צו דערשטיקען יעדען פֿערזוך פֿון אויפֿשטאַנד א.ז.וו. וועט איהם ביסלעכווייס פֿערשאַפֿען אַזוי פֿיעל אַרבייט און זאָרגען, און אַז עס וואָלט גלייכער געווען פֿאַר איהם, צו אַרבייטען זייט ביי זייט מיט די אַנדערע און העלפֿען פֿערבעסערן די געמיינשאַפֿטליכע בעדינ־גונגען פֿון זייער לעבען. דאָס זיינען אויך געווען די אורזאַכען, וועלכע האָבען אַרויסגערופֿען די ענטשטעהונג פֿון פּריוואַט־אייגענטהום און אויטאָריטעט.

אויב מיר זאָלען אַננעהמען דיזע טהעאָריע, אַז דער נאָ־קעטער עגאָאיזמוס דאַרף זיין די איינציגע קראַפֿט, וועלכע קען בעשטימען אונזערע האַנדלונגען, אַז יעדער איינציגער מענש דאַרף ניט אַנערקענען קיין אַנדער זאַך ווי דעם קולטור פֿון זיין אייגענעם איך, וואָלט עס געהייסען מאַכען פֿון דער ערד אַ שטענדיגע שלאַכט־פֿעלד; יעדער איינציגער וואָלט דאַן געאַר־בייט, כדי זיך צו פֿערשאַפֿען די נויטווענדיגע מיטלען צום לעבען, ניט קוקענדיג אויף די ליידען אין שמערצען פֿון די אַנדערע. אַננעהמען אַזאַ טהעאָריע, הייסט אייגענטליך צו ע־קלעהרען, אַז די קומענדע רעוואָלוציאָן וועט ווערען געמאַכט פֿאַר די שטאַרקע, און אַז די נייע געזעלשאַפֿט וועט זיין אַ שטענדיגער קאַמפּף צווישען די איינצעלנע אינדיווידוען. אויב דאָס וואָלט ווירקליך געווען דער גאַנצער אידעאַל, וואָלט זיכער ניט נייטיג געווען פֿאַר אונז, מיר זאָלען פֿערטהיידיגען די אידעע פֿון דער אַלגע־מיינער בעפֿרייאונג. עס וואָלט אין גאַנצען לעכערליך געווען צו רעוואָלטירען געגען די היינטיגע געזעלשאַפֿט, נאָר דערפֿאַר, ווייל זי גיט אונז ניט די מעגליכקייט צו לעבען אַ גוטען טאָג.

מעגליך, אַז עס גיט ווירקליך איניגע פֿון די, וואָס רופֿען זיך אַנאַרכיסטען, וועלכע בעטראַכטען די פֿראַגע פֿון אַזאַ

שטאַנדפונקט. דאָס ערקלעהרט אונז אויך, וואַרום עס טרעפט מאַנכעסמאָל, אַז געוויסע אינדיווידועו, וועלכע האָבען פריהער אַטאַקירט די יעצטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג מיט אַלע מיט־לען, וואַרפען פלוצלונג אַוועק זייערע אידעען און פערטהיידיגען די מאָדערנע געזעלשאַפט, וויבאַלד זיי האָבען געפונען אַ גע־זיכערטע שטעלונג.

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז מיר בעקעמפפען די היינטיגע געזעלשאַפט, ווייל זי ערלויבט אונז ניט צו בעפרידיגען אונזערע בעדירפניסע און שטרעבונגען; אָבער מיר האָבען אויך פערשטאַנען, דאָס אונזערע פערזענליכע אינטערעסען זיינען אייננ פערבונדיין מיט די אינטערעסען פון אַלע אַנדערע, און דערפאַר פאָדערן מיר, דאָס אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט זאָלען האָבען אַ מעגליכקייט צו בעפרידיגען זייערע בעדירפניסע.

* * *

דער מענש איז אימער עגאָאיסטיש, ער האָט שטענדיג אַ בעדירפנים צו בעטראַכטען זיין אייגענ״ם איך אַלס דעם צענטער פון דער גאַנצער וועלט. אָבער זיין אינטעליגענץ האָט זיך ענט־וויקעלט, ער האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, דאָס אויסער זיין אייגענעם איך גיט עס נאָך אַנדערע מענשען, וועלכע ווילען אויך בעפרידיגען זייערע פערזענליכע בעדירפניסע. ער האָט בעגריפען, אַז דיזע אַנדערע האָבען אויך אַ רעכט צו עקזיסטירען; און דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום די סענטימענטאַליסטען, די מיס־טיקער פריידיגען די לעהרע, אַז דער מענש זאָל זיך אויפאָפפערן און נאָר לעבען פאַר זיינע חברים.

די שטאַאַטס־מענער און געזעלשאַפטס־פערמיטלער האָבען שטענדיג געפריידיגט, אַז די מענשליכע אינדיווידואַליטעט דאַרף ווערען אונטערדריקט צו גונסטען דער אַלגעמיינהייט; דיזע דאָגמאַ האָט פונקט אַזויפיעל בייגעטראָגען אויפצוהאַלטען דעם מאָדערנען געזעלשאַפטליכען סיסטעם ווי די ברוטאַלע געוואַלד; אָבער דיזעלבע פערמיטלער און שטאַאַטס־מענער זיינען גע־צוואונגען געוועזן צו האַנדלען געגען זייערע אייגענע פרינציפען, מיט דעם וואָס זיי האָבען געמוזט געבען אַ גרעסערען פלאַץ

פֿאַר די מאַניפֿעסטאַציאָן פֿון די אינדיווידועלע פֿערשידענהייטען און אייגענשאַפֿטען פֿון׳ם אינדיווידואום.

עס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז דער איינזייטיגער און שלעכט פֿערשטאַנדענער עגאָאיזמוס איז אַ הינדערניס פֿאַר די נאָרמאַלע טהעטיגקייט פֿון אַ געזעלשאַפֿט; אָבער עס איז אויך אונבעשטרייטבאַר, אַז דער גייסט פֿון אויפֿאָפּפֿערונג און ענטזאַגונג איז דער אונטערגאַנג פֿון דער מענשליכער אינדיוויי־דואַליטעט. זיך אויפֿצואָפּפֿערן פֿאַר אַנדערע, הויפּטזעכליך ווען די אַנדערע זיינען אויך גאַנץ גלייכגילטיג, איז אַ זאַך, וועלכע ליגט ניט אין דער מענשליכער נאַטור. עס וואָלט זיכער געווען שלעכט פֿאַר דער מענשהייט, ווען זי וואָלט בעהערשט געוואָרען פֿון יענעם ריין עגאָאיסטישען גייסט, אַזוי ווי מאַנכע איינזייטיגע און קורצזיכטיגע מענשען פֿערשטעהען איהם; עס וואָלט אָבער זיכער ניט בעסער געווען פֿאַר איהר, ווען דער איינצעלנער מענש וואָלט נאָר עקזיסטירט דורך און צוליעב די אַנדערע. מיט איין וואָרט — דער ריינער אַלטרואיזמוס איז פּונקט אַזוי איינ־זייטיג און בעשריינקט ווי דער ריינער עגאָאיזמוס.

קיינער פֿין אונז צווייפֿעלט ניט, אַז דער ריינער עגאָאיז־מוס, אָבגעטהיילט פֿון אַלע אַלטרואיסטישע געפֿיהלען, אָדער פֿערקעהרט — דער ריינער אַלטרואיזמוס, אָבגעטהיילט פֿון אַלע עגאָאיסטישע שט־עבינגען, איז אַ געפֿאַהר פֿאַר דעם אינדיוויי־דואום און אין דערזעלבער צייט אַ געפֿאַהר פֿאַר דער געזעל־שאַפֿט; אָבער מיר זיינען זיכער, אַז דורך אַ פֿעראייניגונג פֿון דיזע ביידע אינסטינקטען וועט אַרויסקומען אַ דריטע אייגענ־שאַפֿט — די סאָלידאַריטעט, וועלכע וועט זיין דער מאָראַלישער און עטהישער פֿונדאַמענט פֿון די קומענדע געזעלשאַפֿטען.

מיר דאַרפֿען איין פֿאַר אַלע מאָל פֿערשטעהן, אַז מיר פֿעראייניגען זיך מיט די אַנדערע, כּדי צו געפֿינען אַ בעפֿרידי־גונג פֿון אונזערע שטרעבונגען און בעדירפֿניסע. אַזאַ פֿעראייני־גונג איז מעגליך אָהן געוואַלד און אָהן פֿע־מיטלערס, זי גרינדעט זיך אויף אַ בעדירפֿניס פֿון אונזער נאַטור, און וואָס מעהר זי וועט בעפֿרידיגען אונזערע בעדירפֿניסע, אַלץ מעהר וועלען מיר

זיין פֿעראינטערעסירט אָבצוגעבען אונזער ענערגיע און טהעטיג־קייט פֿאַר איהר עקזיסטענץ.

זייענדיג אַלע פֿעראייניגט אין דער פּראָדוקציאָן, האָט יעדער איינציגער פֿון אונז אַ רעכט צו געניסען די פֿרוכט פֿון זיין אַרבייט, אָדער בעסער געזאָגט, מיר אַלע האָבען אַ רעכט צו געניסען די פֿרוכט פֿון אונזער געמיינשאַפֿטליכער אַרבייט. דאָס איז גאַנץ קלאָהר, נאָר אפשר וועט מען אונז זאָגען, אַז די סאָ־לידאַריטעט וועט וואַהרשיינליך קיינמאָל ניט עקזיסטירען צווישען די מענשען, ווייל די אַלגעמיינע בעדירפֿניסע וועלען שטענדיג זיין גרעסער, ווי די מיטלען זיי צו בעפֿרידיגען. עס גיט אַ גלייכוואַרטעל, אַז ביי דעם מענשען זיינען די אויגען שטענדיג גרעסער פֿון דעם בויך. און דערפֿאַר האָבען דיזע אַלע בע־הויפּטונגען פֿאַר אונז אַ גאַנץ קליינעם ווערטה. מיר זיינען זאָגאַר איבערצייגט, אַז וואָס שטאַרקער עס וועט ביי איהם זיין אַ וואונש, אַ בעדירפֿניס, אַלץ טהעטיגער וועט ער זיין, כדי איהם צו קענען רעאַליזירען. די בעדירפֿניסע פֿון׳ם מענשען זיינען אונענדליך, פֿאָלגליך איז אויך זיין טהעטיגקייט אָן אונענדליכע; ער וועט שטענדיג געפֿינען די נייטיגע מיטלען, אום צו פֿערווירקליכען זיינע אידעען און פֿאָרשטעלונגען, און גראַדע פֿון דיזער פֿערשי־דענהייט פֿון די מענשליכע בעדירפֿניסע וועט זיך ענטוויקלען די אַלגעמיינע האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפֿט.

* * *

אין אונזער געזעלשאַפֿט, וואו דער מענש איז געצוואונגען זיך צו בענוצען מיט יענעמ׳ס אַרבייט, כדי ער זאָל האָבען אַ מעגליכקייט צו קריגען די נויטווענדיגע מיטלען צו עקזיסטירען, גיט עס נאָר איין אויסוועג: צו פֿערשאַפֿען זיך גענוג געלד, אום צו קויפֿען אַלעס, וואָס עס שיינט איהם ווערטה צו בעזיצען; און ווייל די האַנד־אַרבייט קען אונטער די היינטיגע אומשטענדע דעם מענשען אויך ניט פֿערזיכערן, ער זאָל ניט שטאַרבען פֿון הונגער, פֿערזוכט יעדער איינער, וועלכער איז ניט אימשטאַנד צו מאַכען אַ לעבען פֿון דער אַרבייט, צו פֿערשאַפֿען זיך געלד מיט אַלע מיטלען, כדי ער זאָל נאָר ניט זיין געצוואונגען צו

אַרבייטען. מאַנכע ווערען שטאַאַטס־בעאַמטע און זשורנאַליסטען און פֿערשטעהען ווי צו פֿישען אין די מוטנע וואַסער פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט; אַנדערע האָבען פֿעהיגקייטען פֿאַר דעם האַנדעל און מאַכען זייערע פּראָפֿיטען, בע׳גנב׳ענדיג זייערע מיטמענשען; זיי בעטריגען, שווינדלען, שפּעקולירען און לאָזען איבער די ניצליכע אַרבייט פֿאַר די אַנדערע. יעדער איינציגער פֿון זיי מאַכט מעהר אָדער וויינינגער שמוציגע געשעפֿטען, און אַלע געפֿינען זייער רעכענונג און לעבען אַ גוטען טאָג אויף די קאָסטען פֿון דער פּראָדוקטיווער טהעטיגקייט. אָט אַזוי פֿערזוכט יעדער איינער צו לעבען וואָס בעסער, ניט קוקענדיג אויף דעם צווייטען, וועלכער געהט אוים פֿון הונגער — און דאָס איז די אורזאַכע פֿון יענעם ברוטאַלען און אונפֿערנינפֿטיגען עגאָאיזמוס, וועלכער — ווי עס ווייזט אוים — איז היינט געוואָרען די איינציגע אָנט־ייבענדע קראַפֿט פֿון אַלע מענשליכע האַנדלונגען.

אָבער מיט דער צייט האָט דער מענש געמוזט איינזעהן, אַז ער לעבט ניט נאָר פֿאַר זיך און דורך זיך אַליין. אפֿילו דער „פֿאָלקאָמענסטער עגאָאיסט“, וועלכען די מענשהייט האָט ענטוויקעלט, האָט היינט מעהר אָדער וויינינגער צו ליידען דורך די שמערצען פֿון די, וואָס רינגלען איהם אַרום, און זיינע נידעריגע פֿערגניגונגען ווערען געשטעהרט דו־ך דעם געדאַנק, אַז אין דער היינטיגער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן, קען מען נאָר לעבען, אום צו ליידען. די בורזשואַזיע האָט אין איהרע רייהען געוויסע אינדיווידואַליטעטען, ביי וועלכע דיזע געפֿיהלען זיינען זעהר שטאַרק ענטוויקעלט; און ווען דער איינפֿלוס פֿון זייער קרייז מענשען, זייער ערציהונג און די טראַדיציאָנעלע פֿאָראורטהיילע פֿון זייער קלאַסע לאָזען זיי נאָר גענוג צייט נאָכצודיינקען איבער דעם גרויזאַמען צושטאַנד פֿון די עלענדע און אויסגעשטויסענע פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט, ווען זיי דויבען נאָר ערשט אָן נאָכצודיינקען וועגען זייער אייגענער עקזיסטענץ, דאַן פֿערזוכען זיי צו פֿערג־ינגערן די אַלגעמיינע ליידען דורך פֿילאַנטראָפּישע האַנדלונגען און וואָהלטהעטיגע אינסטיטוציאָנען. אָבער די געוואוינהייט צו גלויבען, אַז די מאָדערנע געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג

איז געזונד און נאָרמאַל, די געוואוינהייט צו בעטראַכטען דאָס עלענד אַלס אַ טרויעריגע, אָבער אונפערמיידליכע און אייביגע ערשיינונג, א פראָדוקט פון דער אונוויסענהייט און פערדאָרבענ־הייט פון די אַרבייטער. אָט דיזע אַלטע איינגעוואָרצעלטע פאַר־שטעלונגען גיבען דער פילאַנטראָפּיע דיזען טרוקענען און אינקר־וויזיטאָרישען כאַראַקטער, וועלכען זי צייגט אַרויס ביי יעדער געלעגענהייט.

קיין זאַך איז ניט אַזוי שווער פאַר אַ מענשען, וועלכער איז געבאָרען, ערצויגען און ענטוויקעלט געוואָרען אין דער אַטמאָס־פערע פון רייכטהום און לוקסוס, ווי צו בעגרייפען, אַז די געזעלשאַפטליכע ראָלע, וועלכע ער שפּילט, איז ניט קיין בע־רעכטיגטע, און נאָר אונטער גאַנץ זעלטענע און אויסערגעוועהנ־ליכע אומשטענדע געלינגט עס איהם זיך צו בעפרייען פון זיינע פאַלשע פאָרשטעלונגען. פאַר אַ מענש, וועלכער האָט זיך „אַרויפ־געאַרבייט", ווי מען רופט עס, זיינען די שוועריגקייטען נאָך גרעסער, דערפאַר וואָס ער האָט זיך איינגערעדט, אַז זיין גינס־טיגע לאַגע איז ניט מעהר און ניט וויינינער ווי דער רעזולטאַט פון זיין טאַלאַנט און אַרבייט.

די רעליגיאָן, די פאַלשע פאָרשטעלונגען און אונזערע עקאָ־נאָמיסטען האָבען שטענדיג ערקלעהרט, אַז די אַרבייט איז אַ מין שטראָף פאַר'ן מענשען, און דאָס עלענד איז די פאָלגע פון אַ געטליכען פלוך, ווי אַזוי קענען מיר אַלזאָ גאָר ערוואַרטען, דאָס אַ מענש, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געדאַרפט קעמפפען פאַר זיין טעגליך לעבען, ווי אַזוי קען מען גאָר ערוואַרטען, פ־עג איך, דאָס אַזאַ מענש זאָל זיך ניט האַלטען פאַר אַ בעסערע בעשעפּענים, פאַר אַן אויסערוועהלטען צווישען די הונדערט טויזענדער עלענדע און אונגליקליכע, וואָס רינגלען איהם אַרום? אָבער אין דעם אויגענבליק, ווען אַזאַ מענש הויבט אָן צו צווייפ־לען אין דער בערעכטיגונג פון זיין געזעלשאַפטליכער עקזיסטענץ אין דעם מאָמענט, ווען ער פאַנגט אָן צו שטודירען די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָנען, אין דעמזעלבען מאָמענט פאַנגען זיך אָן זיינע ליידען, פאָראויסגעזעצט, אַז ער האָט גענוג געפיהל אין זיך,

אום צו בעגרייפֿען, אַז דער קוואַל פֿון זיין פֿערגניגען און זיינע פֿ־יידען איז אַ פֿערגיפֿטעטער. דיזער מענש מוז ליידען, דיינ־קענדיג און וויסענדיג, אַז זיין לוקסוס איז דער לאָגישער און אונפֿערמיידליכער רעזולטאַט פֿון דעם עלענד און די שמערצען פֿון אַ מאַסע אַרבייטער, און דאָס יעדער פֿערגניגען זיינער ווע־ט בעצאָהלט מיט די בלוט און ליידען פֿון די, וועלכע זיינען פֿערדאַמט צו פּראָדוצירען רייכטהימער פֿאַר אַנ־ערע. און ווען די פֿעהיגקייט צו קעמפּפֿען איז ביי אַזאַ מענש פּונקט אַזוי גוט ענטוויקעלט ווי זיינע געפֿיהלען, וועט ער זיך ביסלעכווייס ענטוויקלען צו אַ רעבעל, א רעוואָלוציאָנער, ער וועט קעמפּפֿען געגען דער סאָציאַלער אָרדנונג, ווייל זי גיט איהם ניט קיין מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע צופֿרידענהייט.

* * *

דען מיר דאַרפֿען ניט פֿערגעסען, אַז די סאָציאַלע פֿראַגע איז ניט קיין ריין מאַטעריעלע פֿראַגע. קיינער צווייפֿעלט ניט, אַז פֿריהער פֿון אַלעם קעמפּפֿען מיר, אום צו שאַפֿען ברויט פֿאַר אַלעמען; אָבער מיט דעם ענדיגען זיך נאָך ניט אונזערע שטרע־בונגען; מיר קעמפּפֿען אויך פֿאַר אַזאַ צושטאַנד, וואו יעדער איינציגער מענש זאָל זיך קענען ענטוויקלען, לויט זיינע אינדי־ווידועלע פֿעהיגקייטען, אַ צושטאַנד, וועלכער גיט אַלעמען די פֿולע מעגליכקייט צו בעפֿרידיגען זייערע מאָראַלישע און אינטע־לעקטועלע בעדירפֿניסע.

עס איז וואַהר, אַז פֿאַר מאַנכע אַנאַרכיסטען איז די סאָציאַלע פֿראַגע אַ ריין מאַטעריעלע, אָדער בעסער געזאָגט, אַ ריין עקאָנאָמישע פֿראַגע, און דאָס איז אויך די אורזאַכע, פֿאַר וואָס עס געהען אָן אַזעלכע מערקווירדיגע דיסקוסיאָנען אין אונזערע רייהען, און פֿאַרוואָס די אַנזיכטען איבער עגאָאיזמוס און אַל־טרואיזמוס און אַנדערע וויכטיגע פֿראַגען זיינען אַזוי פֿערשידען ביי פֿיעלע גענאָסען. אָבער לאָמיר ניט פֿערגעסען, דאָס אַזעלכע איינזייטיגע אַנשויאונגען קענען זיין אַ דירעקטע געפֿאַהר פֿאַר דעם ערפֿאָלג פֿון דער קומענדער רעוואָלוציאָן; און אויב מיר וועלען זיך ווירקליך אָבשטעלען ביי דער ריין עקאָנאָמישער זייטע

פֿון דער סאָציאַלער פֿראַגע, וואָלטען מיר גראַד אַזוי גוט געקענט אָננעהמען די אידעען פֿון די שטאַאַטס־סאָציאַליסטען, וועלכע פֿערזיכערן אונז ביי יעדער געלעגענהייט, אַז זייער סיסטעם וועט בעפֿרידיגען אַלע פֿיזישע און מאַטעריעלע בעדירפֿניסע פֿון די מענשען.

אויב די קומענדע רעוואָלוציאָן זאָל זיך נאָר בעשריינקען אויף דיזע איינציגע פֿראַגע פֿון דעם מאַטעריעלען לעבען, וואָלטען מיר געדאַרפֿט שטאַרק מורא האָבען, אַז זי זאָל זיך ניט אָבשטעלען אויף אַ האַלבען וועג און שפּעטער געבען דער בורזשואַזער רעאַקציאָן די מעגליכקייט צו פֿערניכטען די רעבעלען. גליקליכערווייזע ווייסען מיר גאַנץ גוט, אַז די אַרבייטער בעשעפֿטיגען זיך שוין יעצט מיט גאַנץ אַנדערע פֿראַגען, און דאָס איז די זיכערסטע און בעסטע גאַראַנטיע, אַז דער ציעל פֿון דער קומענדער רעוואָלוציאָן וועט ניט נאָר זיין די לייזונג פֿון אַ פּראָסטער מאָגען־פֿראַגע. גאַנץ געוויס, די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון די אַנאַרכיסטען וועט זיין די עקספּראָפּריאַציאָן פֿון די סאָציאַלע רייכטהימער, אום צו פֿערזיכערן דעם ערפֿאָלג פֿון דער רעוואָלוציאָן; זיי וועלען אויפֿפֿאָדערן די אָרעמע און עלענדע צוריקצונעהמען די מאַגאַזינען, די מאַשינען, די פֿאַבריקען, די אַרבייטס־געצייג און די ערד, זיי וועלען זיין די ערשטע, וועלכע וועלען פֿערניכטען אַלע אייגענטהומס־דאָקומענטען פֿון די קאַפּיטאַליסטען און גרונד־בעזיצער און צושטעהרען אַלע פֿאָרמען און אינסטיטוציאָנען פֿון דעם אינדיווידועלען אייגענטהום. אָבער אום אויסצופֿיהרען דיזע אַרבייט, דאַרף מען האָבען מענשען, בעוואוסטע מענשען, וועלכע ווייסען, וואָס זיי ווילען, מענשען, וועלכע האָבען פֿערשטאַנען זייערע רעכטע און פֿערשטעהען זיי ווי צו פֿערטהיידיגען. די אונצופֿרידענהייט איז אַ גוטע זאַך, אַבער אַזוי לאַנג ווי די אונצופֿרידענע ווייסען ניט זייער ציעל און די אורזאַכע פֿון זייערע ליידען, אַזוי לאַנג האָט זי קיין גרויסען ווערטה ניט; און דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום אַ ריינע ברויט־פֿראַגע וועט קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד אויסצופֿיהרען די גרויסע סאָציאַלע אומוועלצונג פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג.

איים דיזעם גרונד בעשעפֿטיגען זיך די אַנאַרכיסטען מיט אַלע פֿראַגען פֿון קונסט, וויסענשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע, אָבוואָהל זייער ערשטער ציעל איז די פֿערזיכערונג פֿון דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ, אַלס די איינציגע גאַראַנטיע פֿאַר די וויטערע ענט־וויקלונג פֿון׳ם מענשען. שטודירענדיג דיזע אַלע פֿראַגען, געפֿינען זיי איבעראַל נייע אַרגומענטע צו בעווייזען די ריכטיגקייט פֿון זייערע אידעען; איבעראַל געפֿינען זיי נייע אָנהייגער, וועלכע מאַכען שטאַרקער זייער פראָטעסט און פֿערמעהרען זייערע קענטניסע. און דיזע קענטניסע זיינען אַזוי צאָהלרייך און מעכטיג, דאָס אפילו די פריוועליגירטע דיינקער זיינען געצוואונגען זיך צו בענוצען מיט זיי. דער אַנאַרכיזמוס איז ניט דאָס פראָדוקט פֿון איינצעלנע שאַרפֿזיניגע גייסטער, ער איז דאָס קאָלעקטיווע רעזולטאַט פֿון אַלע שאַפֿענדע קרעפֿטע, וועלכע מאַניפֿעסטירען זיך צווישען די מאַסען; יעדער איינציגער העלפֿט מיטצומאַכען דיזע אידעע טיעפֿער און ברייטער, און דערפֿאַר זיינען מיר בע־רעכטיגט צו זאָגען, אַז דער אַנאַרכיזמוס איז דאָס קאָלעקטיווע פראָדוקט פֿון אַלע מאָדערנע מענשליכע שטרעבונגען.

צו אונפֿערשטענדליך.

איהר זייט צו אַבסטראַקט, צו אונפֿערשטענדליך!

אָט דאָס איז איינע פֿון די בעהויפּטונגען, מיט וועלכע פֿיעלע פערזאָנען אַרגומענטירען זעהר אָפֿט געגען די אַנאַרכיסטען. זיי ערקלעהרען אונז, דאָס אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ וואָלט זיכער געהאַט אַ בעסערען ערפֿאָלג, ווען מיר זאָלען די סאָציאַלע ערשיינונגען ניט בעטראַכטען פֿון אַזאַ הויכען שטאַנדפּונקט. אַ בעוועגונג, וועלכע ווענדעט זיך הויפּטזעכליך צו די אַרבייטער—אַזוי זאָגען זיי—דאַרף זיך וואָס טיעפֿער אַראָבלאָזען צו די מאַסען.

מיר האָבען שוין פֿריהער אָנגעדייטעט, אַז די ענטוויקלונג פֿון אונזערע אידעען האָט אונז געצוואונגען, זיך אָפֿטמאָל צו בעשעפֿטיגען מיט אַזעלכע פֿראַגען, וועלכע זיינען ניט אימער אין אָנקלאַנג מיט דעם געשמאַק און די גייסטיגע פֿעהיגקייטען פֿון די, צו וועלכע מיר ריידען און אַגיטירען. דאָס איז אַ פֿאַקט, וועלכען מיר בעדויערן, אָבער ליידער זיינען מיר ניט אימשטאַנד איהם איבערצוענדערן.

מיר וויסען זעהר גוט, אַז פֿאַר די וואָס הויבען ערשט אָן זיך צו בעשעפֿטיגען מיט דער סאָציאַלער פֿראַגע זיינען אונזערע שריפֿטען אָפֿטמאָל צו טרוקען, און קיינער פֿון אונז וועט ניט בעשטרייטען דיזע טהאַטזאַכע. ליידער קענען מיר ניט פֿערהינדערן, אַז פֿיעלע פֿראַגען, מיט וועלכע מיר בעשעפֿטיגען זיך און דאַרפֿען זיך בעשעפֿטיגען, זיינען אָן און פֿאַר זיך זעהר טרוקען און ניט אַזוי לייכט צו פֿערשטעהן ווי מיר אַליין וואָלטען געוואונשען, אָבער איז עס דען אונזער שולד, אַז די אידעען, וועלכע מיר פֿערטהיידיגען, זיינען אַזוי ענג פֿערבונדען איינע מיט די אַנדערע, אַז זיי האָבען געוויסע בעציהונגען מיט אַלע

צווייגען פֿון דער מענשליכער וויסענשאַפֿט, און אַז דיזע אידעען ציהען צו אין דערזעלבער צייט זאַגאַר די, וואָס דיינקען, אַז עס איז גאָרניט נייטיג פֿאַר זיי זיך צו בעשעפֿטיגען און צו שטודירען די טויזענדער פֿערשידענע ערשיינונגען פֿון'ם געזעלשאַפֿטליכען לעבען?

און ווער קען דען בעשטרייטען, אַז דיזעלבע טרוקענע פֿראַגען זיינען שוין בעהאַנדעלט געוואָרען פֿון אונזערע פֿאָרגענגער, די סאָציאַליסטען? דיזעלבע, „אַבסטראַקטע, אונפֿערשטענדליכע" פֿאָדערונגען, וועלכע מען קריטיקירט אַזוי שטאַרק ביי אונז, זיינען שוין פֿריהער פֿערטרעטען און פראָפּאַגאַנדירט געוואָרען, און פֿיעלע פֿון די, וואָס בעהויפטען ביי יעדער געלעגענהייט, אַז מיר געהען צו וויט, בעמערקען אפילו ניט, אַז די אומענדערונג פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג איז ניט נאָר די פֿאָדערונג פֿון די אַנאַרכיסטען, זאָנדערן אויך דער וואונש און שטרעבען פֿון פֿיעלע אַנדערע עלעמענטען, וועלכע האָבען ניט די קלענסטע בעציהונגען צו דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג. העלפֿט דען ניט די בורזשואַזיע אַליין צו צושטעהרען איהר אייגענע געזעלשאַפֿט? און זוכען דען ניט די פּאָליטיקער פֿון די פערשידענסטע פּאַרטייען, ראַדיקאַלען און סאָציאַליסטען מיט מעהר אָדער וויניגער עכטע קאָלירען, צו איבערציינגען די אַרבייטער, אַז די היינטיגע געזעלשאַפֿט קען קיין זאַך ניט טהאָן פֿאַר זיי, אַז מען דאַרף איהר איבערבייטען אויף אַ נייע, כדי צו שאַפֿען בעסערע לעבענסבעדינגונגען פאַר די מאַסען?

די אַנאַרכיסטען האָבען אַלזאָ די אויפֿגאַבע צו אַנאַליזירען דיזע געוואַלטיגע אַרבייט און אויסצוגעפֿינען די לאָגישע קאָנזעקווענצען פֿון דיזע אַלע שטרעבונגען.

עס איז זייער אויפֿגאַבע צו צייגען, אַז די סאָציאַלע איבלען, פֿון וועלכע מיר ליידען, קענען ניט קורירט ווערען, דורך דעם וואָס מען בייט איבער אַ רעגירונג אָדער דורך געוויסע אויסבעסערונגען פֿון דעם סאָציאַלען אָרגאַניזם; די געשיכטע פֿון דער בורזשואַזיע האָט אונז געצייגט קלאָהר און דייטליך דעם מאָראַלישען ווערטה און די שעדליכע ווירקונגען פֿון אַזעלכע פֿערענ־

דערונגען. אבער דיזע אויפגאַבע איז זעהר אַ קאָמפּליצירטע, ווייל די אירעען און אַנשויאונגען, געגען וועלכע מיר קעמפּפען, זיינען אַבסטראַקטע און פאַר פיעלע אונפּע־שטענדליך.

ס'איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז ווען מיר וואָלטען צופרי־דען געווען מיט פּוסטע פראַזען און בעהויפּטונגען, וואָלט אונזער אויפגאַבע ניט געווען אַזוי שווער, מיר וואָלטען זיך דאַן ניט געדאַרפט בעשעפטיגען מיט טרוקענע פּראָבלעמען און לאָגישע אַרגומענטען; מיר וואָלטען דאַן מעהר ניט געדאַרפט טהאָן ווי צו שרייען: „קאַמעראַדען! די קאַפּיטאַליסטען בערויבען אונז! די בורזשואַס זיינען שיפּטען, די רעגירער באַנדיטען! לאָמיר זיך אויפהויבען, טויטען די קאַפּיטאַליסטען און אונטערצינדען די פאַבריקען!"

אַזאַ אַגיטאַציאָן וואָלט ווירקליך געווען זעהר לייכט, נאָר לאָמיר ניט פערגעסען, אַז די אָרימע און עלענדע האָבען זיך שוין אָפטמאָל אויפגעהויבען געגען די רייכע, עס האָט שוין מאַנכעס מאָל געטראָפען, דאָס אויסבייטער זיינען געטויטעט גע־וואָרען, און רעגירונגען זיינען פערניכטעט געוואָרען דורך רעוואָ־לוציאָנען; אָבער טראָצדעם האָט זיך די אַלגעמיינע לאַגע ניט איבערגעביטען. מען האָט שוין אָפטמאָל איבערגעביטען די רע־גירונג; אין 1789 איז דאָס אייגענטהום איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענד; פיעלע רעוואָלוציאָנען זיינען זייט דעם געמאַכט געוואָרען מיט דער האָפנונג צו פערבעסערן די לאַגע פון די אונטערדריקטע, נאָר פון דעסטוועגען אונטעריאָכען די הערשער נאָך אימער די בעהערשטע, און די רייכע לעבען נאָך אַלץ אַ גוטען טאָג אויף די קאָסטען פון זייערע אַרבייטס־שקלאַפען — מיט איין וואָרט: די אַלגעמיינע לאַגע האָט זיך ניט פערענדערט.

עס איז ניט גענוג צו ערקלעהרען דעם אַרבייטער, אַז דער קאַפּיטאַליסט בערויבט איהם, זאָנדערן פריהער פון אַלעס דאַרף מען איהם איבערצייגען, דאָס אַן איבערבייט פון זיינע בעהער־שער קען און וועט ניט פערניכטען זיין עלענד, מען דאַרף איהם ערקלעהרען, דאָס ווען ער אַליין זאָל אפילו פערנעהמען דעם פלאַץ פון זיינע אונטערדריקער, וועט ער זיין געצוואונגען אַנצור־

ווענדען דיזעלבע מיט־ען געגען די אונטערדריקטע און אַרויס־רופֿען דעמזעלבען האַס, וועלכען ער פֿיהלט היינט געגען זיינע אויסבייטער. און אויסערדעם דאַרף מען איהם נאָך גיט געבען צו פֿערשטעהן, אַז דער קאַפּיטאַליסט האָט איהם אויף אַזוי פֿיעל פֿעראינטערעסירט פֿאַר די עקזיסטענץ פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, אַז ער פֿערטהיידיגט די אינטערעסען פֿון דער בורזשואַזיע, גלויבענדיג, אַז עס זיינען זיינע אייגענע אינטערעסען, און אַזוי העלפֿט ער מיט אויפֿהאַלטען דורך זיין אונוויסענהייט אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט פֿאַר איהם קיין אַנדער זאַך ווי פֿערשפּרעכונגען, וועלכע וועלען קיינמאָל ניט פֿערווירקליכט ווערען.

* * *

די בורזשואַזע געזעלשאַפֿט פֿעראורטהיילט זיך אַליין דורך די אַרט און וויזע פֿון איהר אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע גרינדעט זיך אויף דעם אַנטאַגאָניזם פֿון די אינטערעסען און טרייבט די אַרבייטער צו דער רעוואָלוציאָן. אָבער די אַרבייטער האָבען שוין אָפֿט געמאַכט רעוואָלוציאָנען, נאָר לײדער האָט מען זיי שטענדיג בעטראָגען אום די פֿריכטע פֿון זייער קאַמפּף, דערפֿאַר וואָס זיי זיינען געװען אונוויסענד און האָבען ניט פֿערשטאַנען זייערע אייגענע אינטערעסען. עס איז דערפֿאַר די אויפֿגאַבע פֿון דעם פּראָפּאַגאַנדיסט אויפֿצוקלערען די אַרבייטער, און אום זיי אויפֿצוקלערען, דאַרף מען זיי בעלעהרען. מיט פּוסטע פֿראַזען און בעהויפּטונגען קען מען שאַפֿען גלויביגע, אָבער קיינע ציעל־בעוואוסטע און איבערצייגטע מענשען.

אפילו די פֿאַרטגעשריטענסטע סאָציאַליסטען בעטראַכטען די אויטאָריטעט פֿאַר דעם באַזיס פֿון יעדער אָרגאַניזאַציאָן; פֿאָלגליך קענען זיי מעהר ניט שאַפֿען ווי גלויביגע. אָט דערפֿאַר קען מען אויך פֿערשטעהן די דיקטאַטאָרישע שטרעבונגען פֿון די סאָציאַליסטישע פֿיהרער. אַ בעוועגונג, וועלכע גרינדעט זיך אויף די אויטאָריטעט און דיסציפּלין, האָט קיין בעדירפֿניס ניט צו מאַכען פֿון איהרע אָנהייגגער ווייסענדע מענשען; זי דאַרף נאָר איינפֿאַכע גלויביגע, דאָס איז אַלעס. און מענשען, וועלכע פֿאַר־

דערן ניט מעהר ווי בלינדע געהאָרכזאַמקייט, נייטיגען זיך ניט אין לאָגישע אַרגומענטען.

גלויבענדיג אין מענער, וועלכע שפּילען די ראָלע פון משגיחים, אין פיהרער, וועלכע דיינקען און האַנדלען פאַר זיי, האָבען די אָנהייגער פון אַזעלכע בעוועגונגען גאָר ניט דעם וואונש זיך צו בעשעפטיגען מיט אַנדערע זאַכען. וואָס לוינט זיי צו דיינקען, ווען די פיהרער האָבען שוין דעם גאַנצען פּלאַן פון דער קומענדער סאָציאַלער רעאָרגאַניזאַציאָן ביי זיך אין קעשענע און וואַרטען מעהר ניט ווי אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועלען האָבען די מאכט איהם אויסצופיהרען? דאָס פאָלק דאַרף זיך שלאָגען און פערגיסען זיין בלוט—דאָס איז אַלעס—אַלעס אַנדערע וועלען בעזאָרגען די פיהרער.

די אַנאַרכיסטישע אידעען האָבען פּלוצלינג אַרויסגערופען גאַנץ נייע אַנשויאונגען, זיי האָבען געווירקט ווי אַ טויט־קלאַפּ אויף אַלע אויטאָריטעטע דאָגמאַס און שטרעבונגען. אָבלייקענענ־דיג די נויטווענדיגקייט פון אַזעלכע מענער, וועלכע שפּילען פאַר דער מאַסע די ראָלע פון דער השגחה, האָבען זיי ערקלעהרט דעם קריעג יעדע אויטאָריטעט און געפאָדערט פאַר יעדען מענ־שען דאָס רעכט און די פליכט צו דיינקען און האַנדלען לויט זיין אייגענער איבערצייגונג. זיי האָבען ערקלעהרט, אַז קיין מענש זאָל זיך ניט אונטערוואַרפען צו דעם ווילען פון אַ צווייטען מענ־שען און האָבען אַנערקענט די אינדיווידועלע איניציאַטיווע אַלס די איינציגע גאַראַנטיע פון יעדען פּראָגרעס, אַלס דעם פונדאַמענט פון יעדער פרייער פעראייניגונג. די אַנאַרכיסטישע אידעע קען דערפאַר ניט שאַפען קיין איינפאַכע גלויביגע, ווייל פריהער פון אַלעס דאַרף זי צושטעהרען אַלע פאָרמען פון גלויבען און ער־קלעהרען איהרע אַרגומענטען, וואַרום און פאַר וואָס זי בעקעמפּפט דעם גלויבען. דאָס איז טאַקע אַ שווערע אַרבייט, מאַנכעס מאָל איז זי זעהר שווער צו פערשטעהן, אָבער זי איז אימער ער־פאָלגרייך.

* * *

אין דעם מאָמענט, ווען די אינדיווידוען הויבען זיך אויף,

דאַרפֿען זיי וויסען ווי אַזוי צו האַנדלען. און כדי די איניציאַטיווע פֿון דעם איינצעלנען מענשען זאָל זיך קענען צופֿאסען פֿריי צו דער טהעטיגקייט פֿון די אַנדערע, איז נויטווענדיג, אַז זיינע האַנדלונגען זאָלען זיך גרינדען אויף די לאָגיק פֿון די נאַטירליכע פֿאַקטען און טהאַטזאַכען. די וויכטיגסטע אויפֿגאַבע פֿון אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ איז אויפֿצוקלעהרען די מוחות פֿון אונזערע אָנ־הייגער, אַריינצוטראָגען ליכט און פֿערנונפֿט אין די הערצער; אָבער דאָס איז נאָר דאַן מעגליך, ווען מיר וועלען זיך בעשעפֿטיגען מיט אַלע פֿראַגען פֿון'ם סאָציאַלען לעבען, ווען מיר פֿערזוימען קיין געלעגענהייט צו מאַכען אונזערע אידעען וואָס קלאָהרער און טיעפֿער, כדי די פֿערשידענע האַנדלונגען פֿון אַלע אינדיווידועז זאָלען זיך צונויפֿטרעפֿען אין דעמזעלבען ציעל, אין דייזעלבע שטרעבונגען.

דאָס איז די אורזאַכע, וואָרום מיר זוכען אויסצומיידען שעהנע פֿראַזען, אום צו בעלייכטען אונזערע אידעען מיט דעם קינסט־ליכען פֿייער פֿון אַ פֿאַלשער אָראַטאָריק, וואָרום מיר פֿערזוכען איינצודרינגען אין אַלע איינצעלהייטען פֿון אַ געוויסער פֿראַגע, אום צו ווערען בעקאַנט מיט אַלע מעגליכע אַרגומענטען, וועלכע מען קען אָנפֿיהרען, כדי צו ערקלעהרען און ענטוויקלען אַ געוויסע אידעע.

* * *

מיר וויסען גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט קיין קלייניגקייט איבערצומאַכען די גאַנצע געזעלשאַפֿט, ווי מיר האָבען אין זינען, בעזאָנדערס, ווען דיזער איבערבייט זאָל זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלע, אַן אַלגעמיינע אומוועלצונג.

עס איז גאַנץ קלאָהר, אַז די מיטגלידער פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, ווי שלעכט זיי זאָלען זיך ניט פֿיהלען אין די ענגע גרענעצען פֿון דער מאָדערנער סאָציאַלער אָרדנונג, בעגרייפֿען זיי אָבער פֿאָרט ניט אַזוי לייכט די אומבעדינגטע נויטווענדיגקייט פֿון אַן אַלגעמיינער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, אַזוי ווי מיר פֿאַסען איהר אויף; זיי בעגרייפֿען אפילו גאַנץ גוט, אַז די היינטיגע געזעלשאַפֿט גיט זיי ניט דאָס, וואָס זי האָט זיי פֿערשפּראָכען,

נאָר פון דעסטוועגען קענען זיי ניט איינזעהן, אַז מען דאַרף איהר אין גאַנצען צושטעהרען.—יעדער איינער האָט זיך זיינע קליינע רעפאָרמען אין פערבעסערונגען, יעדער איינציגער האָט אַ בעזונ־דערע סאָרט יָהל, אום איינצופּעטען די רעדלאַך פון'ם געזעל־שאַפטליכען מעכאַניזמוס, כדי אַלצדינג זאָל געהן ווי געשמירט, און יעדערער זאָל זיין צופרידען.

זיי ווילען פריהער וויסען, צו זיי וועלען פראָפּיטירען פון דעם קומענדען איבערבייט, צו ניט, און אויף אַזא מין אַרט ענטשטעהען אַסך פראַגען, וועלכע מען דאַרף דיסקוטירען, אזעלכע פראַגען, וועלכע בעריהרען אַלע צווייגען און אָבטהיילונגען פון דער מענשליכער וויסענשאַפט.

אָט דיזע אַלע פראַגען פערשפּאַרען דעם אַנאַרכיסטישען פראָפּאַגאַנדיסט מאַנכעסמאָל די מעגליכקייט, אַז דער אַרבייטער זאָל איהם באַלד גוט פערשטעהן און בעגרייפען, און עס קאָסט גענוג צייט און אָנשטריינגונג צו מאַכען איהם בעקאַנט מיט אַלע איינצעלהייטען פון דער גרויסער סאָציאַלער פראַגע, וועלכע רינגעלט אונז אַרום פון אַלע זייטען. אָבער דיזע פראַגען זיינען נויטווענדיג; אמת, דער אַרבייטער וועט זיי ניט אַזוי לייכט פערשטעהן, אָבער נאָר דורך דעם שטודיאום פון דיזע פראַגען איז עס מעגליך, אַז דער מענש זאָל זיך קענען ענטוויקלען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגער כאַראַקטער, וועלכער בעגרייפט די פאָלגען פון זיינע געדאַנקען און האַנדלונגען, אַ כאַראַקטער, וועלכער האַנדעלט לויט זיין פערזענליכער איבערציינגונג און איניציאַטיווע, און וועלכער דאַרף ניט קיינע אויסערוועהלטע פערטרעטער, וואָס זאָלען דיינקען און האַנדלען פאַר איהם.

* * *

ווען עס מאַכט זיך אַלזאָ אַ געוויסע פראַגע, וועלכע דער פּראָפּאַגאַנדיסט דאַרף אונטערזוכען, קען ער איהר ניט איגנאָ־רירען, ווייל זי איז פיליכט צו אַבסטראַקט, צו אונפערשטענדליך, און ווייל די, צו וועלכע ער רעדט און אַגיטירט זיינען ניט אים־שטאַנד איהם באַלד צו פערשטעהן, ווען ער רעדט צו זיי דעם ערשטען מאָל.

ער דאַרף האַנדלען מיט דיזער פראַגע און דאַרף איהר ערקלעהרען מיט איינפאַכע און קלאָהרע ווערטער; זיינע ווערטער דאַרפען זיך ניט פערלירען אין דעם טומאַן פון אַ קינסטליכער פראַזעאָלאָגיע, ער דאַרף איבערהויפּט ניט זוכען קיין ערפאָלג אין קלינגענדע ווערטער, וועלכע זיינען אַנגענעהם פאַר זיינע צוהערער; זיין אויפגאַבע דאַרף זיין צו לעהרען און צו ערקלעהרען, ניט קוקענדיג דערויף, אַז די מאַסע איז ניט אימער פעהיג, איהם ריכטיג צו פערשטעהן דעם ערשטען מאָל.

אויב מיר זאָלען אַוועקמאַכען מיט אַלע פראַגען, וועלכע דער פראָסטער מענש קען ניט באַלד פערשטעהן, דאַן וואָלטען מיר אין גאַנצען געדאַרפט אויפגעבען אונזער פראָפּאַגאַנדאַ, דען יעדע נייע אידעע איז אין אָנפאַנג ניט באַלד פערשטאַנען געוואָרען פון אַלעמען, און הויפּטזעכליך ניט פון די, פאַר וועלכע זי איז אייגענטליך בעשטימט געווען. אָנשטאָט זיך אייסצולערנען ווי צו אַגיטירען און ערקלעהרען אונזערע אידעען, וואָלטען מיר זיך בעסער געדאַרפט אויסלערנען צו דעקלאַמירען, ד. ה. מיר וואָלטען זיך געדאַרפט בענוצען מיט וואָס מעהר פראַזען און וואָס וועניגער געדאַנקען. דאָס איז די ראָלע פון די פערטהיידיגער פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָבען דאָך זיכער ניט די אויפגאַבע אויפצוקלעהרען און צו ענטוויקלען די מאַסען.

אויב די אַרבייטער ווילען זיך בעפרייען, דאַרפען זיי פריהער פערשטעהן, אַז זייער בעפרייאונג קומט ניט פון זיך אַליין, זיי דאַרפען בעגרייפען, אַז די פערזענליכע בילדונג און אויפקלעהרונג פון יעדען איינציגען איז איינע פון די וויכטיגסטע פאָרמען פון דעם היינטיגען סאָציאַלען קאַמפף.

לאָמיר ניט פערגעסען, אַז די בורזשואַזיע איז נאָר דערפאַר געווען אימשטאַנד אויסצובייטען די פראָלעטאַרישע מאַסען פאַר אַזאַ לאַנגע צייט, ווייל דיזע מאַסען זיינען אונוויסענד, ווייל זייערע מוחות זיינען פערפינסטערט און זייערע אויגען פערבלענדעט געווען. אָט דערפאַר דאַרפען זיי פערשטעהן, אַז פריהער פון אַלעס, דאַרפען זיי זיך גייסטיג בעפרייען, אויב זיי ווילען זיך בעפרייען פון דער מאַטעריעלער שקלאַפעריי. און אויב זיי שרע־

קען זיך אָב פֿאַר די שוויריגקייטען פֿון דער גייסטיגער בעפֿרייאונג, וועלכע פֿאָדערט ניט מעהר ווי דעם גוטען ווילען, ווי אַזוי וועלען זיי זיין אימשטאַנד צו בעזיגען די שוויריגקייטען פֿון אַ ווירקליכען קאַמפּף, וועלכער פֿאָדערט די גאַנצע קראַפֿט פֿון׳ם כאַראַקטער, די גאַנצע ענטשלאָסענהייט פֿון אַ פֿעסטען און ענערגישען ווילען און דעם מוטה פֿון די טיעפֿסטע און אינערליכסטע איבערצייגונגען ?

ווי אונניצליך און שעדליך די בורזשואַזיע זאָל ניט זיין אַלס אַ קלאַסע, דאַרפֿען מיר אָבער קיינמאָל ניט פֿערגעסען, אַז זי האָט פֿעראייניגט אין די מוחות פֿון איינגע פֿון איהרע פֿערטהיידיגער אַלע וויסענשאַפֿטליכע קענטניסע פֿון אונזער צייט וועלכע זיינען נויטוענדיג פֿאַר די וויטערע ענטוויקלונג פֿון דער מענשהייט. אויב מיר ווילען ניט, אַז די קומענדע רעוואָלוציאָן זאָל זיין אַ שריט צוריק צו דער פערגאַנגענהייט, איז נויטוענדיג, אַז דער אַרבייטער זאָל אויך קענען פֿערנעהמען גייסטיג דעם פּלאַץ פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע ער האָט אין זינען אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון איהר טהראָן; זיין אונוויסענהייט דאַרף ניט זיין קיין אָבהאַלט פֿאַר די וויטערע ענטוויקלונג פֿון די קענטניסע, וועלכע די מענשהייט האָט זיך שוין ערוואָרבען ביז יעצט. אַם וויניגסטענס דאַרף ער זיי ניט אַראָבדריקען טיעפֿער, ווי ער געפֿינט זיי היינט.

קיין צווייפֿעל, מיר פֿערשטעהען גאַנץ גוט די אונגעדולדיגע, מיר בעגרייפֿען פֿאָלקאָמען, אַז די, וואָס געהען אוים פֿון הונגער, וואָלטען העכסט צופֿרידען געווען, אַז עס זאָל שוין קומען וואָס גיכער דער טאָג, ווען זייער עלענד וועט זיך ענדיגען. מיר פֿערשטעהן אויך די אונגעדולדיגקייט פֿון די, וועלכע טראָגען אויף זיך דעם טיראַנישען יאָך פֿון דער אויטאָריטעט מיט אַן אינערליכען האַס און צאָרן, און וועלכע וואָלטען אַם בעסטען געוואָלט, אַז דער גאַנג פֿון דער ענטוויקלונג זאָל זיין אין אָנקלאַנג מיט זייער אייגענעם גייסטיגען צושטאַנד, מיט זייער האַס, זייערע ווינשע, זייערע שטרעבונגען און זייער ליעבע צו גערעכטיגקייט.

אָבער ווי גרוים עס זאָל ניט זיין דיזע אונגעדולדיגקייט, ווי בערעכטיגט עס זאָל ניט זיין דער וואונש זיך אָבצורעכענען און

דאָס בעדירפֿנים צו רעאַליזירען דיזען וואונש, קענען מיר אָבער ניט אָבלייקענען די טהאַטזאַכע, אַז די אידעען ענטוויקלען זיך ניט מיט אַמאָל, זאָנדערן ביסלעכווייז, אין עס נעהמט געוועהנליך אַ לאַנגע צייט, איידער זיי אַרבייטען זיך אויס און ווערען רייף אין די קעפּ פֿון די מענשען.

ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז די בורזשואַזיע, וועלכע מיר ווילען אַרונטערוואַרפֿען פֿון איהר טהראָן, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז דיזעלבע בורזשואַזיע האָט אַוועקגעלייגט אַן אַרבייט פֿון הונדערטער יאָהרען, איידער זי איז געווען אימשטאַנד צו פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון דער אַריסטאָקראַטיע און דער זעלבסט־הערשונג, דאַן קענען מיר זיך מאַכען אַ קליינעם בעגריף פֿון דער אַרבייט, וועלכע עס בלייבט אונז נאָך צו טהאָן, ביז מיר וועלען זיין אימשטאַנד צו פֿערווירקליכען אונזערע אידעען און אַנשויאונגען.

אים 14־טען יאָהרהונדערט, ווען עטיען מאַרסעל האָט פֿערזוכט צו עראָבערן די עפֿענטליכע מאַכט פֿאַר דער בורזשואַזיע, וועלכע איז דאַן שוין אָרגאַניזירט געווען אין פֿעסטע קערפּערשאַפֿטען און קאָרפּאָראַציאָנען, האָט זיך די בורזשואַזע קלאַסע שוין געפֿיהלט שטאַרק און מעכטיג; זי האָט דאַן שוין געהאַט אַ געוויסען איינפֿלוס אויף דער אויטאָריטעטער מאַכט, זי האָט זיך אָרגאַניזירט, כדי צו פֿערווירקליכען איהרע פֿאָדערונגען, זי האָט זיך גייסטיג אונטעררי‌כטעט און ענטוויקעלט און געאַרבייט פֿאַר איהר בעפֿרייאונג, פֿאַר די בעפֿרייאונג פֿון די קאָמונען, וועלכע האָבען געשמאַכטעט אונטער דעם שקלאַפֿען־יאָך פֿון׳ם פֿעאָדאַליזמוס.

אָבער טראָץ דעם האָט עס נאָך גענומען גאַנצע פֿיער־הונדערט יאָהר, איידער די בורזשואַזיע איז געווען אימשטאַנד צו דערגרייכען איהר ציעל, פֿאַר וועלכען זי האָט געקעמפֿט און געשטרעבט אַזאַ לאַנגע צייט.

אמת, מיר גלויבען ניט, אַז מיר דאַרפֿען וואַרטען אַזאַ לאַנגע צייט, איידער מיר וועלען זיין אימשטאַנד אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון זיך דעם יאָך פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אויסבייטונג.

די אינערליכע שוואַכקייט און אונמעכטיגקייט פֿון דער בורזשואַ־זיע, וועלכע צייגט זיך ארויס וואָס ווייטער אַלס מעהר, אָבוואָהל עס איז ערשט אַריבער אַזאַ קורצע צייט, אַז זי האָט אַריינבע־קומען די עפֿענטליכע מאַכט אין איהרע הענד, דיזע אינערליכע שוואַכקייט איז די בעסטע גאַראַנטיע פֿאַר איהר שנעלען אונ־טערגאַנג. אָבער מיר דאַרפֿען קיינמאָל ניט פֿערגעסען, אַז ווען די בורזשואַזיע איז אימשטאַנד געווען, צו פֿערנעהמען אין 1789 דעם פּלאַץ פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, איז עס געווען דערפֿאַר, ווייל זי האָט זיך גייסטיג און מאָראַליש שוין לאַנג צוגעגרייט פֿאַר איהר ראָלע. וואָס דייטליכער עס צייגט זיך היינט אַרויס דער מאָראַלישער באַנקראָט פֿון דער בורזשואַזיע, אַלס מעהר דאַרפֿען די אַרבייטער זיך פֿאָרבערייטען און זיך גייסטיג ענטוויקלען, ניט פֿאַר די „עראָבערונג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט", וועלכע מיר ווילען אין גאַנצען צושטעהרען, נאָר אום צו פֿערהינדערן, אַז קיין נייע אַריסטאָקראַטיע זאָל ניט פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון דער בעזיעגטער בורזשואַזיע.

* * *

אויב מיר האָבען שוין יאָ אויפֿגעשטעלט די אידעע פֿון דער פֿרייער אינדיווידועלער איניציאַטיווע, דאַן דאַרפֿען זיך די אינדי־ווידוען אַליין אויסלערנען ווי צו האַנדלען, זיי דאַרפֿען זיך אַליין ענטוויקלען, כדי מיר זאָלען זיי ניט דאַרפֿען דערמאָהנען ביי יעדער געלעגענהייט, אַז זייער איניציאַטיווע דאַרף זיין דער אויסדרוק פֿון די אַלגעמיינע שטרעבונגען. אויב זיי האָבען ניט דעם ווילען און ניט די קראַפֿט צו בעפֿרייען זיך פֿון זייער איי־געגער אונוויסענהייט, ווי אַזוי וועלען זיי זיין אימשטאַנד צו בעלעהרען די אַנדערע, ווען זיי אַליין האָבען ניט געלערנט און ניט פֿערזוכט זיך צו ענטוויקלען? אָט דערפֿאַר זאָגען מיר: האָט ניט קיין מורא צו דיסקוטירען די שווערסטע פֿראַגען, ווי אונ־פֿערשטענדליך און אַבסטראַקט זיי זאָלען ניט אויסזעהן, דען יעדע נייע ערקענטניס איז אַ שריט נעהנטער צו דער סאָציאַלער בעפֿרייאונג.

אויב מיר ווילען אויסקומען אָהן פֿיהרער, וועלכע זאָלען

אונז צייגען דעם וועג, איז עס נויטווענדיג, אַז די קענטניסע, וועלכע זיי האָבען זיך ערוואָרבען, זאָלען אַריינדרינגען אין די קעפּ פון דער מאַסע; און דער איינציגער מיטעל דאָס אויסצופיהרען, איז די גייסטיגע ענטוויקלונג פון יעדעם איינציגען, די פּערזענליכע איניציאַטיווע צו לערנען און זיך אויסצובילדען ווי ווייט מעגליך און צו שטודירען אַלע פראַגען, וועלכע זיינען וויכטיג צו פערשטעהן די סאָציאַלע אינטערעסען. מיר ווידערהאָלען נאָך אַמאָל: לאָמיר זיין קלאָהר און דייטליך, ערקלעהרענדיג אונזערע אידעען, כדי יעדער איינציגער, וואָס האָט נאָר דעם גוטען ווילען אונז צו פערשטעהן, זאָל אונז קענען בעגרייפען; אָבער לאָמיר קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז מיר דאַרפען זיך פאַר קיין פאַל ניט אַראָבלאָזען צו דער אונוויסענהייט פון די מאַסען, פערקעהרט, מיר דאַרפען שטענדיג פערזוכען אויפצוהויבען די מאַסען אויף אַ העכערע שטופע פון גייסטיגע ענטוויקלונג. אויב מיר וועלען עס ניט טהאָן, וועלען מיר קיינמאָל ניט בעזיגען די אונוויסענהייט, נאָר די אונוויסענהייט וועט אונז בעזיגען, און אָנשטאָט צו געהען פאָרווערטס, וועלען מיר געהען ריקווערטס. מעגען אַלזאָ אַנדערע אונז בעשולדיגען, אַז מיר זיינען צו אַבסטראַקט, אַז אונזערע אידעען זיינען צו שווער צו פערשטעהן פאַר דער מאַסע — דאָס איז דער איינציגער וועג צו שאַפען דעם פראָגרעס.

איז דער מענש שלעכט?

„דער מענש איז צו שלעכט, אום ער זאָל אַליין פֿערשטעהן, ווי ער דאַרף זיך פֿיהרען!" אָט איז דער אַ־גומענט, מיט וועלכען די אָנהייגגער פֿון דער אויטאָריטעט בענוצען זיך, אום צו רעכט־פֿערטיגען זייער פֿערזוך צו עטאַבלירען אַ נייע עפֿענטליכע מאַכט. „דער שטאַאַט איז נויטווענדיג, אום דעם מענשען צו מאַכען בעסער" — אַזוי לויטעט זייער ענטפֿער צו די אַנאַרכיסטען, ווען מיר ריידען פֿון אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע זאָל זיך גרינדען אויף די סאָלידאַריטעט, אויף פֿאָלשטענדיגע גלייכהייט און אויף די פֿאָל־קאָמענע אויטאָנאָמיע פֿון יעדען אינדיווידואום, אַ געזעלשאַפֿט אָהן אויטאָריטעט, אָהן געזעצע און אָהן צוואַנג.

דער מענש איז שלעכט! קיינער צווייפֿעלט ניט אין דעם; אָבער איז מעגליך, ער זאָל ווערען בעסער אָדער ערגער? איז דאָ אַ מעגליכקייט, ער זאָל זיך פֿערענדערן אין זיין יעצטיגען צושטאַנד? קען ער זיך קערפּערליך און גייסטיג פֿערבעסערן אָדער פֿערערגערן? און אויב עס איז יאָ מעגליך, ער זאָל זיך קענען ענטוויקלען אויף די איינע אָדער אויף די אַנדערע אַרט — אַזוי ווי די געשיכטע האָט אונז געצייגט — דאַן שטעלט זיך די פֿראַגע, צו די ירושה פֿון די אַלטע געזעצע און אינסטיטוציאָנען, מיט וועלכע ער שלעפּט זיך אַרום, מאַכט איהם בעסער אָדער ערגער? דער ענטפֿער אויף דיזע פֿראַגע וועט אונז ערקלעהרען, וועמען פֿון דיביידע מען דאַרף צוערשט איבערמאַכען — דעם היינטיגען מענשען אָדער דעם יעצטיגען צושטאַנד פֿון דער גע־זעלשאַפֿט.

* * *

קיין מענש וועט היינט מעהר ניט אָבלייקענען, אַז די פֿי־זישע אומשטענדע האָבען אַ בעדייטענדען איינפֿלוס אויף דעם

פיזיאָלאָגישען צושטאַנד פון'ם מענשען; און מיר האָבען נאָך פיעל מעהר אורזאַכע אָנצונעהמען, אַז די מאָראַלישע און גייס־טיגע בעדינגונגען, אין וועלכע דער מענש לעבט, האָבען אַ גרויסען איינפלוס אויף זיין פסיכאָלאָגישען צושטאַנד.

אויף וואָס גרינדעט זיך דען אייגענטליך אונזער יעצטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג? פּרובירט זי צו שאַפען האַרמאָנישע בעציהונגען צווישען די מענשען? איז דער היינטיגער צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט אַזעלכער, אַז דאָס אונגליק פון איין מענ־שען זאָל ווירקען אויף די געפיהלען פון אַלע אנדערע, און דאָס אַלע זאָלען פעֿ־זוכען צו פערגרינגערן זיינע ליידען אָדער צו פערהיטען זיי פאַר דער צוקונפט? גרינדעט זיך דער וואָהלזיין פון איין מענשען אויף דעם וואָהלזיין פון אַלעמען, און איז קיינער ניט פעראינטערעסירט צו שטעהרען די האַרמאָניע פון די אַלגע־מיינע אינטערעסען? איז דען דאָ אַ מעגליכקייט אין דיזער געזעלשאַפט פון קעניגע, פּריסטער, קרעמערס און עקספּלאָטאַ־טאָרס פאַר די פרייע ענטוויקלונג פון גרויסע און נאָבעלע אידעען; פערזוכט זי אַם וויינגסטענס ניט צו דערשטיקען אַזעלכע אידעען און געדאַנקען? עקזיסטירט דען ניט יענע ברוטאַלע מאַכט — דאָס געלד, וועלכעס פערניכטעט די שוואַכע און גיט איבער די בעסטע און נאָבעלסטע כאַראַקטערע אין די הענד פון קליינליכע, עגאָאיסטישע און געוויסענלאָזע עלעמענטען אין דער געזעלשאַפט?

יעדער איינציגער, וועלכער שטודירט נאָר די אָרגאַניזאַציאָן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, מוז קומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי איז ניט פעהיג צו שאַפען עפּעס גוטעס. באמת, די אינערליכע שטרעבונגען צו גוטסקייט און שעהנהייט מוזען זיין זעהר שטאַרק ענטוויקעלט אין דער מענשליכער ראַסע, אַז זיי זיינען נאָך ניט אין גאַנצען דערשטיקט געוואָרען דורך דעם קליינליכען און אונפערנינפטיגען עגאָאיזמוס און די רויב־גיריגקייט, וועלכע די אָפיציעלע געזעלשאַפט פלאַנצט איין אין יעדען איינציגען פון דעם וויגעלע ביז אין קבר.

די היינטיגע געזעלשאַפט גרינדעט זיך אויף דעם אַנטאַגאָ־ניזמוס פון די אינטערעסען און פעראורזאַכט האַס און פיינד־

שאַפֿט פֿון איין מענשען צו די אַנדערע. די אינטערעסען פֿון דעם
פֿערקויפֿער זיינען פּונקט אַנטקעגען די אינטערעסען פֿון׳ם קויי־
פֿער; דער בויער װאָלט העכסט צופֿרידען געווען, אַז אַ „גוטע
קריינק״ זאָל אַוועקלייגען די בהמות פֿון זיינע שכנים, אָדער אַ
„:עזונדער האָגעל״ זאָל צושטערען זייערע פֿעלדער, כדי ער זאָל
קענען פֿאָדערען אַ בעסערען פּרייז פֿאַר זיינע פּראָדוקטען; ד.ה.
אויב דער שטאַאַט „בעשיצט״ איהם ניט פֿאַר דער קאָנקורענץ
דורך בעזונדערע אָבגאַבען. דורך די ענטוויקלונג פֿון דער מאָ־
דערנער אינדוסטריעלער טעכניק פֿערמעהרט זיך די צאָהל פֿון
די אַרבייטסלאָזע וואָס ווייטער אַלס מעהר, און דיזער צושטאַנד
איז די אורזאַכע פֿון שטענדיגע קריגערייען צווישען די וואָס
אַרבייטען און די וואָס אַרבייטען ניט און וואָס ווילען פֿערנעה־
נעהמען די פּלעצער פֿון די ערשטע. מיט איין וואָרט: אונזער
הייגטיגע געזעלשאַפֿט פֿעראייניגט ניט די מענשען, נאָר זי טהיילט
זיי אָב איינע פֿון די אַנדערע. פֿאַר וואָס זיינען דאָ אַזוי פֿיעל
אַ־בייטסלאָזע און פֿאָלגליך אַזוי פֿיעל עלענד אין דעם יעצטיגען
מאָמענט? — דערפֿאַר וואָס די מאַגאַזינען זיינען פֿול אָנגעפּאַקט
מיט פּראָדוקטען. און ווי אַזוי קומט עס, אַז מענשען פֿאַלען ניט
אויף די אידעע צו פֿערברענען די פֿולע מאַגאַזינען אָדער אַוועק־
צונעהמען פֿון דאָרטען די פּראָדוקטען, אום צו שאַפֿען אַ געלע־
גענהייט פֿאַר אַרבייט, כדי די אַרבייטער זאָלען אַליין זיין
אימשטאַנד צו קויפֿען די פּראָדוקטען, פֿאַר וועלכע זייערע
עקספּלאָטאַטאָרס זוכען היינט אַ מאַרק אין ווייטע לענדער?
„ס׳איז דע־פֿאַר״, זאָגט מען אונז, „ווייל יעדער איינציגער האָט
מורא פֿאַר דער פּאָליציי און די זשאַנדאַרמען!״ קיין צווייפֿעל,
זיי האָבען מורא, אָבער דאָס ערקלעהרט אונז נאָך ניט אין גאַנ־
צען דעם פּאַסיווען צושטאַנד פֿון די, וואָס געהען אוים פֿון הונגער.
יעדער איינציגער פֿון זיי וואָלט זיכער געפֿונען אַ געלעגענהייט
צו בעגעהן אַ „פֿערברעכען״, ניט ריזיקירענדיג דערביי קיין זאַך,
און ווען ער טהוט עס פֿאָרט ניט, איז עס צוליעב אַנדערע
אורזאַכען ווי די „מורא פֿאַר דער פּאָליציי״. און אויסערדעם איז
די צאָהל פֿון די הונגעריגע אַזוי גרויס, אַז ווען זיי וואָלטען זיך

אַלע פֿעראייניגט אין אַ שטאָדט ווי פּאַריז, וואָלטען זיי זיכער ניט געדאַרפֿט מורא האָבען פֿאַר די זשאַנדאַרמען, עס וואָלט געווען אַ קליינינקייט פֿאַר זיי, צו פּאַראַליזירען די מאַכט פֿון דער פּאָליציי חאָטש פֿאַר איין טאָג צייט, אויסלייזען די מאַגאַזינען און איין פֿאַר אַלע מאָל צו האָבען אַ יום טוב. און טהוט אַ קוק אויף די הונדערטער און טויזענדער, וועלכע מען פֿערשפּאַרט יעדען טאָג אין געפֿענגנים אַלס טרעמפּס און בעטלערס! איז עס ווירקליך די מורא פֿאַר'ן געפֿענגנים, וואָס מאַכט זיי צו בעטען, אָנשטאָט צו נעהמען, וויסענדיג, אַז זייער שטראָף ועט זיין דיזעלבע? זיכער ניט! עס איז איינפֿאַך דערפֿאַר, ווייל אויסער דער פֿייגהייט, עקזיסטירט אין יעדען מענשען אַ געוויסער אינסטינקט פֿון סאָציאַביליטעט, וועלכער האַלט איהם אָב צו בעלוינען שלעכטס מיט שלעכטס, אַ געפֿיהל, וועלכעס גיט איהם די מאָראַלישע קראַפֿט צו טראָגען אויף זיך די שווערע לאַסט, גלויבענדיג, אַז עס איז נויטווענדיג פֿאַר די עקזיסטענץ פֿון דער געזעלשאַפֿט.

גיט עס דען ווירקליך אַ מענש, וועלכער זאָל זיך איינריידען, אַז די געוואַלט אַליין איז גענוג, אום אויפֿצוהאַלטען דעם רעספּעקט פֿאַר'ן אייגענטהום, אפילו ווען עס וואָלט ניט עקזיסטירט אַ מאָראַלישער רעספּעקט פֿאַר דיזער אינסטיטוציאָן, וועלכער בעטראַכטעט דאָס אייגענטהום אַלס אַ רעזולטאַט פֿון אינדיווידועלער אַרבייט? האָבען דען אפילו די ערגסטע שטראָפֿען ווען עס איז געקענט פֿערהינדערן, אַז די, ביי וועלכע עס עקזיסטירט ניט דיזער מאָראַלישער רעספּעקט, און וועלכע קוקען נאָר אויס צו לעבען אויף יענעם'ס רעכנונג, זאָלען ניט אויספֿיהרען זייערע פּלענער? און וואָס וואָלט געוואָרען פֿון דער וועלט, ווען די מענשען, שטודירענדיג די אורזאַכען פֿון זייער עלענד און ענטדעקענדיג דעם אייגענטליכען אורשפּרונג פֿון פּריוואַט־אייגענטהום, וואָס וואָלט געוואָרען, ווען די מענשען וואָלטען ווירקליך געווען אַזוי שלעכט ווי מען שטעלט זיי געוועהנליך פֿאָר? דאַן וואָלט די געזעלשאַפֿט מעהר ניט געקענט עקזיסטירען פֿאַר אַ מאָמענט, דער „קאַמפּף אום דאַזיין" וואָלט זיך מאַניפֿעסטירט אין זיינע

גרויזאַמסטע און ברוטאַלסטע פֿאָרמען און עס וואָלט זיך אָנגע־פֿאַנגען אַ נייע פּעריאָדע פֿון באַרבאַריי. ווען דער מענש לאָזט זיך אונטערדריקען, פֿערשקלאַפֿען, בעטריגען און עקספּלאָאַטירען, ווען ער שרעקט זיך אָב אָנצוּואווענדען פֿיזישע געוואַלט פֿאַר זיין בעפֿרייאונג, איז עס נאָר דערפֿאַר, ווייל עס עקזיסטירט אין איהם אַ געוויסער שטרעבען פֿאַר דאָס וואָס עס איז בעסער און ניט פֿאַר דאָס וואָס עס איז ערגער.

* * *

די בעהויפּטונג, אַז דער מענש ווערט געבאָרען שלעכט, און אַז עס גיט ניט קיין האָפֿנונג, ער זאָל ווערען בעסער, מיינט אייגענטליך צו ערקלעהרען, אַז דער מענש איז שלעכט, פֿאָלגליך איז די געזעלשאַפֿט אויך שלעכט, און מיר האָבען פֿוןביידע ניט צו ערוואַרטען קיין פֿערבעסערונג פֿאַר דער צוקונפֿט. וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט עס, צו פֿערלירען די צייט מיט גאָרנישט און צו טרוימען פֿון אַ פֿאָלקאָמענער מענשהייט, ווען דיזער טרוים קען קיינמאָל ניט פֿערווירקליכט ווערען. זאָל יעדער זאָרגען פֿאַר זיך אַליין און זעהען ווי ער קען אָם בעסטען עקזיסטירען.

„אויב אונזער גליק, אונזער פֿערגניגען, אונזער צופֿרידענ־הייט ווערט פֿעראורזאַכט דורך דאָס בלוט און די טרעהרען פֿון די אָפּפֿער, וואָס פֿאַלען אויף אונזער וועג — ווען מען שולד איז עס? מען דאַרף פֿערניכטען די אַנדערע, אויב מען וויל ניט אַליין ווערען פֿערניכטעט. דאָס מעג זיין שלעכט פֿאַר די, וואָס פֿאַלען, אָבער עס קען אַנדערש ניט זיין!"

זעהר גוט! אָבער פֿאַרוואָס פֿריידיגען די פּריוויליגירטע קלאַסען ניט אָפֿען און פֿריי דיזע טהעאָריע? זאָלען זיי דאָך פֿערזוכען, די מאָנאָפּאָליסטען, וועלכע גרינדען זייער הערשאַפֿט אויף די פֿערשלעפֿערונג פֿון די אַרבייטער, מאַכענדיג פֿון זיי פֿערטהיידיגער פֿון זייערע פּריווילעגיעס, און פֿערשפּרעכענדיג זיי אַ בעסערען לעבען אין אַ יענע וועלט, זאָלען זיי דאָך פֿערזוכען עפֿענטליך צו פּראַקטיצירען דיזע אידעען, ניט בעהאַלטענדיג זייערע אַבזיכטען אונטער אַ מאַסקע. אָבער זיי האָבען עס קיינ־מאָל ניט געטהאָן. ווען דער גלויבען אין אַ גאָט איז געוואָרען

שוואַכער, האָבען זיי אָנגעהויבען פרײדיגען פון מאָראַל, פון פּאַטריאָטיזמוס, פון דער געזעלשאַפטליכער ניצליכקייט און אַנ־דערע שעהנע זאַכען, און היינט פערשפרעכען זיי דעם פאָלק גאַנצע גליקען דורך די הילפע פון דעם אַלגעמיינען שטים־רעכט; זיי פערשפרעכען די מאַסען אַזעלכע רעפאָרמען, וועלכע זיי קענען קיינמאָל ניט פערווירקליכען. ווייל דער יעצטיגער צושטאַנד קען ניט ווע־ען פערבעסערט מיט דעם וואָס מען פערזוכט צו קאָ־ריגירען די ווירקונגען פון די געזעלשאַפטליכע איבלען, זאָנדערן נאָר דורך אַ ראַדיקאַלען איבערבייט פון דעם גאַנצען געזעל־שאַפטליכען אָרגאַניזמוס. — זאָלען זיי דאָך אָפען אַרויסטרעטען, די עקספּלאָטאַטאָרם פון די אָרעמע און עלענדע, און פּראָקלאַמי־רען דאָס רעכט פון געוואַלט, און מיר וועלען זעהן ווי לאַנג זייער הערשאַפט וועט עקזיסטירען. געוואַלט מוז שטענדיג אַרויסרופען געוואַלט!

* * *

ווען דער מענש האָט געמאַכט דעם ערשטען פערזוך צו פעראייניגען זיך מיט זיינע מיטמענשען אין בעזונדערע גרופּי־רונגען, איז ער זיכער נאָך זעהר שטאַרק בעהערשט געוואָרען פון ריין טהיערישע אינסטינקטען, און די מענשליכקייט איז נאָך זעהר שוואַך געווען ענטוויקעלט ביי איהם; אידעען פון מאָראַל און גערעכטיגקייט האָבען דאַן פאַר איהם נאָך ניט עקזיסטירט. אָנפיהרענדיג אַ שטענדיגען קאַמפּף מיט אַנדערע טהיערע, מיט דער גאַנצער נאַטור, האָט די ביטערע נויטווענדיגקייט איהם געצוואונגען צו פע־אייניגען זיינע קרעפטע מיט די קרעפטע פון אַנדערע, אָבער די פע־אייניגונג אין יענע צייטען איז זיכער ניט געווען אַ פאָלגע פון געוויסע סאָלידאַרישע אינסטינקטען אוּן בעדירפניסע. עס איז אויך גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די ע־שטע מענשליכע גרופּירונגען האָבען צוערשט נאָר געהאַט אַ פּעריאָ־דישען כאַראַקטער, ד.ה. זיי האָבען זיך נאָר ענטוויקעלט אויף אַ געוויסער צייט און פאַר אַ בעשטימטען צוועק, ווי צ.ב.ש. פאַר דער יאַגד, צו בעזיגען אַ שטאַרקען הינדערניס און שפּעטער פאַר דער פערטהיידיגונג אָדער אום אָנצוגרייפען פיינדליכע שטאַמען.

נאָר דורך דיזע פּראַקטישע פֿעראייניגונג פֿון די קרעפֿטע האָט דער מענש ביסלעכווייז בעגריפֿען די גרויסע בעדייטונג פֿון געזעלשאַפֿטליכע גרופּירונגען, און אַזוי האָבען זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט פֿעסטע געזעלשאַפֿטליכע פֿעראייניגונגען.

אָבער פֿון דער אַנדערער זייט האָט אַזאַ לעבען פֿון שטענדיגע קעמפֿפֿע און מלחמות געמוזט ענטוויקלען ביי די מענשען געוויסע בלוט-גיריגע און דעספּאָטישע אינסטינקטען. די שוואַכע האָבען געמוזט אָנערקענען די בעשטימונגען פֿון די שטאַרקע, אויב די לעצטע האָבען זיי ניט אין גאַנצען אויפֿגעגעסען. עס האָט געמוזט זיין פֿיעל שפּעטער, אַז די ביטראַסט האָט בעקומען אַ גלייכע בעדייטונג פֿאַר דעם מענשען ווי די ברוטאַלע געוואַלט.

ווען מיר שטודירען דעם מענשען אין זיין ערשטען פּרימיטיווען צושטאַנד, מוזען מיר צוגעבען, אַז ער איז דאַן געווען אַ צימליך בייזע חיה; אָבער ווען ער איז געווען אימשטאַנד דורכצומאַכען אַזאַ געוואַלטיגע ענטוויקלונג פֿון דאַמאָלסט אָן ביז היינט, ווען ער איז פֿעהיג געווען צו ענטוויקלען אין זיך אַזעלכע אידעען און בעגריפֿע, פֿון וועלכע ער האָט פֿריהער אפילו ניט גע׳חלומ׳ט, וואָס פֿאַר אַ גרונד האָבען מיר דאַן אָנצונעהמען, אַז ער וועט זיך שוין מעהר ניט ענטוויקלען ווייטער און בלייבען אַזוי ווי ער איז יעצט פֿאַר אַלע צייטען? אָבצולייקענען דעם שטענדיגען פּראָגרעס פֿון׳ם מענשען וואָלט געווען דערזעלבער טעות, אַלס ווען אימיצער וואָלט בעהויפּטעט אין די אַלטע פּרימיטיווע צייטען, ווען דער מענש האָט נאָך געוואוינט אין אַ הייל, ווען זיין איינציגע וואַפֿע איז מעהר ניט געווען ווי אַ שטיק האָלץ אָדער אַ האַק פֿון שטיין, אַז ער וועט קיינמאָל ניט האָבען די פֿעהיגקייט צו בויען אַזעלכע רייכע שטעדט און צו בענוצען זיך מיט דער קראַפֿט פֿון דאַמפּף און עלעקטריציטעט, ווי ער טהוט עס היינט. וואָס פֿאַר אַן אורזאַכע האָבען מיר צו צווייפֿלען אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פֿון׳ם מענשען, אין דעם שטענדיגען פּראָגרעס פֿון זיינע גייסטיגע און מאָראַלישע פֿעהיגקייטען?

דער מענש האָט זיך ענטוויקעלט ביסלעכווייז און ענטוויקעלט זיך יעדען טאָג. זיינע אידעען מאָדיפיצירען זיך פון טאָג צו טאָג. די פיזישע געוואַלט, אָבוואָהל די אומשטענדע, אין וועלכע ער לעבט, צווינגען איהם פון צייט צו צייט צו בענוצען זיך מיט איהר, רופט היינט ניט מעהר אַרויס דיזעלבע בעוואונדערונג ווי אַמאָל. די אידעען פון מאָראַל, גערעכטיגקייט און סאָלידאַריטעט ענטוויקלען זיך אַלץ מעהר אין די מוחות פון די מענשען; דיזע אידעען זיינען שוין היינט אַזוי שטאַרק, אַז די פריוועליגירטע קלאַסען, אום אויפצוהאַלטען זייער הערשאַפט, זיינען געצוואונגען איינצורעדען די מענשען, אַז עס איז פאַר זייער אייגענעם אינטערעס צו לאָזען זיך עקספּלאָטירען און אונטערדריקען.

אָבער דיזער בעטרוג קען ניט אַנגעהן פאַר אימער. די מענשען פיהלען זיך צו פיעל פערענגט אונטער די אונגלייכע בעדינגונגען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. די גרויסע שטרעבונגען, וועלכע האָבען זיך שוין מאַניפעסטירט מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, צוערשט אין די קעפ פון איינצעלנע מענשען און אין אַן אונפאָלקאָמענער געשטאַלט, בעקומען היינט אַ קלאָהרען און בעשטימטען אויסדרוק. מיר געפינען זיי זאָגאַר ביי די, וואָס בעלאַנגען צו די פריווילעגירטע פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. איהר ווערט ניט געפינען קיין איינציגען מענשען, וועלכער זאָל ניט אויסדריקען — כאָטש אין געוויסע מאָמענטען — זיין פּראָטעסט און פעראַכטונג געגען די היינטיגע געזעלשאַפט, וועלכע ווערט נאָך אַלץ רעגירט פון טויטע מענשען, מענשען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו דערשטיקען אין אונז אַלע טיעפערע געפיהלען, אַלע נאָבעלע שטרעבונגען; און וואָס ווייטער מיר געהען אין אונזער גייסטיגער ענטוויקלונג אַלץ שמערצליכער און אונערטרעגליכער ווערט פאַר אונז דיזער צושטאַנד. די אידעען פון פרייהייט און גערעכטיגקייט ווערען קלאָהרער און בעשטימטער פון טאָג צו טאָג; אמת, איהרע פערטהיידיגער זיינען יעצט נאָך אַ מינאָריטעט, אָבער דיזע מינאָריטעט איז שוין אַזוי שטאַרק, אַז די בעזיצענדע קלאַסען הויבען אָן צו ציטערן

און קוקען זיך אַרום מיט מורא'דיגע אויגען, אום צו געפֿינען אַן אויסוועג.

דער מענש, אַקוראַט ווי אַלע אַנדערע טהירע, איז דאָס פּראָדוקט פֿון אַן ענטוויקלונג, וועלכע פֿינדעט שטאַט דורך דעם איינפֿלוס פֿון די אומשטענדע, אין וועלכע ער לעבט, און דורך די בעדינגונגען פֿון זיין עקזיסטענץ, און ער איז געצוואונגען צו אַנערקענען דיזע בעדינגונגען אָדער צו קעמפּפען געגען זיי. דער גאַנצער אונטערשיעד צווישען איהם און אַנדערע טהיע־ע בעשטעהט אין דעם, אַז ער שטעהט אויף אַ העכערע שטופֿע פֿון ענטוויקלונג, אַז ער קען זיין פֿערגאַנגענהייט און איז אימ־שטאַנד צו ענטוויקלען זיינע שטרעבונגען פֿאַר דער צוקונפֿט. עס ווענדעט זיך אַלזאָ אָן איהם אַליין אָבצושטעלען די אונפֿערמייד־ליכקייט פֿון דעם איבעל, וועלכעס איז פֿערבונדען מיט זיין עקזיסטענץ. און אין דעם מאָמענט, וואו עס וועט זיך איהם איינגעבען צו שאַפֿען אַנדערע לעבענס־בעדינגונגען, שאַפֿט ער אין דערזעלבער צייט די מעגליכקייט פֿאַר זיין אייגענע ווייטערע ענטוויקלונג.

* * *

די גאַנצע פֿראַגע לאָזט זיך אויסדריקען ווי פֿאָלגט: „האָט יעדער מענש, צו ער איז גוט אָדער שלעכט, אַ רעכט צו לעבען אויף זיין אייגענעם שטייגער? האָט ער אַ רעכט צו רעוואָלטירען, ווען אַנדערע עקספּלאָאַטירען איהם, אָדער ווען אַנדערע זוכען צו פֿערהינדערן, ער זאָל זיך בעפֿרייען פֿון אַזעלכע עקזיסטענץ־בעדינגונגען, וועלכע זיינען אָבשטויסענד און שעדליך פֿאַר איהם?" די ליעבלינגע פֿון גליק, די, וואָס האַלטען די מאַכט אין זייערע הענד, בעטראַכטען זיך פֿאַר בעסער פֿון די אַנדערע; אָבער ווען די אַנדערע, די „שלעכטע", וואָלטען זיי היינט אַראָבגעוואָרפֿען פֿון ביינקעל אין פֿערנומען זייערע פּלעצער, וואָלטען זיי געהאַט דאָסזעלבע רעכט צו רופֿען זיך די „בעסטע".

דאָס סיסטעם פֿון פּריוואַט־אייגענטהום, וועלכעס קאָנצענ־טרירט אונזערע אַלע סאָציאַלע רייכטהימער אין די הענד פֿון אַ קליינע מינאָריטעט, האָט געגעבען צו אייניגע פּערזאָנען די

מעגליכקייט צו לעבען אַלס פּאַראַזיטען אויף׳ן קאַרג פֿון דער ברייטער מאַסע; און דיזע פֿערשקלאַפּטע מאַסע איז געצוואונגען אויפֿצוהאַלטען מיט איהר אַרבייט די עקזיסטענץ פֿון דיזע לײדיג־געהער, צו בעפֿרידיגען זייערע אויסברײנגערישע בעדירפֿניסע און צו פֿערטהיידיגען זייערע אינטערעסען. אָבער דיזער צושטאַנד קען ניט אָנהאַלטען פֿאַר אַלע צייטען, ווייל די אונטערדריקטע פֿיהלען אַלץ מעהר די אונגערעכטיגקייט פֿון די יעצטיגע סאָציאַלע בעדינגונגען. די אַרבייטער פֿאָדערן דעם פֿרייען גענוס פֿון זייערע אַרבייטס־פּראָדוקטע, און זיי וועלען זיך אויפֿהויבען און רעוואָלטירען, אויב מען וועט ווייטער אונטערדריקען זייער רעכט. עס וועט דער בורזשואַזיע ווייניג וואָס העלפֿען, צו בעהויפּטען, אַז דער „מענש איז שלעכט״, זי וועט דאַדורך ניט צוריקהאַלטען די רעוואָלוציאָן. דאַן וועט עס זיך אַרויסצייגען, צו דער מענש אין ווירקליך אונפֿעהיג צו ווערען בעסער און פֿאָלקאָמענער — אין דיזעם פֿאַל וואָלט זיך אָנגעפֿאַנגען אַן אַלגעמיינע כאַאָס־עריי, און וואָס עס וואָלט ניט געוועזן די ענדע, די בורזשואַזיע וואָלט זיכער פֿערניכטעט געוואָרען, ווייל זי איז אין דער מינאָריטעט! — אָדער אָבער עס וועט זיך ענדליך אַרויסצייגען, אַז דער מענש איז שלעכט, דערפֿאַר ווייל די געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען זיינען שלעכט — און אין דיזעם פֿאַל וועט ער פֿערזוכען צו שאַפֿען אַזעלכע בעדינגונגען, וועלכע זאָלען זיין גינסטיג פֿאַר זיין גייסטיגע, מאָראַלישע און פֿיזישע ענטוויקלונג, אין דאָס איז נאָר מעגליך אין אַ סאָלידאַרישער געזעלשאַפֿט, וואו די אינטערעסען פֿון אַלעמען זיינען דיזעלבע. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין — די רעוואָלוציאָן וועט קומען! די מאָדערנע ספֿינקס שטעלט אונז איהרע פֿראַגען, און מיר ענטפֿערן איהר אָהן שרעק, אָהן מורא; דען מיר אַנאַרכיסטען, מיר צושטעהרער פֿון געזעץ און אייגענטהום, קענען דאָס צויבער־וואָרט, וועלכעס וועט אויפֿלייזען דאָס רעטהעניש.

דאס אייגענטהום.

אײדער מיר װעלען אָנגעהן װײטער מיט דער ערקלערונג פֿון אונזערע אידעען, איז עס נויטװענדיג צו װאַרפֿען אַ בליק אויף די אינסטיטוציאָנען, װעלכע מיר װילען צושטערען, צו אונטערזוכען דעם באַזיס, אויף װעלכען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט גרינדעט זיך, דעם פּאָזיטיװען װערטה פֿון דיזען באַזיס, װאַרום אַן אמת׳ע סאָציאַלע רעפֿאָרמע איז נאָר מעגליך דורך אַ פֿאָלשטענדיגע פֿערענדערונג פֿון דעם גאַנצען געזעלשאַפֿטליכען אָרגאַניזמוס, און װאַרום עס איז ניט דאָ קיין האָפֿנונג פֿאַר אַ פֿערבעסערונג, ביז װאַנען דיזע ראַדיקאַלע אומװעלצונג װעט ניט שטאַטפֿינדען. די אונטערזוכינג פֿון דיזע פֿראַגען איז אין דערזעלבער צייט אַן ערקלערונג פֿאַר װאָס מיר זיינען אַנאַרכיסטען און רעװאָלוציאָנערען.

די פֿערטהיידיגונג פֿון פּריװאַט־אייגענטהום און דאָס רעכט איבערצוגעבען בירושה די מאָנאָפּאָליזירטע רייכטהימער צו מיטגלידער פֿון דיזעלבע פֿאַמיליען, אָט דאָס איז דער פּרינציפּ, אויף װעלכען די הײנטיגע געזעלשאַפֿט גרינדעט זיך. די אויטאָריטעט, די פֿאַמיליע, דאָס געריכט, די אַרמעע און אַלע אַנדערע שטאַאַטליכע און ביראָקראַטישע קערפּערשאַפֿטען, װאָס דריקען און שטיקען אונז, זיינען אַלע אַרויסגעװאַקסען פֿון דיזען פּרינציפּ. מיר װאָלטען נאָך געקענט דערמאָהנען די רעליגיאָן, אָבער די װיסענשאַפֿט האָט זי געטויטעט. זאָלען די טויטע זיך אָפּרוהען!

מיר האָבען ניט די אַבזיכט צו געבען דאָ אַ היסטאָרישע ערקלערונג איבער די ענטװיקלונג פֿון דעם אייגענטהום. דאָס איז שוין אָפֿט געטהאָן און װידערהאָלט געװאָרען פֿון אַלע סאָציאַליסטישע שולען און ריכטונגען; זיי אַלע האָבען אונז

אויפגעוויזען, אַז רויב, שווינדעל און ברוטאַלע געוואַלט זיינען געווען און זיינען נאָך היינט די קוועלען פון פּריוואַט-אייגענטהום. מיר וועלען נאָר אָנדייטען אויף איניגע בעשטימטע טהאַטזאַכען, וועלכע אילוסטרירען די אונגערעכטיגקייט פון דיזער אינסטיטוציאָן, און די איבלען, וועלכע וואַקסען דערפון אַרויס; מיר וועלען עס טהאָן, אום צו בעווייזען, דאָס אַלע זאָגענאַנטע רעפאָרמען, וועלכע מען שלאָגט פאָר, זיינען ניט מעהר ווי בעשטימטע מיטלען, צו פערבלענדען די אויגען פון די אונטערדריקטע, און אויב מיר ווילען ווירקליך פערהיטען דיזע אַלע איבלען, מוזען מיר אַטאַקירען דעם הויפּט-פונדאַמענט פון דער היינטיגער געזעלשאַפט — דאָס פּריוואַט-אייגענטהום און די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן.

* * *

די מאָדערנע וויסענשאַפט ערקלעהרט אונז, אַז די ערד איז ענטשטאַנען פון אַ קערן פון קאָסמישער מאַטעריע, וועלכער האָט זיך אָבגעזונדערט פון די זונען-נעבלען. דורך די שטענדיגע בעוועגונג פון דיזען גאַז-קוגעל אַרום זיין אַקס און אַרום דעם גרויסען צענטראַל קערפּער, די זון, איז ענטשטאַנען אַזאַ געוואַלטיגער דרוק, אַז די גאַזען האָבען זיך אָנגעצונדען; און דיזער פייערדיגער קוגעל, אַ קינד פון דער זונן, האָט דאַן געמוזט אויסזעהן אין וויטען וועלט-רוים ווי אַ קליינינקער, פּיצינקער שטערנדעל. אין פערלויף פון מיליאָנען און מיליאָנען יאָהרען האָט דיזער קליינער וועלט-קערפּער דורכגעמאַכט אַ געוואַלטיגע ענטוויקלונג. ער איז ביסלעכוויז אָבגעקיהלט געוואָרען און אויף זיין אויבערפלעכע האָט זיך אָנגעזאַמעלט וואַסער, אַ הייסער קאָכעדיגער ים; שפּעטער איז געקומען אַ פּעריאָדע פון אַ קלעבעדיגען, בלאָטיגען צושטאַנד, ביז וואַנען עס האָט זיך ענדליך ענטוויקעלט אַ פעסטע שאָלאַכץ. אין דיזען פּרימיטיווען שמעלץ-אויווען האָט די פעראייניגונג פון פערשידענע גאַזען אַרויסגערופען אַזוי פיעל קאָמפּליצירטע צוזאַמענמישונגען, אַז עס זיינען צולעצט ענטשטאַנען די הויפּט-שטאָפען, וועלכע שטעלען צונויף דעם ערד-קוגעל: מינעראַלען, מעטאַלע און גאַזען, אָבגעזונדערט פון דער

אַטמאָספֿערע. די לאַנגזאַמע אָבקיהלונג פֿון דער ערר, דער איינפֿלוס פֿון לופֿט און וואַסער אויף די מינעראַלען האָט ביסלעכוויז געשאַפֿען אַ מעגליכקייט פֿאַר די ענטוויקלונג פֿון פֿלאַנצונגען. וועהרענד דיזער אונגעהייער לאַנגער פעריאָדע האָט זיך ענטוויקעלט אויף דעם גרונד פֿון ים, דורך די צונויפֿמישונג פֿון וואַסער־שטאָף, זויער־שטאָף, קוילען־שטאָף און שטיק־שטאָף, אַ לעבעדיגע, געדיכטע, קלייאיגע זאַך אָהן אַ בעשטימטע פֿאָרמע, אָהן אָרגאַנע, אָהן בעוואוסטזיין, וועלכע איז אָבער שוין געוועזען אימשטאַנד צו פֿערענדערן איהר אָרט, אויסציהענדיג איהר קערפּער צו דעם פלאַץ, וואו עס האָט זיך איהר פֿערוועלט צו קריכען. אָדער בעסער געזאָגט, פֿון וואַנען זי איז בעאיינפֿלוסט געוואָרען. די צווייטע פֿעהיגקייט איהרע איז געוועזען אַריינצונעהמען אין זיך פֿרעמדע שטאָפֿען, מיט וועלכע זי האָט זיך גענעהרט, און דערצו קומט נאָך אַ דריטע פֿעהיגקייט: ווען זי האָט נעמליך דערגרייכט אַ געוויסען גראַד פֿון ענטוויקלונג, האָט זי זיך געשפּאָלטען אין צווייען און געבאָרען אַ נייען אָרגאַניזמוס, וועלכער איז געוועזען עהנליך אין אַלע בעציהונגען צו דעם ערשטען.

* * *

אָט האָבען מיר דעם פּראָסטען אָנפֿאַנג פֿון דער מענשהייט! אַזוי פּראָסט, אַזוי בעשיידען, אַז עס האָט גענומען אַ לאַנגע, לאַנגע צייט, איידער מען האָט געקענט אונטערשיידען אַ טהיער פֿון אַ פֿלאַנצע; איידער דאָס איז מעגליך געווען, האָט פֿריהער שטאַטגעפֿונען אַ גאַנצע רייהע פֿון פֿערשידענע ענטוויקלונגען, און אַ בעשטימטע צאָהל פֿון פֿערשידענע פֿאָרמען האָבען פֿריהער געדאַרפֿט ענטשטעהן, אום ענדליך צו דערגרייכען דיזען אונטערשיעד. צו געבען אַן איבערבליק פֿון דער לאַנגער רייהע פֿון טויזענדער און טויזענדער פֿערשידענע בעשעפֿניסע, ביז וואַנען עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די פעריאָדע פֿון׳ם מענשען, וואָלט געהייסען נאָך אַמאָל ווידערהאָלען די גאַנצע געשיכטע פֿון דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג, וועלכע די מאָדערנע וויסענשאַפֿט האָט ערקלעהרט אַזוי קלאָהר און פֿערשטענדליך פֿאַר אַלע די, וועלכע האָבען דעם ווילען צו שטודירען דיזע פֿראַגען אָהן פֿאָראורטהיילע.

אָבער דאָס איז ניט געווען אונזער אַבזיכט. מיר האָבען נאָר אָנגעדייטעט אויף די וויכטיגסטע פאַקטען פון דעם ענטוויקלונגס־פּראָצעס, אום צו אונטערשטיצען אונזער מיינונג איבער די וויל־קירליכע מאַנאָפּאָליזירונג פון אַ טהייל פון דער ערד דורך אַ געוויסע קלאַסע מענשען, וועלכע האָבען צוגענומען דאָס לאַנד פאַר זייער פּערזענליכען פּראָפיט און דעם פּראָפיט פון זייער־ע יורשים, צום שאָדען פון די וויניגער בעגינסטיגטע און די קו־מענדע דורות.

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז דיזע ערקלעהרונג איבער די ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון׳ם מענשען אויף דער ערד פערניכטעט איין פאַר אַלע מאָל די אַלע וואונדערבאַרע לעגענ־דען, וועלכע דערצעהלען אונז די מערקווירדיגע געשיכטע פון זיין בעשאַפינג. ניטאָ מעהר קיין גאָט און קיין בעשעפער! דער מענש איז ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון דער נאַטירליכער ענטוויקלונג פון לעבען; דאָס לעבען אַליין איז ניט אַנדערש ווי דאָס פּראָדוקט פון אַ צונויפמישונג פון פערשידענע גאַזען און עס איז פריהער נייטיג געווען אַ לאַנגע, לאַנגע ענטוויקלונג, איידער דיזע גאַזען האָבען בעקומען די נויטווענדיגע געדיכטקייט און פּראָפּאָרציאָן פאַר דער ענטשטעהונג פון דער ערשטער לע־בענדיגער ערשיינונג.

* *
*

די טהעאָריע פון דער איבערנאַטירליכער ענטשטעהונג פון׳ם מענשען האָט היינט מעהר קיין בעדייטונג ניט, און די אידעע, אַז די געזעלשאַפט, אַזוי ווי זי איז יעצט, מיט איהרע אָבטהיי־לונגען פון רייכע און אָרעמע, רעגירער און רעגירטע, איז דאָס פּראָדוקט פון אַ געטליכען ווילען, האַלט ניט אוים קיין פערנינפ־טיגען אַרגומענט. די אויטאָריטעט, וועלכע האָט פאַר אַזאַ לאַנגע צייט שטאָלצירט מיט איהר „געטליכען אורשפּרונג" — אַ לע־גענדע, וועלכע האט זיכער ניט וויניגער בייגעטראָגען אויפצו־האַלטען די אויטאָריטערע אינסטיטוציאָנען, ווי די ברוטאַלע געוואַלט — האָט פערלאָרען איהר בעדייטונג דורך די דיסקו־סיאָנען, וועלכע האָבען שטאַטגעפונען, זי האָט מאָראַליש

באַנקראָטירט; איהר לעצטע פֿעסטונג איז היינט דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט און די הערשאַפֿט פֿון דער מאַיאָריטעט. דער גלויבען אין די נויטוועגדיגקייט פֿון דער אויטאָריטעט האָט זיך נאָר געקענט אויפֿהאַלטען, אַזוי לאַנג ווי מען האָט איהם ניט דיסקוטירט; און מיר וועלען שפּעטער זעהען, אַז זי האָט מעהר קיין וואַפֿע ניט זיך צו פֿערטהיידיגען אויסער דער ברוטאַלער געוואַלט. מיר קענען אַלזאָ רוהיג בעהויפּטען, אַז אייגענטהום און אויטאָריטעט זיינען פֿעראורטהיילט צום אונטערגעהן, ווי באַלד מען הויבט אָן צו דיסקוטירען זייער בערעכטיגונג, ווייל דער רעספּעקט פֿאַר דיזע אינסטיטוציאָנען געהט צו גרונדע דורך דעם, וואָס מען דיסקוטירט וועגען זיי; און וואָס די געוואַלט האָט אויפֿגעבויט, קען אויך צושטעהרט ווערען דורך דער געוואַלט.

* * *

די פֿלאַנצונגען ערנעהרען זיך פֿון די מינעראַלען און פֿון דער אַטמאָספֿערע, די חיות לעבען פֿון די פֿלאַנצונגען און שפּע־טער פֿון אַנדערע חיות; אָבער דיזער גאַנצער פּראָצעס שפּילט זיך אָב אָהן אַ שום פּלאַן, וועלכער איז פֿריהער אויסגעאַרבייט געוואָרען פֿון אַ בעשעפֿער אָדער פֿון אַ שאַפֿענדער קראַפֿט, אַ פּלאַן, וואָס האָט בעשטימט אין פֿאָראויס, אַז די פֿלאַנצונגען זאָלען דיענען אַלס שפּייז פֿאַר די חיות, אַז די חיות זאָלען ער־נעהרען דעם מענשען, און אַז די שקלאַפֿען אין דער מענשליכער געזעלשאַפֿט האָבען די אויפֿגאַבע צו בעפֿרידיגען דעם לוקסוס אין די פֿערגעניגונגען פֿון די אויסערוועהלטע. ניין, דיזע אַלע ערשיינונגען זיינען ניט מעהר ווי די פֿערשידענע פֿאָרמען פֿון אַ לאַנגער ענטוויקלונג, אַ מאַניפֿעסטאַציאָן פֿון נאַטירליכע געזעצע: דורך דעם דרוק און די פֿערדיכטונג פֿון די גאזען זיינען ענט־שטאַנען די מינעראַלען, פֿון די מינעראַלען האָט זיך ענטוויקעלט דאָס ערשטע לעבען פֿון די פֿלאַנצונגען, און דערפֿון איז שפּעטער ענטשטאַנען אַן אָרגאַנישע פֿערבינדונג, וועלכע האָט געהאַט די קראַפֿט צו ענטוויקלען די ערשטע סמנים פֿון אַ טהיערישען לעבען.

ווי באַלד מיר גיבען צו דיזען לאַנגזאַמען ענטוויקלונגס־פּראָצעס, וועלכער האָט ביסלעכווייז געפֿיהרט צו דער ענטשטעהונג פֿון'ם מענשען, דאַן וועלען מיר אויך בעגרייפֿען, אַז ווען די ערשטע דיינקענדע בעשעפּעניסע זיינען ערשינען אויף דער ערד, איז זיכער ניט נייטיג געווען קיין בעשיצענדע השגחה, כדי צו פֿערלייכטערן זייער ענטוויקלונג; און פֿאָלגליך איז עס לעכערליך צו רעדען פֿון אַ געטליכען ווילען, וועלכער האָט בעשטימט, אַז איינינע אויסערוועהלטע זאָלען בעהערשען זייערע מיטמענשען, מאָנאָפּאָליזירען די ערד, אַז די גרויסע מאַסע זאָל לעבען און שטאַרבען אין עלענד און נויטה, אום צו בעפֿרידיגען דורך איהר אַרבייט די אונצעהלבאַרע בעדירפֿניסע פֿון איהרע הערען.

ס'איז אמת, אַז דער „קאַמפּף אום דאַזיין" איז אין אָנפֿאַנג געווען דאָס איינציגע געזעץ פֿון לעבען פֿאַר די מענשען, מען האָט אויפֿגעגעסען אַנדערע, כדי מען זאָל אַליין ניט ווערען אויפֿגעגעסען — דאָס איז געווען דער איינציגער שטרעבען פֿון אַלעמען. שפּעטער אָבער, ווען די מענשען האָבען אָנגעהויבען צו פּראַקטיצירען אונבעוואוסטערהייט דאָס אַנדערע, פֿיעל העכערע געזעץ פֿון לעבען: די גענענזייטיגע הילפֿע אין דער צייט פֿון קאַמפּף, דאַן איז ביי זיי שוין געווען שטאַרק ענטוויקעלט דער אינסטינקט פֿון קאַמפּף און קריעג און דאָס בעדירפֿניס צו אונטערדריקען דעם בעזיעגטען, צוויי אינסטינקטיווע שטרעבונגען, וועלכע האָבען זיך איבערגעטראָגען בירושה פֿון דור צו דור, און די טהאַטזאַכען בעווייזען אונז, אַז דיזער גייסט פֿון קאַמפּף און הערשאַפֿט, וועלכער האָט ביסלעכווייז אָנגעפֿילט די מוחות פֿון די פֿערגאַנגענע דורות האָט אויך שפּעטער געהאַט דעם וויכטיגסטען איינפֿלוס, ווען עס זיינען ענטשטאַנען די ערשטע געזעלשאַפֿטליכע גרופּירונגען. אַזעלכע אינדיווידוען, ביי וועלכער דיזער אינסטינקט איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט, האָבען געצוואונגען די אַנדערע, ביי וועלכע דער שטרעבען צו קאַמפּף און הערשאַפֿט איז געווען שוואַכער, צו אַנערקענען זייער ווילען. דיזער אויטאָריטעטער גייסט האָט זיך שטענדיג צוגעפּאַסט צו די פֿערשידענע פֿאָרמען פֿון דער מענשליכער אינטעליגענץ, און די

פֿערענדערונגען פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען אָרגאַניזמוס זיינען שטענדיג בעאיינפֿלוסט געוואָרען דורך דער געוואַלט — אַמאָל איז עס געוועזען די מאַכט פֿון׳ם רעליגיעזען געדאַנק, וועלכע האָט טריאומפֿירט, אַן אַנדער מאָל דער קאָמערציעלער גייסט. די אויטאָריטעט אין איהרע אַלע פֿערשידענע פֿאָרמען האָט זיך אויפֿגעהאַלטען ביז היינטיגען טאָג, און זי וועט ווייטער עקזיס־טירען, ביז וואַנען דער מענש וועט זיך ענדליך בעפֿרייען פֿון די אַלע טעות׳ן און פֿאָראורטהיילע, וועלכע די פֿערגאַנגענהייט האָט איהם איבער־געלאָזט בירושה, ביז ער וועט ענדליך זיין זיין אייגענער הערר און מעהר ניט צווינגען קיין אַנדערן צו אַנער־קענען זיין ווילען, פּונקט ווי ער אַליין וועט מעהר ניט אַנערקענען דעם ווילען פֿון איינעם וואָס איז שטאַרקער פֿון איהם.

*
* *

אפילו די בורזשואַזע וויסענשאַפֿט אַליין אַנערקענט שוין היינט ניט מעהר דעם געטליכען אורשפּרונג פֿון אויטאָריטעט און אייגענטהום, און די בורזשואַזיע האָט פֿערזוכט צו געבען דיזע ביידע אינסטיטוציאָנען אַ פֿעסטען און נאַטירליכען באַזיס. די עקאָנאָמיסטען האָבען גענומען געזעלשאַפֿטליכע פֿאַקטען, וועלכע זיינען די לאָגישע פֿאָלגען פֿון אַ שלעכטער אָרגאַניזאַציאָן, און האָבען געמאַכט דערפֿון „נאַטירליכע געזעצע"; זיי בעהויפּטען, אַז דיזע זאָגענאַנטע געזעצע זיינען די אורזאַכע פֿון דעם יעצטי־גען צושטאַנד, נאָר אין דער אמת׳ן זיינען זיי ניט מעהר ווי די אונפֿערמיידליכע ווירקונגען פֿון דיזען צושטאַנד. און צו דיזע אַבסורדע און לעכערליכע בעהויפּטונגען האָט מען צוגעשטעפּעט דעם נאָמען וויסענשאַפֿט, אום צו רעכטפֿערטיגען די געפֿעהר־ליכסטע סאָציאַלע פֿערברעכען, די אָבשייליכסטע רויבער׳יען פֿון דעם קאַפּיטאַליזמוס, מען ערקלעהרט, אַז די אָרעמע און עלענדע זיינען אַליין פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר זייער אָרימקייט, אַז דער ברוטאַלסטער עגאָאיזמוס איז אַ געזעץ, וועלכער האַלט אויף די מענשליכע געזעלשאַפֿט, וועהרענד ער איז אין דער ווירקליכקייט די אורזאַכע פֿון שטענדיגע קריגערייען, אַ פֿערלוסט פֿון ענערגיע און אַ הינדערניס פֿאַר דעם פּראָגרעס, אַזוי לאַנג ווי ער ווערט

ניט בעאיינפלוסט און אָבגעשוואַכט דורך דאָס אַנדערע, מעהר ענטוויקעלטע און מעהר מענשליכע געזעץ פון סאָלידאַריטעט.

* * *

די בורזשואַזע געזעלשאַפט גרינדעט זיך אויף דאָס קאַפּי־טאַל, וועלכעס ווערט היינט פּרעזענטירט דורך דאָס געלד; די עקאָנאָמיסטען, וועלענדיג פערמאַסקירען די בעזונדערע ראָלע, וועלכע דאָס געלד שפּילט אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציאָ און אויסטויש, האָבען פון אַלצדינג געמאַכט קאַפּיטאַל. דער מאַן, וואָס פּראָדוצירט קינדער מיט זיין פרוי, גיט אוים קאַפּיטאַל, אָבער ער שאַפט אויך אין דער זעלבער צייט קאַפּיטאַל, ווייל דאָס קינד, אויסוואַקסענדיג ביסלעכווייז אַ מאַן, וועט זיין קאַפּי־טאַל! די קראַפט פון די מוסקלע, וועלכע דער אַרבייטער פער־ווענדעט אין דער פּראָדוקציאָן, איז קאַפּיטאַל! פאַרבי־געהענדיג איז נויטוועגדיג צו בעמערקען, אַז ביי יעדער סאָרט אַרבייט פערווענדען די אַרבייטער ניט אַליין די קראַפט פון זייערע מוס־קלען נאָר אויך אַ געוויסע סומע פון אינטעליגענץ, וועלכע איז אָפטמאָל גרעסער ווי די פון דעם פאַבריקאַנט. אָבער צו אַנער־קענען דיזען פאַקט וואָלט געהייסען צו אַנערקענען, אַז די אַרביי־טער האָבען אַ רעכט אויף צוויי טהייל פון דעם קאַפּיטאַל; נאָר דאָס וואָלט געוועזען אַ שטריך אין דער רעכנונג פון די עקאָנאָמען, און דערפאַר מאַכען זיי זיך בעסער ניט ווייסענדיג.

אָבער זאָגאַר דער פערזוך צו פערוואַנדלען יענע מענשליכע טהעטיגקייט אין אַ בעשטימטען קאַפּיטאַל, איז נאָך קיין ער־קלעהרונג פאַר די ענטשטעהונג פון דעם קאַפּיטאַל, וועלכעס ווערט רעפּרעזענטירט דורך געלד. די עקאָנאָמיסטען האָבען אויסגעפונען, אַז „געלד־קאַפּיטאַל איז דער טהייל פון דער אַרבייט, וועלכען פליסיגע און פאָרזיכטיגע מענשען האָבען ניט באַלד פערברויכט, זאָנדערן אָבגעשפּאָרט פאַר שפּעטערע בעדירפניסע.” אָט דאָ איז דער פּונקט, וואו די רעכנונג פאַנגט אָן צו ווערען אינטערעסאַנט.

* * *

די עקאָנאָמיסטען בעהויפּטען מיט אַ דאָגמאַטישער זיכער־

הייט, אַז יעדעס קאַפּיטאַל, וועלכעס געפינט אַ פערוועגדונג, מוז אַריינברייגגען — ערשטענס: אַ סומע, וועלכע רעפּרעזענטירט דעם גלייכען ווערטה פון דעם אַריינגעלייגטען קאַפּיטאַל, און צווייטענס: דאַרף ער נאָך אַריינברייגגען אַ מעהר־ווערטה, אַן איבערשוס, ווייל יעדע שפּעקולאַציע איז פערבונדען מיט אַ ריזיקע, און דערפאַר איז נויטווענדיג צו שאַפען אַ פערזיכערונג געגען דער געפאַהר.

דאָס מיינט אַלזאָ, אַז דער אַרבייטער, וועלכער בעקומט באַלד בעצאָהלט פאַר זיין אַרבייט און וועלכער האָט פאָלגליך קיין זאַך ניט צו ריזיקירען, האָט נור אַ רעכט אויף די ערשטע פאָדערונג, ער דאַרף זעהן אַריינצובעקומען אַזוי פיעל קאַפּיטאַל, ווי ער האָט אויסגעגעבען; ד.ה. זיין אַרבייט דאַרף איהם געבען די מעגליכקייט צו בעקומען נאַהרונג, קליידונג און וואוינונג, כדי ער זאָל קענען צוריק אָנקלייבען די נייטיגע קראַפט, וועלכע ער האָט אַוועקגעלייגט ביי דער אַרבייט. ער דאַרף ניט פּראָדוצירען מעהר קינדער, ווי זיין לוין ערלויבט איהם צו ערנעהרען. אויב ער טהוט עס יאָ, איז ער אַליין פעראַנטוואָרטליך פאַר די פאָלגען.

אָבער דער קאַפּיטאַליסט, דער פאַבריקאַנט? אָט דאָס איז אַן אַנדער מעשה. פריהער פון אַלעס דאַרף ער אויסלעגען אַ גרונד קאַפּיטאַל, דאָס נויטווענדיגע געלד, אום צו בעצאָהלען די אַר־בייטער, צו קויפען רוי־שטאָפען א.ז.וו. דיזעס קאַפּיטאַל — אַזוי דערצעהלען אונז די עקאָנאָמיסטען — שטעלט פאַר די אַלע פערגניגענס און בעדירפניסע, פון וועלכע דער קאַפּיטאַליסט האָט זיך ענטזאָגט, כדי ער זאָל קענען צונויפקלייבען די נויטווענדיגע סומע פאַר די קאָסטען פון דער פּראָדוקציאָן. דאָס קאַפּיטאַל פון דעם פאַבריקאַנט, אָקוראַט ווי דאָס פון דעם אַרבייטער דאַרף אַלזאָ צוערשט צוריק אַריינברייגגען זיין אורשפּרינגליכען ווערטה; אָבער אויסער דעם דאַרף עס אויך נאָך אַריינברייגגען אַ געוויסען פּראָפיט, אום צו בעלוינען דעם קאַפּיטאַליסט פאַר דער ריזיקע, וועלכע ער דאַרף אויסשטעהן. און ווייטער אויב די אונטערנעהמונג איז אַן אינדוסטריעלע, דאַן זיינען נויטווענדיג הייזער און מאַשינען

פֿאַר די אַרבייטער, ד.ה. נאָך אַ קאַפּיטאַל, וועלכער דאַרף אַריינבריינגען זיין אייגענטליכען ווערטה און אויסער דעם נאָך אַ מעהר־ווערטה, אום צו פֿערוויכערן דעם קאַפּיטאַליסט פֿאַר דער ריזיקע פֿון זיין אונטערנעהמונג. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. די אינטעליגענץ פֿון דעם עקספּלאָטאַטאָר ווערט אויך גערעכענט פֿאַר קאַפּיטאַל און זאָגאַר פֿאַר אַ זעהר בעדייטענדען קאַפּיטאַל. אַ קאַפּיטאַליסט דאַרף וויסען ווי צו מאַכען אַ פֿערנינפֿטיגען געברויך פֿון זיין קאַפּיטאַל, ער דאַרף וויסען ווי צו פֿיהרען זיינע געשעפֿטען און זיך אַליין; ער דאַרף שטענדיג זוכען אויסצוגעפֿינען וואָס פֿאַר פּראָדוקטען עס ווערען אַם מייסטען פֿערלאַנגט, און וועלכע עס בריינגען אַריין דעם גרעסטען געווין א.ז.וו. אויך דער ווערטה פֿון דיזען דריטען קאַפּיטאַל דאַרף צוריק אַריינגעבראַכט ווערען דורך דער אונטערנעהמונג. און ווען דער אונטערנעהמער איז אַן אינזשעניר, אַ געלעהרטער, אַ דאָקטאָר, דאַן איז דער ווערטה פֿון דעם גייסטיגען קאַפּיטאַל נאָך פֿיעל גרעסער, ווייל צו שאַפֿען דיזען קאַפּיטאַל קאָסט זעהר טהייער, און פֿאָלגליך איז אויך דער פּרייז פֿאַר זיין פֿערווענדונג זעהר אַ הויכע.

* * *

דיזע ביטרע אונטערשיידונג איז גרויסאַרטיג; מען ערקלעהרט איינפֿאַך, אַז די פֿערשידענע קרעפֿטע, וועלכע זיינען בעטהייליגט אין דער פּראָדוקציאָן, שטעלען פֿאָר בעזונדערע קאַפּיטאַלען, וועלכע מוזען צוריק אַריינגעבראַכט ווערען; דער קאַפּיטאַליסט בעקומט דריי חלקים, דער אַרבייטער איינעם, און דאָס שפּיל איז פֿאַרטיג. דער אַרבייטער האָט בעקומען זיין טהייל, פֿאַרוואָס זאָל ער פֿאָדערן מעהר? זאָל ער זיין עקאָנאָמיש מיט זיין לוין און אָבשפּאָרען אַ קליינעם קאַפּיטאַל, וועט ער אויך האָבען אַ מעגליכקייט צו בעקומען דריי חלקים אָנשטאָט איינעם! זאָל ער ניט האָבען אַזוי פֿיעל קינדער! דער קאַמפּף איז האַרט, און אויב די אַרבייטער ווילען קומען ווייטער אין דער וועלט, דאַרפֿען זיי זעהען ווייניגער צו געניסען און איינצושריינקען זייערע פֿערגעניגענס. נאָר דאָס פּאַסט זיי ניט, די יונגאַטשעס!

וואָלטען די הערדן עקאָנאָמיסטען, וועלכע דערצעהלען אונז אַזוי פיעל פון דער גרעסערער אינטעליגענץ פון די קאַפּיטאַליסטען, וואָלטען זיי ווירקליך געהאַט דיעם מומה צו בעהויפּטען, אַז די אינטעליגענץ פון אַ מענשען, וועלכער געווינט מיליאָנען דורך בערזען־שווינדלערייען, דונקעלע שפּעקולאַציעס און אַנדערע עהנליכע מיטלען, איז מיט אַ מיליאָן מאָל גרעסער פון דער אינטעליגענץ, וועלכע דער אַלערגעוועהנליכסטער אַרבייטער, ווי פּראָסט זיין אַרבייט זאָל ניט זיין, לייגט אַריין אין זיין פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט, שוין גאָר ניט ריידענדיג פון דעם געשיקטען אַרבייטער, וועלכער איז אַ קינסטלער אין זיין פּראָפעסיאָן?

נעהמט צום ביישפּיעל אַן אַרבייטער, וועלכער לעבט אינטער די בעסטע בעדינגונגען — איינער וואָס פערדינט אַ בעסערען לוין פון זיינע קאַמעראַדען, האָט שטענדיג אַרבייט און איז קיינמאָל ניט קראַנק! האָט דיזער אַרבייטער די מעגליכקייט צו לעבען אויף אַזאַ שטייגער, ווי ער וואָלט אייגענטליך בעדאַרפט לעבען אַלס אַ פּראָדוצירער; ד. ה. זייענדיג אַן אַרבייטער, איז ער אימשטאַנד צו בעפרידיגען זיינע אַלע פיזישע און גייסטיגע בעדירפניסע? זיכער ניט! ער קען אפילו ניט בעפרידיגען אַ הונדערט־חלק פון זיינע בעדירפניסע, ווי קליין און בעשיידען זיי זאָלען ניט זיין; און אויב ער וויל אַוועקלייגען עטליכע גראָשענס פאַר דער עלטער, דאַרף ער זיך נאָך מעהר בעשריינקען מיט זיינע נויטווענדיגסטע אויסגאַבען. און ווי קאַרג ער זאָל ניט זיין וועט זיך איהם קיינמאָל ניט איינגעבען אָבצושפּאָרען אַזוי פיעל, אים ער זאָל קענען לעבען ניט אַרבייטענדיג. עס איז זאָגאַר זעהר שווער, אַז די קליינע סומע, וועלכע ער קען אָבשפּאָרען וועהרענד דער גאַנצער פּער אָ־ע פון זיין פּראָדוקטיווער טהעטיגקייט, זאָל זיין גענוג, אום צו דעקען דעם דעפיציט פון דער עלטער, סיידען ער כאַפּט אַריין אַ ירושה אָדער אַן אַנדער גליק, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט זיין אַרבייט.

און וויפיעל אָרעמע און עלענדע, וועלכע האָבען אפילו ניט די מעגליכקייט איינצושטילען זייער הונגער, קומען אויף יעדען איינציגען פון דער קליינער צאָהל פּריווילעגירטע אַרבייטער,

וועלכע מיר האָבען גענומען פֿאַר אַ ביישפּיעל! די ענטוויקלונג פֿון די מאַשינען גיט די פֿאַבריקאַנטען די מעגליכקייט צו פֿער-קלענערן די צאָהל פֿון זייערע אַרבייטער; די אַרמעע פֿון די אַרבייטסלאָזע האַלט אין איין וואַקסען, און די פֿאָלגע איז אַ פֿערגרינגערונג פֿון די אַרבייטס-פּרייזען, וועהרענד די צייט פֿון אַרבייטסלאָזיגקייט און געצוואונגענעם ליידיג-געהען ווערט אימער לענגער און ביטערער; דערצו קומען נאָך די קראַנקהייטען, וועלכע מאַכען די לעבענס-בעדינגונגען פֿון דעם אַרבייטער נאָך ערגער — ניט דאָ די קלענסטע האָפֿנונג פֿאַר איהם אַרויסצו-קריכען פֿון זיין עלענד, פֿערקעהרט, אויב די בורזשואַזיע געזעל-שאַפֿט וועט נאָך עקזיסטירען לאַנג, וועט די לאַגע פֿון די אַרבייטער ווערען נאָך אונערטרעגליכער און גרויזאַמער, ווי זי איז יעצט.

* * *

נאָר זאָלען מיר אפילו שוין אָננעהמען, אַז דער פּריווילעגיר-טער אַרבייטער, דער, וואָס לעבט אונטער בעסערע אַרבייטס-בעדינגונגען, אָנשטאָט צו פֿערווענדען די פֿרוכט פֿון זיין שפּאַר-זאַמקייט פֿאַר אירגענד אַן אַנדער זאַך, וועט ער בעסער פֿערזוכען צו ווערען זעלבסטשטענדיג און אָנפֿאַנגען אַ געשעפֿטעל, ווען ער האָט אָבגעשפּאָרט אַ געוויסע סומע. אָבער דאָס איז וואָס וויטער אַלס שווערער, וויל די ענטוויקלונג פֿון דער מאַשינעריע פֿאָדערט געוואַלטיגע קאַפּיטאַלען און לאָזט ניט איבער קיין פּלאַץ פֿאַר דעם קליינען פּראָדוצירער, וועלכער אַרבייט אויף זיין אייגענע רעכנונג. נאָר זאָלען מיר שוין צוגעבען די מעגליכקייט פֿון אַזאַ עקזיסטענץ! אויב די בעהויפּטונגען פֿון די עקאָנאָמיסטען זיינען ריכטיג, אַז יעדע פֿעהיגקייט פֿון מענשען איז אַ קאַפּיטאַל, וועלכע שאַפֿט אַ פֿערמעגען פֿאַר דעם, וועלכער בענוצט זיך מיט איהר, דאַן האָבען מיר דאָ אַן אינדיווידואום, וועלכער פֿעראייניגט דריי פֿערשידענע קאַפּיטאַלען אין איין פּערזאָן: דאָס קאַפּיטאַל געלד, דאָס קאַפּיטאַל אַרבייט און דאָס קאַפּיטאַל אינטעליגענץ; און וויל ער דאַרף זיך אַלזאָ ניט טהיילען מיט קיינעם, וואָלטען מיר אייגענטליך בעדאַרפֿט ערוואַרטען, אַז זיין פֿערמעגען, זיין „געלד-קאַפּיטאַל" וועט זיך אין אַ קורצע צייט אַזוי שטאַרק

פֿערמעהרען, אַז ער וועט אין גיכען ווערען אַ מיליאָנער. אָבער איז דאָס ווירקליך אַזוי?

* * *

דער אַרבייטער, וועלכער אַרבייט אַליין פֿאַר זיך, עקזיס־טירט כמעט ניט אין דער ווירקליכקייט. דער קליינער מייסטער, וועלכער אַרבייט מיט צוויי אָדער דריי אַרבייטער, לעבט פֿילייכט אַ ביסעל בעסער פֿון זיינע אַרבייטער, אָבער ער מוז אַרבייטען שווער און אָפֿטמאָל שווערער פֿון די אַרבייטער, וועלכע ער בעשעפֿטיגט; ער האָט שטענדיג צו קעמפֿפֿען, כדי ער זאָל קענען אויספֿיהרען זיינע פֿערפֿליכטונגען, אַ פֿערבעסערונג פֿון זיין לאַגע קען ער איבערהויפּט ניט ערוואַרטען, און ער דאַרף זיך פֿיהלען העכסט גליקליך, אויב עס גיט זיך איהם איין אויפֿצוהאַלטען זיין פֿערהעלטניסמעסיג גינסטיגע עקזיסטענץ אָנשטאָט צו באַנקראָ־טירען.

די געוואַלטיגע פּראָפֿיטען, די גרויסע פֿערמעגענס און דאָס גוטע לעבען זיינען נאָר בעשערט פֿאַר די גרויסע אייגענטהימער, די גרויסע אַקציען־האַלטער, די גרויסע פֿאַבריקאַנטען, די גרויסע בערזען־שפּעקולאַנטען, פֿאַר די, וואָס לייגען ניט אַריין קיין פֿינגער אין קאַלטע וואַסער, נאָר זיי האַלטען הונדערטער אַר־בייטער, וועלכע אַרבייטען פֿאַר זיי. אָט דאָס איז אַ בעוויז, אַז קאַפּיטאַל איז ניט אַנדערש ווי צונויפֿגעקליבענע אַרבייט, הייסט עס, די אַרבייט פֿון אַנדערע, צונויפֿגעקליבען אין די הענד פֿון איין פּערזאָן, פֿון איין רויבער!

אויסער־דעם גיט עס נאָך אַ פֿאַקט, דער בעסטער בעוויז פֿאַר די פֿונדאַמענטאַלע אונגערעכטיגקייט פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן: אונזער גאַנצער טעכנישער פּראָגרעס, די געוואַלטיגע ענטוויקלונג פֿון דער מאַשינעריע איז די פֿרוכט פֿון די אַלע וויסענשאַפֿטליכע קענטניסע, וועלכע האָבען זיך איבערגעטראָגען בירושה פֿון איין דור אויף דעם צווייטען, פֿאָלגליך וואָלט יעדער איינציגער מענש געדאַרפֿט דערפֿון פּראָפֿיטירען; אונזער לעבען וואָלט בעדאַרפֿט ווערען ברייטער, שעהנער און גרינגער, ווייל די מאַשינען גיבען אונז די

מעגליכקייט צו פּראָדוצירען געוואַלטיגע רייכטהימער אין אַ קורצע צייט; אָבער טראָץ דעם זעהען מיר, אַז דיזע גאַנצע טעכנישע ענטוויקלונג האָט נאָך פערגרעסערט דאָס עלענד און די ליידען פון די אַרבייטע־. די קאַפּיטאַליסטען זיינען די איינ־ציגע, וועלכע פּראָפיטירען היינט פון דער גאַנצער מאַשינעלע־ ענטוויקלונג, פון יעדער נייער טעכנישער ערפינדונג און ענט־דעקונג, וועלכע גיט זיי די מעגליכקייט צו פערקלענערן די צאָהל פון זייערע אַרבייטער. אויף אַזאַ מין אַרט שאַפען זיי אַ קינסטליכען אַנטאַגאָניזמוס, אַ שטענדיגען קאַמפּף צווישען די אַרבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט, און יענע, וועלכע געהען אַרום ליידיג; דער רעזולטאַט דערפון איז אַ פערקלענערונג פון דעם לוין, ווייל דאָס עלענד צווינגט די אַרבייטסלאָזע צו פערקויפען זייער אַרבייט פאַר יעדען פּרייז, אפילו ווען דער פּרייז איז אַזוי קליין, אַז זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו בעפרידיגען זייערע נויטוועגדיגע בעדירפניסע. דעם צייגט אונז, אַז די זאָגענאַנטע „נאַטור-געזעצע", וועלכע אונזערע עקאָנאָמיסטען האָבען ענטדעקט, פערניכטען זיך אַליין דורך זייער טהעטיגקייט, און אויב דאָס זיינען שוין יאָ געזעצע, זיינען עס אָבער זיכער קיינע נאַטירליכע געזעצע.

* * *

פון דער אַנדערער זייט זעהען מיר, אַז די קאַפּיטאַליסטען, מיט זייער קאַפּיטאַל און זייערע אַלע מאַשינען און פאַבריקען, קענען קיין זאַך ניט פּראָדוצירען אָהן די הילפע פון די אַרביי־טער, וועהרענד די אַרבייטער אַליין, ווען זיי וואָלטען זיך פער־שטענדיגט איינע מיט די אַנדערע און פעראייניגט זייערע קרעפטע, וואָלטען גאַנץ גוט געקענט אָנגעהן מיט דער פּראָדוקציאָן אָהן די אונטערשטיצונג פון'ם קאַפּיטאַל. נאָר מיר וועלען שוין ניט רעדען דערפון, אַלעס, וואָס מיר ווילען אויפצייגען איז פאָלגענ־דעס: אין דעם אויגענבליק, ווען יעדער איינציגער מוז צוגעבען, אַז די קאַפּיטאַליסטען קענען קיין זאַך ניט טהאָן מיט זייער קאַפּיטאַל אָהן די פעראייניגונג פון די אַרבייטער, דאַן בעווייזט עס קלאָהר און דייטליך, אַז דער אַרבייטער איז דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין דע־פּראָדוקציאָן, פאָלגליך וואָלט ער אויך בעדאַרפט

בעקומען דעם גרעסטען אַנטהייל פֿון דעם פּראָדוקט. ווי אַזוי קומט עס אַלזאָ, אַז ניט דער אַרבייטער, נאָר דער קאַפּיטאַליסט פֿערכאַפּט דעם גרעסטען חלק פֿון דער פּראָדוקציאָן? וואָס וויינינער ער פּראָדוצירט, אַלס גרעסער איז זיין געווין. און פֿערקעהרט, וואָס מעהר די אַרבייטער פּראָדוצירען, אַלס גרעסער ווערט די געפֿאַהר פֿון אַרבייטסלאָזיגקייט, אַלס וועניגער מעגליכקייט האָבען זיי צו קאָנסומירען. ווי אַזוי קומט עס, אַז וואָס מעהר אונזערע מאַגאַזינען זיינען פֿול געפּאַקט מיט פּראָדוקטען, אַלס מעהר פּראָדוצירער שטאַרבען פֿון הונגער? ווי אַזוי קומט עס, אַז דאָס, וואָס האָט אייגענטליך בעדאַרפֿט זיין אַ קוועלע פֿון אַלגעמיינען וואָהלזיין און פֿערגניגען, איז פֿאַר דעם אַרבייטער אַ קוועלע פֿון הונגער און עלענד?

* * *

אייף דיזע פֿראַגען גיט עס נאָר איין ענטפֿער: אום צו ערווערבען פּריוואַט־אייגענטהום גיט עס נאָר איין מיטעל — די אויסבייטונג פֿון אַנדערע מענשען. די היסטאָרישע ענטוויקלונג פֿון דער מענשהייט צייגט אונז, אַז די היינטיגע פֿאָרמע פֿון אייגענטהום איז ניט געווען די פֿון די ערשטע מענשליכע פֿעראיינינונגען. ערשט אין אַ פֿיעל שפּעטערער פּעריאָדע פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג, ווען די פֿאַמיליע האָט אָנגעהויבען צו ענטשטעהן אין דער אַלגעמיינער פֿערמישונג פֿון די געשלעכטער, האָבען זיך אַרויסגעצייגט די ערשטע סמנים פֿון פּריוואַט־אייגענטהום אין דעם געמיינשאַפֿטליכען אייגענטהום פֿון די פֿערשידענע שטאַמען.

דאָס וואָלט, פֿערשטעהט זיך, נאָך קיין בעווייז געווען געגען די בערעכטיגונג פֿון פּריוואַט־אייגענטהום, ווען דיזע צואייגנונג וואָלט ניט געווען קיין ווירקליכע. מיר רעדען נאָר דערפֿאַר פֿון דיזער טהאַטזאַכע, אום צו צייגען די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע בעהויפּטען ביי יעדער געלעגענהייט, אַז דאָס אייגענטהום איז שטענדיג געווען דאָס וואָס עס איז היינט, אַז דיזער אַרגומענט האָט מעהר קיין בעדייטונג ניט אין אונזערע אויגען.

* * *

צום שלום וואלט עס געווען זעהר אינטערעסאַנט צו וויסען, ווארום די, וואָס בייזערן זיך אַזוי שטאַרק אויף די אַנאַרכיסטען, וויל זיי פריידיגען די געוואַלטזאַמע עקספּראָפּריאַציאָן, האָבען גאָרניט וואָס אויסצוזעצען געגען די עקספּראָפּריאַציאָן פון דער אַריסטאָקראַטיע אין 1789; ווארום פערדאַמען זיי ניט די בורזשואַזיע, וועלכע האָט דאַן געהאָלפען עקספּראָפּריאירען די אַדעלמענער, און וועלכע האָט שפּעטער בעשווינדעלט די בויערן, נאָכדעם ווי זיי האָבען אויפגעטהאָן אַזאַ ניצליכע אַרבייט פאַר די בורזשואַזע קלאַסען, מיט דעם וואָס זיי האָבען אויפגעהאַנגען די פעאָדאַלע באַראָנען, פערברענט די אַרכיוועט מיט ד אייגענטהומס־דאָקומענטען און צוגענומען די ערד פון די פעאָדאַליסטען?

וואָס פאַר אַ צוועק האָבען דען געהאַט די אַלע קאָנפיסצירונגען און דער פערקויף פון די פעאָדאַלע אימעניעס—וועלכער איז אָדער אין גאַנצען געווען אויסגעטראַכט, אָדער ער האָט ווירקליך שטאַטגעפונען פאַר לעכערליך גרינגע פרייזען — אויב ניט צו בערויבען די פריהערדיגע בעזיצער און די בויערן, וועלכע האָבען געהאָלפט צו בעקומען אַ חלק, כדי די בורזשואַזיע זאָל אַליין האָבען דעם פּראָפיט? האָט זיך דען די בורזשואַזיע ניט בענוצט מיט דעם איינפאַכען רעכט פון דער געוואַלט, וועלכעס זי האָט פערזוכט צו בערעכטיגען און צו פערמאַסקירען דורך געזעצליכע קאָמעדיעס? און איז דיזע בערויבונג ניט געווען אַן אונגערעכטע, דערפאַר וואָס זי האָט ניט שטאַטגעפונען פאַר דעם נוצען פון דער אַלגעמיינהייט, זאָנדערן נאָר צו דעם צוועק צו פערגרעסערן דעם רייכטהום פון עטליכע קרעמער, וועלכע האָבען באַלד אָנגעפיהרט אַ קריעג געגען די בויערן און זיי דערשאָסען ווי די הינט און בעהאַנדעלט אַלס באַנדיטען, דערפאַר וואָס זיי האָבען אַטאַקירט די שלעסער?

די בורזשואַזיע האָט אַלזאָ זיכער קיין רעכט ניט צו שרייען געוואַלט, ווען אַנדערע ווילען איהר צווינגען צוריק אַרויסצוגעבען די גנבה, וויל איהר אייגענטהום איז אַליין ניט אַנדערש ווי די פרוכט פון אַ גנבה.

די פֿאַמיליע.

אייגענטהום, פֿאַמיליע און אויטאָריטעט האָבען אַלע דריי דורכגעמאַכט דיזעלבע גלייכמעסיגע ענטוויקלונג, וועגען דעם איז היינט מעהר קיין צווייפֿעל ניט. אויב מיר אָנערקענען, אַז די מענשען האָבען פֿעראייניגט זייערע קרעפֿטע, ווייל דער איינפֿלוס פֿון אַלגעמיינע נויטווענדיגקייטען האָט זיי געצוואונגען דערצו, געוויסע הינדערניסע, וועלכע די אינדיווידועלע קראַפֿט פֿון׳ם מענשען איז געווען צו שוואַך צו בעקעמפֿפֿען, דאַן איז ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז דער נוצען, דער רעזולטאַט פֿון די פֿעראייניגטע קרעפֿטע, איז געווען אַ געמיינשאַפֿטליכער, און יעדער איינציגער האָט דערפֿון גלייכמעסיג פּראָפֿיטירט. דיזע פֿעראייניגונגען, וועלכע האָבען צוערשט נאָר עקזיסטירט פֿאַר געוויסע צייטען, אום צו בעפֿרידיגען מאָמענטאַנע נויטווענדיגקייטען, זיינען העכסט וואַהרשיינליך זעהר עהנליך געווען צו די גרופּירונגען, וועלכע מיר געפֿינען נאָך היינט ביי געוויסע זויג־טהיערע, און זיי שטע־לען פֿאָר דעם קערענדעל, פֿון וועלכען די פֿאַמיליע איז אַרויס־געוואַקסען. איינע אָדער עטליכע פֿרויען מיט זייערע קינדער האָבען זיך גרופּירט אַרום דעם שטאַרקסטען מאַן, וועלכער — אום אויפֿצוהאַלטען זיין אויטאָריטעט — האָט פֿערטריבען אַלע מענליכע קינדער פֿון זיין גרופּע, ווי באַלד זיי האָבען דערגרייכט דעם עלטער, אַז ער האָט געדאַרפֿט מורא האָבען פֿאַר זייער קאָנקורענץ. עס וואָלט אָבער, פֿערשטעהט זיך, געווען איבעראיילט צו בעהויפּטען, אַז די אויטאָריטעט פֿון דעם מאַן איז באַלד פֿון אָנפֿאַנג אָן געווען אַ פֿאָלשטענדיגע און האָט עקזיסטירט אין יעדער גרופּע; דען אָבוואָהל מיר האָבען געוויסע ביישפּיעלע פֿון ווילדע שטאַמען, וואו די צאָהל פֿון די פֿערבונדענע מיטגלידער

פֿערגרעסערט זיך דורך די פֿעראייניגונג פֿון עטליכע פֿאַמיליען־צענטערס, נאָר די אויטאָריטעט פֿון׳ם מאַן האָט פֿאָרט דעם שטאַרקסטען איינפֿלוס אין דער פֿעראייניגונג, קען אָבער פֿון דער צווייטער זייט איבערצייגט ווערען פֿון אַ סך פֿאַקטען און צאָהל־רייכע מנהגים, ווי צ.ב.ש. די „קואוואַד", אַז דאָס רעכט פֿון דער מוטער אויף די קינדער איז העכסט וואהרשיינליך געווען דאָס ערשטע רעכט, וועלכעס איז אַנערקענט געוואָרען. עס גיט געוויסע פֿעלקער, וואו די קינדער בעלאַנגען צו דעם שטאַם פֿון דער מוטער, און אַנדערע, וואו די אויטאָריטעט פֿון דעם מאַן איז שוין פֿאָלשטענדיג אַנערקענט, נאָר זיין אייגענטהום געהט איבער בירושה צו די קינדער פֿון זיין שוועסטער און ניט צו זיינע אייגענע. דאָס איז אייגענטליך אַ צווישען־שטופֿע, וואו די אויטאָ־ריטעט פֿון דער מוטער טראָגט זיך איבער אויף די אויטאָריטעט פֿון פֿאָטער. נאָך אַ כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג אין דיזער בעציהונג איז דער מנהג פֿון דער „קואוואַד"; ד.ה. ווען די פֿרוי האָט בעקומען אַ קינד, לייגט זיך דער מאַן אין בעט אריין, נעהמט איין מעדיצין און ציעלט נאָכצומאַכען אַלע שמערצען פֿון אַ קינפּעטאָרין. די שכנים בעזוכען איהם און גיבען איהם אָב מזל טוב, אָקוראַט ווי ער אַליין וואָלט בעקומען דאָס קינד.*) דאָס איז אַ בעוויז, אַז דער מאַן, אום צו בעהויפּטען זיין אוי־טאָריטעט איבער זיינע קינדער, האָט פֿריהער געדאַרפֿט בעווייזען דורך פֿאַקטען זיין רעכט אַלס פֿאָטער. ער וואָלט דאָס זיכער ניט געטהאָן, אויב ער וואָלט ניט געווען געצוואונגען דערצו דורך אוראַלטע געוואוינהייטען, וועלכע עקזיסטירען שוין אפילו ניט מעהר, נאָר די עראינערונג לעבט נאָך אַלס ווייטער אין די מנהגים פֿון די פֿעלקער און פֿערשאַפֿט זיך אַ פּראַקטישען אויסדרוק.

* * *

ווי אָפֿט האָט זיך שוין ניט איבערגעביטען די פֿאָרמע פֿון

---

*) די „קואוואַד" עקזיסטירט ניט נאָר ביי פֿיעלע ווילדע און האַלב-ווילדע שטאַמען אין אַמעריקאַ, אַזיען און אַפֿריקא, נאָר מיר געפֿינען איהר זאָגאַר נאָך היינט ביי איראָפּעאישע פֿעלקער, ווי צ ב.ש. אין קאָרסיקאַ.
(דער איבערזעצער.)

דער פֿעראייניגונג צווישען מאַן און פֿרוי? אין די אור־אַלטע צייטען, ווען די מענשהייט האָט נאָר וואָס אָנגעפֿאַנגען צו עקזיסטירען, איז די הייראַטה געווען אַן אונבעקאַנטע זאַך; די פֿאָלשטענדיגע פּראָמיסקואיטעט, די אַלגעמיינע פֿערמישונג פֿון די געשלעכטער איז דאַן געווען די איינציגע פֿאָרמע פֿון די סעקסועלע בעציהונגען. דער מאַן האָט בעפֿרידיגט זיינע געשלעכטליכע בעדירפֿניסע מיט דער ערשטער פֿרוי, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפֿען, און די פֿרוי האָט אָנגענומען אָדער זיך אונטערוואָרפֿען צו דעם פֿערלאַנג פֿון אַלע מענער, וועלכע האָבען מיט איהר געוואָלט פֿערברייגגען. אפילו שפּעטער, ווען דער מענש איז שוין געווען מעהר ענטוויקעלט און ווייניגער ברוטאַל, האָט די פּראָמיסקואיטעט נאָך אימער בעהערשט די געשלעכטליכע בעציהונגען צווישען מאַן און פֿרוי; אָבער מען האָט שוין אָנגעהויבען צו אונטערשיידען אַ פּרימיטיווע פֿאָרמע פֿון פֿערוואַנדשאַפֿטליכקייט. דאָס הייסט אַ בעשטימטע אונטערשיידונג צווישען די בעגריפֿע פֿון פֿאָטער און מוטער, ברודער און שוועסטער האָט דאַן אויך נאָך ניט עקזיסטירט, אָבער מען האָט שוין ניט דערלאָזען, אַז מענער און פֿרויען פֿון אַזעלכע גרופּירונגען, וועלכע האָבען געהאַט דעם זעלבען שטאַם־צייכען אָדער דיזעלבע אָבשטאַמונג, זאָלען זיך פֿעראייניגען. נאָר די פֿרויען האָבען אויך אין דיזער פּעריאָדע נאָך בעלאַנגט צו אַלע מענער און די מענער צו אַלע פֿרויען פֿון דעמזעלבען שטאַם. נאָך שפּעטער, ווען דער מאַן האָט שוין געהאַט אַ געוויסע אויטאָריטעט, האָט ער אָנגעהויבען צו אַנערקענען געוויסע פֿאָרמען פֿון בלוט־פֿערוואַנדשאַפֿט און געשלעכטליכע פֿערבינדונגען; אָבער אפילו דאַן איז די הייראַט צווישען ברודער און שוועסטער געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך און דער זוהן האָט איבערגענומען בירושה יעדע פֿרוי פֿון זיין פֿאָטער'ס האַרעם. עס האָט נאָך גענומען אַ לאַנגע צייט פֿון ענטוויקלונג, איידער די מוטער פֿון דעם יורש איז מעהר ניט מיט אַריינגערעכענט געוואָרען אין דער ירושה.

עס איז אויך נויטווענדיג צו דערמאָהנען, דאָס אויב עס גיט געוויסע פֿעלקער, ביי וועלכע איין מאַן בעזיצט עטליכע פֿרויען,

גיט עס פֿון דער אַנדערער זייט אויך אַזעלכע, וואו איין פֿרוי לעבט מיט עטליכע מענער. דיזע פֿערשידענע פֿאָזען פֿון פראָגרעס, די פערענדערונגען פֿון די מנהגים און געוואוינהייטען, מוזען ניט אונבעדינגט פֿאָלגען איינע אויף די אַנדערע אַזוי ווי אין אַ פּראָגראַם, עס טרעפֿט זאָגאַר, אַז צוויי פֿערשידענע פֿאָרמען פֿערשווינדען אין גאַנצען, ווען עס ענטוויקעלט זיך אַ נייע פֿאָרמע, וועלכע איז נאָך קאָמפּליצירטער פֿון די ערשטע. נאָר איין זאַך איז זיכער: דיזע אַלע זיטען און געוואוינהייטען זיינען אַרויסגע־וואַקסען איינע פֿון די אַנדערע, זיי זיינען אַזוי ענג פֿערבונדען דורך טויזענדער פֿערשידענע בעציהונגען, אַז עס איז מאַנכעסמאָל כמעט אונמעגליך ריכטיג אויסצוגעפֿינען פֿון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען. זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען זיינען אַזוי פֿיעל־זייטיג און די אַלגעמיינע געוואוינהייטען אַזוי פֿערוויקעלט איינע מיט די אַנדערע, אַז מיר האָבען ניט קיין אַנדער וועג ווי צו שטודירען די בעאָבאַכטונגען פֿון די אַלטע פֿאָרשער און די מנהגים פֿון די ווילדע שטאַמען, וועלכע עקזיסטירען נאָך יעצט, אום צו בעקומען אַ נאָהנטען בעגריף פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג.

* *
*

דאָס אַלעס בעווייזט אונז, אַז דאָס אייגענטהום האָט אין אָנפֿאַנג געהאַט אַן אַנדערן באַזיס ווי היינט, אַז די מעטהאָדע פֿון זיין צוטהיילונג איז געווען אַן אַנדערע, און אַז זיין יעצטיגע בעשטימונג גרינדעט זיך אויסשליסליך אויף געוואַלט, כיטראָסט און גנבה; דען עס איז גאַנץ קלאָהר, אַז ווען די פֿאַמיליע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען מיט אַן אַלגעמיינער פֿעראייניגונג צווישען מענער און פֿרויען, האָט ניט געקענט עקזיסטירען קיין פריוואַט־אייגענ־טהום, און פֿאָלגליך האָט דאָס וואָס האָט אין אָנפֿאַנג בעלאַנגט צו אַלעמען ניט געקענט ווערען דאָס אייגענטהום פֿון עטליכע אינדיווידוען, סיידען דורך געוואַלט און בערויבונג.

אויך די פֿאַמיליע האָט ניט אימער געהאַט דעמזעלבען איינזעהן ווי היינט, און די פֿערטהיידיגער פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע בעהויפטען, אַז דיזע ביידע אינסטיטוציאָנען גרינדען זיך אויף אייביגע, אונפֿערענדערליכע פֿונדאַמענטען, ווייסען ניט וואָס

זיי רעדען, דען עס גיט זיכער קיין גרונד, וואַרום אַ געוויסע אינסטיטוציאָן, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ שטענדיגע ענטוויקלונג, זאָל זיך ניט ענטוויקלען ווייטער אין דער צוקונפֿט. אַזאַ בעהויפּטונג וואָלט נאָר בעוויזען איין זאַך: אויב דיזע ביידע אינסטיטוציאָנען קענען זיך ווירקליך ניט ווייטער ענטוויקלען, דאַן וועלען זיי אין גאַנצען אָבשטאַרבען, דען עס איז אַ געזעץ פֿון לעבען, דאָס אַלעס, וואָס עס קען זיך מעהר ניט ענטוויקלען, מוז אונטערגעהן, אום צו מאַכען פּלאַץ פֿאַר אַנדערע פֿאָרמען און פֿאַר אַ נייע ענטוויקלונג.

* * *

דיזע וואַהרהייט איז אַזוי קלאָהר און אונבעשטרייטבאַר, אַז די בורזשואַזיע אַליין איז געוועזען געצוואונגען צו אַנערקענען דעם גט אַלס אַ נויטווענדיגע איינריכטונג, אָבוואָהל איהרע פֿערטרעטער וואָלטען זיכער בעסער פֿאָרגעצויגען צו מאַכען פֿון יעדער הייראַטה אַן אונאויפֿלייזבאַרע פֿערבינדונג. אמת, אַ גט קען נאָר שטאַטפֿינדען אונטער בעזונדערע אומשטענדען, ער פֿאָדערט אַ געזעצליכע ענטשיידונג, אַ סך שרייבערייען און אַ מאַסע געלד, נאָר פֿון דעסטוועגען בלייבט עס אימער אַן אַרגומענט געגען די בעשטענדיגקייט פֿון דער פֿאַמיליע, וועלכע מען האָט פֿערטהיידיגט אַזאַ לאַנגע צייט, איידער מען האָט ענדליך אַליין געמוזט אָנערקענען די נויטווענדיגקייט צו צוברעכען אַ פֿאַמיליע דורך אַ גט.

דאַרף מען נאָך אַ בעסערע אַנערקענונג פֿון דער פֿרייער פֿעראייניגונג צווישען מאַן און פֿרוי? צייגט אונז דאָס ניט קלאָהר און דייטליך, אַז עס איז אונניצליך און איבערפֿליסיג צו שמידען אַן אייביגען פֿערבאַנד צווישען צוויי מענשען דורך אַ געוויסע צערעמאָניע, ווי סענדיג, אַז דיזע פֿעראייניגונג קען צוריק צובראָכען ווערען דורך אַן אַנדערע צערעמאָניע? וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט עס, אַז איין פֿערטרעטער פֿון דער רעגירונג זאָל מקדש זיין אַ פֿערבינדונג פֿון אַ יונגע פּאָר, ווען דריי אַנדערע זיינע אימשטאַנד צוריק צוצושטעהרען די גאַנצע חתונה?

* * *

אַט דערפֿאַר האַלטען די אַנאַרכיסטען ניט פֿון דער גאַנצער הייראַט. זיי זיינען מיט דער מיינונג, אַז ווען צוויי מענשען ליעבען זיך איינע די אַנדערע, דאַרפֿען זיי ניט קיין דריטען, וועלכער זאָל זיי ערלויבען צו שלאָפֿען אין איין בעט. ווי באַלד זיי ווילען זיך ביידע פֿעראייניגען, האָט קיין אַנדערער קיין רעכט ניט אַריינצושטעקען דעם נאָז אין זייערע אָנגעלעגענהייטען.

ווייטער זיינען די אַנארכיסטען מיט דער מיינונג, דאָס אויב אַ פֿעראייניגונג צווישען מאַן און פֿרוי, איז דער רעזולטאַט פֿון זייער אייגענעם ווילען, דאַן גיט עס קיין אורזאַכע, וועלכע זאָל זיי פֿערדאַמען צו פֿערברייננגען זייער גאַנצעס לעבען צוזאַמען, אפֿילו דאַן, ווען עס ענטוויקעלט זיך אַן אַנטיפּאַטהיע צווישען ביידע. אַ פֿעראייניגונג, וועלכע זיי האָבען פֿרייוויליג געשאַפֿען, קען אויך פֿרייוויליג ווידער אויפֿגעלייזט ווערען. צוויי מענשען, שטעהענדיג אונטער דעם איינפֿלוס פֿון זייערע ליידענשאַפֿטליכע געפֿיהלען און בעדירפֿניסע, זעהען מייסטענטהיילס נאָר זייערע גוטע אייגענשאַפֿטען און זיינען בלינד פֿאַר זייערע פֿעהלער; זיי פֿעראייניגען זיך, און דורך זייער צוזאַמענלעבען פֿערשווינדען ביסלעכוויז די גוטע אייגענשאַפֿטען, און זייערע שלעכטע זייטען ציינען זיך אַרויס אַלס דייטליכער און ווירקען צולעצט ווי אַן אונערטרעגליכער מאָראַלישער שמערץ אויף די ביידע פּערזאָנען. איז עס ווירקליך נויטווענדיג, דאָס אַזעלכע צוויי מענשען זאָלען בעצאָהלען מיט אַ גאַנצען לעבען פֿון ליידען און שמערצען פֿאַר אַ פֿעהלער וועלכען זיי האָבען בעגאַנגען אין אַ ליידענשאַפֿטליכען מאָמענט, גלויבענדיג אַז זייער ליעבע וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגען, און ניט וויסענדיג, אַז עס איז מעהר ניט געווען ווי דער רעזולטאַט פֿון אַ מאָמענטאַנער קערפּערליכער אויפֿרעגונג?

לעבערליך! עס וואָלט ווירקליך שוין צייט געווען אַז די מענשען זאָלען בעקומען געזונדערע אַנשויאונגען אין דיזער בעציהונג. איז דען ניט די ליעבע צווישען מאַן און ווייב אימער שטאַרקער געווען פֿון אַלע געזעצע, פֿון יעדער ציערעריי, פֿון אַלע פֿערדאַמונגען, דורך וועלכע מען האָט פֿערזוכט צו קאָנטראָלירען דעם געשלעכטליכען פֿערקעהר? די בירגערליכע געזעלשאַפֿט

פֿערדאַמט מיט דער גרעסטער ענערגיע די פֿרוי, וועלכע בעטריגט איהר מאַן — פֿון דעם מאַן איז ניט דאָ וואָס צו רעדען, ווייל ער איז שטענדיג געווען מאָ־אַליש אויף זיין אייגענעם שטייגער

זי גיסט אויס איהר טיעפֿסטע פֿעראַכטונג אויף די מוטער, וועלכע האָט ניט קיין געזעצליכען מאַן פֿאַר איהר קינד, אָבער וואָס פֿאַר אַ נוצען האָט עס געבראַכט? האָבען דען דיזע אַלע פֿערדאַמונגען געקענט פֿערהינדערן פֿאַר איין מאָמענט, אַז פֿרויען זאָלען ניט אָבנאַרען זייערע מענער, אַז מיידלאַך זאָלען זיך ניט אַוועקגעבען צו דעם מאַן, וועלכען זיי ליעבען, אָדער וועלכער פֿערשטעהט ווי אויסצונוצען דעם ריכטיגען מאָמענט, ווען די ליידענשאַפֿט איז שטאַ־קער פֿון דער פֿערנונפֿט?

די געש כטע, די ליטעראַטור האַלטען אונז אין איין דער־צעהלען פֿון בעטראָגענע מענער און פֿרויען און פֿערפֿיהרטע מיידלאַך. דער געשלעכטליכער אינסטינקט האָט דעם שטאַרקסטען איינפֿלוס אויף׳ן מענשען; מיר זוכען דאָס צו בעהאַלטען פֿאַר דער עפֿענטליכקייט, אָבער מיר גיבען זיך אונטער אין דער שטיל.

אויף די וויניגע ליידענשאַפֿטליכע, אָבער שוואַכע און מורא׳־דיגע כאַראַקטערע, וועלכע בעגעהען זעלבסטמאָרד, צוזאַמען מיט דער געליעבטער, ניט האָבענדיג דעם מוטה און די מאָראַלישע קראַפֿט צו בעפֿרייען זיך פֿון די געזעלשאַפֿטליכע פֿאָראורטהיילע און צו קעמפֿפֿען געגען די הינדערניסע, וועלכע די מנהגים אָדער דער אידיאָטיזמוס פֿון אונזויסענדע עלטערן לייגען זיי אין וועג, אויף דיזע וויניגע קומען מיליאָנען, וועלכע לאַבען זיך אויס פֿון די פֿאָראורטהיילע, ניט עפֿענטליך, פֿערשטעהט זיך, נאָר שטי־לע־הייט... דיזע אַלע פֿערדאַמונגען און פֿאָראורטהיילע האָבען מעהר ניט אויסגעפֿיהרט ווי איין זאַך: זיי האָבען מיטגעהאָלפֿען מאַכען פֿון אונז בעטריגער און היפּאָקריטען, דאָס איז אַלעס.

* * *

וואַרום זאָלען מיר זיך איינשפּאַ־ען צו וועלען רעגולירען אַ זאַך, וועלכע לאָזט זיך ניט רעגולירען, ט־אָץ אַלע פֿערפֿאָלגונגען און אונטערדריקונגען פֿון הונדערטער און הונדערטער יאָהרען?

לאָמיר בעסער פֿערשטעהן איין פֿאַר אַלע מאָל, אַז די מענשליכע געפֿיהלען פֿערטראָגען ניט קיין אויסערליכע רעגולאַציעס, און אַז די פֿאַלשטענדיגע פֿרייהייט איז די איינציגע בעדינגונג פֿאַר זייער געזונדע און נאָרמאַלע ענטוויקלונג. לאָמיר זיין ווייניגער קאָנ־ווענציאָנעל און מיר וועלען זיין מעהר אָפֿענהערציג און מאָראַליש.

דער מאַן, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען אַן אייגענטהימער, האָט, פֿערשטעהט זיך, געוואָלט איבערלאָזען די פֿרוכט פֿון זיין גנבה צו זיינע קינדער, און ווייל די פֿרוי איז ביז היינט צו טאָג בעטראַכטעט געוואָרען פֿאַר נידריגער פֿון איהם — מען האָט איהר מעהרער גערעכענט פֿאַר אַ שטיק אייגענטהום, איידער פֿאַר אַ גענאָסין — אַט דערפֿאַר האָט דער מאַן געגעבען דער פֿאַמיליע אַזעלכע פֿאָרמען, וועלכע האָבען איהם פֿערזיכערט די אַבסאָלוטע הערשאַפֿט איבער דער פֿרוי און איהם אין דערזעל־בער צייט געגעבען די מעגליכקייט איבערצוטראָגען זיינע רייכ־טהימער בירושה אויף זיינע קינדער; דאָס איז די איינציגע ערקלעהרונג, ווארום די פֿאַמיליע איז בעטראַכטעט געוואָרען און ווערט נאָך היינט בעטראַכטעט פֿאַר אַ לעבענסלענגליכע פֿער־איינינונג. גרינדענדיג זיך אויף ריין מאַטעריעלע אינטערעסען און ניט אויף די ליעבע און צונייגונג פֿון צוויי מענשען, איז לייכט צו פֿערשטעהן, אַז מען איז געוועזען געצוואונגען צו שאַפֿען אַ געוויסע קראַפֿט, אַ געזעצליכע בעשטעטיגונג פֿאַר דיזער אינ־סטיטוציאָן, אים צו פֿערהינדערן אַ צושיידונג, ווען עס מאַכט זיך פֿון צייט צו צייט אַ שטרייט צוליעב פֿערשידענע אינטערעסען.

די אַנאַרכיסטען, וועלכע מען בעשולדיגט, אַז זיי ווילען צושטעהרען די פֿאַמיליע, ווילען מעהר ניט צושטעהרען ווי דיזען העסליכען אַנטאַגאָניזמוס, זיי זיינען מיט דער מיינונג, אַז די פֿעראייניגונג צווישען מאַן און פֿרוי דאַרף זיך גרינדען אויף געגענזייטיגע ליעבע און אַכטונג, כדי זי זאָל קענען לענגער עקזיסטירען. זיי האָבען קיינמאָל ניט בעהויפּטעט, דאָס אַ מאַן און פֿרוי, וואָס האָבען דעם וואונש צו פֿערברייינגען זייער גאַנצעס לעבען איינע מיט די אַנדערע, האָבען דערצו קיין רעכט ניט,

ווייל עס איז געגען דעם פרינציפּ פון פרייער פעראייניגונג. זיי האָבען אויך קיינמאָל ניט ערקלעהרט, אַז עלטערן זאָלען ניט האָבען קיין רעכט אויפצוברייגגען זייערע קינדער, אָבוואָהל זיי פאָדערן, אַז די פרייהייט פון דעם קינד דאַרף רעספעקטירט ווערען, און אַז קינדער זאָלען ניט לענגער בעטראַכטעט ווערען אַלס דאָס אייגענטהום פון זייערע עלטערן. די אַנאַרכיסטען ווילען אָבשאַפען די געזעצליכע פאַמיליע, זיי ווילען, אַז מענער און פרויען זאָלען זיך פעראייניגען פריי און פריי פונאַנדערגעהן, אויב זיי קענען ניט שטימען איינע מיט די אַנדערע. זיי האַלטען עס פאַר לעכערליך, דום און דעספּאָטיש, דאָס אַ געזעץ זאָל בעשטימען און רעגולירען די בעציהונגען צווישען די מענשליכע געפיהלען, וועלכע זיינען אין ערגעץ ניט אַזוי קאָמפּליצירט און פערשידען ווי אין ליעבע צווישען מאַן און ווייב.

* * *

אויב אַ מענש איז ניט בעשטענדיג אין זיינע געפיהלען, אויב זיין ליעבע קען זיך ניט קאָנצענטרירען אויף איין פערזאָן, אַזוי ווי די, וואָס ווילען רעגולירען די געשלעכטליכע בעציהונגען, פאָדערן עס, וואָס האָט עס צו טהאָן מיט אונז? און וואָס וואָלטען מיר געקענט טהאָן דערצו? ביז יעצט האָט נאָך קיין פערפאָלגונג עפּעס פערהינדערט אין דיזער בעציהונג, זי האָט מעהר ניט געשאַפען ווי נייע פעהלער, נייע אויסגעלאַסענהייטען. לאָמיר שוין לאָזען דער מענשליכער נאַטור איהר פרייען וועג! זאָל זי זיך פריי ענטוויקלען, לויט איהרע אינערליכע אינסטינקטען און שטרעבונגען! זי איז גענוג אינטעליגענט, אום אַליין אויסצוגעפינען, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט פאַר איהר, און די פּראַקטישע ערפאַהרונג וועט איהר בעסער אָנווייזען דעם ריכטיגען וועג פון איהר ענטוויקלונג ווי אַלע געזעצע און רעגולאַציעס. דאָס געזעץ פון ענטוויקלונג מאַניפעסטירט זיך פריי, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז דיזעס געזעץ וועט זיין דאָס בעסטע און איינציגע, וועלכעס וועט עקזיסטירען אין דער צוקונפט און שטענדיג שאַפען נייע לעבענס־קרעפטע.

און אויב עס עקזיסטירט ווירקליך אין דער מענשהייט אַן

אינערליכע שטרעבונג צו דער מאָנאָגאַמיע, צו אַ שטענדיגער פּעראייניגונג פון צוויי מענשען, וועלכע האָבען זיך קענען און רעספּעקטירען געלערנט איינע די אַנדערע, דאַן וועט זייער פערבינדונג זיין אַזוי פאָלקאָמען ווי נאָר מעגליך, זיי וועלען הארמאָנירען אין זייערע געדאַנקען און ווינשע, אַז זיי דאַרפען ניט קיין געזעץ, וועלכעס זאָל זיי דערמאָהנען, אַז זיי דאַרפען זיך ליעבען איינע די אַנדערע. וועט ניט זייער אייגענער וואונש זיין אַ בעסערע גאַראַנטיע פאַר די בעשטענדיגקייט פון זייער צוזאַמענלעבען, ווי אַלע געזעצע?

אויב מאַן און פרוי וועלען מעהר ניט זיין צוזאַמען געשמידט איינע מיט די אַנדערע, אויב עס וועט עקזיסטירען אַווירקליכע ליעבע צווישען ביידע, דאַן וועט יעדער פון זיי פערזוכען צו פערדינען די ליעבע און דעם רעספּעקט פון דעם אַנדערען. וויסענדיג, אַז יעדער פון זיי קען פריי פערלאָזען דעם צווייטען, אויב ער אָדער זי וועט ניט געפינען די בעפרידיגונג אין דעם צוזאַמענלעבען, וועלכע זיי האָבען ערוואַרטעט, וועלען ביידע פערזוכען זיך וואָס מעהרער צוצוציהען איינער דעם אַנדערען. אַזוי ווי ביי יענע סאָרטען פייגעל, וואו דער ער פוצט זיך אויס מיט נייע פעדערן, כדי ער זאָל איהר געפעלען ווערען, אַזוי וועלען אויך די מענשען פערזוכען צו ענטוויקלען זייערע אַלע גוטע אייגענשאַפטען, אום צו מאַכען זייער צוזאַמענלעבען וואָס אַנגענעהמער. אָט דאָס וועט זיין די בעסטע גאַראַנטיע פאַר די בעשטענדיגקייט פון זייער געגענזייטיגער ליעבע.

* * *

מיר האָבען ניט געהאַט די אַבזיכט צו קריטיקירען די „מאָדערנע הייראַט", וועלכע שטעהט אויף דערזעלבער שטופע ווי די געמיינסטע פראָסטיטוציאָן. די געשעפטס־הייראַט, וואו די געפיהלען שפּילען איבערהויפּט קיין ראָלע ניט; די פערמטלונגס הייראַט, וועלכע קומט מייסטענטהיילס פאָר אין די בורזשואַזע קרייזען, וואו די עלטערן אַראַנזשירען דאָס גאַנצע געשעפט, אָהנע זיך אפילו צו בעראַטהען מיט די, וועלכע מען זוכט חתונה צו מאַכען; און דאַן די גרויסע צאָהל פון די אוננאַטירליכע פער־

בינדונגען, וואו אַלטע אָבגעלעבטע מענער פֿעראייניגען זייערע פֿערוועלקטע קערפּערס מיט דער שעהנהייט און פֿרישקייט פֿון יונגע מיידלאַך, דערפֿאַר וואָס זיי זיינען רייך, אָדער וואו אַן אַלטע מכשפה קויפֿט מיט גאָלדענע קלינגערס די צערטליכקייט פֿון אַ יונגען פראָסטיטוט, וועלכער בעצאָהלט מיט זיין הויט און אַ ביסעל שאַנדע זיין געלד־גיריגקייט. דיזע עקעלהאַפֿטע ער־שיינונגען זיינען שוין אָפֿט גענוג קריטיקירט געוואָרען, און וואָס פֿאַר אַ ווערטה וואָלט עס געהאַט צו ווידערהאָלען נאָך אַמאָל, וואָס איז שוין טויזענד מאָל געזאָגט געוואָרען? אונזער גאַנצע אויפֿגאַבע איז געווען צו בעווייזען, אַז די פֿאָרמען פֿון דער געשלעכטליכער פֿעראייניגונג זיינען ניט אימער געווען דיזעלבע, און אַז זי קען נאָר דאַן דערגרייכען דעם העכסטען גראַד פֿון איהר מאָראַלישער ענטוויקלונג, ווען זי וועט זיין בעפֿרייט פֿון אַלע קייטען. אַלעס אַנדערע שפּילט נאָר אַ קליינע ראָלע.

די אויטאריטעט.

די אייגענטהומס־פראַגע איז אַזוי ענג פערבונדען מיט דער פראַגע פון אויטאָריטעט, אַז אום צו געבען אַן ערקלעהרונג איבער די ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דער לעצטער, וואָלטען מיר געדאַרפט נאָך אַ מאָל ווידערהאָלען פון דאָס ניי אַלעס דאָס, וואָס מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט אין אַ בעזונדערען קאַפּיטעל איבער דאָס אייגענטהום. אָט דערפאַר וועלען מיר זיך דאָ נאָר בעשעפטיגען מיט דער יעצטיגער פאָרמע פון דער אויטאָריטעט, וועלבע — אַזוי ווי מען דערצעהלט אונז — גרינדעט זיך אויף דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט, אויף דאָס געזעץ פון דער מאַיאָריטעט.

אַזוי ווי מיר האָבען געזעהן, האָט די לעגענדע וועגען דעם געטליכען אורשפּרונג פון אייגענטהום און אויטאָריטעט היינט מעהר קיין באָדען ניט, און דערפאַר איז די בורזשואַזיע געוועזען געצוואונגען אויסצוגעפינען אַ נייען און בעסערען באַזיס פאַר דיזע ביידע אינסטיטוציאָנען. נאָך דעם ווי זי האָט אַליין צושטעהרט דאָס געטליכע רעכט פון די קעניגע און מיטגעהאָלפען קעמפּפען געגען דאָס רעכט פון געוואַלט, האָט זי פערזוכט צו בעגרינדען אַ נייעם רעכט, דאָס רעכט פון געלד, איינפיהרענדיג די זאָגענאַנטע „קלאַסען־שטייער" אַלס באַזיס פון דעם וואַהל־סיסטעם. אויף אַזאַ מין אַרט האָט נאָר אַ געוויסע קלאַסע פון פּריווילעגירטע מענשען, וועלכע האָבען בעצאָהלט די העכסטע אָבגאַבען, געהאַט דאָס רעכט אויסצוואוועהלען די פערטרעטער פאַר'ן פּאַרלאַמענט. שפּעטער איז בעשטימט געוואָרען, דאָס אויך די, וואָס האָבען די נויטווענדיגע פּאָליטישע „פעהיגקייטען," האָבען אַ רעכט צו

וועהלען, ווייל אַ געוויסער טהייל פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז דורך די ערשטע פֿאָרמע פֿון דעם וואַהל־רעכט געווען אויסגעשלאָסען פֿון דער פּאָליטישער מהעטיגקייט, האָט עס גע־פֿאָדערט.

אָבער דיזע אַלע פֿאָרמען האָבען נאָר עקזיסטירט פֿאַר אַ קורצע צייט. דען ווי באַלד מען האָט שוין אָנגעפֿאַנגען דיסקו־טירען איבער דער אויטאָריטעט, האָט זי געמוזט פֿערלירען איהר אמאָליגען איינפֿלוס, און די, וואָס האָבען פֿריהער ניט גענומען קיין אַנטהייל אין דער וואַהל פֿון זייערע הערען, האָבען ניט פֿערפֿעהלט צו פֿאָדערן דאָס רעכט אָבצוגעבען זייער מיינונג איבער די וואַהל פֿון די רעגירער.

* * *

די בורזשואַזיע, וועלכע האָט מורא געהאַט פֿאַר'ן פֿאָלק, האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען, זי האָט געהאַט די עפֿענטליכע מאַכט אין איהרע הענד און האָט ניט געהאַט קיין לוסט צו טהיילען איהר מיט אַנדערע. אום צו בעקומען דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט, זיינען די אַרבייטער געצוואונגען געווען צו מאַכען אַ רעוואָלוציאָן. זיי האָבען געהאָלפֿען דער בורזשואַזיע צו בע־קומען די מאַכט אין איהרע הענד, אָבער דיזעלבע בורזשואַס האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אום אויסצושליסען די אַרביי־טער פֿון דעם ניי ערוואָרבענעם רעכט; זיי האָבען פשוט מורא געהאַט, אַז דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט וועט זיי פֿערניכטען, און דערפֿאַר האָבען זיי פֿערזוכט אָבצושניידען די נעגעל פֿון דיזען מאָנסטער. ערשט שפּעטער, ווען די פּראַקטישע ערפֿאַהרונג האָט זיי געלערנט, אַז דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט איז ניט קיין געפֿאַהר צו זייערע פּריווילעגיעם אַז עס איז ניט מעהר ווי אַ פֿידעל, אויף וועלכער מען דאַרף נאָר וויסען ווי צו שפּיעלען, זיינען זיי געוואָרען ווייכער; זיי האָבען פֿערשטאַנען, אַז דיזע וואונדערבאַרע וואַפֿע, דורך וועלכע די אַרבייטער האָבען זיך איינגערעדט אויסצופֿיהרען זייערע פֿאָדערונגען — און זיי האָבען פֿערגאָסען זייער בלוט דערפֿאַר — איז ניט מעהר ווי אַן אויס־געפֿיינערטער מיטעל פֿון הערשאַפֿט און אונטערדריקונג, וועלכער

פֿערשקלאַפּט די יעניגע, וואָס בענוצען זיך דערמיט. האָפֿענדיג, אַז זיי האָבען ענדליך געפֿונען דעם וועג ווי זיך צו בעפֿרייען.

און לאָמיר זיך ניט נאַרען! וואָס דען אַנדערש איז דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט, אויב ניט דאָס רעכט פֿון די אונטער־דריקטע אַליין אויסצוואוועהלען זייערע אונטערדריקער, דאָס רעכט אַליין אויסצוקלייבען דעם רוט, מיט וועלכען מען שמייסט זיי? דער וועהלער רעפּ־עזענטירט די העכסטע מאַכט אים שטאַאט — אַזוי זאָגט מען כאָטש — ער האָט דאָס רעכט אַליין אויס־צוואוועהלען זיין הערר, אָבער ער האָט קיין רעכט ניט צו ענט־זאַגען זיך צו געהאָרכען דעם הערר, וועלכע זיינע שכנים האָבען אויסגעוועהלט פֿאַר איהם. אין דעם מאָמענט, ווען ער פאַקט אַריין זיין שטיקעל פאַפּיר אין שטים־קעסטעל, אַנערקענט ער אָפּיציעל, אַז ער האָט מעהר קיין אייגענעם ווילען, פֿאַר איהם עקזיסטירט יעצט מעהר קיין אַנדער זאַך, ווי די קאַפּריזען פֿון זיינע הערען, וועלכע ער האָט אַליין אויסערוועהלט, זיי מאַכען די געזעצע, זיי פֿיהרען זיי אויס, און זיי זעצען איהם אַריין אין טורמע, אויב ער וועט ניט אַנערקענען זייערע בעשליסע.

*
* *

מיר האָבען ניט די אַבזיכט אויפֿצוציגען דאָ אַלע אונזיניג־קייטען און שעדליכע פֿאָלגען פֿון דעם אַלגעמיינען שטים־רעכט, מיר ווילען זיך אפּילו ניט בעשעפֿטיגען מיט די אַלע פֿערבע־סערונגען און רעפֿאָרמען, וועלכע די פֿערשידענע פֿעלקער האָבען פֿאָרגעשלאָגען און פראַקטיצירט, כדי די אויסערוועהלטע זאָלען ניט קענען אויספֿיהרען זייערע פערזענליכע קאַפּריזען, אין אום צו פֿערזיכערן דאָס זעלבסטבעשטימונגס־רעכט פֿון די וועהלער, געבענדיג זיי די מעגל בקיום צו צווינגען זייערע דעפּוטאַטען אויסצופֿיהרען זייערע פֿערשפּרעכונגען. דאָס וואָלט אונז אַוועק־געפֿיהרט צו ווייט און פֿערנומען צו פֿיעל פּלאַץ, און אויסערדעם איז עס אויך גאָר ניט וויכטיג פֿאַר אונז, ווייל אונזער גאַנצע אַבזיכט איז ניט מעהר ווי צו בעווייזען, אַז דאָס געזעץ פֿון דער מאַיאָריטעט איז פּונקט אַזוי ווייניג בערעכטיגט ווי דאָס זאָגע־נאַנטע געטליכע רעכט פֿון די זעלבסטהערשענדע קעניגע, און

אַז עס ניט קיין אַנדער געזעץ פֿאַר דעם מענשען ווי זיין אייגענער ווילען און זיין פערזענליכע איבערצייגונג.

אָבער דאָס רעכט פֿון דער מינאָריטעט, וועלכעס בילדעט כלומר שט די גרונדלאַגע פֿון די מאָדערנע שטאַאטען, איז אויך ניט מעהר ווי אַ פוסטע בעהויפּטונג, ווייל אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירט עס גאָרניט. ווען מיר אַנאַליזירען דעם גאַנצען אָנגאַנג פֿון דעם אַלגעמיינען שטים-רעכט, וועלען מיר באַלד אויסגעפֿינען אַז עס איז ניט די מאַיאָריטעט, וואָס רעגירט, זאָנדערן אַ גאַנץ קליינע מינאָריטעט, וועלכע נעהמט זיך פֿון אַן אַנדער מינאָרי-טעט, און דיזע צווייטע מינאָריטעט, שטעלט אַליין ווידער פֿאָר אַ מינאָריטעט, וועלכע איז אויסגעקליבען געוואָרען פֿון די רע-גירטע מאַסען.

* * *

אַז פֿרויען און קינדער, וועלכע זיינען אַזוי גוט אונטערוואָר-פֿען צו די געזעצע ווי די מענער, זיינען אויסגעשלאָסען פֿון׳ם שטים-רעכט, איז ניט מעהר ווי אַ ווילקירליכע בעשטימונג. אָבער אפילו צווישען די, וואָס האָבען שוין יאָ אַ רעכט צו שטימען, געפֿינען זיך אַ סך מענשען, וועלכע בענוצען זיך ניט מיט זייער „רעכט", צוליעב דיזע אָדער יענע אורזאַכען. ווען מיר רעכענען אַרונטער דיזע אַלע מענשען, וועלכע קענען אָדער ווילען זיך ניט בענוצען מיט דעם שטים-רעכט, דאַן בלייבט מעהר ניט איבער ווי אַ מינאָריטעט פֿון מענשען, וועלכע מען אַנערקענט — אויף אַ גאַנץ ווילקירליכען שטייגער, פֿערשטעהט זיך — אַלס די איינציגע, וואָס זיינען פֿעהיג אויסצוקלייבען די רעגירער פֿאַר אַלעמען.

אין דער טהעאָריע ענטשיידעט די מאַיאָריטעט אין דעם טאָג פֿון די וואַהלען, ווער עס איז אויסערוועהלט געוואָרען אַלס פֿערטרעטער פֿון אַ געוויסען בעצירק; אָבער אין דער פּראַקטיקע בעקומט די געשיכטע אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער: די שטימען פֿון די וועהלער צוטהיילען זיך אויף זעקס, אַכט, צעהן און מאַנכעסמאָל נאָך מעהר פֿערשידענע קאַנדידאַטען, שוין גאָר ניט ריידענדיג פֿון די, וועלכע געפֿינען איבערהויפּט ניט צווישען די

אַלע קאַנדידאַטען קיין פּאַסענדען פֿערטרעטער פֿון זייערע אַנ־זיבטען און שטימען דערפֿאַר געגען זייערע אייגענטליכע מיינונגען. דער ערפֿאָלגרייכער קאַנדידאַט איז אַלזאָ אויך ניט מעהר ווי דער אויסערוועהלטער פֿון אַ צווייטער מינאָריטעט.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס: אין דער טהעאָריע בע־הויפּטעט מען, אַז ווען די אויסערוועהלטע פֿערזאַמלען זיך אין פּאַרלאַמענט, זאָל די מאַיאָריטעט ענטשיידען איבער אַלע פֿאָר־שלעגע, וואָס ווערען געמאַכט; אָבער אויך דאָרטען ענטוויקלען זיך ווידער פֿערשידענע גרופּען און גרופּעלאַך, און אין דער ווירק־ליכקייט רעגירט ניט די מאַיאָריטעט, זאָנדערן קליינע קליקען פֿון עהרגייציגע פּאָליטיקער, וועלכע שטעהען צווישען די עקסטרעמע פּאַרטייען און גיבען אָב זייערע שטימען פֿאַר יעדען פֿאָרשלאַג, וועלכער פֿערשפּרעכט זיי דעם בעסטען נוצען.

פֿון די ווייניגע ביישפּיעלע, וועלכע מיר האָבען דאָ אָנגעדיי־טעט, צייגט זיך קלאָהר און דייטליך אַרויס, אַז די בעריהמטע סוּאווערעניטעט פֿון דעם וועהלער שפּיעלט אין דער אמת'ן זעהר אַ קליינע ראָלע; אָבער מיר מוזען אויסדריקליך בעמערקען, אַז מיר האָבען געהאַלטען אונזער קריטיק אַזוי איינפֿאַך ווי נאָר מעגליך, אום ניט צו פֿערטומלען דעם לעזער; אָט דערפֿאַר האָבען מיר אָנגענומען פֿאַר אַ מאָמענט, אַז יעדער וועהלער האַנדעלט לאָגיש און ווייס גענוי וואָס ער טהוט. אָבער ווען מיר וואָלטען ערשט אַריינגענומען אין אונזער קריטיק אַלע אינטריגעס, אַלע שווינדלערייען און עהרגייציגע בערעכענונגען, ווען מיר וואָלטען אָנגעדייטעט אויף דעם פֿאַקט, אַז קיין געזעץ קען ניט אויסגעפֿיהרט ווערען, איידער עס איז אָנגענומען געוואָרען פֿון אַ צווייטער פּאַרלאַמענטאַרישער קערפּערשאַפֿט, דעם סענאַט, וועל־כער ווערט אויסגעוועהלט פֿון אַ גאַנץ בעזונדערע קלאַס וועה־לער, ווען מיר וואָלטען נאָך גענומען אין אָנבעטראַכט, אַז די לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפֿט בעשטעהט פֿון פֿינף הונדערט און עטליכע דעפּוטאַטען, אַז יעדער וועהלער האָט נאָר אָבגעגעבען זיין שטימע פֿאַר איינעם פֿון דיזע פֿינף הונדערט, אַז זיין ווילען שטעלט פֿאָלגליך פֿאָר מיט זיך ניט מעהר ווי אַ פֿינף הונדערט

חלק פֿון דעם אַלגעמיינען ווילען, און אַז זאָגאַר דיזער אונבע־דייטענדער איינפֿלוס ווערט נאָך ווייטער אָבגעשוואַכט דורך דאָס בעשטימונגס־רעכט פֿון דעם סענאַט, ווען מיר וואָלטען זיך בעשעפֿטיגט מיט דיזע אַלע איינצעלהייטען, וואָלטען מיר צולעצט זיכער אויסגעפֿונען, אַז די בעריהמטע אויבערהערשאַפֿט פֿון דעם וועהלער פֿערלירט זיך אויף אַזוי פֿיעל אין דער אויבערהערשאַפֿט פֿון דער נאַציאָן, אַז עס בלייבט דערפֿון אין גאַנצען מעהר ניט איבער.

אָבער דאָס אַלעס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע. דאָס אַלגע־מיינע שטים־רעכט האָט נאָך אַן אַנדער ווירקונג, וועלכע איז נאָך פֿיעל געפֿעהרליכער: עס ענטוויקעלט אַ הערשאַפֿט פֿון גאָרנישטען און מיטעלמעסיגע כאַראַקטערע, אַזוי ווי מיר וועלען באַלד זעהען.

יעדע נייע אידעע, וועלכע פֿעראייניגט אין זיך די פֿאָרט־געשריטענע געדאַנקען פֿון איהר צייט, ווערט אין אָנפֿאַנג פֿון איהר ענטוויקלונג אימער נאָר אַנערקענט פֿון אַ קליינע מינאָרי־טעט, דען עס גיט נאָר ווייניגע מוחות, וועלכע זיינען באַלד פֿעהיג אויפֿצוכאַפֿען נייע געדאַנקען און זיי צו פֿערטהיידיגען. דיזע וואַהרהייט איז אונבעשטרייטבאַר, און דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואַרום מענשען, וועלכע האָבען ווירקליך טיעפֿע און ברייטע אַנשויאונגען, זיינען שטענדיג אין דער מינאָריטעט. די מאַסע בענוגענט זיך מיט די אַלגעמיינע אידעען, וועלכע זיינען אַריין אין מאָדע, און זיי מאַכען די מאַיאָריטעט, זיי וועהלען דאָס אויס די דעפּוטאַטען, און אום ניט צו פֿערלירען די אויסזיכטען זיינען דיזע פֿערטרעטער פֿון דער מאַיאָריטעט זעהר פֿאָרזיכטיג, זיי זאָלען זיך ניט צוריהרען צו די פֿאָראורטהיילע פֿון זייערע וועהלער און צו די טראַדיציאָנעלע אידעען פֿון דער פֿערגאַנגענ־הייט. פֿערקעהרט, אום צו בעקומען וואָס מעהר שטימען, וועט ער אויסמיידען יעדעס שפּיציגע וואָרט און זיך בענוצען מיט אַ גאַנצען מאַגאַזין פֿון פּוסטע פֿראַזען, מיט וועלכע ער קען נאָר צוטרעפֿען זיינע וועהלער. אום זיי ניט אָבצושטויסען פֿון זיך, וועט ער זיך אונטערשמייכלען ביי זיי און אַנערקענען זייער־

דומהייט און אונוויכענהייט פֿאַר אַ גוטע זאַך. וואָס פוסטער און איבערפֿלעכליכער ער וועט זיין, אַלס גרעסער זיינען די אויס־זיכטען פֿאַר איהם צו ווערען איינער פֿון די אויסערוועהלטע.

* * *

אויב מיר קוקען זיך צו מיט אויפֿמערקזאַמקייט צו דער טהעטיגקייט פֿון די מייסטע אָרגאַניזאַציאָנען: קאָמיטעס, פֿעראיינען פֿאַר געגענזייטיגע הילפֿע, געזעלשאַפֿטען פֿון קינסטלער, ליטעראַטען א. ז. וו. ויעלען מיר באַלד בעמערקען, אַז די פֿערוואַלטונג פֿון דיזע אַלע קערפּערשאַפֿטען ליגט אין די הענד פֿון געוויסע פערזאָנען, וועלכע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען דורך דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט; און דיזע איינצעלנע אינד־ווידוען, שוין ניט קוקענדיג אויף זייער קליינליכע אַמביציע, זייער בעדירפֿנים זיך אַרויסצושטעלען ביי יעדער געלעגענהייט, כדי מען זאָל ריידען פֿון זיי, זייער שטרעבען צו פֿערשאַפֿען זיך אַ געוויסע שטעלונג אויף די רעכנונג פֿון זייערע קאַמעראַדען און זייער פֿעהיגקייט אָנצימאַכען אינטריגעס, דיזע איינצעלנע אינדיווידוען זיינען כמעט אַלע מאָל די איבערפֿלעכליכסטע און אונבעדייטענדסטע כאַראַקטערע פֿון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָן.

און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך, ווייל יעדער זעלבסטשטענדיג דיינקענדער מענש, וועלכער איז איבערגעגעבען אין גאַנצען צו דער פֿערווירקליכונג פֿון זיינע אידעען, וועט זעלטען געפֿינען די אַלגעמיינע סימפּאַטהיע, דערפֿאַר וואָס ער וועט זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט קענען צופּאַסען צו יענעם סאָרט מענשען — און עס גיט אַ סך פֿון זיי — וועלכע פֿאָלגען שטענדיג די געזעצע פֿון דער הייליגער געוואוינהייט. יעדער איינציגער וועט אָנדייטען אויף איהם און זאָגען: „זעהט נאָר דעם נאַר, ער ווייס דאָך אפילו ניט וואָס ער וויל!" אַ מענש, וואָס זוכט די וואַהרהייט און פֿאָדערט איהר אין יעדער בעציהונג, האָט זיכער קיין צייט ניט זיך אָבצוגעבען מיט די אַלע שמוציגע אינטריגעס, וועלכע געהען אָן הינטער די קוליסען, און ער וועט געווים דורכפֿאַלען ביי דער אָבשטימונג, דען נאָר אַזאַ מענש, וועלכער האָט איבערהויפּט קיינע אָריגינעלע און זעלבסטשטענדיגע אידעען, און וועלכער

האַלט זיך דערפֿאַר ביי די אַנשויאונגען פֿון דער מעהרצאָהל, האָט די בעסטע אויסזיכטען אויף אַן ערפֿאָלג, ווייל ער קען זיך צופּאַסען צו אַלעמען און טרעט קיינעם ניט אויף די הינעראויגען; אָבער וואָס מעהר איינער פּאַסט זיך צו צו דער גאַנצער וועלט, אַלס ברייטער ווערט דער אָבגרונד צווישען די אַלטע טראַדיציאָנעלע אידעען און די נייע פּראָגרעסיווע אַנשויאונגען, און עס בלייבט מעהר ניט איבער ווי די הערשאַפֿט פֿון פּוסטקייט און מיטעלמעסיגקייט. אָט דאָס איז דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט — אַן אויפֿגעבלאָזענע עזעל-פֿעל, וועלכע מאַכט אַן אַ גרויסען ליאַרם, ווען מען קלאַפּט דערויף, דאָס איז אלעס.

* * *

אָבוואָהל מען האָט שוין פֿיעל דיסקוטירט איבער די ניצליכקייט אָדער בערעכטיגונג פֿון דער אויטאָריטעט, זיך אויסגעלאַכט פֿון איהר און אויפֿגעדעקט איהרע געפֿעהרליכע זייטען, עקזיסטירט זי אונגליקליכערווייזע נאָך אַלס אין אונזערע אַנשויאינגען און געוואוינהייטען. די מייסטע מענשען זיינען שוין אַזוי צוגעוואוינט געוואָרען, מען זאָל זיי פֿיהרען ביי אַ שטריקעל, אַז זיי וואָלטען זיך געהאַלטען פֿאַר פֿערלאָרענע, אויב עס וואָלט זיך פּלוצלונג מעהר ניט געפֿונען אַ מענש, וועלכער זאָל זיי פֿיהרען און רעגירען. אין אַלע האַנדלונגען פֿון זייער לעבען זעהען זיי שטענדיג דעם היטעל פֿון'ם זשאַנדאַרם, די יוניפֿאָרמע פֿון דעם בירגערמייסטער, די חוצפה פֿון די בעאַמטע, די זויערע פּנים'ער פֿון דעם ריכטער און פּאָליציסט, אַז זיי זיינען שוין געוואוינט געוואָרען צו דיזע אַלע פֿערדאָרבענע און קאָרומפּירטע ערשיינונגען; זיי בעטראַכטען זיי זאָגאַר אַלס עפּעס אונאַנגענעהמעס, און אויב זיי האָבען נאָר אַ מעגליכקייט אָבצוטהאָן אַ שפּיצעל צו איינעם פֿון די אויבען דערמאָנטע פֿערטרעטער פֿון דער אויטאָריטעט, וועלען זיי עס טהאָן מיט אַן אינערליכער צופֿריעדענהייט, אָבער זיי קענען זיך קיין פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿאָרשטעלען, אַז דיזע פֿערטהיידיגער פֿון דער עפֿענטליכער מאַכט זאָלען אין גאַנצען פֿערשווינדען, ווייל דאָס וואָלט ביי זיי געהייסען דער אונטערגאַנג פֿון דער מענשהייט. דאָס איז זיכער איינע פֿון די

מערקווירדיגסטע ווידערשפרעכונגען אין די מוחות פון די מענשען. פון איין זייט שלעפען זיי מיט אונצופריעדענהייט אין האַס דעם יאָך פון דער אויטאָריטעט, זיי לאַכען זיך אויס פון איהרע פערטרעטער, און אויב זיי קענען נאָר, ברעכען זיי די געזעצע שטילערהייט, און פון דער צווייטער זייט האָבען זיי מורא און האַלטען זיך פאַר פערלאָרענע, ווען מען רעדט צו זיי וועגען דער אָבשאַפונג פון דער אויטאָריטעט. ווי עס ווייזט אויס, האַנדעלט זיך דאָ אום אַ פראַגע פון געוואוינהייט.

אָבער דיזער פאָראורטהייל ווייזט זיך אונז אויס נאָך אונלאָגישער — אויב מיר קענען זיך בענוצען מיט דיזען וואָרט — נאָך לעכערליכער און אַבסורדער, ווייסענדיג, אַז דער אידעאַל פון אַ „גוטער" רעגירונג ווערט אויפגעפאַסט פון יעדען איינציגען אַלס אַזאַ סאָרט רעגירונג, וועלכע מען קען מיט לייכטיגקייט שיקען אַהיים, אויב זי וועט פערזוכען צו פערהינדערן די בעפריידיגונג פון די פערזענליכע ווינשע און בעדירפניסע פון די בירגער. אַט דערפאַר האָט די בורזשואַזיע ערפונדען דאָס אַלגעמיינע שטים-רעכט, אום צו געבען דיזען אונבעשטימטען און אונגעפעהרליכען אידעאַל פון דער אַלגעמיינהייט אַ פראַקטישען אויסדרוק.

* *
*

אויב די רעפובליק האָט געפונען אַזוי פיעל סימפאַטהיע ביי די אַרבייטער, אויב די אונטערדריקטע בעטראַכטען נאָך אַלס דאָס אַלגעמיינע שטים-רעכט פאַר אַ מיטעל זיך צו בעפרייען, טראָץ די אַלע ביטערע ענטטוישונגען, וועלכע זיי האָבען שוין געהאַט, איז עס דע־פאַר וואָס מען האָט זיי איינגערעדט, אַז דורך אַן איבערבייט פון דער רעגירונג קען מען איבערבייטען דעם קאַפיטאַליסטישען אויסבייטונגס-סיסטעם און שאַפען אַ צושטאַנד פון גליק און וואָהלשטאַנד פאַר אַלע מענשען. אַט דיזער געפעהרליכער פאָליטישער אָבערגלויבען גיט די אינטריגאַנטען די מעגליכקייט צו פערבלענדען די אויגען פון די אַרבייטער מיט פוסטע האָפנונגען אויף אונפרוכטבאַרע רעפאָרמען, וועלכע האָבען ניט די קלענסטע ווירקונג אויף דעם יעצטיגען סיסטעם און קע־

גען ניט שאַפֿען קיין שום פֿערבעסערונג פֿון דעם אַרבייטער'ס לאַגע; ער גיט זיי די מעגליכקייט אַראָבצופֿיהרען די מאַסען פֿון דעם ריכטיגען וועג און ענטוויקעלט וואָס ווייטער אַלס מעהר אין זיי די פֿאַטאַליסטישע פֿאָרשטעלונג, דאָס אַ פֿערענדערונג פֿון די מענער, וועלכע שטעהען אָן דער שפּיצע פֿון יענער אונטערדריי־קונגס־אָרגאַניזאַציאָן, וואָס רופֿט זיך שטאַאַט, קען אויפֿטהאָן נסים פֿאַר זיי. עס איז דערזעלבער טעות, וועלכער האָט אין אַלע רעוואָלוציאָנען די פּאָליטישע שאַרלאַטאַנען געגעבען די מעגליכקייט צו בעטריגען דאָס פֿאָלק אום די פֿרוכט פֿון דעם זיעג, און זיך אַליין צו שטעלען אויף דעם פּלאַץ פֿון די, וועלכע דער רעוואָלוציאָנערער שטורם האָט אַוועקגעבלאָזען, צו עטאַב־לירען אַ נייע קלאַסע אויסבייטער, שאַפֿענדיג אַרום זיך נייע אינטערעסען, און אין דעם מאָמענט, ווען זייער נייע מאַכט איז געוועזען בעפֿעסטיגט, האָבען זיי אונטערדריקט מיט דערזעלבער ברוטאַליטעט די מאַסען, וועלכע זיינען געווען גענוג נאַאיוו זיי אַרויפֿצוזעצען אויף'ן ביינקעל.

* * *

וואָס פֿאַר אַ מורא'דיגע ווידערשפּרעכונג דאָס איז אין די מענשליכע פֿאָרשטעלונגען! ווען מען הייבט אָן דיסקוטירען מיט מענשען, וועלכע בעזיצען זאָגאַר אַ געוויסע אינטעליגענץ, וועלען זיי באַלד צוגעבען, אַז מיר וואָלטען ניט געדאַרפֿט קיין רעגירונג, אויב אַלע מענשען וואָלטען געווען פֿערנינפֿטיג. זיי אַליין וועלען, פֿערשטעהט זיך, בעהויפּטען, אַז זיי קענען גאַנץ גוט אויסקומען אָהן אַ רעגירונג. אָבער ליידער זיינען ניט אַלע מענשען פֿער־אַנטוואָרטליך פֿאַר זייערע האַנדלונגען; אייניגע פֿון זיי וואָלטען פֿיליכט בענוצט זייער שטאַרקייט צו אונטערדריקען די אַנדערע, אפשר וואָלטען זיי אַרומגעגאַנגען ליידיג און געלעבט אויף די רעכנונג פֿון די אנדערע. אָט אום דאָס צו פֿערהינדערן, איז נויטוועגדיג אַן אויטאָריטעט, וועלכע זאָל אַלעמען האַלטען אין אָרדנונג.

אָט דאָס זיינען די געוועהנליכע אַרגומענטען, מיט וועלכע מען בענוצט זיך געגען אונזערע אידעען. אָבער וואָס איז דער

אייגענטליכער זין פֿון דיזע בעהויפּטונגען ? אין דער ווירקליכקייט מיינט עס, אַז די מענשען אַלס אַן אַלגעמיינהייט זיינען צו שלעכט, אום זיך צו פֿערשטענדיגען צווישען זיך ; אָבער ווען מיר נעהמען יעדען איינציגען בעזונדער אָדער בעזונדערע פּאַרטייען, דאַן וויסען זיי יאָ ווי צו רעגירען די אַנדערע, פֿאָלגליך דאַרפֿען מיר זעהן ווי אַם שנעלסטען אַריינצולייגען די עפֿענטליכע מאַכט אין די הענד פֿון די אויסערוועהלטע, כדי זיי זאָלען צווינגען די אַנדערע צו אַנערקענען זייער ווילען. אונגליקליכע לאַגיק! ווי די מענשליכע פֿערנונפֿט שטעלט דיר אונטער אַ פֿיסעל!

אַזוי לאַנג ווי עס וועט געבען פּערזאָנען, וועלכע קאָמאַנדעווען, מוזען דיזע פּערזאָנען דען ניט נויטוועַנדיגערווייזע אַרויסרופֿען אַנטאַגאָניסטישע געפֿיהלען ביי די, וועלכע זיינען געצוואונגען זיי צו געהאָרכען ? און וועלען דען די, וואָס האָבען די מאַכט אין זייערע הענד, וועלען זיי דען ניט פֿערזוכען, אויב זיי זיינען עהרליך, צו פֿערווירקליכען זייערע אייגענע אידעען ? עס קען טרעפֿען, אַז דיזע אידעען זאָלען זיין גוט, אָבער עס קען אויך טרעפֿען, זיי זאָלען זיין שלעכט. אויב דיזע אידעען עקזיסטירען נאָר ביי אייניגע פּערזאָנען צווישען די מאַסען, וועלען זיי ניט האָבען קיין מאַכט, אָבער ביי פּערזאָנען, וועלכע האָבען די אויטאָריטערע געוואַלט אין זייערע הענד, פֿערוואַנדלען זיך דיזע אידעען אין אַ געזעץ פֿאַר אַלעמען, אפילו פֿאַר די, וועלכע זיינען ניט איינשטימיג דערמיט. און וואָס ערנסטער און עהרליכער די פּערזאָנען זיינען, וועלכע האָבען די מאַכט אין זייערע הענד, אַלס ברוטאַלער וועלען זיי אונטערדריקען די יעניגע, וועלכע בעטראַכטען אַ זאַך פֿון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, דערפֿאַר וואָס זיי זיינען איבערצייגט, אַז זייערע פּערזענליכע אַנשויאונגען זיינען גוט פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט.

* * *

אין דעם פֿאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר ערקלעהרט, אַז פּאָליטישע שקלאַפֿעריי איז די פֿאָלגע פֿון אונזער יעצטיגען עקאָנאָמישען צושטאַנד ; מיר האָבען זשאַנדאַרמען, ריכטער, מיניסטאָרען א. ז. וו. דערפֿאַר וואָס מיר האָבען באַנקירען און

אייגענטהימער — בײדע זײנען אײנג פֿערבונדען אײנע מיט די אַנדערע. אויב עס וועט אונז געלינגען אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון זיך דעם יאָך פֿון אונזערע אויסבײטער אין די וואָרקשאָפּס און פֿאַבריקען, אויב עס וועט זיך אונז אײנגעבען פּטור צו ווערען פֿון די, וועלכע האַלטען אונז פֿעסט בײ די קישקעס, דאַן וועט מעהר ניט זײן קײן נויטווענדיגקײט פֿאַר אַ מאַכט, וועלכע האָט נאָר די אויפֿגאַבע צו בעשיצען די עקספּלאָטאַטאָרס.

הײנט איז דאָ אַ נויטווענדיגקײט פֿאַר אַ רעגירונג, פֿאַר געזעצע, פֿאַר דעפּוטאַטען וואָס מאַכען די געזעצע, פֿאַר ריכטער וואָס ווענדען זײ אָן, און פֿאַר פּאָליציסטען, וועלכע פֿיהרען אויס די בעשליסע פֿון די ריכטער, דערפֿאַר ווײל די בעזונדערע קלאַסען דאַרפֿען האָבען אַ מאַכט, וועלכע זאָל זײ בעשיצען געגען די גערעכטע פֿאָדערונגען פֿון די בעזיצלאָזע.

אָבער דער אַרבײטער, וואָס האָט ער דען צו פֿערטהײדיגען? וואָס פֿאַר אַ נוצען ברײנגט איהם דער גאַנצער רעגירונגס-מעכאַניזמוס, וועלכען ער אַלײן דאַרף אויסהאַלטען, ניט האָבענדיג דערפֿון דעם קלענסטען געווין, און וועלכער עקזיסטירט נאָר, אום איהם צו צײגען, אַז ער האָט נאָר אײן רעכט, דאָס רעכט צו שטאַרבען פֿון הונגער אין אַ וועלט פֿון רײכטהום און איבערפֿלוס, וועלכען זײנע פֿלײסיגע הענד האָבען געשאַפֿען?

אין דער ערנסטער צײט פֿון אַן אויפֿשטאַנד, ווען דאָס עלענד טרײבט די אַרבײטער-מאַסען אַרויס אין גאַס, דאַן זײנען עס ווידער דיזע „סאָציאַלע" אינסטיטוציאָנען פֿון דער רעגירונג, וועלכע פֿערשפּאַרען זײ דעם וועג צו אַ בעסערער צוקונפֿט. דיזע אינסטיטוציאָנען מוזען צושטעהרט ווערען, און מיר דאַרפֿען זײן זעהר פֿאָרזיכטיג, עס זאָל ניט ענטשטעהען פֿון דאָס נײ אַ נײע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע קען נאָר האָבען אײן ציעל: צו געניסען וואָס מעהר און וואָס גיכער אויף די רעכנונג פֿון די, וועלכע זי פּרעטענדירט צו בעשיצען. עס שפּילט אַ קנאַפּע ראָלע, ווער עס וועט אונז שמײסען; מיר דאַרפֿען זעהען, אַז מען זאָל אונז איבערהויפּט מעהר ניט שלאָגען און טרעטען מיט די פֿיס.

לאָמיר ניט פֿערגעסען, דאָס אונטער וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמע

די נייע אויטאָריטעט זאָל זיך ניט פֿאָרשטעלען, ווי מילד זי זאָל ניט פֿערזוכען צו ערשיינען, וואָס פֿאַר פֿערבעסערונגען זי זאָל ניט פֿאָרשלאָגען, אויף וואָס פֿאַר אַ מין שטייגער זי זאָל ניט אויסקלייבען איהרע פֿערטרעטער, ווען מיר זיך שטענדיג דאַרפֿען רעכענען מיט די פֿאָלגענדע פֿראַגען: אָדער איהרע בעשליסע וועלען האָבען אַ געזעצליכע קראַפֿט און דאַרפֿען אָנגענומען ווערען פֿון אַלעמען — אויב אַזוי דאַרפֿען מיר ווייטער האָבען אונזערע אַלע יעצטיגע אינסטיטוציאָנען, אום אויסצופֿיהרען די געזעצע, און דאָס וואָלט געהייסען דער אונטערגאַנג פֿון פֿרייהייט; — אָדער אָבער די מענשען וועלען בלייבען פֿריי און אַליין דיסקוטירען אַלע בעשליסע פֿון דער רעגירונג, אויב עס פּאַסט זיי, וועלען זיי דיזע בעשליסע אַנערקענען, אויב ניט וועלען זיי שיקען די רעגירונג צו אַל די שוואַרצע יאָהר; אויב אַזוי, וואָלטען זיי טאַקע געווען פֿריי, אָבער די רעגירונג וואָלט דאַן איבערהויפּט קיין ווערטה ניט געהאַט און וואָלט מעהר ניט געווען ווי אַ קייט פֿון דער פֿערגאַנגענהייט און אַ שטענדיגע געפֿאַהר פֿאַר דער צוקונפֿט.

פֿאָלגליך איז אונזער מאָטאָ: קיין רעגירונג ניט!

די מאַגיסטראַטור.

מיר האָבען געזעהן, אַז די אויטאָריטעט נעהמט זיך פֿון דעם רעכט, וועלכעס די געוואַלט האָט זיך אַליין צוגעלייגט. אָבער ווען דער מענשליכער גייסט האָט זיך מעהר ענטוויקעלט און פֿערגרעסערט דאָס פֿעלד פֿון זיין טהעטיגקייט, זיינען די פֿערטהיידיגער פֿון דער אויטאָריטעט געצוואונגען געוועזן צו רעכטפֿערטיגען איהר עקזיסטענץ. פֿערבונדען מיט רעליגיעזע געפֿיהלע און שטרעבונגען, און האָבענדיג די אונטערשטיצונג פֿון די פריסטער, האָט די אויטאָריטעט פראָקלאַמירט איהר געטליכען אורשפרונג און געשאַפֿען פֿאַר זיך אַ גאַנץ בעזונדערע קלאַסע, וועלכע איז זאָגאַר מאַנכעסמאָל אימשטאַנד געוועזן צו אָפּאָנירען געגען די ברוטאַלע געוואַלד פֿון די קעניגע און אַדעל־מענער. אָט אַזוי איז ענטשטאַנען די געריכטס־אָרגאַניזאַציאָן, די מאַגיסטראַטור. ווען די בורזשואַזיע האָט אַריינגענומען אין 1789 די עפֿענטליכע מאַכט אין איהרע הענד, איז זי געוועזן זעהר פֿאָרזיכטיג ניט צו צושטערען דיזע זייל פֿון דער סאָציאַלער אָרדנונג. און דערפֿאַר האָט זי געזוכט אַ נייע פֿאָרמע פֿאַר דיזע אינסטיטוציאָן, וועלכע זאָל זיין מעהר אין אָנקלאַנג מיט די נייע שטרעבונגען.

דורך די הינריכטונג פֿון לואי דעם 16טען האָט דאָס זאָגענאַנטע געטליכע רעכט פֿון די קעניגע געקראָגען אַ געפֿעהרליכען קלאַפּ, און די מאַגיסטראַטור האָט זיך ניט לענגער געקענט שטיצען אויף דיזעס רעכט, אויב זי האָט ניט געוואָלט ריזיקירען צו האָבען דעמזעלבען שיקזאַל. אָט דערפֿאַר האָט מען ערפֿונדען דאָס געזעץ, אָדער בעסער געזאָגט די פֿערגעטערונג פֿון דעם געזעץ. די מאַגיסטראַטור האָט זיך עטאַבלירט אַלס זיין היטער

און זיין זאָגענאַנטער אונבעשטעכליכער פֿערוואַלטער. די געשיכטע האָט זיך איינגעגעבען, און איינע פֿון די שרעקליכסטע און נויטווענדיגסטע אינסטיטוציאָנען פֿאַר דער פֿערטהיידיגונג פֿון פּריוואַט-אייגענטהום איז ענטשטאַנען אַלס די פּריסטערין פֿון דעם נייען גאָט, דעם געזעץ, וועלכעס די נייע הערשער האָבען געשאַפֿען.

* * *

די אונטערוואַרפֿונג פֿון פֿראַנקרייך אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דעם געזעץ איז אין דער ווירקליכקייט איינע פֿון די ערפֿאָלגע פֿון 1789, וועלכע די בורזשואַזיע היסטאָריקער ווערען ניט מיעד פֿאָרצושטעלען אַלס איינע פֿון די גרעסטע גוטע טהאַטען אין דער געשיכטע. די געזעצליכע איינאָרדנונג פֿון דער אויטאָריטעט דורך איהרע נייע פֿערטהיידיגער האָט באַלד געהאַט די ווירקונג צו לעגאַליזירען די שעדליכסטע און נידערטרעכטיגסטע האַנדלונגען. פֿון דאַן אָן זיינען אַלע פֿראַנצויזען געווען גלייך, און דאָס פֿאָלק האָט מעהר קיין רעכט ניט געהאַט צו פֿאָדערן וואָס עס איז. זיי האָבען דאַן מעהר ניט געהאַט ווי איין הערר, פֿאַר וועלכען אַלע האָבען איינגעבויגען דעם רוקען — דאָס איז געווען דער אויסדרוק פֿון גלייכהייט — און דיזער הערר איז געווען דאָס געזעץ.

אָבער מיר, וואָס שטעלען זיך ניט צופֿרידען מיט פּוסטע ווערטער, ווען מיר זוכען אויסצוגעפֿינען, וואָס דער אַרבייטער האָט אייגענטליך געוואונען דורך דיזען איבערבייט, מיר קענען מעהר ניט זעהן ווי איין זאַך: אַז ער איז רייכער געוואָרען מיט אַ שווינדעל מעהרער. אין דער צייט פֿון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, ווען דער קעניג און די אַדעלמענער האָבען געצוואונגען די בויערן צו דינען זיי אַלס שקלאַפֿען, איז ניט מעגליך געווען, אַז אַ מענש זאָל זיך אַליין אָבנאַרען וועגען זיין לאַגע. אַלע פֿעאָדאַלע דעקרעטען פֿון יענער צייט האָבען זיך געענדיגט מיט די ווערטער: „אָט אַזוי געפֿעלט עס אונז", און דיזע ווערטער אַליין האָבען בעוויזען, פֿון וואַנען דאָס רעכט פֿון די אַלטע הערשער האָט זיך גענומען. זיי האָבען עס געפֿאָדערט מיט

דעם רעכט פֿון דעם שווערד, צו וועלכען זיי האָבען געהאַט אַ גרעסערען צוטרוי ווי צו גאָט'ס ווילען; יעדער איינציגער האָט געזעהען, אַז זייערע זאָגענאַנטע רעכטע גרינדען זיך אויף די ברוטאַלע געוואַלט. מען האָט אויסגעפֿיהרט זייערע בעפֿעהלע און זיך אונטערגעוואָרפֿען צו זייערע פֿאָדערונגען, ווייל דאָס פֿאָלק איז ניט געווען אימשטאַנד צו קעמפֿפֿען געגען זיי. אָבער אַם ווייניגסטענס האָט מען דאַן נאָך ניט געוואוסט פֿון אַזעלכע גייסטיגע קריפעל, וועלכע האָבען ערקלעהרט, אַז מען דאַרף געהאָרכען די בעפֿעהלע פֿון די מעכטיגע, דערפֿאַר וואָס דאָס געזעץ פֿאָדערט עס, און אַז עס איז די פֿליכט פֿון יעדען איינציגען צו פֿאָלגען די בעשטעהענדע געזעצע, ביז וואַנען מען וועט זיי איבערבייטען אויף אַנדערע.

* * *

אויב מיר אַנערקענען, אַז מען קען איבערבייטען די געזעצע, דאַן מוזען מיר אויך אַנערקענען די מעגליכקייט, אַז מען קען זיי איבערבייטען אויף ערגערע און מעהר רעאַקציאָנערע געזעצע; אָבער דיזער פֿאַקט אַליין איז אַ שטענדיגע בעליידיגונג פֿאַר די, וועלכע בעלאַנגען צו די פּראָגרעסיווע עלעמענטען פֿון זייער צייט. דאָס געזעץ איז אַלזאָ ניט גערעכט, און עס בעזיצט פֿאַר קיין פֿאַל ניט דיזען הייליגען כאַראַקטער, וועלכען די מענשען האָבען פֿערזוכט איהם צו געבען. אויב דאָס געזעץ שעדיגט מיינע אינטערעסען און פֿערניכטעט מיין פֿרייהייט, וואָס פֿאַר אַן אורזאַכע האָב איך דאַן איהם צו געהאָרכען? און וואו איז דער אָבמאַך, וועלכער זאָל בערעכטיגען דיזען בעטרוג?

* * *

ביי וויסענשאַפֿטליכע פֿראַגען, ווען די געלעהרטע פֿאָרמולירען נאָך לאַנגע אונטערזוכונגען און אַ סך אַרבייט אַ זאָגענאַנטעס נאַטור-געזעץ, איז עס ניט דערפֿאַר, ווייל אַ מאַיאָריטעט אָדער אַ פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפֿט, בעשטעהענדיג פֿון מענשען, וואָס האָבען זיך איינגערעדט, אַז זיי שטעהען העכער פֿון אַלע אַנדערע, האָבען בעשלאָסען דורך דעם ווילען פֿון זייערע מיטגלידער צו בעשטימען דיזען אָדער יענעם וועג פֿון דער

נאַטירליכער ענטוויקלונג. מיר אַלע וואָלטען זיך אויסגעלאַכט פֿון אַ מענשען, וועלכער זאָל אויפֿשטעלען אַזאַ נאַרישע בעהויפּטונג.

אויב געלעהרטע שטעלען פֿעסט אַ נאַטור-געזעץ, איז עס דערפֿאַר ווייל מען האָט אויסגעפֿונען, אַז ווען עס פֿינדעט שטאַט אַ געוויסע ערשיינונג, אויב עס קומט פֿאָר אַ געוויסע כעמישע פֿערבינדונג, איז עס צוליעב דיזער אָדער יענער קראַפֿט אָדער צוליעב דיזע אָדער יענע נאַטירליכע בעציהונגען; די אומשטענדע, אונטער וועלכע דיזע ערשיינונג האָט זיך אַרויסגעצייגט האָבען עקזיסטירט, אויב ניט, וואָלט זי קיינמאָל ניט שטאַטגעפֿונען. דאָס נײַ ענטדעקטע געזעץ האָט אַלזאָ ניט די אויפֿגאַבע צו בעהערשען אַ געוויסע ערשיינונג, נאָר צו ערקלעהרען איהרע אורזאַכען. אַזעלכע געזעצע קען מען אויסגעפֿינען, מען קען צווייפֿלען אין זיי אָדער זיי אין גאַנצען אָבלייקענען; די פֿערשידענע שטאָפֿען, וועלכע שטעלען צונויף אונזער ערד וועלען זיך טראָץ דעם ווייטער פֿערמישען, לויט זייערע נאַטירליכע אייגענשאַפֿטען און עהנליכקייטען, די ערד וועט זיך ווייטער דרעהען אַרום איהר אַקס, ניט נייטיגענדיג זיך אין אַ מאַכט, וועלכע זאָל בעשיצען איהר בעוועגונג און בעשטראָפֿען די, וואָס ווילען ניט אָנערקענען איהרע געזעצע.

אין אונזער געזעלשאַפֿט איז פּונקט פֿערקעהרט. ווי עס ווייזט אויס, מאַכט מען בײַ אונז די געזעצע, כדי מען זאָל זיי בעלייַדיגען און האַנדלען געגען זיי. די, וואָס מאַכען די געזעצע, לאָזען זיך, פֿערשטעהט זיך, נאָר בעאיינפֿלוסען פֿון זייערע פערזענליכע מיינונגען, פֿון די אינטערעסען פֿון דער קלאַסע, וועלכע זיי פֿערטרעטען און פֿון דער דורכשניטליכער מאָראַלישער ענטוויקלונג פֿון זייער צייט; זיי קימערט ניט דער כאַראַקטער, די שטרעבונגען און די נאַטירליכע בעציהונגען פֿון דער גרויסער מאַסע, וועלכע איז אונטערוואָרפֿען צו די געזעצע; דאָס וואָלט איבערהויפּט געווען אַ זאַך דער אונמעגליכקייט, ווייל די אינדיווידועלע כאַראַקטערע און שטרעבונגען זיינען צו פֿערשידען. יעדעס שטיקעל אייגענטהום האָט דערפֿאַר זיינע בעזונדערע געזעצע; ווייל אין דער סאָציאָלאָגיע קען עס נאָך ווייניגער געבען

איין איינציגעס און אַלגעמיינעס געזעץ ווי אין די פִיזישע וויסענשאַפְטען, און אויב מען וויל עס יאָ איינפִיהרען, וועט עס זיין ווילקירליך אונמעגליך אָנצוּואווענדען.

אין דער ווירקליכקייט גיט עס אין דער היינטיגער געזעלשאַפְט קיין איינציגעס געזעץ, וועלכעס זאָל ניט בעליידיגען און פערוואונדען אַ טהייל פִון איהרע מיטגלידער, סיי אין זייערע מאַטעריעלע אינטערעסען, סיי אין זייערע אידעען, עס גיט קיין איינציגעס געזעץ, וועלכעס די הערשענדע פּאַרטיי זאָל ניט קענען אָנווענדען געגען איהרע געגנער. יעדע אונגעזעצליכע פּאַרטיי ווערט געזעצליך, ווי באַלד זי בעקומט אַריין די מאַכט אין איהרע הענד, און איהרע אָנהייגער, וועלכע זיינען פְריהער פֶערפָאָלגט געוואָרען דורך די געזעצע, ווערען אויף אַזאַ אַרט פלוצלונג די פֶערטהיידיגער און פָאָרשטעהער פִון דעם געזעץ.

* * *

פִון דעם קען מען שליסען, אַז דאָס געזעץ איז אייגענטליך ניט אַנדערש ווי דער ווילען פִון'ם שטאַרקסטען; מען איז געצוואונגען צו געהאָרכען, דערפַאר ווייל מען איז צו שוואַך צו קעמפפען דאַגעגען; די גאַנצע וואונדערבאַרע „געזעצליכקייט" איז אַלזאָ אין דער אמתן נאָר אַ פְראַגע פִון מעהר אָדער וויינינער געוואַלט. אויב געוויסע פורים-שפּיעלער ווערען אַלזאָ בעקעמפפען די אַרבייטער מיט זייער אַלטער וואַפֶע, דער געזעצליכקייט, מעגען זיי זיך רוהיג אויסלאַכען פִון זיי און זיי שטעלען די פְראַגע, צו מען האָט דען זיי, די אַרבייטער, געפְרעגט, ווען מען האָט פַאבריצירט די געזעצע. און אויב דאָס פָאָלק זאָל אפילו שוין יאָ צושטימען צו די געזעצע פַאר אַ געוויסע צייט, דאַן קענען זיי דאָך אויך נאָר אויסגעפִיהרט ווערען אַזוי לאַנג, ווי די, וואָס האָבען זיי אָנגענומען, ווערען גלויבען אין זייער ניצליכקייט און זיי זעהען אויפצוהאַלטען.

עס וואָלט דאָך זיכער געווען אַ לעכערליכע זאַך צו בעהויפּטען, אַז ווייל מיר זיינען איינשטימיג געווען אין אַ געוויסען מאָמענט פִון אונזער לעבען מיט דיזע אָדער יענע פִיהרונגען, אָט דערפַאר זיינען מיר געצוואונגען זיי צו אַנערקענען פַאר אַלע

ציימען, ניט זייענדיג אימשטאַנד זיי צו מאָדיפֿיצירען, ווייל דאָס וואָלט געווען אונבעקוועם פֿאַר אַ געוויסע צאָהל מענשען, וועלכע ווילען אויפֿהאַלטען די יעצטיגע בעדינגונגען, דערפֿאַר וואָס זיי פּראָפֿיטירען פֿון דער געגענווערטיגער אָרדנונג.

אָבער נאָך מעהר לעכערליך איז דער שטרעבען צו אונטערוואַרפֿען אונז צו די געזעצע פֿון פֿערגאַנגענע גענעראַציאָנען, די פֿאָדערונג, אַז מיר זאָלען גלויבען, רעספּעקטירען און אויספֿיהרען די קאַפּריזען, וועלכע אייניגע פּראָסטאַקעס האָבען מיט פֿופֿציג יאָהר צוריק אַריינגעשריבען אין די געזעץ-ביכער. דיזער שטרעבען מיינט אייגענטליך ניט מעהר און ניט וועניגער ווי צו פֿערשקלאַפֿען די געגענוואַרט דורך די אַלטע בעגריפֿע און אַנשויאונגען פֿון דער פֿערגאַנגענהייט.

אָט דאָ איז דער פּונקט, וואו אַלע פֿאַבריקאַנטען פֿון די געזעצע און די, וואָס מאַכען אַ לעבען פֿון זיי, קומען אַרוים מיט אַ געגען-בעשולדיגונג: זיי בעהויפּטען נעמליך, אַקוראַט ווי די גרויסע מאַסע, דאָס אָהן געזעצע קען די געזעלשאַפֿט ניט עקזיסטירען, אַז איינער וואָלט איבערגעשניטען דעם צווייטען'ס האַלז, ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט קיין שיצענדע אויטאָריטעט, וועלכע וואָלט די מענשען געהאַלטען אין מורא און זיי געצוואונגען צו רעספּעקטירען די יעצטיגע בעדינגונגען.

מיר וועלען שפּעטער זעהען, אַז מען הערט ניט אויף צו בעגעהען פֿערברעכען טראָץ דעם געזעץ, טראָץ דעם צוואַנג, אַז די געזעצע זיינען ניט אימשטאַנד צו אונטערדריקען אָדער צו פֿערהינדערן פֿערברעכען, דערפֿאַר וואָס די פֿערברעכען זיינען די אונפֿערמיידליכע פֿאָלגען פֿון אונזער יעצטיגער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג, און אַז מיר דאַרפֿען פֿאָלגליך זעהען איבערצובייטען דעם יעצטיגען סאָציאַלען סיסטעם, אָנשטאָט צו פֿערשווענדען די צייט מיט רעפֿאָרמירען די געזעצע.

* * *

אָבער אַם מייסטען פֿיהלען מיר זיך בעליידיגט דורך דעם וואָס געוויסע מענשען זיינען גענוג אונפֿערשעהמט אַליין צו מאַכען זיך פֿאַר ריכטער פֿון די אַנדערע. ווען די אויטאָריטעט האָט זיך

נאָך געשטיצט אויף איהר זאָגענאַנטען געטליכען אורשפּרונג, אַזוי לאַנג ווי מען האָט נאָך געזעהן אין יעדען אורטהייל פֿון אַ ריכ־טער דעם אויסדרוק פֿון גאָט'ס ווילען, קען מען פֿערשטעהען, אַז די פֿערטרעטער פֿון דער אויטאָריטעט האָבען זיך אַליין געהאַלטען פֿאַר אַ בעזונדערע קלאַסע מענשען, צו וועלכע גאָט האָט געגעבען אַ שטיק פֿון זיין אייגענער אַלמעכטיגקייט און אונפֿעהלבאַרקייט, כדי זיי זאָלען בעזיצען די פֿעהיגקייט צו בע־שטראָפֿען די פּראָבטע שעפסען פֿון דער מענשליכער סטאַדע.

אָבער איין אונזער יאָהרהונדערט פֿון וויסענשאַפֿט און פֿרייער קריטיק, הייננט, ווען יעדער ווייס, דאָס אַלע מענשען בעשטעהען פֿון דערזעלבער מאַטעריע און זיינען אונטערוואָרפֿען צו דיזעלבע ליידענשאַפֿטען, דיזעלבע קאַפּריזען, דיזעלבע פֿעהלער, הייננט, ווען די אָבשטאַרבענדע גאָטהייט קען מעהר ניט בעלעבען מיט איהר אָטהעם די בעשריינקטע מענשליכע פֿערנונפֿט פֿון שטערב־ליכע מענשען, הייננט פֿרעגען מיר זיך, ווי אַזוי קומט עס, אַז מענשען זאָלען זיין אַזוי אונוויסענד און איינגעבילדעט צו נעהמען אויף זיך מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט די מורא'דיגע פֿעראַנטוואָרטליכקייט צו פֿערניכטען אַ מענשען'ס לעבען אָדער אַ טהייל פֿון זיין פֿרייהייט און אונאַבהייגיגקייט?

* * *

אפילו אין די געוועהנליכע אַנגעלעגענהייטען פֿון'ם אַלטעג־ליכען לעבען זיינען מיר מייסטענטהיילס ניט אימשטאַנד צו אַנאַליזירען די אורזאַכען, וועלכע טרייבען אונזערע נעבסטע פֿריינד צו בעגעהן געוויסע האַנדלונגען, נאָך מעהר, מיר זיינען זאָגאַר אָפֿטמאָל ניט פעהיג צו געפֿינען אַן ערקלעהרונג פֿאַר די אייגענטליכע מאָטיווען פֿון אונזערע אייגענע האַנדלונגען, ווי אַזוי איז אַלזאָ גאָר מעגליך, אַז אַ מענש זאָל שטעלען אויף זיך אַזוי פֿיעל, אַז ער נעהמט זיך אונטער אויסצוגעפֿינען דעם אמת אין אַ געוויסער אַפֿערע, ניט קענענדיג דערפֿון די אורזאַכע, די מענשען און די מאָטיווען פֿון זייערע האַנדלונגען, און וויסענדיג, אַז דיזע אַפֿערע קומט ערשט דאַן פֿאַר'ן געריכט, נאָכדעם ווי זי איז פֿריהער איבערטריבען, קאָמענטירט און פֿערדרייט געוואָ־

רען דורך די פֿאַלשע פֿאַרשטעלונגען פֿון די, וועלכע זיינען דערביי פֿעראינטערעסירט אויף די איינע אָדער די אַנדערע אַרט, און וועלכע ווייסען אָפֿטמאָל ניט מעהר פֿון דער גאַנצער געשיכטע ווי דאָס, וואָס מען האָט זיי דערצעהלט?

איהר, וואָס איהר מאַכט זיך פֿאַר שטריינגע און אונפּעהל־באַרע ריכטער פֿון יענעם מאַן, וועלכער האָט געטויטעט אָדער בערויבט אַן אַנדערן, ווייסט איהר די מאָטיוועו פֿון זיין אַקט? זייט איהר בעקאַנט מיט די אומשטענדען, אין וועלכע ער האָט געלעבט, מיט די אייגענשאַפֿטען, וועלכע ער האָט בעקומען בירושה פֿון זיינע עלטערן, אָדער מיט דער געלעגענהייט, וועלכע האָט בעאיינפֿלוסט זיין מוח און איהם געמאַכט צו בעגעהען זיין מהאָט? איהר, מענער, מיט דער אייזערנער שטריינגקייט, וועלכע גיט אָב אייער אורטהייל איבער דעם „שולדיגען“, וועלכען די עפֿענטליכע מאַכט האָט אויעקגעשטעלט פֿאַר אייער ריכטער־שטוהל, האָט איהר אייך ווען עס איז געשטעלט די פֿראַגע, צו איהר וואָלט ניט אפֿשר געהאַנדעלט ערגער פֿון דעם „פֿערברע־כער“, ווען איהר וואָלט געלעבט אונטער דיזעלבע אומשטענדען, אַרומגערינגעלט פֿון דיזעלבע בעדינגונגען? און ווען איהר וואָלט אפילו שוין יאָ געווען אַזעלכע ריינע, ערהאַבענע און אונפֿעהל־באַרע מענשען, אַזוי ווי איהר שטעלט זיך פֿאַר, איהר, וועלכע האָט די מאַכט צו פֿערניכטען מיט איין גרויזאַמען וואָרט דאָס לעבען און פֿרייהייט פֿון אייערע מיטמענשען, וואָלט איהר זיכער ניט געהאַט דעם מוטה אָבצוגעבען אייער אורטהייל, אויב איהר וואָלט כאָטש איינמאָל ריכטיג נאָכגעדיינקט איבער די מענשליכע שוואַכקייט; אויב איהר וואָלט געהאַט דעם בעוואוסטזיין פֿון אייערע האַנדלונגען, וואָלט איהר זיכער אַוועקגעוואָרפֿען אייער פּראָפֿעסיאָן!

דען ווי אַזוי וואָלט איהר געקענט רוהיג שלאָפֿען? ווי אַזוי וואָלט מעגליך געווען, אַז די גייסטער פֿון אייערע טעגליכע אָפּ־פֿער וואָלטען אייך ניט ערשיענען אין אייערע חלומות? אויב איהר וואָלט ניט אין גאַנצען דורכגעדרונגען געווען פֿון יענער אָפֿיציעלער גלייכגילטיגקייט, וועלכע די נאַרישע געוואוינהייט

ענטוויקעלט ביסלעכוויז, איהר וואָלט אַליין געטויטעט געוואָרען פֿון דער שווערער לאַסט און דעם בייזען געוויסען, וועלכע אייערע אורטהיילע האָבען געשאַפֿען.

* * *

אונזער עפּאָכע פֿון קריטיק און פּאָזיטיווער וויסענשאַפֿט איז מעהר ניט איינשטימיג מיט דעם אַלטען פּרינציפּ פֿון אַ צוגע־מאָסטענער גערעכטיגקייט, זי אַנערקענט מעהר ניט די לעגיטי־מיטעט פֿון אַ העכערע אויטאָריטעטע מאַכט, וועלכע האָט די אויפֿגאַבע צו בעלוינען די גוטע און צו שטראָפֿען די שלעכטע. אָנשטאָט פֿון דיזער אַלטער לעהרע, וועלכע איז געווען אין אָנ־קלאַנג מיט די בעגריפֿע פֿון דער צייט וועהרענד אַ געוויסער פֿאַזע אין דער מענשליכער ענטוויקלונג, פּראָפּאַגאַנדירען מיר אַ נייע אידעע, וועלכע איז פּונקט דער געגענטהייל פֿון דער ערשטער.

קיינער פֿון אונז האַלט היינט ניט מעהר אַ טהאַט אַן און פֿאַר זיך פֿאַר גוט אָדער שלעכט, מיט דער אויסנאַהמע ווען זי איז אַנגענעהם אָדער אונאַנגענעהם פֿאַר אונז, און מיר האַנדלען פֿאָלגליך נאָך דיזער אויפֿפֿאַסונג. מיר זיינען איינשטימיג און בעגייסטערן זיך פֿאַר אַ געוויסע טהאַט, מיר פֿערטהיידיגען אָדער אַטאַקירען איהר לויט דעם נוצען אָדער שאָדען, וועלכע זי בריינגט צו אונזערע אינטערעסען, אונזערע ליידענשאַפֿטען און אונזערע אידעאַלע בעגריפֿע און פֿאָרשטעלונגען. דאָס געמיינשאַפֿטליכע בעדירפֿניס פֿון סאָלידאַריטעט, וועלכעס פֿעראייניגט מענשען, וואָס האָבען צו ליידען פֿון דיזעלבע אָנגריפֿע און זיך צו פֿערטהיידיגען געגען זיי, איז פֿאַר אונז די בעסטע גאַראַנטיע פֿאַר אַ צוקינפֿטיגע געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג מיט וועניגער לייי־דען, שמערצען און געגענזייטיגע קעמפֿפֿע ווי די יעצטיגע. מיר זיינען קיינע ריכטער, נאָר מיר אַרבייטען און קעמפֿפֿען, און מיר זיינען איבערצייגט, אַז די פֿרייע האַנדלונגען פֿון אַלע מענשען וועלען אַליין זיין אימשטאַנד אַ־ויסצורופֿען אַן אַלגעמיינע האַר־מאָניע, נאָכדעם ווי עס וועט מעהר ניט געבען קיין פּריוואַט־

אייגענטהום, וואָס זאָל שאַפען אַ מעגליכקייט פאַר עטליכע פערזאָנען צו פערשקלאַפען זייערע מיטמענשען.

* * *

מיר קענען פאַר קיין פאַל ניט אָנערקענען, אַז מיט זעקס וואָכען אָדער מיט זעקס יאָהר שפּעטער נאָך דעם ווי עס איז בעגאַנגען געוואָרען אַ געוויסע טהאַט, זאָלען זיך צונויפקלייבען אַ הייפעלע מענשען, אונטערשטיצט דורך די בעוואָפענטע מאַכט, אום אָבצוגעבען זייער אורטהייל און צו בעשטראָפען דעם פערזאָן פון דער טהאַט אין נאָמען פון אירגענד וועלכער זאַך. דאָס איז איינפאַך היפּאָקריטיש און פייג. מען בעשולדיגט אַ מענשען, אַז ער האָט געטויטעט אַ מיטמענשען, און כדי צו איבערצייגען איהם, אַז ער האָט געהאַנדעלט ניט ריכטיג, גיט מען איהם איבער צו דעם היינקער, דעם געדונגענעם מערדער פון דעם שטאַאַט. דער היינקער און דער ריכטער, וועלכע בעגעהען אַ געזעצליכען מאָרד, שטעהען נאָך נידעריגער פון דעם געוועהנליכען מערדער, דערפאַר וואָס זיי האָבען קיין זאַך ניט צו ריזיקירען דורך זייער האַנדלונג און שטעהען אונטער דעם שוץ פון דער בעוואַפענטער מאַכט.

מיר געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון קריעג מיט דער הערשענדער קלאַסע, און דערפאַר, איהר ריכטער, אַנערקענט איין פאַר אַלע מאָל, אַז איהר זייט די ווערקצייג פון דער בעזיצענדער קלאַסע און לאָזט אונז צופרידען מיט אייערע שעהנע ווערטער און פוסטע פראַזען. זעהט ווי אויפצוהאַלטען די פריווילעגיעס, וועלכע איהר פערטיידיגט, בענוצט זיך מיט דער געוואַלט, וועלכע די אונוויסענהייט האָט אייך געגעבען, אָבער רעדט ניט אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, דען זי האָט קיין זאַך ניט צו טהאָן מיט אייערע האַנדלונגען.

* * *

מיר וואָלטען געוואונשען, איהר ריכטער, אַז איהר זאָלט אַריינפאַלען אונשולדיגערהייט אין די הענד פון אייער גלייכען און שטעהען אַלס אָנגעקלאָגטע פאַר'ן גערירכט, אָט דאַן וואָלט איהר אפשר אָנגעהויבען צו פערשטעהען די גאַנצע שענדליכקייט

פֿון אייער ראַלע. זייענדיג אַליין אין אַ לאַגע וואָלט איהר פֿיי־ לייכט פֿערשטאַנען ווי פֿיעל אַנגסט און שרעק די מענשען לידען איבער, וועלכע דאָס אונגליק פֿיהרט פֿאַר אייער ריכטערשטוהל, און מיט וועלכע איהר שפּילט זיך ווי די קאַץ מיט דער מויז.

ווען די רעדע פֿון דעם פּראָקוראָר וואָלט זיך געגאָסען אַזוי ווי כוואַליעס איבער אייערע קעפּ, דאַן וואָלטען פֿילייכט ערשי־ נען פֿאַר אייערע אויגען די גייסטער פֿון די אַלע אונגליקליכע, וועלכע איהר האָט מקריב געווען אויף דעם מזבח פֿון געזעל־ שאַפֿטליכער ראַכע, אויף דעם וועג פֿון אייער קאַריערע, און איהר וואָלט זיך אפשר אַליין געפֿרעגט מיט שרעק, צו אייערע אָפּפֿער זיינען אויך ניט געווען אונשולדיג?

אָה, זיכער, מיר וואָלטען געוואונשען פֿון טיעפֿען האַרצען, דאָס כאָטש איינער פֿון אייך זאָל ווערען פֿאַלש בעשולדיגט און דורכמאַכען אלע ליידען און פֿערצווייפֿלונג פֿון די, וועלכע שטע־ הען פֿאַר אייך אַלס אָנגעקלאָגטע. און ווען זיין אונשולד וואָלט זיך ענדליך אַרויסגעצייגט אין אַ שעהנעם טאָג, און ווען מען וואָלט איהם צוריק אַריינגעזעצט אין זיין אַלטע שטעלונג, דאַן איז זעהר לייכט מעגליך, אַז ער וואָלט צוריסען אויף שטיקלאַך זיין יוניפֿאָרמע און זיך געבעטען פֿאַר דער גאַנצער וועלט, מען זאָל איהם מוחל זיין פֿאַר זיין פֿערברעכערישע עקזיסטענץ אַלס אַ ריכטער, וועלכער האָט זיך געשפּילט און געהאַנדעלט מיט מענשליכע לעבענס.

דאס רעכט צו שטראפען און די געלעהרטע.

די היינטיגע וויסענשאַפֿט אַנערקענט איינשטימיג, אַז דער מענש איז אַ שפּיעלצייג פֿון אַסך קרעפֿטע, צו וועלכע ער איז אונטערוואָרפֿען, און דאָס אַ פֿרייער ווילען עקזיסטירט איבער־הויפּט ניט. דער קרייז, וועלכער רינגעלט איהם אַרום, געוויסע אייגענשאַפֿטען, וועלכע ער האָט בעקומען פֿון זיינע עלטערן בירושה, זיין ערציהונג, די קלימאַטישע אומשטענדע, אין וועלכע ער לעבט, דיזע אַלע ערשיינונגען ווירקען אויף דעם מענשען. אַמאָל שטויסען זיי זיך אָב, אַמאָל פֿעראייניגען זיי זיך איינע מיט די אַנדערע, אָבער קיינער וועט ניט אָבלייקענען, אַז זיי האָבען אַ שטאַרקען איינפֿלוס אויף דאָס מענשליכע געהירן, וועלכעס בעוועגט זיך דורך זייער טהעטיגקייט, אַקוראַט ווי די סטרונעס פֿון אַ פֿידעל אונטער די פֿינגער פֿון אַ שפּיעלער.

לויט די אייגענשאַפֿטען, וועלכע ער האָט בעקומען בירושה, לויט זיין ערציהונג און די אומשטענדע, אין וועלכע ער לעבט, וועט דער איינפֿלוס פֿון געוויסע קרעפֿטע אויף אַ מענשען זיין אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער, זיין ווידערשטאַנדס־פֿעהיגקייט געגען אַנדערע קרעפֿטע וועט זיין מעהר אָדער ווייניגער שטאַרק, נאָר פֿון דעסטוועגען איז זיין פּערזענליכקייט שטענדיג אַ פּראָ־דוקט פֿון דיזע קרעפֿטע.

שטיצענדיג זיך אויף דיזע פֿאַקטען, האָט אַ געוויסע צאָהל פֿון געלעהרטע, מיט טש. לאָמבראָזאָ אָן דער שפּיצע, פֿערזוכט צו בעווייזען די עקזיסטענץ פֿון אַ בעזונדערען פֿערברעכער־טיפּ. זיי האָבען זיך שפּעציעל אָבגעגעבען צו ענטדעקען געוויסע אונרעגעלמעסיגקייטען, וועלכע זאָלען, לויט זייער מיינונג, כאַ־ראַקטעריזירען דיזען טיפּ; און נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך אַרומ־

גערישען אַ לענגערע צייט איבער זייער אייגענע ערפינדונג, האָ־בען זיי געפּאָדערט די ענערגישע אונטערדריקונג פון דעם „געבאָרענען פערברעכער" דורך לעבענסלענגליכע איינשפּערונג א. ז. וו. — דער מענש האַנדעלט אונטער דעם איינפלוס פון געוויסע אויסערליכע אורזאַכען; פאָלגליך איז ער ניט פעראַנט־וואָרטליך פאַר זיינע האַנדלונגען. די געלעהרטע אַנערקענען דאָס, און דערפאַר פאָדערן זיי אונטערדריקונגס-מאַסרעגלען!

מיר וועלען שפּעטער נאָך ערקלעהרען דיזען ווידערשפּרוך; פאָרלויפיג וועלען מיר זיך אַביסעל נעהנטער צוקוקען צו די וויכטיגסטע אונרעגעלמעסיגקייטען, וועלכע אונזערע קרימינאַלאָ־גען האָבען ענטדעקט, אַלס אַ סימן פון דעם פערברעכער־טיפּ:

אַלטע וואונדען;

אונרעגעלמעסיגקייטען פון דער הויט;

אונרעגעלמעסיגקייטען פון די אויערען און נאָז;

אויסגעשטאָכענע פיגורען אויף'ן קערפּער.

עס גיט נאָך פיעלע אַנדערע סימנים, וועלכע האָבען, נאָך אונזער מיינונג, אויך קיין גרעסערע בעציהונג צו דעם גייסטיגען צושטאַנד פון אַ מענשען, ווי די אויבען דערמאָהנטע, נאָר אונ־זער אונקענטניס אין דער אַנאַטאָמיע ערלויבט אונז ניט זיך גרינדליך צו בעשעפטיגען מיט דיזע אַנדערע צייכענס. אָט דער־פאַר וועלען מיר זיך בעגנוגענען מיט די ערשטע.

לאָמיר אָנהויבען מיט די וואונדען: עס איז גאַנץ קלאָהר, דאָס אַ מענש, וועלכער טראָגט אויף זיך סימנים פון אַלטע וואונדען, איז דערפאַר נאָך לאַנג קיין געבאָרענער פערברעכער, איבערהויפּט ווען דיזע וואונדען זיינען געווען דער רעזולטאַט פון אַן אונגליק ביי דער אַרבייט, אָדער ווען ער האָט זיי בעקומען, ריזיקירענדיג זיין לעבען, אום צו ראַטעווען אַ מיטמענשען. ביז יעצט זיינען מיר אימער געווען מיט דער מיינונג, דאָס אַ פער־ברעכער זוכט גיכער צו פערוואונדען אַנדערע; נאָר ווי עס ווייזט אויס, איז די מיינונג פון דער וויסענשאַפט פונקט פערקעהרט — זי זוכט די וואונדען ביי דעם פערברעכער און ניט ביי זיין אָפּפער!

וואָס אָנבעלאַנגט די אונרעגעלמעסיגקייט פֿון די אויערען און נאָז, האָבען מיר ביז יעצט פֿאַר קיין פֿאַל ניט געקענט אויסגעפֿינען, וואָס דאָס האָט אייגענטליך צו טהאָן מיט דעם צושטאַנד פֿון געהירן. לאָמבראָזאָ אַליין גיט צו, אַז פֿיעלע סימנים, וועלכע ער בעטראַכטעט פֿאַר אונרעגעלמעסיגקייטען, געפֿינען זיך זעהר אָפֿט ביי אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע ער אַליין רופֿט אָן אַנשטענדיגע מענשען. הייסט עס אַלזאָ, אַז דיזע אונרעגעלמעסיגקייטען אָדער אויסנאַהמען האָבען יאָ אין זיך אַ געוויסע פֿערוואַנדשאַפֿטליכקייט צו די אַלגעמיינע און נאָרמאַלע ערשיינונגען. ביז יעצט האָבען מיר אימער געגלויבט, דאָס אַן אונרעגעלמעסיגקייט, אַן אויסנאַהמע איז אַזאַ מין ערשיינונג, וועלכע האָט איבערהויפּט קיין פֿערוואַנדשאַפֿטליכקייט ניט מיט די נאָרמאַלע און רעגעלמעסיגע ערשיינונגען פֿון לעבען. נאָר ווי עס ווייזט אויס, זיינען די אויפֿפֿאַסונגען פֿון לאָמבראָזאָ'ס וויסענשאַפֿט אין דיזער בעציהונג פּינקט פֿערקעהרט. דיזער טרויעריגער ווידערשפּרוך איז וויטער אַ בעוויז, וואָס עס קומט אַרויס, ווען מענשען פֿערקריכען זיך אין אַ בעשטימטען ווינקעל פֿון וויסענשאַפֿטליכער טהעטיגקייט, ביז וואַנען זיי פֿערלירען יעדע ברייטערע און אַלגעמיינע אויפֿפֿאַסונג און בעטראַכטען צולעצט יעדע ערשיינונג פֿון זייער איינזייטיגען און בעשריינקטען שטאַנדפּונקט.

* * *

עס איז זיכער קיין אַ:געגעהמע זאַך פֿאַר אַ מענשען אַרומצושלעפּען זיך מיט אַ ניט גערעכטענע נאָז אָדער שלעכט געפֿאָרמטע אויערן, איבערהויפּט ווען דיזער קערפּערליכער פֿעהלער איז אַזעלכער, אַז דאָס גאַנצע געזיכט באַקומט דעדורך אַ לעכערליכען און קאָמישען אויסדרוק; אַזעלכע ערשיינונגען מאַכען אָפֿטמאָל אַ שלעכטען איינדרוק אויף אַנדערע מענשען, שוין ניט רעדענדיג, אַז זיי זיינען פֿערבונדען מיט שטענדיגע ליידען פֿאַר דעם, וועלכער דאַרף זיך דערמיט אַרומשלעפּען. אַזאַ מענש האָט שוין גענוג מיט זיין פּעקעל צרות, אפילו ווען מען זאָל איהם ניט בעטראַכטען פֿאַר אַ „געבאָרענעם פֿערברעכער“.

אויב מיר זאָלען אָננעהמען לאָמבראָזאָ'ס טהעאָריע פֿאַר ריכ־טיג און דערפֿון ציהען די לאָגישע קאָנסעקווענצען, דאַן וואָלטען מיר געדאַרפֿט ארויפֿלייגען א פֿליכט אויף יערע העבאַם, אויף יעדען דאָקטאָר, זיי זאָלען טויטען אַלע נייי־געבאָרענע קינדער, וועלכע קומען אויף דער וועלט מיט ניט געראָטענע אויערען אַדער אַ מיאוסע נאָז. יעדער פֿלעק, יעדער סימן קען דאָך זיין אַן אָנדייטונג פֿאַר אונזערע שוואַרצע פֿערברעכערישע אינסטינקטען! איך פֿערזעגליך דערמאָהן זיך צ. ב. ש. אויך, אַז איך האָב ער־געץ וואו אויף מיין קערפער... איינינע פֿון דיזע פֿערדעכטיגע סימנים; איך בין אַן אַנאַרכיסט, און פֿאַר אַ געוויסע סאָרט מענשען איז דאָס שוין אַ גענוגענדער בעוויז פֿאַר מיינע פֿער־ברעכערישע נייגונגען, און עס וואָלט מיר גאָר ניט געוואונדערט, ווען זיי וואָלטען געשריהען: „טויטעט איהם! טויטעט איהם! די בהעאָריע פֿאָדערט, אַז ער מוז שטאַרבען אויף דער תליה!"

איך האָב שטאַרק מורא, אַז עס וואָלט ניט איבערגעבליבען קיין סך מענשען, ווען מען זאָל אָנווענדען אויף זיי דיזע טהעאָריע; אָבער ווי פֿאָלקאָמען וואָלט דאַן געווען די מענשהייט אי גייס־טיג און אי קערפערליך!

* * *

וואָס אָנבעלאַנגט די געוואוינהייט פֿון געוויסע מענשען אויסצושטעכען זיך פֿיגורען אויף'ן קערפער, האָבען מיר דאָס ביז יעצט קיינמאָל ניט בעטראַכטעט פֿאַר אַ צייכען פֿון אַ גוט ענטוויקעלטען עסטעטישען געשמאַק; פֿערקעהרט, מיר זיינען שטענדיג געווען מיט דער מיינונג, אַז עס איז ניט מעהר ווי אַן איבערבלייבעניש פֿון אונזערע אורעלטערן אויס דער שטיין־צייט, ווען געוויסע מענשען זוכען צו „פֿערגרעסערן זייער נאַטירליכע שעהנהייט" דורך אַזעלכע מיטלען, ווי אויסשטעכען בילדער אין פֿיגורען אויף זייער הויט. דעם זעלבען אַטאַוויזם געפֿינען מיר אויך ביי פֿיעלע פֿרויען, וועלכע לאָזען זיך שטעכען די אויערען, אום אָנצוטהון אויערינגלאַך, אַקוראַט ווי די באָטאָקודען אין בראַזיליען אָדער געוויסע נעגער־שטאַמען אין אַפֿריקאַ און אויי־סטראַליען, וועלכע שטעכען זיך די ליפּען, נעזער און אויערען,

אום צו „פֿערגרעסערן זייער שעהנהייט", אָנהיינגענדיג דאָרטען שטיקלאַך האָלץ אָדער מעטאַל.

מיר זעהען אין דעם נאָך אַ קלײנעם איבערבלייבעכץ פֿון די אַלטע פרימיטיווע מנהגים, אָבער מיר האָבען ביז יעצט קיינ־מאָל ניט בעמערקט, אַז דיזע געוואוינהייטען זיינען אַ צייכען פֿון ווילדקייט און פֿערברעכערישע אינסטינקטען. נאָר נאָך דעם ווי לאָמבראָזאָ האָט אונז בעלעהרט אין דיזער בעציהונג, האָפֿען מיר, אַז מיר וועלען אין גיכען פּטור ווערען, ניט בלויז פֿון די, וואָס שטעכען זיך אויס פֿיגורען אויף'ן קערפּער, נאָר אויך פֿון די, וועלכע טראָגען אויערינגלאַך און פֿאַרבען זיך די האָר.

לאָמבראָזאָ האָט זיך אויך געגעבען די גרעסטע מיה צו ענטדעקען אַ זאָגענאַנטען „פֿאָליטישען פֿערברעכער־טיפּ" און די סימנים, וועלכע ער האָט אויסגעפֿונען, אום צו בעווייזען די טהעאָריע זיינען פונקט אַזוי פֿאַנטאַסטיש ווי די אַנדערע, פֿון וועלכע מיר האָבען גערעדט בעפֿאָר; נאָר מיר וועלען איהם ניט נאָכ־פֿאָלגען אויף דיזעם געביעט ווייל עס וואָלט אונז אַוועקגעפֿיהרט צו ווייט פֿון אונזער אייגענטליכען פונקט — און דערפֿאַר וועלען מיר זיך בעסער נעהמען צו קריטיקירען דעם זאָגענאַנטען קרימי־נאַליזם אין אַלגעמיין.

* * *

אין דיזער בעציהונג האָבען זיך שוין איינגע שאַרפֿזיניגע געלעהרטע גענומען צו דער אַרבייט און געמאַכט אַ קריטישע אונטערזוכונג פֿון די אַביסעל צו פֿאַנטאַסטישע טהעאָריען פֿון דער קרימינאַליסטישער שולע; דיזע מענער האָבען קלאָהר און דייטליך אויפֿגעצייגט, אַז די לעהרע פֿון בעזונדערע פֿערברעכע־רישע כאַראַקטערע האָט איבערהויפּט קיין פֿונדאַמענט ניט.

איינער פֿון זיי, דר. מאַנואווריע, אין זיינע פֿאָרלעזונגען איבער „קרימינאַלע אַנטהראָפּאָלאָגיע", וועלכע ער האָט געגעבען פֿאַר דער אַנטהראָפּאָלאָגישער געזעלשאַפֿט אין 1891־1890, האָט ווידערלייגט אויף אַ גלענצענדען אופן די טהעאָריען פֿון לאָמבראָזאָ און דער גאַנצער קרימינאַליסטישער שולע, וועלכע אַנערקענען די לעהרע פֿון דעם „געבאָרענעם פֿערברעכער". פֿרי־

הער פֿון אלעס ציינט אונז דר. מאַנואוּוריע, אַז די גאַנצע מע־טהאָדע, וועלכע דער איטאַליענישער פּראָפֿעסאָר און זיינע אַנ־הייננער ווענדען אָן, אום פֿעסטצושטעלען דעם זאָגענאַנטען „פֿערברעכער טיפּ“, איז אַ פֿאַלשע, דערפֿאַר וואָס זייערע אונ־טערזוכונגען האָבען זיך אויסשליסליך בעשעפֿטיגט מיט אזעלכע אינדיווידוען, וועלכע האָבען שוין געטראָגען אויף זיך דעם שטעמ־פּעל פֿון׳ם געפֿעננגים־לעבען אָדער פֿון אַן אונאָרמאַלער עקזי־סטענץ. דערנאָך ערקלעהרט ער, אַז מענשען מעגען אפשר האָבען דיזע אָדער יענע נייגונגען, וועלכע גיבען זיי די פֿעהיג־קייט אויסצופֿיהרען אַזאַ און אַזאַ טהאַט; אָבער דאָס בעווייזט נאָך ניט, אַז זיי זיינען געצוואונגען דורך דעם בעזונדערען צושטאַנד פֿון זייער געהירן אָדער סקעלעט צו בעגעהען דיזע טהאַט און צו ווערען דאָס, וואָס מען רופֿט פֿערברעכער. געוויסע פֿעהינקייטען קענען אַ מענשען דערצו ברייננען צו בעגעהן אַ געוויסע טהאַט, אָבער עס ווענדט זיך אין גאַנצען אָן די אומ־שטענדע, צי דיזער אַקט זאָל בעטראַכטעט ווערען אַלס אַ העל־דישע טהאַט, צי אַלס אַ פֿערברעכען.

לאָמיר זיך בענוצען מיט אַ ביישפּיעל: אַ מאַן, וועלכער איז קערפּערליך זעהר שטאַרק, קען אין אַ מאָמענט פֿון גרויסער אויפֿרעגונג דערווערגען אַ צווייטען מענשען; אָבער די זעלבע טהאַט קען אויך בעגאַנגען ווערען פֿון דעם פּאָליציסט, וועלכער זאָל אַרעסטירען אַ פֿערברעכער, אויב ער האָט נאָר דיזעלבע קערפּערליכע קרעפֿטע. ווילדע אינסטינקטען, זיך אויסלאַבען פֿון יעדער געפֿאַהר, צו פֿעראַכטען דעם טויט, דאָס אַלעס זיינען די געפֿעהרליכע אייגענשאַפֿטען פֿון אַ פֿערברעכער, אָבער דאָס זעלבע איז אויך די העכסטע טוגענד פֿון אַ סאָלדאַט. אַ ביטרע קעפּעל איז אַ גוטע אייגענשאַפֿט פֿאַר אַ שווינדלער, וועלכער האַלט איין אויסקלערען פּלענער פֿון גנבה און בעטרוג; אָבער דיזעלבע אייגענשאַפֿט קען אויך מאַכען פֿון אַ מענשען אַ גוטען דעטעקטיוו אָדער אַ קלוגען אונטערזוכונגס־ריכטער.

* * *

זייענדיג דורכגעדרונגען פֿון דער וואַהרהייט פֿון זיינע אַרגומענטען, אָנערקענט לאָמבראָזאָ פֿון דעסטוועגען, אַז עס איז אָפֿטמאָל זעהר שווער צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען אַ זאָגענאַנטען פֿערברעכער און אַ זאָגענאַנטען אָנשטענדיגען מאַן, און ער גיט זאָגאַר צו, אַז פֿיעלע אינדיווידועו שפּאַצירען זיך גאַנץ צופֿרידען אַרום אין דער וועלט, וועלכע וואָלטען אייגענטליך בעדאַרפֿט זיצען אין געפֿענגניס, און פֿערקעהרט.

און נאָך דעם ווי ער האָט אַנערקענט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע געלעהרטע, אַז דער מענש איז אייגענטליך ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ שפּיעלצייג פֿון אַלע די אומשטענדע, וועלכע ווירקען אויף איהם, און וועלכע בעשטימען אין יעדען מאָמענט זיינע האַנדלונגען; נאָך דעם ווי ער האָט אַליין אָבגעלייקענט דעם פֿרייען ווילען און אַנערקענט, אַז די גערעכטיגקייט איז בלויז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַז זי איז אין דער ווירקליכקייט ניט אַנדערש ווי די ראַכע פֿון דער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט זיך אַליין געמאַכט צום ריכטער פֿון דעם אינדיווידואום, וועלכעס האָט איהר בעליידיגט, נאָך דעם ווי לאָמבראָזאָ האָט דאָס אַלעס אַליין צוגעגעבען, שטעלט ער זיך פּלוצלונג אָב אין מיטען וועג; צוערשט פֿערטהיידיגט ער געוויסע אויפֿפֿאַסונגען, וועלכע בריינגען איהם זעהר נאָהנט אין בעריהרונג מיט די אַנאַרכיסטען, נאָר פּלוצלונג קומט ער צו דעם שלוס, אַז די געגענווערטיגע בעשטראָפֿונגען זיינען ניט גענוג שטריינג, און אַז מען דאַרף זיי מאַכען שווערער און גרויזאַמער. אמת, ערקלעהרט אוני, אַז דאָס איז נויטווענדיג, אום אויפֿצוהאַלטען די געזעלשאַפֿט. אַזעלכע אַקטען, וועלכע מיר בעטראַכטען פֿאַר פֿערברעכען, זאָגט ער, זיינען אַ געפֿאַהר פֿאַר דער געזעלשאַפֿט; די געזעלשאַפֿט האָט אָבער אַ רעכט זיך צו פֿערטהיידיגען, און פֿערנעהמענדיג דעם פּלאַץ פֿון אַן אינדיווידועלער ראַכע, בעשטראָפֿט זי די, וואָס האָבען איהר בעאונרוהיגט, מיט אַזעלכע מיטלען, וועלכע זיינען גענוג שטאַרק צו דערשטיקען אין זיי דעם וואונש פֿאָרטצוזעצען זייערע פֿערברעכערישע האַנדלונגען.

* * *

ווי אזוי ערקלעהרט זיך דיזער אונגעהייערער ווידערשפרוך צווישען אזעלכע ברייטע אויפפאסונגען און אזעלכע קליינגייסטיגע שליסע? ווי אזוי איז מעגליך, אז דער איטאליענישער פראפעסאר האט אליין ניט פערשטאנען, אז די שליסע, וועלכע ער האט געצויגען, מאכען פון דער גאנצער טהעאריע א לעכערליכע און אבסורדע בעהויפטונג? מיר זיינען מיט דער מיינונג, אז לאמבראזא אליין איז ניט פעראנטווארטליך פאר דיזען ווידערשפרוך, וועלכער איז ניט אנדערש ווי א רעזולטאט פון דער מענשליכער אונפאלקאמענהייט.

דער מענש איז ניט אלוויסענד! דער געלעהרטער, וועלכער גיט זיך איבער מיט זיין גאנצער וועלע צו זיין שטודיום, בעקומט צולעצט א געוואלטיגע שארפזיניגקייט אין דעם בעשטימטען צוייג פון דער וויסענשאפט, וועלכען ער האט זיך אויסגעקליבען. דורך אסך רעדוקציאנען לייזט ער די שווערסטע פראבלעמען, וועלכע קומען פאר אין דעם בעזונדערן צווייג פון דער מענשליכער וויסענשאפט, מיט וועלכען ער בעשעפטיגט זיך. אבער ווייל ער האט ניט די מעגליכקייט צו שטודירען אלע וויסענשאפטען פון די סאציאלע ערשיינונגען, בלייבט ער הינטערשטעליג הינטער דעם פראגרעס פון די אנדערע וויסענשאפטען. און ווען ער פערזוכט צוצופאסען זיינע וואונדערבארע ענטדעקונגען צו אנדערע מענשליכע אויפפאסונגען, טרעפט עס זעהר אפט, אז ער געהט אראב פון ריכטיגען וועג און ציהט צולעצט גאנץ פאלשע שליסע פון א וואהרהייט, וועלכער ער האט אליין ענטוויקעלט.

און ווירקליך, ווען די אנטהראפאלאגען, וועלכע האבען שטודירט דעם מענשען און איהם אנאליזירט און דורך דעם בעקומען א געוויסעס פערשטענדניס פון זיין אמת'ער נאטור, ווען די זעלבע אנטהראפאלאגען וואלטען אין דערזעלבער צייט אויך שטודירט די סאציאלאגיע מיט דעם זעלבען ערפאלג, ווען זיי וואלטען אנאליזירט אלע סאציאלע אינסטיטוציאנען, וועלכע פערשקלאפען אונז און זיי געמאסטען מיט דעם מאסשטאב פון דער פערנונפט, וואלטען זייערע שליסע און בעטראכטונגען זיכער בעקומען א גאנץ אנדערן כאראקטער.

* * *

אויב דיזע געלעהרטע אָנערקענען, אַז דער מענש האַנדעלט אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אויסערליכע אורזאַכען, דאַן וואָלט זייער ערשטע אויפֿגאַבע געדאַרפֿט זיין צו זעהן אויסצוגעפֿינען דיזע אורזאַכען. שטודירענדיג דעם זאָגענאַנטען „פֿערברעכער" און זיינע האַנדלונגען, וואָלטען זיי פֿריהער פֿון אַלעס געדאַרפֿט זעהן צו בעגרייפֿען די אייגענטליכע מאָטיווען פֿון אַזעלכע האַנדלונגען און אונטערזוכען, ווארום זיי שטעהען ניט אין אָנקלאַנג מיט די געזעצע פֿון דער געזעלשאַפֿט. אָבער דער איינפֿלוס פֿון זייער אומגעבונג, די פֿאָראורטהיילע פֿון זייער ערציהונג, זייער רעלאַטיווע אונוויסענהייט אין אַנדערע וויסענשאַפֿטליכע פֿראַגען, וועלכע זיי האָבען ניט שטודירט, ווירקען אַזוי שטאַרק אויף זייערע גייסטיגע פֿאָרשטעלונגען, אַז זיי מוזען ענדליך קומען צו אַזעלכע שליסע, וועלכע זיינען אַזוי גינסטיג פֿאַר דער היינטיגער אָרדנונג. זיי גיבען אפילו צו, אַז דער געגענווערטיגער צושטאַנד איז שלעכט און פֿאָדערן זאָגאַר געוויסע קליינע פֿערבעסערונגען צו גונסטען די בעזיצלאָזע, אָבער זיי זיינען ניט אימשטאַנד אַריבער־צוגעהן דעם גרענעץ פֿון זייערע אויטאָריטערע פֿאָרשטעלונגען. זיי האָבען זיך שוין אַזוי פֿיעל צוגעוואוינט צו פֿיהלען אויף זיך די לייצעס און דעם בייטש פֿון'ם קוטשער, אַז זיי בעטראַכטען דיזען צושטאַנד אַלס אַ גאַנץ נאַטירליכע ערשיינונג; די אונאַבהייניגסטע פֿון זיי וואָלטען אפילו יאָ צופֿריעדען געווען צו זיין פֿריי, אָבער זיי פֿאָדערן די פֿרייהייט נאָר פֿאַר אַ קליינע מינאָריטעט און קענען זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿאָרשטעלען, אַז די מענשהייט אין אַלגעמיין זאָל קענען עקזיסטירען אָהן לייצעס, אָהן געפֿענגניסע און אָהן קייטען.

* * *

אויב מיר נעהמען זיך צו שטודירען די פֿערברעכען, וועלכע זיינען אַם מייסטען געגען דער געזעלשאַפֿט, וועלכע פּאַסירען טאָג־טעגליך און געגען וועלכע עס ריכטען זיך די מייסטע פֿון אונזערע היינטיגע געזעצע, וועלען מיר באַלד אויסגעפֿינען, אַז מיט דער אויסנאַהמע פֿון איינינע זעהר זעלטענע האַנדלונגען, וואָס ווערן בעגאַנגען אין אַ צושטאַנד פֿוןליידענשאַפֿט, און

וועלכע אונזערע ריכטער און דאָקטוירים בעטראַכטען איינשטימיג אַלס די פּראָדוקטען פון אַ קראַנקהאַפטען צושטאַנד, זיינען די גרויסע מעהרצאָהל פון אַלע זאָגענאַנטע פערברעכען ניט אַנדערש ווי אַטאַקען אויף דאָס פּריוואַט־איינענטהום. דיזער אונבעשטרייט־באַרער פאַקט מוז אָבער ביי יעדען איינציגען, וועלכער שטודירט נאָר דעם אייגענטליכען כאַראַקטער און די ווירקונגען פון'ם געזעלשאַפטליכען לעבען, ארויסרופען די פראַגע: „איז דאָס פּריוואַט־איינענטהום אַ גערעכטע אינסטיטוציאָן? קען מען איבער־הויפּט פערטהיידיגען אַזאַ אינסטיטוציאָן, וועלכע רופט אַרויס אַזאַ גרויסע צאָהל פון פערברעכען?"

אויב דער יעצטיגער סיסטעם פעראורזאַכט אַזוי פיעל פער־ברעכען, וועלכע זיינען ניט אַנדערש ווי די אונפערמיידליכע פאָלגען פון די היינטיגע צושטענדע, דאַן בעווייזט עס קלאָהר און דייטליך, אַז ער איז אונפערנינפטיג און אונגערעכט, אַז ער איז ניט דער אויסדרוק פון די אַלגעמיינע אינטערעסען, און אַז דער געזעלשאַפטליכער פערבאַנד גרינדעט זיך ניט אויף די איינ־שטימיגקייט און דעם פרייען אָבמאַך פון אַלע מיטגליעדער, זאָנדערן אויף די ווילקירליכע בעשטימונגען און אונטערדריקונג. אָט דאָס איז דער פונקט, וועלכען מיר דאַרפען בעהאַנדלען; אויב מיר אָנערקענען, אַז די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן איז די אייגענטליכע אורזאַכע פון דעם איבעל, דאַן מוזען מיר קומען צו דעם שלוס, אַז כדי אָבצושאַפען די פערברעכער, דאַרפען מיר פריהער אָבשאַפען דעם יעצטיגען געזעלשאַפטליכען צושטאַנד.

שאַפט אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער מענש זאָל קענען בע־פרידיגען זיינע נאַטירליכע בעדירפניסע, וואו קיינער זאָל ניט פערהינדערן זיין פרייע ענטוויקלונג און וואו עס גיט ניט קיין מעגליכקייט, אַז איינער זאָל קענען פערשקלאַפען דעם אַנדערן— און מיר וועלען באַלד פטור ווערען פון די פערברעכען; עס וועלען מעהר ניט איבערבלייבען ווי איינינע אויסערגעוועהנליכע כאַראַק־טערע, וועלכע זיינען שוין אויף אַזוי פיעל קאָרומפּירט און דעגע־נערירט געוואָרען דורך די יעצטיגע געזעלשאַפטליכע אומשטענדען, אַז זיי וועלען אפשר פערזוכען צו בעגעהן געוויסע פערברעכערישע

האַנדלונגען. אָבער דיזע אויסנאַהמען זיינען פּראָדוקטען פֿאַר דער ווינסענשאַפֿט און ניט פֿאַר דעם היינקער, וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט ניט אַנדערש ווי דער בעצאָהלטער מערדער פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער און אויטאָריטערער געזעלשאַפֿט.

* * *

איהר בעהויפּטעט, אַז איהר פֿיהרט אַן אַ קאַמפּף געגען גנבים און מערדערס, אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס אַ גנב אָדער אַ מערדער? אַ גנב איז אַזאַ מענש, וועט איהר אונז ענטפֿערן, וועלכער לעבט, ניט אַרבייטענדיג, אויף דעם רעכנונג פֿון דער געזעלשאַפֿט. אָבער גיט נאָר אַ קוק אויף אייער געזעלשאַפֿט, און איהר וועט באַלד אויסגעפֿינען, אַז זי איז פֿול מיט גנבים, נאָר פֿון דעסטוועגען זוכט מען זיי ניט צו בעקעמפֿפֿען, פֿערקעהרט, זיי שטעהען אונטער דעם בעזונדערן שוץ פֿון אונזערע געזעצע. די היינטיגע געזעלשאַפֿט דיינקט אפילו ניט צו בעשטראָפֿען די פֿוילקייט, פֿערקעהרט, זי בעטראַכט איהר זאָגאַר פֿאַר אַן אידעאַל און איז פֿאָלקאָמען צופֿרידען מיט די, וועלכע לעבען אַ גוטען טאָג, ניט אַריינלייגענדיג קיין פֿינגער אין קאַלטע וואַסער, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבען נאָר די נייטיגע מיטלען פֿאַר זייערע פֿער־גניגונגען — פֿון וואַנען זיי נעהמען דיזע מיטלען, שפּילט קיין ראָלע ניט.

איהר בעשטראָפֿט דעם אונגליקליכען אַלס אַ גנב, וועלכער האָט ניט קיין אַרבייט און ריזיקירט זיין פֿרייהייט, צונעהמענדיג אַ שטיק ברויט, אום איינצושטילען זיין הונגער; אָבער איהר נעהמט אַראָב דאָס היטעל און פֿערבייגט זיך פֿאַר דעם רייכען מאָנאָפּאָליסט, וועלכער האָט מיט דער הילפֿע פֿון זיין קאַפּיטאַל צוגענומען אַלצדינג, וואָס עס איז נויטווענדיג צום לעבען פֿאַר אַלעמען, כדי ער זאָל עס קענען פֿערקויפֿען מיט אַ געוואַלטיגען פּראָפֿיט. איהר שטאָלצירט דערמיט, ווען אַ רייכער פֿינאַנץ־מאַן גיט אייך אַן אוידיענץ, וויסענדיג, אַז ער האָט רואינירט טויזענ־דער פֿאַמיליען דורך אַ גרויסען בערזען־שווינדעל, דורך וועלכען ער האָט געוואונען מיליאָנען.

איהר בעשטראַפֿט דעם פֿערברעכער, וועלכער רואינירט אַ מענשען, כדי צו קענען בעפֿרידיגען זיינע פֿילע און פּאַראַזיטישע בעדירפֿניסע, אָבער איז דען דיזער שטרעבען צו פֿוילקייט און צו לעבען אויף יענעמ'ס רעכנונג, איז דען דאָס ניט דער פֿונדאַמענט פֿון אייער געזעלשאַפֿט? איהר בעשטראָפֿט איהם, איהם, וועלכער רואינירט נאָר איינצעלנע מענשען, אָבער איהר שיקט אַרויס גאַנצע אַרמעען און רואינירט גאַנצע פֿעלקער, וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד זיך צו פֿערטהיידיגען. איהר פֿערדאַמט דעם מערדער, וועלכער טויטעט אַ מענשען, אָבער איהר טאָלערירט און רעס־פּעקטירט דעם אויסבייטער, וועלכער פֿערניכטעט גאַנצע גענע־ראַציאָנען דורך האַרטע און לאַנגע אַרבייט, שלעכטע בעצאָהלונג און עלענדע בעדינגונגען. אָט מיט דיזען אויסבייטער סימפּאַטי־זירט איהר און אויב עס איז נייטיג, ווענט איהר איהם בעשיצען מיט אייערע אַלע קרעפֿטע. איהר זייט די גרויזאַמע היטער פֿון דעם געזעץ, און ווען איהר זעהט, אַז די עקספּלאָאַטירטע מאַסע הויבט נאָר אַביסעל אויף דעם קאָפּ און פֿאָדערט נאָך אַ שטי־קעל ברויט אָדער קלענערע אַרבייטס־שטונדען, דאַן זייט איהר באַלד פֿאַרטיג צו פֿערטהיידיגען די אינטערעסען פֿון די פּריווי־ליגירטע געגען די „אונפֿערשעמטע“ פֿאָדערונגען פֿון די הונגעריגע און באַרפֿוסיגע.

איהר בעשטראָפֿט דעם דום־קאָפּ, וועלכען איהר כאַפּט אַריין אין אייער נעץ, אָבער דעם גרויסען שווינדלער, וועלכער לאָזט זיך ניט כאַפּען, איהם לאָזט איהר צורוה. דעם וואַגאַבונד, וועלכער האָט גענומען אַן עפּעל פֿון פֿעלד, איהם זעצט איהר אַריין אין טורמע, אָבער דעם רייכען בעל הבית, וועלכער נעהמט צו פֿון אַן אָרעמען אַרבייטער זיינע אַלע מעבעל, וועלכע זיינען אַ טהייל פֿון זיין עקזיסטענץ, און פֿאַר וועלכע ער האָט בעצאָהלט פֿיער אָדער פֿינף הונדערט פֿראַנק, דערפֿאַר וואָס ער שולדעט איהם פֿופֿציג פֿראַנק דירה געלד, איהם בעשיצט איהר מיט אייערע געזעצע און פּאָליציסטען.

אייער גערעכטיגקייט איז שטענדיג גרויזאַם און ברוטאַל, ווען עס האַנדעלט זיך אום אַ גנב אין שמאַטעס, אָבער זי בעשיצט

אימער די גנבים, וועלכע בערויבען אַ גאַנצע קלאַסע, אַ גאַנצע נאַציאָן. וואָס פֿאַר אַ צוועק האָבען דען אייערע אַלע אינסטיטוציאָנען, אויב ניט צו פֿערזיכערן דאָס אייגענטהום פֿון דעם בעזיצער, וועלכעס ער האָט צוגענומען פֿון אַנדערע?

* * *

אַם מייסטען פֿערדריסט אונז דיזע היפּאָקריטישע פֿאָרמע, מיט וועלכער מען בענוצט זיך, אום דעם גאַנצען שווינדעל צו געבען דעם כאַראַקטער פֿון אַ הייליגער אינסטיטוציאָן. דיזע גאַנצע טרויעריגע קאָמעדיע, וועלכע די בורזשואַזיע פֿיהרט אָן, ווייל זי איז צו פֿייג צו ערקלעהרען אָפֿען און פֿריי איהרע סאָציאַלע שטעלונגען.

נאָר אַם נידעריגסטען איז די האַלטונג פֿון דיזע אַלע מאַרקשרייערס, וועלכע פּרעטענדירען צו בעקעמפֿען דעם יעצטיגען רעזשים, נאָר אין דער ווירקליכקייט בעקעמפֿען זיי בלויז די מענער, וועלכע ווענדען אָן די געזעצע, ד. ה. זיי אַנערקענען דעם אינהאַלט, נאָר זיי זיינען ניט איינשטימיג מיט דער אַרט און ווייזע ווי מען בענוצט זיך מיט די געזעצע; יעדער איינציגער פֿון דיזע שאַרלאַטאַנען בעהויפּטעט, אַז ער אַליין ווייסט די ריכטיגע מעטהאָדע ווי אַנצואווענדען די געזעצע, און אַז צווישען די אַלע מענער, וועלכע שטרעבען צו פֿערכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט, געפֿינט זיך איינער, וועלכער איז גענוג עהרליך און פֿיעלזייטיג אין זיינע אַנשויאונגען, אַז ער איז אימשטאַנד אַנצואווענדען די איינציגע גוטע מעטהאָדע, אום צו בעפֿרידיגען אַלעמען.

מען ווייסט ווירקליך ניט איבער וואָס מען זאָל זיך אַם מייסטען פֿערוואונדערן: איבער די שווינדלערייען פֿון די, וועלכע פֿערשפּרייטען דיזען אונזין, צי איבער די נאַאיוויטעט פֿון די, וועלכע גלויבען נאָך אַלם אין דיזע קאָמעדיע, אין וועלכער זיי אַליין שפּילען אונבעוואוסטערהייט די הויפּט־ראָלע. עס איז ווירקליך שווער צו בעגרייפֿען, אַז צווישען די אונצעהלבאַרע מענשען, וועלכע זיינען שוין דורכגעגאַנגען די קאָבינעטען פֿון דער גערעכטיגקייט, האָט זיך ביז יעצט ניט געפֿונען קיין איינציגער, וועלכער זאָל זיין אויף אַזוי ווייט פֿריי פֿון פֿאָראורטיילען, אום

אויפצוהויבען די קליידער פון איינעם פון זיינע ריכטער, כדי צו צייגען דעם פובליקום, אַז די „דיענער פון דער גערעכטיגקייט" מראַגען מאַסקען אויף זייערע פנים'ער, אַז זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט די זעלבע מענשען ווי אַלע אַנדערע, מענשען, וועלכע זיינען אונטערוואָרפען צו דיזעלבע פעהלער, צו דיזעלבע שוואַכקייטען, שוין גאָר ניט ריידענדיג פון די פערברעכען, וועלכע זיי בעגעהען, אום צו פערזיכערן די אינטערעסען פון זייער קלאַסע.

* * *

פאַר אונז אַנאַרכיסטען, וועלכע בעקעמפפען די אויטאָריטעט, איז די געזעצליכקייט איינע פון יענע היפאָקריטישע פאָרמען, וועלכע מיר דאַרפען אַטאַקירען מיט דער גרעסטער ענערגיע, אום אַרונטערצורייסען די מאַסקע, אונטער וועלכע אונזערע רעגירער בעהאַלטען זייערע פערברעכען און זייער שאַנדע.

שוין צו לאַנג וואָס מען האָט רעספּעקטירט דיזען מאַסקעראַד! שוין צו לאַנג וואָס די מענשען האָבען זיך איינגערעדט, אַז דיזע אינסטיטוציאָנען זיינען דער אויסדרוק פון אַ געטליכער קראַפט, וועלכע שטעהט איבער די מענשליכע ליידענשאַפטען! שוין לאַנג גענוג, וואָס מען האָט געגלויבט אין אַזעלכע מענשען, וועלכע — אַזוי ווי מען האָט זיך איינגערעדט — זיינען געמאַכט געוואָרען פון אַ בעזונדערן שטאָף און האָבען די ספּעציעלע אויפגאַבע צו בעלוינען און צו בעשטראָפען זייערע מיטמענשען! שוין לאַנג גענוג, וואָס מען האָט געגלויבט אין יענע אידעאַלע גערעכטיגקייט, וועלכע יעדער איינער בעטראַכטעט פון זיין אייגענעם שטאַנדפונקט, לויט די בעדינגונגען, אין וועלכע ער געפינט זיך. שוין לאַנג גענוג וואָס די מענשען האָבען אָנגעטרויט זייערע אינטערעסען צו אַזעלכע אונדיווידוען, וועלכע זיינען פול מיט די קאָנסערוואַטיווסטע און ריקשטענדיגסטע אידעען, און וועלכע האָבען נאָר די אויפגאַבע אויפצוהאַלטען די אויסבייטונג און די פערשקלאַפונג פון די מאַסען.

עס איז שוין צייט אַוועקצומאַכען מיט דיזע לעכערליכקייטען און ענטליך צו אַטאַקירען דיזע פערשימעלטע אינסטיטוציאָנען, וועלכע האָבען נאָר דעם צוועק אָבצושוואַכען די מענשליכע

פערזענלכקייט. דער פרייער מענש אנערקענט ניט די פארע־רונג פון יענע אינדיווידוען, וועלכע נעהמען זיך דאס רעכט צו ריכטען און צו פעראורטיילען זייערע מיטמענשען. די אידעע פון א געטליכער יוסטיץ, וועלכע געפינט איהר אויסדרוק אין די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציאנען, איז אוועקגעפאלען צוזאמען מיט דער גאט־אידעע. דער אונטערגאנג פון דער איינער איז אויך דער אונטערגאנג פון דער אנדערער. דער גלויבען אין ריכטער, וועלכע שטעהען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון גאט, אבגעבענדיג זייער אורטהייל, האט ענטוויקעלט דעם גלויבען אין די אונפאלקאמענהייט פון דער מענשליכער גערעכטיגקייט, אזוי לאנג ווי די מאסען זיינען נאך געווען אזוי ריקשטענדיג צו גלויבען אין די איבערנאטירליכע עקזיסטענץ פון א געטליכען וועזען, וועלכעס געפינט זיך אויסערהאלב דער מאטעריעלער וועלט און בעשעפטיגט זיך מיט אלע האנדלונגען פון די מענשען אויף אונזער פלאנעט.

אבער דער גלויבען אין א גאט איז צושטעהרט געווארען, די פאלשע פארשטעלונגען פון איבערנאטירליכע ערשיינונגען זיינען פערשוואונדען, און אלעס וואס עס איז איבערגעבליבען, איז די מענשליכע פערזענליכקייט מיט איהרע אלע פעהלער און שוואכקייטען. דער איבערנאטירליכער און הייליגער כאראקטער, וועלכער בילדעט דעם קווינטעסענץ פון דער גאטהייט, און מיט וועלכען אונזערע ריכטער האבען זיך אויסגעפוצט, אום אויפצו־האלטען זייער שטעלונג אין דער געזעלשאפט, איז אויך פער־אורטהיילט געווארען צום אונטערגעהן; און ער וועט אונטערגעהן, ווען די מענשען וועלען ערשט ריכטיג בעגרייפען, אז די גאנצע „גערעכטיגקייט" איז ניט אנדערש ווי די אונטערדריקונג און אויסבייטונג פון איין קלאסע דורך די צווייטע, א „פרינציפ" פון בעטרוג און געוואלט, וועלכע בילדעט די גרונדלאגע פון אונזערע זאגענאנטע „סאציאלע אינסטיטוציאנען".

* * *

די וויסענשאפט האט אונז געהאלפען אויפהויבען דעם שלייער, זי האט אונז געגעבען די וואפען, אום צו בעקעמפפען דעם

מאָנסטער אין זיין נאַקעטער געשטאַלט. עס איז צו שפּעט זיך צוריק צו קעהרען צו דער פערגאנגענהייט, אום אויפצובויען די „געזעלשאַפטליכע איינהייט" אויף דעם זעלבען מעטאַפיזישען פונדאַמענט, אויף וועלכען אונזערע עלטערן האָבען אויפגעבויט די אידעע פון דער „געטליכער איינהייט". די געלעהרטע מוזען זיך בעפרייען פון די אַלע איבערבלייבאַכצען פון זייער בורזשואַזער ערציהונג און אָנהויבען צו שטודירען די סאָציאַלע ערשיינונגען מיט דערזעלבער גרינדליכקייט, וועלכע זיי האָבען ביז יעצט נאָר בעוויזען אין בעזונדערע צווייגען פון דער וויסענשאַפט. און ווען זיי וועלען מעהר ניט שטעהען אונטער דעם איינפלוס פון פאַלשע בעגריפע און פאָראורטיילע, וועלכע האָבען איבערהויפט ניט וואָס צו טהאָן מיט דער וויסענשאַפט, דאַן וועלען זיי אויך מעהר ניט פאָדערן די בעשטראָפונג און אונטערדריקונג פון די „פערברעכער", זיי וועלען דאַן בעגרייפען, אַז די אורזאַכע פון די פערברעכען זיינען די אומשטענדע, אונטער וועלכע מיר לע־בען. און געמיינשאַפטליך מיט אונז וועלען זיי קעמפען פאַר דער פערניכטונג פון דעם יעצטיגען געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, געגען די יעצטיגע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז די איינ־ציגע אורזאַכע, וואַרום מען רעכענט היינט צוטאָג איינצעלנע אינדיווידוען צו די עהרליכע מענשען און אַנדערע צו די פער־ברעכער.

דער איינפֿלוס פֿון דער אומגעבונג.

דאָס איז אַ וואַרהייט, וועלכע מען אָנערקענט שוין היינט אין ווייטע קרייזען פֿון דער וויסענשאַפֿטליכער וועלט, אַז די אומשטענדע, וועלכע רינגלען אַרום אַן אָרגאַנישעס וועזען, האָבען אַ גרויסען איינפֿלוס אויף זיין ענטוויקלונג; דיזע וואַהרהייט האָט זיך דורכגעבראָכען אַ וועג און ווערט בלויז נאָך בעקעמפֿט פֿון די אַלטע דאָגמאַטיקער פֿון דער זאָגענאַנטער אָפֿיציעלער וויסענשאַפֿט.

מען אָנערקענט היינט, אַז די ערד, דער קלימאַט, די שווערע אָדער לייכטע בעדינגונגען, אונטער וועלכע די אָרגאַנישע בעשעפֿניסע מאַכען זייער לעבען, האָבען פונקט דעמזעלבען, אויב ניט אַ גרעסערען איינפֿלוס אויף זייער ענטוויקלונג, ווי די אַלע אַנדערע געזעצע, וועלכע מען האָט פֿריהער בעטראַכטעט פֿאַר די אויסשליסליכע אורזאַכען פֿון די פֿערשידענע שטרעבונגען און טענדענצען אין דעם אַלגעמיינען ענטוויקלונגס-פּראָצעס.

דעם מענשען, וועלכער האָט זיך שטענדיג איינגערעדט, אַז ער איז אַן אויסנאַהמע אין דער אַלגעמיינער נאַטור, איז שווער אָנגעקומען צו אָנערקענען דיזען פֿאַקט, שוין דערפֿאַר, ווייל ער האָט געזעהן, אַז ער אַליין האָט די מעגליכקייט איבערצובייטען די אומגעבונג, אין וועלכע ער ענטוויקעלט זיך. אָבער ענדליך האָט מען דאָך געמוזט צוגעבען, אַז דער מענש איז אונטערוואָרפֿען צו דעם זעלבען איינפֿלוס ווי אַלע אַנדערע טהיערע, אַז ער ענטוויקעלט זיך אונטער דעם דרוק פֿון דיזעלבע אָריגינעלע אורזאַכען.

און ווען ער האָט ערשט געפֿיהלט די נויטווענדיגקייט, צו ערקלעהרען זיך זיין מאָראַלישע ענטוויקלונג נאָך דיזעלבע געזעצע,

דאָן איז די פראַגע געוואָרען נאָך פיעל שווערער און קאָמפּליצירטער. זאָגאַר די, וועלכע לייקענען אָב דעם זאָגענאַנטען פרייען ווילען פון מענשען, און וועלכע אָנערקענען, אַז ער האַנדעלט אונטער דעם איינפלוס פון אויסערליכע אומשטענדע, זאָגאַר זיי האָבען ניט געהאַט דעם מוטה צו אָנערקענען דעם אויבען דערמאָהנטען געזעץ מיט זיינע אַלע קאָנסעקווענצען; זיי האָבען זיך ניט געקענט בעשליסען צו ערקלעהרען פריי און אָפען, אַז די זאָגענאַנטע פערברעכערישע אינסטינקטען פון׳ם מענשען זיינען די אונפערמיידליכע פאָלגען פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע מען דאַרף איבערבייטען אין גאַנצען אויף בעסערע און פערנינפטיגערע בעדינגונגען.

די מוטהיגסטע פון זיי, וועלכע זיינען לוידער זעהר זעלטען, האָבען אפילו צוגעגעבען אין פרינציפ, אַז די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן איז שלעכט, אַז מען דאַרף זעהען איהר צו רעפאָרמירען, און אַז געוויסע אינסטיטוציאָנען רופען דירעקט אַרויס פערברעכערישע האַנדלונגען; אָבער זאָגאַר זיי זעהען אין דער „שלעכטער נאַטור" פון׳ם מענשען די הויפּט־אורזאַכע פון אַלע איבלען, זיי בעהויפּטען, אַז מען דאַרף איהם אָנטהאָן אַ כאָמעט אויף׳ן האַלז, כדי צו אונטערדריקען זיינע ליידענשאַפטען, און אַז די געזעלשאַפט, ווי שלעכט זי זאָל ניט זיין קען אַליין ערפילען דיזע אויפגאַבע.

* * *

נאָך מעהר, כדי צו פערקלענערן די פעראַנטוואָרטליכקייט פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, צוטהיילען זיי די געזעלשאַפטליכע אומגעבונג אין פיער־שידענע טהיילען, און אָנרופענדיג יעדען בעזונדערן טהייל מיט דעמזעלבען נאָמען, וואַרפען זיי אַרויף אויף איהם אַלע שלעכטע פאָלגען פון דעם איינפלוס, וועלכען ער רופט אַרויס.

קיין צווייפעל ניט, זאָגען זיי, אַז די געזעלשאַפט איז ניט אַזוי פאָלקאָמען ווי מיר אַלע וואָלטען זיך געוואונשען, אָבער אפילו אַזוי ווי זי איז יעצט, בעשיצט זי די שוואַכע געגען די אַטאַקען פון די שלעכטע, זי גאַראַנטירט איהרע איינצעלנע

מיטגלידער די מעגליכקייט פריי אָנצוואווענדען זייער רעכט צו אַרבייטען און ניט זיי אַ העכערען, מעהר איינפלוסרייכען און ביליגערען שוץ, ווי זיי וואָלטען געהאַט, ווען זיי וואָלטען זיך בעדאַרפט אַליין פערטהיידיגען.

מיט איין וואָרט, זאָגען זיי, די געזעלשאַפט איז אַ קאָנטראַקט אויף געגענזייטיגע פערזיכערונג צווישען די איינצעלנע אינדיווי־דוען, און ווען עס קומען טראָץ דעם פאָר פערברעכען, דאַן האָבען מיר דאָס מעהר צו פערדאַנקען דער שלעכטער נאַטור פון׳ם מענשען, איידער דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן.

* * *

מיר זיינען זיכער די לעצטע צו בעהויפטען אַז דער מענש איז אַ מוסטער פון פאָלקאָמענהייט; מיר וועלען זאָגאַר צוגעבען, אַז ער איז אַ געווענג שלעכטע בעשעפענים, וועלכער, אויב ער קען ניט טרעטען אַנדערע, וואָלט ער אָבער זעהר צופרידען געווען צו טרעטען די, וועלכע טרעטען איהם; נאָר פון דעסטוועגען וואָלט געווען לעכערליך צו בעהויפטען, אַז דער מענש האַנדעלט אויסשליסליך אונטער דעם איינפלוס פון שלעכטע אינסטינקטען. די וואונדערבאַרע געפיהלען פון ליעבע, מיטלייד, ברידערליכקייט, אויפאָפּפערונג און סאָלידאַריטעט, וועלכע זיינען פערהערליכט געוואָרען פון אונזערע דיכטער, פראָפּעטען און מאָראַליסטען, בעווייזען אונז, דאָס אָבוואָהל ער האַנדעלט מאַנכעסמאָל אונטער דעם איינפלוס פון שלעכטע געפיהלען, בעזיצט ער אָבער דאָך אַ גרויסען טהייל פון אידעאַליזמוס און אַ שטרעבונג צו פאָלקאָ־מענהייט, וועלכע די היינטיגע געזעלשאַפט פערזוכט מיט אַלע מיטלען צו פערהינדערן אין זייער ענטוויקלונג.

דער מענש עקזיסטירט ניט פאַר זיך אַליין, ניט פיזיש און ניט מאָראַליש. אַזוי ווי אַנדערע טהיערע, פון וועלכע ער אונטער־שיידעט זיך בלויז דורך אַ העכערע ענטוויקלונג, איז אויך ער ניט מעהר ווי אַ פראָדוקט פון דער אַלגעמיינער מאַטעריע מיט איהרע טויזענדער פערשידענהייטען, בעדינגונגען, אָבשטויסונגען און פעראייניגונגען. ער האָט געקעמפפט פאַר זיין ענטוויקלונג, און

איב ער האָט מיטגעהאָלפֿען ביז צו אַ געוויסען גראַד איבער־צובייטען די אומשטענדע, אין וועלכע ער געפֿינט זיך, האָבען אָבער די אומשטענדע אויך געווירקט אויף איהם און בעאיינפֿלוסט די ענטוויקלונג פֿון זיינע מנהגים און געוואוינהייטען, זיין שטייגער צו לעבען, דיינקען און האַנדלען.

אונטער דער הערשאַפֿט פֿון זיין כאַראַקטער און זיינע ליידענשאַפֿטען האָט דער מענש געגרינדעט די געזעלשאַפֿט, און ער האָט שטענדיג געהאַט אַ געוויסען איינפֿלוס אויף דעם אָנגאַנג פֿון׳ם געזעלשאַפֿטליכען לעבען. אָבער מיר דאַרפֿען ניט פֿערגעסען, אַז פֿון דער צייט אָן, ווען דער מענש האָט געגרינדעט די געזעלשאַפֿט, האָט ער דורכגעמאַכט אַ גרויסע ענטוויקלונג, וועהרענד די געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט זיך באַלד אָבגעטהיילט אין פֿערשידענע גרופּירונגען, האָט זיך שטענדיג געגרינדעט אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון אויטאָריטעט און אייגענ־טהום.

די פֿערשידענע רעוואָלוציאָנען, וועלכע האָבען שטאַטגעפֿונען, האָבען אַרויסגערופֿען קליינע רעפֿאָרמען און ענדערונגען; די פּאָליטישע מאַכט און דאָס אייגענטהום האָבען איבערגעביטען זייערע בעזיצער, זיי זיינען איבערגעגאַנגען פֿון איין קלאַסע אויף אַן אַנדער קלאַסע, אָבער די געזעלשאַפֿט אין אַלגעמיין האָט זיך שטענדיג געגרינדעט אויף דעם אַנטאַגאָניזם צווישען איהרע מיטגליעדער, אויף די געגענזייטיגע קאָנקורענץ פֿון די פֿערשידענע אינטערעסען, און אין אַלע צייטען האָט זי איבעראַל פֿערזוכט צו פֿערהינדערן די גייסטיגע ענטוויקלונג פֿון איה־ע מיטגלידער.

דער מענש ווערט געבאָרען אין דער געזעלשאַפֿט, זיינע ערשטע אידעען ענטוויקלען זיך אין די אומשטענדע, וועלכע רינגלען איהם אַרום, ער לערנט אַסך פֿאָראורטהיילע און ליגענס, און ערשט נאָך איניגע יאָהרהונדערט פֿון קריטיק און דיסקוסיאָן, אָנערקענט ער, אַז זיינע אַלטע פֿאָרשטעלונגען זיינען געווען פֿאַלש און אונבעגרינדעט. מיר מוזען אַלזאָ אָנערקענען, אַז דער איינפֿלוס פֿון די סאָציאַלע אומשטענדע אויף די איינצעלנע אינדיווידוען איז אַ געוואַלטיגער; ער ליעגט אויף זיי מיט דעם פֿולען געוויכט

פֿון זיינע אַלע אינסטיטוציאָנען, מיט דער גאַנצער קאָלעקטיווער קראַפֿט פֿון אַלע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפֿט און מיט דער גאַנצער מאַכט פֿון זיין לאַנגער עקזיסטענץ, און אין דעם מאָמענט, ווען דער איינצעלנער מענש זוכט צו בעקעמפֿען דיזען איינפֿלוס, קען ער זיך אויף קיינעם ניט שטיצען ווי נאָר אויף זיין אייגענע קראַפֿט.

* * *

די געזעלשאַפֿט, וועלכע איז געווען אַן ערשטער פֿערזוך פֿון סאָלידאַריטעט, האָט אייגענטליך געדאַרפֿט האָבען די אויפֿגאַבע צו פֿערבעסערן דעם אַלגעמיינען צושטאַנד פֿון איהרע מיטגלידער. זי וואָלט זיי געדאַרפֿט אויסלערנען ווי צו פּראַקטיצירען זייער סאָלידאַריטעט, אָנדייטענדיג אויף די אורזאַכען, וועלכע האָבען זיי געצוואונגען זיך צו פֿעראייניגען איינע מיט די אַנדערע, זיי וואָלט זיי געדאַרפֿט צייגען, אַז אַלע זיינען ברידער און דאַרפֿען זיך ליעבען איינער דעם צווייטען, און אַז זיי דאַרפֿען טראָגען יעדע זאַך געמיינשאַפֿטליך: פֿרייד און פֿערגניגען, ליידען און שמערצען, ארבייט און פּראָדוקציאָן.

אָבער די געזעלשאַפֿט האָט ניט ערפֿילט דיזע אויפֿגאַבע, זי האָט זיך צושפּאַלטען אויף אַסך קלאַסען מיט פֿערשידענע אינ־טערעסען, פֿון וועלכע מען קען דייטליך אונטערשיידען צוויי גרויסע אָבטהיילונגען: די רעגירער און בעזיצער פֿון איין זייט און די רעגירטע און בעזיצלאָזע פֿון דער אַנדערער זייט.

פֿון איין זייט: פֿערגניגען, לוקסוס, געזונדהייט; פֿון דער צווייטער זייט: עלענד, הונגער און קראַנקהייט. דער רעזולטאַט איז, אַז די מיטגלידער פֿון דיזעביידע קלאַסען פֿערהאַסען זיך אַלס פֿיינדע און פֿיהרען אָן אַ שטענדיגען קאַמפּף איינע געגען די אַנדערע, אַ גרויזאַמען קאַמפּף, וועלכער קען זיך נאָר ענדיגען מיט דער פֿאָלשטענדיגער פֿערשקלאַפֿונג פֿון איין קלאַסע אָדער מיט דער אַבסאָלוטער פֿערניכטונג פֿון דער פּריווילעגירטער קלאַסע.

* * *

אָבער די שלעכטע און אונפֿערנינפֿטיגע אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער געזעלשאַפֿט אין צוויי פֿערשידענע קלאַסען איז נאָך ניט אַלעם גרינדענדיג זיך אויף דעם אַנטאַגאָניזם פֿון די אינטערעסען, רופֿט זי אַרויס אין יעדער קלאַסע בעזונדער אַ שטענדיגען קאַמפּף פֿון איין מענשען געגען דעם צווייטען, זי פֿערשפּרייט איבעראַל דעם קריעג דורך די אינסטיטוציאָן פֿון דעם אינדיווידועלען אייגענטהום און צווינגט די מענשען זיך צו בעקעמפֿפֿען איינער דעם אַנדערן, אום זיך צו פֿערזיכערן מיט זייער עקזיסטענץ פֿאַר דעם אַנדערן טאָג, ווייל די געזעלשאַפֿט גיט זיי ניט דיזע זיכערהייט.

די אינדיווידועלע קאָנקורענץ, דאָס איז די ספּראָנדזשינע פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. מיט וואָס מענשען זאָלען זיך ניט בעשעפֿטיגען, סיי מיט האַנדעל, אינדוסטריע אָדער אַנדערע סאָרטען פֿון מענשליכער טהעטיגקייט, איבעראַל האָבען זיי צו קעמפֿפֿען מיט דער קאָנקורענץ פֿון די, וועלכע בעשעפֿטיגען זיך מיט דערזעלבער טהעטיגקייט ווי זיי אַליין. כדי צו פֿערמעהרען זייערע איינקינפֿטע, צו פֿערגרעסערן זייערע אויסזיכטען אויף אַן ערפֿאָלג, און אָפֿטמאָל, אום ניט אונטערצוגעהן אַליין, וועלען זיי שטענדיג אויסקוקען אויף דעם אונטערגאַנג פֿון זייער קאָנקורענט.

אפילו דאַן, ווען זיי פֿעראייניגען זיך שוין צווישען זיך, איז עס שטענדיג, אום צו בעקעמפֿפֿען אַן אַנדערן טהייל פֿון זייער קלאַסע און צום שאָדען פֿון די, וועלכע זיינען אָבהייננגיג פֿון זייער סאָרט אַרבייט.

גרינדענדיג זיך אויף דיזען שטענדיגען קאַמפּף צווישען די אינדיווידוען, מאַכט די געזעלשאַפֿט, אַז יעדער מענש איז אַ פֿיינד פֿון אַלע אַנדערע; זי רופֿט אַרויס דעם קריעג, דאָס פֿערברעכען, די גנבה, מיט איין וואָרט, די אַלע פֿעהלער, וועלכע מען שרייבט צו צו דער שלעכטער נאַטור פֿון׳ם מענשען, און וועלכע זיינען אין דער אמת׳ן ניט אַנדערש ווי די אונפֿערמיידליכע פֿאָלגען פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג. און די היינטיגע געזעלשאַפֿט זוכט מיט אַלע מעגליכקייטען אויפֿצוהאַלטען דיזע אַלע ערשיינונגען, וועלכע וואָלטען שוין לאַנג פֿערשוואונדען געוואָרען

דורך דעם איינפלוס פון די נייע מאָראַלישע בעגריפע, וועלכע די מענשהייט האָט זיך ערוואָרבען.

* * *

דער קאַמפף צווישען די אינדיווידוען רופט אַרויס אַ שטענדיגען קריעג צווישען די קאַפּיטאַליסטען גופא, ער טהיילט זיי אָב איינע פון די אַנדערע און פערהינדערט זיי אָפּטמאָל צו בעגרייפען די אייגענטליכע אינטערעסען פון זייער קלאַסע; אויב ניט דיזער קאַמפף, וואָלטען זיי זיכער אָנגעווענדעט זייערע אַלע קרעפטע צו פערזיכערן זייער אויסבייטונגס־סיסטעם, און זיי וואָלטען זיכער אויסגעמיטען יעדע געלעגענהייט, וועלכע איז אימשטאַנד אויפצועפענען די אויגען פון די עקספּלאָאַטירטע.

ווען די בורזשואַזע קלאַסען וואָלטען ווירקליך געווען פעראייניגט צווישען זיך, ווען זיי וואָלטען ניט געהאַט יעדער איינציגער זיינע בעזונדערע אינטערעסען און אויסשליסליך געדיינקט אין די אינטערעסען פון זייער קלאַסע, דאַן וואָלט זייער מאַכט געווען כמעט אונבעזיעגבאַר; דען האַלטענדיג אין זייערע הענד אַלע רייכטהימער, די מאַכט פון דער אויטאָריטעט, די גאַנצע אַדמיניסטראַטיווע מאַשינעריע און די מעגליכקייט צו ערווערבען זיך אַ העכערע בילדונג און אינטעליגענץ פון די אַרבייטער, וועלכע זיינען אין דיזער בעציהונג אָבהייניגיג פון די מיטגלידער פון די רעגירענדע קלאַסען, וואָלט עס געווען פאַר זיי אַ קלייניגקייט אויפצוהאַלטען פאַר אַ לאַנגע, לאַנגע צייט די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע שקלאַפעריי פון די ברייטע מאַסען.

גליקליכערווייזע פעראורזאַכט די שטענדיגע קאָנקורענץ, דאָס בעדירפניס צו געניסען און צו גלענצען פאַר דער וועלט, אַ ביטערען קאַמפף צווישען די קאַפּיטאַליסטען גופא, וועלכער איז ניט ווייניגער גרויזאַם און ברוטאַל, ווי דער קאַמפף, וועלכען זיי פיהרען אָן גענען די אַרבייטער. אום צו בעפרידיגען זייער דורשט נאָך גאָלד בעגעהן זיי אַסך פעהלער, די אַרבייטער פון זייער זייט זעהען דיזע אַלע ערשיינונגען און בעקענען זיך דורך דעם מיט די אייגענטליכע אורזאַכען פון זייער עלענד.

* * *

אָבער דערזעלבער קאַמפף, וועלכער געהט אָן צווישען די קאַפּיטאַליסטען, פינדעט אויך שטאַט צווישען די אַרבייטער; און וועהרענד דער ערשטער גראָבט אונטער די עקזיסטענץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, געפינט די בורזשואַזע געזעלשאַפט אָבער אין דעם קאַמפף צווישען די אַרבייטער וויטער אַ שטיצע.

זייענדיג געצוואונגען זיך צו בעקעמפּפען איינער דעם צווייטען, אום צו פערכאַפּען אַ לײדיגען פּלאַץ, וועלכען די בורזשואַזיע באַט זיי אָן אין אײנעם פון איהרע אינדוסטריעלע געפענגניסע, בעטראַכטען זיך די אַרבייטער אַלס פיינדע איינער דעם אַנדערן, און יעדער איינציגער, וועלכער האָט געהאַט דאָס גליק צו געפינען אַן אויסבייטער פאַר זיין אַרבייט איז אַ קאָנקורענט פאַר דעם יעניגען, וועלכער איז ניט געווען אַזוי גליקליך.

אויסגעהונגערט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע גיט זיי פאַר זייער אַרבייט פונקט אַזוי פיעל, זיי זאָלען ניט שטאַרבען פון הונגער, בעטראַכטען זיי יעדען איינציגען פאַר זייער פיינד, וועלכער זוכט מיט זיי צו קאָנקורירען אין וואָרקשאָפּ אָדער אין דער פאַבריק.

און וויל עס איז מייסטענטהיילס זעהר שווער צו געפינען אַ פּלאַץ, זוכט מען זיך געגענזייטיג צו בעקעמפּפען דורך ביליגע אַרבייטס־פּרייזען. דיזער שטענדיגער קאַמפף פאַר דעם טעגליכען שטיקעל ברויט איז די אורזאַכע, וואַרום אַזוי פיעל אַרבייטער פערגעסען זיך אין גאַנצען, אַז זייער ערגסטער פיינד איז זייער עקספּלאָאַטאָר.

עס איז וואַהר, אַז די בורזשואַזיע איז שטאַרק דורך איהר רייכטהום, איהרע גרעסערע אינטעלעקטועלע קענטניסע און דורך דעם בעזיץ פון דער רעגירענדער מאַכט, אָבער פון דעסטוועגען איז זי דאָך ניט מעהר ווי אַ קליינע מינאָריטעט אין פערגלייך צו די מיליאָנען אַרבייטער; און ווען זי וואָלט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו צושפּאַלטען די אַרבייטער און צו שאַפען צווישען זיי פערשידענע אינטערעסען, וואָלט איהר הערשאַפט שוין לאַנג צובראָכען געווען.

* * *

מיר זיינען אַלזאָ זיכער ניט מיט דער מיינונג, אַז דער מענש איז אַ געבאָרענער מלאך; מיר ווילען זאָגאַר ניט בעשטרייטען, אַז ער איז געוועז אַ ווילדע חיה אין פֿולען זין פֿון וואָרט. ווען דער מענש האָט געגרינדעט די ערשטע געזעלשאַפֿטליכע פֿעראייניגונגען, איז זיין אינסטינקט צו קעמפֿען און צו בעהערשען אַנדערע געוועזן דער באַזיס פֿון דיזע פֿעראייניגונגען, און דאָס גיט אונז אויך אין דערזעלבער צייט אַן ערקלעהרונג, וואַרום דער פֿונדאַמענט פֿון דער געזעלשאַפֿט איז אַזוי שלעכט געבויט.

די געזעלשאַפֿט איז פֿערבליבען אין דיזעם שלעכטען און אונפֿערנינפֿטיגען צושטאַנד; די אויטאָריטערע מאַכט איז שטענדיג מאָנאָפּאָליזירט געוואָרען פֿון אַ קליינע מינאָריטעט, וועלכע האָט זיך בענוצט מיט איהר, אום צו פֿערזיכערן איהרע אייגענע אינטערעסען. וואָס מעהר די געזעלשאַפֿט האָט זיך ענטוויקעלט, אַלס מעהר האָט דיזע קאָנצענטרירונג פֿון דער אויטאָריטערער מאַכט אין די הענד פֿון אייניגע פערזאָנען פֿערערגערט דעם אַלגעמיינען צושטאַנד און די איבלען פֿון די עקזעסטירענדע אינסטיטוציאָנען.

דער מענש אָבער איז ניט פֿערבליבען אין זיין אורשפּינגליכען צושטאַנד; פּראָפּאָרציאָנעל מיט דער ענטוויקלונג פֿון זיינע גייסטיגע פֿעהיגקייטען, איז פֿאַר איהם געוועזן אַלס לייכטער צו פֿערשאַפֿען זיך די נויטווענדיגע עקזיסטענץ־מיטלען. אָט דאַדורך האָט זיך ביי איהם אַלס שטאַרקער ענטוויקעלט דער געפֿיהל פֿון סאָלידאַריטעט, וועלכעס האָט איהם שוין פֿריהער געמאַכט צו פֿאָרמירען די ערשטע געזעלשאַפֿטליכע גרופּירונגען. דיזער אינסטינקט פֿון סאָלידאַריטעט איז מיט דער צייט געוואָרען אַזאַ נויטווענדיגער פֿאַקטאָר אין מענשליכען לעבען, אַז די רעליגיאָנען האָבען איהם ענטוויקעלט ביז צו אַן עקסטרעם, און געפּריידיגט די אויפֿאָפּפֿערונג פֿון דעם איינצעלנען, די עפֿענטליכע וואָהלטהעטיגקייט און דעם ענטזאַגען זיך פֿון אַלע פֿריידען און בעקוועמליכקייטען, שאַפֿענדיג דורך דיזע לעהרע אַ נייען עלעמענט פֿאַר דער אויסבייטונג.

וויפּיעל שעהנע חלומות פון אַ בעסערער צוקונפט, וויפּיעל
פלענער און פאָרשטעלונגען פון אַ רעאָרגאַניזאַציאָן פון דער גע־
זעלשאַפט, אום צו שאַפען אַ האַרמאָנישען צוזאַמענלעבען האָט
דיזער געפיהל שוין אַרויסגערופען! אָבער די געזעלשאַפט האָט
דערשטיקט מיט איהר גאַנצער שווערקייט דיזע גוטע אינסטינק־
טען פון מענשען, זי האָט אימער ווידער בעלעבט פון דאָס נײַ זיין
ווילדען און פרימיטיווען עגאָאיזם און איהם געצוואונגען צו בעט־
ראַכטען זיינע אַלע מיטמענשען אַלס פערזענליכע פיינד, וועלכע
ער דאַרף אונטערדריקען, אויב ער אַליין וויל ניט ווערען אונ־
טערדריקט פון זיי; די געזעלשאַפט האָט איהם אויסגעלערנט
צוצוקוקען מיט טרוקענע אויגען ווי די אָפּפער פון דעם סאָצי־
אַלען צושטאַנד ווערען אַראָבגעשליידערט אָהן רחמנות אין דעם
טיעפסטען אָבגרונד; ער ווייס, אַז ער קען זיי ניט העלפען,
אויב ער וויל ניט ריזיקירען זיין אייגענע עקזיסטענץ; און עס
זיינען מייסטענטהיילס די נאַאיווע און גוטע כאַראַקטערע, וועלכע
ווערען פעראונגליקט צווישען די רעדער און רעדלאַך פון דעם סאָ־
ציאַלען אָרגאַניזמוס, און בלויז די אויסוואורפען, אין וועלכע די
געזעלשאַפט האָט שוין דערשטיקט יעדען מענשליכען אינסטינקט,
זיי בלייבען די זיעגער אין דיזעם קאַמפף, זיי שטויסען אַרונטער
זייערע מיטמענשען אין דעם אָבגרונד, כדי צו פערהינדערן זייער
אייגענען אונטערגאַנג.

* * *

מען שרייט אויף די פוילענצער, אויף די גנבים, מען ענט־
וויקעלט גאַנצע טהעאָריען איבער אונפערמיידליכע איבלען פון
דער מענשליכער נאַטור, און מען פערגעסט זיך אין גאַנצען, אַז
דיזע אַלע איבלען וואָלטען געמוזט פערשווינדען אויף אַ גאַנץ
נאַטירליכען אופן, אויב זיי וואָלטען ניט געפונען שטענדיגע לע־
בענס־קרעפטע אין דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן.
ווי אַזוי קען מען גאָר ערוואַרטען, דאָס אַ מענש זאָל זיין
אַן אַרבייטער, ווען די יעניגע, וועלכע שטעהען אָן דער שפּיצע
פון די רעגירונגען, קוקען אַליין אויף דער אַרבייט ווי אויף אַ
נידעריגע בעשעפטיגונג, וועלכע פּאַסט זיך נאָר פאַר די פּאַריאַס

פֿון דער געזעלשאַפֿט, און ווען זיי, וועלכע עקספּלאָאַטירען די פּראָלעטאַריער, האָבען געמאַכט פֿון דער אַרבייט אַ גיהנם, אַ שקלאַפֿעריי?

ווי אַזוי קען מען ערוואַרטען צו בעפֿרייען די געזעלשאַפֿט פֿון פֿוילענצער און ליידיגגעהער, ווען דער איינציגער אידעאַל פֿון דער היינטיגער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן בעשטעהט אין אָנקלייבען אַסך געלד — די מיטלען ווי אַזוי, שפּילען קיין ראָלע ניט — כדי אַרויסצודרייהען זיך פֿון דער אַרבייט אָדער אויסצובייטען די אַרבייט פֿון אַנדערע? וואָס מעהר שקלאַפֿען אַ מענש עקספּלאָאַטירט היינט צו טאָג, אַלס העכער איז זיין געזעלשאַפֿטליכע שטעלונג, אַלס מעהר רעספּעקטירט מען איהם, אַלס גרעסער איז זיין פּראָפֿיט.

מען האָט געמאַכט פֿון דער געזעלשאַפֿט אַ מין היעראַרכיע, און די, וואָס לייגען קיינמאָל ניט אַריין אַ פֿינגער אין קאַלטע וואַסער, שטעהען אָן דער שפּיצע און פֿערנעהמען די ערשטע פּלעצער.

די, וועלכע האָבען זיך פֿערשאַפֿט אויף אַזאַ אָדער אַזאַ אופן זייערע הויכע פּלעצער אין דער געזעלשאַפֿט, עסען, טרינקען און פֿיהרען אַן אויסגעלאַסענען לעבען, ניט ריהרענדיג זייערע צעהן פֿינגער פֿאַר וואָס פֿאַר עס איז ניצליכע אַרבייט. זייער פֿוילקייט און זייערע פֿערגניגונגען זיינען אַ גוטער ביישפּיל פֿאַר די עקספּלאָאַטירטע, וועלכע בילדען די אונטערע קלאַסען פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿערזאָרגען מיט זייער בלוטיגען שוויים די הויכע ליידיגגעהער, כדי זיי זאָלען קענען לעבען אַ גוטען טאָג אויף זייער רעכנונג. דער לוין, וועלכען זיי בעקומען פֿאַר זייער שווערע אַרבייט, איז קוים גענוג, זיי זאָלען ניט אויסגעהען פֿון הונגער, און זיי האָבען ניט די קלענסטע האָפֿנונג אַרויסצוקומען פֿון דיזעם גיהנם, אויב עס מאַכט זיך זיי ניט אַ געלעגענהייט צו בעגעהן אַ גרויסען שווינדעל אָדער אַן אַנדער סאָרט גנבה. דאַרפֿען מיר זיך דען גאָר פֿערוואונדערן, ווען אונטער אַזעלכע צושטענדע די מענשען האָבען אין זיך דעם שטרעבען צו לעבען אָהן צו אַרבייטען? פֿערקעהרט, אונז וואונ-

דערט נאָר איין זאַך, אַז עס גיט נאָך אַלס אַזויפיעל מענשען, וועלכע זיינען גענוג דום צו אַרבייטען אונטער אזעלכע בעדינ־גונגען.

* * *

דאָס ביישפּיעל, וועלכעס די היינטיגע געזעלשאַפט גיט דעם מענשען, קען, פערשטעהט זיך, ניט אַרויסרופען קיין אַנדער אידעאַל, ווי צו עקספּלאָאַטירען יענעם, כדי אַליין ניט צו ווערען עקספּלאָאַטירט. און אויב איהר האָט ניט די נייטיגע מיטעל פאַר די געזעצליכע אויסבייטונג פון פּרעמדער אַרבייט, דאַן דאַרפט איהר זוכען אויסצוגעפינען אַנדערע מעטהאָדען. דער האַנדעל און די פינאַנציעלע שפּעקולאַציע זיינען אויך געזעצליכע מיטלען, דאָס געזעץ אַנערקענט זיי, און אויב איהר ווענדעט זיי אָן אויף אַ גרויסען שטייגער, ברייננגען זיי אַריין געוואַלטיגע פּראָפיטען; אויב איהר בענוצט זיך מיט דיזע מיטלען אויף אַ קלענערען אופן, איז די זאַך שוין אַביסעל קאָמפּליצירטער, נאָר פון דעסטוועגען האָט איהר נאָך אַלס די מעגליכקייט זיך דורכצורוקען צווישען די פערשידענע פאַראַגראַפען פון דעם געזעץ־בוך, און אויב איהר לאָזט זיך ניט כאַפּען, מעגט איהר זאָגאַר פון צייט צו צייט אַביסעל אַריבערכאַפּען דעם געזעצליכען מאָס. בעטרוג און שווינ־דעל זיינען זעהר ניצליכע מעטהאָדען צו פערגרעסערן דעם פּראָפיט.

די יעניגע, וועלכע זיינען ניט אומשטאַנד אָנצוגעהן אויף אַזאַ מין אַרט, האָבען נאָך אַן אַנדערן אויסוועג, נעמליך די אויסבייטונג פון דער מענשליכער דומהייט, דעם גאַנץ געוועהנ־ליכען שווינדעל און אַנדערע עהנליכע מיטלען. נאָך ערגערע מעטהאָדען זיינען די דירעקטע גנבה און דער מאָרד. נאָר דער אייגענטליכער צוועק פון דיזע אַלע מיטלען איז דערזעלבער, עס זיינען מעהר ניט ווי פערשידענע מעטהאָדען פון דער מענש־ליכער אויסבייטונג; די אויסוואַהל פון די מיטלען איז כמעט אויסשליסליך אַ פראַגע פון מעגליכקייטען און פון די אומשטענדע, אונטער וועלכע אַ מענש איז אויפגעבראַכט געוואָרען. זעהר אָפט פעראייניגט מען פערשידענע מעטהאָדען, אום בעסער אויסצו־

מיידען אַ קאָנפּליקט מיט די געזעצע, וועלכע עקזיסטירען צום שוץ פון דער געזעלשאַפט.

עלענד און ליידען, דאָס איז דער שיקזאַל פון דעם אַ־ביי־טער; פערגניגען, גענוס פון אַלע סאָרטען און ליידיגגעהן, דאָס איז דער שיקזאַל פון די, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט אָדער דורך געוואַלט, אָדער דורך שווינדעל, אָדער דורך זייער געבורט אַלס פּאַראַזיטען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.

* * *

אָט האָט איהר אַ ביישפּיעל פון סאָלידאַריטעט! ווי אַזוי קען מען גאָר פעֿ־לאַנגען עטוואָס בעסערעס פון מענשען, וועלכע זיינען קיינמאָל נים פערזיכערט מיט זייער שטיקעל ברויט פאַר דעם קומענדען טאָג, אין וועלכע דאַרפען שטענדיג ציטערן, אַז איינער פון זייערע קאָנקורענטען קען פערנעהמען זייער פּלאַץ אין וואָרקשאָפּ?

ווי אַזוי איז מעגליך, אַז דיזע מענשען זאָלען גאָר דיינקען פון סאָלידאַריטעט, ווען זיי זיינען געצוואונגען אָנצופיהרען אַ שטענדיגען קאַמפּף פאַר זייער אָרעמע עקזיסטענץ? ווי אַזוי זאָ־לען זיי זיין סאָלידאַריש, ווען עס גיט טויזענדער פ־יידען און פערגניגען, וועלכע זיינען שטענדיג פאַר זיי אַ פערשלאָסענער גן עדן?

עס איז זעהר וואַה־שיינליך, אַז די נויטווענדיגקייט צו פער־איינוגען זיך איינע מיט די אַנדערע פאַר דעם געמיינשאַפט־ליכען קאַמפּף, האָט בּיסלעכווייז ענטוויקעלט צווישען די מענשען דאָס בעדירפניס זיך צו ליעבען איינער דעם אַנדערן, אָבער ווי די זאַך זאָל נים זיין, איז די געזעלשאַפט אַליין פעראַנטוואָרטליך, אַז דער קאַמפּף צווישען די איינצעלנע אינדיווידוען און די פיינד־ליכע שטימונג, וועלכע דיזער קאַמפּף רופט אַרויס, עקזיסטירט נאָך אַלס.

ווי אַזוי קען מען ערוואַרטען, אַז מענשען זאָלען זיך נים ווינשען קיין שלעכטס איינער דעם אנדערן, וויסענדיג, אַז איינער שטעהט דעם אַנדערן אין וועג, און אַז זיין פערשווינדען וועט דעם צווייטען געבען אַ מעגליכקייט זיך אַרויפצואַרבייטען מיט

אַ שטופּע הינבער איף דעם לייטער פון געגענזייטיגער קאָנקוּ־רענץ?

ווי אַזוי איז עס גאַר מעגליך, אַז דער מענש זאָל ניט פאָל־גען דעם שלעכטען איינפלוס פון זיין נאַטור, וויסענדיג אַז דאָס אונגליק פון שכן וועט זיין אַ נוצען פאַר איהם אַליין.

* * *

איהר בעהויפּטעט, אַז דער מענש איז שלעכט. מיר פון אונזער זייט בעהויפּטען, אַז ער מוז האָבען אין זיך אַ שטאַרקען שטרעבען צו גוטסקייט און פאָלקאָמענהייט, אויב ניט וואָלט די געזעלשאַפט געוועזען פיעל ערגער ווי זי איז יעצט און פערברע־כען און אונגליק וואָלטען געוועזען איהרע הויפּט־ערשיינונגען.

טראָץ דעם שלעכטען איינפלוס פון די אומשטענדע, וואָס רינגלען איהם אַרום, האָט דער מענש ענטוויקעלט אין זיך שטרע־בונגען פון סאָלידאַריטעט, פון האַרמאָניע און גערעכטיגקייט, און גראַדע דיזע שטרעבונגען זיינען אָפטמאָל אויסגענוצט געוואָ־רען פון די, וועלכע בעהערשען איהם. אָט דיזע חלומות פון אַ בעסערער צוקונפט, דיזע שטרעבונגען צום גוטען האָט אַ געווי־סער קלאַסע פון פּאַראַזיטען געגעבען די מעגליכקייט צו לעבען אויף דעם רעכנונג פון דער מאַסע, פערשפּרעכענדיג איהר די פערוויקליכונג פון דיזע שטרעבונגען און פאָרשטעלונגען.

נאָך מעהר! דיזע גוטע אינסטינקטע און שטרעבונגען זיי־נען זאָגאַר פערדאַמט און פערפאָלגט געוואָרען אַלס אַ געפאַהר פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, און טראָץ דעם, זעהען מיר, אַז די מענשהייט ענטוויקעלט זיך אין דיזער ריכטונג און זוכט צו פערווירקליכען דיזע גוטע טענדענצען. און דאָך רעדט מען נאָך אַלס פון די שלעכטע געפיהלען, וועלכע דער מענש בע־זיצט!

די נאָבעלסטע געפיהלען פון דער מענשהייט, איהרע שטרע־בונגען צו פרייהייט און גערעכטיגקייט זיינען שטענדיג פערפאָלגט און בעשט־אַפט געוואָרען, און די יעניגע, וועלכע האָבען זיך בעפרייט פון דעם קליינען און ברוטאַלען עגאָאיזמוס, וועלכער האַלט אויף די היינטיגע געזעלשאַפט, די יעניגע, וועלכע האָבען

אָנגעהויבען צו טרוימען פֿון אַ צייט פֿון אַלגעמיינעם גליק און האַרמאָניע, און וועלכע האָבען געהאַט דעם מוטה צו פֿרעגען: ווי אַזוי קומט עס, אַז די געזעלשאַפֿט, וועלכע האט זיך אָרגאַניזירט פֿאַר דעם נוצען פֿון אַלעמען, האָט מעהר ניט ווי איין אויפֿגאַבע, נעמליך צו פֿערזיכערן די פּריווילעגיעס פֿון אַ הייפֿעל מענשען? — זיי בעטראַכטעט מען אַלס פֿערברעכער.

דער אונפֿערמיידליכער שלוס, צו וועלכען מיר מוזען קומען איז דער, אַז די געזעלשאַפֿט איז שלעכט אָרגאַניזירט, אַז איהרע אינסטיטוציאָנען זיינען קאָרומפּירט און פֿערדאָרבען, און אַז זיי מוזען פֿערשווינדען, כדי עס זאָל זיך קענען ענטוויקלען אַ פֿער־נינפֿטיגערע און גערעכטערע סאָציאַלע אָרדנונג. אָבער די יעניגע, וועלכע האָבען מאָנאָפּאָליזירט די געזעלשאַפֿטליכע רייכטהימער, ווילען ניט אָבגעבען זייערע פּריווילעגיעס אין די פֿאָלגען דערפֿין זיינען נייע קעמפֿפֿע און נייע אורזאַכען פֿאַר די ענטוויקלונג פֿון שלעכטע אינסטינקטען.

***

דער שלעכטער איינפֿלוס פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט אויף די מאָראַל פֿון דעם אינדיווידואום איז אונבעשטרייטבאַר, און אין דעם אויגענבליק, ווען מיר האָבען אויסגעפֿונען דיזען איבעל, וואָלט עס געווען אַ קלייניגקייט צו פֿערניכטען די שלעכטע אינסטינקטען פֿון מענשען און צו ענטוויקלען גוטע.

אייער געזעלשאַפֿט גרינדעט זיך אויף דעם אַנטאַגאָניזם פֿון די אינטערעסען און האָט דאַדורך געמוזט אַרויסרופֿען דעם קאַמפּף פֿון איין מענשען געגען דעם אַנדערן און ענטוויקלען דיזע בייזע חיה, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען, דער „ציוויליזיר־טער מענש".

שאַפֿט אַן אָרגאַניזאַציאָן, וואו די אינטערעסען פֿון דעם איינצעלנען זאָלען שטעהן אין אָנקלאַנג מיט די אינטערעסען פֿון אַלעמען. זעהט, אַז דער וואָלזיין פֿון יעדען איינציגען זאָל פֿערזיכערן דעם וואָהלזיין פֿון אַלעמען; זעהט, אַז די מענשען זאָלען זיך קענען דערפֿרעהען מיט זייער לעבען, ניט דאַרפֿענדיג מורא האָבען פֿאַר דער קאָנקורענץ פֿון אייערע מיטמענשען;

זעהט צו פֿעראייניגען זייערע קרעפֿטע, זייערע שטרעבונגען, כדי יעדער איינציגער פֿון זיי זאָל פראָפֿיטירען דורך דער געזעלשאַפֿטליכער פֿעראייניגונג; זעהט, אַז דאָס גליק און די צופֿריעדענהייט פֿון איין גרופּע מענשען, זאָל ניט פֿעראורזאַכען דעם אונגליק און די פֿערניכטונג פֿון אַ צווייטער גרופּע.

איהר שרעקט זיך וועגען די פֿילענצער! מאַכט פֿון דער אַרבייט אַן אַנגענעהמע בעשעפֿטיגונג און איהר וועט ניט האָבען פֿאַר וואָס זיך צו שרעקען! מאַכט אַוועק מיט אייער גאַנצען שטאַאַטסמעכאַניזם מיט אייערע אַלע נוצלאָזע ביוראָקראַטישע אינסטיטוציאָנען און גרינדעט אייער געזעלשאַפֿט אויף אַזאַ באַזיס, אַז יעדער מענש זאָל קענען געפֿינען זיין אייגענעם וועג דורך די מאַכט פֿון די אומשטענדע און ניט דורך דעם צוואַנג פֿון וואָס פֿאַר עס ניט איז אויטאָריטעט! נאָר אויף אַזאַ מין אַרט וועט איהר שאַפֿען אַ פֿרייוויליגע פֿעראייניגונג פֿון אַלע קרעפֿטע פֿאַר דער געמיינשאַפֿטליכער פּראָדוקציאָן.

זעהט צו מאַכען די אַרבייט ניצליך און נויטווענדיג, כדי זי זאָל ווירקען אַלס אַ היגיענישע בעשעפֿטיגונג אַנשטאָט אַלס אַ מאַרטערנים. פֿון דער הייגטיגער אָרגאַניזאַציאָן וואַקסען אַרויס אַ מאַסע פֿון מלחמות, פֿערברעכען, גנבות, שווינדלערייען און עלענד. דאָס זיינען די פֿאָלגען פֿון פּריוואַט־אייגענטהום און אויטאָריטעט, די אונפֿערמיידליכע רעזולטאַטען פֿון די היינטיגע געזעלשאַפֿטליכע אומשטענדע. אויב איהר ווילט האָבען אַ געזעלשאַפֿט, וואו די מענשען זאָלען האָבען צוטרוי איינער צום אַנדערן, וואו סאָלידאַריטעט און וואָהלזיין זאָלען הערשען צווישען אַלע מיטגלידער, דאַן מוזט איהר זי אָרגאַניזירען אויף דעם באַזיס פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און געגענזייטיגער הילפֿע.

דאָס פאַטערלאַנד.

די רעליגיאָן, די פֿאַמיליע, דאָס אייגענטהום, די אויטאָרי־טעט האָבען זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט פֿון געוויסע מענשליכע שטרעבונגען און גראַדענווייז בעקומען דעם כאַראַקטער פֿון זייער איגענטליכער בעשטימונג; אָבער ווי באַלד דיזע אינסטיטוציאָנען האָבען בעקומען אַ געוויע פּרינציפּיעלע גרונדלאַגע, ווי באַלד דער צוועק פֿון זייער עקזיסטענץ איז געווען קלאָהר פֿאַר אַלע־מען, האָבען זיי זיך וואָס ווייטער אַלס מעהר קאָנצענטרירט יעדע אויף איהר אייגענעם שטייגער און ביסלעכווייז ענטוויקעלט שאַרף אָבגעטהיילטע קלאַסען מיט בעשטימטע אייגענשאַפֿטען און פּריווילעגיעס.

די מיליטערישע קלאַסע איז ניט געווען די לעצטע, וועלכע האָט זיך פֿאָרמירט, ענטוויקעלט און איבעראַל פֿערנומען אַ מעכטיגע פּאָזיציאָן אין דער געזעלשאַפֿט. אפילו דאָרטען, וואו זי איז געצוואונגען געווען אָבצוטרעטען דעם ערשטען פּלאַץ צו דער קלאַסע פֿון די פּריסטער, האָט זי אין דער ווירקליכקייט דאָך געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע. איז עס דען ניט געווען די מיליטערישע קלאַסע, וועלכע האָט געהאַט די מאַכט צו פֿערזי־כערן די עפֿענטליכע מאַכט אין די הענד פֿון די רעגירער? און האָט זי דען ניט אַרויסגעגעבען די נאָמינעלע און ווירקליכע הערשער, אין וועמענס פּערזאָן עס האָט זיך פֿערקערפּערט די אַלמעכטיגקייט פֿון דער גאַנצער קלאַסע?

אין די אַלע קעמפֿע און שטרייטיגקייטען, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען צווישען די פֿערשידענע קלאַסען, האָט די אידעע פֿון׳ם „פֿאָטערלאַנד" געשפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע. גרופּען האָבען געקעמפֿט געגען גרופּען, שבטים געגען שבט׳ים און, אין

די היסטאָרישע צייטען, איין שטאָדט געגען די אַנדערע; אפילו גאַנצע פֿעלקער האָבען פֿערזוכט צו פֿערשקלאַפֿען אַנדערע פֿעל־קער, פֿערשידענע נאַציאָנען האָבען אָנגעהויבען זיך אָבצוטהיילען איינע פֿון די אַנדערע, אָבער זאָגאַר דאַן איז דער בעגריף פֿון אַ „פֿאָטערלאַנד" נאָך אַלס געווען אַ זעהר אונקלאָהרע און אונבע־שטימטע אידעע. ערשט אין דער נייערער געשיכטע האָט זיך דיזע אידעע קלאָהר און דייטליך פֿאָרמולירט און געמאַכט פֿון די קעניגע, גלחים און קריעגער דיענער און פריעסטער פֿון דער נייער מעטאַפֿיזישער אַלגעמיינהייט, וועלכע מאַניפֿעסטירט זיך אונטער דעם נאָמען „דאָס פֿאָטערלאַנד".

* * *

אין פֿראַנקרייך האָט זיך די אידעע פֿון אַ „פֿאָטערלאַנד" און אין דערזעלבער צייט דער בעגריף פֿון'ם געזעץ צום ערשטען מאָל מאַניפֿעסטירט אין איהר גאַנצער שטאַרקייט אין 1789. עס איז געווען אַ גענעראַלער גערעאַנק פֿון דער בורזשואַזיע אַוועק־צושטעלען אויף דעם פּלאַץ פֿון'ם געוועזענעם „געטליכען רעכט" די אויטאָריטעט פֿון דער נאַציאָן און פֿאָרצושטעלען די אַרבייטער דיזען בעגריף אַלס די פֿערקערפּערונג פֿון אַלע רעכטע, כדי זיי זאָלען פֿערטהיידיגען די נייע סאָציאַלע אָרדנונג, דיינקענדיג, אַז זיי קעמפֿפֿען פֿאַר זייערע אייגענע רעכטע.

עס איז גוט צו בעמערקען, אַז די אידעע פֿון אַ פֿאָטער־לאַנד, אָדער די „נאַציאָן", ווי מען רופֿט עס געוועהנליך, פֿער־קערפּערט בעסער אין זיך דאָס גאַנצע פֿאָלק, זיינע אַלע רעכטע און אינסטיטוציאָנען, איידער די ערד, דאָס לאַנד אַליין. ערשט בישלעכוויז, אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אויסערליכע אורזאַכען האָט דיזע אידעע אָנגענומען איהר היינטיגע בעשריינקטע און איינגע בעדייטונג אַלס די „ליעבע צום לאַנד", ניט אַכטענדיג אויף די, וואָס לעבען דאָרטען און אויף די אינסטיטוציאָנען, אונטער וועלכע זיי לעבען.

נאָר וואָס עס זאָל ניט זיין דער אורשפּרינגליכער בעגריף פֿון דער פֿאָטערלאַנדס־אידעע, איין זאַך איז זיכער, אַז די בור־זשואַזיע האָט באַלד אויסגעפֿונען, אַז דיזע אידעע איז זעהר

ניצליך פֿאַר איהר, און דערפֿאַר האָט זי איהר געזעהן צו קול־טיווירען און צו ענטוויקלען אַלס אַ נייע רעליגיאָן, כדי צו האָבען אַ מאָראַלישען פֿונדאַמענט אַלס גרונדלאַגע פֿאַר איהר אויטאָריטעט. די פֿערטהיידיגונג פֿון'ם לאַנד איז אין יעדער בעציהונג געווען אַ גוטע אויסרעדע, אום צו רעכטפֿערטיגען די נויטווענדיגקייט פֿון אַן אַרמעע, וועלכע זאָל בעשיצען איהרע פריוויל־גיעס אונטער דעם נאָמען פֿון די אַלגעמיינע אינטערעסען און אין דערזעלבער צייט אָבגעבען אַן אונווידערלעגבאַרען אַרגומענט, צו צווינגען די אַרבייטער מיטצוהעלפֿען צו פֿערטהיידיגען די פריווילעגיעס פֿון דער בעזיצענדער קלאַסע. צום גליק ענטוויקעלט זיך דער קריטישער גייסט אַלס מעכטיגער, און דער מענש בענוגענט זיך מעהר ניט מיט פוסטע ווערטער, נאָר ער וויל אויך פֿערשטעהען דעם זינן דערפֿון, זייערווירקליכע בעדייטונג. און אויב ער בעגרייפֿט ניט אַלצדינג מיט אַמאָל, בעהאַלט ער אָבער אין זכרון די אַלע פֿאַקטען פֿון זיין ערפֿאַהרונג אין פֿריהער אָדער שפעטער וועט ער ציהען דערפֿון די לאָגישע שליסע.

* * *

וואָס ענטהאַלט איבערהויפט דער בעגריף פֿון אַ פֿאָטערלאַנד, אויסער דער נאַטירליכער סימפּאַטהיע, וועלכע אַ מענש האָט פֿאַר זיין פֿאַמיליע, זיינע חברים און פֿאַר דעם שטיקעל לאַנד, וואו ער האָט פֿערבראַכט זיין יוגענד, און זיינע אַלע מנהגים און געוואוינהייטען? פֿאַר די גרויסע מעהרהייט פֿון די, וועלכע פֿערלירען זייערע לעבענס אין די מלחמות ניט וויסענדיג פֿאַר וועמען און פֿאַר וואָס, פֿאַר די אַרבייטער און סאָלדאַטען, וועלכע דאַרפֿען טראָגען אַלע קאָנסעקווענצען פֿון דיזע מאַסען־מערדע־רייען, האָט דאָס וואָרט פֿאָטערלאַנד ניט די קלענסטע בעדייטונג. צי אַ מלחמה ענדיגט זיך מיט אַ זיעג, צי מיט אַ מפּלה, איז פֿאַר זיי אַלס איינס, זייער לאַגע בלייבט דיזעלבע ווי בעפֿאָר. צי זיי זיינען די זיעגער, צי די בעזיעגטע, איין זאַך איז זיכער, זיי וועלען שטענדיג בלייבען די געהאָרכזאַמע בהמות, וועלכע די בורזשואַזיע זוכט צו בעהערשען און אויסצובייטען ווי ווייט מעגליך.

אויב מיר נעהמען אָן די ערקלעהרונג פֿון די, וועלכע רייר־דען אַם מייסטען פֿון דער „נאַציאָן", דאַן איז דאָס פֿאָטערלאַנד נישט אַנדערש ווי די ערד, וועלכע בעלאַנגט צו אַ געוויסען שטאַאַט, אַלס וועמענס אונטערטהאַנען מען רעכענט די מענשען. אָבער די גרענעצען פֿון דעם שטאַאַט זיינען ניט אימער דיזעלבע. אָפֿטמאָל ווערען זיי בעשטימט דורך אַ געוואונענע אָדער אַ פֿערלאָרענע שלאַכט. די פּאָליטישע גרופּירונגען, וועלכע עקזיס־טירען היינט, האָבען ניט אימער געהאַט דעמזעלבען כאַראַקטער; און אייב עס וועט מאָרגען פּאַסען אונזערע עקספּלאָאַטאַטאָרס צו האַלטען מלחמה צווישען זיך, קען עס זעהר לייכט טרעפֿען, אַז אַ טהייל פֿון לאַנד קומט פֿלוצלינג אונטער דעם יאָך פֿון אַן אַנדער נאַציאָן. איז דאָס ניט שטענדיג דער פֿאַל געווען אין דער פֿערגאַנגענהייט? דורך די אונגעהייער פֿיעלע מלחמות, וועלכע האָבען שטאַאַטגעפֿונען ביז יעצט האָבען די פֿעלקער זעהר אָפֿט איבערגעביטען זייערע רעגירער; מען האָט אָבגעריסען פּראָווינ־צען און זיי צוריק עראָבערט, און פֿאָלגליך האָט דער פּאַטריאָ־טיזמוס אין אַזעלכע פּראָווינצען זעהר אָפֿט איבערגעביטען זיין כאַראַקטער; אַמאָל האָבען זיי געקעמפֿט שולטער ביי שולטער מיט זייערע יעצטיגע פֿיינד, און אַמאָל פֿערקעהרט, איינמאָל האָבען זיי געטויטעט מענשען, וועלכע זיינען דעם אַנדערן טאָג געוואָרען זייערע חברים. אָט דאָס אַליין בעווייזט שוין די גאַנצע לעכערליכקייט פֿון דעם זאָגענאַנטען פּאַטריאָטיזמוס.

וואָס קען דען זיין מעהר פֿערענדערליך ווי די גרענעצען פֿון אַ לאַנד? ווארום זאָלען מענשען, וואָס וואוינען אויף איין זייט פֿון אַ קינסטליכער ליניע, האָבען מעהר רעכט צו בעלאַנגען צו אַ בעשטימטער נאַציאָן, איידער די, וואָס וואוינען פֿון יענער זייט? די פֿערענדערליכקייט פֿון אַזעלכע אונטערשיידונגען ווייזט זיך אַרויס אַזוי דייטליך, אַז מען שטיצט זיך שוין היינט אויף די פֿערשידענהייט פֿון די ראַסען, כדי צו רעכטפֿערטיגען די צוטהיילונג פֿון די פֿעלקער אין פֿערשידענע נאַציאָנען. אָבער אויך דיזער אונטערשיעד האָט ניט קיין ריכטיגען ווערטה און האַלט ניט אויס קיין ערנסטע קריטיק, דערפֿאַר ווייל יעדע נאַציאָן

איז היינט ניט מעהר ווי א פֿעראייניגונג פֿון פֿערשידענע ראַסען, שוין גאָרניט רעדענדיג פֿון די פֿערמישונגען און אַסימילאַציעס צווישען די פֿערשידענע נאַציאָנען, וועלכע ענטוויקלען זיך פֿון טאָג צו טאָג אין צאָהל.

* * *

פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט אויס בעטראַכטעט, איז די אַלטע איינטהיילונג פֿון פֿראַנקרייך אין פּראָווינצען געווען פֿיעל לאָגישער ווי די יעצטיגע, דערפֿאַר וואָס זי האָט זיך מעהר גערעכענט מיט די עטהנאָלאָגישע פֿערשיעדענהייטען פֿון דער בעפֿעלקערונג. אָבער זאָגאַר דיזע איינטהיילונג האָט היינט מעהר קיין ווערטה ניט, זעהענדיג ווי די מענשליכע ראַסע שטרעבט אַלס גיכער צו אַ פֿעראייניגונג און זוכט פּטור צו ווערען פֿון די אַלע פֿערשידענהייטען, וועלכע צוטהיילען איהר היינט, און אַלעס וואָס וועט מיט דער צייט נאָך איבערבלייבען, זיינען די פֿערשידענהייטען פֿון דעם קלימאַט און די נאַטירליכע אומשטענדען.

* * *

אָבער די גרעסטע לעבערליכקייט, וועלכע מען קען זיך נאָר פֿאָרשטעלען, בעשטעהט אין דעם, אַז די אונגעהייערע מעהרהייט פֿון די, וועלכע לאָזען זיך טויטען אין די מלחמות, און וועלכע פֿערהאַסען זיך איינע די אַנדערע אַלס בלוט-שונאים אָהן אַ גרונד, האָבען איבערהויפּט קיין שטיקעל לאַנד ניט, דען ניט זייער זאָגענאַנטעס פֿאָטערלאַנד און ניט דאָס לאַנד, וועלכעס זיי עראָבערן בעלאַנגט צו זיי. די ערד בעלאַנגט צו אַ הייפֿעל גרונד-בעזיצער, וועלכע זיצען זיך רוהיג און בעקוועם אין דערהיים, ווייט אַוועק פֿון יעדער געפֿאַהר, וועהרענד די אַרבייטער זיינען גענוג דום און אונוויסענד, צו טויטען זיך איינער דעם אַנדערן, אום צו פֿערגרעסערן דאָס גרונד-אייגענטהום פֿון זייערע הערען, וועלכע ווּעלען זיי ווייטער עקספּלאָאַטירען ביז׳ן בלוט.

מיר האָבען שוין פֿריהער געזעהן, אַז די יעניגע, צו וועלכע עס בעלאַנגט היינט דאָס אייגענטהום האָבען קיין רעכט ניט דערצו. רויבעריי, פּלינדערונג, מאָרד, וועלכע בעהאַלטען זייערע ריכטיגע נעמען אונטער די שעהנע ווערטער עראָבערונג, קאָלאָ-

ניזאַציע, ציוויליזאַציאָן, פּאַטריאָטיזמוס, דאָס זיינען געווען די וויכטיגסטע פֿאַקטאָרען, וועלכע האָבען געשאַפֿען דאָס היינטיגע פּריוואַט-אייגענטהום. מיר ווילען ניט נאָך אַמאָל ווידערהאָלען, וואָס מיר האָבען שוין פֿריהער ערקלעהרט, נאָר ווען די אַרבייטער וואָלטען פֿערנינפֿטיג געווען, וואָלטען זיי בעסער געזעהן ווי פּטור צו ווערען פֿון די, וועלכע בעהערשען און עקספּלאָאַטירען זיי, איידער צו פֿערטהיידיגען דאָס „פֿאָטערלאַנד" און צו טויטען אַנדערע אַרבייטער; זיי וואָלטען זיך דאַן בעסער פֿעראייניגט מיט די אַרבייטער פֿון אַלע נאַציאָנען און אָנגעהויבען צו פּראָדוצירען און צו געניסען אויף זייער אייגענע רעכנונג.

די ערד איז גענוג גרויס, אום צו ערנעהרען אַלע מענשען. ס'איז ניט דער מאַנגעל אין פּלאַץ און לעבענס-מיטלען, וועלכער האָט פֿעראורזאַכט דיזע אַלע בלוטיגע מלחמות, וואו טויזענדער מענשען האָבען זיך ערמאָרדעט איינער דעם אַנדערן, כדי צו פֿערגרעסערן דעם רוהם און פּראָפֿיט פֿון אַ הייפֿעל אויסבייטער. פֿערקעהרט, עס זיינען געווען די מלחמות, וועלכע זיינען אַרויס-גערופֿען געוואָרען דורך די גרויזאַמע אַמביציע פֿון די רעגירער און די געגענזייטיגע קאָנקורענץ פֿון די גרויסע קאַפּיטאַליסטען, זיי האָבען געשאַפֿען די פֿערשידענע „נאַציאָנאַליטעטען" און פֿעראורזאַכט אין מיטעלאַלטער די שרעקליכע מגפות און הונגער-עפּידעמיעס, וועלכע האָבען פֿערניכטעט די, וואָס זיינען ניט געטויטעט געוואָרען אין די מלחמות.

* * *

אָבער דאָ קומען די קאַפּיטאַליסטען און די אָבגענאַרטע פּאַטריאָטען און הויבען אָן צו שרייען: „וואָס ווילט איהר? אויב מיר ווילען ניט האָבען קיין אַרמעע, וועלען די איבעריגע מעכטע אונז איבערפֿאַלען און אויסשלאַכטען, זיי וועלען אונז צווינגען צו אָנערקענען זייערע געזעצע, און אונזערע בעדינגונגען וועלען נאָך זיין פֿיעל ערגער ווי זיי זיינען יעצט." און אפילו פֿון די, וועלכע זיינען ניט קיין פּאַטריאָטען, גיט עס מאַנכע, וועלכע זאָגען אונז: „מיר זיינען ניט קיין פּאַטריאָטען, זיכער דאָס אייגענטהום איז שלעכט צוטהיילט, די געזעלשאַפֿט מוז רעפֿאָרמירט ווערען, אָבער

איין זאַך דאַרפֿען מיר דאָך אָנערקענען: פֿראַנקרייך שטעהט אָן דער שפּיצע פֿון פּראָגרעס און צו לאָזען איהר פֿערניכטען מיינט צו שטיצען די רעאַקציאָן, צו פֿערלירען די אַלע פֿרייהייטען, וועלכע אונזערע עלטערן האָבען אויסגעקעמפּפֿט פֿאַר אונז און צו אָנערקענען דעם יאָך פֿון אירגענר אַ דעספּאָטישען שטאַאַט!"

עס קען, פֿערשטעהט זיך, ניט זיין אונזער אויפֿגאַבע פֿעסט־צושטעלען אַ בעשטימטע רעגעל, ווי אַזוי די אַנאַרכיסטען דאַרפֿען זיך פֿערהאַלטען אין דער צייט פֿון אַ מלחמה. זייער פֿערהאַלטען ווענדט זיך אין די אומשטענדע, אין דעם אלגעמיינען גייסטיגען צושטאַנד פֿון דעם מאָמענט און אין אַסך אַנדערע ערשיינונגען, וועלכע לאָזען זיך ניט בעשטימען אין פֿאָראויס. מיר בעהאַנדלען די פֿראַגע נאָר פֿון אַ לאָגישען שטאַנדפּונקט, און די לאָגיק זאָגט אונז, אַז די מלחמות זיינען ניט אַנדערש ווי געשעפֿטס־אונטער־נעהמונגען פֿון די עקספּלאָאַטאַטאָרס, פֿאָלגליך קענען מיר ניט נעהמען קיין אָנטהייל אין זיי.

* * *

מיר האָבען געזעהען, אַז עס מאַכט גאַנץ ווייניג אויס, ווער עס האָט די אויטאָריטערע מאַכט אין זיינע הענד, די שקלאַ־פֿעריי פֿון די אונטערדריקטע בלייבט דאָך שטענדיג דיזעלבע. די געשיכטע פֿון'ם פּראָלעטאַריאַט בעווייזט אונז, אַז די נאַציאָנאַלע רעגירונגען שרעקען זיך ניט אָב צו דערשיסען זייערע „אונטער־טאַנען", אויב די לעצטע פֿאָדערן געוויכע פֿרייהייטען. קען אַ פֿרעמדער עקספּלאָאַטאַטאָר אפּשר ערגער האַנדלען? אונזער אמת'ער פֿיינד איז אינזער הע״ר, אונזער עקספּלאָאַטאַטאָר, און עס האָט אַ קנאַפּען ווערטה, צו וואָס פֿאַר אַ נאַציאָן ער בעלאַנגט.

מיט וואָס פֿאַר אַ שעהנע ווערטער מען זאָל ניט אויספּוי־נערן אַ קריעגס־ערקלעהרונג, די אייגענטליכע אורזאַכען פֿון אַ מלחמה זיינען די אינטערעסען פֿון דער בורזשואַזיע. מעג עס זיך האַנדלען אום די פֿראַגע פֿון פּאָליטישער איבערהערשאַפֿט, אום קאָמערציעלע אונטערנעהמונגען אָדער אום די ערָאָבערונג פֿון פֿרעמדע קאָלאָניען, איין זאַך איז זיכער: קיין אַנדערע ווי נאָר

די פּריוועליגירטע קלאַסען זיינען פֿעראינטערעסירט אין דעם; ס'איז אַ שפּיעל פֿאַר דעם נוצען פֿון די רעגירער, קויפֿלייט און פֿאַבריקאַנטען. עס איז ניט מעהר ווי אַ לעכערליכע בעהויפּטונג, ווען אונזערע רעפּובליקאַנער ווילען אונז איינריידען, אַז זייערע מלחמות זיינען ניט פֿאַר די אינטערעסען פֿון וואָס פֿאַר עס איז ניט דינאַסטיע, אַז די רעפּובליק האָט פֿערנומען דעם פּלאַץ פֿון די קעניגע. אונזין! די אינטערעסען פֿון אַ בעשטימטער קלאַסע האָבען פֿערנומען דעם פּלאַץ פֿון דעם קעניג'ס אינטערעסען; פֿאַר די אַרבייטער האָט דאָס זיכער אַ קנאַפּען ווערטה

צו מיר זיינען די זיגער, צו די בעזיגטע, וועלען מיר שטענדיג דאַרפֿען בעצאָהלען אונזערע אָבגאַבען, מיר וועלען שטאַרבען פֿון הונגער אין דער צייט פֿון אַ קריזיס, און אויף דער עלטער האָבען מיר קיין אַנדער אויסזיכט ניט, ווי דאָס האָספּיטאַל אָדער דאָס וואָרק הויז. און טראָץ דעם פֿאָרערן די קאַפּיטאַליסטען, מיר זאָלען זיך אינטערעסירען פֿאַר זייערע שטרייטיגקייטען! וואָס קומט אונז אַרויס דערפֿון?

וואָס אָנבעלאַנגט דעם אַרגומענט, אַז דער פּראָגרעס קען אָבגעשטעלט ווערען דורך דעם אונטערגאַנג פֿון אַ געוויסען „פֿאָטערלאַנד", בעווייזט ער בלויז, אַז די, וועלכע בענוצען זיך דערמיט, האָבען אפֿילו קיין אַהנונג ניט פֿון אונזערע היינטיגע אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען און פֿון דער פֿערשפּרייטונג פֿון געוויסע אידעען. איהר מעגט היינט צושפּאַלטען אַ נאַציאָן אויף שטיקלאַך, פֿערקלענערן די צאָהל פֿון איהרע בירגער, אַוועקרויבען פֿון איהר דעם נאָמען איהרען, אָבער עס וועט אייך קיינמאָל ניט געלינגען אויסצוראָטען דעם כאַראַקטער, די אייגענטהימליכקייטען און דעם בעזונדערן טעמפּעראַמענט פֿון די פֿערשידענע ראַסען, וועלכע זי פֿעראייניגט אין זיך. אין דעם אויגענבליק פֿון אַ קריעג פֿערשווינדען איבערהויפּט דיזע אַלע ווירקליכע אָדער איינגערעדטע פֿרייהייטען, וועלכע מיר גלויבען צו בעזיצען, די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ וועט זאָפֿאָרט אונטערדריקט ווערען, דער מיליטאַריזמוס וועט אַריינגעהמען די עפֿענטליכע מאַכט אין

זיינע הענד, און עס וועט מעהר ניט איבערבלייבען ווי דער פֿאָלשטענדיגער אַבסאָלוטיזמוס.

* * *

פֿאַר די אַרבייטער ברייננט אַלזאָ דער קריעג קיין גוטס ניט, זיי האָבען ניט דעם קלענסטען אינטערעס אין אַזעלכע מערדע־רייען און מעהר ניט צו פֿערטהיידיגען ווי זייער אייגענע הויט; און עס איז די גרעסטע לעכערליכקייט פֿון זיי, ווען זיי גיבען איהר אַוועק פֿאַר די אינטערעסען און דעם גרעסערן פּראָפֿיט פֿון זייערע הערשער אין עקספּלאָאַטאָרס.

די בורזשואַזיע, פֿערשטעהט זיך, איז פֿעראינטערעסירט אין די מלחמות, דען זיי גיבען איהר די מעגליכקייט אויפֿצוהאַלטען די אַרמעען, וועלכע פֿערהינדערן דעם אויפֿשטאַנד פֿון די פֿעלקער און בעשיצען די אינסטיטוציאָנען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט; און אויסערדעם זיינען די אַרמעען אַ גוטער מיטעל צו צווינגען אַנדערע פֿעלקער, זיי זאָלען קויפֿען די „נאַציאָנאַלע" פּראָדוקטע און צו עפֿענען זיך נייע מאַרקעטס מיט די קאַנאָנען. עס זיינען די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע שאַפֿען די הלוואות פֿאַר די מלחמות, און עס זיינען די אַרבייטער, וועלכע דאַרפֿען בעצאָהלען די פּראָצענטע. אויב די בורזשואַס ווילען זיך אַרומרייסען איינע מיט די אַנדערע, מעגען זיי עס אַליין טהאָן, נאָר עס איז דאָך זיכער ניט אונזער געשעפֿט. לאָמיר זיך בעסער אויפֿהויבען און אַטאַקירען די פּריווילעגיעס פֿון דער בורזשואַזיע, און מיר וועלען באַלד זעהן, ווי די, וואָס פּריידיגען אונז שטענדיג דעם פּאַט־ריאָטיזם, וועלען אַפּעלירען צו די אַרמעען פֿון די „אויסלענדישע עראָבערער", צו די דייטשען אָדער די רוסען, זיי זאָלען פֿער־טהיידיגען זייערע אינטערעסען! דיזע הערען זיינען ווי וואָלטער, זייער פֿאָרקעמפּפֿער, וועלכער האָט אַליין ניט געגלויבט אין אַ גאָט, נאָר פֿון דעסטוועגען איז ער געווען מיט דער מיינונג, אַז דאָס פֿאָלק דאַרף האָבען אַ געוויסע רעליגיאָן. אונזערע פּאַט־ריאָטען האָבען געמאַכט גרענצען צווישען זייערע שקלאַפֿען, אָבער

זיי אַליין לאַכען זיך אוים פֿון אַזעלכע נאַרישקייטען, ווי באַלד נאָר עס האַנדעלט זיך אום זייערע אינטערעסען.

* * *

עס גיט ניט קיין פֿאָטערלאַנד פֿאַר דעם מענשען, וועלכער פֿערדינט ווירקליך דיזען נאָמען, אָדער בעסער געזאָגט: עס גיט נאָר איין פֿאָטערלאַנד פֿאַר אַלע. זיין פֿאָטער־לאַנד איז דאָרט, וואו ער קעמפּפֿט פֿאַר זיינע מענשליכע רעכטע, דאָרט, וואו ער וואוינט, וואו ער האָט זיינע פֿריינדע, מיט איין וואָרט, זיין פֿאָטערלאַנד איז די גאַנצע ערד! עס איז אונזיניג צו גלויבען, אז די גאַנצע מענשהייט וועט שטענדיג זיין צושפּאָלטען אין קליינע חלקים און יעדער וועט זיך זיצען אין זיין ווינקעל און בעטראַכטען אַלע אַנדערע אַלס זיינע פֿיינד. פֿאַר דעם ענטוויקעלטען מענשען זיינען אַלע מענשען ברידער, וועלכע האָבען דיזעלבע רעכטע צו עקזיסטירען און צו ענטוויקלען זיך יעדערער אויף זיין שטייגער. די ערד איז גענוג גרויס און פֿרוכטבאַר, אום צו פֿערזאָרגען איהרע אַלע קינדער.

דער אַרבייטער האָט דעם קלענסטען אינטערעס פֿאַר אייערע קאָנווענציאָנעלע „פֿאָטערלענדער", ער האָט קיין זאַך ניט צו פֿערטהיידיגען, אין פֿאָלגליך מאַכט פֿאַר איהם ניט אוים, אויף וואָס פֿאַר אַ זייט גרענעץ ער איז געבאָרען געוואָרען, דיזער צופֿאַל איז זיכער קיין גרונד פֿאַר איהם צו האַסען זיך איינער דעם אַנדערן. אָנשטאָט זיך איבערצושניידען די העלזער איינער דעם אַנדערן. אַזוי ווי עס איז ביז אַהער געווען דער פֿאַל, דאַרפֿען זיי זיך בעסער אויסשטר קען די הענד אַריבער די גרענצען און פֿעראייניגען זייערע אַלע קרעפֿטע געגען זייערע געמיינשאַפֿטליכע פֿיינדע—די אויטאָריטעט און דעם קאַפּיטאַל.

דער פאטריאטיזם און די רעגירענדע קלאסען.

מיר האָבען געזעהען, אַז דאָס „פאָטערלאַנד" איז ניט מעהר ווי אַ פוסטער וואָרט, מיט וועלכען מען זיכט צו פערבלענדען דעם אַרבייטער די אויגען, כדי ער זאָל פערטהיידיגען די היינטיגע אָרדנונג, אונטער וועלכער ער ליידעט אַלס אונטערדריקטער. לאָמיר יעצט זעהען, צו די „ליעבע צום פאָטערלאַנד" דיזער „היילינער אינסטינקט", וועלכער איז מיטגעבאָרען געוואָרען אין יעדעם איינציגען, איז ווירקליך אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט ביי די, וועלכע זיינען די שטאַרקסטע פערטהיידיגער פון דעם פאַטריאָטישען פרינציפ; לאָמיר זעהן, צי דיזער פרינציפ נעהמט זיך ביי זיי פון ריין סוביעקטיווע אורזאַכען ווי ביי די אַרבייטער, צי פון ריין מאַטעריעלע אורזאַכען, פון ריינע געשעפטס-אינטערעסען. צו דיזעם צוועק דאַרפען מיר נאָכפאָרשען אין די שריפטען, וועלכע זיי האָבען פובליצירט פאַר זייער אייגענעם געברויך, אום אויסצוגעפונען זייער ריכטיגע איבערצייגונג.

אויב מיר הערען זיי רעדען צו די אַרבייטער, קומט אויס, אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי הייליג פון „פאָטערלאַנד"; יעדער בירגער, אַזוי בעהויפטען זיי, דאַרף זיין פאַרטיג צו אָפפערן זיין לעבען און פרייהייט פאַר דער פערטהיידיגונג פון זיין לאַנד. לויט זייערע ווערטער פערקערפערט דאָס פאָטערלאַנד אין זיך דעם העכסטען אויסדרוק פון די אַלגעמיינע אינטערעסען, און צו ברייננען אָפפער דערפאַר, מיינט צו ברייננען אָפפער פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען.

מען דאַרף נאָר איבערבלעטערן זייערע שריפטען איבער דער פאָליטישער עקאָנאָמיע, אום אויפצוצייגען, אַז זיי זיינען ליגנערס, אַז דיזע אַלע שעהנע פראַזען, דיזע „אידעאַלע געפיהלען", מיט

וועלכע זיי שטאָלצירען אַזוי פֿיעל, זיינען ניט מעהר ווי אַ פּראסטער שווינדעל, אום צו פֿערבלענדען די אויגען פֿון דער מאַסע, אַ מאסקע, וועלכע זיי נעהמען באַלד אַראָב פֿון פּנים, ווען זיי זיינען צווישען זיך.

אָט האָט איהר אַ פּאָר ווערטער פֿון איינעם פֿון זייערע גרויסע עקאָנאָמיסטען, וועמענס אייטאָריטעט עס איז אָפֿיציעל אָנערקענט געוואָרען. אין זיין אָבהאַנדלונג איבער „די פּאָליטישע ענטוויקלונג פֿון׳ם 19טען יאָהרהונדערט" שרייבט זש: דע מאָלינאַרי די פֿאָלגענדע ווערטער:

„עס זיינען די אינטערעסען פֿון די רעגירענדע קלאַסען, זייער שטרעבען ניט אַרויסצולאָזען די אויבערמאַכט פֿון זייערע הענד, וועלכער צווינגט זיי אויפֿצוהאַלטען אויף אַ קינסטליכען אופֿן דעם קריעגס-צושטאַנד צווישען ציוויליזירטע פֿעלקער."*)

קענט איהר געפֿינען אַ בעסערע ערקלעהרונג פֿון דיזער? און אונזערע גוטהאַרציגע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע פֿערדאַמען אַזוי פֿייערדיג די בייזע אַנאַרכיסטען, דערפֿאַר וואָס זיי האָבען דעם מוטה צו ערקלעהרען די אַרבייטער, אַז די אינטערעסען פֿון די פּראָלעטאַריער און די אינטערעסען פֿון דער בורזשואַזיע זיינען אַנטאַגאָניסטיש איינע צו די אַנדערע, דיזעלבע קאַפּיטאַליסטען מאַכען ניט קיין טעות, ווען זיי זיינען צווישען זיך און ערקלעהרען גאַנץ אָפֿען, אַז דיזער אַנטאַגאָניזם איז דער פֿונדאַמענט פֿון זייער רעגירונגס-סיסטעם.

אָט האָט איהר נאָך אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע ווערטער:...

„אויך אונטער דעם נייען רעזשים איז ניט דאָ קיין מאַנגעל אין מאָטיווען און תירוצים, ווען עס האַנדעלט זיך אַרויסצורופֿען אַ מלחמה; אָבער דער אמת׳ער מאָטיוו פֿון אַלע מלחמות אונטער דעם אַלטען רעזשים, פּונקט ווי אונטער דעם נייען, איז שטענדיג געוועזען דער אינטערעס פֿון דער רעגירענדער קאַסע אָדער פּאַרטיי, און דיזער אינטערעס איז פֿאַר קיין פֿאַל ניט אין אָנקלאַנג מיט די אינטערעסען פֿון דער נאַציאָן אָדער פֿון דער מאַסע קאָנסו-

---

*) Journal des Economistes, p. 71.

מענטען, וועלכע זיינען מיטגלידער פֿון די פּאָליטישע קערפּער־שאַפֿטען; פֿערקעהרט, פּונקט ווי די רעגירענדע קלאַסע איז פֿעראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פֿון אַ שטענדיגען קריעגס־צושטאַנד צווישען די נאַציאָנען, אַזוי איז די רעגירטע נאַציאָן פֿעראינטערעסירט אויפֿצוהאַלטען דעם פֿריעדען." (זייטע 70)

* * *

וואָס אַנבעלאַנגט דעם נוצען, וועלכען די הערשענדע קלאַסע האָט פֿון דעם שטענדיגען קריעגס־צושטאַנד, בעלעהרט אונז דערזעלבער אויטאָר ווי פֿאָלגט:

„דער קריעג געגען דעם אויסערליכען פֿיינד פֿערזיכערט דעם פֿריעדען אים איינענען לאַנד; ס׳איז אַ פּעריאָדע, וואו עס לאָזט זיך לייכט רעגירען, דערפֿאַר ווייל מען קען יעדעם אָפּאָנענט באַלד פֿערמאַכען דאָס מויל מיט דער בעשולדיגונג, אַז ער האָט בע־ציהונגען צום פֿיינד. און וואָס קען זיין ווינשענסווערטהער, ווען די אָפּאָזיציאָן איז אונרוהיג אין ווען איהר קראַפֿט איז כמעט אַזוי שטאַרק ווי די פֿון די רעגירער? אַ פֿאַקט איז, אַז ווען אַ מלחמה ענדיגט זיך מיט אַ מפּלה, פֿאַלט שטענדיג די פּאַרטיי, וועלכע האָט איהר אַרויסגערופֿען; אָבער ווען זי ענדיגט זיך מיט אַ זיעג — און מען פֿאַנגט ניט אָ קיין קריעג, ניט האָבענדיג געוויסע אויסזיכטען אויף אַן ערפֿאָלג — דאַן בעקומט די זיעג־רייכע פּאַרטיי פֿאַר אַ לענגערע צייט די אַבסאָלוטע אויבערמאַכט אין איהרע הענד. און וויפֿיעל מאָטיווען גיט עס, שוין ניט רע־דענדיג פֿון די קליינע פּראָפֿיטען, ניט פֿאַרבייצולאָזען אַ גינסטיגע געלעגענהייט אָנצופֿאַנגען אַ מלחמה!" (זייטע 63)

* * *

וועגען די „קליינע פּראָפֿיטען" בעלעהרט אונז מאָלינאַרי אויף אַזאַ מין אַרט:

„ביז היינט צו טאָג זיינען עס שטענדיג געווען די נידעריגע קלאַסען, די יעניגע, וואָס האָבען געהאַט דעם קלענסטען איינ־פֿלוס, וועלכע האָבען געשפּיעלט די ראָלע פֿון סאָלדאַטען. די בעזיצענדע קלאַסען האָבען זיך שטענדיג אַרויסגעדרעהט, אָפּפֿערנ־דיג אַ געוויסע סומע. דיזע סומע איז מייסטענטהיילס געווען זעהר

אַ קליינע, און די מיטגלידער פֿון דער רייכער קלאַסע האָבען אימער ווידער צוריק בעקומען, וואָס זיי האָבען געאָפּפֿערט דורך די נייע מאַרקעטס, וועלכע דער קריעג האָט זיי פֿערשאַפֿט; און אויסערדעם האָבען די מיטגלידער פֿון דיזע קלאַסען. דורך דעם וואָס מען האָט ניט צוגענומען קיין פֿרעמדע, און דורך די פֿערפֿליכטונג דורכצומאַכען אַ מיליטערישע שולע (פֿאַר די אָרעמע קלאַסען איז דאָס, פֿערשטעהט זיך, געווען אונמעגליך) געקענט ליכט מאָנאָפּאָליזירען אַלע העכערע שטעלונגען פֿון דער מיליטערישער פּראָפֿעסיאָן. און ווען די מלחמה איז זעהר אַ גרויזאַמע פֿאַר די געוועהנליכע סאָלדאַטען, וועלכע דאָס פֿאָלק אַליין האָט ליעב צו רופֿען דאָס „פֿוטער פֿאַר די קאַנאָנען", ד.ה. ווען אַסך מענשען פֿאַלען אויף די שלאַכט־פֿעלדער, דאַן גיט עס ווייניגער ארבייטסלאָזע אין די שטעדט און דערפֿער, און די, וועלכע זיינען קיין סאָלדאַטען ניט געווען, בעקומען בעסערע ווידזשעס".
(זייטע 68)

* * *

דאָס איז גענוג דייטליך. מיר זעהען אלזאָ, אַז די „הייליגע ליעבע צום פֿאָטערלאַנד" איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די ליעבע צו עקספּלאָאַטירען אַנדערע, די ליעבע פֿאַר „די קליינע פּראָפֿיטען". דיזע ווערטער זיינען אַ פֿאָלשטענדיגע ווידערלעגונג פֿון די אלע אַרגומענטען, וועלכע בעהויפּטען, אַז עס איז דאָ אַן עפֿענטליכע מיינונג, מיט וועלכער די רעגירער דאַרפֿען זיך רעכענען; אַז אַ קריעג קען זיין גערעכט און געפֿינען די צושטימונג פֿון פֿאָלק; אַז מען דאַרף ניט פֿערדאַמען אַלע מלחמות; אַז עס גיט פֿעלע, ווען די רעגירער זיינען געצוואונגען צו האַלטען מלחמה געגען זייער אייגענעם ווילען; און הויפּטזעכליך, אַז דער קריעג איז אַ פֿאָלגע פֿון דעם סאָציאַלען צושטאַנד, אַז מיר מעגען רעדען דאַגעגען פֿון היינט ביז מאָרגען און בעדויערן זיין נויטווענדיגקייט, נאָר מיר זיינען געצוואונגען זיך צו אונטערוואַרפֿען דיזער נויטווענדיגקייט, א. ז. וו. א. ז. וו. — לאָמיר צום שלום ציטירען נאָך אייניגע ווערטער פֿון מאָלינאַרי:

„... נאָר פֿון דעסטוועגען, ווי גרוים עס זאָל ניט זיין די

מאַכט פֿון די, וואָס ענטשיידען וועגען קריעג און פֿרידען, און דער איינפֿלוס פֿון דער קלאַסע, וועלכע גרופּירט זיך אַרום די פּאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און מיליטערישע קערפּערשאַפֿטען, זיינען זיי אָבער דאָך געצוואונגען, ווי מיר זעהן, זיך צו רעכענען ביז צו אַ געוויסען גראַד מיט דער גרויסער מאַסע, וועלכע איז פֿיעל גרעסער אין צאָהל, און וועלכע איז פֿעראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פֿון די פֿערשידענע פּראָדוקציאָנס-צווייגען, וועלכע דער קריעג פּאַראַליזירט. די ערפֿאַהרונג האָט אונז געציינט, אַז די ווידערשטאַנדס-פֿעהיגקייט פֿון דיזעם פֿרידליכען עלעמענט שטעהט פֿאַר קיין פֿאַל ניט אין אָנקלאַנג מיט זיין צאָהל. די גרויסע מעהרהייט פֿון דיזע מענשען זיינען אבסאָלוט אונוויסענד און קיין זאַך איז ניט אַזוי לייכט, ווי אָנצובלאָזען זייערע ליידענ-שאַפֿטען און מאַכען זיי צו האַנדלען געגען זייערע אייגענע אינטערעסען. די צאָהל פֿון די אויפֿגעקלעהרטע איז זעהר אַ קליינע, און וואָס פֿאַר אַ מיטעל האָבען זיי אויסצופֿיהרען זייערע אידעען אין דער געגענוואַרט פֿון דער מעכטיגער אָרגאַניזאַ-ציאָן, וועלכע דער צענטראַליזירטער שטאַאט שטעלט פֿאָר?" (זייטע 68)

* * *

מיר זעהען, אַז אונזערע בורזשואַס בעהאַלטען זיך גאָרניט, ווען זיי רעדען איינער מיט'ן אַנדערן, זיי גיבען גאַנץ אָפֿען צו, אַז מלחמות זיינען פֿאַר זיי ניט מעהר ווי אַ מיטעל פֿאַרטצוזעצען זייער עקספּלאָאַטאַציע פֿון די אַרבייטער. די מערדערייען, וועלכע זיי אָרגאַניזירען, ווערען בעגאַנגען מיט דער אַבזיכט צו פֿערגרעסערן זייער פּראָפֿיט דורך די עראָבערונג פֿון נייע מאַרקעטס. פֿאַר זיי עקזיסטירען די אַרמעען צו דעם צוועק צו פֿערשאַפֿען די, וועלכע זיינען אָבהייניגיג פֿון זיי געוויסע שטעלונגען, אום צו פֿערהינדערן, זיי זאָלען זיי ניט אַטאַקירען; פֿאַר זיי זיינען די „נאַציאָנאַלע" מלחמות, דאָס „פֿאָטערלאַנד", דער „פּאַטריאָטיזם", די „נאַציאָנאַלע עהרע", דיזע אַלע פּוסטע ווערטער, וועלכע קלינגען אַזוי גרויסאַרטיג אין די אויערן פֿון דער אונוויסענדער

מאַסע, ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי בעוואוסטע שווינדלערייען, אום צו פערכאַפּען די „קליינע פּראָפיטען."

מלחמות פאַר „קליינע פּראָפיטען!" דאָס איז דער ריכטיגער אויסדרוק. דיזע אַלע מלחמות, וועלכע מען פיהרט אָן אין נאָמען פון „פאָטערלאַנד" אָדער — ווי אונזערע פּאַטריאָטען רופען עס אין דער לעצטער צייט — אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציאָן, דאָס אַלעס זיינען בעוואוסטע ליגענס, מיט וועלכע די עקספּלאָאַטאַטאָרם זוכען די אַרבייטער צו פערטומלען די קעפּ. דער קריעג אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציאָן מיינט אייגענטליך ניט אַנדערס, ווי צו עקספּלאָאַטירען די פעלקער, וועלכע האָבען ביז יעצט נאָך ניט דערגרייכט די שטופע פון אונזער זאָגענאַנטער קילטור.

אום צו בעשטראָפען אַ „באַנדע רויבערס", ווי אונזערע קאַפּיטאַליסטען רופען עס, און צו פערזיכערן די נאַציאָנאַלע אויבערהערשאַפט, רופט מען אַרויס מלחמות, ווי צ. ב. ש. די מיליטערישע עקספּעדיציאָן נאָך טונים, וועלכע האָט אין דער ווירקליכקייט קיין אַנדער צוועק ניט געהאַט, ווי צו עפענען אַ ניי לאַנד פאַר די פערפוילטע פינאַנציעלע אונטערנעהמונגען פון אַ הייפעל שווינדלערס, צו שאַפען אַ פרייע פעלד פאַר יענע פּאַראַזיטען אויף דעם קערפּער פון דער געזעלשאַפט, וועלכע שלעפּען אַרויס די בלוטיגע גראָשענס פון די קעשענעס פון די אַרבייטער, אום אויפצוהאַלטען די אַרמעען און צו פאַבריצירען נייע מאָרד־מאַשינען; עס האַנדעלט זיך אום די „קליינע פּראָפיטען" וועלכע די קאַפּיטאַליסטען שלעפּען אַרויס פון די ניי עראָבערטע לענדער, צווינגענדיג די איינוואוינער צו קויפען זייערע פערפוילטע פּראָדוקטע. און פאַר דיזען צוועק האַלט מען אויס מיליאָנען יונגע מענער, וועלכע פערברייגגען זייער צייט אין די קאַזאַרמען מיט גאָרנישט. צו דיזעם צוועק שיקט מען אַוועק טויזענדער יונגע לייט אין פערוואָרפענע פּלעצער מיט אַ מערדערישען קלימאַט, אום אויסצוּשלאַכטען די איינוואוינער, וועלכע פערטהיידיגען נאָך אַלעם דאָס, וואָס עס בעלאַנגט צו זיי.

צוליעב די „קליינע פּראָפיטען" פון די קאַפּיטאַליסטען האָבען שטאַטגעפונען די מלחמות אין סענעגאַל, טאָנקין, קאָנגאָ־לאַנד

און מאַדאַגאַסקאַר, וועלכע מען האָט אַנגעפיהרט אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציאָן, וועלכע האָט קיין זאַך ניט צו טהאָן מיט אַזעלכע ברוטאַלע רויבערייען. אין דערהיים זינגט מען גאַנצע ליעב־ליעדער אויף דעם פּאַטריאָטיזם, אָבער אין די ווייטע לענדער דערשיסט מען קאַלטבלוטיג אַלע די, וואָס פערטהיידיגען זייער לאַנד, אָדער רעוואָלטירען געגען זייערע פרעמדע אויסבייטער און מען בעהאַנדעלט זיי ווי געוועהנליכע באַנדיטען.

* * *

נאָר וועגען דיזער פראַגע וועלען מיר נאָך רעדען אין אַ בעזונדערן קאַפּיטעל. פאַר יעצט בענוגענען מיר זיך צו אילוסטרירען דעם אייגענטליכען פּאַטריאָטיזם פון די רעגירענדע קלאַסען. די לעצטע עראייגניסע האָבען אונז געציינט, ווי אַזוי עס זעהט אויס דיזער פּאַטריאָטיזם אין דער ווירקליכקייט. מיר האָבען געזעהן ווי אָפיצירען אין די ביראָס פון דעם קריעגס־מיניסטעריום האָבען פערראַטען פאַר געלד די געהיימניסע פון אונזער בעוואַפנונג צו אַנדערע מעכטע. די שרעקליכסטע אינטריגעס און שווינדלערייען זיינען אויפגעדעקט געוואָרען, וועלכע האָבען אָבגעקאָסט מיליאָנען צום שאָדען פון די איינוואוינער, וואָס בעצאָהלען זייערע אָבגאַבען פאַר די זיכערהייט פון לאַנד. די רעגירונג, אָנשטאָט צו בעשטראָפען די שולדיגע, האָט אָנגעווענדעט אלע מיטלען זיי צו ראַטעווען און צוגעדעקט מיט אַ שלייער די נידערטרעכטיגסטע שענדליכקייטען. מיר זעהען יעדען טאָג ווי די בעזיצער פון אונזערע גרויסע קאַנאָנען־פאַבריקען -- די מייסטע פון זיי זיינען דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט און די פאַבריקען ווערען פערוואַל־טעט פון אַלטע אָפיצירען — פערזאָרגען אַנדערע מעכטע מיט קאַנאָנען, עקספּלאָזיוו־שטאָפען, קריעגס־שיפען און די נייסטע צושטעהרונגס־מאַשינען, ניט קוקענדיג דערויף, אַז אין פאַל אַ קריעג וועלען זייערע לאַנדסלייט דערשאָסען ווערען מיט זייערע אייגענע וואַפען. און זעהען מיר ניט, ווי גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע שווינדעל געזעלשאַפטען פון אידישע און קריסטליכע באַנקירען זיי־נען די אייגענטהימער פון אונזערע אייזענבאַהנען? זיי האַלטען אין זייערע הענד די שליסעל פון אונזערע אַרסענאַלען און מאַ־

נאַפּאָליזירען דעם טראַנספּאָרט פֿון אונזערע לעבענס-מיטעל? דערפֿאַר דערצעהלט אונז ניט פֿון אייער פּאַטריאָטיזם! אויב איהר וואָלט נאָר געהאַט די מעגליכקייט צו פֿערקויפֿען אייער „פֿאָטערלאַנד”, וואָלט איהר עס זיכער געטהאָן.

* * *

וואָס האָט איהר געטהאָן אין 1871 אין דעם דייטש-פֿראַנ־צויזישען קריעג, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דעם וואָס מ׳־האָבען געדאַרפֿט אַוועקצאָהלען פֿינף מיליאַרדען פֿראַנק צו דייטשלאַנד? פֿאַר וועמענס אינטערעסען איז דיזע ריעזיגע סומע בעצאָהלט געוואָרען אויב ניט פֿאַר די אינטערעסען פֿון דער בורזשואַזיע, כדי זי זאָל בלייבען דער הערר פֿון לאַנד און ווייטער קענען אויסבייטען איהרע לוין-שקלאַפֿען? מען האָט אויפֿגענומען אַן הלואה, וועלכע די אַרבייטער אַליין האָבען געדאַרפֿט בע־צאָהלען, דען זיי אַליין האָבען געאַרבייט, און די אַרבייט איז דער קוואַל פֿון אַלע רייכטהימער.

ס׳איז ווירקליך געווען אַ קלוגער איינפֿאַל: די בורזשואַזיע האָט געדאַרפֿט בעצאָהלען די קריעגס-ענטשעדיגונג, אום די דייטשען זאָלען אַרויס פֿון פֿראַנקרייך און זי זאָל קענען אַליין אָבנעהמען די שטייערן, האָט זי געמוזט אויפֿברייננגען דאָס געלד; אָבער ווייל די אַרבייטער האָבען, פֿערשטעהט זיך, ניט געהאַט אַזאַ ריעזיגע סומע, האָבען די קאַפּיטאַליסטען אַליין אויפֿגעבראַכט די הלואה. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז די בורזשואַזיע האָט זיך אַליין אויסגעבאָרגט דאָס געלד. אָבער די פֿראַנצויזישע אַרבייטער וועלען דאַרפֿען אָבצאָהלען ניין און ניינציג יאָהר דעם קאַפּיטאַל מיט די פּראָצענטען. אָט האָט איהר דעם בורזשואַזען פּאַטריאָטיזם אין זיין גאַנצער גרויסקייט!

ווער קען נאָך אַלעם דעם אָבלייקענען, אַז די טוגענד גע־פֿינט שטענדיג איהר לאָהן?

דער מיליטאריזם.

עס איז אונמעגליך צו רעדען וועגען דעם פאטערלאנד און פאטריאטיזם, ניט דערמאהנענדיג אין דערזעלבער צייט דעם מיליטאריזם, דיזע שרעקליכע מגפה פון דער מענשליכער געזעלשאפט.

שטודירענדיג דעם אורשפרונג און די אורזאכען פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, געפינען מיר, אז די קלאסע פון די קריעגער איז געווען איינע פון די ערשטע, וועלבע איז ענטשטאנען און האט אויסגעקעמפפט פאר זיך אן אויטאריטערע שטעלונג צו די איבעריגע מיטגלידער פון דעם שטאם אדער דער גרופע. צוערשט זיינען אלע מיטגלידער פון'ם שטאם געווען קריעגער, ווען די נויטווענדיגקייט האט געפאדערט; שפעטער האבען זיך די קריעגער ענטוויקעלט אלס א בעזונדערע קלאסע און עס איז ענטשטאנען אן אונטערשיעד צווישען זיי און די אנדערע, וועלכע זיינען ניט געווען קיינע קריעגער; נאך שפעטער איז ענטשטאנען אן אבטהיילונג אין דערזעלבער קלאסע אין פיהרער און געוועהנליכע קריעגער.

מיר ווייסען ניט בעשטימט, צי די מענשהייט האט שטענדיג און איבעראל געהאט די זעלבע ריכטונג אין איהר פראגרעסיווער ענטוויקלונג: ד. ה. מיר ווייסען ניט, צי זי האט גענוי און רעגעלמעסיג דורכגעמאכט די דריי פעריאדען פון יעגעריי, פיעהצוכט און אגריקולטור; איין זאך איז אבער זיכער, אז יאגד און פישעריי זיינען געווען די ערשטע פראדוקטיווע טהעטיגקייטען פון'ם מענשען. עס איז אונבעשטימט, צי די מענשען זיינען צוערשט אלע געווען יעגער, שפעטער פאסטוכער און צולעצט אקערבויער, אזוי ווי די ביכער פון דער וויסענשאפט און די גע־

לעהרטע שטעלען עס פֿאַר; עס איז זאָגאַר מעגליך, אַז די פֿער־שידענע שטופֿען פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג זיינען ניט געווען אַזוי בעשטימט און רעגעלמעסיג, נאָר פֿון דעסטוועגען דיינקען מיר, אַז דיזע דריי פֿערשידענע וועגען צו פֿערשאַפֿען זיך די נייטיגע לעבענס־מיטעל, זיינען מעהר אָדער וויינינער בע־שטימט געוואָרען דורך דעם נאַטירליכען צושטאַנד פֿון דיזער אָדער יענער געגענד, וואו מענשען האָבען זיך בעזעצט. עס איז זאָגאַר העכסט וואַהרשיינליך, אז דער מענש האָט שוין פֿערשטאַנען צו קולטיווירען געוויסע פֿלאַנצונגען, ווען ער האָט נאָך ניט פֿער־שטאַנען די קונסט צו האָדעווען פֿיה, און אַז פֿיעלע האָבען נאָך פֿאָרטגעזעצט זייער לעבען אַלס יעגער, אַפילו דאַן, ווען די מענשען זיינען שוין בעקאַנט געווען מיט דעם ערשטען אָנפֿאַנג פֿון אַגריקולטור.

* * *

נאָר ווי עס זאָל ניט זיין, איין זאַך איז זיכער, אַז די קלאַסע פֿון די קריגער איז פֿערבליבען די הערשענדע, און זי האָט אויפֿ־געהאַלטען אַ גרויסען טהייל פֿון איהר הערשאַפֿט אפילו דאַן, ווען זי איז געצוואונגען געווען צו טהיילען זיך מיט דער מאַכט מיט אַנדערע. עס זיינען שטענדיג געווען די קריעגער, וועלכע האָבען אַם בעסטען אונטערשטיצט די יעניגע, וואָס האָבען אַריינגענומען די אויטאָריטעטע מאַכט אין זייערע הענד.

אַזוי לאַנג ווי די קריעגער האָבען פֿאָרמירט אַן אָבגעשלאָ־סענע קלאַסע פֿאַר זיך, וועלכע האָט אָנגעפֿיהרט מלחמות אויף איהר אייגענע רעכנונג, האָט די בעפֿעלקערונג פֿיעל געהאַט צו ליידען פֿון איהרע רויבערייען, ווייל די בעוואַפֿענטע באַנדעס האָבען זיך ניט אָבגעשראָקען פֿאַר קיין זאַך, זיי האָבען צוגענומען דאָס לעצטע פֿון׳ם בויער, אויב עס האָט זיי געמאַכט אַ פֿער־גניגען. אָבער ווען דער בויער האָט בעצאָהלט זיינע אָבגאַבען און עס זיינען ניט געווען אין דער אומגעגענד קיין קריעגער און קיין פֿעסטע שלעסער, האָט ער אַם וויינינסטענס געהאַט אַן אויסזיכט צו קענען רוהיג אויפֿאָטעמען פֿאַר אַ ווילע; ווייל דאַמאָלסט האָט ער אפילו ניט גע׳חלום׳ט, אז עס וועט קומען אַ

צייט, ווען ער וועט זיין געצוואונגען צו פערב־יינגען די בעסטע יאָהרען פון זיין לעבען אין אַ קאַזאַרמע, אום צו פערטהיידיגען די אינטערעסען פון זיינע אויסבייטער.

ס'איז וואַהר, אַז עס איז געווען אַן עפּאָכע, ווען די פעדע־ראַליסטען האָבען אָנגעהויבען צו בעוואַפנען די בויערן פון זייערע אימעניעס, אָבער דאָס האָט נאָר געטראָפען דאַן, ווען די נויט־ווענדיגקייט האָט זיי דערצו געצוואונגען. און זאָגאָר דאַן האָבען זיי געמוזט אָנווענדען די פערשידענסטע מיטלען, אום אַריינצו־נאַרען די בויערן, זיי האָבען בעפרייט די אַלע פון דער לייב־איינענשאַפט, וועלכע האָבען ערקלעהרט, אַז זיי זיינען פאַרטיג אַריינצוטרעטען אין דער אַרמעע פון'ם קעניג. ערשט די בורזשאַזיע האָט פערפאָלקאָמענט דאָס סיסטעם, מיט דעם וואָס זי האָט געצוואונגען די אַרבייטער צו אָפּפערן אַ טהייל פון זייערע יונגע יאָהרען, אום צו פערטהיידיגען זייערע אונטערדריקער פון עקס־פלאָאַטאַטאָרס, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז עס איז געפעהרליך, צו געבען די יונגע לייט וואַפען אין זייערע הענד און זיי צו זאָגען: „פערטהיידיגט דערמיט אונזערע פריווילעגיעס!" און אום אויסצומיידען יעדע געפאַהר, האָט זי ערפונדען אַ נייע רעליגיאָן, די רעליגיאָן פון'ם פאָטערלאַנד.

אָט מיט דער הילפע פון דיזעם ליגען איז די בורזשואַזיע געווען אימשטאַנד צו פערבלענדען די אַרבייטער די אויגען, אַז זיי האָבען רוהיג בעצאָהלט און בעצאָהלען נאָך היינט די בלוט־שטייער פאַר דעם נייען געץ מיט זייערע אייגענע לעבענס. צו דאַנקען דיזעם סאָפיסטישען שווינדעל האָבען גאַנצע גענעראַציאָנען אַוועקגעגעבען זייערע שטאַרקסטע און געזונדעסטע עלעמענטען, כדי מען זאָל זיי פערדערבען פיזיש און מאָראַליש אין די קער־קערס, וועלכע מען רופט קאַזאַרמען. זיי האָבען אפילו קיין האָפנונג צו קענען ענטלויפען אָדער צו בעפרייען זיך פון דיזעם יאָך, קיין וואָרט, קיין פראָטעסט קען זיי ניט העלפען, מען פרעגט קיינעם ניט, מען רייסט איינפאַך אַוועק די יונגע לייט פון זייער היים פאַר זיבען, פינף אָדער דריי יאָהר און מען מאַכט פון

זיי איינפֿאַכע אויטאָמאַטען צו טויטען אַנדערע אָדער אַ שפּייז פֿאַר די קאַנאָנען.

* * *

גערויס, עס זיינען געווען פּראָטעסטען. עס האָט שטענדיג געטראָפֿען, אַז סאָלדאַטען זיינען אַנטלאָפֿען פֿון דער אַרמעע, אַנדערע האָבען זיך אַנטזאָגט צו געהאָרכען. אַזעלכע אַקטען זיינען אייניג פֿערבונדען מיט דער עקזיסטענץ פֿון דער אַרמעע און זיינען געבאָרען געוואָרען צוזאַמען מיט דיזער אינסטיטוציאָן. אָבער דיזע אַלע האַנדלונגען זיינען מייסטענטהיילס געווען ספּאָנטאַנע מאַניפֿעסטאַציאָנען פֿון פּערזענליכע געפֿיהלען, נאָר די איינצעלנע אינדיווידוען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט אויף אַזאַ מין אַרט, האָבען זעהר זעלטען געהאַט אַ קלאָרע פֿאָרשטעלונג פֿון זייערע האַנדלונגען. זיי האָבען ניט געמיינט צו טרעפֿען אַ גאַנצען סיסטעם, אַ גאַנצע אינסטיטוציע, מיט איין וואָרט, די בעוואוסטע אַקטען אין דיזער בעציהונג, וועלכע זיינען אַרויסגעוואַקסען פֿון קלאָהרע און בעשטימטע פֿאָרשטעלונגען איבער די אייגענטליכע בעדייטונג פֿון׳ם מיליטאַריזם, זיינען געווען זעהר קליין אין צאָהל.

אָבער לאָמיר געהן ווייטער: די פּראָטעסטען, וועלכע האָבען זיך אויפֿגעהויבען אין דער ליטעראַטור געגען דעם קריעג און מיליטאַריזם, זיינען אויך מייסטענטהיילס מעהר ניט געווען ווי מאָמענטאַנע אויסברעכונגען פֿון די געפֿיהלען, וועלכע האָבען זיך ווייניג אָדער גאָר ניט בעשעפֿטיגט מיט דער מענשליכער נאַטור און די אינדיווידועלע רעכטע פֿון׳ם מענשען.

די אַרמעע! דאָס פֿאָטערלאַנד! די בורזשואַזיע און די ליטעראַטען, איהרע אינטעלעקטועלע פֿערטהיידיגער, האָבען געזונגען אַזוי פֿיעל לויב-ליעדער אויף דיזעביידע אינסטיטוציאָנען און ערפֿונדען אַזוי פֿיעל סאָפֿיסטישע ווערטלאַך און ליגענס צו זייער פֿערטהיידיגונג, אַז מען האָט אפילו ניט דעם מוטה צו צווייפֿלען אין די אַלע גוטע אייגענשאַפֿטען, מיט וועלכע מען האָט זיי אויסגעפוצט. מען בעטראַכטעט די אַרמעע אַלס די לעבענדיגע פֿערקערפּערונג פֿון אַלע גוטע אייגענשאַפֿטען און

בירגערליכע טוגענדען. איהר וועט זעלטען געפינען א ראָמאַן, וואו איהר זאָלט ניט לעזען די ריהרענדע געשיכטע פון דעם „אַלטען בראַווען סאָלדאַט", אַ פאָרבילד פון איבערגעבענהייט און טרייקייט, וועלכער פאָלגט נאָך זיין אַלטען גענעראַל אַלס אַ געטרייער דינער, בעשיצט איהם געגען אונזעהבאַרע פיינדע און אָפּפערט צולעצט זיין לעבען, כדי צו ראַטעווען דאס לעבען פון זיין קאָמאַנדיר. מאַנכעס מאָל גיט מען דער געשיכטע אויך אַן אַנדער פאָרמע, כדי זי זאָל ניט ווערען צו לאַנגווייליג: מען דערצעהלט, ווי דער „אַלטער סאָלדאַט" ראַטעוועט אַן ארעמען יתום, ווי ער ברייננט איהם אויף, בעשיצט איהם געגען אַלע געפאַהרען, מאַכט פון איהם אַ העלד און גיט איהם די מיטלען ווי צוריק צו ערקעמפּפען זיין פערמעגען, וועלכעס די פיינדע פון זיין פאַמיליע האָבען צוגענומען פון די זייניגע.

מען דאַרף נאָר זעהען, ווי אַזוי די פּאָעטען פערהערליכען די בראַווע זעלנער, זייער מיליטערישע עהרע, זייער אויפאָפּפערונג, זייער טרייקייט, זייער איבערגעבען און פיעלע אַנדערע טוגענדען, די בורזשואַזיע איז געווען געצוואונגען צו ערפינדען דיזען גראַנדיאָזען שווינדעל, כדי יעדער איינציגער זאָל דינען פאַר אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט אונטער די פאָהנען פון פאָטערלאַנד, איידער ער הויבט אָן צו פערשטעהן, אַז אונטער דעם גלענצענדען מאַנטעל, מיט וועלכען די ליטעראַטען און פּאָעטען האָבען צוגעדעקט זייער גער, ליעגט מעהר ניט בעהאַלטען ווי געמיינהייט און קאָרופּציאָן. דער פרייוויליגער דיענען פאַר אַ יאָהר מיט אַכט און צוואַנציג טעג האָט מעהר אויפגעטהאָן געגען דעם מיליטאַריזם ווי די בעסטע אַרגומענטע, וועלכע מען וואָלט געקענט אָנפיהרען געגען איהם.

* * *

אַזוי לאַנג ווי די אַרבייטער זיינען געווען די איינציגע, וועלכע האָבען געדאַרפט אָפּפערן זייער יוגענד און זיך לאָזען ברוטאַליזירען אין די קאַזאַרמעס, זאָלאַנג ווי דאָס אַלגעמיינע פּובליקום האָט מעהר ניט געזעהן פון דער אַרמעע ווי איהרע אויסערליכע דעקאָראַציעס: דעם גלאַנץ פון די מעשענע קנעפּ, דעם גערויש

פֿון די פויקען, די גילדענע אָבצייכענס פֿון די אָפֿיצירען, די פֿאָהן, פֿלאַטערנדיג אין ווינד, מיט איין וואָרט די גאַנצע בעפֿורצונג, מיט וועלכע מען זוכט צו פֿערבלענדען די אויגען פֿון דער מאַסע, אַזוי לאַנג האָבען די ליטעראַטען און פּאָעטען מיטגעהאָלפֿען צו פֿערגרעסערן דעם פֿאַלשען גלאַנץ און בייגעטראָגען זייער טהייל ליגענס, אום צו פֿערהערליכען דעם מאָנסטער.

אַבער אין דעם מאָמענט, ווען זיי זיינען געקומען אין אַזאַ פּאָזיציע, וועלכע האָט זיי געצוואונגען צו שטודירען די פֿראַגע טיעפֿער, אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבען זיך אַליין נעמוזט אונטערוואַרפֿען צו דער ברוטאַלער און גרויזאַמער דיסציפּלין, ווען זיי האָבען געמוזט רוהיג דערטראָגען די רויקייט און געמיינהייט פֿון די אָפֿיצירען, אָט אין דעם מאָמענט איז זייער רעספּעקט פֿערשוואונדען געוואָרען. זיי האָבען אָנגעהויבען אַרונטערצורייסען די מאַסקע פֿון דיזער שענדליכער אינסטיטוציאָן, צו קריטיקירען די זאָגענאַנטע „טוגענדען", וועלכע זיינען געוועזן אַזוי טהייער פֿאַר זייערע עלטערן, און מען האָט אָנגעהויבען פֿאָרצושטעלען די אָפֿיצירען און סאָלדאַטען אין זייער ריכטיגער געשטאַלט פֿאַר דער ברייטער מאַסע, אַלס ברוטאַלע שכורים און אונבעוואוסטע אויטאָמאַטען פֿון פֿלייש און בלוט.

זיכער, מען דאַרף אַליין פֿערברייגען אַ געוויסע צייט אין דיזעם גיהנם, אום צו פֿערשטעהען די אַלע ליידען און שמערצען, וועלכע אַ פֿיהלענדער מענש האָט דאָרטען איבערצוטראָגען; מען דאַרף אַליין אָנטהאָן די אוניפֿאָרמע, אום צו בעגרייפֿען, אַז זי בעדעקט ניט מעהר ווי אַן אָבגרונד פֿון געמיינהייט און אידיאָטיזם.

* * *

אין דעם מאָמענט, וואו איהר ציהט אָן די אוניפֿאָרמע, זייט איהר מעהר קיין מענש ניט, זאָנדערן אַ פּראָסטער אויטאָמאַט, וועלכע דאַרף געהאָרכען בלינדערהייט דעם בעפֿעהל פֿון זיין קאָמאַנדיר. איהר האָט אַ ביקס אין אייערע הענד, אָבער איהר מוזט רוהיג דערטראָגען די בעליידיגונג פֿון יעדען אָפֿיציר, וועלכער געפֿינט זיך אין אַ שלעכטער שטימונג אָדער וועלכער

האָט זיך אָנגעשכור'ט. און איהר מוזט שטיל שווייגען צו אַלע געמיינהייטען. אַ וואָרט, אַ בעוועגונג און אייער גאַנצעס לעבען איז רואינירט. אום צו דערשטיקען יעדען רעבעלישען אינסטינקט אין אייערע הערצער, יעדען זעלבסטשטענדיגען געדאַנק, לייענט מען אייך איבער יעדע וואָך די קריעגס-געזעצע און אין יעדער ציילע געפינט זיך דאָס וואָרט טויט! טויט!

נאָר ערגער פון אַלעס זיינען די אונזיניגע און לעכערליכע אינסטרוקציאָנען, די טויזענדער און טויזענדער אַבסורדע רעגלען, וועלכע אידיאָטיזירען איינפאַך דעם מוח פון אַ מענשען. אויב איהר האָט אַרויסגערופען דעם האַס פון אַן אָפיציר אָדער אַן אונטער-אָפיציר, דאַן וועט ער געפינען טויזענדער געלעגענהייטען צו פערביטערן אייך דאָס לעבען. אָפט מאָל איז גאָר ניט נייטיג, ער זאָל אייך פערזענליך פערהאַסען, זיין ברוטאַלער כאַראַקטער איז גענוגענד צו אונטעדדריקען אייך און צו בעליידיגען ביי דער קלענסטער געלעגענהייט, דערפאַר וואָס עס מאַכט איהם אַ פערגניגען. ווען מען גיט דעם סיגנאַל צום אַפעל, דאַרפט איהר זיך שטענדיג רעכענען מיט די ערגסטע אונאַנגענעמליכקייטען. אויב איין קנאָפ בלישטשעט ניט אַזוי ווי די אַנדערע, אויב עס געפינט זיך אַ שטויבעלע אויף אייער ראָק. פערשפאַרט מען אייך אין אַ דונקלען לאָך פאַר אייניגע טעג. מען קוקט איבער יעדע קלייניגקייט פון אייערע קליידער און אונטערזוכט אפילו אייערע אונטער-קליידער, און וועה איז צו אייך ווען מען געפינט עפעס ניט אין אָרדנונג.

אין די שלאָף-צימער פאַנגט זיך אָן אַן אַנדער געשיכטע. די שלעכטע בעטען מוזען יעדען פריהמאָרגען געמאַכט ווערען אַזוי „גלאַט ווי אַ בילאַרד-טיש", אַזוי לויטעט דער בעפעהל, וועלכער וואַרפט אַ שרעק אויף יעדען איינציגען. הונדערטער לעכערליכע און אונניצלעכע קלייניגקייטען, וועלכע האָבען קיין אַנדערן צוועק ניט ווי צו פערביטערן אייך דאָס לעבען, ווידער-האָלען זיך יעדען טאָג מיט דער לאַנגווייליגער רעגעלמעסיגקייט פון אַ וואַנד-זייגער.

די אינספעקציאָנען ענדיגען זיך קיינמאָל ניט. און שטענדיג

האָט איהר די זעלבע ווערטער: שוויין! עזעל! הונד! און אַנ־דערע ליבענס־ווירדיגקייטען. מען אינטערזוכט אייך, צי אייערע הענד און פיס זיינען ריין געוואַשען; נאָך מעהר: איינמאָל אין וואָך פינדעט שטאַט די זאָגענאַנטע „סאַניטערע אינספּעקציאָן", וואו דער בוטשער פון׳ם רעגימענט אונטערזוכט אייערע בעהאַל־טענסטע גלידער און אָרגאַנע. יעדעס פיינע געפיהל, יעדע דעליקאַטע געוואוינהייט ווערט פערניכטעט אין דער אַרמעע דורך דעם בעפעהל פון אייער קאָמאַנדיר.

* * *

די אַרמעע איז די שולע פון גלייכהייט, אזוי זאָגען אונז די פערטהיידיגער פון דער בורזשואַזיע. געווים, די גלייכהייט אין רויקייט און ברוטאַליטעט, אָבער דאָס איז ניט די גלייכהייט, וועלכע מיר פאָדערן.

אָבער די אינספּעקציאָנען, וועלכע שפּיעלען אַזאַ וויכטיגע ראָלע אים מיליטערישען לעבען, האָבען זיך נאָך ניט געענדיגט. יעדע דריי אָדער זעקס מאָנאַטען — איך גדיינק שוין מעהר ניט — פינדעט שטאַט אַ קיכען־אינספּעקציאָן דורך אירגענד אַן אָפיציר; יעדעס יאָהר אַן אַלגעמיינע אינספּעקציאָן דורך אַ גע־נעראַל.

צוויי וואָכען בעפאָר דער גענעראַל־אינספּעקציאָן, רייניגט מען אלע ווינקלאַך פון דער קאַזאַרמע, די קיכען און אַלע אַנ־דערע פלעצער. היינט האָט איהר אַן אינספּעקציאָן דורך דעם סערזשאַנט פון דער וואָך, מאָרגען קומט אַ קאַפּיטאַן, איבערמאָרגען אַ קאָלאָנעל און יעדער מאַכט אַ נייע אינספּעקציאָן.

ביי יעדער אינספּעקציאָן דאַרפט איהר אויסלייגען אויף׳ן בעט אייער ביסעל אָרעמקייט. פריהער פון אלעם דאַרפט איהר אויסשפּרייטען אַ טיכעל אויף׳ן בעט, וועלכעס מען האַלט עקסטראַ פאַר אַזעלכע געלעגענהייטען; נאָך דעם האָט איהר אויסצולייגען אייערע בערשטלאַך, אייער בעסטע פּאָר שיך, אייער העמד, וועלכע איהר דאַרפט פריהער צונויפוויקלען אויף אַ גאַנץ בעש־טימטען אופן, אייער היטעל, אייער נאָדעל־טעשעל, אייער קעסטעל שוה־וואַקס, אייער שערעל א. ז. וו.

כדי די אויסשטעלונג זאל זיין אין יעדער בעציהונג גלייכמעסיג, אזוי ווי דאס געזעץ פֿאדערט עס, זיינען איבעראל אויסגעהיינגט אילוסטרירטע אפֿישען אין דער קאזארמע, וואו איהר מוזט זיך יעדען מאמענט נאכקוקען, צי איהר האט אוועקגעלייגט אייער בערשטעל, אייער קעסטעל שוה־וואקס און אנדערע וויכטיגע זאכען גענוי אויף דעם זעלבען ארט. אויב ניט, וועט איהר באלד הערען א גאנצען האגעל פֿון קללות אין אייערע אויערען, ווען אייער אפֿיציר בעמערקט די אונארדנונג. איהר דארפֿט וויסען, אז דער טויט וואלט אפילו ניט געוועזען קיין צו שטרייגע שטראף פֿאר אזא מורא'דיגע נאכלעסיגקייט. שרעקליך, ווען אייער גענעראל ווערט אויסגעפֿינען, אז איהר האט אוועקגעשטעלט אייער קעסטעל שוה־וואקס אויף דעם ארט פֿון אייער בערשטעל. פֿאר איהם איז דאס ערגער ווי דער אונטערגאנג פֿון פֿראנקרייך.

* * *

ביי דיזע אינספעקציאנען צייגט זיך אם בעסטען ארויס די גייסטיגע פֿערשקלאפֿונג און אונטערלעקעריי פֿון די אונטער־אפֿיצירען און זאגאר פֿון די העכערע אפֿיצירען. אין דעם מאמענט, ווען מען סיגנאליזירט, אז דער גענעראל איז געקומען, דאן זעהט איהר ווי דיזעלבע אפֿיצירען, וועלכע קוקען אראב מיט פֿעראכטונג אויף יעדע פריוואט־פערזאן, מאכען זיך פלוצלונג אזוי קליין און בעהאלטען זיך געהארכזאם אונטער דעם רוקען פֿון דעם גענעראל, וועלכער אויב ער ליידעט ניט פֿון רעמאטיזם איז שטאלץ ביי זיך ווי דער טייוועל אליין! און זיינע אויגען! ווי א בליץ טרעפֿען זיי די קליינינקע מענשעלאך, וועלכע שטעהען אויסגעשטעלט, שטייף ווי די שטעקענס, פֿאר זייער גרויסען פֿיהרער. די אפֿיצירען זיינען אזוי ווי צומישט; א שרעקליכע זאך האט געטראפֿען. איינער פֿון די סאלדאטען האט א נאדעל צו ווייניג, אדער, פֿערגעסענדיג, אז די פֿערצעהן טעג האבען זיך שוין געענדיגט נעכטען, האט ער צוגעקנעפעלט זיין מאנטעל אויף דער רעכטער אנשטאט אויף דער לינקער זייט. דער קאלאנעל ווערט באלד דערשטיקט פֿון וואוטה, דער קאמאנדיר וויל ארויס־

שפּרינגען פֿון דער הויט פֿון גרים־צאָרן, דער קאַפּיטאַן ווערט גרין און געל, דער קאָרפּאָראַל אַליין זאָגט קיין וואָרט ניט, ער ווייסט, אַז יעדער איינציגער פֿון דעם סערזשאַנט אָן וועט איהם בעצאָהלען, דעם יונגאַטש.

* * *

אין דער צייט, ווען עס גיט ניט קיין אינספּעקציאָן, געוועהנליך אום שבת נאָכמיטאָג, כדי איהר זאָלט זיך ניט לאַנגוויילען, רופֿט מען אייך צו דער אַרבייט. מען הייסט אייך אַרומשפּאַצירען אין דעם הויף פֿון דער קאַזאַרמע און צונויפֿקלייבען אַלע שטיינער, וועלכע געפֿינען זיך דאָרט, נאָך דעם ווי איהר האָט פֿערבראַכט אַ שטונדע מיט דיזער אַנגענעהמער אַרבייט רופֿט מען אייך צוריק אין דער קאַזאַרמע. די קליינע שטיינער, וועלכע איהר האָט צונויפֿגעשאָטען אויף קליינע בערגלאַך, בלייבען ווייטער ליגען און וועהרענד דער וואָך צערשלעפּט מען זיי פֿון דאָס ניי איבער דעם גאַנצען הויף, כדי איהר זאָלט דעם נעכסטען שבת ווייטער קענען טהאָן דיזעלבע אַרבייט. דאָס מיליטערישע האַנד־ווערק ווימס פֿון אַסך אַזעלכע גייסטרייכע בעשעפֿטיגונגען.

און ווען עס ווערט נאַכט און איהר פֿיהלט אין אייך דעם וואונש זיך דורכצורעדען אַביסעל מיט אייערע ליידענס־ברידער, דאַן וועט איהר באַלד אויסגעפֿינען, אַז זייער אונטערהאַלטונג איז זיכער ניט געמאַכט צו ענטוויקלען אייערע מאָראַלישע געפֿיהלען און אַרויסצורופֿען נאָבעלע געדאַנקען אין אייערע מוחות. אָט זעהט איהר אַ גרופּע פֿון אייערע קאַמעראַדען, וועלכע קייקלען זיך פֿון געלעכטער. איהר ערוואַרטעט, אַז איהר וועט דאָרט הערען עפּעס אַן אינטערעסאַנטע זאַך און געהט צו צו זיי; נאָר וואָס געפֿינט איהר? עפּעס אַן אידיאָט דערצעהלט שמוציגע געשיכטען, וועלכע זיינען ניט ניי און האָבען ניט אין זיך .קיין וויציגען אינהאַלט. איהר געהט צוריק אין געפֿינט אַן אַנדער גרופּע פֿון ברוטאַלע בעשעפֿניסע, וועלכע קענען ניט קיין אַנדער פֿערגניגען, ווי נאָך אַמאָל איבערצודערצעהלען די אַלע שווינערייען, וועלכע זיי האָבען בעגאַנגען, אָדער וועלכע זיי דיינקען

צו בעגעהן מיט די לעצטע פּאָר גראָשען, וועלכע זייערע עלטערן האָבען זיך אָבגעשפּאָרט פֿון מויל, אום זיי צו אונטערשטיצען.

* * *

געוועהנליכע שמוצעריי און מאָראַלישע פֿערדאָרבענהייט, דאָס איז אַלעס, וואָס איהר קענט געפֿינען. פֿערזוכט ניט צו רעדען פֿון עפּעס אַנדערס, מען וועט אייך זיכער ניט פֿערשטעהן. עסען און ווייבער און ווייבער און עסען, דאָס זיינען די איינציגע פֿערגניגונגען, וועלכע מאַכען אַן איינדרוק אויף דיזע מענשען. און דאָך וואונדערט מען זיך נאָך, ווען פֿיעלע פֿון דיזע יונגע לייט, וועלכע האָבען פֿערבראַכט דריי יאָהר אין דער קאַזאַרמע, קומען צוריק, פֿאַרטיג צו ווערען זשאַנדאַרמען, פּאָליציסטען אָדער שפּיאָנען. די אַרמעע איז ניט אַנדערס ווי אַ שולע פֿון קאָרופּציאָן; זי קען מעהר ניט אַרויסגעבען ווי שפּיאָנען, פֿוילענצער און שכירים. די צאָהל פֿון די, וועלכע זיינען ניט בעאיינפֿלוסט געוואָרען פֿון דיזער דריי יעהריגער ברוטאַליזירונג, איז זעהר אַ קליינע, און אפילו ביי זיי קען מען נאָך לאַנג דערנאָך בעמערקען די שלעכטע ווירקונגען פֿון דער אַרמעע.

אַך, דיזע ברוטאַלע און אָבשייליכע דיסציפּלין, וועלכע פֿערניכטעט אַ מענשען פֿאָלשטענדיג, דערשטיקט זיין גייסט, קאָרומפּירט זיין כאַראַקטער און צערשטערט זיין ווילען! און צו דיזער שרעקליכער אינסטיטוציאָן פֿון קאָרופּציאָן און ברוטאַליטעט גיט מען איבער אַ יונגען מאַן, וועלכער זוכט צו ענטוויקלען זיינע געפֿיהלען פֿון שעהנהייט און וואַהרהייט, אַ מענש, וועמענס קראַפֿט עס איז נאָך ניט רייף געוואָרען אין דעם טעגליכען קאַמפּף פֿון לעבען און וועמענס מוח עס פֿאָדערט וואָס מעהר גייסטיגע נאַהרונג! די מיליטער־ישע דיסציפּלין ליעגט ווי אַ שווערע לאַסט אויף זיין מוח און דערשטיקט זיינע אינטעלעקטועלע פֿעהיגקייטען. יעדער געדאַנק, יעדע בעוועגונג ווערט מעכאַניש, אפילו זיין האַרץ קלאַפּט נאָך דעם ריטמוס פֿון דער דיסציפּלין. און נאָך דעם ווי אַזאַ יונגער מענש איז דריי יאָהר געשטאַנען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דער מיליטערישער היעראַרכיע בלייבט

פֿון איהם מעהר ניט איבער ווי אַ שמאַטע, אַ צובראָכענער כאַראַקטער, אויב ער איז ניט אין גאַנצען פֿערניכטעט געוואָרען.

* * *

מיר האָבען געזעהן, גרויזאַמער בורזשואַ, אַז דאָס פֿאָטער־לאַנד צו ווענמענס פֿערטהיידיגער איהר ווילט אונז מאַכען, איז ניט מעהר ווי די אָרגאַניזאַציאָן פֿון אייערע פּריווילעגיעס; אַז דער מיליטאַריזם, וועלכען איהר פּריידיגט אַלס אַ פֿליכט פֿאַר אַלעמען, איז אויסשליסליך געשאַפֿען געוואָרען פֿאַר אייער איינציגע פֿערטהיידיגונג, און די גאַנצע אונגעהייערע לאַסט פֿון דיזער אינסטיטוציאָן ליעגט אויף די שולטערן פֿון די, געגען וועלכע זי איז געריכטעט. דער מיליטאַריזם האָט דער בורזשואַזיע געגעבען די מעגליכקייט צו פֿערשאַפֿען איהרע מיטגלידער אין דער אַרמעע גוטע און עהרענפֿאָלע שטעלונגען, צו געבען זיי די אויסזיכט פֿאַר אַ קאַריערע, און אין דערזעלבער צייט איז ער אַ מיטעל צו ענטוויקלען די קראַנקהאַפֿטע אַמביציע פֿון די, וועלכע האָבען זיך אין גאַנצען פֿערגעסען אָן די קלאַסע, פֿון וועלכער זיי זיינען אַרויסגעקומען, און שפּילען יעצט די ראָלע פֿון וועכטער־הינט.

וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָבען פֿאַר אונז אייער פֿאָטערלאַנד, אייערע גרענעצען? אייער פֿאָטערלאַנד עקספּלואַטירט אונז, אייער זאָגענאַנטע נאַציאָנאַליטעט איז פֿאַר אונז אַ פֿרעמדער בעגריף. מיר זיינען מענשען, בירגער פֿון דער גאַנצער וועלט. אַלע מענשען זיינען אונזערע ברידער, און אונזערע איינציגע פֿיינדע זיינען אונזער בעהערשער, די, וואָס בייטען אונז אויס, די, וואָס פֿער־הינדערן אונז אין דער פֿרייער ענטוויקלונג פֿון אונזערע קרעפֿטע און פֿעהיגקייטען. מיר ווילען ניט זיין לענגער ווי אַ שפּיעלצייג אין אייערע הענד, די פֿערטהיידיגער פֿון אייערע פּריווילעגיעס! מיר ווילען מעהר ניט דולדען די ערנידעריגונג פֿון אונזער מענשליכער ווירדע דורך דעם ברוטאַלען מיליטאַריזם, דאָס שענד־ליכע יאָך פֿון אייער אונמענשליכער דיסציפּלין! מיר ווילען אויפֿהויבען דעם קאָפּ און זיין פֿרייע מענשען!

* * *

און איהר, אָרִימע טייוואָלים, וואָס מען האָט אייך אויסגעקליבען צו טראָגען אויף זיך דעם יאָך פֿון די מיליטערִישע געזעצע, איהר, וואָס איהר האָט שוין מאַנכעס מאָל געלעזען אין די צייטונגען פֿון די אונגערעכטיגקייטען, וועלכע ווערען בעגאַנגען יעדען טאָג אין נאָמען פֿון דיסציפּלין איהר, וואָס האָט געוויס שוין געהאַט אַ געלעגענהייט צו הערען די טרויעריגע געשיכטע פֿון יענע אָפּפֿער, וועלכע האָבען געליטען פֿון יענע געמיינהייטען, דיינקט איהר ניט, אַז עס איז צייט אַ ביסעל נאָכצודיינקען איבער דאָס לעבען, וועלכעס איהר האָט צו ערוואַרטען אין דער קאַזאַרמע? און איהר אַלע, וועלכע האָט ביז אַהער נאָר קענען געלערנט דאָס מיליטערישע לעבען דורך די בעגייסטערטע בעשרייבונגען פֿון די פּאָעטען, בעגרייפֿט איהר דען ניט דעם שענדליכען שווינדעל פֿון דיזע בורזשואַזע שרייבער, וועלכע פֿערהערליכען אין אַלע קאָלירען די „מיליטערישע טוגענד", די „עהרע פֿון דעם סאָלדאַט", די „גרויסקייט פֿון דעם קריעגער"? געהט נאָר, איהר אָרעמע טייוואָלים, און אָפּפֿערט די בעסטע יאָהרען פֿון אייער לעבען אין די קאַזאַרמען, אין די שולען פֿון קאָרופּציאָן, דערפֿאַר וואָס מען האָט אייך פֿערדרעהט דעם קאָפּ מיט דאָס וואָרט „פֿאָטערלאַנד" אָדער ווייל איהר האָט מורא פֿאַר דעם קריעגס־געריכט. געהט, און זעהט אַליין וואָס איהר האָט צו ערוואַרטען!

אויב איהר ווילט אָבמאַכען אייערע דריי יאָהר אָהן אַן אונגליק, דאַן לאָזט איבער אין דרויסען יעדעס געפֿיהל, יעדען אינסטינקט פֿון מענשליכער ווירדע; מעקט אויס אין אייערע הערצער יעדעס געפֿיהל פֿון אונאַבהייניגקייט, דען די מיליטערישע „טוגענד" און „עהרע" פֿאָדערט פֿון אייך, איהר זאָלט מעהר ניט זיין ווי איינפֿאַכע אויטאָמאַטען צו טויטען אייערע מיטמענשען, פּאַסיווע אידיאָטען! וועה איז צו אייך, אויב איהר האָט נאָך בעהאַלטען אייערע הערצער אונטער דער יוניפֿאָרמע, דאָס קלענסטע געפֿיהל פֿון שטאָלץ קען זיין פֿאַר אייך דאָס גרעסטע אונגלוק!

* * *

ווען אַ פֿער׳שכור׳טער אונטער־אָפֿיציר בעליידיגט אייך, דאַן זייט פֿאָרזיכטיג מיט יעדער בעוועגונג און דערשטיקט אין אייך יעדעס רעבעלישע געפֿיהל; אָנשטאָט צו געבען דעם בע־ליידיגער אַ פּאַטש אין פּנים, לעגט בעסער די האַנד אָן אייער היטעל און סאַלוטירט איהם, און אויב איהר קענט זיך ניט איינ־האַלטען, דאַן ענטפֿערט איהם: „איהר זייט גערעכט!" נאָר טהוט עס בעסער ניט, ווייל יעדעס וואָרט, יעדע בעוועגונג, דער קלענסטער סימן פֿון אויפֿרעגונג קען בעטראַכטעט ווערען אַלס אַ פֿערשפּאָטונג פֿון דער מיליטערישער אויטאָריטעט און מען וועט אייך בעשטראָפֿען, ווייל איהר האָט ניט בעוויזען קיין רעס־פּעקט פֿאַר אייער אָפֿיציר. ווי מען זאָל אייך ניט בעליידיגען, דאַרפֿט איהר בלייבען שטום און טויב. שטייף ווי אַ שטעקען מוזט איהר שטעהן פֿאַר אייער בעליידיגער און רוהיג אויסהערען די שענדליכסטע געמיינהייטען. וועט איהר עס טהון? וועט איהר ניט געבען קיין פֿינטעל מיט די אויגען? — ניין? בראַוואָ! איהר וועט זיין גוטע סאָלדאַטען. אָט אַזעלכע בהמות דאַרף דאָס פֿאָ־טערלאַנד אַלס זיינע פֿערטהיידיגער.

* * *

אָבער אפשר וועט איהר פֿרעגען: „און ווען מיר קענען ניט בלייבען רוהיג? ווען עס איז אונמעגליך פֿאַר אונז צו שווייגען אויף די בעליידיגונג?"

דאַן גיט עס פֿאַר אייך נאָר איין מיטעל: שטעלט ניט אַריין אייער פֿוס אין יענעם שענדליכען פּלאַץ, וואו מען קאָרומפּירט און ערנידעריגט די מענשען! אויב איהר ווילט בלייבען מענשען, דאַרפֿט איהר ניט זיין קיין סאָלדאַטען! אויב איהר ווילט ניט דערטראָגען די שענדליכסטע געמיינהייטען, דאַרפֿט איהר ניט אָנטהאָן די יוניפֿאָרמע. אָבער ווען איהר זייט טראָץ דעם געוועזען אַזוי אונפֿערנינפֿטיג צו געהן אין דער קאַזאַרמע, און איהר קומט אין אַ לאַגע, ווען איהר קענט אייך מעהר ניט איינהאַלטען — דאַן בעליידיגט ניט און שלאָגט ניט אייער אָפֿיציר...!

שפּאַלט איהם דעם קאָפּ! עס וועט אייך ניט קאָסטען טהייערער.

די קאלאניזאציע.

די קאָלאָניזאַציע פֿערנעהמט אַ צו גרויסען פּלאַץ אין דער היינטיגער עפּאָכע, אַז מיר זאָלען זיך ניט דאַרפֿען בעשעפֿטיגען מיט דיזען פֿאַלשען קינד פֿון פּאַטריאָטיזם און קאָמערציאַליזם, וועלכעס איז אין דער ווירקליכקייט ניט אַנדערש ווי רויבעריי און גנבה מיט די וואַפֿען אין דער האַנד צו גונסטען די הערשענדע קלאַסען.

ווען אַ פּריוואַט-פּערזאָן דרינגט אַריין אין דאָס הויז פֿון זיין שכן, צוברעכט דאָרטען אַלצדינג און נעהמט צו, וואָס ער געפֿינט נאָר פֿאַר זיין אייגענעם נוצען, דאַן רופֿט מען איהם אַ פֿערברעכער און די געזעלשאַפֿט בעשטראָפֿט איהם. אָבער ווען אַ רעגירונג, וועלכע געפֿינט זיך אין אַ קריטישען אינערליכען צושטאַנד, אַ צושטאַנד, וועלכער פֿאָדערט אַן אויסערליכע אָבציהונג, אויב זי האָט אין דערהיים צו פֿיעל לײדיגע הענד און ווייס ניט וואָס צו טהאָן מיט זיי אָדער צו פֿיעל פּראָדוקטע און ניט קיין מעגליכקייט זיי צו פֿערקויפֿען, אָט ווען אַזאַ רעגירונג פֿאַנגט אָן אַ מלחמה מיט אַ פֿאָלק, וואָס איז פֿיעל שוואַכער פֿון איהר, ווען זי נעהמט צו אַ פֿרעמדעס לאַנד, פֿיהרט איין דאָרטען אַ סיסטעם פֿון עקספּלאָאַטאַציע, צווינגט די איינוואוינער צו קויפֿען איהרע פּראָדוקטע און שלאַכטעט זיי אויס, אויב זיי ווילען ניט אָננעהמען אַזאַ סיסטעם, דאַן רופֿט מען דאָס ניט אָן אַ פֿערברעכען, זאָנדערן אַ מאָראַלישע האַנדלונג. מיט איין וואָרט, ווען די גנבה ווערט בעגאַנגען אויף אַ גרויסען שטייגער, דאַן רופֿט מען עס ניט רויב און מאָרד, ניין, די געזעלשאַפֿט האָט ערפֿונדען אַן אַנדער וואָרט, אום צו בעהאַלטען נידערטרעכטיגע

האנדלונגען אונטער אַן עהרליכען נאָמען; מען רופט עס „ציוויליזירען" די הינטערשטעליגע פעלקער.

* * *

און דיינקט ניט, אַז דאָס איז איבערטריבען! קיין נאַציאָן ווערט ניט געאַכטעט אַלס קאָלאָניזאַטאָר, אויב זי פערשטעהט ניט אַרויסצושלעפען פון אַ לאַנד דאָס מייסטע, וואָס עס לאָזט זיך נאָר אַרויסשלעפען. ענגלאַנד צ.ב.ש., האָט אַ נאָמען פאַר אַ גוטע קאָלאָניאַל-לאַנד, דערפאַר וואָס זי פערשטעהט צו „בעלוינען" איהרע קאָלאָניען דורך דעם וואָהלשטאַנד פון די, וועלכע זי שיקט אַרויס צו רעגירען זיי און רעגעלמעסיג אַרויסצופּרעסען פון זייערע איינוואוינער די נייטיגע אָבגאַבען. אין אינדיען צ.ב.ש. זעהען מיר, אַז די ענגלישע רעגירער קלייבען זיך צונויף קאָלאָסאַלע פערמעגענס. דאָס לאַנד אַליין ווערט פון צייט צו צייט איבערפאַלען פון שרעקליכע הונגער-עפּידעמיעס, וועלכע פערניכטען הונדערט טויזענדער מענשען. אָבער וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען אַזעלכע קלייניגקייטען, אַזוי לאַנג ווי דזשאָהן בול קען פערקויפען זיינע פּראָדוקטע און בעקומט דערפאַר צוריק מיט פּראָצענט אַלעס דאָס, וואָס ענגלאַנד אַליין קען ניט פּראָדוצירען! אָט דאָס איז דאָך דער פּראָפיט פון דער ציוויליזאַציאָן.

אין פראַנקרייך איז די זאַך אַביסעל אַנדערס; מיר זיינען ניט קיין קאָלאָניזאַטאָרס נאָר דאָס מיינט פאַר קיין פאַל ניט, אַז מיר זיינען אפשר קלענערע באַנדיטען, און אַז מיר עקספּלאָאַטירען ניט אַזוי שטאַרק די איינוואוינער פון אונזערע קאָלאָניעס; ניין, מיר זיינען נאָר ניט אַזוי „פּראַקטיש" ווי די ענגלענדער. אָנשטאָט צו שטודירען די פעלקער, קאָנצענטרירען מיר אונזער גאַנצען אינטערעס אויף די עראָבערונג און שטיצען זיך אויסשליסליך אויף די ברוטאַלע געוואַלט; מיר פיהרען איבעראַל איין דעמזעלבען רעזשים ווי ביי אונז אין דערהיים, און אויב די פרעמדע פעלקער און שטאַמען קענען זיך ניט צופּאַסען דערצו, דאַרפען זיי טראַגען די קאָנסעקווענצען. זיי ועלען ביסלעכווייז אונטערגעהן אונטער דעם ברוטאַלען איינפלוס פון אונזער פערוואַלטונג, צו וועלכער זיי זיינען ניט צוגעוואוינט. און אויב זיי

הויבען אָן צו רעוואָלטירען, וועלען מיר זיי יאָגען ווי ווילדע חיות און דערשיסען ווי משוגע׳נע הינט. מאָרד און פּלינדערונג זיינען אין אַזאַ פֿאַל ניט נאָר ערלויבט, זאָנדערן יאָגאַר אַ פּפֿליכט; מען רופֿט דאָס אָן אַ „שטראָף־עקספּעדיציע.״

די ווילדע חיות, וועלכע מיר ערציהען און האַלטען אויף אַלם אונזערע „סאָלדאַטען״, ווערען אָנגעהעצט אויף וועהרלאָזע מענשען און האָבען דאָס רעכט צו בעגעהן די שענדליכסטע פֿערברעכען. מען פֿערגוואַלטעיוועט פֿרויען, שניידט איבער די העלזער פֿון זייערע קינדער, פֿערברענט גאַנצע דערפֿער און טרייבט זייערע איינוואוינער אין ערגעץ אַ וויסטע געגענד, וואו זיי געהען צו גרונדע אויף אַ שרעקליכען אופֿן. נאָר דאָס אַלעס שפּיעלט ניט קיין ראָלע; יעדער ווייס, אַז דאָס איז אַ געבילדעטע נאַציאָן, וועלכע מאַכט בעקאַנט די ווילדע מיט דער ציוויליזאַציע.

*
* *

פֿערשטעהט זיך, ווען מיר קוקען מיט אויפֿמערקזאַמע אויגען אויף אַלעס, וואָס רינגעלט אונז אַרום, וועלען מיר אין דיזע אַלע ברוטאַליטעטען ניט זעהן קיין אויסערגעוועהנליכע און אונפֿערנינפֿטיגע ערשיינונגען; ס׳איז איינפֿאַך די פֿאָלגע פֿון אונזער יעצטיגער אָרגאַניזאַציאָן; און עס איז גאַנץ נאַטירליך, דאָס אַזעלכע „העלדען־טהאַטען״ רופֿען אַרויס דעם בייפֿאַל פֿון דער גאַנצער בורזשואַזער וועלט. די בורזשואַזיע איז פֿעראינטערעסירט אין אַזעלכע רויבערייען; דאָס איז אַ גוטע רעכטפֿערטיגונג פֿאַר די נויטווענדיגקייט פֿון די שטענדיגע אַרמעען, און די יוניפֿאָרמירטע מערדער בעקומען דאַדורך אַ געלעגענהייט צו טהאָן אַן ערנסטע „אַרבייט״. און אויסערדעם זיינען די אַרמעען זעהר אַ גוטע איינריכטונג, אום פּטור צו ווערען פֿון אַ סך אידיאָטען און ווערטהלאָזע פּערזאָנען, מיט וועלכע די בורזשואַזיע וואָלט זיך געדאַרפֿט רעכענען; אָבער מיט דער הילפֿע פֿון אַ יוניפֿאָרמע און אַ פּאָר גילדענע צאַצקעס זיינען זיי געוואָרען איהרע פֿאַנאַטישסטע פֿערטהיידיגער. אַזעלכע ערֹאָבערונגען פֿערלייכטערן די אויספֿיהרונג פֿון אַ גאַנצער סעריע פֿון פֿינאַנציעלע שווינדלערייען, זיי גיבען אַ מעגליכקייט אַרויסצובעקומען די אָבגעשפּאָרטע געל־

דער פֿון די קליינע געשעפֿטס־לייט פֿאַר צווייפֿעלהאַפֿטע אונ־טערנעהמונגען; און אין דערזעלבער צייט קען מען מאָנאָפּאָליזירען דאָס געטרייבטע לאַנד פֿון די בעזיעגטע. און נאָך אַ זאַך: דורך דיזע צייטענווייזע מלחמות ווערען אויסגעשלאַכט אַסך אַרבייטער, און דאָס איז זיכער גוט פֿאַר אונזערע קאַפּיטאַליסטען, ווייל זייער גרויסע צאָהל איז אַ שטענדיגע געפֿאַהר אין דער צייט פֿון אַ קריזיס. דאָס עראָבערטע לאַנד דאַרף האָבען אַ פֿערוואַלטונג, און דאָס איז אַ גוטע געלעגענהייט פֿאַר אַ גאַנצע אַרמעע פֿון גע־שעפֿטס־פּאָליטיקער און אמביציאָנעלע פּערזאָנען; אויף אַזאַ מין אַרט געווינט די בורזשואַזיע נייע סימפּאַטיזירער, ווייל דיזעלבע מענשען וואָלטען אפשר געוועזען אַ הינדערנים אויף איהר וועג, ווען זי וואָלט זיי ניט געגעבען גוטע שטעלונגען.

און נאָך מעהר: אַמ גיט עס נייע מענשען צו אונטערדריי־קען און עקספּלואַטירען, נייע פֿעלקער, וועלכע מען קען צווינגען צו קויפֿען די איבערפֿליסיגע פּראָדוקטען און וועלכע מען קען אויסראָטען ביסלעכווייז, ניט דאַרפֿענדיג אָבגעבען קיינעם קיין רעכנונג דערפֿאַר. ווען עס האַנדעלט זיך אום אַזעלכע פּראָפֿיטען, קען זיך די בורזשואַזיע ניט אָבשטעלען; די פֿראַנצייזישע קאַפּי־טאַליסטען האָבען דאָס גוט פֿערשטאַנען און דערפֿאַר וואַרפֿען זיי זיך מיט זייער גאַנצער ענערגיע אויף די קאָלאָניאַלע אונ־טערנעהמונגען.

אָבער וואָס עס איבערראַשט אונז אַם מייסטען און שלאָגט אונז אַראָב פֿון מוטה, איז דער פֿאַקט, אַז עס גיט נאָך אַלס אַרבייטער, וועלכע אונטערשטיצען דיזע נידערטרעכטיגקייטען, אַרבייטער, וועלכע זיינען פֿאַרטיג צוצולייגען אַ האַנד צו דיזע שופֿטערייען, און וועלכע ווילען פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿערשטעהן, אַז עס איז אַ מורא'דיגע אונגערעכטיגקייט אויסצושלאַכטען מענשען אין זייער אייגענער היים, כדי זיי צו צווינגען צו לעבען אויף אַזאַ שטייגער, וועלכער איז ניט נאַטירליך פֿאַר זיי. אַך, מיר ווייסען שוין דעם ענטפֿער, וועלכען מען האָט צוגעגרייט פֿאַר די, וועלכע עמפּעהרען זיך געגען אַזעלכע גרויזאַמע אונגע־רעכטיגקייטען: „זיי האָבען זיך אויפֿגעהויבען געגען אונז, זיי

האָבען געטויטעט די אונזעריגע. עס איז אונמעגליך, מיר זאָלען זיי שווייגען דערפאַר... נאָך אַלעם דעם זיינען עס מעהר ניט ווי ווילדע, וועלכע מען דאַרף ציוויליזירען... די נויטווענדיגקייטען פון׳ם האַנדעל פאָדערן עס... מעגליך, אַז עס איז געווען אַן אונרעכט פון אונזער זייט, וואָס מיר זיינען געגאַנגען צו זיי; אָבער די קאָלאָניען האָבען אונז שוין אָבגעקאָסט אַזוי פיעל געלד און מענשען, אַז עס וואָלט געווען אַ לעבערליכקייט זיי אָבצוזאָגען א.ז.וו.א.ז.וו.״

„זיי האָבען זיך אויפגעהויבען געגען אונז, זיי האָבען געטויטעט אונזערע מענשען!״ נו, איז וואָס? וואָס האָבען מיר געהאַט צו זוכען ביי זיי? פאַר וואָס האָבען מיר זיי ניט געלאָזט צופריעדען? האָבען זיי עפּעס געפאָדערט פון אונז? מיר האָבען זיי געצוואונגען אָנצונעהמען געזעצע, וועלכע זיי האָבען ניט געוואָלט אָננעהמען; זיי האָבען זיך אויפגעהויבען דאַגעגען, און זיי זיינען געווען גערעכט. אַלס ערגער פאַר די, וועלכע זיינען געפאַלען אין קאַמפּף, ווער האָט זיי געהייסען נעהמען אַן אַנטהייל אין אַזעלכע נידערטרעכטיגקייטען?

„אָבער עס זיינען דאָך ווילדע, מען דאַרף זיי ציוויליזירען!״ לעזט נאָר איבער די בלוטיגע געשיכטע פון די עראָבערונגען, און דאַן אורטהיילט אַליין, ווער עס איז געווען ווילדער, צי די, וועלכע מען האָט גערופען ווילדע, צי די „ציוויליזירטע״? ווער האָט מעהר נויטווענדיג מען זאָל איהם ציוויליזירען, דער עראָבערער אָדער די פריעדליכע איינוואוינער, וועלכע האָבען מייסטענטהיילס עמפּפאַנגען זייערע אונטערדריקער מיט אָפענע אָרעמס, כדי מען זאָל זיי שפּעטער דערפאַר מאַרטערן און אויסשלאַכטען? נעהמט די געשיכטע פון דער עראָבערונג פון אַמעריקאַ דורך די שפּאַניער, אָדער פון אינדיען דורך די ענגלענדער, אָדער פון נאָרד-אַפריקאַ, קאָשינשינאַ און טאָנקין דורך די פראַנצויזען, און אויב איהר האָט דעם מוטה, מעגט איהר זיך ווייטער בעריהמען מיט אייער ציוויליזאַציאָן. און פערגעסט ניט, אַז אין דיזע היסטאָריעס קענט איהר נאָר געפינען די „גרויסע פאַקטען״, אָבער נאָך דעם מעגט איהר זיך מאַכען אַ בילד פון די „קליינע פאַ-

סירונגען", וועלכע שטעלען צונויף די גרויסע, און וועלכע מען בעמערקט אפילו ניט; און ווען איהר וואלט זיך ערשט דערוואוסט פון די אלע שענדליכקייטען, וועלכע מען זעהט ניט ארויס צווישען די גרויסע היסטארישע פאקטען, זייט זיכער, אז די הערצער וואלטען אייך פערפראָרען געוואָרען פון אזעלכע גרויזאמע מערדערייען.

* * *

מיר פון אונזער זייט, פערברייגענדיג א געוויסע צייט אין אן אבטהיילונג פון דער מארינע־אינפאנטעריע, האבען אליין אסך מאל געהערט דערצעהלען פון אזעלכע סצענען, וועלכע בעווייזען, אז ווען דער סאלדאט געפינט זיך אין אן עראָבערטען לאנד, פיהלט ער זיך דאָרטען אלס אן אבסאָלוטער זעלבסהערשער; ער קוקט אויף די איינוואוינער אזוי ווי אויף בהמות, מיט וועלכע ער קען טהאָן און לאָזען אנדערע טהאָן וואָס עס פערגלוסט זיך איהם; ער האָט דאָס רעכט צוצונעהמען אלצדינג, וואָס עס געפעלט איהם; און וועה איז צו דעם איינוואוינער, וועלכער וויל זיך ניט אונטערגעבען, ער וועט איהם באלד בעווייזען, אז דער שווערד איז דאָס איינציגע געזעץ. דיזעלבע אינסטיטוציאָן, וועלכע פערטהיידיגט דאָס אייגענטהום אין איראָפּא, אָנערקענט ניט דאָס אייגענטהום אין אנדערע לענדער. דער געוועהנליכער סאָלדאט ווערט אין יעדער בעציהונג קוראזשירט אין זיינע האנדלונגען דורך דעם ביישפיעל פון זיינע אָפיצירען און דורך דער פערוואלטונג, וועלכע גיט איהם אליין דעם שטעקען אין האנד און מאכט איהם צום אויפזעהער פון די איינגעבאָרענע, וועלכע זי בעשעפטיגט.

ווי פיעל אָבשטויסענדע האנדלונגען דערצעהלט מען אייך גאנץ נאאיוו, אָקוראט ווי עס וואָלט זיך געהאנדעלט וועגען גאנץ נאטירליכע פאסירונגען! און אויב איהר דערוועגט זיך צו בעמערקען, אז אן איינגעבאָרענער, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען און געטויטעט זיין אונטערדריקער, איז געוועזען פאָלקאָמען גערעכט, דאן זאָלט איהר הערען, מיט וואָס פאר א געשריי מען ענטפערט אויף אייערע ווערטער. „וואָס? אזוי לאנג ווי מיר זיינען די

הערערן און רעגירער, דאַרפֿען זיי אונז געהאָרכען! אויב מיר וואָלטען זיי געלאָזט אָנגעהן אויף זייער אייגענעם שטייגער, וואָלטען זיי זיך אויפֿגעהויבען און אונז אַוועקגעטריבען פֿון דאַנען. איהר הערט אַ געשיכטע? נאָך דעם ווי פֿראַנקרייך האָט געאָפּ־פֿערט אַזוי פֿיעל געלד און מענשען, זאל זי פֿערלירען די קאָלאָ־ניען. אויף אזאַ מין אַרט וואָלט זי באַלד אין גאַנצען געווען אָהן קאָלאָניען!"

אָט האָט איהר אַ ביישפּיעל, אויף ווי וויט די מיליטערישע דיסציפּלין און ברוטאַליטעט האָט קאָרומפּירט די מוחות פֿון די אַרבייטער. זיי אַליין דערטראָגען דיזעלבע אונגערעכטיגקייטען, דיזעלבע שענדליכקייטען און זיי העלפֿען מיט בעגליקען מיט דעם אַנדערע, און זיי בעגרייפֿען אפילו ניט די נידערטרעכטיג־קייט פֿון זייערע האַנדלונגען. זיי זיינען ניט מעהר ווי די אונבע־וואוסטע ווערקצייג פֿון'ם דעספּאָטיזם און בעריהמען זיך נאָך מיט דער טרויעריגער ראָלע, וועלכע זיי שפּיעלען, ניט פֿערשטע־הענדיג די אַלע שענדליכקייטען און געמיינהייטען.

* * *

וואָס אָנבעלאַנגט די „נויטווענדיגקייט פֿון'ם האַנדעל", איז דער אמת'ער מאָטיוו דער: די קאַפּיטאַליסטען, זייענדיג איבער־פֿלייצט מיט פּראָדוקטען, וועלכע זיי קענען ניט פֿערקויפֿען, האָבען ניט קיין בעסערען מיטעל, ווי נאָר צו האַלטען מלחמה מיט אָרימע טייוואַלים, וועלכע האָבען אפילו ניט די קראַפֿט זיך צו פֿערטהיידיגען, כדי זיי צו צווינגען צו קויפֿען די פּראָדוקטען. עס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז מען וואָלט זיך געקענט פֿערשטענדיגען מיט זיי; עס וואָלט געווען אַ לייכטע זאַך צו אָרגאַניזירען מיט זיי אַ געגענזייטיגען אויסטויש פֿון די פּראָדוק־טען, און ווען די קאַפּיטאַליסטישע סחורות וואָלטען אפילו קיין שום ווערטה ניט געהאַט, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געוואָרפֿען אין די אויגען, וואָלט מען געקענט אַלצדינג אַרויסבעקומען פֿון דיזע פרימיטיווע פֿעלקער און געמאַכט גלענצענדע פּראָפֿיטען. איז דאָס דען ניט געווען דער פֿאַל, איידער מען האָט אָנגעהויבען צו עראָבערן דעם „שוואַרצען קאָנטינענט"? האָבען מיר דען ניט

געהאַט קיין פֿערבינדונגען דורך די שטאַמען ביי'ן ברעג ים מיט די שטאַמען, וועלכע האָבען געלעבט טיעפֿער אין לאַנד? און האָבען מיר דען ניט געקראָגען דיזעלבע פּראָדוקטען, וועלכע מיר בעקומען היינט?

געוויס, מעגליך וואָלט עס געווען, אָבער אָנצוגעהן אויף אַזאַ'ן אופן פֿאָדערט צייט און געדולד; מען קען ניט מאַכען קיין געשעפֿטען אויף אַ גרויסען שטייגער, און מען דאַרף זיך רעכענען מיט דער קאָנקורענץ. „דער קאָמערץ מוז בעשיצט ווערען!" און מיר ווייסען, וואָס דאָס מיינט: מען שיקט אַוועק צוויי אָדער דריי קריעגס־שיפֿען, אַ האַלבען דוצענד טאָרפּעדאָס, אַן אָבטהיילונג מיליטער — און די ציוויליזאַציאָן פֿאַנגט זיך אָן! מיר האָבען בעזיעגט אַ שטאַרקעס, קרעפֿטיגעס און געזונטעס פֿאָלק; אין פֿערציג אָדער פֿופֿציג יאָהר אַרום האָב'ען מיר געמאַכט פֿון זיי אַ סטאַדע פֿון בלוט־אָרימע, מיסהאַנדעלטע און עלענדע בעשעפֿניסע; אַ העלפֿט פֿון זיי זיינען שוין געשטאָרבען, די אַנדערע זיינען קאָרומפּירט און דעגענערירט, נאָך אַ קורצע צייט און זיי וועלען אין גאַנצען פֿערשווינדען, און די ציוויליזאַציאָן איז פֿאַרטיג מיט איהר אַרבייט!

* * *

אויב אימיצער צווייפֿעלט אפשר אין דער וואַהרהייט פֿון דיזער בעהויפּטונג, דאַרף ער בלויז לעזען די בעריכטען פֿון די רייזענדע איבער דעם צושטאַנד פֿון די לענדער, וועלכע די אייראָפּעער האָבען עראָבערט: איבעראַל זעהען מיר, אַז די צאָהל פֿון די איינגעבאָרענע ווערט קלענער און פֿערשווינדעט צולעצט אין גאַנצען; שכרות, סיפֿילים און אַנדערע געשענקע פֿון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציאָן פֿערניכטען זיי מאַסענווייז, און די וואָס בלייבען לעבען, שטאַרבען ביסלעכווייז פֿון דער אויסצעהרונג און בלייכזוכט. און קען מען דען גאָר ערוואַרטען אַ בעסערען רעזולטאַט? זיכער ניט, אזוי לאַנג ווי מען וועט אָנווענדען אַזעלכע מיטלען! אָט האָט איהר אַ פֿאָלק, וועלכעס איז געוואוינט צו לעבען אויף אַ גאַנץ אַנדערן שטייגער ווי מיר, אַ פֿאָלק מיט אַנדערע פֿעהיגקייטען און בעדירפֿניסע; און אָנ־

שטאָט צו שטודירען דיזע בעזונדערע פעהיגקייטען און בעדירפ־
ניסע, אָנשטאָט צו פערזוכען דיזע מענשען ביסלעכווייז בעקאַנט
צו מאַכען מיט אונזער ציוויליזאַציאָן, גראַדענווייז און אונבעמ־
מערקבאַר, זיי מעהר ניט צו געבען, ווי זיי זיינען פעהיג אויפ־
צונעהמען אין זיך, אָנשטאָט דעם האָט מען זיי געוואָלט
אַסימילירען מיט אַמאָל, מיר האָבען פלוצלינג פערניכטעט זייערע
אַלע לעבענס־בעדינגונגען, און ניט נאָר וואָס מיר האָבען זיי
דאַדורך אָבגעשטויסען פון זיך, נאָר די ערפאַהרונג איז אויך
געווען פאַר זיי זעהר אַ שלעכטע.

וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע ראָלע וואָלט דער זאָגענאַנטער
ציוויליזירטער מענש געקענט שפּיעלען אין דיזער בעציהונג, ווען
ער וואָלט פערשטאַנען זיין אמת׳ע שטעלונג, און ווען ער וואָלט
אליין ניט אָנגעשטעקט געווען פון יענע צוויי שוידערליכע
קראַנקהייטען: רענירונג און קאָמערציאַליזם, פון וועלכע ער דאַרף
זיך פריהער אַליין אויסהיילען, איידער ער געהט ציוויליזירען אַנדערע.

* * *

די קולטורעלע ערציהונג פון די פעלקער און שטאַמען,
וועלכע זיינען ריקשטענדיג אין דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג,
וואָלט געקענט אָנגעהן אויף אַ פריעדליכען אופן און געקענט
אַריינברייגנען נייע און פעהיגע עלעמענטען אין דער ציוויליזאַ־
ציאָן, נייע קרעפטען, צו בעלעבען איהר פון דאָס ניי. דערצעהלט
אונז ניט פון דער פאַלשקייט און גרויזאַמקייט פון די באַרבאַרישע
פעלקער! לעזט נאָר די בעריכטען פון יענע אמת מוטהיגע מענער,
וועלכע האָבען צוזאַמען געלעבט מיט ווילדע אונבעקאַנטע שטאַ־
מען מיט דער איינציגער אַבזיכט צו מאַכען רייכער די וויסענ־
שאַפט דורך זייערע ערפאַהרונגען! דיזע מענער האָבען איבעראַל
געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג און זיך ערוואָרבען די פריינד־
שאַפט פון יענע ווילדע פעלקער; זיי האָבען געלעבט מיט זיי
אָהן מורא. די פאַלשקייט און גרויזאַמקייט האָט זיך ערשט
אָנגעפאַנגען, ווען יענע פערדאַמטע הענדלערס זיינען געקומען,
וועלכע האָבען בעהאַלטען זייערע קאָמערציעלע אָדער פאָליטישע
פלענער אונטער דעם פאַלשען נאָמען פון וויסענשאַפטליכע

פֿאָרשער. זיי זיינען דאָס געווען, וואָס האָבען אַרויסגערופֿען די אַנטיפּאַטהיע פֿון יענע פֿעלקער געגען די ווייסע, דורך דעם וואָס זיי האָבען זיי בעטראָגען און בעשווינדעלט, ניט האַלטענדיג זייערע פֿערשפּרעכונגען, און בעגאַנגען די שענדליכסטע מערדערייען, ווען עס איז מעגליך געווען אויסצוקומען מיט פֿריעדליכע מיטלען.

געהט נאָר, איהר קאָמערציעלע פֿילאַנטראָפּען, איהר ציוויליזאַטאָרס מיט ביקסען און שווערדען, געהט, און זינגט ווייטער אייערע לויב-ליעדער אויף די וואָהלטהאַטען פֿון דער ציוויליזאַציאָן! דאָס וואָס איהר רופֿט אָן מיט דיזען נאָמען און וואָס איהר זוכט צו בעהאַלטען אונטער דעם וואָרט „קאָלאָניזאַציע", האָט שוין לאַנג געפֿונען זיין ריכטיגען נאָמען אין אייערע געזעץ-ביכער, ווען עס האַנדעלט זיך אום די טהאַטען פֿון אונבעקאַנטע פּערזאָנען: „פּלינדערונג און מאָרד דורך בעוואַפֿענטע באַנדען", אָט דאָס איז דער ריכטיגער נאָמען, אָבער די ציוויליזאַציאָן האָט קיין זאַך ניט צו טהאָן מיט די שענדליכע האַנדלונגען פֿון געוועהנליכע באַנדיטען, וועלכע רויבען און הרג'ענען אויף אַגרויסען שטייגער.

*
* *

די הערשענדע קלאַסע דאַרף נייע מאַרקעטס פֿאַר איהרע פּראָדוקטע און נייע פֿעלקער צום עקספּלאָאַטירען. אָט דערפֿאַר שיקען זיי אַרויס מענער ווי סאָלסיאיע, בראַזאַ, קרעמפּעל, טריוויע א.ז.וו., כדי זיי זאָלען אויסגעפֿינען נייע לענדער, צו עפֿענען דאָרטען געשעפֿטס-הייזער, דורך וועלכע מען זוכט צו פֿערזיכערן די אונבעשריינקטע אויסבייטונג פֿון די איינגעבאָרענע. זיי הויבען אָן מיט דער קאָמערציעלער אויסבייטונג און זיי ענדיגען מיט דער אויסבייטונג אויף אַלע געביטען, ווי באַלד די שטאַמען שטעהען ערשט אונטער זייער פּראָטעקציאָן. די בורזשואַזיע דאַרף אונגעהייערע שטיקער לאַנד, אום צו שאַפֿען פּלאַץ פֿאַר די איבערפֿליסיגע בעפֿעלקערונג אין דערהיים.

וואָס האָט איהר געמאַכט פֿון די שטאַמען אין פּאָלינעסיען (אויסטראַלישע אינזעל-גרופּען), וועלכע אַלע רייזענדע שטעלען אונז פֿאָר אַלס געזונדע, שטאַרקע מענשען, וועלכע שטאַרבען יעצט ביס-לעכווייז איים אונטער אייער רעזשים, איהר ציוויליזאַטאָרס? און

וואָס האָט איהר געמאַכט פֿון די איינגעבאָרענע פֿון אַמעריקאַ, וועלכע שטאַרבען אויס פֿון טאָג צו טאָג, ווייל איהר האָט אַוועקגעריבט פֿון זיי דאָס לאַנד דורך פֿערראַטה און אַנדערע שענדליכע מיטלען?

אָבער די ענטוויקלונג פֿון אייער זאָגענאַנטער „ציוויליזאַציאָן" איז אַ געפֿאַהר פֿאַר אייך אַליין, און אויב די אַרבייטער זאָלען אפילו געהן צו גרונדע אין דעם קאַמפּף, צו וועלכען איהר האָט זיי געצוואונגען, איז אייער אייגענער אונטערגאַנג אויך אונפֿערמיידליך. אייער קאָרופּציאָן, אייער פֿוילקייט וועט אייך פֿערניכטען, אָקוראַט ווי זיי האָבען פֿערניכטעט די ציוויליזאַציעס פֿון גריכענלאַנד און רוים, ווען זיי האָבען דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פֿון לוקסוס און אויסבייטונג. דיזע פֿעלקער זיינען צו גרונדע געגאַנגען דורך זייער אייגענע נערוועןּ־שוואַכקייט, און דעגענעראַציאָן, און עס איז געווען אַ לייכטע אַרבייט פֿאַר די באַרבאַרישע פֿעלקער, וועלכע האָבען נאָך געהאַט זייער פֿולע קראַפֿט און נאַטירליכע געזונדהייט, איבערצוקעהרען יענע אָבשטאַרבענדע ציוויליזאַציעס.

* * *

אָקוראַט ווי איהר האָט זיך אונטערגענומען צו פֿערניכטען אַנדערע ראַסען, וועלכע שטעהען ניט נידעריגער ווי די אונזעריגע, ווי מיר וועלען שפּעטער בעווייזען, אַזוי זוכט איהר אויך צו פֿערניכטען די אַרבייטער קלאַסע, אויף וועלכע איהר קוקט אויך אַראָב ווי אויף אַ נידעריגע קלאַסע. יעדען טאָג וואַרפֿט איהר אַרויס די אַרבייטער פֿון די פֿאַבריקען און לאָזט פֿערנעהמען זייערע פּלעצער דורך מאַשינען. אייער טריאומפף וואָלט געווען דער אונטערגאַנג פֿון דער מענשהייט, דען זי וואָלט בּיסלעכוויז פֿערלאָרען אַלע פֿעהיגקייטען, וועלכע דער קאַמפּף אום דאַזיין פֿאָדערט, און מיר וואָלטען געפֿאַלען צוריק אין דעם פּרימיטיווען צושטאַנד פֿון דער אַלטער געזעלשאַפֿט; די מענשהייט וואָלט מעהר קיין אַנדער אידעאַל ניט געהאַט ווי אַ פֿעראייניגונג פֿון מאָגענס, קאָמאַנדעוועט פֿון אַ פֿאָלק פֿון מאַשינען און בעדינט פֿון אויטאָמאַטען, מיט איין וואָרט, פֿון דעם מענשען וואָלט קיין זאַך מעהר געבליבען ווי דער נאָמען.

עס גיט קיין נידעריגע ראַסען.

די פֿראַגע וועגען דער קאָלאָניזאַציע איז ענג פֿערבונדען מיט דעם פּראָבלעם פֿון די זאָגענאַנטע „נידעריגע ראַסען". האָט מען דען ניט פֿערזוכט צו רעכטפֿערטיגען די פֿערניכטונג פֿון די נאַטור־פֿעלקער דורך די ווייסע ראַסע, בעהויפּטענדיג, אַז דיזע שטאַמען און פֿעלקער בעלאַנגען צו אַ „נידעריגער ראַסע"?

און איז דאָס ניט דערזעלבער אַרגומענט, מיט וועלכען מען בענוצט זיך געגען די אַרבייטער, אום צו רעכטפֿערטיגען די קאַפּיטאַליסטישע אויסבייטונג? קוקט מען דען ניט אויף זיי ווי אויף אַ „נידעריגע קלאַסע"? מיינט דאָס דען ניט, אַז פֿאַר דעם קאַפּיטאַליסט ווי אויך פֿאַר געוויסע געלעהרטע איז דער אַרבייטער ניט מעהר ווי אַ פּראָסטע חיה, וועלכע האָט די אויפֿגאַבע צו שאַפֿען רייכטהימער פֿאַר די „אויסערוועהלטע" און צו פּראָדוצירען אַנדערע חיות, וועלכע זיינען בעשטימט שפּעטער צו שפּיעלען דיזעלבע ראָלע א.ז.וו.?

אָבער טראָץ דעם האַלטען מיר אַרבייטער זיך ניט פֿאַר נידעריגער פֿון וועמען עס זאָל ניט זיין; מיר זיינען איבערצייגט, אַז אונזערע מוחות זיינען פּונקט אַזוי פֿעהיג זיך צו ענטוויקלען ווי די פֿון אונזערע עקספּלואַטאַטאָרס, אויב מיר וואָלטען נאָר געהאַט די נייטיגע צייט און מיטלען זיי צו קולטיווירען. און וואָס פֿאַר אורזאַכען האָבען מיר דען צו צווייפֿלען, אַז דאָס זעלבע איז אויך דער פֿאַל מיט די זאָגענאַנטע נידעריגע ראַסען?

* * *

אויב די פּאָליטיקער וואָלטען געווען די איינציגע, וועלכע רעדען פֿון די „נידעריגע ראַסען" וואָלט עס אפילו ניט געלוינט זיי צו ענטפֿער'ן, דען אין דער ווירקליכקייט האָט עס אַ קנאַפּען

ווערטה פֿאַר דיזע העררען, צי זייערע בעהויפּטונגען גרינדען זיך אויף בעשטימטע פֿאַקטען, צי ניט; פֿאַר זיי איז אַלעס גוט, אַזוי לאַנג ווי עס קען נאָר דיענען פֿאַר אַן אורזאַכע, און אויב איין בעהויפּטינג ווייזט זיך אַרויס אַ פֿאַלשע, וועלען זיי באַלד ערפֿינ־דען הונדערט אַנדערע. אָבער עס גיט אויך געוויסע געלעהרטע, וועלכע האָבען געזוכט וויסענשאַפֿטליך צו בעווייזען, אַז די ווייסע ראַסע איז טאַקע די אויסערוועהלטע, די העכסטע. עס איז געוועזען אַ צייט, ווען דער מענש האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז דער צענטער פֿון׳ם וועלט־רוים; ניט נאָר וואָס ער האָט געגלויבט, אַז די זונן און שטערען בעוועגען זיך אַרום דער ערד, נאָר ער האָט זאָגאַר בעהויפּטעט, אַז דאָס אַלעס עקזיסטירט און געשעהט צוליעב זיין פּערזאָן. מען האָט דאָס גערופֿען די אַנטהראָפּאָסענ־טרישע טהעאָריע.

עס האָט גענומען הונדערטער און הונדערטער יאָהרען פֿון שטודירען און לערנען, איידער דער מענש האָט זיך בעפֿרייט פֿון דיזער לעכערליכער איינבילדונג און אָנגעהויבען צו בעגרייפֿען זיין אייגענטליכע שטעלונג אין דער נאַטור. אָבער די אידעען פֿון הערשאַפֿט זיינען אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט ביי איהם, אַז נאָכ־דעם ווי ער האָט פֿערלאָרען דעם סצעפּטער איבער די שטערען, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז די ערד מיט איהרע אַלע פּראָ־דוקטען זיינען ספּעציעל בעשאַפֿען געוואָרען פֿאַר זיין פֿערגניגען, פֿאַר איהם, דעם קעניג פֿון דער שעפּפֿונג.

אָבער די וויסענשאַפֿט האָט איהם פֿון דאָס ניי אַראָבגע־שליידערט פֿון דעם טהראָן, וועלכע זיין פֿאַנטאַזיע האָט אויפֿגע־בויט, זי האָט איהם געצייגט, אַז ער איז ניט מעהר ווי א פּראָדוקט פֿון דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג, דער רעזולטאַט פֿון פֿערשידענע צופֿעליגע אומשטענדען, אַז קיין זאַך איז ניט בעשטימט געוועזען אין פֿאָראויס, איידער זי האָט זיך ענטוויקעלט, און דאָס עס איז פֿאָלגליך אויך קיין זאַך ניט בעשאַפֿען געוואָרען ספּעציעל פֿאַר איהם. נאָר דער מענש האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט בערוהיגען, ער האַלט זיך פֿאָרט פֿאַר אַן „אויסערוועהלטען", און אַזוי האָט ער זיך אויסגעטייטשט די טהעאָריע פֿון די „העבערע

ראסען", און יעדע ראַסע גלויבט, אַז זי אַליין איז די „אינטעלי־גענטסטע, די שעהנסטע און פאָלקאָמענסטע." אָט צו דאַנקען דיזע איינבילדונג שלינגט די ווייסע ראַסע איין אַלע אַנדערע, און אויף דיזען פּראָצעס פון פערניכטונג גרינדען די געלעהרטע זייער בעהויפּטונג.

אין אַלגעמיין גרינדען די געלעהרטע זייערע אַנשויאונגען אויף די פאָלגענדע דריי פּונקטען:

1) די וויסענשאַפט אַנערקענט איינשטימיג, אַז דער עלטער פון די זאָגענאַנטע נידעריגע ראַסען איז דערזעלבער ווי דער פון דער ווייסער ראַסע; און ווען די איינע זיינען געבליבען שטעהען אויף דעמזעלבען פלעק, וועהרענד די אַנדערע האָבען זיך ענט־וויקעלט, דאַן איז דאָס אַ בעווייז, אַז עס זיינען „נידעריגע ראַ־סען", וועלכע בעזיצען ניט די פעהיגקייט זיך צו ענטוויקלען.

2) די ריקשטענדיגע פעלקער לעבען מייסטענטהיילס אונטער אויסגעצייכענטע קלימאַטישע בעדינגונגען, וועלכע וואָלטען זיי אייגענטליך געדאַרפט צוהעלפען אין זייער ענטוויקלונג.

3) די קינדער פון ווילדע פעלקער, וועלכע מען האָט פער־זוכט אויפצובריינגען אויף דעמזעלבען שטייגער ווי די אייראָפּעאישע קינדער, האָבען ניט ערפילט די האָפנונגען פון זייערע ערציהער. אויסערדעם דייטעט מען נאָך אָן אויף די צונויפקלייבונג פון ווילדע אין בעשטימטע דערפער, וואו זיי האָבען ניט געמאַכט דעם קלענסטען פּראָגרעס זייט די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר, און אויף די נעגער־רעפּובליק האַאיטי מיט איהרע אייביגע רעוואָ־לוציעס.

* * *

מיר דאַרפען גאָר ניט געהן אַזוי וויט צוריק אין דער גע־שיכטע, אום זיך צו איבערצייגען, אַז די אַלגעמיינע איינשטימיג־קייט אין אַ געוויסער פראַגע איז נאָך קיין בעווייז ניט. איידער גאַליליי האָט בעוויזען, אַז די ערד בעוועגט זיך אַרום דער זונן, האָט מען אַלגעמיין אָנגענומען, אַז די זונן בעוועגט זיך אַרום דער ערד. די אַלגעמיינע איינשטימיגקייט בעווייזט אַלזאָ קיין זאַך ניט, אויב זי גרינדעט זיך ניט אויף בעשטימטע פאַקטען, און גראַדע

אין אונזער פֿאַל, ווייזט זיך אונז אויס, אַז די אַלגעמיינע מיינונג איז אַ פֿאַלשע. ווערט דען די אַנזיכט, אַז דער עלטער פֿון אַלע ראַסען איז דערזעלבער, אינטערשטיצט דורך די בעשטעהענדע טהאַטזאַכען? אַט דאָס איז עס, וואָס מיר דאַרפֿען וויסען.

אויף די אַלטע עגיפּטישע מאָנומענטען געפֿינען מיר די צייכנונגען פֿון געוויסע אַפֿריקאַנישע טיפּען, וועלכע עקזיסטירען נאָך היינט; דאָס איז אָהן אַ צווייפֿעל אַ רעלאַטיווער עלטער; עס איז אין דערזעלבער צייט אויך אַ בעווייז, אַז דיזע פֿעלקער און שטאַמען, וועלכע זיינען פֿריהער בעהערשט געוואָרען פֿון די עגיפּטער, האָבען, ווי עס ווייזט אויס, ניט געמאַכט קיין פּראָגרעס וועהרענד דער גאַנצער צייט. אויף דעם ערשטען בליק ווייזט זיך אונז אויס, אַז דיזער פֿאַקט איז גינסטיג פֿאַר די אָנהייגער פֿון דער טהעאָריע, וועלכע בעהויפּטעט די עקזיסטענץ פֿון „נידריגע ראַסען", אָבער ווען מיר בעטראַכטען די זאַך אַביסעל טיעפֿער, וועלען מיר באַלד אויסגעפֿינען, אַז מיר דאַרפֿען ניט זיין צו האַסטיג מיט אונזער אורטהייל.

עס איז וואָהר, אַז מען שעצט דעם עלטער פֿון די עגיפּ־טישע מאָנומענטען אויף 8000 יאָהר; לאָמיר זאָגען 10.000 יאָהר, כדי צו האָבען אַ גראַדע צאָהל. אין פֿערלויף פֿון דיזע 10.000 יאָהר האָבען דיזע שטאַמען, ווי עס ווייזט אויס, קיין פּראָגרעס ניט געמאַכט, אין דערזעלבער צייט, ווען די ווייסע ראַסע האָט זיך אַזוי געוואַלטיג ענטוויקעלט.

אָבער מיר דאַרפֿען ניט פֿערגעסען, אַז אין דער צייט, ווען דיזע מאָנומענטען זיינען געבויט געוואָרען, האָט עגיפּטען שוין געהאַט אַ הויך ענטוויקעלטע ציוויליזאַציאָן; דער אונטערשיעד צווישען יענע ריקשטענדיגע פֿעלקער און די אַרכיטעקטען פֿון די טעמפּלען פֿון פֿילאָע, קאַרנאַק און מעמפֿיס איז אַלזאָ שוין דאַמאָלסט געוועזען אונגעהייער גרויס. די עגיפּטער האָבען דאַן שוין געהאַט דורכגעמאַכט די פּרעהיסטאָרישע פּעריאָדע, וועלכע מען בערעכענט אויף הונדערט טויזענדער יאָהרען.

* * *

לאַנגזאַם, זעהר לאַנגזאַם איז געווען דער פּראָגרעס פון ם מענשען אין דער זאָגענאַנטער פּירטער פעריאָדע, און אויב מיר גיבען צו, אַז דער מענש האָט אפילו שוין עקזיסטירט אין דער דריטער פעריאָדע, דאַן איז דער פּראָצעס פון זיין ענטוויקלונג נאָך פיעל לאַנגזאַמער.

די 10.000 יאָהר פון שטילשטאַנד, וועלכען מיר בעמערקען ביי די אויבען דערמאָהנטע פעלקער און שטאַמען, זיינען אַלזאָ זעהר אַ קורצע צייט אין פערגלייך מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, און עס איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז מיט 10.000 יאָהר שפּעטער, נאָך דעם ווי דער פרימיטיווער עגיפּטער האָט בעאַרבייט דעם ערשטען שטיין, האָט ער אויך געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נידעריגער ראַסע, וועלכע איז ניט פעהיג זיך צו ענטוויקלען.

פון דער אַנדערער זייט זעהען מיר, אַז דיזעלבע עגיפּטער, וועלכע האָבען געמאַכט אַזאַ געוואַלטיגען פּראָגרעס, ווי זייער וויסענשאַפט און זייערע מאָנומענטען צייגען אונז, האָבען ניט בעלאַנגט צו דער ווייסער ראַסע, און דאַסזעלבע פאָלק, וועלכעס מען רעכענט צו די „העכערע" ראַסען פון דער פערגאַנגענהייט, קלאַסיפיצירט מען היינט אַלס אַ „נידעריגע ראַסע". די ענגלישע עראָבערער לאָזען עס זיי גוט פיהלען. ווי פיעל ווידערשפּרעכונגען אין דערזעלבער פראַגע! מען נוצט די אַרגומענטען, אַזוי ווי מען דאַרף זיי: אַמאָל רעכענט מען די עגיפּטער צו די „העכערע" און אַמאָל צו די „נידעריגע" ראַסען.

* * *

די שאַרבען און ביינער, וועלכע מען האָט אויסגעגראָבען אין קראָם-מאַניאָן, נעאַנדערטהאַל און נאָלעט, זיינען אַזוי אַלט און פערשידען פון די היינטיגע, אַז די אַנטהראָפּאָלאָגען האָבען צו-ערשט ניט געוואוסט, צו זיי זאָלען זיי צורעכענען צו די פאָר-געגנער פון'ם מענשען, אָדער צו די גרויסע מענשען-עהנליכע אַפען קוקענדיג צוריק אויף אַזאַ פרימיטיווען אורשפּרונג, האָבען מיר דען ווירקליך אַ גרונד צו האַלטען אונז פאַר די אויסערוועהלטע פון דער מענשהייט?

און מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט האָבען מיר צו רעדען וועגען די זאָגענאַנטע „נידעריגע ראַסען", ווען זייער געגענווערטיגער צושטאַנד איז דער רעזולטאַט פֿון אונזערע באַרבאַרישע פֿערפֿאָלגונגען? די יעצטיגע ריקשטענדיגקייט פֿון דער אַמעריקאַנישער ראַסע, בעווייזט קיין זאַך ניט, דען מיר דאַרפֿען ניט פֿערגעסען, אַז די אורשפּרינגליכע ציוויליזאַציעס, וועלכע די ערשטע אייראָפּעאישע עראָבערער האָבען אָנגעטראָפֿען אין אַמעריקאַ, זיינען צושטעהרט געוואָרען פֿון די „ענטדעקער", און די איינגעבאָרענע, וועלכע מען האָט געיאָגט, געהעצט און אויסגעהרג'עט, האָבען זיך ביסלעכווייז אַלס ווייטער געמוזט צוריקציהען פֿאַר זייערע ווייסע אונטערדריקער. הויך ענטוויקעלטע ציוויליזאַציעס זיינען אונטערגעגאַנגען, אין קיינער קען ניט וויסען, וואָס זיי וואָלטען אונז געבראַכט אין זייער ווייטערער ענטוויקלונג. פֿאָלגליך קענען מיר זיי ניט בעאורטהיילען, נאָך דעם יעצטיגען צושטאַנד פֿון די ברוטאַליזירטע און דעגענערירטע איינגעבאָרענע, וועלכע די רעגירונג פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿערניכטעט ביסלעכווייז אין גאַנצען.

איך וועל יעצט ניט רעדען פֿון דעם אַלטען אַזטעקישען קייזעררייך אין מעקסיקאָ אָדער פֿון דעם זונען-שטאַאַט פֿון די אַלטע אינקאַס אין פּערו, ווייל ווען די שפּאַניער זיינען אָנגעקומען דאָרטען, זיינען דיזע שטאַאַטען שוין געווען אויף דעם וועג פֿון דעגענעראַציאָן. דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואָרום זיי זיינען ניט פֿעהיג געווען זיך צו פֿערטהיידיגען. די הוראָנען און איראָקעזער האָבען זיך פֿערטהיידיגט מיט אַ פֿיעל גרעסערער ענערגיע פֿון די אַזטעקען און פּערואַנער.

* * *

מען וואָלט אייגענטליך געדאַרפֿט אָננעהמען, אַז עס גיט אַ גאַנץ פּאַסענדער מיטעל, אום צו בעווייזען, דאָס אַלע ראַסען האָבען דעמזעלבען עלטער: מען וואָלט בלויז געדאַרפֿט אויסגראָבען אין פֿערשידענע ערטער אַלטע מענשליכע סקעלעטען, וועלכע געפֿינען זיך אָהן אַ צווייפֿעל איבעראַל, און זיי פֿערגלייכען איינע מיט די אַנדערע. אָבער אויך דיזע-מיטעל קען אונז

ניט העלפֿען, ווייל עס איז אונמעגליך פֿאַר אונז צו בעווייזען, אַז די שיכטען פֿון דער ערד האָבען זיך איבעראַל גלייכמעסיג ענט־וויקעלט. די פֿראַגע וועגען דעם גלייכען עלטער פֿון די פֿערשידענע ראַסען, קען אַלזאָ פֿאָרלויפֿיג איבערהויפּט ניט געלייזט ווערען.

אָבער האָט דען דיזע פֿראַגע איבערהויפּט אַ ווערטה פֿאַר די, וועלכע ערקלעהרען זיך יעדען פֿראָגרעס דורך דעם איינפֿלוס פֿון די נאַטירליכע אומשטענדען, וועלכע פֿעראַנדערן זיך שטענדיג?

* * *

„די ריקשטענדיגע פֿעלקער לעבען מייסטענטהיילס אונטער די גינסטיגע קלימאַט שע אומשטענדע", האָט בעהויפּטעט פּראָ־פֿעסאָר הערווע אין איינע פֿון זיינע פֿאָרלעזונגען איבער זאָאָלאָ־גישע אַנטראָפּאָלאָגיע, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין דער אַנטהראָפּאָלאָגישער שולע אין פּאַריז. הערווע איז אַ שטאַרקער אָנהיינגער פֿון יענער טהעאָריע, וועלכע אָנערקענט די עקזיסטענץ פֿון זאָגענאַנטע נידעריגע און ענטוויקלונגס־אונפֿעהיגע ראַסען.

אָבער דיזע בעהויפּטונג איז ביז יעצט נאָך ניט בעוויזען געוואָרען. קען מען איהר אפשר אָנווענדען אויף די עסקימאָזען אָדער אויף די איינוואוינער פֿון פֿייערלאַנד? אָדער אויף די פֿיעלע אינדיאַנער־שטאַ־מען, וועלכע לעבען אין אַזעלכע געגענדען, וואו עס גיט ניט אַזעלכע חיות, וועלכע זיי וואָלטען געקענט בענוצען אַלס הויז־טהיערע? אָדער אויף די נעגער, וועלכע לעבען אין די זומפּישע געגענדען פֿון'ם טייך ניל אָדער אין די אונגעהייערע וועלדער פֿון קאָנגאָ? אָדער אויף די טונגוזען אין די סטעפּען פֿון סיביר? אָדער אויף די בושמענער אין די וויסטע געגענדען פֿון קאַלאַהאַרי, וואו עס הערשט אַ שטענדיגער מאַנגעל אין וואַסער? עס איז ווירקליך ניט ראַטהזאַם אַזוי צו פֿערבויגען דעם אמת. און אויסערדעם דאַרף מען נאָך פֿריהער פֿערענטפֿערן די הויפּט־פֿראַגע: וועלכע זיינען דאָס די גינסטיגסטע לענדער, צי די, וואָס פֿאָדערן אַרבייט, צי די וואָס פֿאָדערן ניט קיין מענשליכע טהעטיגקייט?

אָבער דיזעלבע ערקלעהרונג קען אויך בענוצט ווערען אַלס אַן אַרגומענט געגען די שטעלונג, וועלכע זי פּרעטענדירט צו

פֿערטהיידיגען. אָט דיזע לייכטע בעדינגונגען צו עקזיסטירען, האָבען זיי דען ניט גופא פֿעראורזאַכט אַז מ׳אַנכע שטאַמען און פֿעלקער זיינען שטעהען געבליבען אויף איין פונקט אין זייער ענטוויקלונג? זייענדיג אימשטאַנד צו געפֿינען די נויטווענדיגע מיטלען צו בעפֿרידיגען זייערע נאַטירליכע בעדירפֿניסע, ניט דאַרפֿענדיג אַרבייטען, האָבען זיי ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו ענטוויקלען די אַלע פֿעהיגקייטען און אייגענשאַפֿטען, וועלכע ליגען בעהאַלטען אין מענשען; אַנדערע פֿעלקער, וועלכע האָבען געדאַרפֿט אָנפֿיהרען אַ שטענדיגען קאַמפף געגען די אונגינסטיגע קלימאַטישע בעדינגונגען, אונטער וועלכע זיי האָבען געלעבט, זיינען געצוואונגען געווען דורך זייערע טעגליכע ערפֿאַהרונגען צו ענטוויקלען דיזע אַלע אינסטינקטען און פֿעהיגקייטען, וועלכע האָבען זיי געשטופּט ווייטער אויף דעם וועג פֿון פּראָגרעס. די אַנדערע, וועלכע האָבען געלעבט אונטער „גינסטיגע" בעדינגונגען, האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין נויטווענדיגקייט צו ענטוויקלען זייערע בעהאַלטענע קרעפֿטע און פֿעהיגקייטען.

* * *

נאָך אַן אַרגומענט, וועלכען מען פֿיהרט געוועהנליך אָן, אום צו בעווייזען די עקזיסטענץ פֿון „נידעריגע" ראַסען, גרינדעט זיך אויף פֿערשיעדענע פֿערזוכען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען מיט געוויסע נעגער־שטאַמען אין אַפֿריקאַ, כדי זיי צו ערציהען און צו בילדען, אָדער מיט קאָלאָניען פֿון ווילדע, וועלכע — אַזוי בעהויפּטעט מען — מען האָט איבערגעלאָזט אין געוויסע דערפֿער, וואו זיי האָבען געהאַט די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען. דיזע אַלע פֿערזוכען, זאָגט מען אונז, האָבען ניט געהאַט קיין ערפֿאָלג, דאָס איז דער בעסטער בעוויז, אַז דיזע ראַסען זיינען ניט פֿעהיג זיך צו ענטוויקלען.

מיר וועלען צוגעבען, אַז מען האָט ווירקליך געמאַכט אַזעלכע פֿערזוכען און דערמיט דורכגעפֿאַלען, אָבער פֿון דעם קען מען נאָך ניט ציהען קיין אַלגעמיינע שליסע. דען עס וואָלט צוערשט נויטווענדיג געווען צו אונטערזוכען, אונטער וועלכע בעדינגונגען דיזע פֿערזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען, אין וואָס

פֿאַר אַ צושטאַנד די בעטרעפֿענדע גרופּע אָדער קאָלאָניע האָט זיך געפֿונען און אויב עס זיינען ניט פֿון בעפֿאָר געווען סימנים פֿון דעגענעראַציאָן. אַזעלכע ביישפּיעלע בעווייזען קיין זאַך ניט, דערפֿאַר ווייל עס גיט אַנדערע ביישפּיעלען, וועלכע צייגען אונז פּונקט דעם געגענטהייל פֿון די ערשטע. די איראָקעזען אין קאַנאַדאַ זיינען אין יעדער בעציהונג גלייך צו די ווייסע, וועלכע רינגלען זיי אַרום. דער ערשטער געאָגראַף פֿון מעקסיקאָ איז אַן אַזטעך, אַן איינגעבאָרענער; און מיר האָבען אפּילו דאָס פֿער־גניגען צו וויסען, אַז די „בעסטע סאָלדאַטען פֿון דער וועלט" האָט מען אַרויסגענומען פֿון מעקסיקאָ, עס זיינען געווען די קינ־דער פֿון די „נידעריגע ראַסען".

אום פֿאָלשטענדיג צו ערווערבען געוויסע נייע קענטניסע און אויפֿפֿאַסונגען איז נויטווענדיג דאָס לעבען פֿון עטליכע גענעראַ־ציאָנען; ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די מאַכט פֿון דער ענטוויק־לונג, קען אָבער דער מוח פֿון אַן איינצעלנעם מענשען וועהרענד זיין קורצער עקזיסטענץ ניט דורכמאַכען די זעלבע ענטוויקלונג, וועלכע אַ ראַסע מאַכט דורך אין פֿערלויף פֿון עטליכע גענעראַ־ציאָנען. די נעגאַטיווע רעזולטאַטען, וועלכע מען האָט געהאַט מיט איינצעלנע אינדיווידוען, בעווייזען אַלזאָ קיין זאַך ניט, אפּילו ווען מיר זאָלען שוין צוגעבען, אַז די פֿערזוכען האָבען שטאַט־געפֿונען אונטער די בעסטע און גינסטיגסטע בעדינגונגען. און אויסערדעם גיט עס מאַנכע רעזולטאַטען, וועלכע בעווייזען דאָס געגענטהייל, פּונקט ווי מיר קענען בעאָבאַכטען ביי דער ווייסער ראַסע פֿערשידענע סימנים, וועלכע דייטען אָן אַ צוריקגעהן אין איהר ענטוויקלונג.

און לעזען מיר דען ניט אין עטהנאָגראַפֿישע ווערק געוויסע פֿעלע, וואו אינדיאַנער, נעגערס אָדער אַנדערע „ווילדע" וועלכע מען האָט געבילדעט אויף דעם בעסטען אופן און מיט דעם בעסטען ערפֿאָלג און וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען אַ בעדיי־טענדען גראַד פֿון קענטניסע, האָבען זיך פּלוצלינג ווידער אָב־געקעהרט מיט פֿעראַכטונג פֿון זייערע נייע לעבענס־בעדינגונגען, אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך די קליידער פֿון דער ציוויליזאַציאָן און

בעסער פאָרגעצויגען זייער אַלט פריי וואַנדער-לעבען? קיינער וועט ניט אָבלייקענען, אַז דיזער אַטאַוויזם איז אָפטמאָל מעכטי־גער ווי דער אינסטינקט צו פאָלקאָמענהייט, אָבער דיזע בייי־שפּיעלע בעווייזען פאַר קיין פאַל ניט די אונפעהיגקייט פון דער ראַסע זיך צו פערפאָלקאָמענען, דען מיר האָבען געזעהן, אַז דיזעלבע אינדיווידוען, אַזוי ווי זיי זיינען אונטערוואָרפען געווען צו דער אייראָפּעאישער ערציהונג, האָבען זיי געמאַכט דעם בעסטען פראָגרעס אויף דעם וועג, אויף וועלכען זייערע ערציהער האָבען זיי געפיהרט.

* * *

דערזעלבער פראָפעסאָר הערווע — מיר ציטירען איהם נאָך אַמאַל, דערפאַר וואָס מיר האָבען פון איהם געהערט די טהעאָריע וועגען די „נידעריגע ראַסען” — דייטעט אויך אָן אויף דעם פאַקט, אַז די ווילדע זיינען פעהיגער אין זייערע קינדער-יאָהרען ווי אין די שפּעטערע פעריאָדען פון זייער לעבען. אָבער וואָס בעווייזט דאָס? וואָס ווייניגער אַ ראַסע איז ענטוויקעלט, אַלס פריהער מוזען די קינדער זיך לערנען צו זאָרגען פאַר זיך אליין און צו בעווייזען אַ גרעסערע שאַרפזיניגקייט. וואָס אָנבעלאַנגט די ער־וואַקסענע, ווען זייער גייסטיגע ענטוויקלונג שטעלט זיך אָב זעהר פריה, דאַן האָבען מיר זיך ווירקליך צו רעכענען מיט אַ פיזישער טהאַטזאַכע, מיט געוויסע ערשיינונגען אין'ם געהירן. פונקט פערקעהרט ווי עס איז דער פאַל ביי דער ווייסער ראַסע, פער־פעסטיגען זיך ביי יענע פעלקער צוערשט די אויסערליכע טהיילען פון דעם געהירן און פערהינדערן דאַדורך זיין ווייטערע ענטוויק־לונג פון די אויסערליכע געהירן-שיכטען, וועלכע ענטהאַלטען די טהעטיגסטע צענטערס פון דער אינטעליגענץ.

דיזער פאַקט וואָלט אפשר געווען אַ בעוויז, אַז עס גיט יאָ „נידעריגע ראַסען”, אויב מיר וואָלטען געקענט אויפצייגען, אַז די ווייסע ראַסע האָט ניט דורכגעמאַכט דעמזעלבען צושטאַנד. אָבער די אונטערזוכונגען, וועלכע מען האָט געמאַכט מיט די אויסגעגראָבענע שאַרבענס פון פרעהיסטאָרישע מענשען, האָבען בעוויזען, אַז דער אורשפּרינגליכער צושטאַנד פון דעם מענשען

אין דיזער בעציהונג איז געווען דערזועלבער, ווי מיר געפינען איהם היינט ביי די זאגענאנטע „נידעריגע ראסען". און זאגאר היינט צו טאג קומען נאך פאר גענוג פעלע פון אטאוויזם ביי דער ווייסער ראסע. וואס פאר א ווערטה האט אלזא דיזער ארגומענט?

* * *

מען דיטעט אויך אפטמאל אן אויף די נעגער-רעפובליק האאיטי מיט איהרע שטענדיגע מיליטערישע רעוואלוציאנען און לאכט זיך אויס פון דיזען צושטאנד, וועלכער איז פאר מאנכע א בעוויז, אז די איינוואוינער פון האאיטי בעלאנגען טאקע צו א נידעריגער ראסע. אבער מיר דארפען זיך גאר ניט ווייט צוריק-קעהרען אין אונזער אייגענער געשיכטע, און מיר וועלען געפינען גאנץ עהנליכע צושטענדע, וועלכע זיינען נאך פיעל ווייניגער צו ענטשולדיגען, ווייל מיר פרעטענדירען דאך צו בעלאנגען צו די „העכערע ראסען". יעדענפאלס האבען די נעגער פון האאיטי געקעמפפט פאר זייער אונאבהייניגקייט און זיך בעפרייט פון דעם פראנצויזישען יאך. ווער פון דיביידע בעלאנגט צו די „העכערע ראסען": צי די האאיטאנער, וועלכע האבען צוריק ערארבערט זייער פרייהייט, צי די פראנצויזען, וועלכע האבען געוואלט האלטען א פאלק אין שקלאפעריי? מען דארף ווירקליך אין גאנצען איגנארירען די געשיכטע, אום אבצולייקענען, אז די נעגער פון האאיטי האבען געמאכט פראגרעס אונגעאכטעט זייערע מיליטערישע אונטערדריקער, וועלכע זיינען נאר אן אב-שפיגלונג פון אונזערע אייגענע.

ווען מיר דערמאנען זיך, אז די גרויסע מאיאריטעט פון אונזערע זאגענאנטע ציוויליזירטע ליידעט און שטארבט אין עלענד און נויטה, אום צו מאכען רייכער א הייפעל ליידיגגעהער און פאראזיטען, ווען מיר דערמאנען זיך, אז עס זיינען דא עקספלואטירטע און אונטערדריקטע גופא, וועלכע זיינען די פערטהיידיגער פון זייערע אויסבייטער און אונטערדריקער, דאן האבען מיר זיכער קיין רעכט ניט צו שטאלצירען און זיך צו בעריהמען מיט אונזער „העכערער אבשטאמונג".

וואָס אָנבעלאַנגט די גרופּען אָדער דערפֿער פֿון ווילדע, וועלכע מען האָט געגעבען די מעגליכקייט צו עקזיסטירען, פֿון וואַנען ווייסען מיר, צי מען האָט זיי געגעבען די נויטוועגדיגע בעדינגונגען צו ענטוויקלען זיך פֿריי און אויף אַ נאַטירליכען אופֿן ?

* * *

מיר ווילען קיינמאָל ניט בעהויפּטען, אַז די פֿערשידענע ראַסען זיינען אַבסאָלוט גלייך אין זייער ענטוויקלונג, אָבער מיר מוזען אָנערקענען, אַז יעדע ראַסע האָט איהרע בעזונדערע פֿע־היגקייטען, איהרע בעזונדערע מאָראַלישע, אינטעלעקטועלע און פֿיזישע אייגענשאַפֿטען, וועלכע, אויב מען וואָלט זיי געגעבען די מעגליכקייט זיך פֿריי צו ענטוויקלען, וואָלטען זיי זיכער אימשטאַנד געווען בייצוטראָגען יעדע אויף איהר אייגענעם שטייגער צו דעם אַלגעמיינעם ווערק פֿון דער מענשליכער ציוויליזאַציאָן.

נעהמט צ.ב.ש. דעם אָרעמען אויסטראַליער, וועלכער איז נאָך אַזוי ווייט הינטערשטעליג אין דער אַלגעמיינער מענשליכער ענטוויקלונג, און דאָך האָט ער ערפֿונדען דעם בומעראַנג, יענע מערקווירדיגע וואָפֿע, וועלכע ער שליידערט אויף אַ טהיער אָדער אַ פֿיינד, און וועלכע האָט די וואונדערבאַרע קראַפֿט צו שפּרינגען צוריק צו דעם יעגער אָדער קריעגער, נאָך דעם ווי זי האָט דערגרייכט איהר ציעל; די אייראָפּעער זיינען ביז יעצט ניט אימשטאַנד געווען נאָכצומאַכען דיזע וואָפֿע, און מיט זייערע אַלע וויסענשאַפֿטליכע קענטניסע אין דער באַליסטיק*) האָבען זיי ביז יעצט נאָך ניט געקענט ערקלעהרען איהרע בעוועגונגען.

זיכער, די ערפֿינדונג פֿון דעם בומעראַנג איז ניט געוועזען אַזוי וויכטיג פֿאַר דער מענשליכער געשיכטע, אָבער ווען די שאַרפֿזיניגקייט פֿון זיינע ערפֿינדער איז געווען פֿעהיג אויסצו־קלעהרען אַזאַ מערקווירדיגע וואָפֿע, וועלכע האָט ניט די קלענסטע עהנליכקייט צו די שפּיעזען, קריעגס־העק אָדער פֿיילען פֿון אַנ־

---

*) באַליסטיק איז די לעהרע, וועלכע בערעכענט די בעוועגונגען פֿון קערפּערס, וועלכע מען שליידערט נאָך אַ געוויסען ציעל.

דערע ראַסען, ווער קען בעהויפּטען, אַז אונטער אַנדערע אומ־שטענדע וואָלטען ניט דיזע פֿעהיגקייטען אפשר געהאַט פֿיעל וויכטיגערע רעזולטאַטען?

נאָר יעצט זעהען מיר, אַז די ווייסע ראַסע, מיט דער הילפֿע פֿון דער אידישער ראַסע, וועלכע איז געוואָרען ווייס צוליעב בעזונדערע אורזאַכען און בעדינגונגען, פֿערזוכט צו בעזיצען אַלצדינג און אויסצובייטען אַלעמען. איבעראַל, וואו עס האָט איהר געלונגען צו בעזעצען זיך, האָבען די ריקשטענדיגע ראַסען געמוזט פֿערשווינדען. אָבער זעהענדיג די רואינען, וועלכע דער וואַהנזין פֿון עראָבערונג האָט איבערגעלאָזט אין אַלע טהיילען פֿון דער וועלט, זעהענדיג די אַלע בלוטיגע מערדערייען פֿון די שענדליכע אויסבייטונג, וועלכע די ווייסע ראַסע האָט איבעראַל אַרויסגערופֿען, שטעלט זיך די פֿראַגע, צי די ראָלע, וועלכע זי האָט געשפּיעלט און שפּיעלט נאָך יעצט, האָט ניט פֿעראורזאַכט פּונקט אַזוי פֿיעל אונגליק ווי גליק פֿאַר דער מענשהייט.

* * *

עס זיינען אפשר אַריבער 150.000 יאָהר, זייט דער מענ... האָט פֿערלאָזען די ריין טהירישע פּעריאָדע פֿון זיין ענטוויקלונג אין פֿערלויף פֿון 10.000 יאָהר זיינען אונטערגעגאַנגען די עגיפּ־טישע, כאַלדעאישע, גריעכישע, רוימישע, אינדישע ציוויליזאַציאָנע און אין דערזועלבער צייט האָט די מאָנגאָלישע ראַסע דורכגע־מאַכט אַ פּאַראַלעל ענטוויקלונג. היינט בעמערקען מיר די אָנפֿאַנג פֿון דעקאַדענס ביי די פֿעלקער פֿון דער לאַטיינישע ראַסע, און דיזער צושטאַנד וועט אין גיכען אַרויסרופֿען אַן אַ... געמיינע אָבשטאַרבונג פֿון דיזע ראַסען, אויב עס וועט ניט קומ... אַ סאָציאַלער איבערבייט, אום אָבצושטעלען די פֿיזישע ... מאָראַלישע דעגענעראַציאָן, וועלכע דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטע... האָט פֿעראורזאַכט.

אויב די פֿעלקער וועלען זיך ווייטער בעהאַלטען פֿאַר לענגערע צייט הינטער זייערע נאַציאָנאַלע גרענעצען, דאַן וועט אונזער יעצטיגע שטעלונג פֿילייכט ביסלעכוויז פֿערנומען ווערען

פֿון די סלאַווישע ראַסען, וועלכע זיינען נאָך יונגער און פֿרישער, דערפֿאַר וואָס זיי זיינען שפּעטער אַריינגעטראָטען אין דער בעוועגונג פֿון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציאָן. אָבער ווי לאַנג וועט דיזע פֿעריאָדע אָנהאַלטען? און וואָס וועט קומען נאָך דעם? און וואָס וועט זיין די בעלעבענדע קראַפֿט, וואָס וועט צוריק בענייען אונזער בלוט אָרעמע ראַסע, וועלכע האָט פֿערלאָרען איהרע קרעפֿטע דורך די קאָרופּטע ווירקונגען פֿון אַ ציוויליזאַציאָן, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אויף אַ שלעכטען וועג?

ביי יעדע אָבשטאַרבענדע ציוויליזאַציאָן האָבען מיר ביז יעצט געזעהן דעם ערשיינען פֿון אַ נייער ראַסע, וועלכע איז געוועזען גענוג פֿעהיג אויפֿצונעהמען אין זיך די אַלע קענטניסע פֿון דער ראַסע, וועמענס פּלאַץ זי איז געגאַנגען פֿערנעהמען, און זי פֿון איהר זייט האָט מיטגעבראַכט אַ נייען מוח, נייע פֿעהיגקייטען און פֿרישעס בלוט. ווי עס ווייזט אויס, צייגט אונז דער אונטערגאַנג פֿון די פֿערשידענע ציוויליזאַציאָנען, אַז יעדע ראַסע בעזיצט בלויז אַ געוויסע סומע פֿון ענערגיע און פֿעהיגקייטען, און ווען זי האָט אַרויסגעגעבען דיזע סומע, געהט זי אונטער, אָדער זי בלייבט שטעהען אויף דעמזעלבען אָרט און ענטוויקעלט זיך ניט ווייטער.

* * *

איינינע פֿון אונזערע פֿריינדע זיינען מיט דער מיינונג, אַז עס גיט איבערהויפּט מעהר קיין ראַסען ביי די ציוויליזירטע פֿעלקער, אַז די ציוויליזירטע וועלט איז איינגעטהיילט אין שטאַאַטען, איבערבלייבעכץ פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, וועלכע שטעהען מעהר ניט אין אָנקלאַנג מיט די געגענווערטיגע בעדינגונגען, אָבער זיי שטעלען פֿאָר מיט זיך אַ גרויסע, אונצערטהיילבאַרע אַלגעמיינהייט. די ציוויליזאַציאָן אין פֿראַנקרייך און רוסלאַנד, אַמעריקאַ און אויסטראַליען איז איבעראַל דיזעלבע און עס גיט מעהר ניט קיינע פֿיינדליכע ראַסען, נאָר פֿיינדליכע קלאַסען, וועלכע בעקעמפֿפֿען זיך איינע די אַנדערע.

זיכער, מיר זיינען אויך מיט דער מיינונג, אַז די פֿערשידענע ראַסען וועלען מוזען פֿערשווינדען, צוליעב דער געוואַלטיגער אויסבייטונג פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען און די לייכטע מעגליכקייטען זיך צו בעזעצען אין פֿערשידענע לענדער. דיזער שטענדיגער און אינטימער פֿערקעהר צווישען די פֿערשידענע פֿעלקער מוז אַרויסרופֿען אַן אַלגעמיינע פֿערמישונג צווישען די ראַסען, און פונקט דערפֿאַר פֿערדאַמען מיר אַזוי שטאַרק די פֿערניכטונג פֿון גאַנצע פֿעלקער און שטאַמען, איידער זיי האָבען נאָך געהאַט די מעגליכקייט בייצוטראָגען צו אונזער ציוויליזאַציאָן זייער בעזונדערן טהייל פֿון אָריגינעלע אייגענשאַפֿטען, וועלכע זיי בעזיצען אין דער ווירקליכקייט. ווען מיר האָבען גערעדט איבער די אויסשלאַכטונג פֿון וועהרלאָזע שטאַמען און איבער די סיסטעמאַטישע אויסראָטונג פֿון גאַנצע ראַסען, דאַן האָבען מיר געפֿיהלט ביי זיך אַ געוויסע טרויעריגקייט, אַ מעלאַנכאָלישע שטימונג, פֿרעגענדיג זיך אַליין, צי דיזע „נידעריגע" ברידער האָבען אפשר ניט איניגע פֿון יענע גוטע אייגענשאַפֿטען, וועלכע מיר אַליין בעזיצען ליידער ניט, און וועלכע וואָלטען אונז אַזוי נייטיג געווען.

* * *

די ווייסע ראַסע איז ניט אימשטאַנד געווען צו פֿערשטעהען די הינטערשטעליגע ראַסען, און דערפֿאַר האָט זי זיי פֿערניכטעט. אויב זי וואָלט ווירקליך געהאַט די אַבזיכט זיי אויפֿצוהויבען אויף אַ העכערע שטופֿע פֿון ענטוויקלונג, דאַן וואָלט זי זיך גדאַרפֿט רעכענען מיט דעם פֿאַקט, אַז דיזער ענטוויקלונגס־פּראָצעס דאַרף נעהמען אַ לאַנגע צייט; אָבער זי האָט קיינמאָל ניט געווינשט זיי צו ערציהען; איהר איינציגער וואונש איז געווען זיי אויסצובייטען, און די אויסבייטונג האָט זיך ביסלעכווייז פֿערוואַנדעלט אין אַן אויסראָטונג.

קוקענדיג אויף אונזערע וואַהנזיניגע הערשזוכט, דאַרפֿען מיר זיך שטעלען די פֿראַגע, צי די ציוויליזאַציאָן פֿון די מיראָקעזען איז ווירקליך געווען נידעריגער פֿון אונזער אייגענער. האָבען מיר אַ רעכט זיך צו שטעלען „העכער" פֿון יענע אינקאַס אין פּערו,

וועלכע האָבען אַם וויינינגסטענס פֿערשטאַנען צו פֿערזיכערן די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פֿון אַלע מיטגלידער פֿון זייער געזעל־שאַפֿט, אין דערוועלבער צייט, ווען דאָס סאָציאַלע עלענד גראָבט אונטער אונזער ציוויליזאַציאָן?

ניין, עס גיט ניט קיין שום אַרגומענט, וועלכער קען בע־ווייזען די עקזיסטענץ פֿון זאָגענאַנטע „נידעריגע ראַסען”; דיזע בעהויפּטונג איז ניט מעהר ווי אַן ענטשולדיגונג, אום צו רעכט־פֿערטיגען די פֿערברעכען פֿון די זאָגענאַנטע „העכערע” ראַסען.

פאַר וואָס מיר זיינען רעוואָלוציאָנערן.

מיר האָבען אויפגעצייגט, אַז יעדער מענש, אָהן אַן אויסנאַהמע, האָט אַ רעכט זיך פריי צו ענטוויקלען, אַז יעדעס מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט צו בעפרידיגען זיינע אַלע בעדירפניסע; און דעריבער זיינען מיר געקומען צו דעם שלוס, אַז די אויטאָריטעט, דאָס אייגענטהום און אַלע אַנדערע אינסטיטוציאָנען, וועלכע די הערשענדע קלאַסע האָט ערפונדען צו פערטהיידיגען איהרע פריווילעגיעס, וועלכע גרינדען זיך אויף די בערויבונג פון די מאַסען, אַז דיזע אינסטיטוציאָנען האָבען קיין שום בערעכטיגונג צו עקזיסטירען. עס בלייבט אונז מעהר ניט איבער צו אונטערזוכען די מיטלען, וועלכע זיינען אימשטאַנד איבערצובייטען דעם יעצטיגען צושטאַנד, וועלכען מיר בעקעמפפען, כדי מיר זאָלען האָבען די מעגליכקייט צו גרינדען אַזאַ געזעלשאַפט, וועלכע מיר ערוואַרטען אין דער צוקונפט; און אין דערזעלבער צייט דאַרפען מיר זעהן צו בעווייזען די בערעכטיגונג פון דיזע מיטלען. מאַנכע פערזאָנען, וועלכע זיינען איינשטימיג מיט אונזער קריטיק פון די יעצטיגע סאָציאַלע בעדינגונגען, און וועלכע ווערען אפילו בעגייסטערט, הערענדיג אונזער פאָרשטעלונג פון אַ קומענדער האַרמאָנישער געזעלשאַפט, ווילען אָבער פאַר קיין פאַל ניט צוגעבען אַז עס איז נויטווענדיג אַנצואווענדען געוואַלט אין אונזער קאַמפף. זיי זיינען מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף געהען טריט ביי טריט און זעהען צו פערבעסערן ביסלעכווייז די יעצטיגע סאָציאַלע בעדינגונגען.

„יעדע זאַך אין דער נאַטור", אַזוי בעהויפטען זיי, „בייט זיך איבער דורך ענטוויקלונג; פאַרוואָס זאָלען מיר אַלזאָ ניט אַננעהמען דעמזעלבען וועג אין דער סאָציאָלאָגיע, אַנשטאָט צו

טרוימען פֿון אַ גיכען אונטערגאַנג? װעלענדיג איבערבייטען די געזעלשאַפֿט דורך געוואַלט, ריזיקירט איהר צו פֿעראורזאַכען די צושטערהרונג פֿון אַלצדינג, ניט ברייננענדיג קיין גוטס צו קיי־נעם, איהר װעט אַרויסרופֿען אַ װילדע רעאַקציאָן, װעלכע װעט אָבהאַלטען דעם פּראָגרעס פֿאַר יאָה־הונדערטע.״

דיזער אַרגומענט, מיט װעלכען עהרליך דיינקענדע מענשען, װעלכע האָבען װירקליך דעם װאונש צו דיסקוטירען די פֿראַגע, בענוצען זיך אָפֿטמאָל געגען אונז, האָט אַ געװיסע בערעכטיגונג און עס איז װערטה, מיר זאָלען זיך אַביסעל נעהנטער בעשעפֿ־טיגען דערמיט.

* * *

אמת, יעדע זאַך אין דער נאַטור ענטװיקעלט זיך ביסלעכ־װייז, מיר זעהען איבעראַל אַ לאַנגזאַמען אונאונטערבראָכענעם און שטופֿענװייזען פּראָגרעס פֿון אַלע ערשיינונגען, און ערשט דאַן, װען עס פֿינדעט שטאַט אַן איבערגאַנג פֿון איין פּעריאָדע צו אַן אַנדערער, בעמערקען מיר אַ שנעלערע בעװעגונג, פֿער־בונדען מיט פּעריאָדישע קאַטאַסטראָפֿען. אויף אַזאַ מין אַרט האָט זיך ענטװיקעלט דאָס לעבען אויף אונזער ערד, האָט דער מענש אַריבערגעטראָטען דעם גרענעץ פֿון דער טהירישער װעלט, און דיזער שטענדיגער פּראָגרעס איז אויך די אורזאַכע, אַז דער מענש פֿון אונזער צייט שטעהט מעהר ניט אויף דערזעלבער שטופֿע װי דער מענש אין דער זאָגענאַנטער שטיין־צייט.

אָבער איין זאַך דאַרפֿען מיר קיינמאָל ניט פֿערגעסען: אויב די ענטװיקלונג זאָל אָנגעהן טריט ביי טריט, אָהן געװאַל־טיגע פּאַסירונגען, דאַרף זי ניט געפֿינען קיין שום הינדערניס אויף איהר װעג; אויב עס מאַכט זיך יאָ אַ הינדערניס און די אינערליכע קראַפֿט פֿון דעם ענטװיקלונגס־פּראָצעס איז שטאַרקער פֿון דעם װידערשטאַנד, װעלכען זי געפֿינט, װעט זי צובּרעכען די הינדערניס, אויב ניט, װעט עס זיין אַ מפּיל. יעדעס מאָל, װען עס פֿינדעט שטאַט אַ צוזאַמענשטויס צװישען אַ פּראָגרעס און אַ זאַך, װעלכע האַלט איהם אָב, ענטשטעהט אַ רעװאָלוציאָן, צי עס האַנדעלט זיך אום דעם אונטערגאַנג פֿון אַ גאַנצען קאָנ־

טינעגט, צי אום די פֿערניכטונג פֿון אַ מאָלאָקיל, אַ שטויבעלע אין אַן אָרגאַניזמוס, שפּיעלט אין דיזער בעציהונג קיין ראָלע ניט.

עס ווערט היינט אַלגעמיין אָנערקענט, אַז די גרויסע געאָלאָגישע רעוואָלוציאָנען זיינען ניט אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך געוואַלטיגע קאַטאַסטראָפֿען און שנעלע פֿערענדערונגען, וועלכע האָבען זיך אָבגעשפּיעלט אינעווייניג פֿון׳ם ערד־קוגעל, נאָר זיי זיינען געווען די רעזולטאַטען פֿון אַ שטילען אונבעמערקליכען איבערבייט, וועלכער איז אָנגעגאַנגען הונדערט טויזענדער יאָהרען. מיר ווייסען אויך, אַז דיזעלבע אורזאכען, וועלכע האָבען ענטוויקעלט דעם יעצטיגען צושטאַנד פֿון אונזער ערד, זעצען שטענדיג פֿאָרט זייער טהעטיגקייט און בערייטען פֿאָר אַ נייען איבערבייט.

איבעראַל הוילט דער רעגען אויס די פֿעלזען־שטיינער און גראָבט אונטער דעם האַרטסטען גראַניט. קיין סימן צייגט אינז ניט אָן אויף דיזע אונטעראירדישע אַרבייט. גאַנצע געגעראַציאָנען קומען און פֿערשווינדען, און מען בעמערקט ניט קיינע פֿערענדערונגען. אָבער אין אַ שעהנעם טאָג קייקלען זיך די ריעזיגע שטיינער אַראָב פֿון די בערג, צושמעטערענדיג וועלדער און דערפֿער אויף זייער וועג. זיי פֿילען אָן די טהאָלען, אין וועלכע די טייכען פֿליסען, און דאָס וואַסער זוכט זיך אַן אַנדער וועג — איבעראַל אַ בילד פֿון צושטעהרונג, אונטערגאַנג און פֿערניכטונג! אָבער נאָכדעם ווי די קאַטאַסטראָפֿע איז אַריבער, פֿאָדערט דאָס לעבען ווייטער זיינע רעכטע, און עס ענטוויקעלט זיך שטאַרקער און מעכטיגער ווי בעפֿאָר אין אַלע ווינקלעך אין דעם אָרט פֿון צושטעהרונג. די עוואָלוציאָן געהט אָן זעהר לאַנגזאַם און טריט ביי טריט, ביז וואַנען עס קומט אַ מאָמענט, ווען זי קען מעהר ניט פֿאָרזעצען איהר שטילע אונטעראירדישע טהעטיגקייט, אָהן אַרויסצורופֿען אַ שטאַרקע געפֿאַהר פֿאַר דעם בעשטעהענדען צושטאַנד; און די פֿעלזען הויבען אָן פֿונאַנדערצופֿאַלען און בעגראָבען אַלצדינג אונטער זייער שווערער לאַסט.

* * *

נעהמט אַן אַנדער ביישפּיעל: עס איז בעקאַנט, אַז דער ים געהט ביסלעכוויז צוריק פֿון געוויסע ברעגעס און איבערפֿלייצט

אַנדערע. די כוואַליעס גראָבען אונטער גאַנצע שטיקער לאַנד און שלעפּען אַוועק די ערד, אום צו געפינען אַ נייען פּלאַץ, אָבער דיזעלבע ערד קלייבט זיך אָן אין אַנדערע פּלעצער און אויף אַזאַ'ן אופן ענטוויקלען זיך ביסלעכווייז נייע שטיקער לאַנד. דיזע אַרבייט געהט אָן אַזוי שטיל און אונבעמערקליך, אַז גאַנצע גע־נעראַציאָנען קומען און פערשווינדען, ניט זעהענדיג די רעזול־טאַטען פון דיזער שטילער טהעטיגקייט — אין הונדערט יאָהר צייט שלינגט דער ים איין אפשר עטליכע סאַנטימעטער, דאָס איז אַלעס. אָבער שפּעטער מיט צעהנטויזענדער אָדער הונדערט טויזענדער יאָהרען — די צייט שפּיעלט אַ קליינע ראָלע — וועט קומען דער מאָמענט, ווען די כוואַליעס האָבען בעזיעגט דעם לעצטען ווידערשטאַנד, צושטעהרט דעם לעצטען גרענעץ, און דער ים, וועלכער האָט בעקימען נייע קרעפטען דורך דעם ווידערשטאַנד גופא, וועט איבערפלייצען דאָס לאַנד און צושטעה־רען אַלצדינג וואָס קומט אין זיין וועג, ביז וואַנען ער וועט זיך ווייטער אָבשטעלען ביי אַ נייעם גרענעץ, וועלכער איז אימשטאַנד אויפצוהאַלטען די כוואַליעס פאַר אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט; אויף ווי לאַנג, דאָס ווענדט זיך אין דער קראַפט און ווידערשטאַנדס־פעהיגקייט, וועלכע ער בעזיצט.

* * *

דאָסזעלבע איז דער פאַל מיט די פערשידענע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט: די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָן, די אַלע אינסטי־טוציאָנען, וועלכע מען האָט געשאַפען צו פערטהיידיגען דיזע אָרגאַניזאַציאָן, שטעלען פאַר דעם גרענעץ, וועלכער האַלט אָב דעם פראָגרעס. פון דער צווייטער זייט זעהען מיר, ווי יעדע ערשיינונג אין דער געזעלשאַפט זוכט דורכצוברעכען דיזען גרע־נעץ. די אידעען האָבען זיך מאָדיפיצירט, די מנהגים זיינען איבערגעביטען געוואָרען, און ביסלעכווייז פערשווינדעט דער רעספּעקט פאַר די אַלטע אינסטיטוציאָנען, וועלכע זוכען זיך אויפצוהאַלטען מיט אַלע מעגליכקייטען, אום פאָרטצוזעצען זייער הערשאַפט איבער די געזעלשאַפט און איהרע מיטגלידער. די שטילע אַרבייט פון דיזער אינערליכער אויפלעזונג איז מאַנכעס

מאָל אונבעמערקבאר פֿאַר אַ גאַנצען דור. געוויסע מנהגים און געוואוינהייטען פֿערשווינדען, געוויסע פֿאָראורטהיילע זיינען צושטעהרט געוואָרען, אָבער דיזער איבערבייט איז אָנגעגאַנגען אַזוי שטיל, אַז מען האָט איהם אפילו ניט בעמערקט, און נאָר די אַלטע מענשען, וועלכע פֿערגלייכען די מנהגים פֿון זייער יוגענד מיט די געוואוינהייטע פֿון זייערע קינדער, בעמערקען, אַז עס האָט יאָ שטאַטגעפֿונען אַן איבערבייט.

נאָר אָבוואָהל די אידעען און געוואוינהייטען האָבען זיך פֿערענדערט, זיינען די אינסטוציאָנען און די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָנען פֿאָרט געבליבען דיזעלבע; אַזוי ווי אַ מויער שטעהען זיי פֿעסט אויף דעמזעלבען אָרט און די כוואַליעס ברעכען זיך אָן די פֿעלזען, אָבריסענדיג דאָ און דאָרט אַ שטיינדעל. טויזענדער אַזעלכע שטיינדלאַך ווערען ביסלעכווייז אָבגעריסען פֿון די כוואַליעס, אָבער וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָבען איינצעלנע שטיינער אין פֿערגלייך מיט דעם גאַנצען מויער? קיינע ניט. אָבער די כוואַליעס שלעפּען אויך די שטיינער און ביי זייער נעכסטער אַטאַקע שליידערן זיי דיזעלבע שטיינער צוריק אין דעם מויער און ברעכען אויס אַנדערע שטיינער, וועלכע זיי פֿערוואונדען שפּעטער צו דעם זעלבען צוועק. אַזאַ קאַמפּף קען אָנגעהן פֿאַר טויזענדער יאָהרען; דער מויער זעהט אויס אונצערשטעהרבאַר, אָבער אין אַ שעהנעם טאָג, ווען עס מאַכט זיך אַ נייע אַטאַקע, ברעכען אונטער איהרע פֿונדאַמענטען און די טריאומפֿירענדע כוואַליעס געפֿינען ענדליך אַ פֿרייען וועג.

*
* *

מיר וואָלטען זיכער העכסט צופֿרידען געווען, אַז די ענטוויקלונג פֿון אונזער געזעלשאַפֿט זאָל אָנגעהן שטילערהייט, אָבער אָהן אַ אָבהאַלט, מיר וואָלטען זיך אמת געפֿרייט צו געהען ווייטער און ווייטער, אויסמיידענדיג אַלע קאַטאַסטראָפֿען און געוואַלטיגע פאַסירונגען, אָבער דאָס ווענדט זיך ניט אין אונזער וואונש. מיר געהען אָן מיט אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ, מיר פֿערשפּרייטען אונזערע אידעען פֿון אַ בעסערע צוקונפֿט; דאָס זיינען די טראָפּען וואַסער, וועלכע לייזען אויף די מינעראַלען, ברעכען

זיך דורך אַ וועג דורך די שטיינער און קומען ענדליך ביין פֿוס בּאַרג אַרויס אַלס אַ קוואַל. קענען מיר פֿערהינדערן, אַז דער בּאַרג זאָל ניט אויסגעהוילט און ענדליך צופֿאַלען ווערען דורך די שטילע אַרבּייט פֿון די וואַסער־טראָפּען און ענדליך אַליין צוברעכען די שטיין־פֿלאָקען, דורך וועלכע מען האָט געדריינקט צו מאַכען איהם נאָך פֿעסטער און שטאַרקער?

די קאַפּיטאַליסטען זיינען אַליין אויך פֿעראינטערעסירט, אַז די סאָציאַלע אומוועלצונג זאָל שטאַטפֿינדען אָהן אַ צוזאַמענ־שטויס. פֿאַרוואָס אַלזאָ פֿערזוכען זיי אויפֿצוהאַלטען דעם בּאַרג מיט אַלע מיטלען, אָנשטאָט צו העלפֿען אונז איהם בּיסלעכוויז אַוועקצוראַמען פֿון וועג, כּדי דאָס וואַסער זאָל קענען לאַנגזאַם אַראָבפֿליסען אין טהאָל און מיטשלעפּען מיט זיך אַלע אונניצליכע שטאָפֿען, אום אויסצוגלייכען די ערד?

אָבער זיי ווילען זיך ניט ענטזאָגען פֿון זייערע פּריווילעגיעס; זיי האָבען זיך איינגערעדט, אַז זייער געזעלשאַפֿט איז אַזוי פֿעסט און זיכער, אַז די כוואַליעס קענען איהר ניט בּריינגען קיין שום שאָדען. וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָבען פֿאַר זיי די ווייניגע קאָנ־צעסיאָנען, וועלכע מען האָט אַרויסגעריסען פֿון זיי אין פֿערלויף פֿון אַ גאַנצען יאָהרהונדערט! זייערע פּריווילעגיעס זיינען אַזוי גרויס, אַז זיי פֿיהלען זאָגאַר ניט אַזאַ קליינען פֿערלוסט. אָבער די כוואַליעס האָבען אָנגעהויבען זייער אַרבּייט; די אונטערדריקטע בּענוצען זיך מיט דעמזעלבען מאַטעריאַל פֿון זייערע עקספּלאָ־אַטאַטאָרס און שמידען דערפֿון די וואַפֿען פֿאַר זייער פֿערניכ־טונג. מיר האָבען בּייגעטראָגען אונזער טהייל צו דער עוואָלוציאָן, און דער אונזיניגער ווידערשטאַנד פֿון דער בּורזשואַזיע איז אַליין פֿעראַנטוואָרטליך, ווען די עוואָלוציאָן וועט זיך פֿערוואַנדלען אין אַ רעוואָלוציאָן.

* * *

יעדער איינער, וואָס האָט נאָר די אַבזיכט צו שטודירען אויף אַן אונפּאַרטייאישען אופֿן די טהעטיגקייט פֿון דעם סאָ־ציאַלען אָרגאַניזם, וועט באַלד פֿערשטעהן, אַז די אומשטענדע אַליין האָבען די אַנאַרכיסטען געטריבּען צו ווערען רעוואָלוציאָ־

נערע. די אַנאַרכיסטען האָבען אויסגעפֿונען, אַז די אורזאַכען פֿון די סאָציאַלע איבלען זיינען ענטהאַלטען אין דער אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער געזעלשאַפֿט גופא, און דאָס אַלע רעפֿאָרמען, וועלכע די פּאָליטיקער און סאָציאַליסטען שלאָגען פֿאָר, האָבען ניט דעם קלענסטען ווערטה, דערפֿאַר וואָס זיי בעשעפֿטיגען זיך בלויז מיט די ווירקונגען אָנשטאָט מיט דער אורזאַכע פֿון די איבלען.

ווען איינער האָט גענוג צו עסען און קען ווי עס איז בעפֿרידיגען זיינע בעדירפֿניסע, האָט ער צייט אָבצואוואַרטען. אָבער די, וועלכע ליידען פֿון פֿיזישען און גייסטיגען הונגער, זיי קענען שוין ניט זיין צופֿרידען מיט שעהנע צוקונפֿטס-בילדער, נאָך דעם ווי זיי האָבען פֿערשטאַנען די אורזאַכע פֿון זייערע ליידען; די בעדינגונגען, אונטער וועלכע זיי לעבען, צווינגען זיי צו פֿערלאָזען דעם געביעט פֿון דער שפּעקולאַציע און זיך צו בעשעפֿטיגען מיט דער פּראַקטישער טהעטיגקייט.

איז עס דען ניט אַ גאַנץ נאַטירליכע ערשיינונג, אַז מענשען, וועלכע זיינען איבערציינגט פֿון א געוויסע אידעע, זאָלען זוכען איהר צו פּראָפּאַגאַנדירען און איהר בעווייזען דורך האַנדלונגען? און איז עס ניט אַ פֿערברעכען אין אונזער היינטיגער געזעלשאַפֿט, צו פֿערזוכען אַ פֿערווירקליכונג פֿון אונזערע אידעען? ווי אַזוי איז אַלזאָ מעגליך, אַז די, וואָס האָבען געטהאָן אַלצדינג צו פּראָפּאַגאַנדירען די נייע אידעען, צו ערקלעהרען די אורזאַכע פֿון אונזערע ליידען און די מיטלען, וועלכע קענען אונז פֿיהרען צו אַ בעסערער געזעלשאַפֿט, ווי אַזוי איז עס גאָר מעגליך צו ערוואַרטען, אַז דיזעלבע מענער זאָלען זיך שטעלען אַנטקעגען די, וועלכע זוכען צו רעאַליזירען אייערע אידעען, און זיי צוצורופֿען: „האָט געדולד און זייט צופֿרידען, נעהמענדיג אַן אָנטהייל אין אַזאַ בעוועגונג, אפשר וועט קומען אַ טאָג, ווען אייער עקספּלאָאַטאַטאָר וועט אייך געבען אַ פּאָר פֿערבעסערונגען!" אַזאַ שטעלונג וואָלט פּשוט געהייסען זיך אויסלאַכען פֿון די אונגליקליכע.

* * *

זיכער, מיר וואָלטען העכסט צופֿרידען געווען, ווען די בורזשואַזיע וואָלט אַליין פֿערשטאַנען די שענדליכע ראָלע, וועלכע

זי שפילט, ווען זי וואָלט זיך ענטזאָגט ווייטער צו עקספּלואַטירען די אַרבייטער און איבערגעגעבען די מאַשינען, די הייזער, די ערד און די מינען צו דער אַלגעמיינהייט, כדי די אַרבייטער זאָלען זיך בענוצען דערמיט צו גונסטען פֿון אַלעמען און אָרגאַניזירען אַ צושטאַנד פֿון סאָלידאַריטעט אָנשטאָט פֿון קאָנקורענץ. אָבער קען אַן ערנסטער מענש זיך ווירקליך איינרעדען, אַז דיזעלבע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האַלטען אין איין שרייען, אַז מען זאָל פֿערגרעסערן די צאָהל פֿון סאָלדאַטען, פּאָליציסטען און ריכטער, וועלען פּלוצלינג ווערען אַזוי גוט, אַז זיי וועלען זיך ענטזאגען פֿון זייערע אַלע פּריווילעגיעס צוליעב אַ אידעאַל, וועלכעס איז געגען זייערע אינטערעסען?

געוויס, עס איז גאַנץ שעהן אויסצואַרבייטען נייע טהעאָריען און צו טרוימען פֿון אַ בעסערער צוקונפֿט. אָבער פֿאַר וועמען? פֿאַר מענשען פֿון דער בעזיצענדער קלאַסע, וועלכע האבען זיך צורעכט געמאַכט אַ מין סאַלאָן-פֿילאָזאָפֿיע, אום צו דיסקוטירען צווישען זיך נאָך אַ גוטען מיטאָג איבער די שלעכטע אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער געזעלשאַפֿט. אָבער אָנצוהאָרעווען די הונגערליידער מיט אַזעלכע אונפֿרוכטבאַרע אידעען, וואָלט געווען דאָסזעלבע, ווי אַ פֿילאַנטראָפּ, וועלכער האָט זיך גוט אָנגעגעסען און האָט אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט גאָלד, וואָלט געענטפֿערט אַ מענשען, וועלכער געהט אוים פֿון הונגער: „מיין ליעבער פֿריינד, איך האָב ווירקליך רחמנות אויף אייך און איך בעדויער זעהר אייער שלעכטע לאַגע; איך וועל גוט נאָכדיינקען וועגען אייך און אייער טרויעריגען שיקזאַל, נאָר פֿאָרלויפֿיג ראַטה איך אייך, איהר זאָלט זיך ניט אָנ'שכור'ן און אָבשפּאָרען יעדע וואָך אַ פּאָר גראָשען.” ווען מיר וואָלטען די אָרעמע און עלענדע מעהר ניט געקענט געבען ווי אַזאַ לעהרע, וואָלט די בורזשואַזיע געקענט זיין זעהר צופֿרידען, ווייל זי וואָלט זיך ניט געדאַרפֿט זאָרגען וועגען דער צוקונפֿט, און די אַרבייטער וואָלטען קיינמאָל קיין האָפֿנונג ניט געהאַט צו בעפֿרייען זיך פֿון זייערע ליידען און שמערצען.

גליקליכערווייזע האָבען מיר געזעהן, אַז עס גיט נאָר איין

וועג צו רעאַליזירען אונזערע ווינשע און שטרעבונגען, און עס גיט פיעלע טעמפעראַמענטפאָלע מענשען, וועלכע זיינען פערטיג צו געהן דיזען וועג. וואָס מעהר די אַנאַרכיסטישע טהעאָריע צייגט זיך אַרויס אַלס אַ לעהרע פון פראַקטישע האַנדלונגען, אַלס מעהר רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען וועלען זיך אָנשליסען אין אונזערע רייהען. דעריבער איז די פערמעהרונג פון רעוואָלוציאָנערע אַקטען, וועלכע מורא׳דיגע מענשען בעדויערן אַזוי שטאַרק, דער בעסטער בעוויז פאַר דעם פראָגרעס פון אונזערע אידעען.

* * *

עס וואָלט איינפאַך געהייסען בעזאָרגען די אַרבייט פון די עקספּלואַטאַטאָרס, ווען מיר וואָלטען געפריידיגט די אונטער־דריקטע די לעהרע פון געדולד און פריעדען; דיזע ראָלע לאָזען מיר איבער צו די פערטרעטער פון׳ם קריסטענטהום. ניט מיט געדולד און ניט מיט פוסטע האָפנונגען איז מעגליך אַ בערצו־בייטען די יעצטיגע בעדינגונגען, זאָנדערן נאָר דורך האַנדלונגען, און דער בעסטער וועג צו האַנדלען איז זעהן ווי פטור צו ווערן פון אַ הינדערנים, וועלכעס פערשפּאַרט אונז דעם וועג.

לאַנג גענוג האָבען זיך די מענשען אַנידערגעוואָרפען פאַר דער אויטאָריטעט, לאַנג גענוג האָבען זיי געהאָפט אויף אַ משיח אָדער געגלויבט אין פּאָליטישע אומוועלצונגען און געזעצליכע בעפרייאונגס־מיטלען! די פערווירקליכונג פון אונזערע אידעען פאָדערט אַזעלכע מענשען, וועלכע האָבען דעם בעוואוסטזיין פון זייער קראַפט, מענשען, וועלכע פערשטעהען ווי אַזוי צו האַנד־לען, כדי מען זאָל רעספּעקטירען זייער פרייהייט, ניט טיראַני־זירענדיג אין דערזועלבער צייט אַנדערע מענשען, מענשען, וועלכע פערלאָזען זיך קיינמאָל ניט אויף אַנדערע, זאָנדערן נאָר אויף זייערע אייגענע קראַפט, איניציאַטיווע און ענערגיע. און אַזעלכע מענשען געפינט מען ניט, פריידיגענדיג געדולד, זאָנדערן דעם אויפשטאַנד, די רעוואָלטע!

* * *

און אויסערדעם וויזט די אַנאַרכיסטישע אידעע ניט צוריק די אונטערשטיצונג פון די, וועלכע געפינען ניט קיין געשמאַק

אין דירעקטער טהעטיגקייט, און וועלכע בעשעפֿטיגען זיך אויס־שליסליך מיט דער פֿערשפּרייטונג פֿון די אידעען און מיט דער פֿאַרבערייטונג פֿאַר אַ צוקינפֿטיגע ענטוויקלונג; עס מאכט אפּילו ניט אויס, ווען זיי אַנערקענען ניט אין גאַנצען אונזערע אידעען. יעדע אַטאַקע געגען אַ פֿאָראורטהייל, יעדע האַנדלונג, וועלכע צושטעהרט אַ ליגען און בעשטעטיגט אַ וואַהרהייט איז אַ זיעג פֿאַר'ן אַנאַרכיזמוס. די אַנאַרכיסטען ענטזאַגען זיך ניט פֿון קיין הילפֿע, זיי ווייזען ניט צוריק קיין אונטערשטיצונג, און זייער בעסטער וואונש איז צו אַרבייטען האַנד אין האַנד מיט אַלע די, וועלכע גיבען אונז עפּעס גייעס. זיי זיינען צופֿרידען צו פֿעראייניגען זייערע קרעפֿטע מיט די אַנדערע, כדי די אַנדערע זאָלען זיך בעקענען מיט זייערע אייגענע ווינשע און שטרעבונגען.

* * *

עס איז איינפֿאַך אונמעגליך פֿאַר די אַנאַרכיסטען צו אַגי־טירען אויף אַ פֿרידליכען אופֿן, אפילו ווען זיי וואָלטען געהאַט די אַבזיכט דערצו, ווייל די אומשטענדע אַליין צווינגען זיי צו האַנדלען. קען מען דען רוהיג צוזעהען ווי די פּאָליציי מישט זיך אַריין אין יעדע אַנגעלעגענהייט, פֿערשטעהענדיג די טרויעריגע ראָלע פֿון אַ פּאָליציסט? קען מען זיך אונטערוואַרפֿען צו דער געמיינהייט פֿון אַ ריכטער. ווען מען גלויבט מעהר ניט אין די היילינקייט פֿון זיין ראָלע? אָדער ווי אַזוי קען מען רעספּעקטירען דעם רייכען ליידיגגעהער, וויסענדיג, אַז זיין עקזיסטענץ גרינדעט זיך אויף דאָס עלענד פֿון הונדערטער פֿאַמיליען?

קען אַ מענש אַריינגעהן צופֿרידענערהייט אין דער קאַזאַרמע און שפּיעלען די ראָלע אַלס אַ וועכטער־הונד פֿון זיינע אויס־בייטער, בעגרייפֿענדיג אין דערזעלבער צייט, אַז די אידעע פֿון'ם פֿאָטערלאַנד איז ניט מעהר ווי אַ שווינדעל, און אַז זיין ווירק־ליכע ראָלע בעשטעהט אין דעם צו ערמאָרדען זיינע ברידער, אויב מען וועט איהם הייסען?

ווען מיר זעהען אַז דאָס עלענד איז ניט אַנדערס ווי דער רעזולטאַט פֿון אונזער שלעכטער געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן, אַז מענשען געהען אויס פֿון הונגער, איינפֿאַך דערפֿאַר, ווייל עס

גיט ברוטאַלע ענגאָאיסטען, וועלכע קליבען אָן בערגעלאַך גאָלד פאַר זייערע יורשים, קענען מיר דאַן נאָך אַלץ בלייבען רוהיג און שטאַרבען צופרידענערהייט אין ערגעץ אַ ווינקעל פון אַן אָרימען הויז? ווי פרידליך אַ מענש זאָל ניט זיין, קומט דאָך אַמאל אַ מאָמענט, ווען ער ענטפערט מיט געוואַלט, אים זיך צו פערטהיידיגען געגען דער געוואַלט, ווען ער הויבט אָן צו רעוואָלטירען געגען דער אויכבייטונג.

די, וועלכע וואָלטען צופרידען געווען, אַז די געזעלשאַפט זאָל זיך איבערבייטען אָהן געוואַלטיגע פאַסירונגען, מוזען זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל ענטזאַגען פון דיזער האָפנונג, וועלכע איז ניט מעהר ווי אַ חלום. די ענטוויקלונג פון די אידעען פיהרט אונז צו דער רעוואָלוציאָן. מיר מעגען עס בעדויערן, פערגיכען מרעהרען דעריבער, אָבער מיר קענען ניט ענדערן דעם פאַקט; מיר מוזען נעהמען די טהאַטזאַכען אַזוי ווי זיי זיינען, און קיין שום קלאָגען קען אונז ניט העלפען. און אויב די רעוואָלוציאָן איז אונפערמיידליך, דאַן גיט עס נאָר איין מיטעל, אום צו פערהינדערן, זי זאָל זיך גיט קעהרען געגען דעם פראָגרעס, נעמליך צו נעהמען אַן אַנטהייל אין איהר און אָנווענדען אַלע מעגליכקייט צו בענוצען זיך מיט איהר פאַר די פערווירקליכונג פון אונזער אידעאַל.

* *
*

מיר בעלאַנגען ניט צו די, וואָס פריידיגען געוואַלט־אַקטע אויך ניט צו יענע פוסטע שרייער, וועלכע עפענען שטענדיג אויף זייערע גרויסע מיילער, פונקט ווי זיי וואָלטען געוואָלט איינשלינגען אַ קאַפיטאַליסט אָדער אַ מייסטער לעבעדיגערהייט; דאָס זעלבע האָט די בורזשואַזיע פריהער געטהאָן מיט די גלחים. מיר דיינקען אויך ניט אויפצורייצען אַנדערע מענשען צו בעגעהען אַזאַ אָדער אזאַ אַקט. מיר זיינען איבערצייגט, אַז מענשען וועלען קיין זאַך ניט טהאָן, וועלכע זיי אַליין האָבען ניט בעשלאָסען אויסצופיהרען. מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז טעראָריסטישע אַקטען קען מען נאָר פריידיגען דורך אייגענע האַנדלונגען און ניט דורך אַן אַרטיקעל אָדער אַ רעדע. אָט דערפאַר

קומען מיר צו דעם שלוס, אַז מענשען דאַרפֿען אַליין וויסען, וואָס זיי געהען טהאָן. אָבער מיר זיינען אויך איבערצייגט, אַז די ענטוויקלונג פֿון די אידעען, אויב מענשען פֿערשטעהען זיי ריכטיג, מוז אַרויסרופֿען אַ פֿערמעהרונג פֿון די רעוואלוציאָנערע אַקטע.

* * *

וואָס טיעפֿער דיזע אידעען וועלען אַריינדרינגען אין די מאַסען, אַלס מעהר וועלען זיי אויפֿוועקען זייער בעוואוסטזיין, אַלס שטאַרקער וועט זיך ענטוויקלען ביי זיי דער געפֿיהל פֿון מענשליכער ווירדע, און אַלס ווייניגער וועלען זיי דערטראָגען די געמיינהייטען פֿון די רעגירער אין די אויסבייטינג פֿון די קאַפּיטאַליסטישע גנבים. און דיזע ענטוויקלונג וועט אַרויסרופֿען גאַנץ פֿון זיך אַליין אַ פֿערמעהרונג פֿון די רעבעלישע האַנדלונגען. און דיזער פֿאַקט מאַכט אונז ניט טרויעריג, פֿערקעהרט, יעדער רעוואָלוציאָנערער אַקט איז אַ קלאַפּ געגען דעם אַלטען אָרגאַניזם, וועלכער דערשטיקט אונז. און וויל מיר מוזען צוגעבען, אַז יעדער פּראָגרעס איז פֿערבונדען מיט צוזאַמענשטויסונגען און אָפּפֿער, דערפֿאַר בעגריסען מיר די יעניגע, וועלכע געהען אונטער אין דעם שרעקליכען שטורם, האָפֿענדיג, אַז זייער ביישפּיעל וועט שאַפֿען מעהר קעמפֿפֿער, מיט בעסערע וואָפֿען, וועלכע וועלען מאַכען אַ גרעסערע ווירקונג אויף דער געזעלשאַפֿט.

אָבער ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די צאָהל פֿון די, וואָס פֿאַלען אין קאַמפּף, איז זי דאָך נאָך זעהר קליין אין פֿערגלייך מיט די אונצעהלבאַרע אָפּפֿער, וועלכע דער קאַפּיטאַליסטישער מאָנסטער שלינגט איין יעדען טאָג. וואָס ענערגישער דער קאַמפּף וועט אָנגעהן, אַלס קירצער וועט ער זיין, און אַלס ווייניגער לעבענס וועלען פֿערניכטעט ווערען פֿון עלענד, קראַנקהייט, שווינדזוכט און דעגענעראַציאָן.

די מיטלען,
וועלכע עס נעהמען זיך פון די פרינציפען.

מאַנכע מענשען, וועלכע מיינען עס גאַנץ ערנסט, קענען פאַר קיין פאַל ניט בעגרייפען, וואַרום די אַנאַרכיסטען ווילען זיך ניט בענוצען מיט געוויסע קאַמפף־מיטלען, דערפאַר ווייל עס איז נעגען זייער פרינציפ. — „פאַרוואָס זאָלט איהר ניט פערזוכען אַריינצובעקומען די מאַכט אין אייערע הענד", אַזוי זאָגען זיי, „כדי איהר זאָלט קענען צווינגען דאָס פאָלק אָנצואווענ־ען אייע־ע אידעען אין דער ווירקליכקייט ??"—„פאַרוואָס", פרעגען אונז אַנדערע, „ווילט איהר ניט שיקען איינינע פון אייערע גע־נאָסען אריין אין פאַרלאַמענט אָדער אין דער שטאָדט־פערוואַל־טונג? דאָס וואָלט אייך געגעבען די מעגליכקייט צו בעקומען אַ געוויסע אויטאָריטעט און צו פע־שפרייטען אייערע אידעען צווי־שען די מאַסען."

פון דער צווייטער זייט זעהען מיר געוויסע אַנאַריכסטען, וואָס האַלטען זיך פאַר זעהר לאָגיש און וועלכע מאַכען פון דער אידעע איינפאַך אַ קאַריקאַטור, מיט דעם וואָס זיי פערטהיידיגען אַסך אַנזיכטען, וועלכע האָבען איבערהויפט ניט וואָס צו טהאָן מיט'ן אַנאַרכיזם. איינינע פערזאָנען זיינען די פערטהיידיגער פון פראָסטער גנבה, דערפאַר ווייל דער אַנאַרכיזם איז געגען פריי־וואַט־אייגענטהום. אַנדערע פערטהיידיגען אונטער דעם נאָמען פון דער פרייער ליעבע אַזעלכע האַנדלונגען, וועלכע זיי אַליין וואָלטען אַטאַקירט אַלס די ערגסטע קאָרופציאָן און געמיינהייט, ווען אַ בורזשואַ וואָלט עס געטהאָן. „נאָך אַ פאָראורטהייל!" זאָגען זיי און ערקלעהרען, אַז זיי לאַכען זיך אויס פון אַלע פרינ־ציפען, אַז יעדער מיטעל איז גוט, וועלכער קען אונז גיבער

פֿיהרען צו דער רעוואָלוציאָן. „לאָמיר זיך בעפֿרייען פֿון אַזעלכע בעדיינקליכקייטען, וועלכע פּאַסען מעהר ניט פֿאַר אונזער צייט!" אָט אַזוי ענטפֿערט מען אויף אַלע אַרגומענטען.

* * *

די יעניגע, וועלכע בענוצען זיך מיט אַזעלכע ווערטער, האָבען — אַזוי דיינקען מיר — אַ גרויסען טעות, און אויב זיי וואָלטען נאָר גענומען די מיה אַביסעל טיעפֿער נאָכצודיינקען, וואָלטען זיי אַליין געקומען צו דעם שלוס, אַז ניט יעדער מיטעל איז גוט, אום צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם אַנאַרכיזם; עס גיט זאָגאַר אַזעלכע מיטלען, וועלכע זיינען דירעקט געגען אַלע פּרינציפּען פֿון'ם אַנאַרכיזם. מעגליך, אַז געוויסע מיטלען קענען האָבען אַ מאָמענטאַנען ערפֿאָלג, אָבער אין אַלגעמיין וועלען זיי אָבהאַלטען די פֿערשפּרייטונג פֿון אונזערע אידעען, איינצעלנע פּערזאָנען וועלען דאַדורך פּראָפֿיטירען אָנשטאָט די אידעע. דאָס צייגט אונז, צי מען וועט עס צוגעבען אָדער ניט, אַז די מיטלען דאַרפֿען שטעהן אין אָנקלאַנג מיט די פּרינציפּען; דער פּרינציפּ דאַרף זיין דער קאָמפּאַס, דער פֿיהרער, כדי צו פֿערהינדערן, אַז מיר זאָלען ניט אַראָבגעהן פֿון ריכטיגען וועג. אַ פּרינציפּ איז אָקוראַט ווי אַ נאַטור־געזעץ, אויב מיר האַנדלען דאַגעגען, וועלען מיר זיך אַליין טהאָן שאָדען און די רעזולטאַטען פֿון אונזער טהעטיגקייט וועלען זיין גאַנץ אַנדערע, ווי מיר האָבען זיך פֿריהער פֿאָרגעשטעלט.

נעהמען מיר פֿאַר אַ ביישפּיעל דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט, פֿון וועלכען מיר האָבען גערעדט אין אָנפֿאַנג פֿון דיזעם קאַפּיטעל: ס'איז לייכט צו זאָגען, אַזוי ווי מאַנכע פֿון אונזערע טאַקטישע געגנער טהוען עס, ניט זעהענדיג אין פֿאָראויס די קאָנסעקווענצען פֿון אַ געוויסער טאַקטיק, — ס'איז לייכט צו זאָגען: „פֿאַרוואָס זאָלט איהר ניט פֿערזוכען צו שיקען איניגע אַנאַרכיסטען אין פּאַרלאַמענט, וואו זיי וואָלטען געקענט אויספֿיהרען דעם געזעלשאַפֿטליכען איבערבייט, פֿון וועלכען איהר טרוימט, אַם וויינינגסטענס וואָלטען זיי אימשטאַנד געווען לייכטער צו

גרופּירען אַרום זיך די קרעפטע, וועלכע רופען אַרויס אַ רע־
וואָלוציע."

מיט אַ גוט אָרגאַניזירטער און גוט פערשטאַנענער אָפּאָ־
זיציאָן איז מעגליך אַרויסצורופען אַ רעוואָלוציאָן דורך דעם שטים־
צעטעל אַזוי גוט ווי דורך אַנדערע מיטלען, אָבער דער אינ־
סטרומענט, די וואַפע איז אַן אויטאָריטערע, זי קען אין בעסטען
פאַל אַרויסרופען אַ פּאָליטישע, אַן אויטאָריטערע רעוואָלוציאָן;
אָט דערפאַר בעקעמפען די אַנאַרכיסטען דיזען מיטעל, אַזוי ווי
יעדע אַנדערע פאָרמע פון אויטאָריטעט.

*
* *

אויב אונזער אידעאַל וואָלט בעשטאַנען אין דעם איבער־
צובייטען די היינטיגע געזעלשאַפט דורך אַן אויטאָריטערע מאַכט
און צו צווינגען די מאַסען אָנצונעהמען בעשטימטע פאָרמען פון
לעבען, דאַן וואָלטען מיר זיך אויך געקענט בענוצען מיט'ן אַל־
געמיינען שטים-רעכט, מיר וואָלטען געקענט זעהען צו געווינען
די שטימען פון דער מאַסע פאַר אונזערע קאַנדידאַטען און די
לעצטע וואָלטען געוואָרען די הערען פאַר די פּראַקטישע אָנ־
ווענדונג פון אונזערע טהעאָריען. מיר האָבען שוין פריהער גע־
רעדט אין אונזער אָבהאַנדלונג איבער דער אויטאָריטעט וועגען
דעם אַלגעמיינען שטים־רעכט און געצייגט, אַז עס האָט מעהר
ניט פּראָדוצירט ווי מיטעלמעסיגקייטען און עס פאָדערט אַזויפיעל
קליין־גייסטיגקייט און פוסטקייט פון די זאָגענאַנטע קאַנדידאַטען,
אַז אַן ערנסטער און אינטעליגענטער מענש קען פאַר קיין פאַל
ניט אָננעהמען קיין מאַנדאַט.

אָט דאָס איז גראַדע די שוואַכקייט פון דער קאָלעקטיוויס־
טישער פּאַרטיי אין די זאָגענאַנטע וואַהל־קעמפע. דיזע פּאַרטיי
האָט פערהעלטניסמעסיג מעהר אינטעליגענטע עלעמענטען אין
איהרע רייהען פון די פּאָסיבּיליסטען, וועלכע זוכען דאָס פאָלק
נאָר צו פערבלענדען דורך פוסטע פראַזען און רעטהאָרישע קונ־
צען אויף דער טריבונע. די קאָלעקטיוויסטען גיבען זיך די גרעסטע
מיה ניט צו קאָמפּראָמיטירען זייער רעוואָלוציאָנערען פּראָגראַם
— אָבוואָהל זיי טהוען עס ניט אימער — דורך דעם רעפאָר־

מיסטישען טהייל פֿון זייערע פֿאָדערונגען. דער וועהלער, וועלכער איז אין אַלגעמיין ניט קיין גרויסער חכם, דיינקט איינפֿאַך ביי זיך: אויב איך דאַרף נאָך אַלע גליקען דאָך מאַכען אַ רעוואָלוציע, צו וואָס טויגען מיר די רעפֿאָרמען? אויב דיזע רעפֿאָרמען הויבען ניט אויף די נויטווענדיגקייט צו קעמפֿפֿען מיט די וואָפֿען אין די הענד, טו וואָרום דאַרף איך אין גאַנצען אויסקלייבען דעפוטאַטען פֿאַר'ן פּאַרלאַמענט? אמת, דער וועהלער אַרגומענטירט אפשר ניט אין דיזער קאָנקרעטער פֿאָרמע, ווייל צו דעם וואָלט ער געדאַרפֿט שטעהען אויף אַ העכערע שטופֿע פֿון אינטעליגענץ, אָבער דאָס איז דער שלוס פֿון אַלע דעבאַטען אין די וואַהל־פֿערזאַמלונגען, דער וועהלער טראָגט אַרויס פֿון דאָרטען דיזע מיינונג און ער וועהלט בעסער אַ ראַדיקאַל, וועלכער מאַכט איהם געוואַלדיגע פֿערשפרעכונגען, אָדער פֿאַר אַ פּאָסיביליסט, וועלכער לויבט דעם אויסגעצייכענטען ערפֿאָלג פֿון די פּאַרלאַמענטאַרישע הייל־מיטלען, אונטערלעקענדיג זיך אין דערזעלבער צייט ביי די אַרבייטער מיט דעם וואָס ער האַלט אין איין שילטען אויף דער בורזשואַזיע; אין דערזעלבער צייט וועט ער זיין זעהר פֿאָרזיכטיג און ניט רעדען פֿון דער רעוואָלוציאָן, און ווייל עס צאָהלט זיך איהם בעסער צו אינטריגירען מיט די אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען, וועט ער אונטערשטיצען זייערע קאַנדידאַטען ביי די וואַהלען, פֿאָרלעגענדיג דעם אַלטען פּאָליטישען גרונדזאַץ: „גיב מיר דעם לעפֿעל, וועל איך דיר געבען דאָס טעפּעל.”

* * *

אַן אַנדער געפֿאַהר פֿון דעם אַלגעמיינעם שטים־רעכט בעשטעהט אין דעם, וואָס ער איז אַ מיטעל צו דערשטיקען יעדע פּערזענליכע איניציאַטיווע, וועלכע מיר זוכען מיט אַלע קרעפֿטען צו ענטוויקלען. דאָס וואַהל־רעכט איז אַן אינסטרומענט פֿון דער אויטאָריטעט, און אונזער ציעל איז די פֿאָלשטענדיגע בעפֿרייאונג פֿון דער מענשליכער אינדיווידואַליטעט. דאָס שטים־רעכט איז אַ מיטעל צו אונטערדריקען דאָס פֿאָלק, וועהרענד מיר זוכען צו ענטוויקלען דעם גייסט פֿון רעוואָלט צווישען די מאַסען. אָט דערפֿאַר איז דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט קיין מיטעל ניט צו

פֿע־שפּרייטען אונזערע אידעען, פֿערקעהרט, עס וואָלט אין גאַנ־צען בעגראָבען דעם אַנאַרכיזם און דערפֿאַר פֿערוואָרפֿען מיר דיזעס מיטעל.

אויב מיר פריידיגען דעם פֿאָלק זיך ניט איבערצוגעבען אין די הענד פֿון נייע הע־רען, צו האַנדלען לויט זיינע אייגענע איבערצייגונגען און זיך ניט אונטערוואַרפֿען צו דער געוואַלט, וועלכע געהט עס צווינגען צו טהאָן דאָס, וואָס עס האַלט פֿאַר שלעכט, וואָלט עס דאַן ניט געווען די גרעסטע אונלאָגישקייט פֿון אונז, צו ערקלעהרען די מאַסען אין דערזעלבער צייט, אַז זיי דאַרפֿען זיין דער רוי־שטאָף פֿאַר די אַלע אינטריגעס, וועלכע שפּיעלען זיך אָב הינטער די קוליסען פֿון דעם וואַהל־קאָמיטע, אַז זיי דאַרפֿען פֿאָלגען יענע מענער, וועלכע וועלען מאַכען געזעצע פֿאַר זיי און אין וועמענס הענד זיי מוזען אַריינגעבען זייער ווילען, זייער אייגענע איניציאַטיווע?

דאָס וואָלט זיכער געווען דער ערגסטער ווידערשפּרוך און אפילו דער איינפֿאַכסטער מענש וואָלט באַלד דערקענט אונזער לעכערליכע פּאָזיציאָן; דורך אַזאַ טאַקטיק וואָלטען מיר אַליין צובראָכען די וואַפֿען אין אונזערע אייגענע הענד און בעוויזען, אַז מיר זיינען ניט מעהר און ניט וויניגער ווי פּראָסטע פּורים־שפּיעלער.

און אויסער־דעם ווייסען מיר צו גוט די אונפֿאָלקאָמענהייט פֿון דער מענשליכער נאַטור, און ווען מיר וואָלטען שוין יאָ איינגעקליבען קאַנדידאַטען, וואָלטען מיר קיינמאָל ניט זיכער געווען, אַז מיר זאָלען ניט אויסוועהלען קיין אַמביציעזע כאַראַקטערע און אינטריגאַנטען, וועלכע, קומענדיג אין אַ בורזשואַזע אומגעבונג, זאָלען ניט בעסער זאָרגען פֿאַר זייער אייגענעם פּראָפֿיט איידער פֿאַר דעם נוצען פֿון דער אידעע. און אויב מיר וואָלטען שוין יאָ אויסגעקליבען ערנסטע פּערזאָנען, וואָלטען מיר זיי געדאַרפֿט שיקען אין אַ פּלאַץ פֿון קאָרופּציאָן, און זיי וואָלטען אין גיכען געדאַרפֿט ערקלעהרען זייער אונמעכטיגקייט און זיך צוריקציהען, אָדער זיי וואָלטען געמוזט אָננעהמען די פּאַרלאַמענטאַרישע מנהגים און ווערען בורזשואַס.

און מיר, וועלכע זוכען מיט אַלע מעגליכקייטען צו פֿער־היטען די מאַסען פֿאַר ענטטוישונגען מיט איינצעלנע פּערזאָנען, מיר, וועלכע זוכען איהר צו איבערצייגען, אַז זי האט קיין זאַך ניט צו ערוואַ־טען פֿון אַזעלכע פּערזאָנען, מיר זאָלען אַליין אַרויפֿזעצען איינעם פֿון דיזע הערן אויף׳ן ביינקעל? דער פֿערראַטה פֿון אַזעלכע אינדיווידוען וואָלט שטענדיג געוואָרפֿען אַ שלעכטעס ליכט אויף אונזערע אידעען. עס וואָלטען זיך באַלד געפֿונען מענשען, וועלכע וואָלטען געזאָגט: „די אַנאַרכיסטען זיינען ניט בעסער פֿון די איבעריגע,‟ און זייער צאָהל וואָלט זיכער געוועזען גרעסער ווי די צאָהל פֿון די, וועלכע פֿערשטעהען צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען פּערזאָנען און אידעען, און וועלכע מאַכען ניט פֿעראַנטוואָרטליך די לעצטע פֿאַר די שוואַכקייט און פֿעהלער פֿון די ערשטע.

נאָכדעם ווי מיר וואָלטען אַלזאָ פֿערלאָרען אונזער קאָבּט־באַרע צייט און אויסגעבראַכט אונזערע קרעפֿטען פֿאַר גאָרנישט אָדער בעסער געזאָגט פֿאַר דעם טריאומפֿ פֿון איינצעלנע פּער־זאָנען, וואָס וואָלטען מיר געטהאָן, נאָכדעם ווי מיר וואָלטען געזעהן, אַז מיר האָבען נאָ־ געאַרבייט פֿאַר איינצעלנע פֿערער־טהער? דאַן וואָלטען מיר געדאַרפֿט ווייטער פֿערלירען אונזער צייט און קראַפֿט, אום צו בעווייזען, אַז דער פֿערראַטה פֿון איינצעלנע פּערזאָנען איז פֿאַר קיין פֿאַל קיין בעווייז ניט געגען די בערעכטיגונג פֿון אונזערע אידעען. און דאַן? דאַן וואָלטען מיר געדאַרפֿט אויסקלייבען נייע קאַנדידאַטען, און די געשיכטע וואָלט זיך אָנגעהויבען פֿון דאָס ניי. דאָס ביישפּיעל פֿון דעם ווערימדיגען עפּעל, וועלכער פֿערדאַרבט ביסלעכווייז אַ גאַנצען זאַק, איז נאָך אַלץ ריכטיג. און די ווירקונג איז נאָך ערגער, ווען אַ געזונטער עפּעל קומט אַריין אין אַ זאַק מיט ווערימדיגע עפּעל. אָט דערפֿאַר זיינען מיר געגען דאָס אַלגעמיינע שטים־רעכט אַלס אַ מיטעל פֿאַר אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ, דען ערשטענס קען עס אונז קיין זאַך ניט ברייגען און צווייטענס איז עס געגען די פּרינציפּען, וועלכע מיר פֿערטהיידיגען.

* * *

אַנדערע אָפּאָנענטען און אויך מאַנכע אַנאַרכיסטען, בעהויפּטען, דאָס עס וועט זיין אַ נויטוועדיגקייט, אַז אין דער צייט פֿון אַ רעוואָלוציאָן זאָל עקזיסטירען אַ געוויסע אויטאָריטעט, ניט אַ בעשטימטע דיקטאַטור — אַזוי וויט געהען זיי ניט — נאָר מיר דאַרפֿען אַם וויינגסטענס אָנערקענען אַ געוויסע אויבערמאַכט, צו וועלכע מיר מוזען זיך אונטערוואַרפֿען.

אַ מערקווירדיגער ווידערשפּרוך! אַן איבערבלייבאַכץ פֿון די פֿאָראורטהיילע, מיט וועלכע מיר זיינען אויפֿגעבראַכט און ערצויגען געוואָרען; מיר פֿאָדערן די פֿרייהייט, נאָר מיר האָבען מורא פֿאַר איהרע קאָנזעקווענצען, מיר לייקענען אָב איהר ווירקזאַמקייט און אַפּעלירען צו דער אויטאָריטעט, כדי צו פֿערזיכערן די פֿרייהייט. — וואָס פֿאַר אַ ווידערשפּרוך דאָס איז!

איז דען ניט דער בעסטער מיטעל צו ווערען פֿריי צו בענוצען זיך מיט דער פֿרייהייט, צו האַנדלען נאַך זיין אייגענער פֿרייער איבערציינגונג און צו בעפֿרייען זיך פֿון דעם איינפֿלוס פֿון וואָס פֿאַר עס איז פֿאָרשטעהער? האָט איהר דען ווען עס איז געזעהן, מען זאָל צונויפֿבינדען די פֿיס פֿון אַ קינד, כדי עס זאָל זיך אויסלערנען געהן?

אָבער עס גיט אַזעלכע פֿראַגען, דערצעהלט מען אונז, וועלכע געוויסע פּערזאָנען פֿערשטעהען בעסער פֿון אַנדערע, און דערפֿאַר וואָלט גוט געווען פֿריהער אויסצוהערען דעם ראַטה פֿון אַזעלכע מענער און צו האַנדלען לויט זייערע בעשליסע.

מיר זיינען שטענדיג געווען מיט דער מיינונג, אַז אינדיווידועלע טהעטיגקייט שליסט ניט אויס אַ געמיינשאַפֿטליכע פֿערשטענדיגונג, ווען עס האַנדעלט זיך אום פֿראַגען פֿון קאָלעקטיווער טהעטיגקייט; אַז אָרגאַניזאַציאָן איז אַ פֿאָלגע פֿון דיזער פֿערשטענדיגונג, אַ מין צוטהיילונג פֿון דער אַרבייט צווישען אַלע אונאַבהייגיגע פּערזאָנען, וועלכע זיינען סאָלידאַריש פֿעראייניגט איינער מיט דעם אַנדערן און וואו די אַרבייט פֿון יעדען איינציגען שטעהט אין אָנקלאַנג מיט דער טהעטיגקייט פֿון זיינע איבעריגע קאַמעראַדען, וועלכע קעמפּפֿען אָדער אַרבייטען מיט איהם געמיינשאַפֿטליך. מיר בעגרייפֿען אויך, אַז יעדער איינציגער

זוכט צו געווינען די אַנדערע פֿאַר זיינע פּערזענליכע אידעען און מיינונגען, אָבער דאָס מיינט נאָך לאַנג ניט, אַז יעדער איינציגער דאַרף זיך איינפֿאַך אונטערוואַרפֿען צו אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע בעזיצען אפשר גרעסערע פֿעהיגקייטען אין געוויסע אַנגעלעגענ־הייטען פֿון איהם.

* * *

ווען מיר מאַכען צ.ב.ש. אַ לאַנד־פּאַרטיע מיט עטליכע פֿריינד, און מיר גיבען איבער די פֿיהרונג צו איינעם, וועלכער איז בעסער בעקאַנט מיט דער געגענד פֿון די אַנדערע, מיינט דאָס דען, אַז מיר האָבען איהם געמאַכט פֿאַר אונזער הערר און אַז מיר דאַרפֿען איהם פֿאָלגען בלינדערהייט איבעראַל, וואו ער וועט אונז נאָר פֿיהרען? האָבען מיר איהם געגעבען די מאַכט צו צווינגען אונז, אויב מיר וועלען איהם מעהר ניט וועלען פֿאָל־גען? זיכער ניט! אויב עס געפֿינט זיך אימיצער צווישען אונז, וואָס ווייסט דעם וועג, פֿאָלגען מיר איהם, דערפֿאַר ווייל מיר האַלטען איהם פֿאַר פֿעהיג אונז צו פֿיהרען אויף דעם ריכטיגען אָרט, מיר ווייסען, אַז ער וויל אַליין אויך געהן אַהין; אָבער מיר האָבען זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט ענטזאָגט פֿון אונזער אייגענעם ווילען און אונזער פּערזענליכער איניציאַטיווע.

אויב איינער פֿון אונזער געזעלשאַפֿט בעמערקט, אַז דער, וועלכער פֿיהרט אונז, האָט געמאַכט אַ טעות, אַז ער פֿיהרט אונז אַוועק אין אַ פֿאַלשע ריכטונג, דאַן וועלען מיר זיך באַלד בענוצען מיט אונזער אייגענער איניציאַטיווע, און, אויב עס וועט זיין נייטיג, וועלען מיר זעהן אויסצוגעפֿינען אַן אַנדער וועג, וועלכער ווייזט זיך אונז אויס נעהנטער און אַנגענעהמער.

אַנדערש דאַרף אויך ניט זיין אין דער צייט פֿון קאַמפּף. פֿריהער פֿון אַלעס דאַרפֿען די אַנאַרכיסטען זיך אָבזאָגען פֿון דעם געדאַנק וועגען אַ קריעג צווישען צוויי אַרמעען, מיט שלאַכט־פֿעלדער און מיליטערישע בעוועגונגען פֿון די בעוואַפֿענטע קער־פּערשאַפֿטען, אַזוי ווי עס ווערט פֿאָרגעשטעלט פֿון אַ שאַך־שפּיעלער אויף זיין ברעטעל. דער קאַמפּף דאַרף זיך הויפּטזעכליך בעשעפֿטיגען מיט דער צושטעהרונג פֿון די אינסטיטוציאָנען.

דער פֿערברענען פֿון די אייגענטהומס־דאָקומענטען, גרונד־רעגיסטער, רעגירונגס־אַקטען א.ז.וו. די עקספּראָפּריאַציאָן פֿון די קאַפּיטאַליסטען, דער צונעהמען און צוטהיילונג פֿון די פּראָדוקטען אין נאָמען פֿון אַלעמען, דאָס אַלעס איז די אַרבייט פֿון קליינע, איבעראַל צושפּרייטע גרופּען פֿון קעמפּפֿער און ניט דער רעזולטאַט פֿון גרויסע מיליטערישע שלאַכטען. אָט דיזען קליינען קריעג דאַרפֿען די אַנאַרכיסטען זעהען צו אונטערשטיצען איבעראַל, אום צו פּאַראַליזירען די טהעטיגקייט פֿון דער רעגירונג, צו צווינגען איהר צו צערשפּליטערן איהרע קרעפֿטען, איהר בעוואַפֿענטע מאַכט.

פֿאַר אַזאַ קאַמפּף דאַרף מען קיין פֿיהרער ניט; ווי באַלד איינער האָט אויסגעפֿיהרט אַ נויטווענדיגע האַנדלונג, דאַן רעדט זיין ביישפּיעל מעהר פֿון אַלע ווערטער, זיין האַנדלונג וועט בעאיינפֿלוסען אַנדערע, וועלכע וועלען איהם פֿאָלגען, דערפֿאַר וויל זיי סימפּאַטיזירען מיט אַזעלכע אונטערנעהמונגען, אָבער זייער אָנהיינגערשאַפֿט פֿערניכטעט ניט זייער אייגענע איניציאַטיווע. אין געוויסע אונטערנעהמונגען וועלען זיי פֿאָלגען דעם, וועלכער האָט בעזונדערע פֿעהיגקייטען אין דיזער בעציהונג, אָבער וועהרענד דעם קאַמפּף וועט אפשר אַן אַנדערער אויסגעפֿינען אַ בעסערען פּלאַן, וועט ער זיך ניט פֿריהער נאָכפֿרעגען ביי אירגענד אַן אויטאָריטעט, נאָר ער וועט זיך דורכרעדען מיט די, מיט וועלכע ער קעמפּפֿט צוזאַמען, און זיי וועלען אָננעהמען אָדער פֿערוואַרפֿען זיין פֿאָרשלאַג און האַנדלען, אַזוי ווי עס וועט זיך זיי אויס פּראַקטישער.

אין דער אַנאַרכיע לערנט יעדער איינציגער, וועלכער פֿערשטעהט עפּעס, די, וואָס פֿערשטעהען ניט. דער מענש איז אַ לעהרער און אַ לערנער אין דערזעלבער צייט. ווי באַלד איינער האָט אויסגעפֿונען אַ געוויסע אידעע, וועט ער איהר זוכען צו פּראַקטיצירען, און איהר דורך זיין ביישפּיעל ערקלעהרען צו די, וועלכע פֿעראינטערעסירען זיך דערמיט. אָבער עס גיט ניט קיין בעשטימטע רעגלען, וועלכע וועלען עקזיסטירען פֿאַר אַלע צייטען, קיין אויטאָריטעט, זאָנדערן גלייכע מענשען, וועלכע וועלען זיך

העלפֿען איינער דעם אַנדערן, לויט זייערע בעזונדערע פֿעהיגקייטען; קיינער וועט ניט אָבגעבען זיינע רעכטע זיין אויטאָנאָמיע. מיט איין וואָרט: דער זיכערסטער מיטעל פֿאַר דעם טריאומפֿ פֿון דער אַנאַרכיע איז צו האַנדלען אַנאַרכיסטיש.

* * *

און האַנדלען אַלס אַנאַרכיסטען דאַרפֿען מיר אויך, אַנאַליזירענדיג די אַלע מיטלען און מעטהאָדען, וועלכע מען שלאָגט אונז פֿאָר. דער האַס געגען פריוואַט אייגענטהום האָט געוויסע אַנאַרכיסטען געפֿיהרט אַזוי ווייט, אַז זיי רעכטפֿערטיגען זאָגאר געוועהנליכע גנבה; איינגע פֿון זיי, וועלכע מאַכען פֿון דער טהעאָריע אַ פראָסטע קאַריקאַטור, בעהויפטען אפילו אַז מיר האָבען ניט וואָס צו פֿערדאַמען גנבה צווישען די אייגענע קאַמעראַדען.

מיר זיינען זיכער די לעצטע צו פֿערדאַמען אַ גנב; דאָס לאָזען מיר בעסער איבער צו דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט, וועלכע פראָדוצירט דעם גנב; אָבער ווען מיר בעקעמפֿפֿען פריוואַט־אייגענטהום, ווען מיר זוכען צו צושטעהרען דיזע אינסטיטוציאָן, איז עס דערפֿאַר, ווייל מיר ווילען פֿערניכטען די מעגליכקייט, אַז איינצעלנע פערזאָנען זאָלען קענען מאָנאָפּאָליזירען די אַלע עקזיסטענץ־מיטלען, וועלכע זיינען בעשטימט פֿאַר אַלעמען. פֿאַר אונז איז יעדער איינציגער אַ בורזשואַ, אַן אויסבייטער, וועלכער זוכט צו לעבען אַלס אַ פאַראַזיט אויף דעם רעכנונג פֿון אַנדערע, וואָס פֿאַר מיטלען ער זאָל דערצו ניט אָנווענדען; אפילו ווען ער לעבט ניט דירעקט פֿון דער אַרבייט פֿון אַנדערע. דער גנב איז אויך ניט מעהר ווי אַ בורזשואַ, אַ בורזשואַ אָהן אַ קאַפּיטאַל, און ווייל ער האָט ניט די מעגליכקייט צו עקספּלואַטירען אונז אויף אַ געזעצליכען אופן, עקספּלואַטירט ער אונז אויף אַן אונגעזעצליכען שטייגער. און ווען עס וועט זיך איהם איינגעבען אַליין צו ווערען אַן אייגענטהימער, וועט ער זיין דער בעסטער אָנהייגער פֿון דעם ריכטער און פּאָליציסט.

ווי אַזוי דאַרפֿען מיר אַגיטירען, אַלס אָנהייגער פֿון דער רעוואָלוציאָן, כדי זי זאָל קומען וואָס שנעלער און זיכערער? עס

איז די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ווירדע, די ענטוויקלונג פון דעם כאַראַקטער, די אונאָבהענגיגקייט פון׳ם ווילען, וועלכע ערלויבען אונז ניט צו געהאָרכען בלינדערהייט צו וואָס פאַר עס איז ניט בעפעהל, אָט דיזע אייגענשאַפטען האָבען אין אונז געשאַפען דעם רעבעלישען געפיהל געגען יעדען דעספּאָטיזם, און זיי גיבען אונז די ענערגיע צו בעקעמפּפען אַלצדינג, וואָס עס ווייזט זיך אונז אויס פאַלש און לעבערליך.

דיזע אַלע מיטלען, וועלכע פיהרען אונז אַראָב פון ריכטיגען וועג, אַלע האַנדלונגען, וועלכע צווינגען אונז צו ערנידעריגען דעם כאַראַקטער, די זאָגענאַנטע פעהיגקייט זיך אַרויסצוגנב׳ענען פון די צייגער פון אַ געזעץ דורך קליינליכע און נידעריגע מיטלען, דאָס אַלעס איז, לויט אונזער מיינונג, אַ געפאַהר פאַר דער פראָפּאַגאַנדאַ און געגען דאָס גרויסע ציעל, צו וועלכען מיר שטרעבען. אַזעלכע מיטלען צווינגען אונז צו בעגעהען דיזעלבע נידעריגקייטען, וועלכע מיר בעקעמפּפען ביי אַנדערע, און אַנשטאָט צו ענטוויקלען דעם כאַראַקטער, פערניכטען זיי איהם אין גאַנצען און פערוואַנדלען, אַז מענשען פערשווענדען זייער קראַפט מיט קליינליכע און נידעריגע האַנדלונגען. מיר וואָלטען זיכער העכסט צופרידען געווען צו זעהען אַ פערמעהרונג פון אַזעלכע אַקטען, וועלכע אונזער שלעכטע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן רופט אַליין אַרויס, עס וואָלט אונז געפרעהט צו זעהען, ווען מענשען וואָלטען איינפאַך אָפען און פריי גענומען דאָס, וואָס זיי דאַרפען נייטיג צום לעבען, און דורך דיזע האַנדלונגען פראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט זייער רעכט צו עקזיסטירען. אָבער אַזעלכע אָפענע האַנדלונגען קען מען ניט צורעכענען צו דער קאַטעגאָריע פון גנבות. געוועהנליכע גנבות מאַכען אויף אונז ניט דעם קלענסטען איינדרוק, דערפאַר וויל מיר געפינען אין זיי ניט קיין מאַניפעסטאַציאָנען פון דעם כאַראַקטער, אַזוי ווי מיר ווינשען עס ביי יעדען אַקט פון פראָפּאַגאַנדאַ.

* * *

דאָס זעלבע איז אויך דער פאַל מיט דער „פראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט״. וואָס האָט מען ניט אַלעס געמאַכט פון דיזער מע־

טהאָרע! וויפיעל פאַלשע בעגריפע און פאָרשטעלונגען זיינען שוין ניט ענטוויקעלט געוואָרען פון ביידע זייטען: פון די, וועלכע בעקעמפפען איהר, און פון די, וועלכע אָנערקענען איהר אַלס אַ מיטעל פון פראָפּאַגאַנדאַ?

די „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט" איז אייגענטליך ניט אַנדערס ווי אַן אויסגעפיהרטער געדאַנק. מיר האָבען שוין פריהער ערקלעהרט, אַז דער, וואָס פיהלט אַ געוויסע אידעע זעהר טיעף, האָט שטענדיג דעם וואונש איהר צו רעאַליזירען. דאָס איז אַ גענוגענדער אַרגומענט געגען די, וועלכע פערדאַמען די „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט"; אָבער פון דער צווייטער זייט גיט עס געוויסע אַנאַרכיסטען, וועלכע לאָזען זיך מעהר בעהערשען פון אונקלאָרע שטימונגען, איידער פון זייער פערשטאַנד, און זיי זיינען דאָס, וועלכע זעהען אין יעדען געוואַלט־אַקט אַ „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט". צו טויטען אַ בורזשואַ, ערמאָרדען אַ מייסטער, אונטער־צינדען אַ פאַבריק, צושטערען אַ מאָנומענט, אָט דאָס אַלעס הייסט ביי זיי „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט." די יעניגע, וואָס ווייסען פון קיין אַנדער זאַך ניט צו רעדען, ווי נאָר פון הרג'נען מענשען און אונטערצינדען הייזער, זיינען איבערהויפּט ניט ווערטה צו רופען זיך אַנאַרכיסטען.

אינזער שטעלונג צו אַ געוויסער טהאַט איז פאָלגענדע. מיר האָבען שוין פריהער ערקלעהרט, אַז די טהאַט איז ניט מעהר ווי די לאָגישע פאָלגע פון דעם געדאַנק אָבער פריהער פון אַלעם דאַרף אַ טהאַט האָבען אַ געוויסען ציעל, און פאָלגליך דאַרפען מיר זעהען, אַז דער מאָטיוו פון אַ געוויסען אַקט זאָל זיין אין אָנקלאַנג מיט'ן ציעל און זיך ניט קעהרען געגען איהם.

נעהמען מיר פאַר אַ ביישפּיעל דעם אונטערצינדען פון אַ פאַבריק, וועלכע בעשעפטיגט פופציג, הונדערט אָדער צוויי הונ־דערט מענשען. דער דירעקטאָר פון פאַבריק איז איינער פון די, וועלכע זיינען ניט צו גוט און ניט צו שלעכט, מיט איין וואָרט, אַ דורכשניטליכער עקספּלאָאַטאָר. דער אונטערצינדען פון אַזאַ פאַבריק אָהן אַ בעשטימטען גרונד, וואָלט פעראורזאַכט, אַז מען זאָל אַרויסוואַרפען די אַרבייטער אין גאַס. די אַרבייטער, ליידענ־

דיג פֿון זייער מאָמענטאַנען עלענד, וואָלטען ניט געזוכט קיין שום ערקלעהרונג פֿאַר אַזא טהאַט, און ווען עס וואָלט זיי געלונגען אויסצוגעפֿינען דעם שולדיגען, וואָלטען זיי אויסגעגאָסען זייער גאַנצען האַס אויף איהם. און די אידעע, וועלכע האָט איהם געמאַכט צו בעגעהען איין טהאַט. אָט האָט איהר די קאָנסעקווענצען פֿון אַן אונמאָטיווירטער האַנדלונג!

אָבער נעהמען מיר אַן אַנדער ביישפּיעל: שטעלט זיך פֿאָר, אַז עס איז אין דער צייט פֿון אַ קאַמפּף צווישען פֿאַבריקאַנטען און אַרבייטער, אַ סטרייק. אין אַזאַ צייט גיט עס שטענדיג קאַפּיטאַליסטען, וועלכע ציינען זיך אַרויס ברוטאַלער פֿון די אַנדערע. זיי זיינען דאַס געווען די פֿעראורזאכער פֿון דעם סטרייק, און דורך זייערע אינטריגעס האָט עס זיי געלונגען איינצורעדען זייערע קלאַסען געגאָסען זיך ניט אונטערצוגעבען. אויף אַזאַ מין אַרט האָבען זיי פֿערלענגערט דעם סטרייק און אַרויסגערופֿען דורך זייער גרויזאַמקייט דעם האַס פֿון די אַרבייטער. שטעלט זיך פֿאָר, אַז אין אַ שעהנעם טאָג זאָל מען איינעם פֿון זיי געפֿינען טויט מיט אַ שטיקעל פּאַפּיר, אויף וועלכען עס איז אָנגעשריבען דער מאָטיוו פֿון דעם אַטענטאַט, אָדער מען זאָל פֿערברענען זיין פֿאַבריק צוליעב דעמזעלבען מאָטיוו, אין אַזאַ פֿאַל וואָלט ניט מעגליך געווען צו מאַכען אַ טעות; יעדער וואָלט פֿערשטאַנען די אורזאַכע פֿון דער טהאַט, און איהר מעגט זיין זיכער, אַז אַזאַ טהאַט וואָלט געפֿונען איבעראַל אַן אָבקלאַנג צווישען די אַרבייטער. דאָס וואָלט געהייסען אַ פֿערנינפֿטיגער אַקט, און ער צייגט אונז אין דערזעלבער צייט, אַז דער פּרינציפּ דאַרף שטענדיג זיין דער איניציאַטאָר און פֿיהרער פֿון אַזעלכע האַנדלונגען.

„דער צוועק פֿערהייליגט די מיטלען", אַזוי זאָגען די יעזויאיטען, און געוויסע אַנאַרכיסטען דיינקען, אַז דיזע מאָטאָ איז אויך גוט פֿאַר'ן אנאַרכיזם. אָבער אַזאַ מאָטאָ איז נאָר גוט פֿאַר אַזעלכע מענשען, וועלכע בעגעהען אַ געוויסע טהאַט, אום צו בעפֿרידיגען זייערע עגאָאיסטישע בעדירפֿניסע און זייערע פּערזענליכע אינטערעסען, ניט קוקענדיג דערויף וועמען זיי וועלען פֿערוואונדען אָדער טויטען אויף זייער וועג. אָבער ווען מיר זוכען

אונזער בעפֿרידיגונג אין דער אָנווענדונג פֿון גערעכטיגקייט און סאָלידאַריטעט, דאַן מוזען די מיטלען, מיט וועלכע מיר בענוצען זיך, שטענדיג זיין אין אָנקלאַנג מיט דעם ציעל, אויב מיר ווילען ניט, אַז אונזערע האַנדלונגען זאָלען אַרויסרופֿען אַזעלכע פֿאָלגען, וועלכע זיינען פונקט פֿערקעהרט צו וואָס מיר ווינשען.

רעוואלוציאן און אנארכיע.

ווען עס גיט פֿערשיעדענע אַנזיכטען ביי די אַנאַרכיסטען איבער די טאַקטישע מעטהאָדען, איז עס דערפֿאַר וויל מאַנכע גענאָסען, וועלכע לאָזען זיך מעהר בעאיינפֿלוסען פֿון זייער טעמפּעראַמענט, איידער פֿון פּרינציפּיעלע אַנשויאונגען, האָבען זיך איינגערעדט, אז זיי קעמפּפֿען פֿאַר דער אַנאַרכיע, נאָר אין דער אמת'ן האָבען זיי קיין אַנדער זאַך ניט אין זינען ווי די רעוואָלוציאָן, דיינקענדיג, אַז די טענדענצען פֿון דער רעוואָלוציאָן וועלען אונז שוין אַליין פֿיהרען צום אַנאַרכיסטישען אידעאַל; אויך די רעפּובליקאַנער זיינען געוועז מיט דערזעלבער מיינונג, און זיי האָבען ערוואַרטעט בעשטימטערהייט, אז מיט דער פּראָקלאַמאַציאָן פֿון דער רעפּובליק, וועט זיך אָנהויבען אַן ערא פֿון פֿרייהייט און וואָהלשטאַנד. עס וואָלט געווען אַן אַרויסגע־וואָרפֿענע אַרבייט אָנצודייטען אויף אַלע אילוזיעס, וועלכע זיינען ענטשטאַנען און פֿערשוואונדען איינע נאָך די אַנדערע אין די מוחות פֿון די אַרבייטער, זייט דער פֿערווירקליכונג פֿון'ם רע־פּובליקאַנישען רעזשים; לאָמיר זיך בעסער בעשעפֿטיגען בעציי־טענס מיט יענע אַנדערע אילוזיעס און מיט די שרעקליכע פֿאָלגען, וועלכע וועלען אַרויסקומען, ווען מיר זעצען אונזער גאַנצע האָפֿנונג אויף דער רעוואָלוציאָן, מאַכענדיג פֿון איהר אַ ציעל, אָנשטאָט אַ מיטעל צו דערגרייכען אַ ציעל.

* * *

די יעניגע גענאָסען וועלכע זיינען מיט דער מיינונג, אַז די רעוואָלוציאָן וועט אונז שוין אַליין פֿיהרען צום אַנאַרכיזם, דיינ־קען, אַז מען קען גרופּירען די עלעמענטען, וועלכע זיינען נויט־ווענדיג פֿאַר דער רעוואָלוציאָן, אַז דיזע עלעמענטען זיינען גענוג

צאָהלרייך, אום אַרויסצורופֿען רעוואָלטען און אויפֿשטענדע און צו שאַפֿען אַזאַ צושטאַנד, אַז די רעוואָלוציאָן וועט זיין אונפֿערמיידליך. און ווען די רעוואָלוציאָן וועט שוין אויסברעכען, וועט עס זיין אַ קליינינקייט, אַז די אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע גרופּען וועלען בעשטימען איהר וויטערע ענטוויקלונג און איהר געבען די ריכטונג, וועלכע זיי האַלטען פֿאַר נייטווענדיג. אָט דערפֿאַר זיינען זיי פֿאַרטיג צו בענוצען זיך מיט אַלע מיטלען, וועלכע זיינען נאָך זייער מיינונג אימשטאַנד, וואָס גיכער אַרויסצורופֿען דעם אויסברוך פֿון דער רעוואָלוציאָן; דערפֿאַר זוכען זיי צו פֿעראייניגען אַלע קרעפֿטען, וועלכע האַבען נאָר אַ רעוואָלוציאָנערען אויסזעהן, אונטער אַ בעשטימטען פּראָגראַם, אַוועקלייגענדיג אָן אַ זייט געוויסע „קליינינקייטען", געוויסע פֿערשיעדענהייטען, וועלכע וואָלטען געקענט פֿערהינדערן אַ געמיינשאַפֿטליכע פֿערשטענדיגונג מיט אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אַ רעוואָלוציאָנערען טעמפּעראַמענט.

מיר פֿון דער צווייטער זייט זיינען איבערצייגט, אַז די רעוואָלוציאָן וועט ניט געמאַכט ווערן פֿון אונז, און אַז זי וועט אויסברעכען, נאָך איידער מיר וועלען זיין אַזוי צאַהלרייך איהר אַרויסצורופֿען. מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז די אונגערעכטע אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט וועט אַליין אַרויסרופֿען די רעוואָלוציאָן, און אַז אַ גרויסער אינדוסטריעלער קריזיס, פֿערבונדען מיט איינינע פּאָליטישע שוויריגקייטען זיינען פֿאָלקאָמען גענוג, אום צו פֿעראורזאַכען דעם רעוואָלוציאָנערען אויסברוך, וועלכען אונזערע גענאָסען דיינקען אַליין אַרויסצורופֿען.

די, וואָס לאָזען זיך ניט פֿערבלענדען מיט פּוסטע ווערטער און פֿערמאַכען ניט זייערע אויגען פֿאַר דער ווירקליכקייט פֿון לעבען, זיינען איבערצייגט, אַז דער יעצטיגער צושטאַנד קען מעהר ניט אָנהאַלטען קיין לאַנגע צייט. די אונצופֿרידענהייט איז צו אַלגעמיין; זי האָט אויך געגעבען דער בולאַנזשיסטישער בעוועגונג *) אַזאַ קראַפֿט, און דיזע בעוועגונג איז נאָר צו גרונד

*) די בעוועגונג, וועלכע האָט זיך גרופּירט אַרום דעם געוועזענעם פֿראַנצויזישען גענעראַל בולאַנזשע. באַלד נאָכדעם ווי קאַרנאָ איז געוועהלט

געגאַנגען צוליעב דער פֿייגהייט און אונפֿעהיגקייט פֿון די, וועלכע זיינען געווען איהרע פֿיהרער. אָבער אַנדערע וועלען האָבען מעהר ערפֿאָלג.

אָבוואָהל די אַלגעמיינע אונצופֿרידענהייט האָט ביז יעצט מעהר ניט געהאַט אַזאַ בעשטימטען כאַראַקטער ווי אין דער צייט פֿון דער בולאַנזשיסטישער בעוועגונג, דאָך איז די צאָהל פֿון די אונצופֿרידענע ניט געוואָרען קלענער, פֿערקעהרט, זי האָט זיך פֿערמעהרט איבעראַל. דער קאָמערציעלער קריזיס ווערט געפֿעהרליכער פֿון טאָג צו טאָג, און די מעגליכקייט צו געפֿינען ארבייט ווערט וואָס ווייטער אַלס שווערער פֿאַר די אַרבייטער; די, וואָס זיינען געצוואונגען אַרומצוגעהן ליידיג, זעהען, אַז די זאָגענאַנטע „שלעכטע צייט" ווערט אימער ערגער און די צאָהל פֿון די אַרבייטסלאָזע האַלט אין איין וואַקסען. דער ווינטער בריינגט אונז יעדעסמאָל דיזעלבע גרויזאַמע ערשיינונגען פֿון בעטלערס, וועלכע שטעהען פֿאַר די טהירען פֿון די קאַזאַרמען, האָספּיטעלער, רעסטאָראַנען און רייכע פֿילאַנטראָפּען, ציטערנדיג פֿון הונגער און קעלט, און ערוואַרטען מיט אונגעדולד די מינוט, ווען מען גיט זיי אַ טעלער סופּ און אַ שטיקעל ברויט.

אַזאַ צושטאַנד קען ניט אָנהאַלטען פֿאַר אַלע צייטען, די מענשען וועלען ענדליך זיין געצוואונגען צו רעוואָלטירען, כדי זיי זאָלען ניט שטאַרבען פֿון הונגער.

* * *

געוואָרען צ"ם פרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, האָט בולאַנזשע געפֿאָדערט אַ רעוויזיאָן פֿון דער קאָנסטיטוציע. ער האָט געהאַט צאָהלרייכע אָנהיינגער אין דער אַרמעע און צווישען די פּאָליטיקער. פֿיעלע רעוואָלוציאָנערען און זאָגאַר סאָציאַליסטען האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דיזער בעוועגונג, האָפֿענדיג, אַז זי וועט אַרויסרופֿען אַ נייע רעוואָלוציאָן. אָבער בולאַנזשע איז ניט געווען דער מאַן, וועלכער האָט געהאַט די פֿעהיגקייט און דעם מוטה צו בענוצען זיך מיט דעם מאָמענט; ער האָט פֿערבייגעלאָזט די בעסטע געלעגענהייט און האָט ענדליך געמוזט אַנטלויפֿען פֿון פֿראַנקרייך (1889). אין 1891 האָט ער בעגאַנגען זעלבסטמאָרד אין בריסעל.

(דער איבערזעצער)

מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז וואָס מעהר מיר וועלען יעצט פראָפּאַגאַנדירען אונזערע אידעען צווישען די מאַסען, וואָס ריינער מיר וועלען זיי האַלטען פון אַלע פרעמדע טהעאָריען, פון אַלע פאָראורטהיילע, וועלכע די געוואוינהייט און די ערציהונג האָבען אונז איבערגעלאָזט בירושה, אַלס גרעסער און וויכטיגער וועט זיין די ראָלע, וועלכע די אַנאַרכיסטישע אַקציאָן וועט שפּילען אין דער קומענדער רעוואָלוציאָן. פריהער פון אַלעס דאַרפען מיר אַלזאָ זעהען צו ענטוויקלען אונזערע אידעען קלאָהר און דייטליך, און צו שאַפען איבעראַל גרופען פון בעוואוסטע קאַמעראַדען, וועלכע וועלען ניט איינגעהן אויף קיין שום קאָמפּראָמיס און ניט פערבויגען דעם קלענסטען טהייל פון אונזערע אידעען מיט דער ערקלעהרונג, אַז עס איז נויטווענדיג, כדי צו פערמעהרען די צאָהל פון אונזערע אָנהייגער; יעדער מאָמענטאַנער קאָמפּראָמיס קען זיין פאַר אונז אַ נייע קייט און אַרויסרופען פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגען אונזערע אייגענטליכע שטרעבונגען.

די רעוואָלוציאָן איז ניט אונזער ציעל, נאָר אַ מיטעל, זיכער אַן אונפערמיידליכער מיטעל, מיט וועלכען מיר דאַרפען זיך רעכענען, אָבער דיזער מיטעל האָט נאָר איין ווערטה פאַר אונז, נעמליך: צו פערווירקליכען אונזערע אידעען. די היינטיגע געזעלשאַפט ענטוויקעלט אַליין רעוואָלוציאָנערען, וועגען דעם האָבען מיר זיך ניט וואָס צו זאָרגען, די שרעקליכע אונגערעכטיגקייטען פון דעם יעצטיגען סיסטעם שאַפען יעדען טאָג אונצופרידענע מענשען, רעבעלען; אונזער אויפגאַבע איז צו מאַכען די איינצעלנע מענשען בעוואוסטזיניג, כדי זיי זאָלען וויסען, וואָס זיי ווילען, מיט איין וואָרט, אונזער אויפגאַבע איז צו מאַכען פאָלקאָמענע אַנאַרכיסטען, זיכער אויך רעוואָלוציאָנערען, נאָר אַזעלכע, וועלכע ווייסען, וואָרום און פאַר וואָס זיי פיהרען אָן אַ קאַמפּף מיט דער היינטיגער געזעלשאַפט.

* * *

מיר ווייסען שוין אין פאָראויס דעם ענטפער פון געוויסע אָפּאָנענטען וועגען דיזער פראַגע. „וואָס האָט איהר ביז יעצט

אויפגעטהאָן," פרעגען זיי, „מיט אייערע שעהנע טהעאָריען איבער די איניציאַטיווע און דעם ספאָנטאַנען כאַראַקטער פון אינדיווי־דועלע האַנדלונגען ? וואָס האָבען אויפגעטהאָן אייערע צווייטע און צושפרייטע גרופען, וועלכע האָבען קיין שום פערבינדונג ניט איינע מיט די אַנדערע ? זייט איהר ניט אַליין געצוואונגען צו אָפּאָנירען געגען געוויסע אַקטען און טהעאָריען, וועלכע בעפוצען זיך מיט דעם נאָמען פון אַנאַרכיזם, און וועלכע איהר ווילט ניט אָנערקענען אַלס אַזעלכע ?"

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די אַנאַרכיסטישע פראָ־פאַגאַנדאַ האָט נאָך לאַנג ניט געהאַט דעם ערפאָלג, וועלכען מיר ערוואַרטען פון איהר, עס איז אויך זיכער, אַז ניט אַלע די, וועלכע האַלטען זיך פאַר פערטהיידיגער פון'ם אַנאַרכיזם, האָבען פערשטאַנען זיינע טהעאָריען ; אָבער דאָס בעווייזט דאָך גראַדע די נויטווענדיגקייט זיי ווייטער אויסצובילדען, ניט מורא האָבענדיג פאַר ווידערהאָלונגען, כדי מיר זאָלען קיינמאָל ניט פערגאַכלע־סיגען דיזע וויכטיגע אַרבייט.

עס איז וואהר, אַז די אַנאַרכיסטען האָבען ניט קיין בע־שטימטע פעראייניגונג, קיין פעסטע אָרגאַניזאַציאָן, נאָר פון דעסטוועגען זיינען זייערע אַקציאָנען און פראָפּאַגאַנדאַ זעהר בעדייטענדע. עס עקזיסטירט אָבער צווישען זיי אַ געוויסע גייס־טיגע פערבינדונג, דורך די געמיינשאַפטליכקייט פון דעם ציעל, צו וועלכען זיי שטרעבען. אין פראַנקרייך און אין שפאַניען, אין איטאַליען און אין ענגלאַנד, אין אַמעריקאַ און אין אויסטראַליען, איבעראַל פאָדערן די אַנאַרכיסטען די אָבשאַפונג פון פריוואַט־אייגענטהום, די פערניכטונג פון דער אויטאָריטעט און די פאָל־שטענדיגע אויטאָנאָמיע פון דעם אינדיווידואום. אָט האָט איהר אַ געמיינשאַפטליכען באַזיס פון די אידעען און שטרעבונגען.

* * *

זיכער, עס זינען פאַראַנען געוויסע פערשידענהייטען אין דער וואהל פון די מיטלען צווישען די אַנאַרכיסטען, אָבער דער אידעאַל איז דערזעלבער ; מיר פראָגרעסירען שטענדיג, און ווען עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט זיך מעהר ניט שרעקען

פֿאַר געוויסע ווערטער, מיט וועלכע מען מישט היינט צונויף פֿערשידענע זאַכען, דאַן וועלען מיר זעהר שנעל האָבען אַ פֿער־שטענדיגונג צווישען די פֿערשידענע גרופּען אין אַלע לענדער אין אַ ווירקליכע און פֿאָלשטענדיג פֿרייהייטליכע אָרגאַניזאַציאָן; און דיזע פֿערשטענדיגונג אין אָרגאַניזאַציאָן וועט האָבען אַ גרעסערן ווערטה, דערפֿאַר ווייל זיי וועלען זיין דער רעזולטאַט פֿון דער פּראַקטישער טהעטיגקייט און ניט פֿון אַ קינסטליך אינספּירירטער פֿעראייניגונג און קאָמפּראָמיסען.

וואָס אָנבעלאַנגט געוויסע אַקטען און טהעאָריען, וועלכע מיר אַליין בעקעמפּפֿען און וועלען זיי קיינמאָל ניט אָנערקענען פֿאַר אנאַרכיסטיש, איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז עס געהט אָן אַ סאָרט פּראָפּאַגאַנדאַ אין אונזערע רייהען מיט דער הילפֿע פֿון איינינע גאַנץ ערנסטע אָבער איינזייטיגע גענאָסען, וועלכע מיר וואָלטען בעדאַרפֿט בעקעמפּפֿען מיט דער גרעסטער ענערגיע.

אָבער ווען מיר וועלען בעהאַלטען אונזערע פּרינציפּען און זעצען אונזער גאַנצע האָפֿנונג נאָר אויף דער רעוואָלוציאָן, וועלען מיר זיך קיינמאָל ניט בעפֿרייען פֿון פֿאַלשע ברידער, פֿאַלשע אידעען און פאַלשע פּרינציפּען. עס גיט נאָר איין מיטעל צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען די אמת׳ע אידעען פֿון׳ם אַנאַר־כיזמוס און אַזעלכע פֿאַלשע טהעאָריען, וועלכע האָבען נאָר דעם צוועק אַראָבצופֿיהרען די בעוועגונג פֿון רעכטען וועג, נעמליך: נאָך שווערער צו אַרבייטען ווי מיר האָבען עס געטהאָן ביז אַהער, צו ענטוויקלען אונזערע אידעען וואָס קלאָהרער, אויסצוראָטען די אויטאָריטערע פֿאָראורטה־ילע, און צו זעהען מיט אַלע מעגליכ־קייטען, אַז די, צו וועלכע מיר ווענדען זיך מיט אונזער פּראָפּאַ־גאַנדאַ, זאָלען אליין קענען ענטשיידען צי אַ האַנדלונג איז אַנאַרכיסטיש אָדער ניט. דאָס איז אַ בעסערער מיטעל ווי אויס־שליסונגען אין אַלגעמיין.

* * *

געוויס, די יעניגע, וועלכע וואָלטען שוין באַלד געוואָלט זעהן די פֿערווירקליכונג פֿון אונזערע האָפֿנונגען, אַ געזעלשאַפֿט פֿון גליק און האַרמאָניע, וועלען זיך אפשר אָבקעהרען פֿון אונ־

זערע רייהען, זעהענדיג די אַלע האַנדלונגען, וועלכע קומען פֿאָר; מאַנכע פֿון זיי וועלען אין גאַנצען ענטמוטהיגט און פֿערצווייפֿעלט ווערען, ניט זעהענדיג קיין שום אויסזיכט פֿאַר אַ פֿערשטענדיגונג אין דיזעם כאַאָס פֿון אידעען און שטרעבונגען, וועלכע בעקעמפֿפֿען מעהר אָדער וויי‌ניגער ענערגיש די בורזשואַזע געזעלשאַפֿט אונטער דער פֿאָהן פֿון אַנאַרכיזם. אָבער איז דאָס דען ניט געווען דער פֿאַל מיט אַלע נייע אידעען, וועלכע האָבען געזוכט צו פֿערניכטען די עקזיסטירענדע אָרדנונג, אַז זיי האָבען מאָמענטאַן אַרויסגערופֿען אונאָרדנונג און כאַאָס?

מיר ווידערהאָלען נאָך אַמאָל: זאָלען די אונגעדולדיגע זעהען, ווי זיי ווערען פֿאַרטיג מיט זייער היציגקייט! מיר אָבער דאַרפֿען אָנווענדען אַלע מעגליכקייטען צו ענטוויקלען אונזערע אידעען וואָס קלאָהרער און פֿאָלקאָמענער, כדי אונזערע טהעאָריען זאָלען בעקומען אַ פֿעסטען און זיכערען פֿונדאמענט; אָט אויף אַזאַ מין אַרט וועט ענטשטעהן אַ פֿעראייניגונג אָהן אַ צוואַנג, און קיין הינדערניס וועט ניט אָבהאַלטען די פֿרייע ענטוויקלונג פֿון די געדאַנקען. נאָר דורך די פֿרייע ענטוויקלונג פֿון דער אַנאַרכיסטישער אידעע איז מעגליך צו שאַפֿען מענשען מיט זעלבסטשטענדיגע מיינונגען און כאַראַקטערע, און דאָס איז דער איינציגער וועג צו פֿערזיכערן דעם ערפֿאָלג פֿון דער קומענדער רעוואָלוציאָן.

דאָס וואָס האָט אַם מייסטען בייגעטראָגען צו ענטוויקלען ביי מאַנכע גענאָסען די פֿאַלשע פֿאָרשטעלונג, אַז „פּרינציפּען זיינען אַ הינדערניס אין קאַמפּף", איז די ערקענטניס, אַז עס עקזיסטירט אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען די אידעען און די פֿערזוכע זיי צו פֿערווירקליכען. ניט זעהענדיג אין ערגעץ קיין קראַפֿט, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד מיט אַמאָל אַרויסצורופֿען אַ רעוואָלוציאָן, האָבען זיי אָנגעהויבען צו פֿערדאַמען יעדע ערנסטע דיסקוסיאָן איבער אונזערע אידעען און ערקלעהרט, אַז דאָס זיינען בלויז מעטאַפֿיזישע קונצען. ניט געפֿינענדיג אין אונזערע אייגענע רייהען די קראַפֿט, וועלכע זיי האָבען זיך איינגערעדט צו קענען ענטוויקלען דורך אַנדערע מיטלען, קעהרען זיי זיך צוריק צו די אויטאָריטערע מעטהאָדען און זיינען גענוג נאַאיוו צו גלויבען,

אַז זיי האָבען פערניכטעט די אויטאָריטעט, געבענדיג איהר אַן אַנדער נאָמען. פערלירענדיג די געדולד אין קאַמפף, בעמערקען זיי ניט, אַז טראָץ דעם די קרעפטע זיינען אָבגעטהיילט איינע פון די אַנדערע, שטרעבען אָבער אַלע פערזיכע פון די קעמפפער צו דערמזועלבען ציעל, און דאָס קיין זאַך איז ניט אימשטאַנד צו געבען דיזער פעראייניגונג די מאַכט, וועלכע זיי וואָלטען געוואונ־שען צו זעהען, ווי נאָר די פערשפרייטונג פון אונזערע אידעען.

„ווען אַ גענאָסע פערשפרעכט אונז זיין הילפע, אַזוי זאָגען זיי, דאַן ווילען מיר איין פאר אַלע מאָל וויסען, אַז מיר קענען רעכנען אויף איהם, און אַז ער וועט זיך ניט צוריקציהען, ווען עס קומט דער טאָג צו האַנדלען, ענטשולדיגענדיג זיך מיט זיין פערזענליכער פרייהייט און אויטאָנאָמיע".

מיר זיינען גאַנץ מיט דערזעלבער מיינונג, אָבער מיר בעטראַכטען עס אַלס די ערשטע וויכטיגע בעדינגונג פון אונזער אַגיטאַציאָן, צו ערקלעהרען און צו צייגען ביי יעדער געלעגענהייט, אַז קיין מענש זאָל זיך ניט אונטערנעהמען געוויסע זאַכען, אַזוי לאַנג ווי ער בעזיצט ניט די פעהיגקייט זיי אויסצופיהרען, און אַז ווען אַ גענאָסע האָט זיך יאָ אונטערגענומען אַ געוויסע זאַך, איז עס איינפאַך אַ פראַגע פון פערזענליכער עהרע, ער זאָל האַלטען זיין פערשפרעכען. זיכער, דאָ וועט זיך ווייטער אויפ־הויבען די פראַגע פון אַ קאַמפף געגען די פאַלשע בעגריפע, פון וועלכע מיר האָבען גערעדט בעפאָר; אָבער עס איז אונבעדינגט נויטווענדיג, אַז אונזער פראָפּאַגאַנדאַ זאָל בעווייזען די גוטע ווירקונגען פין אַ געגענזייטיגער פערשטענדיגונג און צוטרוי צווי־שען די גענאָסען. וואָס פאר אַ ווערטה האָבען אַלע אונטערנעה־מונגען, ביז וואַנען איהר וועט ניט שאַפען אַזאַ פערשטענדיגונג? און ווען מען וואָלט עס אפילו אָנגעשריבען אין גרויסע בוכשטאַ־בען אין אַ פראָגראַמע, אום פעסטצושטעלען אין פאָראויס, אַז מענשען דאַרפען האַלטען זייערע פערשפרעכונגען, דאָס וואָס זיי האָבען אָבגעמאַכט מיט אַנדערע, וואָס וואָלט איהר זיי געקענט טהאָן, ניט האָבענדיג קיין מאַכט צו צווינגען די יעניגע, וועלכע ברעכען זייער וואָרט? אָט דערפאַר איז נויטווענדיג אַלע פראַגען

צו דיסקוטירען גרינדליך, זאָלען מיר זיך נאָר אַ ביסעל מעהר צו הערען צו דער שטימע פֿון אונזער פֿערנונפֿט, איידער צו פֿאָלגען אונזערע אונגעדולדיגע ווינשע, און מיר וועלען באַלד אויסגעפֿינען, אַז ניט אַלעס איז „מעטאַפֿיזיש", וואָס מען רופֿט אָן מיט דיזעם נאָמען.

די ווירקונג פֿון רעפֿארמען.

ווען מיר האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט דער פֿראַגע: „פֿאַר וואָס מיר זיינען רעוואָלוציאָנער", האָבען מיר פֿערזוכט צו בעוויזען, אַז דאָס עלענד און די אונצופֿרידענהייט, וועלכע זיינען די רעזולטאַטען פֿון אונזער שלעכטער געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן, פֿיהרען אונז דירעקט צום אויפֿשטאַנד געגען דאָס היינטיגע סיסטעם; און וויל די אומשטענדען אַליין צווינגען אונז צו נעהמען אַן אַנטהייל אין דיזער רעוואָלוציאָן, דערפֿאַר זיינען מיר שטאַרק פֿעראינטערעסירט זיך פֿאָרצובערייטען אויף דעם קומענדען שטורם. אויסערדעם גיט עס נאָך אַן אורזאַכע, אויף וועלכע מיר האָבען נאָר קורץ אָנגעדייטעט, וועלכע איז אָבער זעהר וויכטיג, דערפֿאַר וואָס זי ערקלעהרט אונז, וואַרום די אַנאַרכיסטען נעהמען קיין אַנטהייל ניט אין דעם קאַמפף פֿאַר געוויסע רעפֿאָרמען, וועלכע מען שטעלט פֿאָר די אַרבייטער אַלס אַ מיטעל פֿאַר זייער שטופֿענווייזע בעפֿרייאונג.

עס איז נויטוועגדיג אויפֿצואווייזען, אַז אונטער דעם יעצטיגען קאַפּיטאַליסטישען רעזשים, ווען די מענשהייט איז צוטהיילט אין צוויי פֿערשידענע קלאַסען, פֿון וועלכע די איינע לעבט אויף דעם רעכנונג פֿון די אַנדערע,—עס איז נויטווענדיג אויפֿצואווייזען, אַז אונטער אַזאַ סיסטעם איז יעדע פֿערבעסערונג פֿון דער עקספּלואַטירטער קלאַסע פֿערבונדען מיט אַ בעשריינקונג פֿון די פּריווילעגיעס, וועלכע די קלאַסע פֿון די עקספּלואַטאַטאָרען בעזיצט היינט. פֿאָלגליך איז אַ רעפֿאָרם ניט מעהר ווי אַן אילוזיע, אַ מיטעל צו פֿערשלעפֿערן די אַרבייטער, כדי זיי זאָלען אויסברייגען זייער ענערגיע מיט די ערהאָבערונגען פֿון לופֿט־שלעסער, וועלכע פֿערשווינדען באַלד, ווי נאָר מען וויל זיך צוריהרען צו

זיי; אָבער ווען עס האַנדעלט זיך אום אַזאַ רעפאָרמע, וועלכע איז ווירקליך אים שטאַנד איבערצובייטען דעם יעצטיגען צושטאַנד, דאַן וועט די פּריווילעגירטע קלאַסע, וועלכע האַלט די עפענטליכע מאַכט אין איהרע הענד, זיכער אָנווענדען אַלע מיטלען צו פערהינדערן איהר פערווירקליכונג, אָדער זי וועט איהר אַזוי איבער־אַרבייטען, ביז וואַנען זי וועט זיין אין איינקלאַנג מיט איהרע אייגענע אינטערעסען. ווי מיר זאָלען זיך אַלזאָ ניט קעהרען, וועלען מיר צולעצט שטענדיג אָנקומען ביי דעם זעלבען אונפער־מיידליכען מיטעל — דער געוואַלט.

* * *

מיר וועלען זיך, פערשטעהט זיך, דאָ ניט בעשעפטיגען מיט אַלע רעפאָרמען, וועלכע אָרעמע פּאָליטיקער האָבען ערפונדען צו בעגליקען די מענשהייט; מיר וועלען אויך ניט רעדען פון די אַלע וואהל־שווינדלערייען, וועלכע די, וואָס יאָגען זיך נאָך אַ פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט, האָבען שוין איסגעקלעהרט; מיט אַזעלכע ליי־גענס וואָלט מען געקענט אָנפילען הונדערט בענדער.

מיר דיינקען, אַז עס איז גענוגענד צו בעווייזען, אַז דאָס סאָציאַלע עלענד וואַקסט אַרויס פון אונזער שלעכטער עקאָנאָמי־שער אָרגאַניזאַציאָן; די לעזער וועלען דערפאַר פערשטעהן, אַז מיר איגנאָרירען אין גאַנצען אַלע רעפאָרמען, וועלכע קענען העכסטענס פעראורזאַכען אַ פּאָליטישען איבערבייט. די זאָגענאַנטע עקאָנאָמישע רעפאָרמען, וועלכע זיינען ווערטה, מען זאָל זיי דיסקוטירען, זיינען זעהר ווייניגע, און עס איז ניט שווער זיי איבערצוצעהלען. אָט זיינען זיי:

אַ טאַקסע אויף דעם יעהרליכען איינקאָמען, כדי די אָבגאַ־בען זאָלען שטעהן אין איינקלאַנג מיט דעם פערמעגען;

אַ פערקלענערונג פון דער צאָהל פון די אַרבייטס־שטונדען, אַ מינימאַלער לוין;

אַ בעזונדערע שטייער פאַר ירושות און די אָבשאַפונג פון דער ירושה אין אַלגעמיין פאַר זייטיגע פערוואַנדטע.

ווען מיר רעכענען נאָך דערצו דעם פערזוך צו טראַנספאָר־מירען די געזעלשאַפט דורך די גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע

אָרגאַניזאַציאָנען, דאַן האָבען מיר צונויפגעשלעפּט די אַלע מיט־לען, דורך וועלכע אונזערע רעפאָרמיסטען דיינקען איבערצובייטען די געזעלשאַפט אויף דעם וועג פון אַ פרידליכער ענטוויקלונג. די צאָהל איז אַ מאָגערע, לאָמיר זעהן צ'י די קוואַליטעט איז כאָטש אַ גוטע.

* * *

אַ טאַקסע אויף דעם יעהרליכען איינקאָמען! פאַר אַ לענ־גערע צייט האָט דיזער הייל־מיטעל געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע, נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אַביסעל פערלאָרען פון זיין פּאָפּולאַריטעט. ס'איז איינער פון די מיטלען, מיט וועלכע די פּאָליטיקער זוכען צו פערבלענדען די אויגען פון די אַרבייטער, און אין דערזעלבער צייט אַ מיטעל, וועלכער קען געפינען אָנ־הייננער, ווייל פון אויבען אויף בעטראַכטעט. ווייזט זיך אונז אויס, אַז דורך אַזאַ רעפאָרם קען מען צווינגען די רייכע בייצו־טראָגען זייער ריכטיגען טהייל פאַר די אויסגאַבען פון'ם שטאַאַט; דיזער מיטעל שיינט צו שאַפען אַ מין גלייכגעוויכט צווישען די בירגער, דורך דעם וואָס ער צווינגט יעדען איינציגען בייצוט־אָ־גען אַזוי פיעל צו די אויסגאַבען פון דער געזעלשאַפט, ווי די געזעלשאַפט דיענט איהם מיט איהרע אינסטיטוציאָנען.

עס איז גענוג צו שטודירען דעם מעכאַניזם פון דער געזעל־שאַפט, אי'ם אויסצוגעפינען די קוועלען פון רייכטהום, און מיר וועלען באַלד פערשטעהן, אַז די אויבען דערמאָהנטע רעפאָרמע רעפאָרמירט קיין זאַך ניט, אַז זי איז ניט מעהר ווי אַ גאַנץ געוועהנליכער שווינדעל, מיט וועלכען מען פערבלענדעט די אויגען פון די אַרבייטער און ענטוויקעלט ביי זיי געוויסע האָפ־נונגען אויף אַ פערבעסערונג פון זייער לאַגע, האָפנונגען, וועלכע קענען קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען, און וועלכע פערהינ־דערן די אַרבייטער אויסצוגעפינען די ווירקליכע מיטלען פאַר זייער בעפרייאונג.

* * *

זיכער, עס גיט געוויסע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען אַ שרעקליכע מורא, ווען מען הויבט נאָר אָן צו רעדען וועגען דיזער

רעפאָרמע, זיי זעהען שוין אין זייע־ע גערדאַנקען, ווי די „שמוציגע מאַסע" וועט אַוועקרויבען פון זיי זייערע פּראָפיטען; אין די רייד־העין פון דער בורזשואַזיע גיט עס אַסך אַזעלכע ציטערדיגע מענשעלאַך, וועלכע דער־שרעקען זיך ביי דעם קלענסטען גערויש, נאָר זיי ברומען ווי די קעלבער, ווען מען וויל זיך בלויז צוריה־רען צו זייערע פּריווילעגיעס.

עס איז אויך מעגליך, אַז צווישען די, וועלכע שלאָגען פאָר דיזע רעפאָרמע, געפינען זיך עטליכע, וואָס גלויבען ווירקליך, אַז מען קען דערמיט עפּעס דערגרייכען. אָט דיזע מורא פון די ערשטע און דער נאַאיוועער גלויבען פון די צווייטע טראָגען ביי דאָס זייעריגע אָבצונאַרען די אַרביימער און מאַכען זיי צו נעהמען אַן אַנטהייל אין דיזען פורים־שפּיעל, וועלכער פערהינדערט זיי זיך צוצוהערען צו די, וועלכע ערקלעהרען זיי, אַז זיי האָבען קיין זאַך ניט צו ערוואַרטען פון זייערע אויסבייטער, אַז זיי וועלען נאָר דאַן זיין פריי, ווען עס וועלען מעהר קיין פּריווילעגיעס ניט עקזיסטירען.

* * *

אין דער צייט פון דער לייבאייגענשאַפט, ווען די אַרבייטער האָבען געדאַרפט געבען מעשר צו זייערע הערען און טיראַנען, האָבען זיי כאָטש געוואוסט, וואו זיי האַלטען אין דער וועלט: אַזוי פיעל האָבען זיי געדאַרפט אַוועקגעבען צום גרונדבעזיצער, אַזוי פיעל צום גלח, אַזוי פיעל צו דיזען און אַזוי פיעל צו יענעם. צולעצט האָבען זיי זיך אומגעזעהן, אַז פאַר זיי אַליין איז כמעט גאָר נישט איבערגעבליבען. דיזער צושטאַנד האָט אַרויסגע־רופען די רעוואָלוציאָן. די בורזשואַזיע האָט גענומען די עפענט־ליכע מאַכט אין איהרע הענד: דאָס פאָלק האָט זיך געשלאָגען פאַר די אָבשאַפונג פון די פעאָדאַלע אָבגאַבען, און עס וואָלט ניט געווען טאַקטיש זיי ווידער איינצופיהרען פון דאָס ניי; אָבער די בורזשואַזיע האָט זיך געוואוסט ווי צו העלפען: אָנשטאָט פון די פעאָדאַלע אָבגאַבען האָט זי ערפונדען די שטייער און די אונדירעקטע אָבגאַבען. נאָך דיזען נייען סיסטעם ווערען די אָב־גאַבען שטענדיג אין פאָראויס בעצאָהלט; אָבער עס זיינען די

קאַפּיטאַליסטען, קויפלייט און אַנדערע בורזשואַס, וועלכע לייגען אויף די נויטוועגדיגע סומען פאַר דעם שטאַאַט, און דערפאַר האָבען זיי די מעגליכקייט צוריקצונעהמען די אויסגעליינטע געלדער אויס די קעשענעס פון די פּראָדוצירער און קאָנסומירער מיט פּראָצענט. און ווייל די לעצטע האָבען קיינע דירעקטע געשעפטען מיט דער שטאַאַטס־קאַסע, ווייסען זיי קיינמאָל ניט ריכטיג, ווי פיעל זיי דאַרפען אייגענטליך ביישטראָגען און אַלעס געהט צו גונסטען די בעסטע פון אַלע געזעלשאַפטען, די בורזשואַזע געזעלשאַפט.

מען דערצעהלט אונז, אז דאָ אין פראַנקרייך דאַרף יעדער צאָהלען פון 130 ביז 140 פראַנק אָבגאַבען א יאָהר. וואָס מיינט דאָס? פאַר וואָס זאָלען מיר זיך ענטזאָגען פון דעם פערגניגען צו האָבען אַ רעגירונג, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט אונזער וואָהלזיין, נעהמענדיג דערפאַר אַזאַ קליינע סומע? דאָס מיינט דאָך ווירקליך געאַרבייט פאַר אומזיסט און עס וואָלט געווען לעכערליך אָבצושאַפען אַזאַ פאָרטרעפליכע אינסטיטוציאָן, כדי איינצושפּאָרען אַזאַ קלייניגקייט. ס'איז ווירקליך אַ ביליגע אַרבייט, נאָר ס'איז אַ שאָד וואָס דער אַרבייטער בעמערקט ניט, אַז ער איז דער איינציגער, וואָס פּראָדוצירט, פאָלגליך איז ער אויך דער איינציגער, וואָס צאָהלט; און ער דאַרף ניט בלויז בעצאָהלען זיין אייגענעם חלק, נאָר ער דאַרף אויך בעצאָהלען פאַר די אַלע פּאַראַזיטען, וועלכע לעבען פון זיין אַרבייט.

* * *

וואָס פאַר סאָפיסטישע דרעהדלאַך די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען זאָלען ניט אויסגעפינען פאַר זייערע סיסטעמען, אום צו רעכטפערטיגען די עקזיסטענץ פון'ם קאַפּיטאַליסט, איין זאַך איז זיכער: דאָס קאַפּיטאַל ענטשטעהט ניט פון זיך אַליין, נאָר עס איז דער פּראָדוקט פון דער מענשליכער אַרבייט; און ווייל די קאַפּיטאַליסטען אליין פּראָדוצירען קיין זאַך ניט, פאָלגליך איז זייער קאַפּיטאַל די פרוכט פון אַנדערען'ס אַרבייט. דער גאַנצער האַנדעל, וועלכער געהט אָן צווישען די מענשען און פעלקער, דער אויסטויש פון די פּראָדוקטען, דאָס אַלעס איז ניט אַנדערש

ווי דער רעזולטאַט פֿון דער אַרבייט; און דער פּראָפֿיט, וועלכער שטעלט זיך אָב ביי דעם קאַפּיטאַליסט, איז ניט מעהר און ניט וויניגער ווי אַ נייע פֿאָרמע פֿון די אַלטע פֿעאָדאַלע אָבגאַבען, וועלכע די פּראָדוצירענדע אַרבייטער דאַרפֿען צאָהלען די אייגענטהימער פֿון'ם קאַפּיטאַל.

איז דען דאָס געלד די אורזאַכע, וועלכע מאַכט, אַז די ערד זאָל אַרויסגעבען קאָרן און ווייץ אין אַנדערע לעבענס מיטעל? אָדער איז געלד אימשטאַנד צו קולטיווירען דאָס לאַנד, צו פֿלאַנצען האַנף און פֿלאַקס, וועלכע מיר דאַרפֿען, אים צו פֿערפֿערטיגען אונזערע קליידער? קען געלד שאַפֿען פֿעטע לאָנקעס פֿאַר די בהמות, וועלכע זיינען אונז ניצליך און נויטוועגדיג צום לעבען? איז עס דען אליין די קראַפֿט פֿון'ם קאַפּיטאַל, וועלכע שלעפּט אַרויס פֿון די מינען די מעטאַלען, אין וועלכע די אינדוסטריע נייטיגט זיך, אָדער וועלכע מיר דאַרפֿען צו פֿאַבריצירען מאַשינען און אַנדערע נייטיגע זאַכען צום לעבען? איז עס דאָס קאַפּיטאַל, וועלכע גיט די רוי־שטאָפֿען אַ בעשטימטע פֿאָרמע און פֿערוואַנדעלט זיי אין פּראָדוקטען פֿאַר דער קאָנסומציאָן? ווער האָט דעם מוטה אויפֿצושטעלען אַזאַ בעהויפּטונג? אפילו די פּאָליטישע עקאָנאָמיע אַליין, וועלכע האָט די אויפֿגאַבע צוצושרייבען אַלצדינג צו דער טהעטיגקייט פֿון קאַפּיטאַל, געהט ניט אַזוי וייט; זי פֿערזוכט נאָר צו בעווייזען, אַז דאָס קאַפּיטאַל איז אונבעדינגט נויטווענדיג פֿאַר די פֿערשידענע פֿאָרמען פֿון דער מענשליכער טהעטיגקייט, און דערפֿאַר האָט דער קאַפּיטאַליסט אַ רעכט צו בעקומען זיין חלק, דעם גרעסטען, פֿערשטעהט זיך, פֿון דעם געווין, פֿאַר דער ריזיקע, וועלכען ער דאַרף שטעהען מיט יעדער אונטערנעהמונג.

*
* *

אום אויפֿצואווייזען די אונניצליכקייט פֿון'ם קאַפּיטאַל, איז גענוג צו ווידערהאָלען די בעקאַנטע היפּאָטעזע: שטעלט זיך פֿאָר, אַז מיט אַמאָל וועלען פֿערשווינדען אַלע פֿינאַנציעלע ווערטהמיטלען; נימאָ מעהר קיין גאָלד, קיין זילבער, קיין באַנקנאָטען, קיין ווערטה־פּאַפּירען, קיין טשעקס א.ז.וו. וואָלט אונז דאָס אָב־

געהאַלטען וויטער צו פּראָדוצירען? וואָלט דען דער בויער אויפגעהערט צו קולטיווירען זיין שטיקעל ערד? וואָלט דער מינען־אַרבייטער מעהר ניט אויסגעגראָבען די אונטעראירדישע שעצע פון דער ערד? וואָלט דער אַרבייטער זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט אין זיין טהעטיגקייט צו פּראָדוצירען פאַר די קאָנסומענטען? וואָלטען די אַרבייטער דען ווירקליך ניט געפונען קיין אַנדער מיטעל אויסצוטוישען זייערע פּראָדוקטען און וויטער געלעבט און געאַרבייט אָהן געלד?

דער פערנינפטיגער ענטפער אויף דיזע פראַגען ברייננט אונז צו דעם שלוס, אַז פאַר די פּאַראַזיטען איז דאָס קאַפּיטאַל מעהר ניט ווי א מיטעל צו פערמאַסקירען זייער אונניצליכקייט און צו רעכטפערטיגען זייער שטעלונג אַלס פערמיטלער, וועלכע גיט זיי די מעגליכקייט צו נעהמען אָבגאָבען פון די פּראָדוצירער פאַר די אַרבייט פון אַנדערע. וואָס פאַר מיטלען דער שטאַאַט זאָל אַלזאָ ניט אָנווענדען זיך צוצוריהרען צו זייער איינקאָמען, וועלען דיזע אַלע מיטלען צולעצט דאָך מוזען פאַלען צוריק אויף די פּראָדוצירער אַליין, דערפאַר וואָס דער איינקאָמען פון דעם קאַפּיטאַליסט איז סיי ווי סיי די פרוכט פון זייער אַרבייט.

וואָס העכער מען וועט טאַקסירען דעם פערמעגען פון'ם קאַפּיטאַליסט, אַלס שווערער וועט די לאַסט צוריק פאַלען אויף דעם אַרבייטער; דער בורזשואַ וועט נאָך פּראָפיטירען דורך דעם, און די ענדע וועט זיין, אַז די פיעל בעריהמטע רעפאָרמע וועט זיך צולעצט פערוואַנדלען אין אַ מיטעל פון נאָך ערגערער אויס־בייטונג און רויבעריי, צוליעב דער שלעכטער אָרגאַניזאַציאָן פון דער היינטיגער געזעלשאַפט.

* * *

אָן אַנדער רעפאָרמע, פון וועלכער מען ערוואַרטעט זעהר פיעל, איז די פערקלענערונג פון די אַרבייטס־שטונדען און אַ געזעצליכער מינימאַל־לוין. פון אויבען אויף בעטראַכטעט קוקט עס ווירקליך אויס אַלס אַ בעדייטענדער פּראָגרעס, ווען מען הערט, אַז די בעציהונגען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט זאָלען רעגולירט ווערען צו גונסטען די אַרבייטער, וועלכע זאָלען מעהר

ניט אַרבייטען ווי אַכט שטונדען אָנשטאָט צוועלף. מען קען זיך דערפֿאַר אויך ניט וואונדערן, ווען פֿיעלע לאָזען זיך פֿערדרייהען די קעפּ און גיבען אָב זייער גאַנצע ענערגיע פֿאַר דיזע פֿערבעסערונג, גלויבענדיג אַז דאָס איז דער וועג וועלכער וועט פֿיהרען צו דער בעפֿרייאונג פֿון דער אַרבייטער־קלאַסע.

אין דעם קאַפּיטעל איבער דער „אויטאָריטעט" האָבען מיר שוין ערקלעהרט, אַז די אויטאָריטערע אינסטיטוציאָנען האָבען נאָר איין צוועק, נעמליך — אויפֿצוהאַלטען דעם יעצטיגען צושטאַנד; צו פֿאָדערן, אַז דער שטאַאַט זאָל זיך אריינמישען אין די בעציהונגען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, בעווייזט ניט מעהר ווי אַ מאַנגעל אין לאָגיק, ווייל זיין אַריינמישען זיך קען נאָר זיין צו גונסטען דעם, וועמענס אינטערעסען ער פֿערטהיידיגט.

ריידענדיג וועגען דער זאָגענאַנטער „איינקאָמען־שטייער", האָבען מיר בעמערקט, אַז די ראָלע פֿון’ם קאַפּיטאַליסט בעשטעהט אין דעם—צו לעבען אויף דעם רעכנונג פֿון די פּראָדוצירער. צו ערקלעהרען די אַרבייטער, זיי זאָלען פֿאָדערן פֿון די קאַפּיטאַליסטען זיי זאָלען פֿערקלענערן זייערע פּראָפֿיטען, אין דערזעלבער צייט, ווען זיי ווענדען אָן אַלע מיטלען זיי צו פֿערגרעסערן, מיינט פּראָסט צו שפּיעלען אַ קאָמעדיע מיט זיי. עס זיינען נויטווענדיג געווען גאַנצע רעוואָלוציאָנען, אום אויסצופֿיהרען געוויסע פּאָליטישע רעפֿאָרמען, וועלכע זיינען פֿון פֿיעל קלענערער וויכטיגקייט.

* * *

ווען די אַרבייטער וועלען מעהר ניט אַרבייטען לענגער פֿון אַכט שטונדען — אַזוי בעהויפּטען די פֿערטהיידיגער פֿון דעם געזעצליכען אַכט־שטונדען טאָג — דאַן וואָלטען מיר מעהר ניט געהאַט אַזעלכע לאַנגע פּעריאָדען פֿון אַרבייטלאָזיגקייט, וועלכע זיינען די לאָגישע פֿאָלגען פֿון איבערפּראָדוקציאָן. אַלע וואָלטען געפֿונען אַרבייט און געווען אימשטאַנד צו פֿערהעכערן זייער לוין.

דיזער אַרגומענט שיינט צוערשט צו זיין גאַנץ לאָגיש; אָבער דער, וואָס האָט גרינדליך שטודירט די פֿערשידענע ערשיינונגען פֿון אונזער קאָרומפּירטער געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן,

וועט באַלד בעגרייפען, אַז דער אַרגומענט איז אין גאַנצען אַ פאַלשער.

אין דעם קאַפּיטעל איבער דאָס אייגענטהום האָבען מיר געצייגט, אַז ווען די מאגאַזינען זיינען אָנגעפילט מיט פּראָדוקטען, איז עס ניט דערפאַר וואָס די פּראָדוקציאָן איז צו גרויס, נאָר דערפאַר וואָס די מעהרצאָהל פון די מענשען זיינען פערדאַמט צו לעבען אין נויט און עלענד און האָבען ניט די מעגליכקייט צו בעפרידיגען זייערע בעדירפניסע. דאָס לאַגישסטע מיטעל פאַר דעם אַרבייטער צו פערזיכערן זיך מיט אַרבייט וואָלט געווען צוצונעהמען די פּראָדוקטען, וועלכע ער האָט אַליין פערפערטיגט, און וועלכע מען האָט אַוועקגערויבט פון איהם, און זיך צו בענוצען מיט זיי. מיר וועלען ניט ווייטער געהן אין דיזער ריכטונג, אַלעס וואָס מיר ווילען בעווייזען, איז, אַז די פאָרגעשלאָגענע רעפאָרמע קען ניט האָבען דעם קלענסטען מאַטעריעלען נוצען פאַר די אַרבייטער.

* * *

ווען אַ קאַפּיטאַליסט לייגט אַריין זיין קאַפּיטאַל אין אַ געווייסע אינדוסטריע, טהוט ער עס דערפאַר, כדי עס זאָל איהם אַריינברייגגען וואָס גרעסערע פּראָפיטען. אונטער די יעצטיגע אומשטענדע ווייסט דער פאַבריקאַנט, אַז די אַרבייטער דאַרפען אַרבייטען צעהן, עלף אָדער צוועלף שטונדען, אום ער זאָל האָבען פון זיי דעם בעשטימטען פּראָפיט. ווי באַלד דער אַרבייטס-טאָג וועט פערקלענערט ווערען אויף אַכט שטונדען איז זיין בערעכנונג אַ פאַלשע; אָבער אַזוי ווי זיין קאַפּיטאַל מוז איהם אַריינברייגגען דעם בעשטימטען פּראָפיט — זיין גאַנצע ראָלע איז צו קויפען אין די ביליגסטע און צו פערקויפען אין די טהייערסטע מאַרקעטס, מיט איין וואָרט צו בערייבען אַלע, מיט וועלכע ער קומט נאָר אין אַ בעריהרונג — וועט ער באַלד אויסגעפינען נייע וועגען, כדי ער זאָל קענען ווידער אויסגלייכען דעם פערלוסט.

צו דיזען צוועק האָט ער דריי מיטלען: 1) צו פערהעכערן דעם פּרייז פון די פּראָדוקטען; 2) צו פערקלענערן דעם לוין פון די אַרבייטער; 3) צו פערזוכען, אַז די אַרבייטער זאָלען

איהם אין אַכט שטונדען מאַכען דיזעלבע אַרבייט, ווי בעפאָר אין צוועלף.

די פערטהיידיגער פון דיזער רעפאָרמע ווילען פערהינדערן איינע פון דיזע מעטהאָדען, מיט דעם וואָס זיי פאָדערן אַ מיני־מאַלען אַרבייטס־פרייז. עס איז אָבער אויך ניט זעהר וואהרשיינ־ליך, אַז די פאַבריקאַנטען זאָלען פערזוכען צו פערהעכערן די פרייזעס פון די פראָדוקטען, דערפאַר וואָס זיי דאַרפען זיך רעכע־נען מיט דער קאָנקורענץ; נאָך ווען אפילו יאָ, ווייסען מיר זעהר גוט, אַז די טהייערקייט פון לעבען, וועלכע איז די פאָלגע פון העכערע אַרבייטס־פרייזען, צייגט אונז וויטער, אַז דער אַרביי־טער וואָלט אַליין געדאַרפט טראָגען די גאַנצע לאַסט פון דער רעפאָרמע.

גיט אונז דען ניט נאָרד און זיד־אַמעריקא דעם בעסטען ביישפּיעל, אַז איבעראַל וואו דער אַרבייטער בעקומט שוין יאָ אַ העכערן לוין, פערהעכערט זיך אויך דער פרייז פון די פראָדוק־טען, וועלכע ער דאַרף צום לעבען? און ווען ער פערדינט שוין ווירקליך צוואַנציג פראַנק אַ טאָג, דאַרף ער אָבער פינפאונצוואַנ־ציג פראַנק, אום צו מאַכען אַן אַנשטענדיגען לעבען. פאָלגליך בלייבען זיינע בעדינגונגען אימער דיזעלבע.

אָבער אין אונזער צייט פון דאַמפף און עלעקטריציטעט, ווען די קאָנקורענץ ערלויבט ניט קיין פערשפעטיגונג, איז דער קאַפּיטאַליסט געצוואונגען צו פראָדוצירען „שנעל און ביליג". אַט דערפאַר וועט ער ניט פערזוכען אויסצוגלייכען זיין פערלוסט, מיט דעם וואָס ער וועט פערקויפען זיינע פראָדוקטען טהייערער, פאָלגליך בלייבט איהם מעהר ניט איבער ווי איין וועג: צו פּראָ־דוצירען אין אַכט שטונדען צייט דיזעלבע קוואָנטיטעט ווי פריהער אין צוועלף שטונדען, און דאָס איז ווירקליך דער וועג, ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטען זעהען אויפצוהאַלטען זייערע פּראָפיטען.

דער אַרבייטער איז אַלזאָ געצוואונגען צו אַרבייטען גיכער; פאָלגליך איז דער גאַנצער צוועק פון דיזער רעפאָרמע: צו פער־קלענערן די פּראָדוקציאָן פון דעם איינצעלנעם, כדי אויסצומיידען פעריאָדען פון אַרבייטסלאָזיגקייט און קריזיס, אַ פערלאָרענער.

דער צושטאַנד וועט בלייבען דערזעלבער ווי בעפֿאָר, די אינדי־ווידועלע פּראָדוקציאָן וועט זיך ניט פֿערקלענערן און די אַרבייטער וועלען אויך ניט האָבען די מעגליכקייט צו קאָנסומירען מעהרער.

* * *

אָבער די אינבעקוועמליכקייט פֿון דיזער פֿערבעסערונג וואָלט זיך ניט בלויז בעשריינקט אויף דיזען דורכפֿאַל, נאָר זי וואָלט נאָך אַרויסגערופֿען ערנסטערע קאָנסעקווענצען. ערשטענס, וואָלט די פֿערקלענערונג פֿון דעם אַרבייטס־טאָג זיכער אַרויסגערופֿען אַ פֿערבעסערונג פֿון דער מאַשינעריע און דער אַרבייטער פֿון אייזען וואָלט מעהר און מעהר פֿערנומען דעם פּלאַץ פֿון דעם אַרבייטער פֿון פֿלייש און בלוט. אין אַ גוט אָרגאַניזירטער געזעלשאַפֿט וואָלט דאָס טאַקי געווען אַ פּראָגרעס, אָבער אונטער די היינטיגע בעדינגונגען וואָלט עס געהייסען צו פֿערגרעסערן דעם עלענד און צו מאַכען ערגער די לאַגע פֿון'ם אַרבייטער.

וואָס מעהר דער אַרבייטער איז געצוואונגען צו פּראָדוצירען שנעל, אַלס מעהר דאַרף ער זיין אויסגערעכענט מיט יעדער בעוועגונג, אַלס מעהר דאַרף ער קאָנצענטרירען זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט אויף זיין אַרבייט; ער וואָלט אַלזאָ שטענדיג געמוזט אָנווענדען זיין גאַנצע ענערגיע ביי דער אַרבייט אין זיין געזונדהייט וואָלט דערפֿון מעהר געליטען ווי פֿון אַ לענגערען טאָג אַרבייט.

אמת, די אַרבייטס־צייט וואָלט געווען קירצער, אָבער דער אַרבייטער וואָלט בעדאַרפֿט אויסברייינגען מעהר קראַפֿט אין ווייניגער צייט, און דאָס וואָלט איהם זיכער מעהר אויסגעמוטשעט ווי די אַלטע מעטהאָדע.

ווען מיר נעהמען צ.ב.ש. ענגלאַנד, אויף וועלכע די אָנהייננגער פֿון דיזער רעפֿאָרמע דייטען שטענדיג אָן און וואו דער ניין שטונדען אַרבייטס־טאָג עקזיסטירט כמעט איבעראַל, וועלען מיר באַלד אויסגעפֿינען, אַז די פֿערקלענערונג פֿון דעם אַרבייטס־טאָג איז ניט געווען קיין פֿערבעסערונג, נאָר אַ פֿערערגערונג פֿאַר דעם אַרבייטער'ס לאַגע. אום צו בעווייזען די ריכטיגקייט פֿון אונזער בעהויפּטונג, וועלען מיר זיך בענוצען מיט די פֿאַקטען,

וועלכע קאַרל מאַרקס אַליין האָט צונויפֿגעקליבען, דערזועלבער מאַרקס, וועלכער איז היינט דער גייסטיגער אינספּיראַטאָר פֿון די פֿערטהיידיגער פֿון דעם געזעצליכען אַכט-שטונדען-טאָג.

* * *

אויף זייטע 105 פֿון מאַרקס „קאַפּיטאַל" געפֿינען מיר דעם פֿאָלגענדען אויסצוג פֿון דעם בעריכט פֿון אַ פֿאַבריק אינספּעקטאָר: „כדי צו קענען אַרויסגעבען דיזעלבע צאָהל פּראָדוקטען, אַזוי האָט אונז איבערגעגעבען די גרויסע פֿירמע קאָקריין אין גלאַזגאָו, זיינען מיר געצוואונגען געווען צו פֿערמעהרען די מאַשינען אויף אַ גרויסען שטייגער, אַזוי, אַז די געלערנטע אַרבייטער זיינען היינט איבערפֿליסיג, און יעדער טאָג צייגט אונז, אַז מיר קענען היינט פֿיעל מעהר פּראָדוצירען ווי מיט דער אַלטער מעטהאָדע. דער געזעצליכער ניין שטונדען טאָג האָט אַרויסגערופֿען אַ גרעסערע ענטוויקלונג און פֿערווענדונג פֿון דער מאַשינעריע."

און אויף זייטע 180 לעזען מיר: „אָבוואָהל די פֿאַבריק-אינספּעקטאָרס ווערען קיינמאָל ניט מיעד — און מיט רעכט — זיך אָבצולויבען פֿון די גינסטיגע רעזולטאַטען, וועלכע די פֿאַבריק געזעצע פֿון 1844 אין 1850 האָבען אַרויסגערופֿען, מוזען זיי אָבער דאָך צוגעבען, אַז די פֿערקלענערונג פֿון דעם אַרבייטס-טאָג האָט שוין יעצט פֿעראורזאַכט אַזאַ אָנשטריינגענדע טהעטיגקייט, וועלכע גראָבט אונטער די געזונדהייט פֿון די אַרבייטער און פֿאָלגליך אויך זיין פּראָדוקטיווע ענערגיע."

„ווי עס וויזט אויס זיינען די איבערמענשליכע אָנשטריינגונגען, וועלכע די מאַשינען-אַרבייט פֿאָדערט אין די באַוועל און זייד-שפּינערייען — ווערענד די לעצטע יאָהרען האָט זיך דיזע אַרבייטס-מעטהאָדע אונגעהייער שטאַרק ענטוויקעלט — איינע פֿון די אורזאַכען, פֿאַר די איבערגעוועהנליך גרויסע צאָהל פֿון די אַרבייטער, וועלכע זיינען געשטאָרבען פֿון לונגען-קראַנקהייטען, אַזוי ווי דר. גרענהאָון בעריכטעט אין זיין אויסגעצייכענטען רעפּאָרט. עס איז אַלזאָ גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז דער שטרעבען פֿון'ם קאַפּיטאַל, אויסצוגלייכען די פֿערלוסטען,

וועלכע עס האָט געהאַט צוליעב דער געזעצליכער בעשריינקונג פֿון די אַרבייטס־שטונדען, דורך אַ סיסטעמאַטישע אויסבייטונג פֿון די מענשליכע מוסקלען און נערווען, וועט פֿערוואַנדלען יעדע פֿערבעסערונג אין אַ ריין מעכאַנישעס פּראָיעקט און מאַכען דערפֿון אַ נייען מיטעל פֿון אויסבייטינג; און דיזער צושטאַנד מוז ווייטער פֿיהרען צו דער אונפֿערמיידליכער נויטווענדיגקייט צו פֿערקלענערן די צאָהל פֿון די אַרבייטס־שטונדען."

פֿון איין זייט זעהען מיר אַלזאָ ווי די מאַשינעריע פֿערנעהמט דעם פּלאַץ פֿון דעם אַרבייטער, און פֿון דער צווייטער זייט זעהען מיר, ווי די, וואָס פֿערבלייבען שוין יאָ אין דער פֿאַבריק, זיינען מעהר אויסגעזעצט צו אַלע סאָרטען קראַנקהייטען. פֿון דער גאַנצער בעריהמטער רעפֿאָרמע האָט זיך אַלזאָ אויסגעלאָזט אַ גאָרנישט, און שוין ניט רעדענדיג, וואָס זי האָט אין מאַנכע בעציהונגען פֿערערגערט דעם יעצטיגען צושטאַנד, קומען מיר צולעצט ווייטער אָן אויף דעמזעלבען פונקט, וואו מיר זיינען געשטאַנען בעפֿאָר. דאַרף מען נאָך אַ בעסערע ערקלעהרונג?

*
* *

אָבער די פֿערטהיידיגער פֿון דעם געזעצליכען אַכט־שטונדען טאָג וועלען אונז באַלד איבערשלאָגען די רייד און ענטפֿערן: „איהר זייט גערעכט, אָבער איהר פֿערגעסט, אַז דער טעכנישער פּראָגרעס וועט אָנגעהן ווייטער, צי מיר זאָלען אַרבייטען צוועלף, צי אַכט־שטונדען אַ טאָג. אַ פֿערקלענערונג פֿון דער אַרבייטס־צייט וועט דאָך אַם וויינגסטענס אַרויסרופֿען אַ מאָמענטאַנע פֿערלייכטערונג, און צו שטעהען אַכט שטונדען אין דער פֿאַבריק אָנשטאָט צוועלף איז דאָך זיכער אַ מאָראַלישער פּראָגרעס, מיט וועלכען מיר דאַרפֿען זיין צופֿרידען און אבוואַרטען פֿאַר ווייטערע פֿערבעסערונג." — דיזער אַרגומענט בעווייזט נאָר, אַז די אָנהייגער פֿון דער אויבען דערמאָהנטער רעפֿאָרמע האָבען זעהר אַ גוטען טעמפּעראַמענט און האַלט ניט שווער זיי צופֿרידען צו שטעלען. אָבער מיר אַנאַרכיסטען זיינען לײדער ניט אַזוי גוטהאַרציג, און דערפֿאַר זיינען מיר געקומען צום שלוס, אַז עס איז מעהר ניט ווי אַן אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבייט אויסצובריינגען די

קאָסטבאַרע צייט פֿאַר אַ רעפֿאָרמע, וועלכע רעפֿאָרמירט קיין זאַך ניט. וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט עס צו פּראָפּאַגאַנדירען אַ געוויסע זאַך, וועלכע איז נאָר גוט, אַזוי לאַנג ווי מען פֿערווירקליכט איהר ניט; אָבער אין דעם מאָמענט ווען זי בעקומט אַ פּראַקטישע בעדייטונג, ווירקט זי פונקט פֿערקעהרט, ווי זי האָט געזאָלט ווירקען? זיכער, דער פּראָגרעס פֿון דער טעכניקע ווערט זיך ניט אָבשטעלען, אָבער מאָמענטאַן ווערט ער פֿערהינדערט דורך די אַלטע געשעפֿטס-מעטהאָדען, צו וועלכע מען האָט זיך צוגעוואוינט, און דאָס פֿערהינדערט די שנעלקייט פֿון זיין ענטוויקלונג.

יעדער ווייסט וויפֿיעל צייט און אָנשטריינגונג עס קאָסט, איידער מען נעהמט אָן אַ נייע ערפֿינדונג. די עקספּלאָאַטאַטאָרס שטעהען שטענדיג פֿאַר דער פֿראַגע: אָדער צו פֿערלירען זייערע פּראָפֿיטען, אָדער איבערצובייטען די אַלטע מעטהאָדע פֿון דער אויסבייטונג. דאָס רעזולטאַט דערפֿון איז אַ פֿערשנעלערונג פֿון דער ענטוויקלונג, אַ שריט נעהנטער צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן וועלכע מיר ערוואַרטען. און ווייל דיזע רעוואָלוציאָן איז אונפֿערמיידליך, דערפֿאַר ווילען מיר ניט, זי זאָל אונז איבערראַשען, מיר ווילען זיך פֿאָרבערייטען אויף דעם גינסטיגען מאָמענט, כדי אונזערע אידעען זאָלען געפֿינען וואָס מעהר מעגליכקייטען זיך צו פֿערווירקליכען אין דער צייט, ווען די רעוואָלוציאָן וועט אויסברעכען. אָט דערפֿאַר פריידיגען מיר דעם אַרבייטער, אַז ער האָט קיין זאַך ניט צו ערוואַרטען, אַז דיזע אַלע רעפֿאָרמען קענען און וועלען ניט פֿערבעסערן זיינע יעצטיגע בעדינגונגען, און אַז עס גיט נאָר איין מיטעל איבערצובייטען דעם געזעלשאַפֿטליכען אָרגאַניזמוס, נעמליך צו צושטעהרען די אינסטיטוציאָנען, אויף וועלכע ער שטיצט זיך.

* * *

דער מעכאַניזם פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, וועלכער דריקט און שטיקט אונז, איז זעהר גוט צונויפֿגעשטעלט, און דערפֿאַר איז ניט גענוג צו פֿערבעסערן אייניגע רעדלאַך און שרייפֿלאַך, אום צו פֿערבעסערן זיינע בעוועגונגען און צו ענדערן זיינע ווירקונגען. זעהען מיר דען ניט, אַז יעדער פֿאָרטשריט,

יעדע נייע ערפינדונג און ענטוויקלונג פון דער מאשינעריע ריכ־טען זיך באלד געגען די ארבייטער, דערפאר וואס זיי גיבען די מאנאפאליסטען פון דעם סאציאלען רייכטהום די מעגליכקייט פאר נייע מעטהאדען פון אויסבייטונג? אויב איהר ווילט א פראגרעס צו גונסטען אלעמען, אויב איהר ווילט, אז די ארביי־טער זאלען געהען פארווערטס אויף דעם וועג פון זייער בע־פרייאונג, דאן דארפט איהר זיך נעהמען צו דער אורזאכע פון די אלע רעוולטאטען, וועלכע איהר ווילט בעקעמפפען.

דער ארבייטער איז עלענד, דערפאר וואס ער איז געצוואונגען צו פראדוצירען פאר א הייפעל פאראזיטען, וועלכע זיינען גענוג כיטרע צו נעהמען דעם בעסטען טהייל פון די פראדוקטע פאר זייער פראפיט. אויב איהר מיינט עס ווירקליך ערנסט, דאן ברייגגט ניט אויס אייער צייט, פערזוכענדיג צו פעראייניגען פערשידענע אינטערעסען, וועלכע לאזען זיך קיינמאל ניט פעראייניגען; זוכט ניט צו פערבעסערן אזעלכע בעדינגונגען, פון וועלכע עס קען קיינמאל קיין גוטס ניט ארויסוואקסען, זוכט בעסער צו פערניכ־טען די עקזיסטענץ פון דעם פאראזיטיזם. אבער דיזע ארבייט קען ניט געטהאן ווערען פון מענשען, וועלכע זיינען אליין פא־ראזיטען; קיין געזעץ וועט אייך אויך ניט העלפען אין דיזער בעציהונג; דאס גאנצע סיסטעם פון דער מענשליכער אויסביי־טונג מוז פערניכטעט ווערען, דערפאר וואס עס איז אונמעגליך איהם צו מאדיפיצירען.

* * *

אויסער דיביידע רעפארמען פון וועלכע מיר האבען גערערט בעפאר, גיט עס נאך א דריטע רעפארמע, וועלכע געוויסע דיינקער בעטראכטען פאר א מיטעל צו רעפארמירען דעם יעצ־טיגען סאציאלען צושטאנד — נעמליך: איינצופיהרען א העכערע טאקסע אויף ירושות פון זייטיגע פערוואנדטע.

די פערווירקליכונג פון דיזער רעפארמע וואלט ארויסגערופען דיזעלבע ווירקונגען ווי די פראפארציאנעלע שטייער פאר דעם יעהרליכען איינקאמען, וועלכע מיר האבען שוין פריהער בע־האנדעלט. נאך מעהר, דיזע רעפארמע וואלט אייגענטליך נאר

געקענט געפֿינען אַן אָנווענדונג, ווען עס האַנדעלט זיך אום גרונד־אייגענטהום, און אפילו דאַן וואָלט זי אויך קיין שום נוצען ניט געבראַכט, ווייל די רייכע בורזשואַס וואָלטען אויסגעפֿונען הונדערטער מיטלען זיך אויסצולאַכען פֿון דעם געזעץ. אויב אַ מענש האָט ווירקליך די אַבזיכט צו בעשיינקען דעם אַנדערן מיט אַ פֿערמעגען, קען ער געפֿינען אַנדערע מיטלען אויסער ירושה. דער שטאַאַט וואָלט געמוזט איינפֿיהרען אַ גאַנצע אינקוויזיציאָן, כדי מען זאָל איהם ניט בעשווינדלען, און אַזאַ סיסטעם וואָלט זיכער אַרויסגערופֿען דעם ערגסטען ווידערשטאַנד פֿון די מענשען.

* * *

אָבער זאָלען מיר אפילו שוין צוגעבען, דאָס אַזאַ רעפֿאָרמע וואָלט יאָ געהאַט אַ געוויסען איינפֿלוס אויף די אינסטיטוציאָנען פֿון אייגענטהום, וואַס וואָלטען די אַרבייטער דורך דעם פּראָפֿיטירט? דאָס אייגענטהום וואָלט ווייטער אַמאָל איבערגעביטען דעם אייגענטהימער, אָבער די אַרבייטער וואָלטען עס ניט אַריינבעקומען אין זייערע הענד. דער שטאַאַט וואָלט געווען דער אייגענטהימער. די רעגירונג וואָלט זיך איבערגעביטען אין אַ קאָמפּאַניע פֿון עקספּלאָאַטאַטאָרס, און מיר האָבען שוין פֿריהער ערקלעהרט, ריידענדיג איבער דער „אויטאָריטעט“, אַז די אַרבייטער האָבען קיין זאַך ניט צו ערוואַרטען פֿון אַן אויטאָריטערער אָרגאַניזאַציאָן.

אַזוי לאַנג ווי געלד וועט זיין דער פֿונדאַמענט פֿון דעם סאָציאַלען אָרגאַניזם, וועלען די, וועלכע האָבען עס, שטענדיג פֿערזוכען זיך דערמיט צו בענוצען פֿאַר זייערע אינטערעסען. צי דער שטאַאַט וועט אויסבייטען דאָס גרונד־אייגענטהום, וועלכער וועט אַריינפֿאַלען אין זיינע הענד, צי פּריוואַט־פּערזאָנען וועלען עס טהאָן, שטענדיג וועלען נאָר די פּראָפֿיטירען, וועלכע האַלטען דעם קאַפּיטאַל אין זייערע הענד. זאָלען מיר זאָגאַר אָננעהמען, אַז דער פּראָפֿיט וועט געהען פֿאַר אַ נייע קלאַסע, איין זאַך איז זיכער, אַז די אַלגעמיינהייט, דאָס פֿאָלק וואָלט ניט דערפֿון געהאַט דעם קלענסטען נוצען.

* * *

ווען מיר זאָלען אפילו שוין צוגעבען די מעגליכקייט, אַז אַזאַ רעפאָרמע קען אויסגעפיהרט ווערען, מוזען מיר אָבער אין דערזעלבער צייט אויך צוגעבען די מעגליכקייט פון אַן אַנדער היפּאָטעזע. די בורזשואַזיע, וועלכע האָט געשאַפען די דאָגמאַ איבער די היילינגקייט פון'ם אינדיווידועלען אייגענטהום, די בורזשואַזיע, וועלכע האָט אָנגעפילט איהרע אַלע געזעצביכער מיט דיזער דאָגמאַ און די נויטווענדיגע מיטלען פון זיין פערטהיידיגונג, וועט זי דען צולאָזען אַן אַטאַקע אויף די אָרגאַניזאַציאָן פון אייגענטהום, וועלכע זי האָט די גאַנצע צייט פערטהיידיגט מיט דער ביטערסטער ענערגיע?

וואו איז דער מענש, וועלכער קען אונז אויסרעכענען, וויפיעל צייט עס וועט נעהמען, איידער די בורזשואַזיע וועט געזעצליך ערלויבען צו אַטאַקירען איהרע רעכטע, און וויפיעל צייט עס וועט ווייטער נעהמען, נאָך דעם ווי די רעפאָרמע איז שוין פערווירקליכט געוואָרען, איידער מען וועט בעגרייפען, אַז עס איז ווייטער אַ רעפאָרמע, וועלכע רעפאָרמירט קיין זאַך ניט, און אַז מיר „אוטאָפּיסטען" זיינען אייגענטליך גערעכט געווען, ווען מיר האָבען ערקלעהרט באַלד אין אָנפאַנג, אַז עס מיינט אויסברייגנען צייט און אַרבייט פאַר גאָרנישט?

* * *

עס וואָלט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט צו רעדען פיעל וועגען די זאָגענאַנטע פּראָדוקטיווע געזעלשאַפטען און קאָנסום־פעראיינע; דערפאַר וואָס מיר האָבען שוין פריהער געצייגט, אַז אונזער ציעל איז די אַלגעמיינע בעפרייאונג, און עס גיט ניט קיין בעזונדערע אינדיווידועלע בעפרייאונג, אויסערהאַלב דער אַלגעמיינער עמאַנציפּאַציע. אָט דערפאַר האָבען דיזע אַלע קליינע מיטלען פאַר דער בעפרייאונג פון איינצעלנע פּערזאָנען קיין שום ווערטה ניט פאַר אונז. און אויסערדעם דאַרפען מיר ניט פערגעסען, דאָס אונטער דער הערשאַפט פון דעם גרויסען קאַפּיטאַל, אונטער דער שטענדיגער ענטוויקלונג פון דער מאַשינעריע זיינען דיזע אַלע קליינע קאָאָפּעראַטיווע פערזוכען פעראורטהיילט צום

טויט, נאָך איידער זיי האָבען געהאַט צייט צו ברייננגען די קלענ־
סטע רעזולטאַטען.

* * *

אַנדערע רעפּאָרמיסטען זוכען אויך בייצוטראָגען זייער חלק
צו דער אַלגעמיינער מענשליכער בעפרייאונג, מיט דעם וואָס זיי
זוכען וואָס גיכער צו ענטוויקלען דעם טהייל פון קענטניסע,
וועלכען זיי אַליין האָבען זיך אויסגעקליבען פאַר אַ ספּעציאַליטעט.
אָבער זיי שרעקען זיך באַלד אָב פאַר דעם קאַמפּף, און ניט
זעהענדיג קיין אויסוועג אויף אַ לייזונג פון דער פראַגע, מאַבען
זיי פון זייערע פיקסע אידעען רפואות פאַר אַלע איבלען, פון
וועלכע אונזער קראַנקע געזעלשאַפט ליידעט. און איהר קענט
געפינען אַסך ערנסטע פערזאָנען צווישען דיזע פאַנאַטיקער. און
מאַנכער גוטער געדאַנק, וועלכער וואָלט אונטער אַנדערע אומ־
שטענדען געקענט ברייננגען גרויסאַרטיגע רעזולטאַטען, געפינט
זיך צווישען דיזע אידעען. אָבער אין אַ געזעלשאַפט ווי די אונ־
זעריגע זיינען די רעזולטאַטען פונקט פערקעהרט.

צווישען דיזע סאָרט מענשען, וועלכע זיינען בעאיינפלוסט
פון אַ פיקסע אידעע איז הערר זש. וויל זיכער איינער פון די
אינטערעסאַנטסטע טיפּען מיט זיין סיסטעם פון כעמישער פרוכט־
באַרקייט.

* * *

מיר האָבען ניט די אַבזיכט צו געבען דאָ אַ פאָלשטענדיגע
ערקלעהרונג פון דיזען סיסטעם. עס איז גענוג איבערצוגעבען
די לעזער, אַז הערר וויל האָט געמאַכט אַן אַנאַליזאַציע פון די
פלאַנצונגען און האָט אויסגעפונען, דאָס אַלע זיינען צוזאַמענגע־
זעצט פון פערציהן עלעמענטען; דיזע עלעמענטען זיינען ביי
יעדער פלאַנצונג דיזעלבע, נאָר זייער קוואַנטיטעט איז פערשידען
ביי די איינצעלנע גאַטונגען. אין דערזעלבער צייט האָט הערר
וויל אויך אַנאַליזירט די לופט און די ערד און ענטדעקט, אַז זיי
ערהאַלטען צעהן עלעמענטען, אין וועלכע די פלאַנצונגען נייי־
טיגען זיך. פאָלגליך דאַרף מען זיי בלויז נאָך פערזאָרגען מיט
די פיער אַנדערע עלעמענטען, נעמליך קאַלך, פאָטאַסיום, פאָס־

פאר און שטיק־שטאף. נאך דיזער ענטדעקונג האט ער פאבריצירט א גאנצע סעריע פון כעמישע מיטלען, אום צו בעפרוכטען דאס שטיק לאנד, אויף וועלכען מען געהט קולטיווירען געוויסע פלאנצונגען.

אויסארבייטענדיג א גענויע סטאטיסטיק, האט דר. וויל אויפגעציינט, דאס אפילו מיט אונזערע יעצטיגע קענטניסע איז מעגליך מיט ווייניגער קראפט, ווי עס ערפאדערט די אויסמיסטונג פון דער ערד, ארויסצובעקומען פון דעמזעלבען שטיק לאנד פיער און פינף מאל אזוי פיעל פראדוקטען ווי היינט צו טאג; און אז מען קען האלטען דיזעלבע צאהל בהמות אויף א קלענערן שטיק ערד און פאלגליך וועלען דאדורך פאלען די פרייזעס פון פלייש. דיזע ענטדעקונג פיהרט איהם צולעצט צו דער בעהויפטונג, אז די גאנצע סאציאלע פראגע קען געלייזט ווערען דורך אן ענטוויקלונג און פערבעסערונג פון דער אגריקולטור.

„די לעבענס־מיטעל", זאגט ער, „וועלען ווערען ביליגער, און יעדער איינציגער וועט דערפון פראפיטירען. די גרונד־אייגענטהימער וועלען האבען אזעלכע גרענצענדע ערפאלגען מיט דער נייער מעטהאדע, אז זיי וועלען זיין אימשטאנד אראבצולאזען פון די פרייזעס; די ארבייטער, האבענדיג די מעגליכקייט צו קויפען ביליג, וועלען האבען די מעגליכקייט צו מאכען א בעסערן לעבען און זיך קענען אזוי פיעל אבשפארען פון זייער לוין, אז זיי וועלען בּיסלעכווייז אליין ווערען קאפיטאליסטען...", און אלעס וועט געהן ווי אם בעסטען אין אונזער שעהנער וועלט.

* * *

מיר אנערקענען די ערנסטקייט פון הערר וויל; אונזערע קענטניסע אין דער אויבען דערמאהנטער פראגע זיינען אפילו זעהר בעשריינקט, נאר זיין סיסטעם שיינט אונז צו זיין זעהר פערנינפטיג; מיר וועלען זיכער צוגעבען, אז די ארבייטער וואלטען געקענט פראפיטירען דורך די פראקטישע אנווענדונג פון דיזער מעטהאדע, נאר ליידער איז דאס אונמעגליך אונטער די בעדינגונגען פון דער היינטיגער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציאן, זיין סטאטיסטיק איז ווייטער א בעוויז פאר די ריכטיגקייט פון

אונזערע בעהויפּטונגען. די אנאַרכיסטען האָבען שטענדיג געזאָגט, אז מיט די יעצטיגע ערפאָלגען פון דער וויסענשאַפט איז מעגליך צו שאַפען מעהר פּראָדוקטען מיט וויניגער אָנשטריינגונגען, אַז מיר וועלען אַזוי גוט פערזאָרגט זיין מיט פּראָדוקטען, דאָס יעדער איינציגער וועט קענען פּאָלקאָמען בעפרידיגען זיינע אַלע בעדירפניסע, און מיר דאַרפען גאָר קיין מורא ניט האָבען, אַז די געזעלשאַפט וועט קומען צו קורץ; אָבוואָהל געוויסע פעסימיסטישע עלעמענטען, וועלכע ווילען יעדע זאַך אָבוועגען און אָבמעסטען, כדי צו שאַפען דאָס נייטיגע גלייכגעוויכט, זיינען מיט דער מיינונג, אַז מיר געהען צו וויט. זיי בעהויפטען אפילו, אַז פאַר זיך אַליין דאַרפען זיי קיין שום אויטאָריטעט, אָבער כדי צו אונטערדריקען די שלעכטע אינסטינקטען פון די איבעריגע מענשען, איז נויטווענדיג אַ בעשטימטע קאָנטראָלע, אַ רעגירונג, וועלכע זאָל רעגלען די פּראָדוקציאָן און די פערטהיילונג פון די פּראָדוקטען.

* * *

אין אַ קליינע בראָשורע, „די פּראָדוקטען פון דער ערד", האָט איינער פון אונזערע פריינדע אויפגעצייגט מיט אָפיציעלע סטאַטיסטישע טאַבעלען, דאָס אפילו יעצט, ווען די אַגריקולטור געפינט זיך נאָך אין איהרע קינדער־יאָהרען, איז די אַלגעמיינע פּראָדוקציאָן פיעל בעדייטענדער ווי די קאָנסומציאָן. הערר וויל צייגט אונז יעצט, אַז דורך די פערוועגדונג פון כעמישע מיטלען, קען די ערד פּראָדוצירען פיער ביז פינף מאָל אַזוי פיעל, ווי זי פּראָדוצירט יעצט, ניט דאַרפענדיג פערמעהרען די צאָהל פון די אַרבייטער. איז דאָס ניט אַ גרויסאַרטיגע בעשטעטיגונג פון אונזערע פריהערע בעהויפטונגען?

אָבער ער האָט אַ גרויסען טעות, ווען ער דיינקט, אַז זיין סיסטעם קען לייזען די סאָציאַלע פראַגע, דורך דעם וואָס די פּראָדוקטען וועלען זיך פערקויפען אַזוי ביליג, אַז די אַרבייטער וועלען זיין אימשטאַנד אויסצוגעבען וויניג און צו שפּאָרען אַ גרויסען טהייל פון זייער לוין. אויב הערר וויל וואָלט געהאַט געלעזען די שריפטען פון אונזערע בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען,

אַט צ. ב. ש. די פֿון מאַלינאַרי, דאַן וואָלט ער געוואוסט, אַז דער איבערפֿלוס פֿון געוויסע פּראָדוקטען אויף דעם מאַרק פֿער־אורזאַכט אַ פֿערקלענערונג פֿון זייער פּרייז, און ווי באַלד דער קאַפּיטאַליסט בעמערקט, אַז זיין קאַפּיטאַל בריינגט איהם ניט אַריין וואָס גרעסערע פּראָפֿיטען, וועט ער זיך אויסזוכען אַ „בע־סערע פֿערוועגדונג" פֿאַר זיין געלד, ער וועט אויסגעפֿינען אַנ־דערע אונטערנעהמונגען, וועלכע בריינגען אַריין גרעסערע פּראָ־פֿיטען, און די פֿאָלגע וועט זיין, אַז דערזעלבער צווייג פֿון פּראָדוקציאָן, וועלכער האָט פֿאַר אַ געוויסע צייט אַרויסגעגעבען צופֿיעל פּראָדוקטען, וועט באַלד צוריק פֿאַלען אויף דיזעלבע שטופֿע, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען בעפֿאָר.

ווען הערר וויל וואָלט זיך אַביסעל וויי‏ניגער אָבגעגעבען מיט זיינע געלעהרטע קאַלקולאַציאָנען און וואָלט זיך דערפֿאַר, ווי וויי‏ניג עס זאָל ניט זיין, בעשעפֿטיגט מיט דער פֿונקציאָן פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָלט ער באַלד בעמערקט, דאָס אָבוואָהל אונזער פּראָדוקציאָן איז שוין יעצט פֿיעל בעדייטענדער פֿון אונזער קאָנסומציאָן, גיט עס פֿון דעסטוועגען גענוג און גענוג מענשען, וועלכע שטאַרבען פּשוט פֿון הונגער; ער וואָלט אויך באַלד בעמערקט, אַז די בעסטע טהעאָרעטישע אויסרעכנונג ווירקט פונקט פֿערקעהרט אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, ווי באַלד מען פֿערזוכט איהר צו פּראַקטיצירען. די נאַטור מיט דער הילפֿע פֿון דער מענשליכער אינטעליגענץ און אַרבייט מאַכט אָהן אַ צוויי‏פֿעל אַ שטענדיגען פֿאָרטשריט אין דער פּראָדוקציאָן, אום צו פֿערזאָרגען די מענשליכע ראַסע מיט לעבענס־מיטעל מיט וואָס וויי‏ניגער אויסגאַבען; אָבער דער האַנדעל, דער בערזען־שווינדעל, דער אייגענטהימער, דער קאַפּיטאַליסט זיי וועלען אויך פּראָגרעסירען און פֿאָדערן זייער טהייל פֿון דער ענטוויקלונג; זיי וועלען פֿערקלענערן די פּראָדוקציאָן, כדי צו קענען פֿער־קויפֿען די פּראָדוקטען פֿאַר אַ העכערן פּרייז, און אויב עס איז נייטיג, וועלען זיי די פּראָדוקציאָן אין גאַנצען אָבשטעלען, אום

צו דערגרייכען נאָך העכערע פרייזען, און אום אויפצוהאַלטען זייערע פריווילעגיעס און זייער פאַראַזיטישע עקזיסטענץ.

* * *

נעהמט פאַר א ביישפּיעל קוילען; קוילען איז אַ פאַרטיגער פּראָדוקט. מען דאַרף זיי בלויז אויסגראָבען פון דער ערד. די גאַנצע ערד איז איבערפלייצט מיט פלעצער, וואו עס געפינען זיך קוילען, זייער קוואַנטיטעט איז כמעט אונבעגרענעצט. און טראָץ דעם איז דער פרייז זעהר אַ טהייערער; עס גיט זאָגאַר טויזענדער און טויזענדער פון מענשען, וועלכע האָבען ניט די מעגליכקייט זיך אָנצואוואַרעמען אין ווינטער. מיר זעהען אַלזאָ, אַז טראָץ דעם א בערפלוס פון קוילען, איז ניט יעדער אַרבייטער אימשטאַנד זיך צו פערזאָרגען דערמיט.

דאָס איז דערפאַר, ווייל די קוילען-גריבער זיינען מאָנאָפּאָליזירט געוואָרען פון מעכטיגע קאָמפּאַניס, וועלכע בעשייינקען די אויסגראָבונג פון קוילען, און וועלכע — כדי צו פערהינדערן יעדע קאָנקורענץ — האָבען רואינירט אָדער אָבגעקויפט די מינען פון די קלענערע אייגענטהימער און לאָזען זיי בעסער שטעהען ליידיג, איידער צו איבערפלייצען דעם מאַרק מיט קוילען, און דורך דעם צו פערקלענערן די פרייזעס און פאָלגליך אויך זייער איינקאָמען.

* * *

און דאָס וואָס מיר זעהען מיט די קוילען, איז אויך דער פאַל מיט דער ערד אין אַלגעמיין. זעהען מיר דען ניט יעדען טאָג, ווי דער קליינער גרונד-בעזיצער ווערט רואינירט און צוגעדריקט צו דער וואַנד פון געוויסענלאָזע אויסבייטער און וואָכערער, ווי זיין שטיקעל ערד ווערט עקספּראָפּריאירט פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטען? זעהען מיר דען ניט, ווי דאָס גרויסע גרונד-אייגענטהום ענטוויקעלט זיך פון טאָג צו טאָג מעכטיגער און שטאַרקער? און זעהען מיר דען ניט אויך ווי דורך די אָנווענדונג פון די גרויסע לאַנד-ווירטשאַפטליכע מאַשינען ענטוויקלען זיך אַגראַרישע קאָמפּאַניס, אַזעלכע מעכטיגע אַנאָנימע קאָמפּאַניס, אַקוראַט ווי די וועלכע עקזיסטירען אין דער אינ־

דוסטריעלער וועלט און הויפּטזעכליך אין דער קוילען-אינדוסטריע?

אויב מיר וואָלטען ווירקליך אימשטאַנד געווען צו צווינגען די ערד אַרויסצוגעבען פון זיך פיער אָדער פינף מאָל אַזוי פיעל ווי יעצט, דאַן וואָלטען די מאָנאָפּאָליסטען איינפאַך בעשריינקט די קולטיווירונג פון דער ערד, זיי וואָלטען דאָס איבעריגע לאַנד בעסער פערוועגדעט פאַר דער יאַגד אָדער פאַר לוסט-גערטנער צום פערגניגען פון די רייכע. אין פראַנקרייך זעהען מיר שוין יעצט דעם אָנפאַנג דערפון, און עס איז אַ בעקאַנטער פאַקט, אַז אין אירלאַנד און שאָטלאַנד, אויף די גיטער פון די ענגלישע לענד-לאָרדס האָט זיך די צאָהל פון דער בעפעלקערונג געוואַלטיג פערקלענערט, צו גונסטען די חיות; און דאָס זעלבע „אויסגעקליבענע" פובליקום, וועלכעס אַפּלאָדירט מיט בעגייסטערונג די פילאַנטראָפּישע פלענער פון הערר זש. וויל, דאָסזעלבע פובליקום פערברייננט זיין „פרייע צייט" מיט דער יאַגד אויף הירשען און פיקס, וועהרענד דער בויער, פון וועלכען מען האָט אַוועקגערויבט דאָס לאַנד, געהט אוים פון הונגער און עלענד.

אַך, אונזער געזעלשאַפט איז ליידער אַזוי אָרגאַניזירט, אַז דער בעזיצער איז אין דערזעלבער צייט דער הערר פון דער וועלט. דער אייסטויש פון די פּראָדוקטען איז נאָר מעגליך דורך דער הילפע פון'ם קאַפּיטאַל, דאָס געלד איז דער אייגענטליכער הערר פון אויסטויש. יעדע פערבעסערונג, יעדער פּראָגרעס אין דער אַרבייט, אין דער אינדוסטריע און דער וויסענשאַפט פערמעהרט נאָר דעם רייכטהום אין די הענד פון די קאַפּיטאַליסטען און פערוואַנדעלט זיך באַלד אין אַ מיטעל פון דער ערגסטער אויסבייטונג. זיי פערגרעסערן דעם רייכטהום פון די רייכע און אין דערזעלבער צייט די אָרעמקייט פון די אָרעמע.

די פערפאָלקאָמענונג פון דער פּראָדוקציאָן שאַפט אימער מעהר אַרבייטסלאָזע און ענטוויקעלט אַ מורא'דיגע קאָנקורענץ צווישען די אַרבייטער גופא, וועלכע צווינגט זיי צו פערקויפען זייער אַרבייט וואָס ביליגער. דיינקענדיג, אַז איהר טהוט די אַרבייטער עפּעס גוטס, מאַכט איהר זייער לאַגע נאָך ערגער. די אָרגאַניזאַציאָן פון דער היינטיגער געזעלשאַפט צושטערט

אייערע שעהנסטע חלומות און צווינגט אייך צו אַרבייטען פֿאַר דער מענשליכער אויסבייטונג, איהר דיינקט דעם אַרבייטער אַביסעל צו פֿערלייכטערן און איהר מאַכט זיין יאָך נאָך שווערער ווי עס איז יעצט.

* * *

געוויס, הערר וויל, איהר האָט אונז דאָ פֿאָרגעשטעלט אַ שעהנעם חלום: צו אַרבייטען און צו פֿערמעהרען די פּראָדוקטען, כדי יעדער איינציגער זאָל האָבען גענוג צו עסען; די אַרבייטער וועלען האָבען די מעגליכקייט אַוועקצולייגען אַ פּאָר גראָשען, כדי זיי זאָלען זיין פֿערזיכערט פֿאַר דעם קומענדען טאָג. דאָס איז אפילו ניט דער גאַנצער אידעאַל פֿון דער מענשהייט, אָבער מען קען אין אַלגעמיין ניט ערוואַרטען מעהרער פֿון אַ מאַן, וואָס פֿיהלט ניט פערזענליך די פֿיזישע ליידען און די מאָראַלישע איבלען, וועלכע דערשטיקען די אָרעמע און עלענדע אין דער געזעלשאַפֿט. זאָגאַר דיזער אידעאַל איז אויך שוין אַ גרויסע זאַך, נאָר ליידער איז עס ניט מעהר ווי אַ פוסטער חלום, און ביז וואַנען מען וועט ניט צושטעהרען דאָס סיסטעם פֿון אויסבייטונג וועלען אייערע אַלע פֿערשפּרעכונגען ניט האָבען די קלענסטע בעדייטונג. דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך פֿיעלע מיטלען צו זיין פֿערזיכערונג; און ווען מיר זאָלען אפילו שוין צוגעבען, אַז דורך די פֿערמעהרונג פֿון די לעבענס-מיטעל וועלען פֿאַלען די פּרייזען און דער אַרבייטער וועט ווירקליך זיין אימשטאַנד אָבצושפּאָרען אַ געוויסע סומע, דאַן האָבען מיר זיך אָבער צו רעכענען מיט אַ פֿאַקטאָר, וועלכען איהר האָט אַליין דערמאָהנט, נעמליך: די פֿערמעהרונג פֿון דער בעפֿעלקערונג.

געגענווערטיג איז דער אינדוסטריעלער מאַרק אָנגעפֿילט מיט פּראָדוקטען, און די ענטוויקלונג פֿון דער מאַשינעריע שאַפֿט יעדען טאָג נייע אַרבייטסלאָזע. כדי צו מאַכען אַ לעבען זיינען דיזע אונגליקליכע געצוואונגען צו קאָנקורירען איינע מיט די אַנדערע און צו אַרבייטען פֿאַר די ביליגסטע פּרייזעס. דער פּראָ-גרעס שטעלט זיך אָבער ניט אָב, ער געהט אָן ווייטער און ווייטער, שוין היינט קען איין מענש פּראָדוצירען פֿאַר צעהן, און

ווען די בעפֿעלקערונג וועט זיך פֿערדאָפּלען וועט די פּראָדוקציאָן זיין צוואַנציג מאָל גרעסער ווי יעצט, דער פּראָפֿיט פֿון דיזען פּראָגרעס וועט אַריינגעהן אין די קעשענעס פֿון די אויסבייטער, וועלכע וועלען זיך זיכער בענוצען מיט דער געלעגענהייט און בעצאָהלען זייערע לוין־שקלאַפֿען וואָס קלענערע פּרייזען.

איהר גיט אַליין צו, אַז די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבייטער זיינען ביז צו אַ געוויסען גראַד בערעכטיגט, אַזוי לאַנג ווי זיי מאַני־פֿעסטירען זיך ניט דורך געוואַלט־אַקטען; אָבער האָט איהר, ווען עס איז נאָכגעדיינקט, אַז די אַרבייטער קעמפּפֿען שוין זייט טויזענד יאָהר, און אַז דיזע פּרוכטלאָזע פֿאָדערונגען זיינען שטענדיג געבאָרען געוואָרען מיט די היסטאָרישע אומשטענדען פֿון דער געזעלשאַפֿט? ווען דיזע פֿאָדערונגען האָבען יעצט אַנגענומען אַ געוואַלטזאַמען כאַראַקטער, איז עס דערפֿאַר, ווייל מען האָט קיינמאָל ניט פֿערזוכט צו ערפֿילען דיזע פֿאָדערונגען. ווי אַזוי קענט איהר גאָר פֿערלאַנגען, אַז די אַרבייטער זאָלען זיך נאָך בעדאַנקען ביי זייערע הערן און זיך וואַרפֿען פֿאַר זיי אויף די קניע, וויסענדיג, אַז זיי וועלען קיין זאַך ניט אַרויסבעקומען פֿון זיי אויף אַזאַ אופֿן? אונזערע הערן, דיינקענדיג אַז זיי רעדען צו שקלאַפֿען, וואָלטען זיי העכסט וואַהרשיינליך געענטפֿערט: „פֿאָרמולירט אייערע פֿאָדערונגען אַזוי ווי העפֿליכע מענשען און מיר וועלען זעהען וואָס מיר קענען טהאָן פֿאַר אייך". אָבער די, וועלכע זעהען אין דער בעפֿרייאונג פֿון די אַרבייטער ניט מעהר ווי אַן אַקט פֿון גערעכטיגקייט און קיין טובה פֿון די רייכע, זיי וועלען איינפֿאַך זאָגען: „מיר פֿאָדערן דאָס און דאָס." דעסטאָ ערגער פֿאַר די, וועלכע פֿיהלען זיך בעליידיגט דורך אַזאַ שפּראַכע.

* * *

אין דעם היינטיגען סיסטעם, אונטער וועלכען מען דריקט און שטיקט אונז, פּאַסט זיך יעדעם גליעד אַריין צו די אַנדערע גליעדער. צו האָבען גוטע אַבזיכטען איז ניט גענוג, אום צו דערגרייכען דעם געווינשטען רעזולטאַט; קיין שום פֿערבעסערונג איז ניט מעגליך, אַזוי לאַנג ווי מען וועט ניט צושטערען דאָס

גאַנצע סיסטעם, וועלכעס איז אויסשליסליך געשאַפֿען געוואָרען פֿאַר דער אויסבייטונג און אונטערדריקונג. מיר ווילען ניט מאָ־דיפֿיצירען די אויסבייטונג און שקלאַפֿעריי, נאָר מיר ווילען זיי אָבשאַפֿען אין גאַנצען. אָט צו דעם שלום מוזען אַלע קומען, וועלכע זיינען אימשטאַנד זיך צו בעפֿרייען פֿון די קליינליכע פֿאָראורטהיילען, וועלכע די אומשטענדען אין וועלכע זיי לעבען, האָבען ענטוויקעלט אין זיי. יעדער איינער, וועלכער בעגרייפֿט די גאַנצע טיעפֿקייט פֿון דער פֿראַגע, וועט אויך פֿערשטעהן, אַז רעוואָלוציאָנען זיינען ניט דער רעזולטאַט פֿון די מענשען אַליין, נאָר אויך פֿון די אינסטיטוציאָנען, וועלעכע שטעלען אָב דעם פּראָגרעס, פֿאָלגליך זיינען זיי נויטווענדיג און אונפֿער־מיידליך.

אַלע די, וועלכע מיינען עס ווירקליך ערנסט מיט דער צו־קונפֿט פֿון דער מענשהייט, דאַרפֿען איין פֿאַר אַלע מאָל פֿער־שטעהן, דאָס אום צו רעאַליזירען זייערע בעזונדערע אידעען, דאַרפֿען זיי ניט פֿערזוכען צו בעקעמפֿפֿען די רעוואָלוציאָן; נאָר די רעוואָלוציאָן איז אימשטאַנד צו פֿערהינדערן, אַז די פּאַראַ־זיטען זאָלען ניט אָבשטעלען דעם פּראָגרעס און פּראָפֿיטירען פֿון אַלע רעזולטאַטען פֿון דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג.

* * *

רעפֿאָרמען! רעפֿאָרמען! ווען וועלען די מענשען ענדליך בעגרייפֿען, אַז זיי ברייגגען אוים זייערע בעסטע קרעפֿטען פֿאַר זאָגענאַנטע רעפֿאָרמען, וועלכע וועלען קיינמאָל ניט רעאַליזירט ווערען? דאָס פֿאָלק איז מיעד צו קעמפֿפֿען פֿאַר אוטאָפּיסטישע פֿאָרשטעלונגען, וועלכע האָבען דיזעלבע בעדייטונג ווי דער גלויבען אין אַן אינדיווידועלע בעפֿרייאונג אינערהאַלב דער היינ־טיגער געזעלשאַפֿט. יעדע רעפֿאָרמע, וועלכע איז ביז יעצט אויסגעפֿיהרט געוואָרען, האָט נאָר בעוויזען איין זאַך, נעמליך, אַז זי האָט קיין ווירקונג ניט אויף דעם יעצטיגען צושטאַנד.

מען מאַכט די אַנאַרכיסטען אָפֿטמאָל דעם פֿאָרוואורף, אַז זיי זיינען אַ הינדערניס פֿאַר דער פֿרידליכער בעפֿרייאונג פֿון די אַרבייטער, דערפֿאַר וואָס זיי זיינען געגנער פֿון אַלע רעפֿאָרמען.

אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי אַ דאָפּעלטער אירטהום. די אַנאַרכיסטען זיינען ניט קיין געגנער פֿון רעפֿאָרמען, דערפֿאַר וואָס זיי בעקעמפֿפֿען אַ רעפֿאָרמע אַן און פֿאַר זיך, נאָר זיי זיינען די ביטערסטע געגנער פֿון די אַלע ליגענס, מיט וועלכע מען זוכט צו פֿערבלענדען די אויגען פֿון די אַרבייטער, וויסענדיג אַז עס זיינען ניט מעהר ווי פּראָסטע שווינדלערייען.

*
*

זאָלען די וועלכע גלויבען אין רעפֿאָרמען, אַרבייטען פֿאַר זייער פֿערווירקליכונג; מיר זעהען אין דעם קיין שלעכטס ניט. פֿערקעהרט, וואָס מעהר די בורזשואַזיע וועט פֿערזוכען אויסצופֿיהרען אַזעלכע רעפֿאָרמען, אַלס מעהר וועלען די אַרבייטער בעגרייפֿען, אַז עס איז קיין זאַך ניט רעפֿאָרמירט געוואָרען און אַלעס איז געבליבען ווי בעפֿאָר. אָבער מיר פּראָטעסטירען מיט אונזער גאַנצער ענערגיע געגען די בעהויפּטונג פֿון אַזעלכע מענשען, וועלכע ערקלעהרען דיזע רעפֿאָרמען אַלס רפֿואות פֿאַר אַלצדינג און וועלכע ווענדען זיך צו די אַרבייטער מיט די ווערטער: „פֿערהאַלט זיך רוהיג און אָרענטליך און מיר וועלען זעהען, וואָס מיר קענען טהאָן פֿאַר אייך!"

אָט דערפֿאַר ווייל מיר פֿערשטעהען, אַז דיזע אַלע רעפֿאָרמען קענען קיין זאַך ניט העלפֿען, ערקלעהרען מיר די אַרבייטער: אַרבייטער לאָזט זיך ניט אָבנאַרען! ווען אייערע עקספּלואַטאַטאָרס זיינען געגען דיזע רעפֿאָרמען, איז עס דערפֿאַר, ווייל זיי ווילען אייך איינרעדען, אַז דורך די פֿערווירקליכונג פֿון אַזעלכע „פֿערבעסערונגען" האָט איהר ווירקליך עפּעס אויסגעפֿיהרט וויסענדיג אין דערזעלבער צייט, אַז איהר וואָלט אייגענטליך געהאַט אַ רעכט צו פֿאָדערן פֿיעל מעהר פֿון זיי. איהר האָט זיכער אַ רעכט אויסצופּרובירען די מיטלען, וועלכע מען שלאָגט אייך פֿאָר, נאָר זייט וויסען, אַז דיזע מיטלען וועלען אייך קיינמאָל ניט בעפֿרייען. לאָזט אייך ניט פֿערפֿיהרען פֿון קליינגייסטיגע אידעען און אַמביציעזע שטרעבונגען. זאָנדערן אָרגאַניזירט אייך בעסער מיט דער אַבזיכט צוצונעהמען אַלעס, וואָס עס בעלאַנגט צו אייך. זאָלען זיך די צוריקגעבליבענע עלעמענטען בעשעפֿטיגען מיט

אַזעלכע שפּילערייען; די רעוואָלוציאָן, וועלכע ענטוויקעלט זיך אַליין פֿון די איבלען פֿון אונזער געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציאָן, די רעוואָלוציאָן קומט נעהנטער און נעהנטער, איהרע קרעפֿטען ווערען אַלץ מעכטיגער און בעוואוסטער, און צו איהר ווילט אָדער ניט, די אומשטענדען אַליין וועלען אייך צווינגען צו נעהמען די וואַפֿען אין האַנד און אויסצוקעמפֿען אייער רעכט צום לעבען. און ווען איהר האָט שוין די וואַפֿען אין אייערע הענד, דאַן בענוגענט זיך ניט מיט אַ פּאָר רעפֿאָרמען, וועלכע בעריהרען פֿאַר קיין פֿאַל ניט די אורזאַכע פֿון די סאָציאַלע איבלען. עס איז צו אייער אייגענעם נוצען ניט צו פֿערברייגען די צייט מיט גאָרנישט, זאָנדערן בעסער צונויפֿצוקלייבען אַלע קרעפֿטען און צו פֿערניכטען די אַלטע פֿערפֿוילטע פֿונדאַמענטען פֿון דער זאָגענאַנטער געזעלשאַפֿט. ברייגגט ניט אויס אייער צייט צו פֿערריכטען די אויסגעבראָכענע שויבען אָדער צו פֿערשטאָפּען די לעכער; אַזוי ווי מען הייסט אייך טהאָן, ניין, מאַכט אַ גאַנצע שטיק אַרבייט, צושטעהרט דעם אַלטען סיסטעם און שאַפֿט אַ בעסערע און גערעכטערע געזעלשאַפֿט!

און נאכדעם?

„און וואָס וועט דאַן זיין?" אַזוי פֿרעגען פֿיעלע אָפּאָנענטען, נאָך דעם ווי מיר האָבען זיי ערקלעהרט די שלעכטע ווירקונגען פֿון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע בעהערשט אונז, און אויפֿגעצייגט, אַז אונטער די יעצטיגע אומשטענדען איז ניט מעג־ליך קיין ווירקליכע רעפֿאָרמע; אַז אונטער דעם אונפֿערמיידליכען איינפֿלוס פֿון די יעצטיגע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען פֿער־וואַנדלען זיך די בעסטע פּלענער און נייע מיטלען, אום צו פֿערגרעסערן דאס עלענד פֿון די פּראָלעטאַריער; אַז די, וועלכע האָבען אפילו די אַבזיכט צו העלפֿען די אַרבייטער, האָבען קיין אַנדער מיטעל ניט, ווי צו אַטאַקירען די געזעלשאַפֿטליכע אינ־סטיטוציאָנען; און וויל די רעגירונג וועט דאָס, פֿערשטעהט זיך, ניט ערלויבען, וואָלטען זיי געדאַרפֿט אַרויסרופֿען אַ רעוואָלוציאָן, כדי צו קענען אויספֿיהרען זייערע רעפֿאָרמען.

אָט דיזע רעוואָלוציאָן איז עס, פֿאַר וועלכע די מייסטע מענשען האָבען מורא; די אַלגעמיינע אומוועלצונג פֿון אַלע געזעלשאַפֿטליכע איינריכטונגען, דער „כאַאָס" שרעקט זיי אָב פֿאַר דעם מיטעל, אפילו ווען זיי האָבען שוין בעגריפֿען די אורזאַכען פֿון דעם איבעל.

„אפשר זייט איהר טאַקע גערעכט", זאָגען זיי; „ס'איז אמת, אַז די געזעלשאַפֿט איז שלעכט אָרגאַניזירט, אַן איבערבייט מוז שטאַטפֿינדען. די רעוואָלוציאָן? אפשר וועט זי קומען, איך וויים ניט; אָבער וואָס וועט זיין נאָכדעם?"

אונזער ענטפֿער איז: נאָכדעם וועט זיין פֿאָלקאָמענע פֿריי־היית פֿאַר יעדען איינציגען, און אַלע וועלען האָבען די מעגליכ־קייט צו בעפֿרידיגען זייערע פֿיזישע, מאָראַלישע און גייסטיגע בעדירפֿניסע. ווען עס וועט מעהר ניט עקזיסטירען קיין אויטאָ־

רימעם און קיין פריוואַט־אייגענטהום, דאַן וועט די געזעלשאַפֿט זיך מעהר ניט גרינדען אויף דעם אַנטאַגאָניזם פֿון פֿערשידענע אינטערעסען, זאָנדערן אויף די פֿאָלקאָמענע סאָלידאַריטעט פֿון איהרע אַלע מיטגלידער; די מענשען וועלען זיין פֿערזיכערט מיט זייער עקזיסטענץ און מעהר ניט דאַרפֿען אָנקלייבען קיין פֿער־מעגען פֿאַר דער צוקונפֿט; אָט דערפֿאַר וועלען זיי זיך מעהר ניט בעטראַכטען אַלס פֿיינד איינער דעם אַנדערן, צוליעב אַ שטיקעל ברויט אָדער צוליעב אַ פּלאַץ אין דער פֿאַבריק פֿון אירגענד אַן אויסבייטער. די אורזאַכען פֿון דעם געגענזייטיגען קאַמפּף און אַנטיפּאַטהיע וועלען זיין פֿערשוואונדען, און איבע־ראַל וועט עקזיסטירען אַ געזעלשאַפֿטליכע האַרמאָניע.

זיכער, אַ געוויסע קאָנקורענץ צווישען די פֿערשידענע גרופּען וועט אויך דאַן עקזיסטירען, פֿערשידענע אַנזיכטען איבער די אידעאַלע ציעלען און שטרעבונגען, וועלכע וועלען זיך אימער ווייטער און פֿאָלקאָמענער ענטוויקלען, וואָס מעהר די מענשען וועלען זיין אימשטאַנד צו בעפֿרידיגען זייער גייסטיגען פֿערלאַנג; אָבער אַזעלכע דיפֿערענצען וועלען קיינמאָל ניט אָנגעהן פֿאַר אַ לענגערע צייט, דערפֿאַר ווייל קיינע קאָמערציעלע, שטאַאַטליכע אָדער אייגענטהומס־אינטערעסען וועלען דאַן ניט פֿערשפּאַרען דעם וועג פֿון אַ פֿערשטענדיגונג, און די יעניגע קאָנקורענטען, וועלכע זיינען געבליבען הינטערשטעליג, וועלען צו יעדער צייט קענען אָננעהמען דיזעלבע מעטהאָדען און אידעען פֿון זייערע פּראָגרעסיווע „אָפּאָנענטען".

* * *

דאָס וואָס עס רופֿט היינט אַרויס דאָס עלענד, איז די אָנ־זאַמלונג פֿון די פּראָדוקטען, וועלכע פֿילען אָן די מאַגאַזינען, און רופֿען צייטענווייז אַרויס אַ צושטאַנד פֿון הונגער און אַרבייטס־לאָזיגקייט וועלכער האַלט אָן ביז וואַנען די מאַגאַזינען זיינען ווייטער אויסגעליידיגט געוואָרען. אָט דאָס אַליין בעווייזט שוין דעם ניט נאָרמאַלען צושטאַנד פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט.

אין דער געזעלשאַפֿט, צו וועלכע מיר שטרעבען, איז אַזאַ צושטאַנד אַן אונמעגליכע זאַך. וואָס מעהר פּראָדוקטען די מענ־

שען וועלען קענען פערגניצען, אַלץ לייכטער וועט זיין די האַר־מאָניע צווישען זיי, דערפאַר וואָס זיי זיינען ניט געצוואונגען צוזאַמען יעדען איינעם די לעבענס־מיטעל, וועלכע מען ערלויבט איהם. וואָס מעהר עס וועט זיך ענטוויקלען די פּראָ־דוקציאָן, וואָס גרעסער עס וועט זיין דער אַלגעמיינער פּראָגרעס אין דער טעכניק, אַלץ גרינגער וועט זיין די צאָהל פון די אַרבייטס־שטונדען, אַלץ מעהר וועט זיך די אַרבייט פערוואַנדלען אין אַ נויטווענדיגע גימנאַסטיק, אום צו ענטוויקלען די מוסקלען.

אין אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפט וועט די אַרבייט פערלירען דעם כאַראַקטער פון פערזענליכע ליידען, וועלכען זי טראָגט היינט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די אַרבייט וועט דאַן מעהר ניט זיין ווי אַ טהייל פון אַלע אַנדערע טהעטיגקייטען, מיט וועלכע די מענשען וועלען זיך בעשעפטיגען פאַר זייער אייגענעם פערגניגען, אָקוראַט ווי עס איז דער פאַל, ווען מען שטודירט אַ געוויסע זאַך; זי וועט זיין אַ נויטווענדיגקייט, אום אויסצודריקען די פיזישע ענערגיע און דעם פערזענליכען טעמ־פעראַמענט, ווייל די מענשען וואָלטען זיך זאָנסט פערוואַנדעלט אין געוועהנליכע פערדויאונגס־מאַשינען, אַזוי ווי אַ געוויסער סאָרט מוראַשקעס, וועלכע זיינען מעהר ניט אימשטאַנד זיך אַליין צו ערנעהרען, און וועלכע מוזען שטאַרבען פון הונגער, ווען זיי האָבען ניט קיין שקלאַפען, וואָס גיבען זיי צו עסען.

* * *

„געוויס", זאָגען אונזערע אָפּאָנענטען, „דאָס וואָס איהר פאָדערט איז זעהר גוט, עס איז זיכער דאָס העכסטע אידעאַל, וואָס די מענשהייט קען ווען פערווירקליכען, אָבער נאָך אַלעם זייט איהר דאָך ניט אימשטאַנד צו בעווייזען, דאָס אַלצדינג וועט אָבגעהן אַזוי גלאַט, ווי איהר שטעלט זיך פאָר, אַז די שטאַרקע וועלען ניט צווינגען די שוואַכע צו אַנערקענען זייער ווילען, און אַז עס וועלען זיך גאָר ניט געפינען קיין פוילענצער, וועלכע וועלען פערזוכען צו לעבען אויף דעם רעכנונג פון די, וואָס אַרבייטען."

„אויב עס גיט ניט קיין שום געזעץ צו רעגולירען די מאַ־

סען, ווי אַזוי קענט איהר בעווייזען, אַז די קומענדע רעיואָלוציאָן וועט אונז ניט פיהרען צוריק, אַנשטאָט פאָרווערטס?"

„און אויב מען וועט אייך בעזיעגען, וועט דאַן די בעוועגונג ניט אָבגעשטעלט ווערען פאַר צוואַנציג, דרייסיג אָדער פופציג יאָהר, אין אפשר נאָך לענגער? און אויב איהר וועט זיין די זיעגער, ווי אזוי וועט איהר קענען פערהינדערן, אַז מענשען זאָלען ניט נעהמען ראַכע פאַר ריין פערזענליכע אינטערעסען? און ווער קען וויסען, צי איהר אַליין וועט ניט אונטערגעהן צוויי־שען די מאַסען? פון וואָס פאַר אַ זייט מיר זאָלען ניט בעטראַכטען די פראַגע, ווען מיר זיך שטענדיג מוזען רעכענען מיט די זעלבע קאָנסעקווענצען, מיט דער פרייער מאַניפעסטאַציאָן פון בעסטיאַלע ליידענשאַפטען, געוואַלט, ווילדקייט און די אַלע שויי־דערליכקייטען, וועלכע קענען די מענשען אַמאָל שליידערן צוריק אין די ערשטע פעריאָ־ען פון זייער טהירישער ענטוויקלונג."

אונזער ענטפער איז פאָלגענדער: דער עקאָנאָמישער קריי־זיס אין דער היינטיגער געזעלשאַפט בעקומט פון יאָהר צו יאָהר אַ מעהר נעפעהרליכען כאַראַקטער; די אַרבייטסלאָזיגקייט ענט־וויקעלט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; די מעגליכקייט צו מאַכען אַ לעבען ווערט וואָס אַ טאָג שווערער, און די פאָליטישע פערפלאָנטערונג צייגט זיך אַרויס אַלץ קלאָהרער און דייטליכער און ענטוויקעלט זיך פאַראַלעל מיט דער וואַהנזיניגער פערבלענ־דונג פון די, וועלכע האַלטען די „לייצעס פון דער רעגירונג" אין זייערע הענד. אָט דערפאַר קומען מיר צו וואָס ווייטער אַלץ נעהנטער צו דער רעוואָלוציאָן, די אומשטענדען אַליין וועלען איהר אַרויסרופען און קיינער וועט איהר ניט קענען פערהינדערן; דערפאַר איז נייטיג, מיר זאָלען זיך צוגרייטען בייצייטענס, כדי מיר זאָלען וויסען, וואָס מיר האָבען צו טהאָן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן, און אום צו האָבען די מעגליכקייט צו פער־ווירקליכען דורך איהר אונזערע פרינציפען און שטרעבונגען.

אָבער די מורא פאַר דאָס אונבעקאַנטע איז אַזוי שטאַרק, אַז ווען אונזערע אָפאָנענטען אָנערקענען זאָגאַר שוין די לאָגיק פון אונזערע אַרגומענטען און גיבען צו די וואַהרהייט פון אונ־

זערע בעהויפּטונגען, הויבען זיי וויטער אָן צו פֿרעגען: „אמת, דאָס אַלעס איז ריכטיג, נאָר פֿין דעסטוועגען, וואָלט ניט געווען בעסער צו האַנדלען קליגער? אפשר וואָלט עס דאָך מעג־ ליך געווען ביסלעכווייז צו געהען פֿאָרווערטס, לאָמיר בעסער אויסמיידען יעדע ברוטאַלע האַנדלונג. פֿילייכט וועט עס אונז דאָך געלינגען אַרויסצובעקומען געוויסע רעפֿאָרמען פֿון דער בורזשואַזיע!"

* * *

אויב מיר וואָלטען נאָר געהאַט צו האַנדלען מיט מענשען, וועלכע זיינען ניט ערנסט און וועלכע אָפּאָנירען גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווייל עס מאַכט זיי פֿערגניגען, דאַן וואָלט זיכער געווען דאָס בעסטע פֿון אונזער זייט, צו ענדיגען די דיסקוסיאָן. אָבער ליידער האָבען מיר זיך אָפּטמאָל צו רעכענען מיט אַזעלכע מענשען, וועלכע האָבען די בעסטע אַבזיכטען, וועלכע אַ מענש קען נאָר האָבען, נאָר דער קרייז, וועלכער רינגעלט זיי אַרום, זייער ערציהונג, די געוואוינהייט צו אונטערוואַרפֿען זיך דער אויטאָריטעט, דאָס אַלעס ווירקט אויף זיי און בעאיינפֿלוסט זייער אורטהייל. זיי גלויבען, אַז די וועלט וועט אונטערגעהן, ווען געוויסע אינסטיטוציאָנען וועלען פֿערשווינדען, זיי קענען זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט פֿאָרשטעלען אַ געזעלשאַפֿט אָהן געזעצע, ריכטער און פּאָליציסטען, וואו די מענשען זאָלען קענען לעבען האַרמאַניש און ברידערליך, אָנשטאָט זיך איבערצושניידען די העלזער איינער דעם אַנדערן.

וואָס קען מען זיי ווירקליך ענטפֿערן?

זיי ווילען, מען זאָל זיי בעווייזען, אַז די געזעלשאַפֿט ענט־ וויקעלט זיך ווירקליך אַזוי ווי מיר שטעלען זיך פֿאָר!

מיר קענען אויפֿווייזען די לאָגיק פֿון די טהאַטזאַכען און ציהען אונזערע שליסע, מיר קענען פֿערגלייכען די פֿערשיעדענע ערשיינונגען און זיי אַנאַליזירען, אָבער צו געבען אַזעלכע בעווייזע, וועלכע מען קען דירעקט אָנטאַפּען מיט די הענד, דאָס איז, פֿערשטעהט זיך, אונמעגליך. דער פּראַקטישער פֿערזיך קען אַליין ענטשיידען אין דיזער בעציהונג, נאָר כדי צו קענען מאַכען דיזען

פֿערזוך, איז נויטווענדיג אָבצושאַפֿען די יעצטיגע געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן.

* * *

מיר קענען זיי בלויז נאָך געבען דעם פֿאָלגענדען ענטפֿער:

מיר האָבען אייך אויפֿגעוויזען אַז די היינטיגע געזעלשאַפֿט פֿעראורזאַכט דאָס עלענד, רופֿט אַרויס דעם הונגער און האַלט אויף די אינוויסענהייט פֿון אַ גאַנצער קלאַסע—די צאָהלרייכסטע, וועלכע עקזיסטירט איבערהויפּט—זי פֿערהינדערט די ענטוויקלונג פֿון אַ נייער גענעראַציאָן, דורך דעם וואָס זי וואָרצעלט איין אין די הערצער פֿון דער יוגענד אסך אַלטע פֿאָראורטהיילען און ליי־גענס, אום אויפֿצוהאַלטען איהר עקזיסטענץ.

מיר האָבען אייך ווייטער אויפֿגעוויזען אַז אונזער גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן האָט בלויז דעם צוועק צו פֿער־זיכערן די אויסבייטונג פֿון דער גרויסער מאַסע דורך אַ קליינע מינאָריטעט פֿון פּריווילעגירטע.

מיר האָבען אייך געצייגט, אַז די שלעכטע פֿונקציאָנען פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון איין זייט און די ענטוויקלונג פֿון די נייע שטרעבונגען צווישען די אַרבייטער פֿון דער צווייטער זייט, פֿיהרען אונז אונפֿערמיידליך צו דער רעוואָלוציאָן. וואָס נאָך זאָלען מיר אייך זאָגען?

אויב מיר דאַרפֿען שוין יאָ קעמפֿען, פֿאַר וואָס זאָלען מיר באָטש ניט פֿערזיכען צו רעאַליזירען דאָס, וואָס עס ווייזט זיך אונז אויס אַלס גוט און שעהן?

וועלען מיר זיין די זיעגער אָדער די בעזיעגטע? ווער קען דאָס וויסען? אויב מיר וועלען וואַרטען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מיר וועלען זיין אין יעדער בעציהונג פֿערזיכערט, אַז מיר וועלען זיעגען, דאַן וועלען מיר דאַרפֿען וואַרטען הונדערטער און הונ־דערטער יאָהרען פֿאַר אונזער בעפֿרייאונג. און איבערהויפּט קענען מיר ניט דיקטירען די אומשטענדען, זעהר אָפֿט טרעפֿט עס זאָ־גאַר, אַז די אומשטענדען מאַכען אַוועק מיט אונז; אַלעס וואָס מיר קענען אָבער יאָ טהאָן, איז צוצוגרייטען זיך, כדי דער שטורם זאָל אונז ניט איינשלינגען. ווען די רעוואָלוציאָן וועט זיך ערשט

אָנפֿאַנגען, וועלען די אַנאַרכיסטען דאַרפֿען קאָנצענטרירען זייערע אַלע קרעפֿטען, כדי מיטצושלעפּען די מאַסען מיט זיך.

* * *

אַז עס וועלען פֿאָרקומען אַקטען פֿון פּערזענליכער ראַכע אין דער קומענדער רעוואָלוציאָן, בלוט פֿערגיסונגען און געוויסע גרויזאַמקייטען, דאָס איז זעהר וואַהרשיינליך. אָבער וואָס קענען מיר טהאָן?

און ניט נאָר וואָס קיינער קען עס ניט פֿערהינדערן, נאָר קיינער דאַרף עס אויך ניט פֿערהינדערן. אויב די ענערגיע פֿון דער מאַסע וועט אַריבערשטייגען די ענערגיע פֿון די פּראָפּאַגאַנדיסטען, אַלץ בעסער וועט עס זיין. מעגען זיי דערשיסען אַלע, וועלכע וועלען פֿערזוכען צו שפּיעלען אַ געפֿיהלפֿאָלע קאָמעדיע. אויב זיי וועלען דאַרפֿען ליידען אונטער די געוואַלט־טהאַטען פֿון דער רעאַקציאָן, אום צו ראַטעווען איינינע אָפּפֿער, וועלען זיי זיך אויך קענען ערלויבען זיך אָבצורעכענען מיט די, וועלכע וועלען פֿערזוכען אָבצושטעלען די רעוואָלוציאָן, און וואָס וועלען זעהען צו פֿערהינדערן אַן אַטאַקע אויף די אינסטיטוציאָנען, וועלכע מוזען ווערען צושטעהרט אונטער אַלע בעדינגונגען.

אויב דער קאַמפּף וועט באַלד אין אָנפֿאַנג אָננעהמען אַ סענטימענטאַלען כאַראַקטער, וועט ער זיין אַ פֿערלאָרענער, נאָך איידער ער וועט זיך ריכטיג אָנפֿאַנגען, און דערפֿאַר דאַרפֿען מיר טהאָן אונזער בעסט, כדי די מאַסע זאָל איגנאָרירען אַלע פֿראַזען און פֿערניכטען אַלע הינדערניכע, וועלכע וועלען זיך איהר שטעלען אין וועג אַריין.

אַלעס וואָס מיר קענען טהאָן אין דיזער בעציהונג היינט צו טאָג, איז צו ערקלעהרען די אַרבייטער, אַז עס האָט אַ גאַנץ קליינע בעדייטונג צו פֿערניכטען איינצעלנע אינדיווידוען, זייער הויפּט־קאַמפּף דאַרף זיך ריכטען געגען די אינסטיטוציאָנען, און אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציאָן, דאַרפֿען מיר אָנווענדען אונזערע אַלע קרעפֿטען צו פֿערניכטען די היינטיגע געזעלשאַפֿט־ליכע איינריכטונגען און זעהען צו פֿערהינדערן, זיי זאָלען זיך ניט ווייטער ענטוויקלען אונטער אַנדערע נעמען.

די גאַנצע קראַפֿט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט גרינדעט זיך אויף איהרע אינסטיטוציאָנען און אויף דעם גלויבען פֿון די אַרבייטער, אַז זיי דאַרפֿען זעהען אויפֿצוהאלטען דיזע אינסטיטוציאָנען. די אונוויסענהייט פֿון די פּראָלעטאַריער און די ברוטאַלע געוואַלט פֿון די בורזשואַזע אינסטיטוציאָנען האַלטען אויף די גאַנצע זאָגענאַנטע געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג. אויב די קאַפּיטאַליסטען וואָלטען זיך געמוזט פֿערלאָזען אויף זייער אייגענער קראַפֿט, אוב די אַרבייטער וואָלטען ניט אַליין פֿערטהיידיגט די אינטערעסען פֿון דער בורזשואַזיע, וואָלט די רעוואָלוציאָן באַלד פֿאַרטיג געוואָרען מיט זיי. מיר זעהען אַלזאָ, אַז די אינדיווידועןאָן און פֿאַר זיך זיינען ניט זעהר געפֿעהרליך.

אָבער ווען אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציאָן וועלען זיך געפֿינען מענשען, וועלכע פֿערזוכען אָבצושטעלען די בעוועגונג, דאַן מוזען זיי טראָגען די קאָנסעקווענצען: זאָל דער שטורם זיי פֿערניכטען! אויב עס וועלען טראָץ דעם פֿאָרקומען אַקטען פֿון פּערזענליכער ראַכע, דאַן בעווייזט עס נאָר איין זאַך, נעמליך, אַז די אָפּפֿער פֿון אַזעלכע אַקטען האָבען זיך אַליין געמאַכט אַזוי פֿערהאַסט ביי די מאַסען, אַז זי שטעלט זיך ניט צופֿרידען מיט דער פֿערניכטונג פֿון זייערע פּריווילעגיעס און זוכט אויך צו פֿערניכטען זייער פּערזענליכע עקזיסטענץ. דאָס איז אפילו ניט אַנגענעהם פֿאַר די, וועלכע פֿאַלען אַלס אָפּפֿער, אָבער עס וועט נאָך זיין פֿיעל ערגער פֿאַר די, וועלכע וועלען פֿערזוכען זיי צו פֿערטהיידיגען. די מאַסע געהט קיינמאָל ניט צו ווייט; עס זיינען נאָר די פֿיהרער, וועלכע דיינקען אַזוי, דערפֿאַר וואָס זיי האָבען מורא פֿאַר דער מאָראַלישער און פּראַקטישער פֿעראַנטוואָרטליכקייט.

לאָמיר זיך קיינמאָל ניט לאָזען בעאיינפֿלוסען פֿון לעכערליכע סענטימענטאַלע שטרעבונגען, אפילו ווען דער צאָרן פֿון דער מאַסע וועט זיך אויסגיסען אויף אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע זיינען מעהר אָדער ווייניגער אונשולדיג. מיר דאַרפֿען זיך נאָר דער־מאָהנען אין די אונצעהלבארע אָפּפֿער, וועלכע פֿאַלען יעדען טאָג אונשולדיגערהייט, אום צו פֿערמעהרען דעם פּראָפֿיט פֿון דער בורזשואַזיע און אום אָנצושטאָפּען דעם שטענדיג הונגעריגען מאָגען

פון'ם קאַפּיטאַליזם. און ווען מען וועט אויפהייגנען איינינע בור־זשואַס פאַר זייערע הייזער אָדער זיי אַריינוואַרפען אין טייך אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן, דאַן וועט עס מעהר ניט זיין ווי אַ רעזולטאַט פון דעם שרעקליכען האַס, וועלכען זייער איי־גענע קלאַסע האָט איבעראַל אַרויסגערופען. קיינער קען דאָס ניט פערהינדערן, און ווער עס איז אין אַזעלכע מאָמענטען ניט פיר די מאַסע איז געגען איהר.

פאַר אונז אַרבייטער איז די לאַגע גאַנץ קלאָהר: פון איין זייט זעהען מיר די היינטיגע געזעלשאַפט מיט איהר צושטאַנד פון הונגער און עלענד, וואו קיינער פון אונז איז ניט פערזיכערט מיט דעם שטיקעל ברויט פאַר מאָרגען, איבעראַל ליידען און שמערצען, קאָרופּציאָן און ערנידעריגונג, אַ צושטאַנד, וועלכער צווינגט אונז צו אונטערדריקען יעדען עדעלען געדאַנק, אַלע גוטע, שעהנע און גערעכטע שטרעבונגען אין אונזערע הערצער; — פון דער אַנדער זייט זעהען מיר די צוקונפט, אַן אידעאַל פון פרייהייט און גליק, פון גייסטיגער און פיזישער צופרידענהייט, אַ צושטאַנד, וואו די מענשליכע אינדיווידואַליטעט קען זיך פאָלקאָ־מען ענטוויקלען לויט איהרע אינערליכע פעהיגקייטען! מיר האָ־בען אָבגעמאַכט אונזער מיינונג. זאָל אונז די קומענדע רעוואָלו־ציאָן ברייגנען וואָס עס וועט זיין, איין זאַך איז זיכער, עס קען ניט זיין ערגער ווי די בעדינגונג פון אונזער יעצטיגען לעבען. מיר האָבען קיין זאַך ניט צו פערלירען און אַלעס צו געווינען דורך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. אַלץ ערגער וועט עס זיין פאַר די, וועלכע וועלען אונטערגעהן אין דעם קומענדען שטורם דערפאַר וואָס זיי זוכען אויפצוהאַלטען די פערפוילטע פונדאַמענטען פון דעם יעצטיגען סיסטעם. אויב זיי ווילען ניט טראָגען דיזע קאָנסע־קווענצען, זאָלען זיי זיך שטעלען אויף די זייט פון די צושטעהרער.

די פראַקטישקייט פֿון אנארכיזם.

„אין דער טהעאָריע זיינען אייערע אידעען זעהר גוט, נאָר זיי זיינען ניט פראקטיש; די מענשען דאַרפֿען אַ פֿיהלבאַרע מאַכט, וועלכע זאָל זיי רעגירען און זיי צווינגען צו רעספעקטירען דעם געזעלשאַפֿטליכען אָבמאַך.“ דאָס איז געוועהנליך דער לעצטער אַרגומענט, וועלכען די פֿערטהיידיגער פֿון דעם יעצטיגען רעזשים ווענדען אָן, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיי פֿערענטפֿערט אַלע פֿראַגען און אויפֿגעצייגט, אַז דער אַרבייטער האָט ניט צו ערוואַרטען קיין שום פֿערבעסערונג פֿון זיין לאַגע, אַזוי לאַנג ווי ער וועט העלפֿען אויפֿהאַלטען דעם מעכאַניזם פֿון דער יעצטיגער סאָציאַלער אָרדנונג.

„אייערע אידעען זיינען זעהר שעהן, אָבער מען קען זיי ניט אָנווענדען אין דער פראַקטיקע; דער מענש איז נאָך ניט גענוג ענטוויקעלט, כדי ער זאָל קענען לעבען אין אַזאַ אידעאַלען צושטאַנד. ער מוז פֿריהער ווערען פֿאָלקאָמען, איידער איהר וועט זיין אימשטאַנד צו פראַקטיצירען אייערע אידעען“ — אָט דאָס זיינען די ווערטער פֿון פֿיעלע מענשען, וועלכע זיינען גאַנץ ערנסט, נאָר זיי שטעהען נאָך אונטער דעם איינפֿלוס פֿון זייער ערציהונג און די אַלטע געוואוינהייטען, און די אַנאַרכיסטישע אידעע האָט זיי נאָך ניט גענוג איבערצייגט, כדי זיי זאָלען אָנהויבען אַרבייטען פֿאַר איהר פֿערווירקליכונג.

אויסער דיזע דירעקטע געגנער און די אינדיפֿערענטע, וועלכע קענען נאָך ווערען אָנהייגער פֿון אונזערע אידעען, גיט עס נאָך אַ דריטע קאַטעגאָריע, וועלכע איז פֿיעל געפֿעהרליכער פֿאַר אונז ווי אַ דירעקטער געגנער. די לעצטע זיינען כלומרש'ט גאַנץ בעגייסטערט פֿון אונזערע אידעען; זיי ערקלעהרען ביי יעדער

געלעגענהייט, אַז עס גיט ניט קיין גרעסערער אידעאַל, אַז די היינטיגע געזעלשאַפט האָט איבערהויפּט קיין ווערטה ניט און מוז אונטערגעהן צוליעב די נייע אידעען, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך דעם ציעל, צו וועלכען די מענשהייט שטרעבט א. ז. וו. „אָבער דיזע אידעען קענען יעצט ניט פּראַקטיצירט ווערען,“ אַזוי ערקלעהרען זיי ווייטער, „מען דאַרף פריהער פאָרבערייטען די מענשהייט, כדי זי זאָל קענען פערשטעהן אַזא גליקליכען צו־שטאַנד.“ און כדי צו זיין פּראַקטיש רעקאָמאַנדירען זיי דיזעלבע רעפאָרמען, פון וועלכע מיר האָבען פריהער אויפגעצייגט, אַז זיי קענען קיין זאַך ניט איבערמאַכען. זיי פעראייביגען די אַלטע פאָראורטהיילען, זיך אונטערלעקענדיג ביי די, צו וועלכע זיי ריי־דען, און זוכען פערזענליך צו פּראָפיטירען וואָס מעהרער פון דער היינטיגער אָרדנונג. די פאָלגע איז, אַז דער אידעאַל פער־שווינדעט ביסלעכווייז אין גאַנצען און לאָזט מעהר ניט איבער ווי אַן אינסטינקט אויפצוהאַלטען דעם יעצטיגען געזעלשאַפטליכען רעזשים.

* * *

עס איז ליידער נאָר צו ריכטיג, אַז די אידעען, וועלכע בילדען דעם ציעל פון אונזערע שטרעבונגען, זיינען ניט באַלד צו רעאַליזירען. די צאָהל פון זייערע אָנהייננגער איז פאָרלויפיג נאָך צו קליין, כדי זי זאָל קענען האָבען אַן ענטשיידענדען איינ־פלוס אויף די געגענווערטיגע ערייגניסע אין אויף די פונקציאָן פון דעם סאָציאַלען אָרגאַניזם. אָבער איז דען דאָס אַ גרונד ניט צו אַרבייטען פאַר זייער פערווירקליכונג?

אויב אַ מענש איז איבערצייגט פון דער וואַהרהייט און גערעכטיגקייט פון זיינע פּרינציפּען, פאַר וואָס זאָל ער דען ניט פערזוכען צו פּראַקטיצירען זיינע פּרינציפּען? אויב יעדער איינ־ציגער וועט זאָגען: ס׳איז אונמעגליך און וועט זיך רוהיג ווייטער שלעפען מיט דעם אַלטען יאָך, וועלכעס די היינטיגע געזעלשאַפט האָט אַרויפגעלייגט אויף איהם, דאַן וועט די הערשאַפט פון׳ם קאַפּיטאַליזם נאָך עקזיסטירען פאַר הונדערטער און הונדערטער יאָהרען.

ווען די ערשטע דיינקער, וועלכע האָבען בעקעמפפט די קירכע און מאָנאַרכיע, פּראָקלאַמירענדיג די אידעע פון דער מענשליכער אונאַבהייננגיגקייט, ווען דיזע מענער, וועלכע זיינען געשטאָרבען אויף דעם עשאַפאָט פאַר זייערע אידעאַלען, ווען זיי וואָלטען איינפאַך ערקלעהרט: „ס'איז אונמעגליך וואָס צו טהאָן", ווען זיי וואָלטען זיך בלויז בענוגענט מיט שעהנע חלומות, דאַן וואָלטען מיר נאָך היינט געלעבט אונטער דער טיראַניי פון די גלחים און דעם פעאָדאַליזם.

אָט דערפאַר, וואָס עס האָבען שטענדיג עקזיסטירט אַזעלכע „אונפּראַקטישע" מענשען, וועלכע זיינען איבערצייגט געווען פון דער וואַהרהייט פון זייערע אידעען און האָבען פערזוכט מיט זייער גאַנצער קראַפט צו פערשפּרייטען זייערע נייע אַנשויאונגען, דערפאַר איז דער מענש היינט בעקאַנט מיט זיין געשיכטע, זיין שטעלונג אין דער נאַטור. דערפאַר האָט ער אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך, וועלכען דער אַבערגלויבען אין די געטליכע און מענשליכע אויטאָריטעט האָט אַרויפגעלייגט אויף איהם.

* * *

מ. גויאָ אין אַ וואונדערבאַרען קאַפּיטעל פון זיין מייסטערווערק: „גרונדלאַגען פון אַ מאָראַל אָהן אויטאָריטעט און אָהן פליכטע", ענטוויקעלט דיזע אידעע קלאָהר און דייטליך: ער זאָגט: „דער, וואָס האַנדעלט ניט ווי ער דיינקט, דיינקט ניט פאָלקאָמען." קיין זאַך איז ניט אַזוי ריכטיג ווי דיזע ווערטער. ווען מען איז ריכטיג איבערצייגט פון אַן אידעע, דאַן איז עס איינפאַך אונמעגליך, מען זאָל איהר ניט זעהען צו פּראָפּאַגאַנדירען און פערזוכען איהר צו פערווירקליכען.

ווי אָפט טרעפט עס, אַז עס מאַכט זיך אַ שטרייט צווישען פריינדע צוליעב די לעבערליכסטע אורזאַכען; יעדער בלייבט פעסט ביי זיין אייגענער מיינונג, נאָר דערפאַר וואָס ער איז איבערצייגט, אַז ער איז גערעכט. און דאָך וואָלט עס געווען אַ קליינינקייט פאַר אונז צו בעפרידיגען אונזער פריינד אָדער כאָטש אויסמיידען איהם שמערצען צו פערשאַפען; מיר וואָלטען מעהר ניט געדאַרפט ווי איהם לאָזען רעדען, ווייל די גאַנצע אָנגעלע־

גענהייט איז אזוי וויכטיג וויכטיג, אַז זי בעריהרט גאָרניט אונזער פּערזענליכע איבערצייגונג — פאַרוואָס זאָל ער אַלזאָ ניט האָבען זיין אייגענעם וועג? און ווי אָפּט טרעפּט עס, אַז עס מאַכט זיך אַ דיסקוסיאָן וועגען אַ פראַגע, איבער וועלכע מיר האָבען איי־בערהויפּט קיין בעשטימטע מיינונג ניט; אָבער ווי באַלד מיר הויבען נאָר אָן צו דיסקוטירען, האָבען מיר שוין אַ מיינונג, מיר פּערטרעטען אַ געוויסע שטעלונג און פאַנגען אָן זיך צו קריגען מיט אונזער פריינד, פערטהיידיגענדיג אונזער אייגענע מיינונג. ווען מענשען האנדלען שוין אַזוי צוליעב אַזעלכע קלייניגקייטען, ווי שטאַרק מוז אַלזאָ זיין דער קאַמפּף, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פראַגע איבער די צוקונפּט פון דער מענשהייט, איבער די בעפרייאונג פון אונזער קלאַסע, פון אונזערע קינדער און אונז אַליין!

* * *

קיין צווייפּעל ניט, מיר פערשטעהען גאַנץ גוט, אַז ניט יעדער איינציגער האָט דיזעלבע ענערגיע צו קעמפּפען געגען די היינטיגע אינסטיטוציאָנען. דער טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער פון די מענשען איז פערשידען. די שוויריגקייטען זיינען צו גרויס, די אָרעמקייט צו שרעקליך און די פערפאָלגונגען אַזוי צאָהלרייך, אַז מיר קענען זעהר גוט פערשטעהן, וואַרום עס גיט אַ גראַ־דענווייזער אונטערשיעד אין דער פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר אונזערע גערעכטע אידעען. אָבער די האַנדלונגען פין די מענשען זיינען שטענדיג אין אָנקלאַנג מיט דער ערנסטקייט און דעם מוטה פון אונזערע איבערצייגונגען. זעהר אָפּט לאָזען מיר זיך בעאיינפלו־סען דורך אונזערע פאַמיליערע אָנגעלעגענהייטען, אינזערע געזעל־שאַפטליכע בעציהונגען און די נויטווענדיגקייט צו פערדינען דאָס שטיקעל ברויט; אָבער ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דיזער איינ־פלוס, אַ ווירקליכער מענש וועט קיינמאָל ניט רוהיג אַרונטער־שלינגען אַלע געמיינהייטען און דערטראָגען געדולדיג אַלע ני־דעריגקייטען, וועלכע רינגלען אונז אַרום פון אַלע זייטען. פריהער אָדער שפּעטער מאַכט זיך ביי איהם אַ מאָמענט, ווען ער פערגעסט זיך אין יעדער געפאַהר און דערמאָהנט זיך, אַז ער איז אַ

מענש, אַז ער האָט געטרוימט פֿון עפּעס בעסערעס, ווי די צושטענדען, אונטער וועלכע ער האָט זיך אונטערוואָרפֿען.

אַ מענש, וועלכער איז ניט פֿעהיג צו אָפּפֿערן וואָס עס איז פֿאַר זיינע איבערציינוגען און פּרינציפּען, האָט איבערהויפּט קיינמאָל ניט געהאַט אַ ריכטיגע איבערציינונג; ער האָט זיך אויסגעפּוצט מיט אַ נאָמען, דערפֿאַר ווייל עס איז מאַנכעס מאָל זעהר אָנגענעהם אָדער ווייל ער דאַרף אַ פּרינציפּיעלע ענטשולדיגונג פֿאַר געוויסע האַנדלונגען. זייט פֿאָרזיכטיג מיט אַזעלכע מענשען, פֿערטרויט זיך ניט אין זיי, זיי וועלען אייך שטענדיג בעטריגען. וואָס אָנבעלאַנגט די, וועלכע בענוצען זיך מיט די היינטיגע אינסטיטוציאָנען, מאָטיווירענדיג זייער האַנדלונג מיט דער ערקלעהרונג, אַז מיט זייער טאַקטיק העלפֿען זיי מיט צו פֿערשפּרייטען די נייע אידעען, האָבען מיר נאַר איין זאַך צו בעמערקען: זייט פֿאָרזיכטיג! עס זיינען מענשען פֿול מיט אַמביציאָן, וועלכע רעדען צו אייך פֿון אַ בעסערער צוקונפֿט, כדי זיי זאָלען קענען רוהיג געניסען די געגענוואַרט.

עס איז אַלזאָ גאַנץ קלאָהר, אַז אונזערע אידעען לאָזען זיך ניט מיט אַמאָל פֿערווירקליכען, מיר וועלען דאָס קיינמאָל ניט אָבלייקענען; אָבער זייער פֿערווירקליכונג ווענדעט זיך אין דער ענערגיע פֿון די, וועלכע פֿערשטעהען זיי. וואָס שטאַרקער עס איז די קראַפֿט פֿון דער פּראָפּאַגאַנדאַ, אַלץ גיכער וועלען דיזע אידעען רעאַליזירט ווערען. מיר דאַרפֿען ניט בלייבען גלייכגילטיג צו די היינטיגע אינסטיטוציאָנען, נאָר מיר מוזען זיי בעקעמפּפֿען מיט אונזער גאַנצער קראַפֿט, און דערפֿאַר דאַרפֿען מיר קיינמאָל ניט בעהאַלטען אונזערע ווירקליכע אידעען.

כדי צו בעקעמפּפֿען די היינטיגע אינסטיטוציאָנען, צו אַרבייטען פֿאַר דעם פּראָגרעס פֿון די נייע אידעען, איז נייטיג ענערגיע, און נאָר די אינערליכע איבערציינוגג איז פֿעהיג אַרויסצורופֿען די ענערגיע פֿון די מענשען. די יעניגע, וועלכע אַרבייטען שוין יעצט פֿאַר דער פּראָפּאַגאַנדאַ, דאַרפֿען אַלזאָ זעהן צו געווינען נייע איבערציינגטע קרעפֿטען, וועלכע זאָלען זיי אונטערשטיצען אין זייער אַרבייט.

* * *

מיר האָבען פֿר הער שוין ערקלעהרט, אַז רעפֿאָרמען זיינען נוצלאָז, און פֿאָלגליך דאַרפֿען מיר זיי ניט רעקאָמאַנדירען די אַרבייטער אַלס רפואות צו קורירען די סאָציאַלע קראַנקהייט. אויסערדעם וויסען מיר, אַז די מאַכט פֿון די אומשטענדען גיפּא פֿיהרט די אַרבייטער אַלץ נעהנטער צו דער רעוואָלוציאָן: דער עקאָנאָמישער קריזיס, די געצוואונגענע אַרבייטסלאָזיגקייט, די טעכנישע ענטוויקלונג, די פּאָליטישע שטרייטיגקייטען, דיזע אַלע ערשיינונגען צווינגען די אַרבייטער וואָס ווייטער אַלץ מעהר צו רעוואָלטירען און צו פֿערטהיידיגען זייער רעכט צו עקזיסטירען. אויב מיר זיינען אַלזאָ איבערציינגט, אַז די רעוואָלוציאָן איז אונ־פֿערמיידליך, אַז קיינע רעפֿאָרמען קענען ניט העלפֿען, דאַן בלייבט אונז מעהר ניט איבער ווי זיך צוצוגרייטען צום קאַמפּף. און דאָס איז אונזער גאַנצע אויפֿגאַבע, דערפֿאַר מאַרשירען מיר דירעקט צו אונזער ציעל, איבערלאָזענדיג צו די אַמביציאָנעלע פּאָליטיקער דעם געשעפֿט צו פֿערשאַפֿען זיך אַ גוטע פּאָזיציע אויף דעם רעכנונג פֿון די ליידענדע און אונטערדריקטע.

* * *

אָט פונקט דאָ הויבט זיך אויף אַ נייער אַרגומענט: „אויב איהר גיט אַליין צו, אַז אייערע אידעען קענען איצט ניט פֿער־ווירקליכט ווערען", פֿרעגט מען אונז, „פֿאַר וואָס אַגיטירט איהר אין גאַנצען פֿאַר אַזאַ אידעאַל? מיינט דען דאָס ניט גלאַט צו איגנאָרירען די היינטיגע דורות צוליעב דער צוקינפֿטיגער מענשהייט און צו פֿאָדערן פֿון זיי, זיי זאָלען קעמפֿפֿען פֿאַר אַן אידעאַל, וועלכעס קען פֿאָרלויפֿיג איבערהויפט ניט פראַקטיש פֿערווירקליכט ווערען?"

מיר איגנאָרירען פֿאַר קיין פֿאַל ניט די יעצטיגע דורות, נאָר מיר מוזען אַנערקענען די טרוקענע פֿאַקטען פֿון דער געשיכטע; מיר האָבען אייך ניט די אַבזיכט צו גיסען קאַלטע וואַסער אויף די ענטוזיאַסטען. מיר נעהמען די פֿאַקטען אַזוי ווי זיי זיינען, מיר אַנאַליזירען זיי און ציהען אונזערע שליסע. און דיזע שליסע זיינען פֿאָלגענדע: אַ קלאַסע וועלכע בעזיצט אַלצדינג און וועלכע ענטזאַגט זיך מיט דער גרעסטער ענערגיע אָבצוגעבען איהרע

פריווילעגיעס — און פֿון דער צווייטער זייט אַ קלאַסע, וועלכע פּראָדוצירט אַלצדינג און בעזיצט קיין זאַך ניט, אַ קלאַסע, וועלכע האָט קיין אַנדער אויסוועג ניט, ווי אָדער זיך פֿ״ג צו אונטער־וואַרפֿען צו דער טיראַניי פֿון איהרע עקספּלואַטאַטאָרס, צו וואַר־טען מיט אַ שקלאַפֿישער געדולד, ביז וואַנען מען וועט זיי צו־וואַרפֿען פֿון צייט צו צייט אַ ביינדעל פֿון דעם רייכענס מאָהל־צייט און צו דערשטיקען אין זיך יעדעס געפֿיהל פֿון מענשליכער ווירדע, יעדען סימן פֿון אַ כאַראַקטער, אָדער זיך אויפֿצוהייבען און צו פֿאָדערן מיט ענערגיע אַלעס דאָס, וואָס זי האָט ביז יעצט ניט געקענט בעקומען דורך אונטערלעקערייען און קאָמפּראָמיסען. געוויס, פֿאַר די וואָס דיינקען שטענדיג אין זייער אייגענע פּער־זענליכקייט, פֿאַר די, וועלכע ווילען לעבען אַ גוטען טאָג, וואָס עס זאָל זיי ניט קאָסטען, פֿאַר זיי איז דאָס אַ שלעכטע אויס־זיכט. מיר וואָלטען העכסט צופֿרידען געווען, ווען אַזעלכע מענשען זאָלען זיך וואָס פֿעסטער ארויפֿכאַפּען אויף דער היינטיגער גע־זעלשאַפֿט, איבעראַל זוכען זיי זייער פּערזענליכען נוצען, ניט קוקענדיג אויף די אָפּפֿער, וועלכע זיי פֿערניכטען, נאָר מיט אונז האָבען זיי קיין זאַך ניט צו שאַפֿען.

* *
*

אָבער די וואָס זיינען איבערצייגט, אַז זיי ווילען קיינמאָל ניט זיין פֿריי, אַזוי לאַנג ווי דער שוואַכסטער פֿון זייערע ברידער וועט נאָך זיין פֿערשקלאַפֿט, די, וועלכע קענען ניט זיין גליקליך, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען ניט פֿערזיכערט, אַז זייער גליק גרינדעט זיך אויף די טרעהרען פֿון אַ ברודער, אָט צו זיי ווענדען מיר זיך און זוכען זיי צו ערקלעהרען, אַז אום צו זיין פֿריי, דאַרף מען קעמפֿפֿען פֿאַר דער בעפֿרייאונג.

מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז די מענשהייט וועט קיינמאָל ניט זיין פֿריי, אויב זי וועט ניט פּראַקטיצירען אונזערע אירעען און אַנשויאונגען. די מענשהייט האָט אַליין צו ענטשיידען, צי זי וויל זיך פּאָלשטענדיג בעפֿרייען מיט איין מאָל, צי אַ קליינע פּריווילעגירטע מינאָריטעט זאָל ווייטער געניסען אַלע רעזולטאַטען פֿון׳ם מענשליכען פּראָגרעס און לעבען אויף דעם רעכנונג פֿון

די, וועלכע פראָדוצירען אַלצדינג אין געהען אונטער אין עלענד און נויט.

וועלען מיר אַליין נאָך דערזעהן דעם זונען־אויפגאַנג פֿון דער נייער צייט? אָדער וועט ערשט דער נייער דור אָדער נאָך שפּעטערע דורות האָבען דאָס גליק? מיר ווייסען עס ניט, אָבער מיר זאָרגען זיך אויך ניט וועגען דעם. איין זאַך אָבער ווייסען מיר יאָ: די, וואָס וועלען האָבען גענוג ענערגיע און מוטה אין זייערע הערצער און דעם פֿעסטען ווילען צו זיין פֿריי, וועלען זיי אויך זיכער געפֿינען דעם וועג צו דער פֿרייהייט.

די וואהרהייט אהן פראזען.

קיין צווייפעל ניט, דאָס, וואָס מיר האָבען געזאָגט אין אונזערע אַלע אָבהאַנדלונגען, איז פונקט דער געגענטהייל פון דעם וואָס די פּאָליטישע פּאַרטייען בעהויפּטען, וועלכע פערשפּרעכען זייערע וועהלער גאַנצע גליקען און אַן אמת׳ען גן עדן אויף דיזער וועלט פאַר אַלע די, וועלכע אונטערשטיצען זיי און לעגען אַריין זייער שיקזאַל אין זייערע הענד. אָבער מיר אַנאַרכיסטען, וועלכע האָבען ניט קיין פערזענלכען אינטערעס צו פּראָפּיטירען וואָס עס איז פון די פערבלענדונג פון די מאַסען, מיר, וועמענס גאַנצער שטרעבען עס איז צו ענטוויקלען אין די מאַסען דעם בעוואוסטזיין, אַז זיי דאַרפען זיך אַליין פיהרען און האַנדלען זעלבסטשטענדיג, מיר האָבען ניט קיין אורזאַכע צו בעטריגען די אַרבייטער מיט פוסטע האָפנונגען און פראַזען. אום צו געבען אונזערע געדאַנקען מעהר קראַפט און אונזערע האַנדלונגען אַ בעשטימטען כאַראַקטער, איז פריהער נויטווענדיג, מיר זאָלען אַליין זעהען קלאָהר דעם וועג, וועלכען מיר דאַרפען געהען און צו בעפרייען זיך פון אַלע פאָראורטהיילען און אילוזיעס, וועלכע קענען אונז אַראָבפיהרען פון ריכטיגען וועג.

אונזערע אידעען קענען נאָר דאַן רעאַליזירט ווערען, ווען זיי שטיצען זיך אויף דער ענערגיע פון די, וועלכע פערשטעהען זיי און וועלכע זוכען זיי צו פערשפּרייטען און צו ערקלעהרען צווישען די פאָלקס-מאַסען. דער ערפאָלג איז אָבהייניג פון דער קראַפט, וועלכע מיר וועלען בעווייזען אין דער קומענדער רעוואָלוציאָן; אָבער אַזוי ווי מיר קענען דיזע קראַפט ניט באַלד אָנווענדען אויף׳ן פּלאַץ, אַזוי ווי מיר זיינען לײדער ניט אימשטאַנד זאָפאָרט איבערצובייטען אונזערע טהעאָריען אויף דער פּראַקטישער ווירקליכקייט, דאַרפען מיר איין פאַר אַלע מאָל אַנערקענען, אַז עס

גיט געוויסע הינדערניסע אויף אונזער וועג. אויב מיר וואָלטען געהאַט די מעגליכקייט צו רעאַליזירען אונזערע אידעען יעדען טאָג, דאַן וואָלט עס געווען אַ פֿערברעכען פֿון אונזער זייט זיך אָבצושטעלען פֿאַר אַ מינוט און ניט צו לייזען די פֿראַגע. מיט וואָס פֿאַר הינדערניסע מיר זאָלען זיך ניט בעגעגענען, דאַרפֿען מיר זיך שטענדיג רעכענען מיט זיי, און אָנשטאָט זיי אָבצולייקענען אין גאַנצען, דאַרפֿען מיר בעסער זעהען זיי צו בעזיעגען.

איבערהויפּט האָט אונזער גאַנצע פּראָפּאַגאַנדאַ נאָר די אויפֿגאַבע, אַז אונזערע אידעען זאָלען געפֿינען אַ פּראַקטישען אָבקלאַנג צווישען די מאַסען, אויב עס וואָלט מעגליך געווען זיי צו רעאַליזירען באַלד אויף'ן אָרט, וואָלטען מיר זיך געקענט פֿערשפּאָרען צו אַגיטירען, ווייל די אומשטענדען אַליין וואָלטען זיי פֿערווירקליכט.

מיר דאַרפֿען זיך צוגעוואוינען צו בליקען אויף אַלע ערשיי־נונגען מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט און ניט קוקען אויף זיי דורך די שפּאַקולען פֿון אונזערע פּערזענליכע ווינשע און בעדירפֿניסע. קליינגייסטיגקייט איז אין דיזער בעציהונג די גרעסטע געפֿאַהר. וואָס מיר זוכען, איז די וואַהרהייט און קיין זאַך ניט ווי נאָר די וואַהרהייט! אויב מיר נאַרען זיך אַליין אָב, נאַרען מיר אויך אַנדערע, און די רעוואָלוציאָן וואָלט זיך בעדאַרפֿט אָנהויבען פֿון דאָס ניי.

* * *

מייסטענטהיילס, ווען אונזערע אָפּאָנענטען האָבען שוין מעהר קיין אַנדערע אַרגומענטען ניט, הויבט מען אויף די פֿראַגע וועגען דער אונפּראַקטישקייט פֿון אונזערע אידעען. מיר מוזען צוגעבען, אַז די פֿראַגע רופֿט שטענדיג אַרויס אַ געוויסע פֿער־לעגענהייט, דערפֿאַר וואָס אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט מאַכען אונזערע אידעען, פֿערשטעהט זיך, אַן אוטאָפּיסטישען איינדרוק. עס איז, אָהן אַ צווייפֿעל, זעהר שווער פֿאַר אַ מענשען, וועלכער האָט קיינמאָל ניט טיעפֿער נאָכגעדיינקט איבער די געזעלשאַפֿט־ליכע ערשיינונגען, וואָס רינגלען איהם אַרום פֿון אַלע זייטען, עס איז זעהר שווער פֿאַר אַזאַ מענשען זיך פֿאָרצושטעלען אַ

געזעלשאַפֿט אָהן אַ רעגירונג, אָהן געזעצע, אָהן ריכטער, אָהן פּאָליציסטען, אָהן אַ רוט, אַ געזעלשאַפֿט אָהן געלד און אָהן וואָס פֿאַר עס איז ניט מיטעל אָבצושאַצען דעם ווערטה פֿון די פּראָדוקטען, זעהענדיג אין דערזעלבער צייט די אַלע פֿערברעכען, וואָס קומען פֿאָר אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, טראָץ דעם שוץ פֿון די געזעצע; וואָס וועט ערשט זיין, ווען עס וועלען אי־בערהויפט קיין געזעצע מעהר ניט עקזיסטירען?

דיזע פֿראַגע לאָזט זיך ניט פֿערענטפֿערן מיט בעשטימטע פֿאַקטען, דען דאָס, וואָס מיר ווילען איז נאָך אַלעם דעם פֿאָר־לויפֿיג ניט מעהר ווי אַ טהעאָריע, אַ חלום. מיר קענען אָנדייטען אויף די גרויסע שטרעבונגען, וועלכע פֿיהרען די מענשהייט אַלץ ווייטער און ווייטער, אויף די קליינע פֿערזוכע, וועלכע זיינען שוין געמאַכט געוואָרען אין דיזער ריכטונג; אָבער וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָבען אַזעלכע אַרגומענטען פֿאַר אַ מענשען, וועמענס מוח עס איז אָנגעשטאָפּט מיט פֿאָראורטהיילען, און וועלכער קען נאָר בעגרייפֿען אַ קליינע פֿערבעסערונג פֿון דעם וואָס עקזיסטירט, אָבער פֿאַר קיין פֿאַל ניט קיין אַלגעמיינע אומוועלצונג פֿון אַלע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען!

זאָלען מיר אָבלייקענען אין גאַנצען די בעדייטונג פֿון דיזער פֿראַגע? דאָס וואָלט געווען דיזעלבע טאַקטיק פֿון דעם שטרויס־פֿויגעל, וועלכער שטעקט דעם קאָפּ אַריין אין דעם זאַמד פֿון דער וויסטע, דיינקענדיג אַז דער פֿיינד וועט איהם ניט זעהן, דערפֿאַר וואָס ער זעהט דעם פֿיינד ניט. די פֿראַגע וואָלט פֿון דעסטוועגען ווייטער עקזיסטירט, צי מיר זאָלען איהר אָבלייקענען, צי ניט. זאָלען מיר איהר זוכען צו פֿערענטפֿערן מיט סאָפֿיסטישע דריידלאַך? מען וואָלט אונז באַלד אַריינגעטריבען אין אַ ווינקעל, און מיר וואָלטען געדאַרפֿט אָנווענדען נייע סאָפֿיסטישע אַרגו־מונטען, וואָס זיינען ניט געשטיגען און ניט געפֿלויגען, כדי זיך ווידער אַרויסצודרייען. פֿערשטעהט זיך, אַז אונזערע אידעען וואָלטען קיין זאַך ניט געוואונען דורך אַזעלכע לעכערליכקייטען. אויב מיר האָבען ווירקליך די אַבזיכט צו מאַכען אונזערע אידעען וואָס קלאָהרער און פֿערשטענדליכער און צו געפֿינען אַן ענטפֿער

אויף יעדע פראגע, דאן דארפען מיר אליין זעהען אויסצוגעפינען אלע ארגומענטען, מיט וועלכע אנדערע קענען זיך אפשר בע־נוצען געגען אונז, און מיר דארפען זעהען זיי צו פערענטפערן אזוי גוט ווי מיר קענען נאר. אבער פריהער פון אלעס דארפען מיר אליין זעהן צו זיין קלאהר און בעשטימט אין אונזערע אנ־שויאונגען, און דערפאר דארפען מיר זיך ניט אבשרעקען פאר דעם „אמת׳ען״ אמת, ווייל די וואהרהייט איז דאך אונזער ציעל. מיר בעהייפטען, אז אונזערע אידעען גרינדען זיך אויף דער וואהרהייט, און מיר קענען עס נאר בעווייזען דאדורך, וואס מיר זוכען אויסצוגעפינען די וואהרהייט איבעראל און אויף אלע גע־ביעטען.

* * *

מיר גיבען אויך צו, דאס אזא ערקלעהרונג וועט זיכער ניט קענען צוציהען די מאסען צו אונז, פערקעהרט, זי קען זיי גאר אבשטויסען פון אונז; און מאנכע פון אונזערע קאמעראדען וועלען אונז זאגאר בעשולדיגען, אז מיר ברייגגען אריין פערצווייפ־לונג אין אונזערע אייגענע רייהען און שלאגען אונזערע אנהייגגער אראב פון מוטה, דורך דעם וואס מיר זוכען ניט צו בעהאלטען די שוואכע זייטען פון אונזער טהעאריע.

אזעלכע פארווירפע קענען נאר ארויסוואקסען פון די לעצטע איבערבלייבאכץ פון דער ערציהונג, וועלכע די פאליטישע פאר־טייען האבען אונז געגעבען. צו וואס זאלען מיר מאכען פער־שפרעכונגען, וועלכע מיר זיינען ניט אימשטאנד אויסצופיהרען און דורך דעם שאפען אין פאראויס א רעאקציאן, וועלכע וועט זיך ריכטען געגען אונזער אידעאל?

אויב מיר וואלטען געווען א פאליטישע פארטיי, א פארטיי, וועלכע איז נאר אויסען צו בעקומען די עפענטליכע מאכט אין איהרע הענד, דאן וואלטען מיר זיכער פערשפראכען דעם פאלק די גרעסטע גליקען, כדי ארויפצוקומען אויף׳ן בייגקעל. אבער די אנארכיע איז א גאנץ אנדערע זאך; מיר האבען קיין זאך ניט צו פערשפרעכען, קיין זאך צו פאדערן, קיין זאך צו געבען. דערפאר ווען מיר האבען פריהער ערקלעהרט און צוגלידערט די

טענדענצען און שטרעבונגען, וועלכע פֿיהרען די מענשהייט אַלץ נעהנטער צו אונזער אידעאַל, און אונזערע געגנער ענטפֿערן אונז, אַז אונזערע אידעען וועלען קיינמאָל ניט ווערן אויסגעפֿיהרט, דערפֿאַר וואָס עס איז אונמעגליך, אַז מענשען זאָלען קענען לעבען אויף אַזאַ מין שטייגער, דאַן בלייבט אונז מעהר ניט איבער, ווי נאָך אַמאָל אויפֿצואווייזען די אַלע פֿאַקטען, וועלכע זיינען דער רעזולטאַט פֿון אונזערע פֿערדאָרבענע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציאָנען, אויפֿצואווייזען, אַז דער פֿונדאַמענט, אויף וועלכען דיזע אינסטיטוציאָנען גרינדען זיך, איז אַ פֿאַלשער, אַ צופֿוילטער, אַז די אַלע רעפֿאָרמען, דורך וועלכע פּאָליטישע שאַרלאַטאַנען פֿערזוכען אָבצוציהען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די מאַסען פֿון די אייגענטליכע אורזאַכען פֿון זייער עלענד, קענען און וועלען קיין זאַך ניט אויפֿטהאָן, און אַז זיי האָבען נאָר צוויי וועגען: אָדער ווייטער צו שלעפּען דעם יאָך פֿון אויסבייטונג און טיראַנײ, אָדער זיך אויפֿצוהויבען געגען זייערע אונטערדריקער. און אין דערזעלבער צייט דאַרפֿען מיר קיינמאָל ניט פֿערגעסען זיי צו ערקלעהרען, אַז דער ערפֿאָלג פֿון דער קומענדער רעוואָלוציאָן וועט אָבהייניג זיין פֿון דער ענערגיע, מיט וועלכער זיי וועלען קעמפּפען פֿאַר די פֿערווירקליכונג פֿון דאָס, וואָס זיי אַליין האַלטען פֿאַר גוט. דאָס איז אַלעס, וואָס מיר קענען טהאָן, אַלעס איבעריגע ווענדעט זיך אין די אַנדערע, ניט אין אונז.

*
* *

מיר פֿון אונזער זייט זיינען ניט קיין אָנהייגער פֿון אַ פּראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע בענוצט זיך מיט גרויסע און סענטימענטאַלע פֿראַזען; אַזאַ אַגיטאַציאָן ערוועקט ביי די צוהערער די האָפֿנונג, אַז אונזערע ציעלען קענען באַלד אויף׳ן אָרט פֿערווירקליכט ווערן, און דאָס איז אונמעגליך. אַזוי פֿיהרט מען מענשען אַריין אין דער בעוועגונג, וועלכע זיינען פֿול מיט פֿייער און בעגייסטערונג; זיי ערוואַרטען, אַז די רעוואָלוציאָן זאָל שוין קומען אויף מאָרגען אין דערפֿריה; ווען זיי בעמערקען ענדליך, אַז זייער וואונש איז געווען גיכער פֿון דער פּראַקטישער ווירקליכקייט, פֿערשווינדען זיי ביסלאַכוויז איינער ביי איינעם, און קיינער זעהט זיך מעהר

ניט אָן מיט זיי. ווי פיעלע פון דיזע „העלדען" האָבען מיר שוין געזעהען זייט די לעצטע צעהן אָדער פופצעהן יאָהר צייט; זיי זיינען אריין אין די גרופען און די רעוואָלוציאָן און דער טעראָר־ריזם איז ביי זיי פון מויל ניט ארוים; זיי האָבען געוואָלט צו־שטעהרען די גאַנצע געזעלשאַפט אַזוי ווי שמשון הגבור דאָס הויז פון די פלישתים. וואו זיינען זיי היינט? זיי זיינען פערשוואונדען אַזוי ווי דער פאַראַיאָהריגער שנעע.

מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז עס איז בעסער זיך וואָס וויניגער צו בענוצען מיט פוסטע ווערטער און שעהנע פראַזען, נאָר מיר זאָלען בעסער זעהען, אַז אונזערע ווערטער זאָלען גע־פינען אַ פעסטען באָדען ביי די, צו וועלכע מיר ריידען. אָנשטאָט אויסשליסליך צו אַפעליהרען צו די געפיהלען פון די מענשען, איז בעסער צו געווינען זיי דורך לאָגישע ערקלעהרונגען און פער־נינפטיגע אַרגומענטען. זיכער, מיר האָבען ניט די אַבזיכט צו אונטערשאַצען די אַרבייט פון די, וועלכע האָבען די פעהיגקייט צו ווירקען אויף די געפיהלען פון דער מאַסע. יעדער האַנדעלט לויט זיין טעמפעראַמענט און לויט זיינע פעהיגקייטען. נאָר מיר פון אונזער זייט ציהען בעסער פאָר צו מאַכען איבערציינגטע, איידער גלויביגע אָנהייגנגער פון אונזערע אידעען. אַלע די, וועלכע נעהמען אָן אַנטהייל אין דער פראָפּאַגאַנדאַ, דאַרפען וויסען, אַז זיי וועלען זיך בעגעגענען מיט מאַנכע שוועריגקייטען, און דערפאַר דאַרפען זיי זיין פאָרבערייט, כדי זיי זאָלען ניט פערלירען דעם מוטה, ווען עס מאַכט זיך עפּעס אַ אונגעריכטע זאַך. אונזער וועג איז לאַנג און פול מיט שוועריגקייטען, און איידער אַ מענש בעשליסט זיך צו קעמפפען אויף דיזען וועג, זאָל ער פריהער אויספּרובירען זיינע אייגענע קרעפטען, זיין פערזענליכע ענערגיע. מאַנכע אָפּפער וועלען פאַלען אויף דיזען וועג, זייער בלוט, זייערע טויטע ביינער וועלען אָנדייטען די ריכטונג פון די אַנדערע. זאָלען די, וועלכע האָבען ניט גענוג קראַפט און ענערגיע בעסער בליי־בען אין דערהיים, וויל זיי וועלען מעהר ניט זיין ווי אַ הינדער־ניש פאַר די, וואָס געהען מוטהיג ווייטער און ווייטער.

* * *

נאָך אַ פֿאָראורטהייל געפֿינען מיר ביי מאַנכע אַנאַרכיסטען: זיי בעטראַכטען די מאַסע אלס אַ מין טייג, וועלבען מען קען קנעטען אַזוי ווי עס פֿערגלוסט זיך נאָר, און דערפֿאַר איז ניט נויטווענדיג זיך פֿיעל אָבצוגעבען מיט איהר. די אויפֿפֿאַסונג האָט זיך ענטוויקעלט דאדורך, וואָס די איינצעלנע אינדיווידוען זיינען געגאַנגען פֿאָרווערטס מיט אַ שריט אָדער צוויי, ווערהרענד די מאַסע איז געבליבען הינטערשטעליג. אָט דערפֿאַר האַלטען זיי זיך פֿאַר גאַנצע נביאים און פֿאַר פֿיעל קלוגער און אינטעליגענטער פֿון געוועהנליכע שטערבליכע מענשען. „מיר וועלען מאַכען די מאַסע זאָל האַנדלען אַזוי און אַזוי, מיר וועלען זיי פֿיהרען מיט זיך״ א.ז.וו. אַ דיקטאַטאָר וואָלט אויך ניט געקענט ריידען אַנדערש. צו קוקען אויף דער מאַסע אויף אַזאַ'ן אופֿן איז ניט מעהר ווי אַ רעזולטאַט פֿון אונזער אויטאָריטערער פֿערגאַנגענהייט.

מיר וועלען זיבער ניט אָבלייקענען דעם איינפֿלוס פֿון די מינאָריטעטען אויף דער מאַסע; פֿערקעהרט, מיר זיינען פֿעסט איבערציינט, דאָס אַזאַ איינפֿלוס עקזיסטירט ווירקליך. אָבער מיר דיינקען, אַז אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציאָן ליגט די גאַנצע בעדייטונג פֿון דעם אַנאַרכיסט אין זיינע האַנדלונגען: ער דאַרף זעהען צו פּראַקטיצירען אונזערע אידעען און אַגיטירען דורך דעם איינענעם ביישפּיעל; דאָס איז די איינציגע מעגליכקייט צו בעאיינפֿלוסען די מאַסע. אָבער אין דערזעלבער צייט דאַרפֿען מיר קיינמאָל ניט פֿערגעסען, אַז קיין טהאַט וועט ניט האָבען קיין איינפֿלוס אויף דער מאַסע, אַזוי לאַנג ווי דאָס פֿאָלק איז ניט פֿאָרבערייטעט אויף אַזעלכע אַקטען דורך אַ קלאָהרע און פֿערשטענדליכע פּראָפּאַגאַנדאַ, אַזוי לאַנג ווי עס קען ניט שטעהען אויף זיינע אייגענע פֿיס און זעלבסטשטענדיג האַנדלען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די נייע אידעען.

* * *

איבּ עס וועט אונז נאָר געלינגען צו פֿערשפּרייטען אונזערע אידעען, זייער איינפֿלוס וועט זיך שוין אַליין ענטוויקלען; און ווען מיר זיינען נאָר אימשטאַנד צו ערקלעהרען אונזערע פּרינצי־

פען אַזוי קלאָהר און פֿערשטענדליך ווי נאָר מעגליך — דאָס איז די איינציגע מעגליכקייט פֿאַר דעם ערפֿאָלג פֿון אַ סאָציאַלען איבערבייט. מיר האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען, אַז מיר יועלען ניט בעקומען גענוג נאָכפֿאָלגער, פֿערקעהרט, לאָמיר בעסער זיין אויפֿמערקזאַם אויף די, וועלכע ליעבען צו שפּיעלען אַ פֿיהרענדע ראָלע.

אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציאָן יאָגט די מאַסע שטענדיג אַריבער די פֿאָרקעמפּפֿער. לאָמיר אַלזאָ פֿערשפּרייטען אונזערע אידעען, לאָמיר זיי ערקלעהרען, אויסאַרבייטען און אויב נייטיג, לאָמיר זיי געבען נייע פֿאָרמען! לאָמיר קיינמאָל ניט מורא האָבען צו קוקען דער וואַהרהייט גלייך אין די אויגען! אַזאַ פּראָפּאַגאַנדאַ וועט קיינמאָל ניט אָבשטויסען די אָנהייננער פֿון אונזערע אידעען, נאָר זי וועט זיכער האָבען אַן איינפֿלוס אויף אַלע די, וועלכע שטרעבען צו פֿרייהייט און גערעכטיגקייט!

(ע נ ד ע.)